STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11143

ANTIRELIGYEZER LITERARISHER LEYENBUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11143-0

9780657111434T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ק. בעזנאָסיק, מ. עריק, י. רובין

אנטירעליגיעזער ליטעראַרישער לייענבוך

צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק — 1930

דרוקערײַ פֿון װײַסרוסישן
מעלוכע־פֿאַרלאַג א. נ. סטאַלין
באַשט. 2619. טיראַזש 5000.
גלאַװליטבעל 3014.

פאָרוואָרט.

אונדזער בוך שטעלט זיך א ציל קומען צו הילף דער אנטירעליגיעזער דערציונג און פראָפאגאנדע דורכן קינסטלערישן וואָרט. דאָס קינסטלערישע וואָרט קאָן בלי־סאָפעק באלעבן און מאכן בוילעטער די אנטשפרעכנדיקע אנטירעליגיעזע טעמע. אונדזער בוך דארף, אלזאָ, זיין א דערגאנצונג צום אנטירעליגיעזן לערנבוך, באריכט, פאָרטראג א. ד. ג. גלייכצייטיק, פארשטייט זיך, דארף דער בוך האָבן א זעלבשטענדיקן בעלעטריסטישן אינטערעס.

מיר האָבן געשטרעבט צו קאָנצענטרירן אין בוך די בוילעטסטע און טרעפלעכסטע מוסטערן פון די, וואָס זיינען אונדז באקאנט געווען. דאָס האָט בעמיילע געבראכט צו א באשטימטער בונטקייט אין הינזיכט פון צוטריטלעכקייט פונעם מאטעריאל. דערפון איז קלאָר, אז בעשאס גאָר גרויסע טיילן פונעם בוך וועלן קענען אָן איבעריקע שוועריקייטן אופגענומען ווערן דורכן מאסאָוון לייענער זעלבשטענדיק, וועלן אנדערע טיילן (ווי, לעמאָשל, פון לוקרעציוס קאר, קסענאָפאן א. ד. ג.) קענען געלייענט ווער נאָר בא דער מיטהילף פון א קוואליפיצירטן אָנפירער, וואָס זאָל קענען געבן א גאנצע ריי קולטור־היסטאָרישע און מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען.

אין גרונט פונעם בוך זיינען געלייגט געוואָרן אזוינע מאָמענטן: א שטרעבונג צו אוניווערסאליזירן דעם שטאָף, ד. ה. ניט אָפשטעלן זיך אויסשליסלעך אף דער ייִדישער רעליגיע, נאָר געבן אין א ברייטער מאָס ביישפילן און מוסטערן פון פארשיידענע אנדערע רעליגיעס, רעליגיעזע פריידיקער, רעליגיעזע מינהאָגים, פארגלייכנדיק איינס מיטן צווייטן, דערווייזנדיק זייער באשטימטע ענלעכקייט אין דער ציִלגעווענדטקייט, ווירקונג און רעזולטאטן. אף אזא אויפן זאָל צעשטערט ווערן די „אויסדערוויילטקייט" פון וועלכער ס'זאָל ניט זיין רעליגיע, ווי זי, די קאָנקרעטע רעליגיע, פריידיקט עס. אף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך, דארף איליוסטרירט ווערן דער פאקט, אז די רעליגיע בא אלע אירע היסטאָרישע מעטאמאָרפאָזעס האלט אין גרונט איין איר אונטערדריקערישן און קאניבאליסטישן כאראקטער. דערפאר שטעלן מיר אנטקעגן, אשטייגער, באָקאטשאָס מאָנאכן מיטן באלמויפעס בא דיקן; דעם רעבן בא לינעצקין און זיין „גילגל" אין ערנבורגס רעבע פון 1926 יאָר; די אינקוויזיציע־פארפאָלגונגען איבער ברונאָ און גאליליי‏ען, די ייִדישע אינקוויזיציע איבער אקאָסטאן און די לינטשעריי פאר פריידיקן דארוויניזם בא סינקלערן; טאָרקוועמאדאָס מאָראל אין הוגאָס „ווולקאן" און

די ביבלישע געטלעכע אינסטרוקציע וועגן אומברענגען יעדן לעבעדיקן וועזן פון די, וואָס האלטן זיך באם גלויבן פון יאהאוועס קאָנקורענטן א. א. וו. דערבײַ דאַרף מען ניט פארשטיין, אז דער מאטעריאל איז אבסאָליוט אנטשפּרעכנדיק צו דער אָפּטיילונג, ווי ער געפינט זיך. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קינסטלערישער ליטעראטור, ווי דער אווטער, האָט זיך זײַנע אָפּווײַכונגען, און דעריבער איז עס נאָר לעערעכדיק קאָמפּאנירט. געוויס זײַנען דאָ פראגמענטן, וואָס קענען זײַן צוגעפּאסט צו פארשיידענע אָפּטיילונגען.

ווי באקאנט, איז די קינסטלערישע ליטעראטור ביכלאל ניט רײַך מיט אנטירעליגיעזן שטאָף. דאָס איז א גאנץ פארשטענדלעכע דערשײַנונג. בלויז דער פּראָלעטאריאט איז פארינטערעסירט אין א קאָנסעקווענטן און אומבאראכמאָנעסדיקן קאמף קעגן דער רעליגיע. די פּראָלעטארישע ליטעראטור איז אָבער נאָך גאָר יונג. מעמיילע, קומט אויס צו ווענדן זיך צו דער ליטעראטור, וואָס איז פרעמד דעם פּראָלעטאריאט, איבערהויפּט צו דער בורזשואזער ליטעראטור. דער בורזשוא אָבער, פירנדיק אין באשטימטע עפּאָכעס א קאמף קעגן דער רעליגיע, איז קיינמאָל ניט קאָנסעקווענט אין זײַן קאמף, איז קלאל ניט פארינטערעסירט צו אָפּשאפן די רעליגיע אלס אזוינע אינגאנצן. דערפאר באקומט זיך, אז דער בורזשואזער שרײַבער איז אין זײַן אנטירעליגיעזער טענדענץ מערער אנטיקלעריקאל און טרעט ארויס קעגן די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס, אינסטיטוציעס און פירער, וואָס באפרידיקן ניט זײַנע בורזשואזע פאָדערונגען, דערפאר איז פארהעלטנסמעסיק גאנץ ברייט פאָרגעשטעלט אין דער וועלט־ליטעראטור דער מאָטיוו פון אויסלאכן און באקעמפן די גאָטס סטראפּטשעס און ס'איז א זעלטנהײַט דער קאָנסעקווענטער קאמף קעגן דער רעליגיע אינגאנצן גענומען. דאָס האָט זיך, נאטירלעך, אָפּגעשפּיגלט אינעם שטאָף, וואָס איז ארײַן אין אונדזער בוך. אָטאָ דער מאטעריאל האָט זיך ניט אלעמאָל געלאָזט געבן, ווי ער שטייט און גייט — דער בורזשואזער שרײַבער טרעט אָפט ארויס גאנץ שארף אין זײַן קריטיקירן די רעליגיעזע מינהאָגים און קלייקוידעש, נאָר כאפּט זיך טייקעף, אז ער האָט זיך פארעדט. אף שריט און טריט שטויסט מען זיך בא אזעלכע שרײַבער, נאָך גאנץ שארפע און אָפּטמאָל גלענצנדיקע אנטירעליגיעזע בילדער און שטעלן, אף קעגנזעצלעכע און פשאָרעמאכערישע אָפּווײַכונגען, וואָס שוואכן אָפּ אינגאנצן די אידעאָלאָגישע ווערטפולקײַט פון דער זאך. דעריבער זײַנען מיר צוגעגאנגען אקטיוו צו דער רעוויזיע און קאָנטראָל פון די טעקסטן: געקירצט אייניקע שטעלן; אמאָל ניט פארענדיקט אייניקע שורעס אָדער שטעלן, אמאָל באזײַטיקט א וואָרט, זאץ אָדער בײַגעדאנק; בא פּאראלעלע טענדענצן באזײַטיקט די שטערנדיקע און ווידערשפּרעכלעכע און איבערגעלאָזן נאָר די, וואָס אנטשפּרעכן אונדזער ציל. אקלאל, מיר האָבן זיך דערלויבט באזײַטיקן עלעמענטן פונעם שטאָף, נאָר בעשומויפן ניט צוגעבן צו אים, ניט ארײַנשרײַבן דאָס, וואָס דער שרײַבער האָט עס ניט געזאָגט. אין דעם זינען איז דער שטאָף אָפּטמאָל שטארק קאָרעגירט, נאָר שטענדיק אויטענטיש.

צוליב פארשטענדלעכע טעמים איז די יידישע ליטעראטור רײַכער פאָרגעשטעלט אין בוך, וואָס ווענדט זיך צום יידישן לייענער. פאקטיש אָבער איז דער אנטירעלי־

גיעזער מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראטור נאָך אָרעמער ווי אין דער וועלט־ליטעראטור. אנטיקלעריקאלן שטאָף האָט געגעבן די האסקאָלע־טקופע (און דאָס אויך זייער א מאָנאָטאָנעם). ווירקלעך־אנטירעליגיעזע בילדער ווייַזן זיך אין דער יידישער ליטעראטור ערשט מיט די ערשטע פּראָלעטארישע שרייַבער (ווינטשעווסקי, עדלשטאט, באָווּשאָווער, מ. ראָזנפעלד). אכוץ פּערעצן פונעם ערשטן פּעריאָד זייַנעם האָט די קלאסישע ליטעראטור אזוי גוט ווי גאָרנישט געגעבן.

די נייַע סאָוועטישע ליטעראטור (ניט נאָר די יידישע) איז ביז דער לעצטער צייַט ניט צוגעגאנגען דירעקט צום אנטירעליגיעזן קינסטלערישן שאפן. זאָלן די פּראָלעטארישע שרייַבער נעמען אין אכט דעם כויוו, וואָס ליגט אף זיי, און מיט מער ענערגיע ארבעטן אף דעמדאָזיקן וויכטיקן געביט.

אייניקע גוט־באקאנטע זאכן פארן ברייטן לייענער (אשטייגער, פּערעצעס „שטרייַמל", „די פרומע קאץ" א. ד. ג.), וואָס געפינען זיך אָפט אין די שול־ביכער, האָבן מיר אויסגעמיטן. אויסער אלעם האָבן מיר נאָך געוואָלט דערנעענטערן צום לייענער אזא שטאָף, וואָס איז אים ווייניק אָדער גאָר ניט באקאנט.

צו באלעבן דעם טעקסט, אָפּט אויך פארשטארקן אים און אונטערשטרייַכן, האָבן מיר צוגעגעבן קאריקאטורן, אפאָריזמען פון מארקסיסטישע און מאטעריאליסטישע קלאסיקער, פאָלקלידער, פאָלקווערטער א. א. וו.

דער בוך פּרעטענדירט ניט אף פולקאָמהייַט. געוויס זייַנען פאראן אסאך ווערט־פולע ווערק, וואָס וואָלטן באדארפט זייַן פאָרגעשטעלט אין אזא בוך. אכוץ די דערמאָנטע פּרינציפּיעלע שוועריקייַטן, זייַנען אין וועג געשטאנען אויך אזוינע: אָפט טרעפט מען אויסגעצייכנטן אנטירעליגיעזן מאטעריאל, וואָס קען ניט אויסגענוצט ווערן צוליב זייַן פאָרנאָגראפישקייַט; א ווערק איז אינגאנצן אנטירעליגיעז, אָבער עס לאָזט זיך ניט פראגמענטירן; ווייַטער — ריין טעכנישע מעניעס, צ. ב. שוועריקייַטן באם איבערזעצן. מע דארף האָפן, אז אונדזער ערשטער פּרווו וועט געבן א שטויס צו שאפן א סיסטעמאטיזירטע אנטירעליגיעזע בעלעטריסטישע ביבליאָטעק אין דער יידישער שפּראך.

די מעכאברים.

מינסק, יונ, 1930.

געטער—זייער אופקום און וועזן



קסענאָפאַן

גריכישער פילאָסאָף—VI-טער י״ה פאר אונדזער צייט-רעכענונג.

געטער [1].

וואָלטן, ווי מענטשן, פארמאָגט הענט די אָקסן, די פערד, אָדער לייבן;
וואָלטן זיי שרייבן, אזוי ווי די מענטשן, געקענט, וואָס זיי ווילן, —
פערד וואָלטן זיך געקאָפּירט אין די געטער, און אָקסן-געשטאלטן
וואָלטן פאר געטער געגעבן די אָקסן; פארגלייכט מיט דעמזעלבן
פארצעף און מין, וואָס מען איז דאָ אליין אף דער ערד צוגערעכנט.

שווארץ און קארפאט מאָלן אויס עטיאָפּן די געטער-געשטאלטן;
געלבע, בלוי-אויגיק מאָלן זיך אויס די פראקייער די געטער.

[1] קסענאָפאן איז דער ערשטער, וואָס האָט ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז די מענטשן האָבן געשאפן זייערע געטער לויט זייער אייגענעם געשטאלט.

לוקרעציוס קאַר.

רוימישער דיכטער־פילאָסאָף—98—55 י. י. פאר אונדזער צייט־רעכענונג.

וועגן דער נאַטור פון זאַכן.

(פון פינפטן בוך).

ניט מיט קיין בלענדנדע טאָג־פייַלן, ניט מיט קיין שטראַלן פון זונען
דאַרף מען אַצינדער צעשלאָגן די מוירע און גייַסטיקן פינצטער,
נאָר מיטן לערנען און אויסטייַטשן פון דער נאַטור די געזעצן.
ס'קען דאָך פון גאָרנישט דער ווילן פון געטער אויך גאָרנישט באַשאַפן.
פאַכעד פון פאַלשגלויבנס נעמט נאָך די שטערבלעכע אָן אַף אַזויפיל,
אַז אויך אין זאַכן, וואָס מערקן זיך דאָ אַף דער ערד און אין הימל,
זייַנען זיי נויטע מיט ווילן פון געטער אַסאַך צו דערקלערן,
מאַכמעס זיי. ווייסן ניט ווו ליגט די סיבע די עכטע פון זאַכן.
זייַנען מיר זיכער אין דעם, אַז פון גאָרנישט געשאַפן ווערט גאָרנישט,
וועלן מיר בעסער באַנעמען די זאַך, וואָס מיר ווילן שטודירן.
נעמלעך פון וואָס ווערן זאַכן דאָ אַלע געבאָרן, ווי אויכעט—
ווו, ווי אַזוי אָן דער הילף פון אומשטערבלעכע אַלעס דאָ האַלט זיך.

איצט וועל איך זאָגן, פאַרוואָס באַ די פעלקער דאָס אַכפערן געטער
האָט זיך אַנטוויקלט, און פול זייַנען שטעט מיט מיזבייכעס געוואָרן,
וואָס האָט געצוווּנגען צו אייַנפירן גאָטסדינסטן פראַכטע אַזוינע,
וועלכע מיר האָבן נאָך איצטער אין גרויסע מעלוכעס און לענדער;
אויכעט פונוואַנען ביז איצט נאָך אין שטערבלעכע לעבן די פּכאָדים,
וואָס אַף דער ערד שטעלן אויפעט פון גאָטס וועגן טעמפלען—פּאַלאַצן,
און אין יאָנטויווים צו אָפּריכטן גאָטסדינסטן זאָרטן זיי צווינגען.
אַלעס דאָס וועל איך אָן איבעריקער מי דאָ דערקלערן אין פערזן.

ס'פלעגט זיך פאַרצייַטן די דורעס פון שטערבלעכע דאַכטן, אַז קלוימערשט
בילדער פון ליכטיקע געטער זיי זעען גאַנץ אָפט אַף דער וואָר גאָר,
אָבער נאָך אָפטער אין כאָלעם פאַרפלעפן זיי געטער מיט גרויסקייַט.
כושים געראַכנט באַ געטער מע האָט, ווייַלע ס'פלעגט זיך זיי דאַכטן,
קלוימערשט די גלידער זיי רירן און לאָזן אַרויסעט מיט שטאָלצקייַט
קוילעס, וואָס פּאַסטן פאַר זייער געשטאַלט און פאַר גוואַלדיקע קויכעס;
אייביקע לעבן זיי האָבן געקראָגן, ווייַל זייער געשטאַלט איז
אייביק געשטאַנען אין וועג און האָט אופגעהיט אייביק די שטריכן,
מענטשן כוץ דעם ניט געטראַכט האָבן דאַן, אַז דעם קויעך פון געטער
זאָל גאָר אַ קויעך אַ וואָסער־ניט־איז זייַן אימשטאַנד צו פאַרניכטן,

געטער, לויט מיינונג פון מענטשן, באַזיצן אויך העכערע גליקן,
וואָרעם זיי פּײַניקט קיין האָר ניט די שרעק פאַרן טויט, וואָס מוז קומען,
און, ווי געדאַכט האָט אין כאָלעם, פיל וווּנדער זיי האָבן באַוויזן,
און ניט געפילט גאָר קיין מידקייט דערבײַ פון דערדאָזיקער אַרבעט.

שטערבלעכע האָבן געזען דעם באַשטימטן דערשײַנונגען־סיידער
אויבן אין הימל, און שטענדיקן אומבײַט פון יאָר־צײַטן אַלע,
אָבער דערקלערן פאַרוואָס קומט עס פאָר—האָבן זיי ניט געקענט נאָך.
זיי האָט געדאַכט נאָר איין אויסוועג איז דאָ,—לאָזן אַלץ פאַר די געטער,
טראַכטן, אַז אַלץ מיטן ווילן פון געטער געשעט אויף דער וועלט דאָ.

וווינונגען, טראָגנען פאַר געטער באַשטאַט האָבן מענטשן אין הימל,
מאַכמעס פאַר אַלעמענס אויגן געשווומען איז דאָרט זון און לעוואָנע,
טעג האָבן נעכט אומגעביטן, געטראָגן זיך שטרענג האָבן שטערן,
פײַערן פיל, אין דער נאַכט, וועלכע בלאָנדזשען אום, און מעטעאָרן,
ווינטן און רעגנס און וואָלקנס מיט שנייען, מיט טויִקער פײַכטקײַט,
בליצן געשווינדע און קנאַלן און קראַכן פון גרויזאַמען דונער.
אָ, מין פון מענטשן אומגליקלעכער, וואָס האָט די זעונג פאַרעכנט
אָר צו דעם ווילן פון געטער, וואָס שרעקלעכן צאָרן באַזיצן;
וויפעלע זיפצן אַליין זיך האָסט אָנגעגרייט, וויפעלע שמערצן
אונדז האָסט פאַרשאַפט, וויפל טרערן נאָך ברענגען ׳סטו אונדזערע דורעס!

ווען מען פאַר גרויסקײַט פון געטער אַנטפאַלט ניט דאָס האַרץ זײַנס אין ציטער;
ווען מען אַנטשטומען ניט גלידער פאַר מעכטיקער איימע און פּאַכעד,
ווען עס צעטרייסלען זיך ערדן פון ברעניקע זעצן פון בליצן,
און עס צעקראַכט זיך צעבייזערט אין הימל דער דונער, וואָס דונערט?
ציטערן דען ניט פון דעם אַלע שוואָטים און פעלקער? צי שוין זשע
קעניגן שטאָלצע אַפילע, זיי נעמט ניט אָפּ גלידער פאַר איימע,
אַז ס׳זאָל ניט קומען די שאָ געבן כעשבן און שטראָפונג באַקומען
פאַר דאָס געטאָנענע שלעכטס און פאַר זייערע גײַוועריייד אַלע?
נ׳צײַטנווײַז, ווען אָט דער גרויזאַמער קויעך פון שטורמישע ווינטן
ציט ערגעץ ווײַט אָפּ דורך יאַמישע טהאָמען פון פלאָטן דעם פירער
מיט זײַנע פיל לעגיאָנען און מיט זײַנע העלפאַנדן אַלע,
טוט ער ניט דען קיין נעדאָרים צו געטער, ער בעט ניט אין טפילעס,
שיקן זיי זאָלן אים וועטערן גוטע און גינסטיקע ווינטן?
אָבער אומזיסט אַלץ, ניט זעלטן פון קויעך פון בייזן, פון ווינטן
אונטערגעכאַפּט, טראָגט עס אַלץ אים ניט שטילער צו וויספּע פון טויט אָפּ,
אָט ווי פאַרוויסטן עס קען נאָר אַזאַ מין פאַרבאָרגענער קויעך

מענטשלעכע פּלענער! די פּרעכטיקע ריטער פון ליקטאָרס און שפּיז־העק
ווערן צעטראָטן אין שטויבן און ווערן פאר אַלע צו שפּאָט אָפּט.
ב׳ענדלעך, ווען אונטער די פיס זיך אײַנגאַנצן דער ערדבאָדן וואַקלט,
ב׳שטעט פון צעטרייסלונג צעשטערט ווערן, דראָענדיק אַלץ מיט פאַרדאַרבונג,
איז ניט קיין וווּנדער, וואָס קינדער פון שטערבלעכע פורכטן אַזוי אָ,
לאָזן די גאַנצענע מאַכט אָפּ פאַר אַלערליי ניסים, ניפלאָעס
קויכעס פון געטער אומשטערבלעכע, וועלכע די וועלט קלוימערשט פירן.

ה. אויעלס

ענגלישער שרײַבער (געב. 1866).

גאָט—דינאַמאָ.

דזשעמס כאָלראָיד, פאַרוואַלטער מיט דרײַ דינאַמאָ־מאַשינעס, וואָס האָבן געהודעט און געדונערט אין קעמבערוועל, פאַרשאַפנדיק עלעקטרישע ענערגיע פאַר דער אײַזנבאַן, איז געווען אַן עלעקטרע־טעכניק—אַ גראָבער נעפּעש, אַ געלער פּעמפּיק מיט קרומע ציין, אַ ליבהאָבער אַרײַנצוגיסן.

זײַן געהילף איז געווען אַ געבירטיקער פון סוידעטפּולן מיזרעך און געהייסן האָט ער אַזו־מאַ־זי, נאָר דער עלעקטרעטעכניק האָט אים אַ נאָמען געגעבן פּו־באַ. כאָלראָיד האָט בעסער געוואָלט האָבן פאַר אַ געהילף אַ טונקלהויטיקן, ווײַל יענער האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק פון די שטורכעס (געבן זיי איז שוין באַם עלעקטרעטעכניק געווען אַ געווינטשאַפט), האָט ניט געשטופּט די נאָז אין דער אײַנאָרדענונג פון די מאַשינעס און ניט נאָכגעפרעגט זיך אָף די פּראָטים פון זייער מעכאַניזם.

אַזו־מאַ־זי איז אַרײַנגעפאַלן אין לאָנדאָן גלײַך פון דער הרובע אָף „לאָרד־קליאָוו"— אַ דאַמפּ־שיף, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס הייצער. ער האָט אין דער יוגנט שוין געהערט וועגן גלאַנץ און אשירעס פון לאָנדאָן, וווּ אַלע פרויען זײַנען ווײַסע און שיינע, און אַפילע די בעטלער אָף די גאַסן זײַנען ווײַסע. און אָט איז ער אַרײַנגעפאַלן אַהין מיטן אָקאָרשט פאַרדינטן ביסל גאָלד אין קעשענע.

אײַנגיכן, מיט אַ צעפּאַטערטן געזונט, אין אַ ציוויליזירטן קאָסטיום, נאָר אָן אַ גראָשן געלט אין קעשענע איז ער אַרײַנגעפאַלן אין קעמבערוועלס עלעקטרע־סטאַנציע, וווּ דזשעמס כאָלראָיד האָט אים אײַנגעשפּאַנט אַלס אַרבעט־בעהיימע און געהאָדעוועט אים מיט קלעפּ צו זאַט.

אין קעמבערוועל זײַנען געווען דרײַ דינאַמאָ־מאַשינעס: צוויי נישט קיין גרויסע, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען פון אָנהייב אָן, און איינע אַ גרויסע, אַ נײַע. די קלענערע מאַשינעס האָבן געררוישט מיטלמעסיק. איינע פון זיי איז געווען ניט צוגעפּעסטיקט צום פונדאַמענט, און פון איר האָט געציטערט דער גאַנצער געבײַ. אָבער די

אלע אומבאַדײַטנדיקע גערוישן פלעגן דערטרונקען ווערן אין דער אָנאויפהערלעכער הודזעריַי פון דער גרויסער מאשין.

דאָס איז געווען אן אומענדלעכער שטראָם פון דונערן, אין וועלכן דאָס אויער פלעגט כאַפּן פריער איין פּאָדעם, נאָכדעם א צווייטן. א סאָפּען, א פּאָרשקען, א צישען פונעם דאמפער, וואָס ווערט ניט אנטשוויגן; טויבע קלעפּ איבער דער לופט פון יאָגנדיקע רעדער־שפּינדלען; קלאנגען פון די פּאסן; פלאטערנדיקער גערויש פון די קליינע מאשינעס און—איבער אלעמען דער ראש פון דער גרויסער מאשין. אן אנדערש מאָל איז ער געווען אינגאנצן אומבאמערקלעך פארן צוגעוווינטן אויער, ער האָט אָבער געפּלעפּט דעם געהער פונעם פרישן מענטשן.

די פּיס האָבן קיינמאָל נישט געשפּירט אונטער זיך קיין פעסטן איַינגעשטעלטן דיל: ער האָט אייביק געצאפּלט און געפלאטערט.

אן אומרויִק אָרט איז עס געווען, א טומלדיקס, וואָס קאָן שאפן א צעמישעניש אין קאָפּ, דאָך האָט דער אינזשענער כאָלראָיִד—אלס שטרייַקברעכער—און מיט אים זיַין אזור־מא־זי די גאנצע צייַט פון שטרייַק פון די עלעקטרעטעכניקער, דאָס הייסט, העכער דרייַ כאדאָשים, פארבראכט אין דער וווינונג, ניט ארויס פאר דער טיר. זיי האָבן געגעסן און געשלאָפן אין קליינעם שטעלכל, וואָס לעם דער מאשין־וווינונג.

אינגיכן נאָכדעם, אז אזור־מא־זי איז אף דער שטעלע אָנגעקומען, האָט אים כאָלראָיִד איבערגעלייענט א לעקציע וועגן רעליגיע, נעמענדיק פאר א טעמע דערצו די גרויסע מאשין. ער האָט געמוזט שרייַען, קעדיי דער געהילף זאָל הערן, וואָס ער רעדט.

— טו א קוק אהער,—האָט געזאָגט כאָלראָיִד,—צי האָט איר, געצנדינער, אן אָפּגאָט, וואָס זאָל זיך גלייַכן צו דעם אָ?

און אזור־מא־זי האָט געקוקט. א מינוט האָט כאָלראָיִד געשוויגן, נאָכדעם האָט אזור־מא־זי דערהערט:

— דערהארגעט פאר איין קלאַפּ 100 מענטשן! אָט דאָס הייסט א גאָט!

כאָלראָיִד האָט זיך גרויסגעהאלטן מיט זייַן דינאמאָ־מאשין און האָט געמאָלט פאר דעם טונקלהויטיקן איר גלאנץ און קראפט.

סאָפּקאָלסאָף האָבן זייַנע ווערטער און דאָס אייביקע מישעניש און דרייעניש ארום ארויסגערופן מעשונעדיקע געדאנקען אין אזור־מא־זיס שארבן אונטער דער קוטשעראווער פּאטלע.

כאָלראָיד האָט זיך באמיט געבן צו דערקלערן אפן באשייַנפּערלעכסטן אויפן די צענדליקער געגנג, מיט וועלכע די מאשין קאָן מיימעסן א מענטשן, און איינמאָל, צוליב גרעסערער איבערצייַגנדיקייַט, האָט ער געגעבן דעם נעגער צו פארזוכן דעם טאם פון אירע א פּאָר שטויסן. נאָך דעם, אין די מינוטן פון אָפּרו אינמיטן דער ארבעט, פלעגט אזור־מא־זי זיך זעצן פאר דער גרויסער מאשין און די אויגן פון איר ניט אראָפּנעמען. צייַטנווייַז פלעגן פון די בערשטלעך פליִען פונקען און בלויע פייַערלעך, דערבייַ פלעגט כאָלראָיִד זיך שעלטן. אין אלגעמיין איז אלצדינג געגאנגען גלאט

און ריטמיש, דער פּאַס איז מיט רויש געגאַנגען איבערן וואַל, און ס'האָט זיך גע־
לאָזט הערן דער קעסיידערדיקער גלײַכמעסיקער געוויש פון די קאָלבנס.

אזוי האָט געלעבט די גרויסע דינאַמאָ־מאַשין אין איר גראַמער ווינונג, באַדינט פון כאַלראָיִדן און דעם טונקלהויטיקן, ניט קיין פאַרשפּאַרטע און געפּענטעטע, ווי די מאַשינעס אף די דאַמפשיפן, וואָס אזור־מאַ־זי האָט זיי געזען און איז זיכער געווען, אז זיי זײַנען גאָר פּאָשעטע טײַוולאָנים. די מאַשין אָבער קיניגט אף א טראָן.

צו די צוויי קלענערע מאַשינעס האָט זיך אזור־מאַ־זי באַצויגן מיט ביטל. די גרויסע האָט ער א נאָמען געגעבן „גאָט—דינאַמאָ“. די קלײנע מאַשינעס האָבן געציטערט און זיך באַוועגט ניט רעגלמעסיק. די גרויסע אָבער איז געשטאַנען פעסט. ווי מעכטיק זי איז געווען! ווי רויִק און לײַכט זי האָט געאַרבעט! זי איז געווען גרעסער און רויִקער אפילע פאַר יענעם בודדא [1]) וואָס ער האָט געזען אין ראַנהון [2]), דערבײַ ניט קיין אומבאַוועגלעכע, נאָר א לעבעדיקע!

אזור־מאַ־זי האָט די אַרבעט ניט ליב געהאַט. ווען כאַלראָיִד פלעגט אַרויסגיין שיקן דעם טויער־וועכטער נאָך בראָנפן, פלעגט אזור־מאַ־זי זיך זעצן קעגן „גאָט—דינאַמאָ“ און קוקן, און כאַלראָיִד, פּאַקנדיק זײַן געהילף א פאַרטראַכטן, פלעגט אים אָפּוועקן מיט א זעץ פון א געזונטן אײַזערנעם דראָט.

אזור־מאַ־זי פלעגט צוגיין הארט צום ריז און שאַרף זיך אײַנקוקן אין דעם ברייטן לעדערנעם פּאַס, וואָס האָט זיך באַוועגט איבער זײַן קאָפּ. מאָדנע געדאַנקען האָבן אין זײַן קאָפּ זיך איבערגעפלאָכטן מיט דער באַוועגונג פון דער מאַשין.

די געלערנטע זאָגן, אז די ווילדע באַלעבן פעלזן און ביימער,—און די מאַשין איז דאָך טויזנט מאָל לעבעדיקער פאַר א פעלז אָדער שטיין. אזור־מאַ־זי איז אינדערעמעסן פאַרבליבן א ווילדער. דער פלאַסט פון ציוויליזאַציע איז אף אים געלעגן ניט טיפער פון זײַן קויטיקן מאַלבעש, פון זײַנע בלויע בײַלן און די קוילן־שטויב, וואָס האָט זיך אים אײַנגעגעסן אין געזיכט און הענט. זײַן פאָטער האָט זיך געבוקט צו א מעטעאָר־שטיין און זײַנע אָוועס האָבן נאָך, פילײַכט, געדריקט די רעדער פון דזשיטשערנאַוט.

אזור־מאַ־זי האָט אויסגענוצט יעדן פאַל, קעדיי אָנרירן אָדער פאַריכטן עפּעס אין דער מאַשין, וואָס האָט אים אזוי באַצויבערט. און ער האָט זי געשײַערט און פּאָלירט, ביז די קופּערנע טײלן אירע פלעגן זיך צעפלאַמען מיט בלענדנדיקן גלאַנץ. דערבײַ האָט דער טונקלהויטיקער געהאַט א געפיל, אז ער דינט דערמיט צו גאָט דער מאַשין. די געטער, צו וועלכע ער האָט זיך געבוקט, זײַנען געווען ווײַט, די אײַנוווינער פון לאָנדאָן האָבן זייערע געטער פאַרבאַהאַלטן.

ביסלעכווײַז זײַנען די געפילן געוואָרן באַשטימטער און האָבן אָנגענומען די פאָרם פון געדאַנקען און, ענדלעך—פון מײַסים. אַרײַנגייענדיק איינמאָל אין דער ווינונג,

---

[1]) בודדא—גרינדער פון דער ברייט־פאַרשפרייטער רעליגיע—בודדיזם. זײַן געשטאַלט דריקט אויס אַבסאָלוטע רויִקײַט.

[2]) ראַנהון—הויפּט־שטאָט פון בירמאַ, וואָס אין אינדאָ־כינע.

וואָס איז אָנגעפּילט מיט ראַש, האָט ער אָפּגעגעבן „שאָלעם“ דעם „גאָט—דינאַמאָ“, און נאָכדעם, ווען כאַלראַיִד איז אַרויס, איז ער צוגעגאַנגען צו דער דונערנדיקער מאַשין און שטילערהייט אײַנגעראָמט דעם גאָט, אַז ער איז זײַן דינער. ער האָט געבעטן באַ אָט דעם גאָט, ער זאָל אָף אים ראַכמאָנעס האָבן און אַרויסהעלפן פון כאַלראַיִדס הענט.

אין דער מינוט האָט זיך אין דער אָפענער טיר אַרײַנגעריסן אַ שטראַל, אַ זעלטענער גאַסט אין דער וווינונג, און דער גאָט אין דרייענדיקן וויכער האָט זיך אײַנגאַנצן אָנגעצונדן מיט גאָלד. איצט האָט אַזו־מאַ־זי געוווּסט, אַז גאָט האָט אָנגענומען זײַן דינסט. ער האָט זיך שוין ניט געפילט אַזוי עלנט, ווי פריער, ווײַל ער האָט עמעס טאַקע קיין איין באַקענטן נעפּעש אין לאָנדאָן ניט געהאַט. און אַפילע דענסטמאָל, ווען ער איז געזעסן אָן אַרבעט, וואָס פלעגט טרעפן זייער זעלטן, האָט ער אויך געבלאָנקעט אַרום דער מאַשין.

ווען כאַלראַיִד האָט אים צום ערשטן מאָל נאָך דעם אָנגעשלאָגן, איז אַזו־מאַ־זי גלײַך אַוועק צום גאָט און אים שטילערהייט געזאָגט: „זעסט אַליין, האַר!“, און אין בייזן געברום פון דער מאַשין האָט ער געהערט אַן ענטפער. אים האָט נאָכדעם גענומען דוכטן, אַז יעדער מאָל, ווען כאַלראַיִד ווײַזט זיך, לאָזט זיך הערן אין די קלאַנגען פון דער מאַשין אַ באַזונדערע נאָטע. „גאָט לייגט אָפּ די שטראָף“—האָט צו זיך אַזו־מאַ־זי גערעדט—„ס'איז נאָך ניט פול די מאָס פון זײַן שולד“, און ער האָט זיך צוגעקוקט, וואַרטנדיק אָפן טאָג פון געצאָלט.

איינמאָל, אָוונט־צײַט, איז כאַלראַיִד, באַטראַכטנדיק די מאַשין, צוגעגאַנגען צו נאָענט און האָט באַקומען אַ שטאַרקן שטויס. אַזו־מאַ־זי פון הינטערן אַפּאַראַט האָט געזען, ווי ער איז אונטערגעשפּרונגען און האָט אויסגעזידלט די פאַרשאָלטענע דראָטן

„דאָס איז אים אַ האַסראָע—האָט צו זיך געזאָגט אַזו־מאַ־זי,—גאָט איז אַ סאַוולען, מע קאָן ניט זאָגן“.

כאַלראַיִד האָט פון אָנהויב אָן דערקלערט דעם נעגער יענע אַרבעט־מאָמענטן פון דער דינאַמאָ־מאַשין, וואָס האָבן געדאַרפט מעגלעך מאַכן פאַרן געהילף צו פאַרבײַטן אים אין פאַל פון אַ נויט. נאָר ווען ער האָט באַמערקט אַזו־מאַ־זיס כיישעק צו געפינען זיך וואָס נעענטער צו דער מאַשין, איז באַ אים אַ כשאַד געבאָרן געוואָרן, האָט אים כאַלראַיִד אָפּגעגעבן אַ באַפעל: „נישט צוגיין צו דער גרויסער דינאַמאָ־מאַשין, אַ ניט וועל איך די פעל אָפּשינדן“! אַכוצדעם, אַזוי ווי געפינען זיך באַ דער מאַשין האָט קענטיק פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם טונקלהויטיקן, איז פאַר כאַלראַיִדן קלאָר געווען, אַז מע דאַרף אים דעם פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפן.

אַזו־מאַ־זי האָט געפאָלגט אַ שטיקל צײַט, נאָר שפּעטער האָט אים כאַלראַיִד ווידער געפאַקט זיצן פאַרן אָפּגאָט, און ער האָט אים דערפאַר אויסגעדרייט אַ האַנט און געגעבן אַ געזונטן זעץ אין רוקן, ווען יענער האָט זיך אָפּגעקערט. ווען אַזו־מאַ־זי האָט נאָכדעם, שטייענדיק הינטער דער מאַשין, נאָכגעקוקט דעם פאַרהאַסטן כאַלראַיִדן האָט דער גערויש פון דער מאַשין אָנגענומען אַ ריטם, אין וועלכן דער טונקלהויטיקער האָט דערהערט פיר ווערטער פון זײַן מוטער־שפּראַך.

שוּוער צו באַשטימען, וואָס איז מעשוגאַעס. קאָן זײַן, אַז אזור־מאַ־זי איז אַראָ פון זינען. אַזוי צי אַנדערש, נאָר דעם טונקלהויטיקן האָט באַהערשט אַ געדאַנק ברענגען כאַלראַיִדן פאַר אַ קאָרבן צום „גאָט—דינאַמאָ”. דער געדאַנק האָט אים איבערגעקערט דעם מויעך.

באַנאַכט זײַנען בײדע געבליבן אַליין מיט זײערע טונקעלע שאָטנס אין דער עלעקטרעסטאַנציע. זי איז געווען באַלויכטן דורך אַ וואָ ל ט אַ־ב וי ג ן, וואָס האָט געשימערט און געפינטלט מיט אַ פורפור־ליכט. די מאַשינעס האָבן געוואָרפן טונקעלע שאָטנס, און די קאָלבנס האָבן גלײַכמעסיק און הילכיק זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן. די אויסערלעכע וועלט, וואָס מע האָט געזען דורך דעם קעגנאיבערדיקן אָפענעם טייל פון געבײַ, האָט אויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעך ווײַט, ווי אײַנגעוויקלט אין אַ נעפל.

זי האָט אויך אויסגעוויזן לאַכלוטן שטום, ווײַל דער ראַעש פון דער מאַשין האָט פאַרטויבט יעדן קלאַנג פונדרויסן. אינדערווײַט האָט זיך געזען דער טונקעלער פאַרקן פון הויף מיט טונקעלע סילועטן פון הײַזער הינטער דעם און אַ שטיקל טונקעלער הימל מיט בלייך פינקלענדיקע דריבנע שטערן.

אזור־מאַ־זי איז פּלוצים אריבער פון מיטן שטאַל, ווו די פּאַסן האָבן זיך באַוועגט, אין שאָטן פון דער גרויסער מאַשין. כאַלראַיִד האָט דערהערט אַ גרינגן קלונג, און דער גערויש פון דער מאַשין האָט זיך געענדערט.

— וואָס טוסטו דאָרטן מיטן פרענט!—האָט ער פאַרכידעשט געפרעגט—מע האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט...

אים האָט געפּלעפט דער אומבאַוועגלעכער בליק אזור־מאַ־זיס, ווען דער נעגער, אַרויסגייענדיק פון שאָטן הינטער דער מאַשין, האָט זיך געלאָזט גיין צו אים.

אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי בײדע פאַרביטערט געשטריטן האַרט פאַר דער דינאַמאָ־מאַשין.

— וואָס טוסטו, מעשוגענער? — האָט פאַרשטיקטערהײַט אויסגעשריען כאַלראַיִד, בייס אַ קאַווע־פאַרביקע האַנט האָט אים געוואָרגן באַם האַלדז, —אוועק פון די אײַנשליס־רינגען [1])!

נאָך איין רעגע — און אַ שטאַרקער שטויס האָט אַ וואָרף געטאָן כאַלראַיִדן גלײַך אַף דער גרויסער מאַשין. דער טונקלהויטיקער האָט אינסטיקטיוו אַרויסגעלאָזט זײַן קעגנער, קעדיי ראַטעווען זיך.

דער שאָליעך, וואָס מע האָט אײַליק צוגעשיקט פון דער סטאַנציע זיך דערוויסן, וואָס איז געשען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג, האָט געטראָפן אזור־מאַ־זי באַם טויער.

דער נעגער האָט געפּרווט עפּעס דערקלערן, נאָר דער שאָליעך האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין זײַן ענגליש לאָשן און איז אַוועקגעלאָפן צו די מאַשינעס. די מאַשינעס האָבן רוישיק געאַרבעט, און ס'האָט געדוכט, אַז קיין שום שטערונג איז אין זייער גאַנג

[1]) אײַנשליס־רינגען — אַז מע פאַרייניקט זיי מיט אַ דורכפירער, ווערט אײַנגעשלאָסן (נעמט ווירקן) דער עלעקטרישער שטראָם!

ניט פאָרגעקומען, נאָר אין דער ווינונג איז געשטאַנען א מאָדנער רייעך פון פארסמאַליעטע האָר. דאָ האָט זיך דעם שאָלױעך א וואָרף געטאָן אין די אויגן און אָנגעפּאָרמיקע מאסע, צוגעקלעפּט צו דעם פעדערשטן טייל פון דער גרויסער מאשין. צוגייענדיק, האָט ער דערקענט דעם צעמורשטן גוף פון אינזשענער כאַלראַיִד.

ווען אזור־מא־זי האָט דערזען, אז כאַלראַיִד איז געשטאָרבן א פארצוקטער פון „גאָט—דינאמאָ", האָט ער זיך אביסל פארלאָרן. נאָר גלייכצייטיק האָט ער דערפילט א מאָדנעם צופלוס פון שטאָלץ, וואָס גאָט באציט זיך צו אים מיט כעסעד.

דער עלעקטרעטעכניק, וואָס איז געקומען נאָכדעם, האָט באַלד באשלאָסן, אז דאָ איז פאָרגעקומען א זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך קימאט ניט אומגעקוקט אף אזור־מא־ז און נאָר פארביַיגייענדיק אים פאָרגעלייגט עטלעכע פראגעס צי האָט ער געזען, ווי כאַלראַיִד האָט עס אָפּגעטאָן? אזור־מא־זי האָט דערקלערט, אז ער איז געווען פארנומען בא דער הרובע, ווען ער האָט דערהערט א קלאנג־פארענדערונג אין דער באוועגונג פון דער מאשין. אזוי ווי אף אים איז קיין שום כשאד ניט געווען, האָט דער פארהער געדויערט ניט לאנג.

דער וועכטער האָט מיט א טישטעך, א פארגאָסענעם מיט קאווע, איַיליק פארדעקט כאַלראַיִדס צעקאַליעטשעטן גוף, וואָס דער עלעקטרעטעכניק האָט אראָפּגענומען פון דער מאשין. עמעצן איז געקומען א גליקלעכער איַינפאַל שיקן נאָך א דאָקטער. נאָר די הויפּט־זאָרג פון דעם געקומענעם עלעקטרעטעכניק איז געווען צו לאָזן די מאשין וואָס גיכער אין גאנג, ווייַל זיבן צי אכט צוגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וועג אין דער פארשטיקטער אונטערערדישער טונעל פון דער עלעקטרישער איַיזנבאַן.

אזור־מא־זין, וואָס האָט ווי־ניט־איז געגעבן ענטפערן אף די פראגעס פון פארזאמלטן עולעם, האָט דער עלעקטרעטעכניק טייקעף אָפּגעשיקט צוריק צו דער הרובע. דעם קערפּער האָט מען אוועקגעטראָגן. א מענטשן, וואָס וואָלט אריַין אין דער מאשין־געבייַ אין א שאָ ארום נאָך דער רעציכע, וואָלט ניט איַינגעפאַלן, אז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

ארויסקוקנדיק פון זיַין אָרט, האָט דער טונקל־הויטיקער געזען, ווי אזוי „גאָט—דינאמאָ" דרייט זיך און קריַיזט אין שכיינעס מיט זיינע קלענערע ברידער, די רעדער באוועגן זיך, און דער דאמף אין די קאָלבנס כליופּעט פּונקט אזוי ווי פריער.

פון מעכאנישן שטאנדפּונקט איז די מיַיסע געווען גאָר א נישטיקער אינצידענט—א ציַיטווײַליקער אָפּהאלט אין שטראָם. ניט מער, וואָס איצט האָט די שלאנקע פיגור און דער שלאנקער שאָטן פונעם ניַיעם עלעקטרעטעכניק, וואָס האָט זיך באוועגט הין און צוריק צווישן די מאשינעס איבער דעם ליכטיקן פירעק אפן דיל אונטער די פּאסן, פארביטן די שטייַף־געפּאקטע פיגור פון כאַלראַיִדן.

— צי האָב איך ניט צוגעטראָפן דעם ווילן פון מיַין גאָט?—האָט זיך געפרעגט אזור־מא־זי, זיצנדיק אין זיין טונקעלן ווינקל און איַינהערנדיק זיך אין פולן לויטערן קלאנג פון דער גרויסער דינאמאָ־מאשין.

ווען ער האָט געקוקט אויפן גרויסן גייענדיקן מעכאַניזם, האָט איר צויבער, וואָס איז ווי געפאַלן אַביסל זינט כאַלראַיִדס טויט, אים ווידער באַהערשט. קיינמאָל האָט אַזוֹ־מאַ־זי ניט געזען, אַז אַ מענטש זאָל דערהאַרגעט ווערן אַזוי שנעל און אָנראַכמאָנעסדיק. די גרויסע זשומענדיקע מאַשין האָט געטויט איר קאָרבן, און אויף קיין איין רעגע קיין ציטער ניט געטאָן אין איר קעסיידערדיקן גאַנג. יאָ, דאָס איז געווען אַ שטאַרקער גאָט.

דער עלעקטרעטעכניק, וואָס האָט קיין בייז ניט כוישעד געווען, איז געשטאַנען מיטן רוקן צום נעגער, עפּעס פאַרשרייַבנדיק. זייַן שאָטן איז געפאַלן באַ די פּיס פון דער מאַשין.

— צי איז שוין ניט הונגעריק מייַן האַר? זייַן דינער איז גרייט...

אַזוֹ־מאַ־זי האָט, גאַנוועענדיק זיך, געמאַכט אַ טריט פאָרויס און זיך אָפּגעשטעלט.

דער עלעקטרעטעכניק האָט פּלוצים אויפגעהערט שרייַבן, איז איבערגעגאַנגען צום קעגנ־יבערדיקן עק ווינונג און האָט גענומען באַטראַכטן די בערשטלעך.

אַזוֹ־מאַ־זי האָט זיך געוואַקלט, נאָכדעם האָט ער שטיל זיך אַ גליטש געטאָן אין שאָטן. דאָ האָט ער זיך פאַרטייַעט. דער עלעקטרעטעכניק האָט זיך אומגעקערט— דאָס האָט מען געהערט לויטן קלאַנג פון די טריט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זייַן פריערדיקער פּאָזע, גאָרניט כוישעד געווען, אַז דער טויט לאָקערט אויף אים הינטער עטלעכע טריט. דערנאָך האָט די גרויסע מאַשין פּלוצים גענומען פייַפן, און טייקעף נאָכדעם איז אַזוֹ־מאַ־זי אַרויסגעשפּרונגען פון דער פינצטערניש גלייַך צום עלעקטרעטעכניק. דער ווילדער האָט אים אַרומגעכאַפּט קווער דעם קערפּער און אַ שטויס געטאָן צו דער מאַשין. נאָר דער עלעקטרעטעכניק האָט אָפּגעשטופּט דעם קעגנער און, צוּבויגנדיק מיט ביידע הענט יענעמס קאָפּ צו דער ערד, האָט ער זיך פון אים באַפרייַט. דער טונקלהויטיקער האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט און זיך אייַנגעשפּאַרט מיט דעם קוטשעראַוון קאָפּ אין זייַן ברוסט. צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייַט, וואָס האָט ביידן אויסגעוויזן אומענדלעך. דעם עלעקטרעטעכניק איז געלונגען אָנכאַפּן אַ שוואַרצן אויער און אַרייַנבייַסן אין אים זייַנע ציין. דער טונקלהויטיקער האָט אַ געשריי געטאָן מיטן גאַנצן קויעך.

זיי האָבן זיך גענומען קייַקלען איבער דער ערד, און דער טונקלהויטיקער, באַפרייַט פון עלעקטרעטעכניקס ציין, באַצאָלנדיק דערפאַר, קענטיק, מיט אַ שטיק אויער, האָט זיך געפלייסט דערשטיקן דעם קעגנער.

דער עלעקטרעטעכניק האָט אומזיסט געזוכט פאַר עפּעס וואָס זיך אָנכאַפּן און האָט געוואָרפן מיט די פיס. און דאָ האָט זיך דערהערט באַ דער טיר דער געגאַרטער קלאַנג פון טריט. אין איין אויגנבליק האָט אַזוֹ־מאַ־זי אָפּגעלאָזט זייַן קאָרבן און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער דינאַמאָ־מאַשין. ס'איז פאָרגעקומען אַ טומל, מ'האָט דערהערט אַ געשריי.

איינער אַן אָנגעשטעלטער פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט איז אַרייַן אין דער ווינונג אַקוראַט אין דער צייַט, ווען אַזוֹ־מאַ־זי האָט מיט הוילע הענט זיך אָנ־

געכאפּט פאר די עלעקטראָדן [1]. איבערן קערפּער פונעם שווארצהויטיקן איז דורכגעלאָפן א קראמף, און ער איז מיט א שוידערלעך צעקרימטן פּאָנעם געבליבן הענגען אף דער מאשין.

— צו דער צייַט אָנגעקומען,— האָט זיך געווענדעט דער עלעקטרעטעכניק צום אריינגעקומענעם, אלץ נאָך זיצנדיק אפן דיל. ער האָט א בליק געטאָן אפן ציטערנ־דיקן ברוינעם קערפּער.

— ווייַזט אויס, ניט קיין באזונדערס אָנגענעמענער טויט. איינס נאָר — א גיכער.

דער אָנגעשטעלטער איז געבליבן פארשטיינערט אפן אָרט און האָט די אויגן ניט אראָפּגענומען פון אזו־מא־זיס קערפּער.

דער עלעקטרעטעכניק איז לאנגזאם אופגעשטאנען, פארטראכטערהייט א פּיר גע־טאָן מיט די פינגער איבערן גאָרגל, א דריי געטאָן עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ.

— אָרעמער כאָלראָיִד! איצט פארשטיי איך, וואָס דאן איז געשען.

נאָכדעם איז ער קימאַט אווטאָמאטיש אוועק צום הענטל, וואָס אין שאָטן, און ווידער געלאָזן שטראָם. ער האָט געזען, ווי די פינגער אזו־מא־זיס האָבן זיך דערביי־צענומען, און דער גוף האָט א פאל געטאָן מיטן פּאָנעם אראָפּ צו דער ערד.

די מאשין האָט ארויסגעלאָזט א הילכיקן לויטערן קלאנג, און אירע טיילן האָבן זיך גענומען דרייען אינדערלופטן.

אזוי איז פּריצייַטיק איבערגעהאקט געוואָרן די אווידע צו „גאָט—דינאמאָ”— עפּשער, די קורצסטע פון אלע רעליגיעס, וואָס האָבן ווען עקזיסטירט. דאָך האָט זי שוין זיך געקענט בארימען צום ווייניקסטן מיט איין מארטירער און מיט איין מענטשן־קאָרבן.

* * *

> אין דער רעליגיע פארמאַגט דער מענטש אויגן, קעדיי ניט צו זען, קעדיי צו בלייַבן בלינד; ער פארמאָגט סייכל, קעדיי ניט צו דענקען, קעדיי צו בלייַבן נאריש (פ ייַ ע ר ב א ך).

ה. ה יי נ ע.

דייַטשישער דיכטער (1797־1856)

דער דיספּוט.

אין אקאדעמיע פון טאָלעדאָ
קלינגען הילכיק די טראָמפּעטן:
צו א גייַסטלעכן געראנגל
לאָזט דאָס פאָלק זיך לאנג ניט בעטן.

דאָס איז ניט קיין פּאָשעט פעכטן,
קיין געווער פון אייַזן בליצט —
שפּיזן זייַנען דאָ נאָר ווערטער,
פון דעם פּילפּל שארף פארשפּיצט.

---

[1] ע ל ע ק ט ר אָ ד ן — דורכפירער פון עלעקטרע.

ס׳קעמפן דאָ קיין פּאַלאַדינער,
ניט גאַלאַנטע דאַמען־דינער:
אין דעם קאַמף די ריטער זײַנען —
קאַפּוצינער און ראַבינער.

יאַרמלקעס און קאַפּוצינקעס
אָנשטאָט קאַסקעס זיי באַצירן.
לאַנגע קיטלען, אַרבעקאַנפֿעס —
דאָס פֿאַרבײַט זיי די פּאַנצירן.

דער וויקועך: ווער איז שטאַרקער?
צי דעם ייִדנס גאָט דער אַלטער,
שטרענגער איינגאָט, וואָס זײַן גיבער
ז׳רעב יעהודע דער נאַוואַרעו־?

אָדער איז׳ס דער דרײַגעיינטער
ליבע־גאָט פֿון כריסטיאַנער
מיט זײַן ריטער פּראַטער יאָזע —
פּריידיקער פֿון פֿראַנציסקאַנער?

מיט דעם קויעך פֿון האַסבאָרעס,
ניט־באַשטרײַטבאַרער דערווײַזונג,
מיט ציטאַטעס פֿון כאַכאָמים
אַנערקענטע כּריפֿע־סוואָרעס,

ווײַל דער העלד זײַן קעגנער פּלעפּן,
וועלט די ריכטיקײַט דערווײַזן.
איינס דעם צווייטן קונציק טרעפֿן
און אויפֿדעקן זײַנע גרײַזן.

אָפּגעמאַכט איז: וועלכער שטרײַטער
ט׳אין געפּעכט זיך אונטערגעבן,
איז מעכוייעוו אָנצונעמען
אָן שום טײַנעס מ׳סוינעס גלויבן.

שמאַדן מוז זיך דאַן דער רעבע,
טויוולען זיך אין וואַסער קילע,
און אין קעגנפֿאַל דער גאַלעך
מקײַעם זײַן די מיצוועס־מילע.

און צו עלף כאַווײרים—העלפֿער
האָט באַקומען יעדער פֿעכטער

אום צוטיילן זייער גורל —
סײַ דעם גוטן, סײַ דעם שלעכטן.

די מאָנאַכן זײַנען זיכער,
אַז דער זיג פֿאַר זיי איז גרייט.
און דאָס וואַסער צו דער טווילע
דאָ דערבײַ שוין פֿאַרטיק שטייט.

ס׳שאָקלען זיך די שפּריצער־בעזעמס,
ס׳רויכערן די קטוירעס־פֿעסער.
און די ייִדן צום בריס־מילע
שאַרפֿן שוין דעם מויעל־מעסער.

ביידע מאַכנעס שטייען שלאַכט־גרייט
פֿאַר די בימעס אינעם זאַל.
און דאָס פֿאָלק איז אומגעדולדיק —
רעגט זיך, וואַרט אויף דעם סיגנאַל.

אונטער אַ גינגאָלדנער כופּע,
צווישן גײַוועדיקער סוויטע,
זיצט דער מיילעך מיט זײַן מאַלקע,
ס׳פּאָנעם קינדעריש איז צעבליט איר.

אַ קאַרפּאַט פֿראַנצויזיש נעזל,
שעלמיש—אויגלעך און איר מינע,
ס׳שפּריצט דאָס מויל אירס מיט געלעכטער,
גלײַך עס קוועלן זיך רובינען.

דאָס געצערטלט, ציטריק בלימל
האָט דעם סענע־ברעג פֿאַרביטן,
און פֿאַרלאָזן דאָרט איר באָדן,
(זאָל שוין גאָט זי דאָ פֿאַרהיטן!),

און ז׳פֿאַרזעצט דאָ אויף גראַניטן,
צווישן שפּאַניער פּניי און פּריסטער.
בלאַנש בורבאָן האָט זי געהייסן,
דאָנאַ בלאַנקאַ הייסט זי איצטער.

פּעדראָ איז דעם קעניגס נאָמען
און זײַן צונאָמען איז—ראָשע;
הײַנט איז ער אויף זיך ניט ענלעך —
הײַנט ז׳דער קעניג גאָר נישקאָשע.

מיט די הויפּלײַט איצט מיט זײַנע
שפּאַסט ער פרײלעך, לוסטיק, מונטער,
אויך די ייִדן און די מורן
קאָמפּלימענטן ווארפט ער אונטער.

צו די ריטערס די געמאָלטע
קערט דער קעניג אָן אינגאַנצן:
פירן אָנעט מיט זײַן כּײַעל
און פאַרוואַלטן מיט פינאַנצן.

פלוצלונג הערט זיך קלאַפּ פון פויקן
און עס וואָרענען טראָמפּעטן,
אַז דעם וווּנדערלעכן דיספּוט
הויבן אָן די וואָרט-אַטלעטן.

אין אַ גאָטפּאָרכטיקן קאָעס
שיסט אַרויס דער פראַנציסקאַנער:
אָט איז גראָב די שטימע זײַנע,
אָטאָ ווײַנט זי, שילט און ראַעשט.

אין דעם פּאָטערס און דעם זונס,
אין דעם רוכאַקוידעשס נאָמען
ער פאַרטרײַבט דעם שעד פון רעבן,
פון דעם רעבנס גוף דעם טאָמען.

אין אַזעלכענע וויקוכים
זיצט דער טײַוול אָפּט פאַרבאָרגן
אין דעם ייִדנס טיפן שאַרפזין
און מיט שפּיצלעך אים באַזאָרגט ער.

נו, דעם שעד אַרויסגעטריבן
דורך דעם קויעך פון פאַרשווערן,
קומט דער גאַלעך צו זײַן טוירע,
לאָזט זײַן קאַטעכיזיס הערן.

ער דערקלערט, אַז אין זײַן גאָטהײַט
שטעקן געטער גאַנצע דרײַ,
אָבער ווען עס פּאַסט צום אײַסעק,
ווערט נאָר אײנס פון אַלע דרײַען.

ס'איז אַ כּקירע, וואָס נאָר יענער
קאָן פאַרשטײן עס און באַגרײַפן,
וואָס איז פּאָטער לאַנג געוואָרן
פון דעם סײכלס שטאַרקע רײַפן.

ער דערצײלט, ווי אין בײסלעכעם
איז געבאָרן גאָט געוואָרן
פון דער יונגפרוי, וואָס האָט קײנמאָל
ניט איר מײדלשאַפט פאַרלאָרן.

ווי געלעגן איז וועלטס הערשער
זיך באַשײדן אין זײַן וויגל,
לעבן אים—אַן אָקס און בהײמע,
ט'ער געשאָרן זײ ווי ציגן.

ער דערצײלט, ווי גאָט דער האַר איז
קײן מיצראַיִם קוים אַנטרונען
פון דער האַנט פון מערדער הורדוס,
ווי ער ט'שפּעטער פאָרט געפונען

שווערן טויט זײַנעם פון מערדער
אונטער פאָנטיעס פּילאַטוס.

און די האַרטע, שטרענגע פּרושים
האָבן פּסאַק אונטערגעשריבן,
פון די ייִדן צוגעיאָגטע,
פון די ייִדן צוגעטריבן.

ער דערצײלט, ווי פון זײַן קײווער
האָט דער אויסלײזער צום דריטן
טאָג זיך אופגעשטעלט און באַלד —
ערד אַף הימל־זײַן פאַרביטן;

ווי ער וועט לעאָסיד-לאָווי
זיך צוריק אַף ד'רערד אומקערן
און פון אים אין טאָל יוישאָפּעט
וועט דאַן אַלץ געמישפּעט ווערן.

„ציטערט, ייִדן!"—שרײַט דער גאַלעך,
„פאַר דעם גאָט, וואָס איר געמאַטערט
האָט מיט קלעפּ, געשפּאָט און דערנער—
און צולעצט אַוועקגעפּאַטערט.

„אָי, איר ייִדן, ראַכע־מענטשן,
דאָס זײַט איר די מערדער בײזע! —

שטענדיק טויט איר דעם מאָשיעך,
וואָס ער קומט אײַך אויסצולייזן.

„ייִדן—אומריינקײַט, נעווײלע,
איר באשוויבלטע מיט ווערעם:
א קאזארמע פאר טײַוולאָנים —
אײַער בויך מיט די געדערים.

דאָס זאָגט טאָמאס פון אקווינע,
פון דער כאָכמע־גרויסער אָקס.
ער, וואָס טראָגט דעם נאָמען ווילער,
ער, פון קירך—דער אָרטאָדאָקס.

„ייִדן־פאָלק, איר זײַט שאקאלן,
וועלכע גראָבן זיך אין קוואָרים,
אום צו זויגן און צו פרעסן
די באגראָבענע פעגאָרים.

„ייִדן, הערט, איר זײַט כאזיירים,
קראָקאָדילן און טאפירן,
האָרן־נאָזן, ווילדע מאלפעס
און בלוטדאָרשטיקע וואמפירן.

„וועלף—איר נאכטוואנדערער מיסע,
מייסים־פיקער, ראָבן, סאָוועס,
באזיליסקן, פלעדערמײַז,
שלוכים פון דעם מאלכאמאָוועס.

„פיפערנאָטערס, שלאנגען־גיפטער,
היישעריקן, בייזע קרעטן,
ויזלטירן,—קריסטוס וועט אײַך
דעם פארפלוכטן קאָפ צעפלעטן.

„אויב איר ווילט נאָר די פארפלוכטע
אײַערע נעשאָמעס רעטן,
מוזט איר ווארפן דעם בעסמעדרעש
און אין קלויסטער ארײַנטרעטן.

„אינעם טעמפל,—פול מיט ליבע, —
ווו אין דעם געבענטשטן בעקן
שלאָגט פאר אײַך דער קוואל פון גנאָד,—
דאָרט זאָלט איר די קעפ אײַנשטעקן.

„וואשט דאָרט אָפ דעם אלטן אָדעם
און די זינד, וואָס מאכט אים שווארץ,
פונעם אלטן כעט דעם שימל
וואשט אײַך אָפ פון אײַער הארצן.

„הערט איר ניט מאָשיִעכס שטימע?
אײַער נאָמען רופט ער, פראָיִם!
קערט אײַך צו צום שויס פון קריסטוס,
רײַסט מיט לײַזיקע כאטאָיִם!

„אונדזער גאָט איז—גאָט פון ליבע,
גלײַך א לעמל פאר א קאָרבן,
און פאר וועלטישע אווײרעס
איז ער אפן קרייץ געשטאָרבן.

„אונדזער גאָט איז—גאָט פון ליבע,
און זײַן נאָמען—יעזוס קריסטוס;
זײַן גערולדיקײַט, אניוועס
פאר א בײַשפּיל שטעלן גלוסט זיך.

„דריבער זײַנען מיר ניט היציק, —
רויִק, לײַטזעליק און מילד, —
זידלען זיך ניט בא וויקוכים
לויט דעם לעמלס מוסטערבילד.

„שפעטער וועלן מיר אין הימל
ווערן ריין, פרום ווי אן ענגל,
און שפאצירן דאָרט גאָטזעליק,
אין די הענט—א ליליען־שטענגל.

„און אָנשטאָט דער גראָבער קליידונג
טראָגן וועלן מיר בעגאָדים
פון מוסלין, בראָקאט און זײַדנס,
בענדער—פון גינגאָלדנעם פאָדעם.

„און אויס פליכן! גאָלדנע לאָקן
וועלן צירן אונדז די קעפ;
נאָר די ליבסטע בסולעס פלעכטן
וועלן אונדז די וווּנדער־צעפ.

„ניט קיין בעכערל, ווי אונטן,
נאָר א גלאָז ט'מען געבן אויבן;

און ס'וועט טאָמיד, טאָמיד שוימען
דאָרט די זאפט פון ווײַנען־טרויבן.

„און אין קעגנטייל פיל קלענער
פארן ווײַבערמויל אף דרערד
וועט דאָס פרויענמײַלכל זײַן שוין,
וואָס איז אויבן אונדז באשערט.

„און די אייביקײַט פארברענגען
וועלן מיר אין טרינקען, שפרינגען,
קושן, לאכן און באגײַסטערט
פריילעך—„האלעלויע" זינגען".

און עס האָט דער קריסט געענדיקט,
און עס גלויבן די מאָנאכן,
אז די ליכט איז שוין געקומען,
אז מע קען שוין טוילע מאכן.

אָבער יידן האסן וואסער,
שאָקלען זיי זיך און זיי ברומען;
רעב יעהודע דער נאווארער
ט'זיך פאר זײַן געווער גענומען.

„אום מײַן גײַסט פעלד פעט צו מאכן
פאר דײַן פרומער זריע וועגן,
האָסטו אף מיר אויסגעשאָטן
זידל־שמוץ פיל גאנצע וועגן.

„יעדער גייט זיך מיט זײַן דערעך,
ווי ער האָט זיך שוין געווינט,
און אָנשטאָט דיך צריק צו שילטן
ווייך דיר זאָג איך, וואָס געמיינט.

„דײַן דרײַ־אייניקײַט־עמונע
קען פאר אונדז קיינמאָל ניט טויגן,
ווײַל מיט כעשבן גאָר מעשונע
זײַנען מיר פון קליין דערצויגן.

„וואָס אין דײַן גאָט דרײַ נאָר זיצן —
ס'וואונדערט, וואָס ניט מער פארטרעט ער!
בא די אור־אוראלטע פעלקער
ביז זעקס טויזנט זײַנען פלעגט געטער.

„און דער גאָט, וואָס איר רופט קריסטוס,
איז מיר אומבאקאנט לאכלוטן;
מיט זײַן מוטער, דער בעסולע,
בין איך אויך ניט קיין מעכוטן.

„וואָס מיט צוועלף יאָר הונדערט פריער
דײַן גאָט אין יערושאָלאיִם
איז פיל צאָרעס אויסגעשטאנען, —
נעבעך איז א צארבאלכײַיִם.

„שווער צו זאָגן, צי די יידן
האָבן אים ביז טויט פארוואונדעט,
ווײַל זײַן גוף, דער לעצטער איידעס,
איז צום דריטן טאָג פארשוואונדן.

„וואָס איר רופט אים גאָטעס זון אָן, —
כ'בין נישטוימעם אויך אצינדער,
ווײַל אף וויפל מיר באוווסט איז,
האָט ניט אונדזער גאָט קיין קינדער.

„אונדזער גאָט איז ניט געשטאָרבן
פאר דער מענטשהײַט ווי א בעקל,
ז'ניט קיין פילאנטראָפ קיין זיסער,
וואָס פארנעמט זיך נאָר מיט ברעקלעך.

„אונדזער גאָט איז ניט די ליבע,
קושן זיך איז ניט זײַן אייסעק,
ר'איז דער גאָט פון דונער, ראכע —
אין זײַן אָטעם פײַער הייצט זיך.

„אָן ראכמאָנעס טרעפט זײַן צאָרן
אלע, אלע באלאווײרעס,
פאר די זיידעס ליידן אָפטמאָל
גאָר די קומענדיקע דוירעס.

„אונדזער בוירע—ער לעבט אייביק
אין גאנײדנדיקע ווײַטן,
און ער שוועבט אָן סאָף, אָן אופהער
דורך די אלע אייביקײַטן.

„אונדזער גאָט—ער איז א גיבער,
ניט קיין אויסגעטראכטע פאנע

מיט א פּאָנעם פון א דארער,
אָפּגעשלאָגענער הוישאנע.

„שטארק איז ער. אין זײַנע הענט
טראָגט ער זון, לעוואָנע, שטערן;
טראָגען ברעכן, פּעלקער פאלן,
ווען ער קנייטשט נאָר אָן זײַן שטערן.

„שטארק, אלמעכטיק אונדזער גאָט נאָר
דאָוויד זינגט: „ווי גרויס גאָט איז,
אז די ערד אונדזערע דינט אים,
פאר א בענקל צו די פיס".

„אונדזער גאָט האָט ליב א זעמער,
פידל־שפּילן, זמירעס זינגען;
אָבער, ווי כאזיירים־קוויטשן,
איז אים איַער גלעקער־קלינגען.

„ליוויאָסן הייסט דער פיש יענער,
וועלכער טוט אין יאם־טיף ליגן:
גאָט דער האר האָט אים באשאפן
זיך צום שפּיל און פארגעניגן.

„נאָר אום טישעבאָוו ער שפּילט ניט
מיטן פיש, ווען רוים און באָוול
האָבן צעשטערט דעם בייסאמיקדעש:
אין דעם טאָג איז גאָט אן אָוול.

„דער ליוויאָסן וועט די לענג זײַן
הונדערט מײַלן, זײַן פלוספעדער
איז די גרויס, ווי אויג פון באָשן,
און זײַן עק איז ווי א צעדער.

„זײַנע פליש איז פיל באטאמטער
פאר די בעסטע עסן־זאכן;
פון אים טאקע לאָסיד־לאָוווי
ט'גאָט דער האר א סודע מאכן.

„פאר צאדיקים און כאכאָמים,
וועלכע ער וועט אויסדערוויילן, —
דעם ליוויאָסן, דעם געליבטן
וועט ער צווישן זיי פארטיילן.

„טיילס מיט ווײַסער קנאָבל־ברײַע,
טיילס אין ברוינס מיט ווײַן געזאָטן,
אויך מיט ראָזינקעס און בסאָמים,
אָט אן ערעך ווי מאטלאָטן [1].

„אין דער ווײַסער קנאָבל־בורײַע
שווימען קליינע שטיקלעך רעטעך;
אָ, דעם מײַכל, פראטער יאָזע,
וואָלסט שוין אויך געגעסן, וועט איך!

„און מיט ראָזינקעס דאָס ברוינע
איז אויך ניט קיין שפּעטנער מײַכל;
ווי דו וואָלסט עס, פראטער יאָזע,
אים פארשטעקט אין דײַן פעט בײַכל!

„אין גאָטס קיך איז גוט געקאָכט שוין!
גאלעכל, דו הער נאָר דאָס אָן:
אָפּפער שוין דײַן אלטע אָרלע
און דערקוויק זיך מיט ליוויאָסן;

ס'האָט באטאמט גערעדט דער רעבע,
אפּעטיט געשאפט בא פרעסערס;
און די יידן אין היספּײַלעס
שארפן שוין די מויעל־מעסערס,

אום די אָרלע צו באשניידן
בא נגאזיגטע אָט די לײַט
און צו קריגן די טראָפּייען
פונעם וווּנדערלעכן שטרײַט.

דאָך די קריסטן האלטן פעסט זיך
אָן דעם פאָטערלעכן גלויבן,

[1] אזא מין פיש־מײַכל, וואָס איז באליבט בא די פראנצויזישע יאמער; דערפון—מאטלאָט, וואָס הייסט מאטראָס.

אויך אָן זייער אָרלע־אייגנס —
און מע לאָזט זי ניט בארויבן.

ווידער היצט זיך דער מאָנאך שוין,
זעצט פאָר זידלען זיך און שילטן;
און אין יעדן וואָרט אין זײַנעם
שטעקן נאכט־טעפּלעך פארפילטע.

ווידער ענטפערט אים דער רעבע,
דאכט זיך, אויסערלעך געלאסן,
אָבער אינווייניק, אין הארצן,
קאָכט א קאעס, פײַנטשאפט, האסן.

ער פארופט זיך אף דער מישנע,
גמאָרע, מעדרעש און פּיירושים;
ברענגט אויך פונעם טויספעס־יאָנטעוו
אויסגעצייכנטע כידושים.

אומגעריכט אן אפּיקורסעס
אויסגעהערט פון גאלעך האָט ער —
יענער האָט געזאָגט: „א רועך
אין דעם טויספעס־יאָנטעוו פאָטער!״

„דאָס איז איבער שוין און איבער!״
שרײַט דער רעבע מיט גאנץ קויעך;
דאָס געדולד האָט אים געפּלאצט שוין
און עס ברענט אים שיר דער מויעך.

„גילט ניט מער דער טויספעס־יאָנטעוו,
ז'וואָס זאָל גילטן? ס'דאָך א מוירע!
פאר דער זינד, גאָט, זײַ זיך נויקעם!
שטראָף, אָ, גאָט, דעם אפּיקוירעס!

„טויספעס־יאָנטעוו, גאָט, ביסטו עס!
און פאר לעסטערן פארשעמען,
גאָט, דײַן גרויסן נאָמען מוזסטו
פון דעם גוי נעקאָמע נעמען.

„זאָל דער טהאָם אים גלײַך פארשלינגען,
ווי דעם קוירעך מיט זײַן איידע,
וועלכע זײַנען אופגעשטאנען
קעגן דיר מיט בונט אלס מוירדים.

„דונער אויס דײַן גרעסטן דונער!
שטראָף אים, גאָט, דעם באלאווײרע, —
גיס אים אָפּ מיט פעך און שוועבל,
ווי אין סדאָם און אין אמוירע.

„טרעף, אָ, גאָט, די קאפּוצינער,
ווי דו פארען האָסט געטראָפן,
ווען מיט גאָלד און זילבער זײַנען
פון מיצראיִם מיר אנטלאָפן.

„און עס איז אונדז נאָכגעלאָפן
פארע, מעלעך פון מיצראיִם.
מיט געפּאנצערטע גיבוירים —
שווערד און שפּיז אין די יאָדאיִם.

„נאָר דײַן יאד, מײַן גאָט מײַן גרויסער
יהאָסטו אף זיי אויסגעשטרעקט
און דעם פארע מיט זײַן כאיִל
מט דעם יאם האָסטו באדעקט.

„טרעף, אָ, גאָט, די קאפּוצינער,
ווײַז די שלעכטע, טאָמע גויִים,
אז דיר קלעקט נאָך פײַער־צאָרן
צו באשטראָפן די רעשאָיִם.

„איִן דעם רום פון דײַן ניצאָכן
וועל איך זינגען דאן און זאָגן,
גלײַך ווי מיריעם די נעוויִע,
טאנצן, אין די פויקן שלאָגן״.

אים מיט קאעס ט'זיך דער גאלעך
אין די רייד ארײַנגעשלאָגן:
„זאָלן אף דײַן קאָפּ נאָר פאלן
אלע קלאָלעס, כראָמעס, פלאָגן״.

„כ'שפּײַ זיך אויס פון גענעם־גײַסטער
און פון די אווידעזאָרעס,
אשמעדײַ און באלזעוווו,
באל און באאל און אשטאָרעס.

„כ'לאך מיך אויס פון דײַנע רוכעס,
פון דײַן שווארצן באלעגוף,

ווײַל אין מיר איז יעזוס קריסטוס —
כ'האָב געגעסן פון זײַן גוף.

„קריסטוס איז מײַן בעסטער מײַכל,
ר'איז געשמאקער פיל אין טאם,
ווי לעוויאָסן מיט די ברײַעס,
וואָס עס האָט געקאָכט דער „סאם".

„אך, אָנשטאָט צו דיספּוטירן,
וואָלט איך בעסער בראָטן, זידן
אויף דעם גרעסטן, שטארקסטן פײַער
דיך און אלע דײַנע ייִדן".

און אזוי פאר גאָט אין גלויבן
ווילד פארענדיקט זיך דער שטרײַט:
יעדער קעגנער קוויטשעט, שילט זיך
פאר די אויסדערווײלטע לײַט.

שוין צוועלף שאָ געווערט דער קאמף,
און מע טוט זיך נאָך אלץ היצן;
אויסגעמאטערט שוין דער עולם
און שוין שטארק די פרויען שוויצן.

ס'ווערן הויפלײַט אומגעדולדיק,
דאמען גענעצן צום שלאָפן
און דער קעניג צו דער מאלקע
ווענדט זיך פרעגנדיק גאנץ אָפן;

„זאָגט מיר, ווי איז אײַער מיינונג?
ווער פון זיי איז דאָ גערעכט?
האָט דער רעבע צי דער גאלעך
דאָ געוווּנען דאָס געפעכט?".

שלעפריק קוקט די דאָנא בלאנקא,
גלײַך ווי זי וואָלט זיך פארקלערן,
טראָגט צום שטערן צו איר פינגער
און זי טוט דאָ באלד דערקלערן.

„ווער ז'גערעכט, אנטשייד איך דאָ ניט,
דאָך מיר שײַנט, איך בין זיך מוידע, —
סײַ דער רעבע, סײַ דער גאלעך,
אלצײַנס טוען שטינקען בײדע".

* * *

> די פאָלק־אמעראצעס ווערט אונטערגעהאלטן פון די גײַסטלעכע, וואָס נערן דאָס פאָלק מיט באָבע־מײַסעס, פלוידערײַ, קישעף־מאכערײַ, אויסטראכטענישן און פאלשע מײַסים־טויווים, וועגן וועלכע זיי אליין רײַסן זיך נאָך צווישן זיך. (האָלבאך).

ו. קאָראָלענקאָ.

רוסישער שרײַבער (1853—1921).

אן אטאָבעכארטאָנו־לעקציע.

כ'דערמאָן זיך נאָר איין שמועס בא א לעקציע, ווו מיר זײַנען געווען אופּריכטיק. גערעדט האָט זיך וועגן דעם „איינציקרעטנדיקן" קלויסטער. עמעצער האָט עפּעס פאָרגעלייגט א פראגע: צי איז ריכטיק, אז אויסגעלייזט ווערן קען מען נאָר דורך דעם מיזרעך־פראוואָסלאווישן קלויסטער, און אז די איבעריקע מענטשהײַט, וואָס ווייס

פון אים גאָרנישט אָדער וואָס פארבלײַבט איבערגעגעבן און טרײַ דעם גלויבן פון די טאטעס — איז פארורטיילט אף אייביק לײַדן... דער פראוואָסלאַווישער קלויסטער אָנער־קענט ניט דאָס אויסלײַטערונג־אָרט [1], ווי די רוימיש־קאטוילישע קירכע, און דערי־בער איז שוין די באשטימונג — אף אלע מאָל, אף שטענדיק, לעוילעם־וואָעד! דער פראָטאָיערײ האָט גרונטלעך פאנאנדערגעארבעט די פראגע פון אקאדעמישן שטאנדפונקט און זיך סוימעך געוועזן אף אנטשפרעכנדיקע טעקסטן, נאָר... די דער־קלערונג האָט ניט געבראכט דעם קלאס צו זײַן געוויינלעכן שטיל־שווײַגן, וואָסערן ער איז געוווינט געוואָרן צו רעכענען אלס סימען פון אײַנשטימיקײַט. מיר האָבן געוווסט, אז די טעקסטן, וואָס ער האָט געבראכט, האָט ער ריכטיק אויסגעטײַטשט, נאָר דאָס אומיטלבארע געפיל האָט זיך אנטשיידן אָפּגעזאָגט צו אונטערוואַרפן זיך אָט־דעם „ריכטיקן טײַטשן". אונדזערע קאטוילישע כאווײרים, וואָס האָבן אָנערקענט, אז דער רועך־האקוידעש שטראַלט אויס פונעם פאָטער און זון, וואָס האָבן זיך געציילעמט מיט דער גאנצער דלאָניע; דער ליוטעראנער, קראָלס פאָטער, וואָס האָט ניט אָנערקענט קיינע געזעצן־בילדער און היילִיקע און האָט זיך גאָר ניט געציילעמט; מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרניט געוווסט וועגן דעם עקזיסטירן פון א גלויבן־סימבאָל... דאָס אלץ האָט זיך דערוועקט אין אונדזער פאָרשטעלונג לעבעדיק, רעאל, און מיר האָבן פארטיידיקט אונדזערע נאָענטע און לײַבלעכע פון אייביקע אָפּקומענישן צוליב איין וואָרט נאָר אין סימבאָל, פאר אן אנדער צונויפלייגן די פינגער באם ציילעמען זיך... און די געצנדינער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט וועגן קריסטוסן און האָבן דאָך מאקריװ־געווען זייער לעבן צוליב נאָענטע?...

איין פראגע נאָך דער צווייטער, איין דערווידערונג נאָך דער צווייטער זײַנען געפלויגן פון די בענק צו דער קאטעדרע. דער פראָטאָיערײ האָט שוין אויך אויסגענוצט אלע טעקסטן און פילנדיק, אז זיי האלטן ניט אָפּ דעם שטראָם דערווידערונגען, האָט זיך געווענדעט צום לעצטן ארגומענט. ער האָט געמאכט א שטרענג פּאָנעם, צוגערוקט צו זיך דעם זשורנאל, געבנדיק פארשטיין, אז ער האלט דעם שמועס פאר אויסגע־שעפּט, און געזאָגט:

— אזוי לערנט דער היילִיקער קלויסטער, און מיר זײַנען מעכוייעװ, ווי קינדער, אונטערצוואַרפן איר מוטערלעכער שטימע אונדזערע פוסטכאקראָנישע טײַטשונגען, ווען אפילע...

ער האָט פארמאכט די אויגן, אָפּגעזיפצט, גלײַך אים וואָלט פארדראָסיק זײַן, וואָס אים קומט אויס צו באשטעטיקן א שטרענגן פסאק, און האָט צוגעגעבן מיט עפּעס א מאָדנער דעקאָראטיווער אנטמוטיקונג:

— ווען אפילע דאָס זאָל ווידערשפּרעכן אונדזער אינערלעכן געפיל...

[1] Чистилище.

ג. ד'אַנונציאָ.

איטאַליענישער שרײַבער (1928—1863).

געצנדינער.

I

דער גרויסער זאַמדיקער פּלאַץ האָט געפינקלט, פונקט ווי באַשאָטן מיט צעשטויסענער פּעמזע. אַלע הײַזער אַרום, ווײַס געקאַלכטע, האָבן אויסגעוויזן ווי אָנגעגליט, אַזוי ווי די ווענט פון אַ מוירעדיק גרויסן אויוון, וועלכער האַלט אין פאַרלעשן זיך. אין הינטערגרונט האָבן די זײַלן פון קלויסטער אָפּגעשפּיגלט דעם גלאַנץ פון די וואָלקנס און האָבן אויסגעוויזן רויט, פונקט ווי פון גראַניט; די שויבן האָבן געלויכטן, ווי פון אַ סרייפע, וואָס האָט אינעווייניק אופגעפלאַקערט; די געמעלן און סקולפּטורן פון די „הייליקע" האָבן אָנגענומען אַ לעבעדיקערן קאָלאָריט און באַלעבטערע פּאָזעס; אין דער פּראַכטפולער ליכט פונעם זון־אונטערגאַנג האָט די קלויסטער־געבײַדע אין איר גאַנצער גרויס, דערהויבנדיק זיך הויך איבער די הײַזער פון ראַדוזען באַקומען אַ מאַיעסטעטישן אויסזען.

פון די גאַסן זײַנען צום פּלאַץ געגאַנגען גרופּעס מענער און פרויען, הויך שרײַענדיק און מאַכנדיק מיט די הענט. אַן אָבערגלויבערישער פּאַכעד איז מיט מוירעדיקער געשווינדקײַט אויסגעוואָקסן אין אַלעמעס הערצער ביז צו אַ ריזיקער גרויס אין דער פאַנטאַזיע פון דידאָזיקע אומוויסנדיקע מענטשן האָבן זיך געשאַפן טויזנטער שרעקלעכע פאָרשטעלונגען וועגן הימלישער שטראָף. אויסטײַטשונגען, היציקער פּילפּל, יאָמערלעכע געבעטן, פאַרשיידענע באָבע־מײַסעס, טפילעס, אויסגעשרייען—דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין טעמפּן געוויש פון אַן אָנקומענדיקן שטורעם. אַסאַך טעג שוין, אַז אויפן הימל פאַרבלײַבט נאָכן זון־אונטערגאַנג אַ בלוטיקער פײַערשײַן; מוירעדיק באַלײַכט ער די פאַרשלאָפענע אומגעגנט, שטערנדיק די שטילקײַט פון דער נאַכט און אַרויסרופנדיק אַ בילעריי בא די הינט.

— יאַקאָב, יאַקאָב...—האָבן, מאַכנדיק מיט די הענט, געשריען עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן ביז אַהער שטיל געשמועסט, שטייענדיק פאַרן קלויסטער צונויפגעשפּאַרט אַרום איינעם פון די זײַלן באַם אַרײַנגאַנג.—יאַקאָב!...

פון דער הויפּט־טיר איז עמעצער אַרויס און צוגעגאַנגען צו זיי. דאָס איז געווען אַ לאַנגער, אַ דאַרער מענטש מיט שפּורן פון אויסצערנדיקן פיבער אויפן פּאָנעם, מיט אַ הוילן שאַרבן און מיט לאַנגע רויטלעכע האָר, וועלכע זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון די שלייפן און פון פּאַטיליצע. זײַנע קליינע אַרײַנגעזונקענע אויגן האָבן געבערעגט מיט אַ טיפער לײַדנשאַפט; זיי האָבן געהאַט אַן אומבאַשטימטן קאָליר און זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען אויבן, באַם נאָז־הערבל. אין אויבערשטן קינבאַק האָבן אים געפעלט צוויי פאָדערשטע ציין און בייס ער האָט גערעדט, האָט דאָס צוגעגעבן אַ מאָדנעם אויסדרוק זײַן מויל און דער באַוועגונג פון זײַן שפּיציקן קין מיט די באַזונדער

סטארטשענדיקע האָר; ער פלעגט דאן זיין ענלעך אף אן אלטן פאון. דער גאנצער איבעריקער קערפער זיינער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך א נעבעכדיקן סקעלעט, וואָס איז געווען אבי־ווי צוגעדעקט מיטן בעגעד; אף די הענט, אף די אקסלען און ברוסט זיינען געווען אסאך בלויע צייכנס, איינשניטן, געמאכט מיטן שפיץ פון א שפילקע און מיט צעריבענער בלוי־פארב, אלס אָנדענק וועגן באזוך פון די הייליקע ערטער, פון דעראָבערטע געטלעכע כאסאָדים, צו וועלכע ער האָט זויכע געווען, אָדער פון אויסגעפילטע נעדאָרים.

ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דער גרופע, וועלכע איז געשטאנען לעבן זייל, האָבן זיך אף אים א שאָט געטאָן אומרויקע פראגעס:—איז וואָס־זשע... וואָס האָט געזאָגט דאָן קאָנסאלאָ? וועט מען ארויסשטעלן בלויז די זילבערנע האנט? צי איז ניט גלייכער עפשער די גאנצע סטאטוע?... ווען וועט צוריק קומען פאליורע מיט די ליכט? הונדערט פונט וואקס... ווען הונדערט פונט? און ווען וועט מען אָנהויבן צו קלינגען אין די גלעקער? וואָס וועט דאָ זיין?

דער ראַעש ארום יאקאָבן האָט זיך אלץ געשטארקט; צום קלויסטער זיינען צוגעקומען די, וועלכע זיינען געשטאנען פונדערווייטן; פון אלע גאסן האָט א פלייץ געטאָן אן אוילעם צום פלאץ און אים פארפולט. מיט א שטילן קאָל, פונקט ווי ער וואָלט אנטפלעקן שרעקלעכע סוידעס, פונקט ווי ער וואָלט זאָגן פונדערווייטן נעוויִעס האָט יאקאָב געענטפערט אף די פראגעס. און גערעדט האָט ער וועגן דעם, אז ער האָט געזען אפן הימל, צווישן בלוט, א דראָענדיקע האנט, דערנאָך א שווארצן צודעק דערנאָך א גראָבייזן און א טרומייט...

— דערצייל, דערצייל...—האָבן די צוהערער זיך געבעטן, קוקנדיק אים אין פאָנעם אריין און לעכצנדיק נאָך ניסים, און דער קלאנג האָט זיך פארשפרייט צווישן דעם אָנגעוואקסענעם האמוין.

II

דער גרויסער רויטער פלעק אפן האָריזאָנט האָט זיך לאנגזאם געצויגן אף ארוף צום זעניט. ביסלעכווייז ארומכאפנדיק דעם גאנצן הימל. פונקט ווי אויסדאמפונגען פון צעשמאָלצענע מעטאלן, האָט עס זיך געקייקלט איבער די דעכער פון די הייזער; אינעם אָפשטארבנדיקן ביין־האשמאָשעס־ליכט האָבן גראָ־געלע און פיאָלעטע שטראלן זיך געמישט מיט ציטערדיקן רעגנבויגן־שיין. א לאנגער העלערער פאס האָט זיך געצויגן צו דער גאס, וועלכע האָט זיך אראָפגעלאָזן צו דער דאמבע, אפן טייך, און וויטער דאָרטן האָט זיך געזען דער גלאנץ פונעם וואסער צווישן די הויכע שלאנקע טאָפאָלן; הינטער דעם האָט זיך געשפרייט א שטיק הוילע ערד, ווו ס'האָבן זיך געשטרעקט אין דער הויך די אלטע סאראציִנישע טורעמס, פונקט ווי שטיינערנע אינדזעלעך אינעם נעפל. שטיקנדיקע אויסדאמפונגען פונעם געשניטענעם היי האָבן זיך פארשפרייט אין דער לופט: צייטנווייז האָט זיך געדוכט, אז עס שמעקט מיט צעפוילטע יאגעדעס צווישן דעם גרינס. מאכנעס שוואלבן זיינען דורכגעפלויגן מיט

הילכיקע געשרייען, האלטנדיק די ריכטונג פון די זאמדיקע טײַך־ברעגן צו די קאנאלן.

אין האמוין האָט זיך דער ראעש פון די קוילעס איבערגעריסן, און ס'איז אָנגעקומען א שטילקײַט פון דערוואַרטונג. דער נאָמען פּאַליורע איז געגאנגען פון מויל צו מויל; ס'האָבן זיך געהערט אומגעדולדיקע צאָרנדיקע אויסגעשרייען. אפן בוידעם האָט זיך נאָך אלץ קיינער ניט באוויזן; קיין ליכט זײַנען נאָך אלץ ניט געווען. דאָן קאנסאָלאָ האָט זיך צוליב דעם נאָך אָפּגעהאַלטן פון ארויסצוטראָגן די רעליוויעס און צו באשווערן די בייזע רוכעס. די סאקאָנע איז נאָך אלץ געווען דראָענדיק, ווי פריער. א בלינדע איימע האָט ארומגעכאַפּט די מענטשן; זיי האָבן זיך צונויפגעשטיקט אין אייז הויפן, ווי א טשערעדע, און מוירע געהאַט א הויב צו טאָן די אויגן צום הימל. די ווײַבער האָבן אָנגעהויבן יאָמערן, און זייער געוויין האָט אף אלעמען אָנגעוואָרפן א שרעק.

לעסאָף האָט מען גענומען קלינגען אין די גלעקער. צוליב דעם, וואָס די גלעקער זײַנען געהאנגען ניט זייער הויך, האָט דער טעמפּער ציטער פון גלאָקנקלאנג זיך געשפּרייט אקוראַט איבער די קעפּ, און צווישן די איינצלנע קלעפּ פון די גלעקער האָט זיך אינדערלופטן געטראָגן א נאָכאנאנדיקער יאָמער.

— הייליקער פּאנטאליעאָנע... הייליקער פּאנטאליעאָנע...

דער געשריי האָט זיך ארויסגעריסן בא אלעמען מיטאמאָל, בא אלע פּארצווייפלטע, הילף־בעטנדיקע. מיט בלייכע פּנעמער האָבן זיי זיך אלע אראָפּגעלאָזן אף די קני און אויסגעשטרעקט די הענט פאָרויס.

— הייליקער פּאנטאליעאָנע.

אין טיר פון קלויסטער האָט זיך צווישן דעם רויך פון צוויי ווייערעך־פּאנען באוויזן דאָן קאָנסאָלאָ, בלאנקענדיק אינעם פּיאָלעטן, מיט גאָלד אויסגענייטן, מאלבעש. הויך אופגעהויבן אינדערהויך, האָט ער געהאלטן די הייליקע זילבערנע האנט און געטײַנעט צום הימל, אויסריידנדיק לאטיינישע ווערטער:

— די צאדיקים דײַנע גיב אייביקע רו, האר אונדזערער, מיר בעטן בא דיר: דערהער אונדז.

דאָס באווײַזן זיך פון דער רעליקוויע האָט ארויסגערופן אין האמוין אן אופברויז פון באגײַסטערטער צערטלעכקײַט. פון אלע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן,—און דורך זייער דורכזיכטיקן שלייער האָבן די אויגן דערזען א ווונדערבארע הימלישע שײַן, וואָס האָט געשטראָמט פון די דרײַ בענטשנדיק־דערהויבענע פינגער. די זילבערנע האנט האָט אין דער פלאמענדיקער לופט אויסגעוויזן זייער גרויס; די סאָפּטאָגיקע שטראלן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די בליצנדיקע איידלשטיינער; דער געשמאקער רייעך פונעם ווייערעך האָט זיך געשפּרייט צווישן פרומען האמוין.

— מיר בעטן בא דיר: דערהער אונדז!

ווען מ'האָט די האנט צוריק ארײַנגעטראָגן אין קלויסטער, און די גלעקער זײַנען אנטשוויגן געוואָרן צווישן דעם אָנגעקומענעם שטיל־שווײַגן, האָט זיך דערהערט א נאָענטער קלינגען פון גלעקלעך. אלע האָבן זיך א לאָז געטאָן אין יענער זײַט, און אסאך האָבן געשריען:

— דאָס איז פאליורע מיט די ליכט... פאליורע פאָרט... פאליורע פאָרט...

די פור האָט זיך דערנעענטערט, סקריפענדיק אינעם זאמד. געפירט האָט זי א שווערער גראָער פערד; באם פערד אפן רוקן האָט געבלאנקט א גרויסער מעשענער האָרן אין דער פאָרמע פון א האלבער לעוואָנע. ווען יאקאָב און די איבעריקע זיינען אוועק צו דער פור, האָט זיך די רויִקע בעהיימע אָפגעשטעלט, שווער אָטעמענדיק, און יאקאָב, וועלכער איז צוגעגאנגען דער ערשטער, האָט פלוצלוג דערזען פאליורעס קערפער ליגנדיק אין פור איינגעטונקט אין בלוט און ער האָט גענומען שרייען, מאכנדיק מיט די הענט:

— ער איז א טויטער, א טויטער...

III

די טרויעריקע ידיעה האָט זיך צעטראָגן אין איין מינוט. אלע האָבן זיך ארומגעשפארט ארום דער פור, אויסציענדיק די העלדזער, קעדיי עפעס צו דערזען; דערשיטערטע פון דערדאָזיקער נייער אומגעריכטער, געשעעניש און פארכאפטע פון דער נאטירלעכער מענטשלעכער נייגעריקייט באם דערזען בלוט, האָבן זיי שוין ניט געטראכט וועגן דער הימלישער שרעק.

— א טויטער... ער איז א טויטער...

פאליורע איז געלעגן אף די ברעטער מיט א ברייטער ווונד אינמיטן שטערן, מיט א צעריסענעם אויער, מיט צעוווּנדיקטע הענט און מיט ווונדן אין די זייטן און אף איין היפטביין. א ווארעמער שטראָם איז אראָפגערונען פון די אויגנלעכער לענגויס דעם קין אין האלדז, פארשפריצנדיק די העמד און מאכנדיק שווארצע גלאנציקע פלעקן אף דער ברוסט, אפן רעקל און אף די הויזן. יאקאָב האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן פארוווּנדעטן, און אלע ארום האָבן געוואַרט: א בלייכע שיין האָט באלויכטן די דערשטויִנטע פּענעמער, און אינעם אלגעמיינעם שטילשווייגן האָט זיך פון ברעג דערטראָגן דאָס קוואַקען פון די זשאבעס, און קימאט סאמע איבער די קעפ זיינען דורכגעפלויגן פלעדערמייז.

פלוצלונג האָט יאקאָב זיך אויסגעגלייכט מיט בלוטפלעקן אפן באק און אויסגעשריען:

— ער לעבט נאָך, ער אָטעמט.

א פארשטיקט שעפטשען איז אדורך דעם האמוין. אין די פאָדערשטע רייען האָבן זיך אלע אויסגעצויגן א קוק צו טאָן, און די ווייטער שטייענדיקע האָבן אָנגעהויבן אויסדריקן זייער אומרויִקייט און אויסגעשרייען. צוויי פרויען האָבן געבראכט וואסער, א דריטע האָט געבראכט לייַוונטענע וויקעלעך. א ייִנגל האָט געבראכט א קירבעס מיט וויין. מ'האָט אָפגעוואשן דעם פארוווּנדעטן דאָס פּאָנעם, איינגעהאלטן דאָס בלוט אפן שטערן און אים אופגעהויבן דעם קאָפּ. ס'האָבן זיך גענומען הערן הילכיקע פראגעס וועגן דער סיבע פונעם געשעענעם. די הונדערט פונט וואקס זיינען ניט

געווען, בלויז אפן דעק פון פור זײַנען אין די שפאלטן צווישן די ברעטער פארבליבן עטלעכע ניטדערברענטע שטיקלעך ליכט.

צווישן דער אלגעמיינער קאעסדיקער אופרעגונג האָבן זיך די בלוטן אלץ מער צעשפילט, מיינונגען זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן אלץ שארפערע און קעגנזעצלעכע און מאכמעס אלע האָבן געטראָגן א פארביסענע סינע פון דאָר־דוירעס צום דאָרף מאָס־קאליקאָ, וועלכער איז געלעגן אפן אנדערן ברעג טײַך, האָט יאקאָב גיפטיק א זאָג געטאָן מיט א הייזעריקן קאָל:

— די ליכט זײַנען מיסטאָמע אָפגעגעבן געוואָרן דעם הייליקן גאָנסעלוואָ.

דידאָזיקע ווערטער זײַנען דאָס געווען דער פונק, וואָס האָט אָנגעצונדן די סרייפע, אין דידאָזיקע מענטשן, פארטעמפטע פון יאָרנלאנגער בלינדער און גרויזאמער קניונג צו זייער איינציקן געץ, האָט זיך מיטאמאָל אופגעכאפט דער אייפער פאר זייער קלויסטער. דעם פאנאטיקערס ווערטער האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. אינעם דראָענדיקן פײַערשײַן פונעם זון־אונטערגאנג האָט די אופגערעגטע מענגע אויסגעוויזן ווי א האמוין צעבונטעוועטע נעגערס.

ווי א קריג־געשריי, האָבן אלע ליפּן איבערגעכאזערט דעם נאָמען פונעם הייליקן. די היציקערע האָבן אויסגעשריִען קלאָלעס, דראָענדיק מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן אין דער זײַט פון טײַך.

דערנאָך האָבן זיך דידאָזיקע אלע פּענעמער, צעפלאמטע פון צאָרן און באלויכטענע פון אָוונט־שײַן, מעגושעמדיקע און מעכטיקע, מיט די גרויסע גאָלדענע רונגען אין די אויערן, וואָס ס'האָט זיי צוגעגעבן אן אויסזען פון בארבארן—זיך א קער געטאָן צום ליגנדן פּאליורע, און זייער ווילדער אויסדרוק איז געוואָרן מילדער צוליבן ראכמאָנעס. ארום פור האָבן געהאוועט ווײַבער, האָפנדיק ווי עס איז אָפּצוראטעווען דעם שטארבנדיקן. צערטלעכע הענט האָבן אים פארבונדן די ווונדן, געשפּריצט אים וואסער אין פּאָנעם, אונטערגעטראָגן צו די אָפגעבלייכטע ליפּן א קריגל מיט ווײַן, געמאכט אים א ווייכערן צוקאָפּנס.

— פּאליורע! פאליורע! דו ענטפערסט אפילע ניט...

ער איז געלעגן אפן רוקן, פארמאכט די אויגן, מיט א האלב אָפענעם מויל, מיט א טונקעלן לײַכטן פוך אף די באקן און אפן קין, און צארטע יוגנט־שײנקײַט האָט באשײַנט זײַן געזיכט, וואָס איז געווען צעקרימט אי קראמפיקן ווייטיק. פון אונטערן באנדאזש אפן שטערן זײַנען אף די שלייפן אראָפ־גערונען שטראָמעלעך בלוט, אין די מוילווינקלען האָבן זיך באוויזן קליינע ראָזפאר־ביקע שוימבלעזלעך, און פון האלדז האָט זיך ארויסגעריסן א הייזעריק אָפּגעהאקט פײַפן. ארום אים האָבן זיך אלע געשפּארט מיט פראגעס, מיט אומרויִקע פּיבערדיקע בליקן. זײַן פערד האָט פון צײַט צו צײַט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געהירזשעט אן אומרו האָט פארכאפּט אלץ ארום, ווי פאר א געוויטער.

פּלוצלונג האָבן זיך גענומען הערן קוילעס פון א פרוי, זיי האָבן זיך אלץ דערנעענטערט; דאָס זײַנען געווען געשרייען פון א מוטער. אינעם אָנגעקומענעם אלגעמיינעם שטילשווײַגן זײַנען די קוילעס אויסגעקומען הילכיקער. א שווערע פּאר

פעטקײַט, קוים אָטעמענדיקע פרוי, האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן האַמוין און איז מיט קוילעס צוגעלאָפן צום פאַרוואונדעטן. די גרעב אירע האָט איר ניט דערלאָזן אַרופצוכאַפּן זיך אַפן פור; זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דעם זונס פיס, אַרויסכליפּענדיק צערטלעכע ווערטער מיט א צעבראָכענעם קאָל און מיט אַן אויסדריק פון אַזא כײַעשן צאַר, אַז אַלע אַרום האָבן געציטערט און אָפּגעקערט די קעפּ.

— זאַקעאָ... זאַקעאָ, האַרץ מײַנס... נאַכעס מײַנער...— האָט זי אָן אויפהער געשריען, קושנדיק דעם פאַרוואונדעטן די פיס און שלעפּנדיק אים אַראָפּ צו זיך אַף דר׳ערד.

דער פאַרוואונדעטער האָט זיך גענומען רירן, האָט קראַמפּהאַפטיק פאַנאַנדערגעעפנט דעם מויל און אופגעעפנט א ביסל די אויגן. ער האָט אָבער, אַפּאָנעם, גאָרניש ט ניט געזען, מאַכמעס די אויגן זײַנען געווען פאַרשטעלט מיט א פײַכטן הײַטל. גרויס ע טרערן האָבן זיך פון אונטער די ברעמען אַפּערגעקײַקלט און זײַנען לאַנגזאַם אַראָפּ גערונען איבער די באַקן און איבערן האַלדז; דער מויל איז אַזוי פאַרבליבן קראַמפּ-האַפטיק פאַרקרימט, אינעם הייזעריקן כאָרכלען פון זײַן האַלדז האָט זיך געפילט אַן אומזיסטיקע אָנשטרענגונג צו רירן מיטן צונג. אַלע אַרומיקע האָבן זיך גענומען בעטן בא אים:

— רייד, פאַליורע, רייד. ווער האָט דיך פאַרוואונדעט? ווער האָט דיך פאַרוואונדעט?.. זאָג, זאָג...

די פראַגעס האָבן נאָך מער צעברענט דעם צאָרן. ס׳האָט זיך געפילט א פאַר־שטיקטער דאָרשט נאָך נעקאָמע, און דער האַס פון דוירעס האָט אופגעזאָדן אין אַלעמענס הערצער.

— רייד... ווער האָט דיך פאַרוואונדעט... זאָג אונדז, זאָג אונדז...

דער גויסעס האָט נאָכאַמאָל אופגעעפנט די אויגן. און מאַכמעס מ׳האָט אים געדריקט ביידע הענט, האָט, מעגלעך, די באַרירונג פון דער לעבעדיקער וואַרעמקײַט אַף א סעקונדע אופגעלעבט זײַן גײַסט; זײַן בליק איז געוואָרן לויטערער. ער האָט עפּעס גענומען שעפּטשען, און דער שוים פון מויל האָט גענומען גיין מערער און רויטער. קיין ווערטער האָט מען נאָך ניט געקאָנט פאַרשטיין. אינעם שטילשווײַגן האָט זיך געהערט דאָס שווערע אָטעמען פונעם אופגערעגטן האַמוין, און אין אַלעמענס אויגן האָבן זיך געלויכטן איין און דערזעלביקער פלאַם, מאַכמעס אַלע הערצער האָבן געלעכצט נאָך איין און דעמזעלביקן וואָרט.

— מא... מא... מא... סקאַליקאָ...

— מאַסקאַליקאָ... מאַסקאַליקאָ...— האָט יאַקאָב א רעווע געטאָן, אַריבערבויגנדיקן זיך איבערן פאַרוואונדעטן און אָנשטעלנדיק די אויערן, קעדיי אופצוכאַפּן די כריפּענ־דיקע קלאַנגען פון דעם גויסעס מויל.

יאַקאָבס אויסגעשריי איז באַגעגנט געוואָרן מיט א שרעקלעכן ראַעש. דורכן האַמוין האָט זיך צום אָנהייב דורכגעטראָגן א רעווען פון א שטורעם. דערנאָך האָט אַן איינציקער קאָל, אַריבערשטײַגנדיק דעם אַלגעמיינעם געהילך, געגעבן א ליאַרעם־צייכן, דער האַמוין האָט זיך האַסטיק צעשאָטן. אַלעמען האָט דורכגענומען איין

געדאַנק, וואָס האָט מיטאַמאָל אויפֿגעבליצט אין די מוחות: נעמען געווער און לאָזן דאָס אין גאַנג.

אינמיטן דעם מוראדיקן גלאַנץ פֿון דער אוונטרויטקײַט, אינמיטן דער אָנגעעלעקטריזירטער, שטיקנדיקער און אומרויִקער נאַטור האָט דעם האַמוין פֿאַרכאַפּט דער אינסטינקט פֿון בלוטיקער נעקאָמע.

IV

אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן קלויסטער האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַן אַטריאַד, באַוואָפֿנט מיט קאָסעס, מיט מעסערס, מיט גראָבלײַזנס און ביקסן. די געצנדינער האָבן געשריִען:

— הייליקער פּאַנטאָליעאָנע...

א דערשראָקענער פֿונעם ראַעש, האָט דאָן קאָנסאָלאָ זיך פֿאַרקליבן הינטערן אַלטאַר. א הײַפֿל פֿאַנאַטיקער איז אונטער יאַקאָבס אָנפֿירונג אַרײַנגעדרונגען אין דער הויפּט־קאַפּליצע, אויפֿגעבראָכן די בראָנזענע גראַטעס און אַראָפּ אין סקלעפּ, וווּ מ׳האָט געהאַלטן די סטאַטוע פֿונעם הייליקן. דרײַ בוימל־לאַמפּאַדעס האָבן זיך ווייך געטרייסלט אין דער פֿײַכטער לופֿט פֿונעם מאָקעם־קאָדעש. הינטער א גלאָז האָט געבלאַנקט דער ווײַסער קאָפּ פֿונעם קריסטלעכן געץ אין צענטער פֿון א גרויסן לײַכטנדיקן דיסק; די ווענט זײַנען אינגאַנצן פֿאַרשווּנדן אונטער דעם יאַם אָנגעבראַכטע מאַטאָנעס.

ווען דער געץ האָט זיך אויף די אַקסלען פֿון פֿיר ריזיקע יונגען, לעסאָף, באַוויזן צווישן די זײַלן אויפֿן פּאָרטאַל, בליצנדיק אין דער שײַן פֿון דער פֿרימאָרגן־רויטקײַט, האָט א הייסער אָטעם פֿון לײַדנשאַפֿט פֿאַרכאַפּט דעם האַמוין און אָנגעטראָגן אַן אויסדרוק פֿון פֿריידיקן עקסטאַז אויף אַלע פּנעמער. די פּראָצעסיע האָט זיך גענומען רירן; דער גרויסער קאָפּ פֿונעם הייליקן האָט זיך געוויִדעט אינדערהויך, אָנשטעלנדיק פֿאָרויס די ליידיקע אויגנלעכער.

דורך דער גלײַכמעסיקער געדיכטער שײַן פֿון דער מאָרגן־ליכט זײַנען אויפֿן הימל פֿון צײַט צו צײַט אַדורך ליכטיקערע פֿאַסן; דערווײַל האָבן זיך פֿוכיקע קליינע וואָלקנדלעך אָפּגעטיילט פֿון דער גאַנצער מאַסע און זײַנען לאַנגזאַם צעשוואומען געוואָרן. פּונקט ווי א באַרג אַש, אין וועלכן עס גלימערט א פֿײַער, האָט זיך געזען פֿונהינטן גאַנץ ראַדוזשע; פֿונפֿאָרנט זײַנען די ביימער זיך צעשוואומען אינעם אומקלאָרן פֿינקלען. דאָס הויכע קוואַקען פֿון די זשאַבעס האָט אָנגעפֿילט די קלינגעוודיקע שטילקײַט.

אויפֿן ברעג האָט פּאַליורעס פֿאַרשטעלט דעם וועג. זי איז געווען ליידיק אָבער אין איר זײַנען פֿאַרבליבן די שפּורן פֿונעם בלוט. צאָרנדיקע אויסגעשרייען האָבן צעשטערט די שטילקײַט. יאַקאָב האָט אויסגעשריִען:

— לאָמיר פֿירן אין איר דעם הייליקן...

מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די סטאַטוע אויף די ברעטער און אַריבערגעפֿירט איבערן דורכגאַנג פֿון טײַך. די קריגערישע פּראָצעסיע איז אַזוי אַרום אַריבער די גרענעץ פֿונעם פֿײַנטלעכן דאָרף. לענגאויס די רייען פֿון דער פּראָצעסיע האָבן געבלאַנקט

מעטאַל־אָפּגלאַנצן. אין גלאַנציקע שפּריצן האָט זיך צעשאָטן דאָס וואַסער, און א רויטער פּאַס האָט געפלאַמט צווישן די טאָפּאָלן אין דער ריכטונג צו די פּירעקיקע טורעמס. דאָס שלאָפנדיקע מאַסקאַליקאָ האָט זיך באַוויזן צווישן איילבערט־ביימער אף א ניט גרויסער הויך. די הינט האָבן געבולן מיט א פאַרביסענער אַקשאָנעסדיקייט. אַרויסגייענדיק פון וואַסער, איז דאָס הייפל מענטשן אַראָפּ פון שליאַך און מיט האַסטיקע טריט אַוועק מיט דער גלייכער ליניע, דורשניידנדיק דאָס פעלד: די זילבערנע סטאַטוע האָט מען ווידער גענומען אף די אַקסלען, און זי האָט זיך ווידער געהוידעט הויך איבער די קעפּ צווישן די הויכע דופּטיקע זאַנגען, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט פיל גליווערימלעך.

דער פּאַסטעך, וועלכער איז געזעסן אונטערן שטרויענעם אָפּדאַך און געהיט דאָס פעלד, האָט זיך מוירעדיק דערשראָקן, זעענדיק אַזויפיל באַוואָפנטע מענטשן; ער האָט זיך א לאָז געטאָן לויפן מיטן ברעג, שרייענדיק מיט אַלע קויכעס:

— צו הילף... צו הילף...

די געשרייען האָבן געוועקט א ווידערקאָל אינעם איילבערט־וועלדל...

דאַן זיינען די איינוווינער פון ראַדוזע אַוועק אין אָנגריף. צווישן די שטאַמען פון די ביימער אינעם טרוקענעם ראָר האָט זיך געשאָקלט דער זילבערנער הייליקער, קליינגענדיק באַם אָנקלאַפּן זיך אָן די צווייגן, אומקוקנדיק זיך מיט פינקלענדיקע בליקן. צען, צוועלף, צוואַנציק שאָסן האָבן זיך, ווי א בליצנדיקער האָגל, איינער נאָכן אַנדערן א שאָט געטאָן אף דער הייזערמאַסע. ס'האָט זיך דערהערט א טראַ־קעריי, גוואַלדן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א מעהומע: טירן האָבן זיך געעפנט, זיך פאַרמאַכט, גלאָזברעקלעך האָבן זיך געשאָטן, צעבראָכענע בלומענטעפּ זיינען געפאַלן אפן וועג. הינטער רוקן פון די באַלעגערער האָט זיך אין דער אָנגעגליטער הימלבלויקייט רייך געצויגן אַרופצו א ווייסע הויז.

פאַרבלענדטע און פאַרכאַפּטע פון קריגערישן אייפער, האָבן אַלע געשריען:

— א טויט... א טויט...

א גרופּע געצנדינער האָט אַרומגערינגלט דעם הייליקן פּאַנטאַליעאָנע. מעשונעדיקע קוילעס קעגן דעם הייליקן גאָנסעלוואָ האָבן געהילכט; דער האַמוין האָט געטרייסלט מיט די קאָסעס, מיט די גערטנער־מעסערס.

— גאַנעוו... גאַנעוו... שלעפּער... די ליכט... די ליכט...

מיט העק־קלעפּ האָבן נייע אָטריאַדן מיט שטורעם איינגענומען די הייזער. און ווען די טירן פלעגן פאַלן, אַראָפּגענומענע פון די הענגערס און צעבראָכענע אף שטיקלעך, פלעגן די פּאַנטאַליעאָנידן מיט קוילעס אַריינלויפן אינעווייניק אין די הייזער פאַרשיקערטע פון בלוטדאָרשטיקייט. די האַלבנאַקעטע פרויען פלעגן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, בעטנדיק זיך, מ'זאָל אף זיי ראַכמאָנעס האָבן; זיי פלעגן זיך פרוון שיצן דורכדעם, וואָס זיי פלעגן אָנכאַפּן דאָס געווער, צעשניידנדיק זיך די פינגער, זיי פלעגן פאַלן צו דר'ערד, פאַרדעקנדיק זיך מיט בערג קאָלדרעס און ליילעכער, פון אונטער וועלכע ס'פלעגט זיך זען דער דאַרער קערפּער, וואָס האָט זיך געשפּייזט בלויז מיט ריבן.

יאַקאָב, דער אָנפֿירער פֿון דער שכיטע, א הויכער, א דארער און א רויטער, פּונקט ווי א ביגל רויע ביינער, א פּאָרשיקערטער פֿון ליידנשאַפֿט, פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע אָפּשטעלן און מיט א ברייטן זשעסט פֿון א הערשער א פּאָך טאָן מיט דער קאָסע איבער די קעפּ פֿונעם האַמוין. מיט א בלויזן קאָפּ איז ער אָן מוירע געגאַנגען פֿאָרויס אין נאָמען פֿונעם הייליקן פֿאַנטאַליעאָנע. אַריבער דרײַסיק מענטשן זײַנען געגאַנגען נאָך אים. בײַ אַלעמען איז געווען אַן אומקלאָרער געפֿיל, אַז זיי גייען איבער א וואַקלדיקן באָדן אינמיטן א סריפּע, אונטער א פֿלאַקערדיקן דאַך, וועלכער וועט אָט־אָט אַף זיי אײַנפֿאַלן.

פֿון אַלע זײַטן האָבן אָנגעהויבן האַסטיק אָנצוקומען פּאַרטיידיקער, די אײַנוווינער פֿון מאַסקאַליקאָ, שטאַרקע, שוואַרצע, ווי מולאַטן, בלוטגיריקע. זיי זײַנען געווען באַוואָפֿנט מיט לאַנגע מעסערס און ציבלעווען פֿלעגן זיי זיך אין בויך און אין גאָרגל; יעדן זעץ פֿלעגן זיי באַגלייטן מיט גאָרגלדיקע טענער. די קעמפֿער זײַנען ביסלעכווײַז אָפּגעטראָטן צום קלויסטער; פֿון די דעכער, פֿון א צוויי־דרײַ הײַזער האָט שוין א שפּאַר געטאָן א פֿײַער; א האַמוין ווײַבער און קינדער איז אין בלינדער איימע געפֿלויגן צום איילבערט־וועלדל.

דאַן האָבן די מענער, וועמען קיין טויערן און קיין געבעט האָט שוין ניט געשטערט זיך א לאָז געטאָן אין א פֿאַרביסענעם האַנט־שלאַכט. אונטערן ראָסט־פֿאַרביקן הימל איז די ערד באַדעקט געוואָרן מיט טויטע קערפּערס; ס'האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע זידלווערטער פֿון די פֿאַלנדיקע. און אין דעם ראַעש האָט אָן אויפֿהער געהילכט דער געשריי פֿון די ראַדוועיר:

— די ליכט... די ליכט...

די טיר פֿון קלויסטער איז אָבער אַלץ געבליבן פֿאַרשטעלט. זי איז געווען א מאַסיווע, א דעמבענע, באַקלאַפּט מיט פֿינקלענדיקע טשוועקעס. די אײַנוווינער פֿון מאַסקאַליקאָ האָבן זי פּאַרטיידיקט קעגן די פֿויסטן און העק. און דער זילבערנער הייליקער, א געלאַסענער און א ווײַסער, האָט ער זיך געהוידעט אינעם געדיכטן האַמוין, אַלץ נאָך שטייענדיק אַף די אַקסלען פֿון די פֿיר גיבוירים, וועלכע זײַנען געווען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס פֿאַרגאָסן מיט בלוט, נאָר זיך געהאַלטן אַף די פֿיס. דער אידעאַל פֿון די אָנפֿאַלנדיקע איז געווען אָוועקצושטעלן דעם געץ אַפֿן סוינעס אַלטאַר.

אין דער צײַט, בײַס די אײַנוווינער פֿון מאַסקאַליקאָ האָבן זיך געשלאָגן, ווי די לייבן, אַרויסווײַזנדיק מוירעדיקע העלדישקייטן אַף די שטיינערנע טרעפּ, האָט זיך יאַקאָב פּלוצלונג אַוועקגעדרייט און איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם קלויסטער, אויס־קוקנדיק, ווי אַזוי אַרײַנצודרינגען אין מאָקעם־קאָדעש. ער האָט אינגיכן דערזען אַן עפֿענונג ניט הויך פֿון דר'ערד; א פֿאַרכאַפּטער פֿון העלדישן אײַפֿער און פֿון פֿאַר־צווייפֿלונג, האָט ער גענומען קריכן אַהין און זיך אַזוילאַנג געדרייט און געקרימט און דערדאָזיקער עפֿענונג, ביזוואַנען ער האָט אַדורכגעשפּאַרט זײַן גאַנצן לאַנגן קערפּער. א קרעפּטיקנדיקער רייעך פֿון ווײַרעך האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכטלעכער קעלט פֿונעם טעמפּל. אונטער די קלאַנגען פֿונעם געשלעג הינטערן וואַנט האָט ער זיך טאַפּנדיק אין דער פֿינצטער, געלאָזן צו דער טיר, פֿאַרטשעפּענדיק זיך אָן די שטולן

און צעוואונדיקט זיך דאָס פּאָנעם און די הענט. צעווילדעוועטע קלעפּ פון די ראַדוזשער אײַנוווינער האָבן געהילכט איבער דער דעמבענער טיר, בייס ער האָט אָן אָטעם און מיט א מוירעדיקער הארצקלאַפּעניש גענומען ברעכן די שלעסער מיט אן אײַזערנעם געצײַג. פּײַערלעך האָבן אים געשימערט פאר די אויגן. די וווּנדן האָבן אים וויי געטאָן. און דער קערפּער האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט א לעבלעכער כוואַליע.

— סאַן פּאַנטאַליעאָנע... סאַן פּאַנטאַליעאָנע...—האָבן פון דרויסן געשריען די כריפּענדיקע קוילעס פון די אָנפאַלנדיקע. פילנדיק, אז די טיר לאָזט נאָך, האָבן זיי פארשטארקט די קלעפּ מיט די העק. פון הינטערן טיר האָט זיך געהערט דאָס פאלן פון קערפּערס, די קלעפּ פון מעסער, מיט וועלכן מ׳האָט עמעצן געטראָפן, און יאַקאָבן האָט זיך געדוכט, אז דער גאנצער קלויסטער הודזשעט, אָפּהילכנדיק די קלעפּ פון זײַן אייגענעם צעווילדעוועטן הארצן.

V

נאָך דער לעצטער אָנשטרענגונג האָט זיך די טיר אופגעעפנט. מיט מעשונעדיקע קוילעס פון ניצאָכן, האָבן די אײַנוווינער פון ראַדוזשע זיך א וואָרף געטאָן פאָרויס, אריבערטרעטנדיק איבער די קערפּערס פון די דערהארגעטע, און זיך געלאָזן מיטן זילבערנעם הייליקן צום אלטאר.

די ציטערדיקע שײַן פון די לאמטערנס האָט זיך ארײַנגעריסן אין כוישעך פונעם טעמפּל, באַלײַכטנדיק דאָס גאָלד פון די רערנלײַכטערס און די אָרגל־טרובעס אף די כאָרן, און אין דערדאָזיקער בלוטיקער שײַן, אינעם אָפּגלאַנץ פון דער סרייפע פון די נאָענטע הײַזער, האָט זיך דאָס געראַנגל באַנײַט. פארפלאָכטענע איינער אין אנדערן זײַנען די קעמפּערס געפאלן אף די שטיינער און האָבן זיך שוין מערניט צענומען; זיי האָבן זיך געוואלגערט אינײינעם, געקײַקלט זיך אין ווילדער סינע, געשריען ביזוואנען זיי זײַנען דאָ גופע ניט אויסגעגאנגען אונטער די בענק אָדער אף די טרעפּ פון קאַפּליצע...

אינעם שטילן מאָקעם־קאָדעש האָט זיך געהערט דער פארגליווערדיקער שאָרך פונעם אײַזן, ווען ער דרינגט ארײַן אין קערפּער, אָנשטויסנדיק זיך אָן דיביינער, דער טעמפּער קרעכץ פון טויט־פארווונדעטע מענטשן, דאָס קנאַקן פון שארבן־ביינער אונטער די קלעפּ, דאָס רעווען פון די, וואָס ראַנגלען זיך מיטן טויט, דער אכזאָריעס־דיקער געלעכטער פון די מערדער און דער ווייכער רייעך פונעם ווײַרעך האָט זיך געטראָגן איבערן שלאכט־פּלאַץ.

דער זילבערנער געץ האָט נאָך ניט דערגרייכט צום אלטאר. דער קרײַז פון די סאָנים האָט פארשפּארט צו אים דעם צוטריט. א פארווונדעטער אין עטלעכע ערטער, האָט יאַקאָב, פּאָכנדיק מיט דער קאָסע, ניט אָפּגעטראָטן קײַן איין טראָט פון די טרעפּ, וואָס מ׳האָט דעראָבערט. פון די, וואָס האָבן געטראָגן דעם הייליקן, זײַנען פארבליבן בלויז צוויי. דער מאסיווער קאָפּ האָט זיך געוואקלט, ווי א שיקערער איבערן צעיושעטן האמוין.

די אײַנוווינער פון מאסקאליקאָ האָבן געווילדעוועט.

פלוצלונג איז דער הייליקער פאנטאליעאָנע א פאל געטאָן צו דר׳ערד מיט א שנײַדיקן קלונג, וועלכע איז ארײַנגעדרונגען אין יאקאָבס הארץ שארפער פון א מעסער. ווען דער רויטער שניטער האָט זיך א כאפ געטאָן אופהויבן דעם הייליקן, האָט אים עפּעס א ריזיקער יונג א זעץ געטאָן מיט א גאָרטן־מעסער און א וואלגער געטאָן אפן רוקן. צוויי מאָל האָט ער זיך אופגעהויבן און צוויי ווײַטערדיקע זעצן האָבן אים אלץ ווידער א וואָרף געטאָן צו דר׳ערד. דאָס בלוט האָט אים פארגאָסן דאָס גאנצע פּאָנעם, די ברוסט, די הענט, אף די אקסלען און אף די הענט האָבן זיך שוין געוויַיסט די הוילע ביינער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעדעקט צוליב די טיפע מעסער־שניטן; ער האָט פונדעסטוועגן אלץ ווידער פונסנײַ זיך אופגעהויבן א לעבעדיקער. צעווילדעוועטע פון דערדאָזיקער לעבן־אײַנגעשפּארטקײַט, האָבן דרײַ—פיר—פינף פויערים מיטאמאָל אים א שטאָך געטאָן אין בויך. דאָס אינגעווייט איז אים ארויסגעפאלן. דער פאנאטיק האָט זיך א וואלגער געטאָן אפן רוקן, א זעץ געטאָן זיך מיט דער פּאטיליצע אָן דער זילבערנער סטאטוע, טייקעף זיך ווידער איבערגעקערט און אני־דערגעפאלן מיטן פּאָנעם אפן מעטאל, אויסשטרעקנדיק פאָרויס די הענט מיט די פארקראמפּטע פיס.

דער הייליקער פאנטאָליעאָן איז אומגעקומען.

* * *

> רעליגיע איז דער זעלבסטבאוווסטזײַן און דער זעלבסטגעפיל פון א מענטשן, וואָס האָט נאָך זיך אליין אָדער ניט געפונען, אָדער זיך פונדאָסנײַ פארלאָרן (מארקס).

מ. ווינטשעווסקי.

עלטסטער יידישער פּראָלעטארישער דיכטער — 1856.

גאָט בימקוים סייכל.

נאר זיך און נאר די גאנצע וועלט
מיט דײַן נעכאָמע־שמייכל;
בארים זיך, אז דו האָסט א גאָט
ווען ס׳באנקראָטירט דײַן סייכל.

דאָך זאָג מיר, פרײַנט, ווי הייסט דײַן גאָט?
ווי זעט ער אויס? ווו איז ער?
האָט ער קײַן פײַער־ריטער ניט?
האָט נאָר א פאראדיז ער?

דאָס איז דאָך ניט דער ראכע־גאָט,
דער נויקעם און דער גויטער,
וואָס אים דערשפּירט אין פּערטן דאָר
אן אומגליקלעכער טויטער?

דאָך ניט דער מאבל־גאָט, וואָס מאכט,
ווי דאן, פאר מאטן־טוירע,
פון רעדזשיא און מעסינא הײַנט
א סדוים און אן אמוירע?

איז דאָס פילייַכט דער קריסטנגאָט,
  דער גאָט פון לויטער ליבע,
וואָס דארף אין טאָך קיין גענעם ניט
  און בראָט נאָר... אל־פּי סיבע?

קומט איידער ס׳גייען אויס די ליכט,
  און שטום ווערט דער אָרקעסטער,
און עס דערהערט זיך א געהויל
  פון באס־היענא נעסטער?

זאָג, ברודער, וועלכער גאָט קומט דאן
  א טרייסט אונדז צו פארשאפן?
און קומט א גאָט—זאָג, האָט ניט אים
  דייַן בימקוים־גאָט באשאפן?

פּ. האָלבאך.

פראנצויזישער פילאָסאָף־מאטעריאליסט (1789—1723).

די געטלעכע האשגאָכע.

גאָט, וועלכער איז פול מיט סטירעס, שטוסערייַען און ווידער־שפּרעכלעכע אייגנשאפטן, אויסגעהאָדעוועטע און אויסגעכאָוועטע פון דעם מענטשנס פאנטאזיע, איז באגרינדעט בלויז אף א לאנגער ריי אויסטראכטענישן.

ניט ווייַט פון באגדאד האָט געוווינט א דערוויש [1], וועלכער איז געווען באוווּסט מיט זייַן הייליקייַט, ער האָט רויִק פארבראכט זייַנע טעג אין אָנגענעמער יעכי־דעס. די ארומיקע אייַנוווינער פלעגן אים אלע טאָג ברענגען שפּייַז און מאטאָנעס, ער זאָל פאר זיי מיספּאלעל זייַן. דער הייליקער מאן פלעגט ניט אופהערן אָפּצוגעבן א לויב צו גאָט פאר די כסאָדים, וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים.

— אָ אלאך,—פלעגט ער טייַנען,—דייַן גוטסקייַט איז איין לעשאער. מיט וואָס האָב איך פארדינט דעם גנאָד, וואָס דו טוסט מיט מיר? אָ, אלערהעכסטער, הימלשער פאָטער פון דער נאטור, וואָסערע שוואָכים קענען זייַן ראָע אף בארימט צו מאכן דייַן גרויסקייַט און דייַן פאָטערלעכע זאָרגן? אָ אלאך, ווי גרויס זייַנען דייַנע זאָרגן וועגן די מענטשנקינדער!

פול מיט דאנקבארקייַט צו גאָט, האָט דער פּאָרעש א נײדער געטאָן א זי־בעטן מאָל אוילע־רעגל צו זייַן קייַן מעקא [2]. די מילכאָמע, וועלכע איז דאן פּאָר־געקומען צווישן די פּערסן און טערקן, האָט אים ניט געשטערט אויסצופירן זייַן גאָט־געפעליקע אונטערנעמונג. פארטרויענדיק זיך אין גאָט, האָט ער אונטערגענומען די־דאָזיקע רייַזע. אונטערן שוץ פון דער הייליקער קליידונג, וועלכע ווערט גע־

---

[1] א מוסולמענישער מאָנאך.

[2] א הייליקע שטאָט בא די מאכמעדאנער—דער געבורט־אָרט פון דעם נאָווי מאכמעד.

אכטעט באַ די רעכטגלויביקע, איז ער אומגעשטערט אדורך די לאַגערס פון די סאָנים, וועלכע האָבן אים ניט נאָר ניט פארהאַלטן, נאָר אים נאָך אפילע אָפגעגעבן קאָוועד.

באַם סאָף פון זײַ רײַזע האָט ער, זײַענדיק שטאַרק פאַרמאַטערט, גענומען זוכן זיך א באַהעלטעניש פון די ברענענדיקע זון־שטראַלן. ער האָט געפונען אזא באַהעלטעניש אונטערן דערפרישנדיקן שאָטן פון א גרופּע פאַלמען־ביימער, ווו א דורכזיכטיק קלאָרער קוואַל האָט זיי גענעצט די וואָרצלען. אָף דעמדאָזיקן איינזאַמען אָרט, ווו די שטילקײַט האָבן געשטערט בלויז די פייגלען־טשוויטשערײַ און לײַכטע רוישן פונעם קוואַל, האָט דער געטלעכער מאַן געפונען ניט נאָר אַן אויסגעצייכנטע באַהעלטעניש, נאָר א פראַכטפולע סודע אפילע. ער האָט בלויז געדאַרפט אויסציִען די האַנט אָף צו נעמען טייטלען און אַנדערע זעלטענע פּיירעס. דער קוואַל האָט אים געשטילט זײַן דאָרשט, און דער גרינער גאַזאָן האָט אים געגעבן אָפּרו.

אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט זיך דער דערוויש טויוול געווען, און מיט אומענדלעכע היספּײַלעס האָט ער אויסגעשריִען:

— אָ אַלאַך! ווי גרויס איז דײַן גוטסקײַט צו די מענטשנקינדער.

גוט אויסגערוט און דערפרישט, פול מיט קרעפטן און פרייד, האָט דער הייליקער מאַן פאָרגעזעצט זײַן וועג. אביסל צײַט איז ער געגאַנגען דורך אָנגענעמע לאַנדשטרעקעס מיט בליִענדיקע בערגלעך און סמאַראַגד־פאַרביקע לאָנקעס און מיט פרוכטבאַלאָדענע ביימער. געריִרט פון דעמדאָזיקן בילד, האָט ער ניט אופגעהערט צו רימען די פולע האַנט פון דעם בוירע, וועלכער ווײַזט אומעטום אַרויס זײַן זאָרגן זיך פאַרן מענטשנס גליק.

ווײַטער האָט ער אָנגעטראָפן עטלעכע בערג, וואָס ס׳איז שווער זיי דורכצוגיין. אַז ער האָט אַרופגעקלעטערט אָף איין באַרגשפּיץ, האָט ער דערזען אַן עקלהאַפטן בילד, וואָס האָט אופגערירט זײַן נעשאָמע: דער גאַנצער טאָל, ווי ווײַט ער האָט געקענט זען, איז געווען פאַרוויסט פון פײַער און שווערד. פאַר זיינע אויגן זיינען געלעגן מער ווי הונדערט טויזנט טויטע קערפּערס, וואָס זײַנען ניט געקומען צו קוורע נאָך דער בלוטיקער שלאַכט, וועלכע איז דאָ ניט לאַנג פאָרגעקומען אין דידאָזיקע ערטער. אָדלערס, שפּאַרבערס, ראָבן און וועלף האָבן נאָכאַנאַנד געפרעסן די טויטע קערפּערס, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז געווען פאַרזייט.

דאָסדאָזיקע בילד האָט אַרופגעפירט אונדזער פּיליגרים אָף טרויעריקע מאַכשאָוועס. צוליב באַזונדערע גוטסקײַט צו דעמדאָזיקן הייליקן מאַן האָט דער הימל אים געגעבן א יעדיִע אין דער שפּראַך פון די כײַעס. און דער הייליקער מאַן האָט געהערט, ווי א וואָלף, וועלכער האָט געפרעסן א מענטשלעכן קערפּער, האָט מיט היספּײַלעס אויסגעשריִען:

— אָ אַלאַך! ווי גרויס איז דײַן כעסעד צו דײַנע קינדער, די וועלף. דײַן כאָכמע פון פאָרויסזען האָט אָנגעשיקט א שיגאָען אָף די עקלהאַפטע מענטשן, וועלכע מיר האַסן. דער אַלמעכטיקער, וואָס זאָרגט זיך פאַר אַלע זײַנע באַשעפענישן, האָט

ארײַנגעגעבן א געדאנק דידאָזיקע אויסראָטער פון אונדזער מין, זיי זאָלן סאָפּקאָלסאָף איבערשנײַדן די העלדזער איינער דעם צווייטן און באַזאָרגן אונדז מיט פּראכטפולע שפּײַז. אָ אלאך! ווי גרויס איז דײַן כעסעד צו די קינדער, די וועלף!

* * *

אין דער קלוימערשטיקער הימל־ווירקלעכקײַט האָט דער מענטש געזוכט אן אויבערמענטש און געפונען נאָר די אָפּשפּיגלונג פון זיך זעלבסט (מ א ר ק ס).

י. ל. פּ ע ר ע ץ.

1852–1915

האַשגאָכע פּראָטיס.

„א פויגל זאָל צום מיטיק זײַן!
עס מוז זײַן!"
דער קוכער טראכט,
שטעלט א פאל פון ציגל אוף
און שלאָפט אדורך די נאכט!

קוים דער מאָרגנשטערן שײַנט,
„ציפּ־ציפּ־ציפּ"! שוין אפן דאך!
דערוואכט דאָס פייגעלע און זינגט
גאָט א שירע, גאָט א שוואך!

„ציפּ־ציפּ־ציפּ"! עס האָט דערזען!
צווישן ציגל דאָרט אף דער ערד—
„ציפּ־ציפּ־ציפּ"! גאָט דער גוטער
האָט א פרישטיק אים באשערט!

און ווי קלוג געלייגט די ציגל,
דען דער ווינט וואָלט אלץ צעיאָגט.
„ציפּ־ציפּ־ציפּ"! גאָט דער גוטער,
ווי זײַן כאָכמע שײַנט און טאָגט!

„ציפּ־ציפּ־ציפּ"! און פליט ארונטער
גלײַך צום אָנגעגרייטן גליק...
דער קוכער שטייט באם פענצטער גרייט,
שארפט דאָס מעסער שוין צום „כיק".

* * *

גאָט זיצט אויבן און באגראָבט אונטן (פ אָ ל ק ו ו אָ ר ט).

די שלאנגישע כאָכמע פון די גײַסטלעכע באשטייט אין זייער צוגעווינען די מאסן צו טויבן־שטילקייט

י. ל. פערעץ.

מאַלכוסע דעאַרע קעמאַלכוסע דעראָקיע.

1

מאַלכוסע דעארע קעמאלכוסע דעראָקיע—
אויבן און אונטן איז גלײַך.
ס׳גייען די דיעלעס אין בעסדין שעלמײַלע
גאנץ זיכער אף רוסישער שפראך.
א סודיא איז אײַנגעשלאָפן,
שיקער מינאסטאם,
ווײַזט זיך באלד דער פרעדסעדאטעל:
„יא טיע וו׳זובי דאם״.

2

קאטקאָוו האָט די גרעסטע דייע,
גאבע אין גאניידן:
בישטאָ קיין קלעק פון קרייסי פלייסי,
א לעק פון שפּאָלער זיידן.
ס׳קומט ארײַן דער סכיזשער מאגיד,
צי גאָר דער מאהאראל,
באווײַזט זיך באלד דער סאר שעל יאָוון:
„טי קודא נאכאל״.

3

סאמע מאָסקוויטער „סלאוסיא״,
און מע שפרינגט נאָר „סוויאט״.
אלץ פאשאָל, נאָר לאָט זאָל בלײַבן,
מיט אים לעבט מען בלאט.
פאר נויעכן האָט געבעטן לאָט,
מע לאָזט ארײַן דעם שפאק,
און אין דרײַען טרינקט מען יאיען:
פאָנקא ניע דוראק.

4

„האלעלוליע״ און „קאָל סלאוועָן״
און „באָזשע צאריא״.
גאָט אליין—ער הויבט זיך אונטער
און שרײַט מיט: „אורא״!
אין סאראפאן שײַנט גאָר די שכינע,
רוקט ער זיך צו איר צו!
זאָגט זי אים: „וואניא, וואניא,
וואניא, ניע שאלי״.

י. ל. פערעץ.

דער געטער-געשמאַק.

דער געשמאק איז, ווי בא א מענטשן,
בא די געטער אויך פארשידן—
קלינגען גלאָקן אין די קלויסטערס,
איז דער קריסטן-גאָט צופרידן.
„דין־דין־דין״—וויל דער קאטוילע,—
מוזיקאליש און זאבאוונע—
„בים־באָם־באָם! בים־באָם־באָם״!
שטארק און גראָב—דער פראוואָסלאוונע,

גאָר א זעלטענעם געשמאק
האָט אללא—דער מאכאמעד,
אז מע רופט אין שול ארײַן
אפן גאנעק פון מעטשעט...
אָריגינעל איז דאָך נאָר איינער—
דער פון קוגל און כארויסעס:
ער האָט ליב א „שמא־יִשׂראָעל״,
וואָס עס כראָפּעט אים א גויסעס.

מאָריס ראָזענפעלד.
(1862—1923)

אָפּגעשמיסענע געטער.

אַף אַלץ קומט אַ צײַט, אַפילע אַף די געטער.

דאַכט זיך אַזעלכע אופּטוער, אַזעלכע מעשונעדיקע בעריעס און פײַערדיקע גינעלניקעס, וואָס טראָגן דעם דונער אין בוזעם־קעשענע, און דעם בליץ אין אַרבל; וואָס רײַטן אַף די וואָלקנס און שפּאַצירן אַפּן וויכער, דאָך ליגט זיי די צײַט אַרוף אַפּן בענקל און „צימבלט“ אַרײַן, אַז עס איז גאָטס ראַכמאָנעס צו קוקן.

איך ווייס ניט, אויב זיי האַלטן זיך פאַרן הינטן אַזוי ווי מיר, ווען מען שמײַסט אונדז צוליב זיי... איך ווייס ניט, אויב עס טוט זיי וויי, נאָר איך פאַרשטיי, אַז אַן אָפּגעשמיסענער גאָט האָט אויך אַ פּאָנעם פון כּייזעק און איך וואָלט בעסער געוואָלט זײַן אַ שטאָלצער מענטש איידער אַן אָפּגעריבענער ריבוינע־שעלוילעם.

אין בריטישן מוזעום פון לאָנדאָן איז דאָס געווען. איך בין געשטאַנען און האָב באַטראַכט די אַלטע אָפּגעשמיסענע געטער פון מיצראַיִם, אַשור, באָוול, רוים און אוון, און אַ זעלטענעם אײַנדרוק האָבן זיי אַף מיר געמאַכט. איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט ערנסטע געדאַנקען און אין מײַן קאָפּ האָבן זיך געמישטערפורכט, שפּאָט, קאַעס און יִיעש. פאַרלאָרענע וועלטן האָבן אופגעוואַכט אין מיר, פאַרלאָרענע עמונעס און ציוויליזאַציעס. די בראָנזענע געשטאַלטן פון די אַסירישע קעניגן און די שוואַרצע עטיאָפּישע פיגורן פון אַלט־עגיפּטן. עס ברענען די מיזבייכעס און עס רויכערן זיך די באָמעס און די פּריסטער שטייען מיט פאַרגלאָצטע אויגן און זײַנען מאַקריוו קליינע קינדער, מאַכנדיק דערבײַ פאַרשיידענע מיִעסע און ווילדע האַוויִעס. נעבן דער געטן אַסטאַרטע איז אַן אַלטער ציגײַנער מיספּאַלעל ביִעכידעס: ער פּראַוועט נעבן איר „נעקיִעס“ און זאָגט דערצו „מיזמוירים“... דערבײַ שטייט אַ „רעווערענד“ און פּאַטשט אין די הענט און פּרעפּלט. ער פרייט זיך מיט דעם פרומאַק, דעם צאַדיק, דעם מײַמין, וואָס דינט גאָט מיטן גאַנצן האַרצן... ער וועט געוויס האָבן אוילעם־האַבע...

איך קוק אַף די אומבאַהאָלפענע, קאַלטע אומבאַוועגלעכע שטיקער גראַניט אין קלער: אָט באַ זיי האָט מען דאָס אַמאָל געבעטן ראַכמאָנעס, געזונט, פּאַרנאָסע, קינדער און אוירעך־יאָמים; פאַר אָט די לעכערלעכע, ווילדע פּאַרזעענישן האָט מען דאָס געבויט די קונסטפולע טעמפּלען, אַף וועלכער דער געני פון אַ מענטשהײַט האָט זיך דערליידיקט; פאַר זיי האָט מען געקוילעט ברוסט־קינדער, געקוילעט גאַנצע שוואָטים, גאַנצע נאַציעס...

איך האָב געפילט, ווי אַף זיי אַ שפּײַ צו טאָן, אָבער איך האָב אַ שפּײַ געטאָן אַף דער גאַנצער בריִע און אַף דעם פּאָסעק, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט, ווײַל איך זע דעם ריכטיקן הייפּעך.

אַזוי ווי די קלייזײַען, עס־געשיר און בגאָדים, זײַנען אויך די געטער געמאַכט לויט דעם פּאָרשריט פון די דוירעס. איך האַב אויך געזען אין מוזעום די אָרט

מענטשן, וואָס האָבן די געטער באשאפן, און א מערקווירדיקע ענלעכקייט האָט זיי פאראייניקט.

די געטער פון אלט־עגיפטן, אסירייען און באוויל‏אָניען האָבן אויסגעזען פאנטאַ־סטיש־מויר׳עדיק און מעשונע־ווילד. אָפּגעשפיגלט האָט זיך דאָס פינצטערע, אומזיכערע בלאָנדזשען פון דעם טענטשלעכן גייסט און דער טיפער געהיימניס פון נאטור און לעבן.

זעט א מין גאָט!

פערדישע פיס, אָדלער־פליגלען, א מענטשן־קאָפּ מיט א שטארקער גרויסער באָרד אין גרייזלען, דער איבעריקער טייל גוף איז אָקס און דער עק פון א לייב. דאָ האָט איר פארקערפערט הימל און ערד אף א מעויעמדיקן אויפן, און דאָס איז „ער" יאָ, „ער" טאקע אליין, דער מעלעך מאלכיי האמלאָכים. דאָ האָט איר אויסגעהאקט אין הארטן, טויטן שטיין די אידייע פון די מעכטיקייט, וואָס איז פול אומעטום. אונטן און אויבן, און איז איבעראל דער מעכטיקסטער, פול מיט רויע, ברוטאלע געוואלד, מיט גראָבער, אומגעהובלטער, פויסט־קראפט.

די גריכישע און רוימישע געטער זיינען קימאט אלע אין געשטאלט פון מענטשן, פרויען און מענער מיט רעגלמעסיקע גלידער און שיינע, אינטעליגענטע געזיכטער.

נאקעטע זיינען זיי אלע, מוטער נאקעט, די געשלעכטלעכע טיילן ארויסגעשטעלט פאר דער וועלט גאָר אָן א ברעקל כארפע... דאָ האָט איר פארייביקט אין ערדישן מאטעריאל די אידייען און פילאָזאָפיעס פון די אויפגעקלערטע יעוואָנים און רוימער. דאָ איז פארגעטערט די שיינהייט, די קונסט און די ליבע, וועלכע איז די איינציקע קראפט, וואָס האלט אויף דאָס לעבן.

איך האָב געזען, ווי אן אלטע, פרומע מויד מיט א ביבל אין האנט און א ציי־לעם אפן האלדז איז געשטאנען נעבן א גריכישן גאָט און האָט פון אים די אויגן נית אראָפּגענומען. זי האָט אים באקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און איז געווען שטארק פארינטערעסירט... זי האָט אָבער אויסגעדריקט א גרויס אומצופרידנהייט, פארוואָס מען טוט אים ניט אָן א פארטעך... באטראכטנדיק זייביידן, די בסולע און דעם גאָט, האָב איך געזען דעם גוואלטיקן אונטערשייד פון צוויי ציוויליזאציעס און מיר דאכט, ווי דער אָרעמער, נאקעטער גאָט האָט געקוקט אף דער צנוע אונ געשמייכלט. איך האָב אים, דאכט מיר, געהערט זאָגן: „ווען איך וואָלט געלעבט, וואָלט איך דיך אָן א פארטעך אויך ניט אָנגעקוקט"...

איין זאך טוט מיר אָבער שטארק האנאָע, וואָס אונדזער יידישן גאָט וועט מען קיינמאָל ניט קענען ארייַנשטעלן אין א מוזעום, ווייַל ס׳איז ניטאָ אין אים וואָס אָנצונעמען. ער איז א רועך, א גייַסט, א גרויסער, א שטארקער, אלמעכטיקער און אלהערשנדער „גאָר נישט"...

דאָס איז, ווי איך פארשטיי, די איינציקע סיבע פארוואָס ער האָט איבערגעלעבט אלע געטער.

וואָס באטרעפט ווייַטער אונדזער גאָט, איז דאָס אויך זייַן איינציקע שטיקל גליק, וואָס ער האָט זיך געמאכט פאר א „רויע וועאיינע נירע"־גאָט. ווען ער וואָלט כאָלילע געהאט א מאמאָשעס, וואָלטן אים מאנכע יידעלעך שוין לאנג פארשאכערט אין א

מוזעום צווישן די אָפּגעשמיסענע... דען מאַדאַך זיי בײַטן אים איצט אויס און פאַר־קויפן אים גאָר בלוי ריַע, ניט ווייַזנדיק די סכוירע, טאָ ווי וואָלטן זיי שוין מיט אים געהאַנדלט, ווען מען וואָלט אים געקענט א טאפּ טאָן און זען, אַז ער איז ווערט דאָס געלט?

אָפּגעשמיסענע געטער!

* * *

דאָס געלט פאַרניכטעט אַלע געטער און פאַרוואַנדלט זיי אין א סכוירע (מאַרקס).

מ. נאַדיר.
(געב. 1885).

גאָט פון ייִצכאָק.

מייַן גאָט האָט ליימענע פיס.
כײַלעוונע אויגן.
איך האָב אין האַנט אים א שפּיז
און א בויגן געגעבן.

שטייט ער, דער נאַרישער גאָט,
גרייט צו מילכאָמע.
ווערט שוין יאָרן און יאָרן אַזוי
אָפּשטיין מיסטאָמע.

מייַן הויזגעזינד ברענגט אים מאַטאָנעס:
שיסלען מיט טייטלען און ניס.
מ'לייגט אים די אַלע קאָרבאָנעס
צו זיינע צוויי ליימענע פיס.

ער מאַכט זיך ניט וויסן. די גייווע!
ער עסט ניט און גייט ניט אַרויס.
קיין איינע פון מענטשישע טײַוועס
פאַרפלעקט ניט זייַן האַרץ און זייַן שויס.

זיין שפּיז איז פאַרשטויבט און פאַרזשאַווערט,
זייַן בויגן מיט שפּינוועבס איז דיק.
ער האָט מיט דעם טויט זיך פאַרכאַווערט,
פאַרלעשער פון מענטשישן גליק.

אָ, ליימענער האר פון די געטער,
אָפּוּוערק פון מענטשישע הענט,
עס וועט דאָך, צי פריער, צי שפעטער,
דײַן ליכטיקײַט ווערן פארלענדט.

איך וועל מיך מיט דיר לאנג ניט קוויילן,
כ׳דארף האָבן דײַן פלאץ און דײַן ליים.
דײַן שפיז און דײַן בויגן וועט בלישטשען,
ווען איך וועל אים ניצן אליין.

די רעליגיע—אַ געווער פון קלאסן-הערשאפט און אונטערדריקונג

פ. לאפארג.

די טפילעס פון קאפּיטאליסט.

1. א טפילע צו גאָט.

פֿאָטער אונדזער, קאפיטאל אף דער ערד! גאָט דער אלמעכטיקער, וואָס ענדערט אין טײַכן די שטרעמונג און שנײַדט דורך בערג, וואָס צעטיילט קאָנטינענטן און פאראייניקט פעלקער; שעפער פון סכוירעס און קוואל פון לעבן, וואָס שאפט זיך מיט קייסאָרים און מיט אונטערטענער, מיטן באלעבאָס און מיטן ארבעטער, זאָל שוין דײַן מעמשאָלע ארויפנידערן אף דער גאנצער ערד!

שיק אונדז צו אסאך קוינים אף אונדזערע סכוירעס, אף די גוטע, ווי אויך אף די שלעכטע!

שיק אונדז צו אומגליקלעכע ארבעטער, וואָס זאָלן אײַנגיין אָן טײַנעס אף אלערליי ארבעט און באנוגענען זיך מיט די קלענסטע סכירעס!

שיק אונדז פֿאָשעטע מענטשן, וואָס זאָלן גלויבן אין אונדזערע האפטאָכעס!

צווינג אונדזערע באלכויוועס, זיי זאָלן סילעקן די כויוועס אינגאנצן, און דעם באנק—ער זאָל אָנעמען אונדזערע וועקסלען!

עפן קיינמאָל ניט פאר אונדז די טויערן פון דער „כויוועס-טפיסע" און לייז אונדז אויס פון ניטפארמעגלעכקײַט!

2. איך גלויב.

איך גלויב, אז דער קאפיטאל פירט אָן מיט דער מאטעריע און מיטן גײַסט. איך גלויב אין האכנאָסע,—זײַן געזעצלעכן זון, און אין קרעדיט—דעם הייליקן גײַסט, וואָס קומט פון אים ארויס און ווערט מיט אים צוזאמען געאכט.

איך גלויב אין גאָלד און זילבער, וואָס נאָכן פֿרובירן זיי אפן מאָנעטן־הויף צעלאָזט מען אין א שמעלץ־אויוון, און געדרוקטע מיט א שטאמפּ, דערשיינען זיי ווידער פאר דער וועלט, ווי א געזעצלעכע מאטבייע, וואָס צוליב איר שווערקייט לאָזט מען זי אראָפּ, נאָכדעם ווי זי האָט דורכגערייזט די גאַנצע וועלט, אין די אויצרעס פון באנק, קעדיי צו דערמונטערן די פאפירענע געלט.

איך גלויב אין פינפּפּראָצענטיקער רענטע, אזוי ווי אין פיר — און דריי־פּראָצענטי־קער און אין דער געזעצלעכער קאָטירונג פון ווערט־פאפירן.

איך גלויב אין דער קוויטונג פון די מעלוכישע כויוועס, וואָס פארזיכערט דעם קאפיטאל פון ריזיקע אין האנדל, אינדוסטריע און האלוואָעס.

איך גלויב אין פּריוואט־אייגנטום, דער פרוכט פון פרעמדער ארבעט, און זיין שטאנדהאפטיקייט אף דאָר־דוירעס.

איך גלויב אין דער אומפארמיידלעכקייט פון דאלעס, דעם ליוועראנט פון פאר־דונגענע ארבעטער און דער מוטער פון איבער־ארבעט.

איך גלויב אין דער אייביקייט פון געדונגענער ארבעט, וואָס באפרייט דעם אר־בעטער פון די דייגעס פון אייגנטום.

איך גלויב אין דעם פארלענגערונג פונעם ארבעט־טאָג, אין דער פארקירצונג פון לוין און אויך אין דער פאלסיפיצירונג פון פּראָדוקטן.

איך גלויב אין די הייליקע דאָגמ: וואָלוול קויפן, טייער פארקויפן; גלייכצייטיק גלויב איך אין די אייביקע פרינציפן פון אונדזער הייליקער קירך — פון דער אָפיציעלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אָמיין.

3. פריי זיך.

פריי זיך, אָרעמקייט, וואָס דריקט און אונטערטעניקט דעם ארבעטער, וואָס צערייסט זיינע גלידער דורך הונגער, שטענדיקע פייניקערן, וואָס פארורטיילט אים צו פארקויפן זיין פרייהייט און זיין לעבן פאר דעם שטיקל ברויט; וואָס בורעכט זיין צאָרן־מוט, וואָס ווארפט ארוף אפן פּראָדוצירער, אף זיין ווייב און קינדער צוואנג־ארבעט אף דער קאפיטאליסטישער קאטאָרגע; פריי זיך, אָרעמקייט גנעדיקע, הייליקע יונגפרוי, וואָס געבאָרט די קאפיטאליסטישע האכנאָסע, גרויזאמע געטן, וואָס גיט אונדז איבער דעם נידערטרעכטיקן קלאס פון ארבעטער, זיי געלויבט!

ליבע און פרוכטבארע אויבערארבעט, מוטער פון רענטע, באשירעם אונדז און אונדזערע נאָענטע! אָמיין!

מ. ווינטשעווסקי.

גאָט מאמאָן.

גאָט מאמאָן איז א גליקלעכער,
א ברייטלעכער,
א פעטלעכער,
א זאטער גאָט, א דיקלעכער,
א וואונדערבארער גאָט;

ער שיקט צו זײַנע קינדערלעך,
און קנעכטעלעך
פיל העכטעלעך,
פיל שעפסעלעך, פיל רינדעלעך,
און אלצדינג וואָס ער האָט.

ער גיט זיי שארפע מויעכלעך,
ניט וויציקע,
דאָך שפיציקע,
הייסט בויען זיי מיזבייעכלעך
פאר אים אין יעדער שטאָט.

זיי בויען אים אלטארעלעך,
די גרינדערלעך,
די שינדערלעך,
און אָפּפערן אים נארעלעך,
און היטן זײַן געבאָט.

ער פרייט זיך אף זיי קוקנדיק,
די קרעמערלעך,
די געמערלעך,
זיי זעענדיק זיך בוקנדיק
אין שטויב פאר זייער גאָט.

זיי זעענדיק, די ציפערלעך
פארכאפנדיק,
פארקלאפנדיק
פיל זילבער, גאָלד און קופערלעך,
דאן מאכנדיק באנקראָט.

און נאכעס פון זיי קלײַבנדיק,
פארשפיצט ער זיי,
באשיצט ער זיי
צו גאנווענען, פארבלײַבנדיק
די פנײַ פון יעדער שטאָט.

ער היט זיי מיט סאָלדאטעלעך,
וואָס שיסן גוט
און גיסן בלוט,
מיט ביקסעלעך, הארמאטעלעך,
מיט פולווער און מיט שראָט.

גאָט מאמאָן איז א גליקלעכער,
א ברייטלעכער,
א פעטלעכער,
א זאטער גאָט, א דיקלעכער,
א וואונדערבארער גאָט.

* * *

דער גאָט פון פראקטישער באדערפעניש און עגאָיִזם איז געלט...
געלט—דאָס איז דער אייפעריקער גאָט פון יִסראָעל, וואָס פאר־
טראָגט ניט קיין שום שכיינעס פון א צווייטן גאָט (מ א ר ק ס).

מאָריס ווינטשעווסקי.

פון גאָט מאמאָנס צען געבאָטן.

אויסגעשטאָפּט אזוי ווי א מאטראַץ, ברייט און גלאנציק ווי א טולער טאַץ, גייט אראָפּ אין וואָלקנס איינגעהילט, דער גאָט מאמאָן, פול מיט שטאָלץ דערפילט, האלט די נייַע לוכעס אין דער האנט, וועלכע ער דערלאנגט די פּריסטער פון זיין לאנד.—זיי, די דינער פון דעם קאַפּיטאַל, כעוורע־לייַט, גראָב, האבזיכטיק, ברוטאל, טאנצן ווי די ווילדע פאר גרויס פרייד, יובלען און שלינגען זייער העזנס רייד; כיטרע בליקן ווארפנדיק ארום, לויבן זיי אים מיט א שטילן ברום.—מיטאמאָל ווערט ווי דער טויט שטיל איבעראל. נאט אייַן׳, זאָגט דער געץ פון קאַפּיטאַל, סדאָרים נייַע אר דער אלטער וועלט, עכטע צען געבאָטן, קלאָר צונויפגעשטעלט, פאר די מענטשן, וועלכע איך מאך רייַך, צו פארבלישטשענען מייַן קעניגרייַך.—קומט אהער, איר אלע מייַנע קנעכט! ראַמט אוועק פוגדאַנען גלייַכקייַט, פרייַהייַט־רעכט: שטעלט זיך ארום מיר און הערט מיט קאָפּ מייַן טוירע, טוירע־קעטעף הייסט זי,— הערט און האָט קיין מוירע.

וידבר אלהי הכסף—און ס׳האָט גערעדט דער געלט־גאָט!

עס האָט געדונערט און געבליצט. גאָט מאמאָן איז ארויסגעריטן אף דעם גילדערנעם קאלב, האָט אופגעהויבן זייַנע לוכעס און, ווען די לופט איז געוואָרן ריין פון גאָלד־שטויב, פון פולווער, פון שוועבלגערוך און פון פּארע, האָט ער אויסגעשריען אינדערהויך די צען געבאָטן.

אנכי הכסף אלהיך—איך בין געלט דייַן גאָט!

הימל און ערד, הערט מיך אויס און זייַט וויסן: איך, קאַפּיטאַל, בין די זעל, דאָס געוויסן; איך מאך פארהונגערן, איך לאָז געניסן; שאלט איבער גאָלד־גרובן, טייַכן, וואָס פליסן; אָן מיר ווערט אלעס פארניכטעט, צעריסן! איך קען פארגיפטן און איך קען פארזיסן—יעדערנס פעטן און מאָגערן ביסן; איך הערש אליין, איך אליין מעג פארגיסן—בלוט אין מילכאָמעס, איך גיב פאר א קישן—מענטשן דערמאָרדעטע שטיינער אין פעלד, ווייַל איך אליין בין דער האר פון דער וועלט; איך ברענג די וואָרעמקייַט, איך ברענג די קעלט, איך הערש אליין פון עק־וועלט ביז עק־וועלט; איך בין גאָט דער מאמאָן, מיין טוירע איז געלט!

זכור את יום השבת לקדשו—געדענק דעם שאבעס־טאָג צו פארהייליקן אים!

איין טאָג אין וואָך גיט דעם ארבעטער רו, גלייַך מיטן פערד, מיטן אָקס, מיט דער קו; קרימט ער זיך, זאָגט צו אים: באָכער, הערצו, מאכסטו האווייַעס, דאן גייסטו אים—נו, דאן קענסטו רוען מיט „לאופערס“ ווי דו—איר, מייַנע קינדער, האָט אָבער דאָס רעכט, אויב איר באַדארפט האָבן שאבעס א קנעכט, פלייש אייַך צו בראָטן, צו שמערגלען א העכט, אלץ צו דערלאנגען וואָס גוט איז און עכט—אייַערע

דינער, דעם לומפן־געשלעכט, נאָר ניט צו געבן קיין רו, ווייַל דאָס ברעכט בעסער די כעוורע אין יאָך, איר אָבער רוט יעדן טאָג אין דער וואָך!

לא תרצח—זאָלסט ניט מאָרדן!

קיינעם זאָלט איר, מייַנע זין, ניט דערשלאָגן, וואָסערע אויצרעס איר זאָלט ניט פארמאָגן, דאָס איז א שווערע אווירע צום טראָגן, לייגט זיך אזוי ווי א שטיין אייַך אין מאָגן, אָבער איר דארפט זיך ניט קוועלן און פלאָגן, אויב עס זאָל קומען אייַך עמעצער זאָגן, אז דורך א קעסל, וואָס אים האָט צעטראָגן דאמף אין פאבריק, בא אייַך האָבן געקראָגן עטלעכע מענטשן די מויכעס צעשלאָגן, וואָס איבער זיי שטייען איצטער און קלאָגן עטלעכע אָרעמע שטיקלעך נעשאָמעס, שילטנדיק קעסלען מיט קלאָלעס און כראָמעס. דאָס ארט ניט אייַך, טוט זאָגאר אף מילכאָמעס, סייַ צוליב גאָלד, סייַ צו נעמען נעקאָמעס, סייַ קעדיי צו קריגן א בענדל אן אָרדען; מער ניט, פורפלאט זאָלט איר קיינעם ניט מאָרדן.

לא תנאף—זאָלסט ניט נויעפן!

אומציכט זאָלט איר, זין, ניט טרייַבן מיט ווייַבער, וועלטלעכע צנועס און הימלשע ווייבער, איר קריגט גענוג איבערגעגעבענע לייַבער, וועלכע דער הונגער, דער טונגט־פארטרייַבער, ברענגט אפן מארק צו פארקויפן, פארדינגען, פילע פון זיי קענען שפילן און זינגען (אָפט אזא ניגן, וואָס קען ארויסדרינגען טרערן פון אויג, מאכן הערצער צעשפרינגען, אָבער דאָס שאט ניט, אז איר זאָלט זיי דינגען), לאָזט וועגן דעם נאָר די גלאָקן ניט קלינגען, הייסט אין א פאסטקע פון זילבער זיי ברענגען, געלט וועט צו בלייַבן געטרייַ אייַך זיי צווינגען, דאנקט מיר, גאָט־מאמאָן, מייַן גילדערנעם טראָן, איך בין דער פאָטער פון פראָסטיטוציאָן, טשעפּעט נאָר שכיינים ניט, זייַט מיר גע־שייַט, לאָז מע אייַך האלטן פאר ערלעכע לייַט.

לא תגנב—זאָלסט ניט גאנווענען!

פראָסטע גנייווע זאָלט איר ניט בארירן, דאָס קען צו קיין זאך כוץ טפיסע ניט פירן. איר, רייַכע מענער, זאָלט זיך ניט פארשמירן מיט א כאפ־לאפ, וועלכע פאסט ניט פאר גווירן, דאן איז אויך שווער דער אליין מאנעווירן, האָבן א שוטעף—הייסט ווידער האלבירן. אָט דאָס לאָזט איבער צום גאנעוו האקאָטן, איר אליין נעמט זיך צו גרויסע באנקראָטן. דאכט זיך, איר זייַט, מייַנע קינדער, געראָטן, זעט נאָר צו טאָן ווי איך האָב אייַך געבאָטן, שפילט מיר אין טאקט און שפילט נאָך די נאָטן, דאן וועט ניט טרעפן קיין שום מייַסע־סאָטן. אויך קענט איר ווערן מיט גאָלד אָפגע־שאָטן, ווען איר זאָלט טרעסטן אין אמעריקע גרינדן: פרייַע נאציאָנען לאָזן זיך שינדן; פלעכטן די שטריק זאָגאר, וועלכע זיי בינדן. איין זאך פארבאָט איך אייַך אייש־אולעהאָווים, זייַט מיר ניט קינדער קייַן פראָסטע גאנאָווים.

לא תחמד—זאָלסט ניט גלוסטן!

לאָז ניט געלוסטן אייַך עמעצנס רינדער, עמעצנס דינער, מעטרעסן און קינדער, ווארפט אזא כיישעק אוועק וואָס געשווינדער, אויב איר ווילט ווייַטער (ווי הייַנט) זייַן די גרינדער פון נייַע טעמפלן פאר מיר, אייַער גאָט, טעמפלען דערהויבענע אין

יעדער שטאָט. איַיך דארף געלוסטן דעם צווייטנס מיליאָנען, וואנדערבילטס אייגנס און פינקערטאָנס שפינען, קריספיס באנדיטן און פרייַסנס קאנאָנען; אָבער א קליינ־קייַט טאָרט איר ניט וועלן, און דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב צו באפעלן.

* * *

> ... דער יידישער איינגאָט איז אין דער ווירקלעכקייַט דער פיל־גאָט פון פיל באדערפענישן; א פילגאָט, וואָס שטעלט אפילע דעם אָפּטרעט, ווי אן אָביעקט פון געטלעכן געזעץ (מארקס).

י. י. לינעצקי.

1839—1915.

וואָס ווער עס בעט צום נייַעם יאָר.

ס'איז שוין ראָשעשאָנע און איך בין שוין מיטן טאטן איז קלויז און פרווו מיך ווייַנען, נאָר ווי איך זע, איז די זאך ניט אזוי גרינג, ווי איך האָב געמיינט! איך קרים פיסקעס, איך קוועטש מיט די אויגן... עס גייט ניט! און בעעמעס, וואָס זאָל איך ווייַנען? די טפילעס אליין האָבן מיך ווייניק גערירט... איך האָב א קוק געטאָן, אז באלד אָקאָנטשעט מען שוין שמוינעסרע און איך בין גאנץ ווייַט פון טרערן, האָב איך זיך מעיאשעוו געווען: אנו, לאָמיר זיך גיין אונטערהערן צו די יידן, וואָס וויי־נען זיי,—וועל איך זיך אויך עפשער אויסלערנען ווייַנען?... גערעדט און געטאָן. און איך בין מיר שוין טאקע לעם ראָווס סטענדער—צו מייַן גליק, אז די יידן ווייַנען און דאווענען, זאָגן זיי אף פראָסט יידיש אסאך ווערטער, וואָס שטייען גאָרניט אין סידער. ווי איך הער, ווייַנט אזוי דער ראָוו מיט הייסע טרערן: „אובעכיין, ריבוינע שעלוילעם! דו ווייסט דאָך יאָ, אז פיניע דער שויכעט איז ניט גענוג פרום! קוילן מיט א שטשערבאטן כאלעף מאכט בא אים אויך ניט אויס. נאָר ווייַל איך האָב א פלאטשיקן קאָפּ און בין ניט אזא באָקי אין די ארבא שולכאָנאָרעכס, דעריבער קומט מיר, ער זאָל מיך רוידעפן און מעווייעש זייַן בא יעדער שייַלע, בא יעדער דין־טוירע?!.. שיק זשע אף אים אָן, ריבוינעשעלוילעם, האָמאָנס מאפאָלע צו נייַעם יאָר, ער זאָל שוין פארגעסן ווי ער הייסט"! ווי איך האָב דאָס דערהערט, איז מיר באלד אייַנגעפאלן: אנו, לאָז איך זשע הערן, וואָס ווייַנט דער שויכעט?... איך קום צו צו זייַן סטענדער, הער איך, ווי ער ווייַנט: „אובעכיין, ריבוינעשעלוילעם! דיר איז דאָך באוווסט, אז דער ראָוו איז אן אמאָרעץ, פארוואָס זשע קומט אים א כיילעק פון מייַנע סכירעס? ווייַז זשע ארויס, גאָטעניו, דעם קאָוועד־האטוירע און לאָז גאנץ קאָהאָל זיך צעבונ־טעווען און אים מאווור זייַן פון ראבאָנעס". בין איך צוגעגאנגען צום סטאראָסטעס סטענדער, הער איך, ווי ער ווייַנט אזוי ערנסט: „אובעכיין, ריבוינעשעלוילעם! ווו

זײַנען דײַנע ניסים־וועניפלאָעס, וואָס אונדזערע אָוועס האָבן דערציילט פון דיר? פאַרוואָס מײַן זיידע, מײַן טאטע האָבן אַלע יאָר א נאבאָר, און איך — נאָר איין מאָל אין דרײַ יאָר?... זיי האָבן דאָך געפירט צען רעקרוטן אף איין קייט, און איך גיב א קייט אף יעדער רעקרוט באזונדער... זיי האָבן אָפּגעגעבן די שענסטע באַלעבאַטישע קינדער פון שטאָט און איך לייג מיך, אינדערלענג און אינדערברייט — איך לאָז נאָר אָפּגעבן פּאָימעניקעס, מעג זײַן מיט א פּראַשפּאָרט, מעג זײַן מיט א באָרד אריבער כאמישים... אפילע א מאן פון א ווײַב און קינדער, אפילע א בעןיאָכיד בא אן אלטער בלינדער אָרעמער מאמען — איז מיר אלציינס! איך צערײַס דעם פּראַשפּאַרט און שטעל מיך דערמיט אײַן דאָס לעבן; איך פליק אים אויס די גרויע האָר פונעם קאָפּ... האקלאַל, איך טו קאָל האַפּאסלאָנעס שעבעוילעם און גיב זיי אָפּ פאר סאָלדאטן, אבי מײַן קאָהאָל צו פאַרהיטן... צוס סאָף האָט מײַן זיידע, אָלאָוועהאשאָלעם, געלאָזט נאָך זיך א ראד געמויערטע קלייטן; און מײַן טאטע, זיכרוינע ליוורעכע — א מויער אין דרײַ גאָרן אף א גאנצן קווארטאל... און איך האָב מיך, קאם מיט צאָרעס, צוגעשלאָגן צו א פּריציש הויפל אף פּאַראַדנע פּלאַץ, צו א פערדישער מיל, א דוואָריאנסקע בײַדל, א פינף הילצערנע קלייטלעך, מישטיינס געזאָגט, און נאָך עפּעס, ווייס איך דאָרט, א יאטקע מיט צווײ דרײַ שענקען — און א מײַסע מיט אן עק!... עמעס, כאסענע געמאכט מײַנע דרײַ מיידעלעך, זאָלן לעבן, אָבער וואָסערע איידעמלעך האָב איך גענומען? צאצקעס, טאכשיטימלעך, אז דו, גאָטעניו אליין, מעגסטו מעקאנע זײַן אף זיי... העלף זשע מיר, גאָטעניו, און שיק ארײַן דעם מיניסטער אין קאָפּ ארײַן, ער זאָל גויזער זײַן — פראָמיר — כאָטש צוויי נאבאָרן אין יאָר! פון די הײַנטיקע יונגע אפּיקאָרסימלעך וועט אפילע סטײַען אף דרײַ נאבאָרן א יאָר... לאָזן זיי, אָט די, וואָס טוען פון זיך אָפּ דעם אויבערשטנס יאָך, אָט די העפּקער־יונגען, מוירע באקומען פאר גאָט און פאר לײַטן". אוועקגייענדיק פון סטאַראַסטע, האָב איך מיר אָנגעשלאָגן עפּעס אין א גאנץ גרויסן סטענדער. איך קוק מיך צו, דאָס איז דער גאבע פון דער כעוורע־קאַדישע. „אָ, טראַכט איך, לאָמיך אומישנע הערן, וואָס וויינט ער?" — איך הער מיך צו. וויינט ער אזוי גאנץ שטיל, קאם וואָס מע הערט: „אובעכיין, ריבוינעשעלוילעם, נעכטן האָב איך אומישנע אונטערגערעכנט דעם פּינקעס פון די מייסים אין יענעם יאָר. זײַנען בעסאכאקל געוועזן 52 שטיק אכוץ אויפעלעך און מאַפּעלעך, דאָס הייסט — קאם־קאם א מעס אף א וואָך! אײַ, דאָס איז אונטער זיי געוועזן בלויז קאבצאָנים?... נו, פרעג איך דיך, ריבוינעשעלוילעם, קען איך דען פון דעם לעבן, ווי לײַט לעבן?... מיילע, די קאשע, איך זאָל דיך בעטן אף אסאך מייסים — איז עפּעס ווי קעגן דײַן ווילן... בעט איך דיר, גאָטעניו, באשער מיך אפן נײַעם יאָר א פינף־זעקס, פעטע, געפּאשעטע מייסימלעך... דו ווייסט דאָך, גאָטעניו, וואָס איך מיין... און דערנאָך וועל איך דיך ווײַטער בעטן, דו זאָלסט מיר געבן די געלערנטע מיט די געבולבעטע אין די הענט ארײַן, וועל איך שוין וויסן, ווי מיט זיי זיך אָפּצורעכענען... אָט ליגט, אשטייגער, דער יאַקטער געליימט שוין דרײַ כאדאָשים, ווי א גוילעם, מוטשעט זיך און מוטשעט זיך, דער רוען ווייס פונדעסטוועגן?... אמער מאך איך אים אָפּ שוין די שפּיל און זיי אים

מעשאלייעך אהין, אין די ווארעם-בעדער... צום געהענעם-שאמעש אף א קור; אי ער וועט גענעזנט ווערן און איך וועל דערוויל אָפּלעקן א פעטביינדל". איך בין נאָך בא עטלעכע סטענדערס אויסגעווען און קימאט אלץ אזעלכע טרערן, וועלכע האָבן מיך באריירט צו לאכן מיט פיאווקעס, אָבער קלאל ניט צו וויינען...

י. ל. פּערעץ.

ער און איך.

זאָגסט: „די האקעסעף", שרייבסט: „די האזאָהאָוו" !
דיין איז וואָס ס'איז נאָר פאראן!
דו, גאָט, ביסט רייך! ליידער בין איך
א קאבצן, אן אָרעמער מאן.

י. ל. פּערעץ.

גאָטס כעסעד.

דו ביסט דאָס ראכמאָנעס, דער כעסעד אליין!—
מע וואָלט אונדז אף קאשע צעריבן!
עס וואָלט פונעם שעפּעלע צווישן די וועלטן
קיין סאָריד-אופאָליט געבליבן!

הונגעריק זיינען און דורשטיק די וועלף —
עס וואָלטן שוין ביינער געלייכט!
ווען נישט דיין נאָמען, דיין הייליקער נאָמען,
געלויבט זאָל ער זיין און געהייכט!

דיין אייגן שעפּעלע האָסט דו געוואָרפן
צווישן די וועלף מיט א טנאי:
„אָט האָט איר דאָס שעפּעלע, ראבויסים, און פרעסט
אייוורים נאָר מין האכיי.

שארפט אייך די נעגל און רייסט פון אים פאסן
מיט ציינער! און בלוט זאָלט איר כליפען!
נאָר נישט צו טויטן, וועלף, כאטוועשאָלעם!
עס מוז אייביק זשיפען"!

אָ, פאר דעם „אייביק״, ווי דאנקט דיר דאָס שעפעלע
שטענדיק—סײַ ווינטער, סײַ זומער!
וואָס מער מע צופּט עס, וואָס מער מע רײַסט עס,
ווערט עס אלץ הייליקער, פרומער!

און העכער דערהויבט זיך זײַן הייליקער „מע״!
ווי דאנק איך דיר, גאָט, אין דער נויט!
ריבוינעשעלוילעם! אך! „מע—מע—מע!״
נאָך נישט דערקוילעט אף טויט!

* * *

אימרו לעלויהים[1]—כאָטש שרײַ צו דער וואנט (פאָלקוואָרט).

סינקלער לויס

הײַנטצײַטיקער אמעריקאנער ראָמאניסט (געב. 1885)

אונטער פיר אויגן.

כאָטש אין זעניט זײַנען געווען קימאט פירהונדערט טויזנט אײַנוווינער און אין באנדזשאָ קראָסינג בלויז נײַנהונדערט נעפאשעס, איז פונדעסטוועגן דער אופנאם־באנקעט לעקאָוועד עלמערן, וועלכער איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אינעם אונטערשטן עטאזש פון קלויסטער־געבײַדע אין זעניט, געווען מערקווירדיק ענלעך אפן אופנאם־ווארמעס אין באנדזשאָ. דאָ זײַנען געווען אויך אזוינע איינפאך־געקליידטע ברידער מיט מאזאָליקע הענט, אויך אזוינע אויסגעדיקנטע שוועסטער, באַרימטע מיט זייער באקן זיסע פירעזשקעס, אויך אזוינע פלינקע מענטשעלעך, וועלכע האָבן ליב געהאט צו לעצעווען. דאָ איז אָבער געווען אין פינף מאָל מער אוילעם, און עלמער איז געווען א ליבהאָבער פון צאָל.

ס׳איז געווען ניט שווער צו דערקענען, ווער פון די אָנוועזנדע מיטגלידער פון גאבאָים־קאָמיטעט באם קלויסטער האָבן מער פארדינט זײַן אופמערקזאמקײַט. דער עלטסטער, ערנעסט אפּפּעלמוס, איז געווען אן אייגנטימער פון א גרויסער קאָנדי־טערײַ־פירמע. ער איז געווען ענלעך אף א גראָבטשינקן צעטראָגענעם יינגל, וועלכער איז פלוצלינג אופגעבלאָזן געוואָרן צו א געוואלטיקער גרייס; ער איז געווען זייער רײַך, ווי עלמערן האָט א שעפּטשע געטאָן מיס בענדל. ער האָט ניט געוווסט, ווו זײַן געלט אהינצוטאָן, און ער פלעגט דאָס פאטערן אף בריליאנטן פאר דער ווײַב און אף גאָט־

---

1) דער ווירקלעכער טײַטש—זאָגט צו גאָט.

זאכן. עלמער איז געווען אויסערגעוויינלעך פרײַנטלעך מיטן מיסטער אפפעלמוס און זײַן ווײַב.

ניט אזוי רײַך, אָבער נאָך מיט מער אײַנפלוס, ווי עלמער האָט פארשטאנען, איז געווען ריג, א באוווסטער אדוואָקאט פאר קרימינעלע אינײאַנים, דער הויפט־מאשגיעך פון קלויסטער.

מיסטער ריג איז געווען א קליין מענטשעלע מיט טיפע קנייטשן אפן פּאָנעם מיט פרײלעכע דורכדרינגענדיקע אויגן. ער איז געווען, ווי עלמער האָט עס טײַקעף דערפילט, א גוט־ברודער בא א פלעשל. זײַן פרוי האָט געהאט א מיידלשן פּענעמל, א קײַלעכיקן, א צארטן און א בלאָ־אויגיקן, כאָטש זי איז שוין געווען אריבער פופציק. איר געלעכטער איז געווען א פריילעכער און אן אָנגענעמער.

„אָט מיט דערדאָזיקער פּאָר קאָן מען זיך פרײַ צונויפגיין",—האָט עלמער באשלאָסן און זיך געהאלטן נעענטער צו זיי.

ריג האָט געזאָגט:

— הערט נאָר, הויכווירדיקער, פארוואָס זאָלט איר מיט אײַער ליבער פרוי ניט א פּאָר טאָן פונדאנען צו אונדז? מיר וואָלטן זיך פילן פרײַ, זיך גוט אָנגעלאכט, מיר וואָלטן אָפּגערוט פון דערדאָזיקער לאנגווײַליקער קאָמפּאניע.

— מיטן גרעסטן פארגעניגן!—אָנעמענדיק די אײַנלאדונג, האָט עלמער א טראכט געטאָן, אז גלײַכער וואָלט געווען זיך צו באגיין אָן קלעאָן, אויב ער וויל זיך האלטן און פילן פרײַ.—מיטן גרעסטן פארגעניגן; כ'האָב נאָר מורע, אז מײַן פרוי האָט, נעבעך, שטארקע קאָפּשמערצן. מירן זי באלד אָפּשיקן אהיים, און איכל פאָרן מיט אײַך.

עלמער איז געווען שטארק צופרידן, זעענדיק, אז ריג האָט א לימוזין מיט א שאָפער; אים איז גאָר ווייניק אויסגעקומען ביזאהער אף אזוינעם צו פאָרן. ער האָט ליב געהאט, אז בא זײַנע ברידער אין קריסטוסן זאָל זײַן א גוטער אַרויספאָר. דער אָנבליק פונעם לימוזין האָט אים אָבער ניט דערלאָזן זיך האלטן אזוי גוטברו־דעריש מיט די ריגס, נאָר מער דערעכערעצדיק און בוימלדיק. און ווען זיי האָבן איבערגעלאָזן קלעאָן לעבן האָטעל, האָט עלמער זיך גראציעז צוריקגעוואָרפן אפן פּליושענעם געזעס, געמאכט א פּאָטעשן זשעסט מיט דער האנט און ארויסגערעדט:

— ווי הארצלעך זיי האָבן מיך באגריסט, דידאָזיקע ווילדע מענטשן! איך בין אזוי דאנקבאר! וואָס פאר א באגײַסטערנדיקע הארץ־אויסגיסן!

— הערט זיך אײַן,—האָט ריג א שמייכל געטאָן,—בא אונדז מעגט איר אָפּלייגן די פרומקײַט אָנאזײַט! מײַן פרוי און איך האָבן ליב די רעליגיע, מיר האָבן ליב די גוטע אלטע הימנען, זיי דערמאָנען אונדז אָן אונדזער קליין שטעטעלע, וווּ מיר זײַנען געבאָרן געוואָרן. און מיר זײַנען זיכער, אז די רעליגיע איז א גלענצנדיקער מיטל אף צו האלטן אין צוים דאָס פאָלק: זי צווינגט דעם מענטשן צו טראכטן וועגן דערהויבענע אינײאַנים, אָנשטאָט די אלע שטרײַקן, פראגעס וועגן ארבעטלוין און וועגן דעמדאָזיקן גאנצן טײַוול־געקעכץ, וואָס רײַסט אונטער אונדזער גאנצן אינדו־סטריעלן רעזשים. און מיר געפעלט א גוטער מונטערער פריידיקער, וועלכער קאָן

באהערשן די אופמערקזאמקייט פון די צוהערער. דעריבער בין איך גערן א מאשגיעך פון קלויסטער. אָבער מיר זייַנען ניט פרום. און יעדעס מאָל, ווען ס'וועט זיך אייַך וועלן אראָפּווארפן פון זיך דאָס אַלץ און זייַן, ווי איר זייַט — און איך רעכן, אז אזא געזונטן יאט, ווי איר, דארף גאנץ אָפט נעמען איבלען פון די כליפּעניִשן פון די גלויביקע שוועסטער, — איז אָט, איז קומט דאן צו אונדז, און אויב ס'וועט זיך אייַך וועלן פארויכערן אָדער ארונטערלאָזן א גלעזל מיט לעבעדיקן טראָפּן, ווי איך טו — איז מיילע — מיר וועלן דאָס גאנץ גוט פארשטיין. ניט עמעס, מייַן ווייַב?

— נו, פארשטייט זיך! — האָט מיסיס ריג באשטעטיקט. — און אויב די קעכן וועט ניט זייַן אינדערהיים, וועל איך זיך ארייַנכאפּן אין קיך און אָפּקאָכן אייַך א פּאָר אייער. און אויב איר וועט ניט אויסזאָגן די איבעריקע ברידער, איז קאָן זיך אַלעמאָל בא אונדז געפינען א פלעשל צוויי עמעסדיקע ביר. איר האָט דאָס ליב?

— צי איך האָב ליב? — האָט עלמער אויסגערופן מיט סימכע. — נאָך א מין! איך מוז זאָגן, אז עס איז א גרויסע דערלייַכטערונג צו האָבן אין קלויסטער אזוינע פרייַנט, מיט וועמען מ'קאָן פרייַ ריידן, ניט איבערשרעקנדיק זיי אף טויט. אסאך פון דידאָזיקע מיספּאַלעלים קומען מיט א הייליקער מינע... ליבער גאָט, זיי ווילן גאָרניט דעם פּאסטער דערלויבן צו זייַן א מענטש מיט אַלעמען גלייַך... איך וואָלט וועלן זיך מעיאשעוו זייַן מיט אייַך, ברודער ריג, — האָט עלמער זיך געווענדט צו ריגן, בייס מיסיס ריג האָט דערלאנגט סאלאט צו די קאלטע הינדלעך, — אין דער ערשטער דראָשע מייַנער דאָ וויל איך זאָגן עפּעס קלוגעס, ס'הייסט, עפּעס אזוינס, וואָס זאָל צווינגען אַלעמען צו ווערן אופמערקזאם און צו האָרכן. וואָס האלט איר, אשטייגער, וועגן א ניט קיין גרויסער דאָזע פּאציפיזם?

— ע?

— איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. נאטירלעך, אין דער צייַט פון מילכאָמע בין איך אויך געווען אזא פּאטריאָט, ווי יעדער אנדערער — בין ארויסגעטראָטן אף מיטינגען און — נאָך א כוידעש, וואָלט איך שוין געווען אין מונדיר. נאָר איך פארזיכער אייַך, אייניקע קירכן האָבן געהאט דערפאָלג, ווען זיי האָבן איצט, בייס די מילכאָמע האָט זיך שוין מיט מאזל געענדיקט, גענומען שרייַען וועגן פּאציפיזם. אין דערדאָזיקער ריכטונג זייַנען ארויסגעטראָטן אסאך פון די גרעסטע פּריידיקער. אף וויפל איך האָב געהערט, האָט נאָך דאָ אין זעניט אף דער טעמע קיינער ניט גערעדט, און דאָס קאָן ארויסרופן א גרויסע סענסאציע.

— יאָ, דאָס איז אזוי. און, פארשטייט זיך, דעם פּאציפיזם דארף מען דורכפירן, קאָלזמאן ס'איז ניטאָ אין פּערספּעקטיוו קיין נייַע מילכאָמע.

— און ווי רעכנט איר, — איר קענט דאָך די היגע געמיינדע, — וועט דאָס ניט מאכן אף זיי א שטארקן אייַנדרוק אזא מין איידלמוטיקע דראָשע אין אזא, אזוי צו זאָגן, פּאָעטישן סטיל? אָדער וואָס, אשטייגער, וועט איר זאָגן וועגן א גוטער, האסטיקער, אָפּענער אטאקע קעגן פארדאָרבענע זיטן? איך האָב אינזינען שיקרעס, אויסגעלאסנקייַט — לעמאָשל, קורצע קליידלעך... אף נעמאָנעס, די מיידלשע קליידלעך ווערן מיט יעדן יאָר אַלץ קירצער!

— אָט דאָס איז א זאך, פאר דעם שטים אין!—האָט ריג אונטערגעכאפּט.—אָט מיט דעם קאָן מען זיי נעמען. אף צוציִען דעם האמוין איז ניטאָ קיין בעסערע זאך, ווי א גוט, געשמאק און פעט שטיקל מוסער וועגן פאָרדאָרבנקייַט. יאָ, סער! מוטיק אטאקירט דאָס אלץ—די שיקרעס, די שרעקלעכע געשלעכטלעכע צעלאָזנקייַט, וועלכע צעוואקסט זיך פאר דער לעצטער צייַט.—מיסטער ריג האָט פארטראכט צוגעגרייט דעם באלעבנדיקן געמיש, צונויפגיסנדיק דאָס פון פארשיידענע פלעשער; ער האָט דאָס אָבער געמאכט ניט צו שטארק, מאכמעס אפן אנדערן טאָג אינדערפרי האָט ער באדארפט פארטיידיקן אין געריכט א דאמע, וועלכע ווערט באשולדיקט אין האנדלען בישטיקע מיט ווייַן.—יאָ, ריכטיק! אנדערע זאָגן, אז אזעלכע דראָשעס מאכן א סענסאציע, נאָר איך ענטפער אף דעם שטענדיק: אויב נאָר דער פאסטער ציט צו אין קלויסטער אן אוילעם—און זייער ניט פיל פארשטייען, ווי שווער עס איז צונויפצושטעלן א גוטע דראָשע וועגן פארדאָרבנקייַט, גוט אופצוטרייסלען דעם אוילעם און ניט ארייַנפאלן אין א צו סקארבאָוון טאָן—אויב נאָר איר ציט צו אן אוילעם, קאָנט איר אים אונטערטראָגן דעם גוטן, סאָלידן, אלטן גלויבן, ווייַזן אים דעם וועג צו דערהויבונג און לערנען אים זיך אונטערוואַרפן די געזעצן און ערלעך טאָן אן ארבעט פאר ערלעכן לוין, אָנשטאָט דעם, וואָס ער זאָל יעדע רעגע קוקן אפן זייגער, ווי דאָס טוען מייַנע קלערקן, וועלכע טויגן פארן שווארציאָר. יאָ, אויב איר ווילט וויסן מייַן אייצע, פּרוּווט די טעמע „פארדאָרבנקייַט”... הערסטו, מייַן ווייַבעלע, ווי מיינסטו, דעם פאסטער וועט שאָקירן דער אנעקדאָט, וואָס מארק האָט אונדז דערציילט וועגן דער שטובן-מיידל מיטן קאָמיוואָיאזשאָר?

עלמער איז ניט געווען שאָקירט. אגעוו, האָט ער אליין געהאט אנטקעגן אן אנדערן מער פיקאנטערן אנעקדאָט.

אהיים איז ער אוועק איינס אזייגער באנאכט.

* * *

ס'זייַנען זייער וויכטיק אלע מאטעריאלן, וואָס זייַנען שייַעך צו די פאריייניקטע שטאטן פון צאָפן-אמעריקע, ווו עס ווייַזט זיך ווייניקער ארויס די אָפיציעלע קאזיאָנע מעלוכישע פארבינדונג צווישן רעליגיע און קאפיטאל. דערפאר אָבער ווערט אונדז קלערער, אז די אזוי-גערופענע „מאָדערנע דעמאָקראטיע” (פאר וועלכער עס שלאָגן זיך אזוי זינלאָזיק קאָפּ-אָן-וואנט די מענשעוויקעס, עסערן, טיילווייַז די אנארכיסטן א.א.וו.) שטעלט מיט זיך פאָר ניט וואָס אנדערש, ווי פרייַהייַט צו פריידיקן דאָס, וואָס דער בורזשואזיע לוינט צו פריידיקן; און פריידיקן לוינט איר די אמערסטן רעאקציאָנערע אידייען, רעליגיע, פינצטערניש, דאָס פארטיידיקן די עקספּלואטאטאָרן א.ד.ג. (לענין).

מאָריס ראָזענפעלד.

גאָט פארלאָזט ניט.

וועו גאָט איז מײַן שפּײַזער, וואָס האָב איך צו זאָרגן?
פארזאָרגט ער מיך הײַנט ניט, פארזאָרגט ער מיך מאָרגן.
געדויערט עס לענגער, דאן הייסט ער מיר באָרגן;
דאן הייסט ער מיר באָרגן, דאן הייסט ער מיר לײַען.
וועו גאָט איז מײַן שפּײַזער, דאן פעלט ניט צום קײַען;
וועו גאָט איז מײַן שפּײַזער, דאן—בין איך א קײַזער,
ווי וויל איז דעם מענטשן, וואָס גאָט איז זײַן שפּײַזער!—
אפן לעצטן פאל הייסט ער אים גיין אין די הײַזער.

וועו גאָט איז מײַן פאסטעך, דאן פעלט מיר קײַן פּאשע.
ער הייסט זיך מיר שטאָפּן מיט כומעש און ראשע.
וועו גאָט איז מײַן פאסטעך, טאָ פרעג מיר קײַן קאשע;
דאן דארף איך קײַן צאר און קײַן שווערעניש טראָגן,
דאן גיי איך מיר לײַכט, מיט א ליידיקן מאָגן,
א ליידיקן מאָגן, א ליידיקן פאקעט,
דאן גיי איך מיר גרינג, ווײַל איך גיי פּאָשעט זשאקעט,
ווער רעדט פון א זייגער? ווער רעדט פון א לאקעט?

וועו גאָט איז מײַן פאסטעך, וואָס האָב איך צו דײַגן?
ער הייסט מיר דערווײַלע נאָר קוקן און שווײַגן,
נישקאָשע, ס'וועט קומען א צײַט, ער וועט צײַגן,
די גוטסקײַטן זײַנע, ער לאָזט ניט פארדארבן.
ער וועט מיך באלוינען שוין, לאָזט מיך נאָר שטארבן!
ער וועט מיך באלוינען, ער וועט מיך פארגעלטן
מיט גליקן, וואָס טרעפן אין לעבן זיך זעלטן:
מיט דרײַ הונדערט צען פון די פּרעכטיקסטע וועלטן...

* * *

די סאָציאלע אונטערגעדריקטקײַט פון די ארבעטנדיקע מאסן, די קלוימערשטיקע הילפלאָזיקײַט פאר די בלינדע קויכעס פון קאַפּיטאליזם, וואָס פארשאפן יעדן טאָג, יעדער שאָ טויזנט מאָל גרויליקערע יעסורים, ווילדסטע לײַדן די געוויינטלעכע ארבעטערלײַט, איידער אלערליי אויסערגעוויינטלעכע געשעעניש, ווי מילכאָמע, ערד־ציטערנישן א. א. וו. אָט אין וואָס איז דער טיפסטער מאָדערנער וואָרצל פון רעליגיע (לענין).

ד. פינסקי.
(געב. 1872).

ערעוו יאָמקיפּער.

א שפּיל צווישן איין ציג און אסאך וועלף.

אין דרײַ טיילן.

ערשטער טייל.

די ציג.

ערעוו יאָמקיפּער, ארום האלבן טאָג.

ר׳ עליע דער טוך־פאבריקאנט גרייט זיך צו ערלעך פאנאנדערצאָלן זיך מיט זײַנע ארבעטער, לעקאָוועד יאָמקיפּער! דער בוכהאלטער מיטן קאסיר מאכן די רעכענונגען און ציילן אויס דאָס געלט.

ער וויל זיך אפילע פרײַנטלעך צעזעגענען מיט זיי. אפן גרויסן שרײַבטיש שטייט א גרויסע פלאש בראנפן, עטלעכע גלעזלעך, עס ליגט אסאך אָנגעשניטענער לעקעך. ער וויל זיי ווינטשן, זיי זאָלן ניט דארפן אָנקומען צו פרעמדע הענט.

ער גייט ארום הין און צוריק איבער זײַן קאָנטאָר. ער איז שטארק פארנומען מיט זײַנע געדאנקען און דאפקע ניט געשעפט־געדאנקען—ערעוו יאָמקיפּער איז ניט א צײַט פון געשעפט.

ר׳ עליע איז א פרומער ייִד. גאָר אָן סאָפעק. אין א לענגלעכן ראָק מיט לענגלעכע פייעס, וועלכע זײַנען פארבארשטן צוזאמען מיט דעם באקנהאָר פון זײַן גרויסער, ברייטער באָרד. און גלאט—ר׳ עליע!

ער וויל קומען א ריינער צום מאָרגנדיקן מישפּעט. ער ווייס אָבער, אז די ארבעטער האָבן אים שוין ניט איינמאָל פארקלאָגט באם „מעלעך־עליען", וויל ער זיך מיט זיי אָפּטײַנען. ער ווײַזט זיך אויף, אז ער איז שטענדיק גערעכט געווען: די ארבעטער זײַנען פּאָשעט „קעשענע־גאנאָווים"! זומער האָבן זיי פּלוצלינג געמאכט „יאדאכעס" און אופגעהערט צו ארבעטן. א גאנצן כוידעש! א רעציכע!

— „שטרײַק—שטרײַק"!—טראכט ר׳ עליע,—„שטרײַק רופן זיי עס נאָך אָן! גנייווע, גזיילע, פון מויל דעם ביסן!... ניט שטרײַק—שמײַק. וואָס פאר א נאָמען זיי טראכטן נאָך אויס!"...

ער האָט געוואָלט אראָפּנעמען א האלב רובל פון שטיק. ער האָט געוווּסט, וואָס ער טוט. ער האָט געמוזט טאָן: אים אונטער דער נאָז וואקסט אויס א קאָנקורענט.

דאָס איז אפילע ניט קיין שטארקע טײַנע. ער פילט עס. דערצו האָט ער ניט פינקטלעך געצאָלט, געפּרוווט א פּאָר מאָל אײַנדרייען, צושטעלן, פארשרײַבן גוטע סכוירע פאר שלעכטע און גאָרניט באצאָלן—נאָר ער האָט עס געמוזט, גאָט איז זײַן

איידעס—געשעפט! ווי זאָגט מען עס—אין האנדלשאפט, די גאנצע וועלט טוט אזוי. אָבער דער שטרייק!

„און גלאט", מיינט ר' עליע, „זיינען די יונגע ארבעטער ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי. גויים, ווארע גויים, א יידישער פונק איז ניטאָ אין זיי. אזעספּענעמער, ניטאָ עלטער, יינגער—פון גאנצן אויסגעטאָן".

איין פענצטער פון קאָנטאָר גייט ארויס צו דער גאס, און ר' עליע זעט, ווי אין גאס לעם טויער הויבן זיך שוין אָן צו קלייבן די ארבעטער. זיי מאכן מיט די קעפּ אין דער זייט פון קאָנטאָר. אָט פארגלייזט א יונגער אַרבעטער, פון א יאָר דריי און צוואנציק, געצל לעק, די אויגן און גיט א וואָרף מיט די הענט, ווי ר' עליע, ווען ער זידלט אן ארבעטער. די יונגע ארבעטער ארום געצלען צעלאכן זיך.

ר' עליע קערט אָפּ די אויגן פון פענצטער בערויגעזדיק.

— וועט שוין זיין אמאָל א סאָף?—ווענדט ער זיך אומגעדולדיק צום בוכהאלטער מיטן קאסיר. ער וויל שוין מער אין פענצטער ניט קוקן און וועגן די ארבעטער ניט קלערן. „גאָרנישטן!" באשליסט ער אין מויעך און ווארפט אומגערן זיין בליק אף דער גאס: געצל שטייט אין דער פּאָזע, ווי ר' עליע, ווען ער וויל איינשמועסן אן ארבעטער, אז ער האָט בא אים אָנגענומען מער געלט.

— וואָס ציט זיך עס דאָרטן בא אייך, ווי פון פעך?—שרייט אויס ר' עליע צו די קאָנטאָריסטן.

„ער וועט שוין בא מיר ניט ארבעטן", טראכט ער וועגן לעק,—„אויסוווּרפן זייבען דאָס עפּעס, איינגאמעכאָד צווישן זיי".

אים פאלט איין, אז די לייטלעך האָבן גאָר קיין ווערט ניט בא דעם קאוועיאָכל [1], ער האָט גאָר לאכלוטן ניט וואָס צו מוירע האָבן פאר זייערע טייַנעס.

ער נעמט זיך פארן טילים. איצט וועט ער זיך גאָר איינגאנצן איינקויפן באם רבוינעשעלוילעם...

צווייטער טייל.

די וועלף.

א מאן זעכציק ארבעטער שטייען אין הויף און אין גאס לעם טויער, אלע אָנגעטאָן יאָנטעוודיק—אין ריינע העמדער און אין שאבעסדיקע בגאָדים. נאָר די יינגלעך, וועלכע דרייען זיך צווישן זיי ארום, זיינען אָפּגעריסן און קימאט אלע באָרוועס.

מע שטייט רעדלעכווייז. אלטע מיט אלטע, יונגע מיט יונגע. מע איז אומגעדולדיק, וואָס מע לאָזט זיי אזוי לאנג ווארטן. די געשפּרעכן קלעפּן זיך עפּעס ניט. די יינגלעך הויבן אָן צו שפּילן אין „כאפּעניש", נאָר באָרעך דער אלטער, דער עלטסטער צווישן די ארבעטער, שרייט אף זיי אָן. „עס איז היינט ניט א צייט פון שפּילעניש",

1) קאוועיאָכל—א סינאָנים פון דעם יידישן גאָט.

מיינט ער. די קינדער רײַסן איבער דאָס שפּילן. אין א ווײַלע ארום שלאָגן זיי זיך פאר א קנעפּל.

נאָר ארום געצל לעך איז נאָך אביסל פרייל עך. ער זיצט אף א טומבע לעבן טראָטואר, הויבט שטיינער אוף פון דער ערד און צילט אין די פייגל, וועלכע שפּרינגען אום אינמיטן גאס, אָדער אין פארבײַגייענדיקע מיידלעך. ער טוט עס לאנגזאם, אָן כיישעק. מע דארף דאָך די צײַט ארויפּשטופּן. גלאט איז ער איצט אינקאעס אף ר׳ עליען, גיט ער נאָך מיט עפּעס דאָס הארץ.

די באָכערים ארום אים האָבן פארגעניגן, נאָר די אלע ארבעטער, וועלכע שטייען אָנגעשפּארט אין טויער, קוקן אף אים אָנגערוקט.

— בא אים זײַנען אלע צײַטן גלײַך, — מורמלען די אלטע.

דער יונגער אוילעם קוקט געצלען אין מויל ארײַן: וואָס וועט ער ענטפערן? ער פילט אף זיך די בליקן, נאָר ער ענטפערט גאָרניט, כאָטש אין קאָפּ דרייען זיך ארום אלערלײי ענטפערן. ער האָט שיר ניט געזאָגט, אז א מיידל געפעלט אים שטענדיק, אָבער ער האָט עס ניט געזאָגט, ער האָט זיך געפוילט.

— ווערסט מאָרגן קומען מיט מיר פאסטן? — פרעגט ער פלוצלונג בא א פארבײַגייענדיקער דינסט.

— וואָס זאָגסטו צו זײַן קאָפּ! — ענטפערט דאָס מיידל און גייט פאָריבער. זי קוקט זיך דאָך אין אים אײַן: צי וואָלט עס איר געלוינט?

— מעגסט זיך טאקע באגראָבן לעבעדיקערהייט, פּראָסטער גוי דו! — צעבייזערט יך דער אלטער באָרעך. — ערעוו יאָמקיפּער, ניט ערעוו יאָמקיפּער — ניטאָ קיין כילעק!

— ר׳ עליעס זכוס וועט מיר בײַשטיין, — ענטפערט געצל פויל. ער וועט זײַן פאר מיר א גוטער בעטער...

— אין גיכע צײַטן נאָר, — כאפּט אונטער א באָכער, — פאר מיר און פאר קאָל ייִסראָעל...

— ווענוימער אָמיין! — זינגט אויס אן אנדער באָכער.

— שארלאטאנעס! — ריידן צווישן זיך די אלטע ארבעטער.

— ערעוו יאָמקיפּער, ניט ערעוו יאָמקיפּער — גאָרניט! — מורמלט באָרעך.

ער איז אויך ניט גאָר שאָלעם מיט ר׳ עליען. עס ליגן אים גוט אין קאָפּ טויזנטערלײי אומגערעכטיקײַטן, וועלכע ער האָט פארטראָגן פון אים. דאָך וועט ער ערעוו־יאָמקיפּער ניט מאכן דערפון קײַן רייד. מע טאָר ניט! א דאמסוינע אפילע איז ער מויכל בימכילע גמורע, לעכאָלעפּאָכעס אף די ליפּן וועט ער קיין קלאָלע ניט ארופּברענגען. די שקאָצים — זאָל גאָט ניט שטראָפן פאר די רייד! — זײַנען פּאָשעט „אָסער לעראכעם".

— אָבער וואָס געווערט עס דאָרטן אזוי? — פרעגט מיט אומגעדולד אן אלטער ארבעטער.

— ער ציילט זײַנע אווײרעס, — ענטפערט דער לעך געלאסן.

און אין א ווײַלע ארום גיט ער צו:

— ער מוז אָנגרייטן פאר אונדז א דראָשע, ווי מאראיאָרן. נו, קינדערלעך, האָט אײַך א „שימע טויבע", — הויבט ער אָן מיט ר׳ עליעס קאָל, — דער אויבערשטער זאָל

אייך צעברעכן די קעפּ... איך מיין די הערצער, און איר זאָלט האָבן א גרינגן טאָנעס, קאָלזמאַן איר ווער לעבן.

דאָס יונגוואַרג צעלייגט זיך פאַר געלעכטער, די אַלטע וואַרפן קרומע בליקן.

— ערעוו יאָמקיפּער, ניט ערעוו יאָמקיפּער—ביסט א גוי, טאָ שמאַד זיך אין אַלדע רוכעס!—זידלט זיך באָרעך.

— אין קאָנטאָר! אין קאָנטאָר!—דערהערן זיך קוילעס פון הויף.

די ארבעטער רירן זיך.

— קומט אָנקוקן דעם קאָשערן פּאַרצעף,—זאָגט געצל, אופשטייענדיק פון טומבע. דאָס יונגוואַרג גייט מיט אים מיט א שמייכל אַף די ליפּן.

דריטער טייל.

דאָס שפּיל.

ר׳ עליע זיצט אַף זײַן אָרט באַם טיש און קוקט אַרײַן אין כעשבן. דאָס גאַנצע געלט ליגט פאַר אים. הײַנט וויל ער באַצאָלן מיט דער אייגענער האַנט. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז א מיצווע... ער וועט נאָך באַגיין זיך מיט די ארבעטער—וואָס ווייכער. ער פילט א וואַרעמקײַט אין גאַנצן קערפּער—עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז א צאַדעק. און ער ווערט אַלץ בעסער און בעסער. זײַן קוק אַף די ארבעטער באַקומט אַפילע א פרײַנטלעכן אויסדרוק.

די אַלטע מיט די ייִנגלעך שטייען פּאָרויס, די יונגע לײַט—פונהינטן. געצל שטייט מיט אַן ערנסטער מינע אַפן געזיכט, נאָר זײַנע אויגן קוקן איראָניש אַפן באַלעבאָס. ער ווייס עפּעס ניט, וואָס פאַר א שטאָכוואָרט ער זאָל זאָגן.

און דאָס יונגוואַרג קוקט אַרײַן געצלען אין די אויגן.

— נו, קינדערלעך,—ווענדט זיך ר׳ עליע פרײַנטלעך צו די ארבעטער,—מיר וועלן זיך פאַנאַנדערצאָלן און צעזעגענען. איר דאַרפט דאָך מיסטאָמע האָבן דאָס געלט.

— נאָך ווי,—ענטפערט עמעץ.

— אַוואַדע, אַוואַדע!—זאָגט ר׳ עליע גאָר ווייך.—מיר וועלן דערפאַר קיין שיִעס ניט מאַכן. נו, באָרעך!

פון אוילעם טיילט זיך אָפּ באָרעך דער אַלטער און גייט צו צום טיש.

— יאַאמויד ר׳ באָרעך!—זאָגט אויס געצל.

די אַרומיקע פאַרדעקן די מײַלער און קוקן אַף דער ערד.

באָרעך באַקומט זײַן געלט, באַהאַלט עס אין קעשענע און וויל אַוועק.

— האָט אײַך א כסימ...—הויבט ער אָן.

— וואַרט, וואָס אַנטלויפסטו?—האַלט אים אָפּ ר׳ עליע,—מיר וועלן אונדז אַפּריער פאַנאַנדערצאָלן מיט אַלעמען, דערנאָך וועלן מיר אונדז צעזעגענען, ווי געהעריק, מיר וועלן נעמען אַביסל „מאַשקע"... וואָס אַנטלויפסטו? אויזער!—רופט ער אויס א צווייטן אַלטן ארבעטער.—מיר זײַנען דאָך עפּעס ייִדן, הײַנט איז ערעוו יאָמקיפּער,—רעדט ער ווי פאַר זיך, אַרײַנקוקנדיק אין כעשבן.

— גרייט אָן דראָשע־געשאנק.—ווינצלט געצל.

ר׳ עליע ווארפט א בליק אין געצלס זײַט. ער קאָן ניט לײַדן די גאנצע כעוורע, וואָס שטייט דאָרטן. נאָר ער שטארקט זיך און טרײַבט פון זיך די סינע. ער וויל איצט אף קיינעם קיין סינע ניט טראָגן. און עס דאכט זיך אים, אז דער „מעלעך עליען" זעט אלץ, וואָס עס טוט זיך בא אים אין הארצן, און ער ווערט אלץ פריילעכער און בעסער.

— איך האָב געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר געבן עפּעס מער געלט,—זאָגט אויזער מיט א געבעט.

— מער געלט איז הײַנט ניטאָ,—האָט ר׳ עליע ווייך גאָר אומגערן ארויסגערעדט.

ער כאפּט זיך אָבער באלד: מע האָט ניט געדארפט אָפּזאָגן. נאָר אים פאלט אײַן, אז נאָך יאָנטעוו וועט ער אויזערן ניט האלטן מער, און אויזער וויל, דאַכט זיך, אליין אוועקגיין פון אים. און גלאט ער זאָל געבן אויזערן, דארף ער שוין אלעמען געבן, וואָרעם אלע וועלן בעטן, זיי דארף מען נאָר דאָך באוויַיזן א דערעך.



א טאָנעס.

— שמערל!—רופט ער אויס א דריטן אלטן ארבעטער.

— איר וואָלט מיר געטאָן א גרויסע טויווע. איך דארף אזוי נויטיק!—רעדט אויזער זײַנס.

און ר׳ עליע ווינצלט גוטהארציק:

— איך דארף אויך, שמערל דארף אויך. זאָג, שמערל, דו דארפסט אויך?

— אָ, נאָך ווי דארף איך!—ענטפערט יענער.—איך האָב טאקע אײַך געוואָלט בעטן...

— זעסט, הא?—ווענדט זיך ר׳ עליע צו אויזערן.—סימכע!—רופט ער אויס א פערטן. ער וויל שוין פארגעסן דעם גאנצן פאָרפאל מיט אויזערס באקאָשע.

— אָבער איך מוז!—שטייט צו אויזער.—איך האָב מיך אָפּגעבעטן בא בייניש דעם וואָכערניק ביז הײַנט...

— ביסט א קינד און גאָר,—זאָגט ר׳ עליע ווייך, כאָטש עס פארדריסט אים שוין אויזערס אקשאָנעס.—עפראָים!—רופט ער אויס.—ביסט א קינד,—זאָגט ער ווײַטער צו אויזערן אזוי זיס, אזוי הארציק,—איך זאָל דיר געבן, דארף איך געבן באָרעכן, שמערלען, עפראָימען—דארף איך אלעמען געבן. אלע דארפן. איך ווייס דען ניט,

אַז אַלע דאַרפֿן? באַ דיר, עפֿראַיִם, איז, דאַכט זיך, אַ טאָכטער קראַנק? וואָס מאַכט זי?—פֿרעגט ער דעם אַרבעטער מיט ראַכמאָנעס...

— וואָס זאָל זי מאַכן? ליגט! איך וואָלט געהאַט געלט...—ענטפֿערט עפֿראָיִם אָן כײַשעק און פֿאַרצווייפֿלט.

אויזערס געזיכט איז פֿאַרקרימט פֿון האַרצווייטיק. ער קוקט זיך אום מיט די כאַווײרים. די כאַווײרים שטייען אַלע אָנגערוקט. אַפֿילע באָרעך איז איצט אײַנקאַעס.

— געפֿונען דעם געבער,—שעפּטשעט באָרעך.

— גלײַך ער וואָלט אים ניט געקאָנט,—מורמלט סימכע.

— ע, כע־כע!—זיפֿצט אָפּ עפֿראָיִם.

— ערעוו יאָמקיפּער, ניט ערעוו יאָמקיפּער,—ברומט אונטער געצל אין באָרעכס טאָן.

אויזער זיפֿצט אָפּ און רוקט זיך אַרויס פֿון קאָנטאָר.

— ערעוו יאָמקיפּער, ר׳אויזער!—שיקט אים נאָך אַ יונגער אַרבעטער.

— ע־ע־עך!—מאַכט אויזער מיט דער האַנט און גייט אַוועק.

ר׳ עליע פֿילט, אַז די אַרבעטער פֿאַרמאַסערן אים ווײַטער פֿאַר דעם „מעלעך עליען“. „דאָס איז אַ כעוורע“, טראַכט ער, אויסרופֿנדיק איין אַרבעטער נאָכן אַנדערן. „זיי האָבן דען ליב אַרײַנגיין אין דעם באַלעבאָס לאַגע? גיב און גאָר!—מער ווייסן זיי ניט“.

עס פֿאַרדריסט אים אַפֿילע, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אויזערן. נאָר, בעדיִעווער, אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט——ע!

— געצל!—רופֿט ער אויס ווייך. ער וויל זיך אַפֿילע מיט זײַן גרעסטן סוינע זייער פֿרײַנטלעך באַגיין.

— איך בין דאָ!—שרײַט אויס דער לעק און לאָזט זיך גיין צום טיש.

— מאָרגן איז יאָמקיפּער, געצל! מוסערט ר׳ עליע,—געצל. מאָרגן—יאָמקיפּער!

— אָ, איך ווייס!—קרעכצט אָפּ געצל.

— ביסט אַ שייגעץ, געצל, אַ גרויסער שייגעץ,—מוסערט ווײַטער ר׳ עליע, אָפּגעבנדיק אים דאָס געלט.

— אַ שלעכטע וועלט, ר׳ עליע, ניטאָ זיך פֿון וועמען גוטס אָפּלערנען, ר׳ עליע,—שטעכט זיך דער לעק.

— ביסט אַ שייגעץ, אַ גרויסער שייגעץ,—זאָגט ר׳ עליע מיט אַ האַלבן מויל און רופֿט אויס אַן אַנדער יונגן אַרבעטער.

געצל איז ניט צופֿרידן. ער האָט צו ווייניק און שלעכט אָפּגעענטפֿערט. געדאַרפֿט אים עפּעס אַרײַנלאָזן אַ שפּילקע, עס זאָל אים פֿאַרכאַפּן באַ דער נעשאָמע. די כאַווײרים זײַנען אויך ניט צופֿרידן. און זיי האָבן אַזוי געוואַרט אויף דעם ספּעקטאַקל.

א שווײַגנדיקער פארלאָזט געצל די קאָנטאָר, שווײַגנדיקע גייען אוועק די יונגע־לײַט, אָפּנעמענדיק זייער געלט.

ר׳ עליען שטעכט, וואָס זיי גייען אוועק, נאָר ער שטעלט זיי ניט אָפּ. ער ווייס, אז אומזיסט וועט זײַן די טירכע. דער ערעוו יאָמקיפּער מאכט אויך ניט ווייך זייערע הערצער. רעשאָים! און ער ווערט אלץ ווייכער און ווייכער צו די איבעריקע. די קינדער גיט ער אפילע צושטײַער אף מאכזיירים—ער באקוקט מיט ניצאָכן אלע אר־בעטער. און באָרעכן דאכט זיך, אז ר׳ עליע האָט פאָרט א יידיש הארץ.

דאָס פאנאנדערצאָלן זיך איז געענדיקט. ר׳ עליע שטייט אוף פון דעם שטול מיט א זייער פרײַנטלעכער מינע.

— נו, ברידערלעך,—זאָגט ער לעבעדיק,—איצט וועלן מיר אונדז צעזעגענען, ווי עס דארף צו זײַן, מאכן לעכײַים, פארבײַסן.—ער הויבט אָן אָנגיסן די גלעזלעך באָרעך, שמערל עפראָים און סימכע זײַנען פון די ערשטע.

— לעכײַים, ר׳ עליע,—ווינטשן זיי,—דער אויבערשטער זאָל אײַך געבן א כסימע טויווע...

— אָמיין, גאמאטעם!—ענטפערט ר׳ עליע פרום און פרײַנטלעך.—נאט לעקעך... גייט געזונטערהייט אהיים, האָט א גרינגן טאָנעס, און בעט עפּעס אויס, ברידערלעך, א גוט יאָר, גוטע געשעפטן—גיי בערקע, נעם אביסל בראָנפן—דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן בעסער, ווי דאָס אלטע—וואָס טרינקסטו ניט אינגאנצן, שלימעזאלניק דו! נא, א שטיקל לעקעך—מע טאָר ניט זינדיקן, א מענטש דארף דאנקען גאָט פאר יעדן טאָג, וואָס ער לעבט איבער...

— באָרעך אדוינוי יוים יוים,—זאָגט אונטער באָרעך מיט א זיפץ.

— אוואדע אזוי,—רעדט ווײַטער ר׳ עליע,—נאָר דאָך מעג דאָס נײַע יאָר זײַן אביסל בעסער—גייט, קינדער, נעמט צו ביסלעך בראָנפן—נו, און איך בין אײַך אלץ מויכל, אלץ. איר זײַט זיך אפילע ניט אָרנטלעך באנאנגען מיט מיר, נאָר גאָרניט—נא, לייבקע, וואָס שטייסטו פונווײַטן?—נאָר גאָרניט...

— איר אף אונדז דארפט אוואדע גיט בערויגעז זײַן,—האלט זיך עפראָים ניט אײַן.

— ניין, איר האָט זיך זייער ניט פײַן באגאנגען,—שטייט ר׳ עליע אף זײַנס.—דער שטרײַק—ניטאָ וואָס צו ריידן... ע—וואָס ארט אײַך! דאָס הייסט מיט גוואלד ארויסגעריסן בא מיר! נאָר גאָרניט. מויכל, אלץ מויכל. עס גייט א יאָמקיפּער, לאָמיר בלײַבן גוטע פרײַנט.

נאָר די אלע ארבעטער פילן זיך באליידיקט.

ער איז גאָך גערעכט! ער איז נאָך מויכל!

און באָרעך דערפילט, אז ר׳ עליע האָט אין זיך ניט א טראָפּן יידיש בלוט.

בערויגעזדיקע הויבן זיי אָן פארלאָזן די קאָנטאָר.

— גייט געזונטערהייט,—רעדט זיי נאָך ר׳ עליע און פילט, אז דער אָפּגרונט צווישן אים און זיי איז נאָך גרעסער געוואָרן.—איך זאָג אײַך, איר מעגט בעטן פאר

מיר. זאָל מיר נאָר גאָט אזוי העלפֿן, ווי איך וואָלט אײַך וועלן גוט צאָלן. איר מעגט בעטן פאר מיר—און איר, כעוורע,—ווענדט ער זיך צו די קליינע,—זאָלט קויפן מאכזיירים, הערט איר!

— פארכעס, אלע פארכעס,—באשליסט ער, בלייבנדיק אליין אין קאָנטאָר, און קרעכצט פרום אָפּ:

— אָ־אָ־אָך!

— ע־ע־עך!—קרעכצן אָפּ די אלטע ארבעטער אף דער גאס.

* * *

> דעם, וואָס ארבעט דאָס גאנצע לעבן און איז נויטבאדערפטיק, לערנט די רעליגיע געדולדיקײַט אף דער וועלט, טרייסטנדיק מיט דער האָפענונג אף סכאר אין הימל, און די, וואָס לעבן פון פרעמדער ארבעט, לערנט די רעליגיע טאָן צדאָקע אף דער וועלט, פאָרלייגנדיק זיי א ביליקע בארעכטיקונג פאר זייער עקספלואטאטאָרישער עקזיסטענץ און פארקויפנדיק פאר א צוטריטלעכן מעקעך בילעטן אף הימל־ווילטעק.—רעליגיע איז אָפּיום פארן פאָלק.
> (לענין).

א. קושניראָוו.
(געב. 1891)

ראָוו און גובערנאטער.

(א בילד פון „הירש לעקערט”).

I

פאָן־וואלס קאבינעט. פאָן־וואל פארטיפט אין פאפירן. קלײַבט לאנגזאם איבער. אדיוטאנטווארט.

פ אָ ן ־ וו א ל:

נו, זאָל ארײַנגיין דער זשידאָווסקי ראבין.

א ד י ו ט א נ ט:

כ'הער, אייער עקסעלענץ.
(אָפּ)

פ אָ ן ־ וו א ל:

(אליין: אופגעריסן א פאקעט, שפרינגט אוף אן אופגעבראכטער).

פארשאָלטענע זשידאָווסקי שטאָט!
די שטרענגסטע מיטלען שרעקן זיי ניט אָפּ,
עם העלפּט ניט אויסעראָרדנטלעכער צושטאנד,
כאָטש רוף דעם ראבין זייערן צו הילף.

(אדיוטאנט בא דער טיר לאָזט דורך דעם ראָוו. פאָן־וואל הויבט זיך אוף צאָרנדיק קעגן אים).

פּאָן־וואַל:

איך האָב גערופֿן אײַך אַהער, קעדײַ
מײַן גרױסע אומצופֿרידנהײַט אײַך מעלדן...
צי שפּירט איר נאָך גענוג נאָך אײַער יוגנט,
צי ווייסט איר, וועלכע פּלענער זי פֿאַרטראַכט?

ראָו:

אַ וועלכער מענטש און וועלכער ייִד באַזונדערס
אױף גוטע קינדער בעט ניט יעדן טאָג?
נאָר ווער קאָן נאָכשפּירן נאָך די מאַכשאָוועס
אַפֿילע בײַ זײַן אייגן קינד אין האַרץ?

פּאָן־וואַל:

איר האַלט ניט אײַן גענוג די יונגע ייִדן,
איר גיט אױף זיי ניט אַכטונג, ווי געהעריק!
איצט גרייטן זיך די ייִדן אײַערע
אַרויסצוטרעטן אָפֿן קעגן קייסער...
איך דאַרף אײַך וואָרענען, און איר פֿון זיך
דאַרפֿט וואָרענען און אָנזאָגן די ייִדן:
די שולדיקע דערוואַרט אַ שטרענגע שטראָף,
און זייער שולד וועט זײַן, אויב ס׳וועט דער צאָרן
זיך אויסלאָזן אױף אײַער גאַנצן קאָהאָל!

ראָו:

אין יעדער שטאָדטע, אײַער עקסעלענץ,
זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידנערליי שאָף:
די ייִדן, וועלכע זײַנען גרייט מיך פֿאָלגן,
זיי זײַנען גרייט נאָך גיכער פֿאָלגן אײַך.
זיי זײַנען טרײַ דעם אויבערשטן אין הימל,
זיי זײַנען טרײַ דעם קייסער אױף דער ערד.
נאָר קאָן מען דען באַשולדיקן אַ קאָהאָל
פֿאַר יענע ייִדן, וועלכע פֿאָלגן ניט?...

פּאָן־וואַל:

עס איז דער גאַנצער וועלט באַוווּסט, ווי שטאַרק
די ייִדן זײַנען צווישן זיך פֿאַרבונדן,
און אויסער דעם האָט יעדערער פֿון זיי
אַ טאַטן און אַ מאַמען, שוועסטער, ברידער.
די עלטערן זײַנען מעכויעװ ווירקן
און אָפּהאַלטן די ייִנגערע פֿון שלעכטס.

ראָוו:

געוויס האָט יעדערער פון זיי א טאטן
און אויך א מאמע...
און ווער עס האָט א ווײַב...
אף די נעפאשעס טוט שטארק ווי דאָס הארץ,
זיי לײַדן נעבעך ניט פאר זייער שולד.
וואָס גייט דען אָפּ אזעלכע העפקער־יונגען,
וואָס האָבן אויסגעטאָן זיך פון דעם קלאל!...
פאר גאָט קיין מוירע האָבן זיי דאָך ניט,
פאר לײַטן איז ניטאָ קיין דערעכערעץ...
זיי טוען אָפּ זיך רויִק זייער זאך
און ווילן קיינעמס טאכלעס ניט באזאָרגן,
ווײַל סכאקל איז די שטראָף זיי ניט קיין שטראָף:
איר וועט זיי ארעסטירן—ארט זיי ניט;
איר וועט פארשיקן זיי—איז זיי ניט שלעכט;
זיי ווערן דעמלט פרײַ פון יעדער זאָרג
און וואַרפן גאָר אראָפּ שוין אלע אָלן.

(פאָן־וואל מיט נײַגעריקײַט הערט זיך אײַן. פאוזע).

פאָן־וואל:

איך הער אײַך גערן. זייער גערן, רעדט!

ראָוו:

(דרייסטער).

אזעלכע דארף מען אָנלערנען גאָר אנדערש:
געכאפט אזא מין אויסוואורף, א יונגאטש —
און אָפּגעשמיסן!... ער זאָל לאנג געדענקען...
ניטאָ קיין בעסער מיטל איידער שמיץ!

פאָן־וואל:

און דאָס וועט העלפן?

ראָוו:

(נאָך דרייסטער).

איי, וואָלט דאָס געהאָלפן!...
ווײַל, אז מע שמײַסט אין הינטן, קריכט אין קאָפּ...

(פאוזע)

ס'וואָלט יעדערער פון זיי פארזאָגט א צענטן.
און יעדער טאטע וואָלט געזאָגט א דאנק,
און מאמעס וואָלטן זיי פארשפּאָרט באוויינען.

(אדיוטאנט קומט ארײַן).

אדיוטאנט:

פאָלקאָווניק באָגאליי...

פּאָן־וואַל:

פאַרבעט אהער.

(צום ראָוו).

איך האָב אײַך גערן אויסגעהערט. אדיע.

(דער ראָוו לאנגזאם אָפּ. עס קומט אַרײַן באָגאליי).

II

(פונדערווײַטן א הויכער דײַטלעכער אויסגעשריי: „סמירנאָ!“ פּריסטאַוו, אָקאָלאָטאָטשניקעס, גאָראָדאָוואָיעס, קאָזאקן שטעלן זיך שנעל אין א שערענגע לענגאויס דעם קאָרידאָר. אלע פאַרגליווערטע, מיט פּענעמער געוועגדעט צו דער זײַט, פונוואַנען עס קומט אָן פּאָן־וואַל, באַגלייט דורך נאַזימאָוון).

נאַזימאָוו:

כ׳בין גליקלעך, אײַער עקסעלענץ, צו מעלדן,
ווי גוט און גיך די פּאָליציי האָט הײַנט
דערשטיקט די אומרוען אַף אַלע גאסן.
די דעמאָנסטראַנטן אלע אַרעסטירט,
קיין איינער איז פון זיי הײַנט ניט אַנטלאָפן,
פאַרהאַלטן אלע, אײַער עקסעלענץ...

פּאָן־וואַל.

אצינד וועל איך אליין מיט זיי שוין ריידן.
וווּ זײַנען זיי בא אײַך?...

נאַזימאָוו:

אײַער עקסעלענץ...
אין צווייטער קאַמער האָב איך דרײַסיק מאַן,
און פופציק זיצן אין דער פערטער קאַמער...

פּאָן־וואַל:

(קוקט זיך אַרום).

א פּאַסיק אָרט פאַר זיי! א זיכער אָרט!
דאָ וועלן זיי ניט גיין מיט רויטע פאָנען,
און פרײַהײַט וועט זיך זיי ניט וועלן מער, —
עס וועט זיי זײַן צו פרײַ אין זייער הויט,
ווען איך וועל זיי די רוקנס מאַכן רויט.
אַהער, באַפעלט זיי אלע! פּאָליצמייסטער!

(נאַזימאָוו אָפּ).

א זיכער אָרט! מיר דאַכט זיך, אז די ווענט...
ניין, שטאַרקע, גוטע ווענט... און גוטע גראַטעס...
ווען יעדע גאַס זאָל זײַן אזא מין גראַטע
און יעדע שטאָט זאָל זײַן אזא מין וואַנט,
וואָלט רוסלאַנד דאַן געווען א רויִק לאַנד.

(נאַזימאָוו, פּריסטאַוו, גאָראָדאָוואָיעס שטעלן אויס אין א שערענגע
די אַרעסטירטע אין דער צווייטער קאַמער).

נ א ז י מ אָ ו:

די צווייטע קאמער, אײַער עקסעלענץ!

(א רעגע שווערער שווײַגן).

פ אָ ן־וו א ל:

איז אָט דאָס זײַנען זיי! און אָט די ראָבן,
זיי ווילן דאָס פארפיקן אונדזער אָדלער...
ניין, קיינמאָל וועט ניט זײַן דאָס, קיינמאָל ניט!
מיר וועלן הענגען אײַך! מיר וועלן שיסן!...
ס'איז נאָר א שאָד פאר אײַך דעם קייסערס שטריק.
ס'איז נאָר אין קייסערס אַלע ארסענאַלן
ניטאָ קיין ביקס... אזא פארזשאווערטע,
פון וועלכער עס זאָל ווערט זײַן אײַך דערשיסן.
ניין, ריטער! ריטער! דאָס וועט זײַן א שטראָף...
הייסט צוגרייטן די ריטער! פאָליצמייסטער!

(נאזימאָוו — א ווונק מיט דער האנט. די צוויי קאָזאקן טראָגן צוויי הויפנס ריטער).

נ א ז י מ אָ ו:

אַלץ פארטיק, אײַער עקסעלענץ...

פ אָ ן־וו א ל:

און איצט —
זשידי פאָרויס!

(שטילשווײַגן.
קיינער רירט זיך ניט פון אָרט).

פאָרויס אהער! זשידי!

(קיינער רירט זיך ניט פון אָרט. פאָן־וואל מאכט א טראָט צו דער שערענגע. גיט א ווונק נאזימאָוון).

נ א ז י מ אָ ו:

ווער איז דאָ ניט קײַן זשיד, ארויס אהער!

(קיינער רירט זיך ניט פון אָרט. פאָן־וואל מאכט א צאָרנדיקן טראָט צו דער שערענגע. בלײַבט שטיין פאר א פלוצלינגדיקן אויסגעשריי).

פ ו י לי ש ע ר א ר ב ע ט ע ר:

ניט זשידעס, ארבעטער דאָ זײַנען אַלע!

פ אָ ן־וו א ל:

פארשטאָפּן אים דאָס מויל! דעם ערשטן אים,
און נאָך אים אַלעמען צו פופציק ריטער!
צו פופציק! אַלעמען! אָן אונטערשייד!

(די צוויי קאָזאקן נעמען דעם ארבעטער).

פּאָן־וואל:

(ווענדעט זיך צו די ייִדישע ארבעטער).

איר, בונטאָוושטשיקעס, זײַט זשידי! זשידי!
ניט ייִדן, נאָר זשידי! ווײַל ייִדן זײַנען
די, וועלכע גלויבן אויך אין זייער גאָט,
די, וועלכע גייען ניט מיט רויטע פאָנען,
און יענע ייִדן וואַרטן איצט מיט פרייד
אף אײַער שטראָף...

אלע ארעסטירטע:

(אויסגעשריי).

אראָפּ די זעלבסטהערשונג!

פּאָן־וואל:

ווער וואגט! ווער וואגט! צו הונדערט שמיץ זיי אלע!
הויבט טייקעף אָן! איר, דאָקטער, שטייט און קוקט,
ניט אויסהויכן זאָל קיינער די נשאָמע,
ביז ער וועט אלע הונדערט ניט באקומען.

דאָקטער:

כ׳הער, אײַער עקסעלענץ...

(פּויקן. די עקזעקוציע הויבט זיך אָן. הינטער צוויי אופגעעפנטע טירן — א לאנגע באנק. מע זעט נאָר די שפּיצן פיס פון די געפּײַניקטע. מע זעט נאָר די קעפּ פון די פּײַניקער און די פּאָכנדיקע אינדערלופטן ריטער).

פּאָן־וואל:

(קלאפּט צו מיט דער פוס אין טאקט דעם פּויק).

אזוי! אזוי!
אהער די פאָנענטרעגער! איר שטייט דאָ,
דאָ וועט איר שטיין און צוזען אײַער ארבעט...
און זיי וועט נוצלעך זיין צו זען אײַך,
ווען יעדער רוט וועט צווינגען זיי צו טראכטן,
וווהין איר האָט געפירט זיי און אף וואָס.

(פּויקן).

דאָקטער:

וואָס פאר אן אײַנגעאקשנט פאָלק דאָס איז,
קיין איינער האָט נאָך ניט געלאָזט קיין טרערן!
זיי בײַסן זיך די ליפּן ביז צום בלוט,
קעדיי מע זאָל קיין קרעכץ פון זיי ניט הערן.

פאָן־וואל;

זיי שרײַען ניט! זיי קרעכצן ניט!

(צום ערשטן קאָזאק)

עי, דו!

דו פּאָכעסט מיט די ריטער אינדערלופטן,

און קײנעם טוט ניט וויי! פארבײַטן אים!

און שטרענג באשטראָפן...

1־טער קאָזאק:

אנטשולדיקט, אײַער עקסעלענץ...

פאָן־וואל:

שווײַג! מארש!

(שטויסט אים אָפּ מיט די פיס)

מע האָט דיך שלעכט געלערנט, ווי צו דינען,

דײַן שוווע און דײַן פליכט געדענקסטו שלעכט...

איז אָט ווהין עס טרעפט שוין די קראמאָלע...

(צום פּאָליצמייסטער)

דערמאָנט מיר ווען אים...

נאזימאָוו:

כ׳הער, אײַער עקסעלענץ...

(מע פירט אוועק דעם קאָזאק)

פאָן־וואל:

זעצט פאַר! זעצט פאַר! אזוי! אזוי! איינס־צוויי!

ניין, שטארקער! זעלטענער! איינס־צוויי! איינס־צוויי!

(קוילעס פון די געפּײַניקטע)

נאזימאָוו:

ער כאלעשט, אײַער עקסעלענץ.

פאָן־וואל:

ניט וויכטיק!

זאָגט, דאָקטער, איר...

דאָקטער:

(פּרוווט דעם פולס)

מע קאָן אים געבן נאָך,

זיי האָבן שטארקע הערצער, אייער עקסעלענץ...

(אלע שווײַגן. קוילעס פון די געפּײַניקטע. איינע נאָך די אנדערע
פירט מען ארויס אונטער די הענט עטלעכע האלב־טויטע געפּײַניקטע)

פּאָרעץ.

(שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך די געפּײַניקטע, פארבויגט נידעריק
דעם רוקן פאר פאָן־וואלן)

ווי הויך זיי האָבן פריִער דעם קאָפּ פאריסן,
און איצטער עפעס האלט ער זיך ניט הויך...

ווײַזט אויס, אז איר האָט אויך ניט שלעכט געשמיסן,
ווײַזט אויס, אז ריטער העלפן איצטער אויך.

באזימאָוו:

ווהין זיי איצטער, אײַער עקסעלענץ...

פאָן־וואל:

איצט זאָלן זיי צעטראָגן אומעטום
די גאנצע שרעק, וואָס ליגט אף זייער פאָנעם, —
דאָס וועט בא אנדערע אף לאנג, אף לאנג
דעם כיישעק אָפּשלאָגן צו רויטע פאָנען, —
א'ז עפנט אוף פאר זיי דעם טויער פרײַ
און לאָזט זיי אָפּ, ווהין די אויגן קוקן,
זיי וועלן לאנג געדענקען אָט דעם מײַ —
ער איז בא זיי פארשריבן אפן רוקן... (שטילשווײַגן)

* * *

... גיב א קוק אף די קאפיטאליסטן: זיי שטארקן זיך צו צעפלאַ־קערן די נאציאָנאלע סינע אין „פאָשעטן פאָלק" און אליין מאכן זיי דורך אלע געשעפטלעך אין איינע און דערזעלביקער אקציאָנערער געזעלשאפט—סײַ רוסן, סײַ אוקראַינער, סײַ פאָליאקן, סײַ יידן, סײַ דײַטשן. קעגן די ארבעטער זײַנען פארייניקט די קאפי־טאליסטן פון אלע נאציעס און רעליגיעס; און זיי סטארען זיך די ארבעטער צו צעטיילן און אָפּשוואכן זיי דורך נאציאָנאלער סיכע (לענין).

אלץ פאר דיר, גאָטעניו!...

ע. וויניטש.
ענגלישע שרײַבערן (געב. 1864)

אַרויסגעגעבן.

איינמאָל נאָך מיטיק איז דער אופזועער פון טורמע אַרײַנגעקומען אין ארטורס צימער מיט א שטארק פארכמורעטן געזיכט. ארטור האָט אף אים א קוק געטאָן מיט איבעראשונג:

וואָס איז מיט אײַך, ענריקאָ? — האָט ארטור אויסגעשרי̦ען. — האָט עפּעס הײַנט געטראָפן אן אומגליק?

— גאָרניט, — האָט יענער גראָב געענטפערט און גענומען צוזאמענקלײַבן ארטורס קליידער.

— צוליב וואָס נעמט איר מײַנע זאכן אוועק? פירט מען מיך דען איבער אין אן אנדער צימער?

— ניין, מע לאָזט אײַך אינגאנצן ארויס פרײַ.

— מע לאָזט מיך ארויס הײַנט? אינגאנצן פרײַ?

ארטור האָט פאר סימכע אָנגעכאפּט דעם אופזועער באם האנט, אָבער יענער האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך מיט פאראכטונג.

— וואָס איז מיט אײַך, ענריקאָ? מיינט איר מיך מיט דעם צו באליידיקן? אומזיסט אײַער טירכע. דערציילט מיר בעסער עטוואָס וועגן די איבעריקע.

— וועגן די איבעריקע? — האָט דער אופזועער שטיל א מורמל געטאָן. — ניט וועגן באָלאן װילט איר עס פרעגן, האָף איך?

— יע, וועגן אים און וועגן די איבעריקע ארעסטירטע.

— עס זעט ניט אויס, מע זאָל אים שנעל באפרײַען, נאָכדעם ווי א כאווער האָט אים פאראטן!

ענריקאָ האָט זיך ווידער גענומען צוזאמענלייגן די זאכן.

— א כאווער האָט אים פאראטן? וואָס פאר א שרעקלעכער פארברעכן! — האָט ארטור אויסגעשרי̦ען מיט ברייט־אופגעעפנטע אויגן.

ענריקאָ האָט זיך שנעל אומגעקערט צו אים מיטן געזיכט.

— זײַט איר עס ניט דער יעניקער, וואָס האָט אים ארויסגעגעבן?

— איך? זײַט איר פון זינען אראָפּ? איך?!

— אזוי ווייניקסטנס האָט מען אים געזאָגט. מיר פערזענלעך וואָלט זײַן זייער אָנגענעם צו הערן, אז ניט איר זײַט דער פארעטער. איך האָב אײַך אימער געהאלטן פאר אן אָרנטלעכן יונגערמאן. אלזאָ קומט מיט מיר!

אָ, וועלכע געמיינע לומפּן עס זײַנען פאַראַן אױף דער וועלט! באַלאַן האָבן זיי געזאָגט, אז איך האָב אים ארויסגעגעבן, און מיר ווידער,—אז באַלאַ ט'מיך פאַראַטן. אָבער באַלאַ איז דאָך ניט אזוי נאַריש אום זיי צו גלויבן.

— איך בין זייער צופרידן צו הערן, אז איר זײַט ניט שולדיק,—האָט אויסגע־שריען דער אַלטער,—איך גיי שוין אַלעס איבערגעבן באַלאַן. ווייסט איר, וואָס זיי האָבן אים אָנגעגעבן אלס מאָטיוו צו אײַער פאַראַט? אייפערזוכט. איר האָט ביידע געליבט איינע און דאָזועלביקע מיידל.

ארטור איז געבליבן ווי פּאַראַליזירט פאַר שרעק: „דאָזועלביקע מיידל! אייפערזוכט! ווי האָבן זיי זיך עס געקענט דערוויסן? ווי?“

— וואַרט א מינוט!—האָט ענריקאָ אויסגערופן, זיך פּלוצלינג אָפּשטעלנדיק,—האָט איר זיך אויסגערעדט וועגן דעם, ווען איר האָט זיך מיסוואַדע געווען פאַר אײַער געסטלעכן?

— יע, אָבער דאָס איז אומעגלעך צו גלויבן, אז...

— געוויס ווייסט איר בעסער. אָבער איר זײַט ניט דער ערשטער, וואָס פאַלט אַרײַן אף אזא אויפן. גראָד איצט רעדט מען שטאַרק אין פּיזא וועגן א געוויסן גאַ־לעך א שפּיאָן. אײַערע כאַווייריס האָבן שוין ארויסגעלאָזן וועגן דעם א וואָרענונג.

אין דער מינוט זײַנען זיי אַרײַנגעקומען אין גרויסן זאַל, ווו עס איז געפירט געוואָרן די אונטערזוכונג.

— שאָלעם אַלייכעם, מיסטער באַרטאָן,—האָט דער פּאָלקאָווניק אויסגערופן מיט א ברייטן שמייכל,—מיר איז זייער אָנגענעם אײַן צו גראַטולירן מיט אײַער באַפרײַ־ונג. כ'האָב נאָר וואָס דערהאַלטן וועגן דעם א באַפעל פון פלאָרענץ. זײַט אזוי גוט און שרײַבט אונטער דאָסדאָזיקע פּאַפּיר.

— זאָגט מיר,—האָט ארטור ארויסגערעדט, קוים וואָס מע האָט דערהערט,—ווער האָט מיך ארויסגעגעבן?

— איר האָט ניט געטראָפן? זאָל עס מעגלעך זײַן? דאָס איז דאָך געווען איר אַליין. ווער נאָך האָט דען געקאָנט וויסן וועגן אײַערע ליבע־באַציונגען?

ארטור האָט גאָרניט געענטפערט און זיך אָפּגעקערט אָן א זײַט. זײַן בליק איז געפאַלן אפן גרויסן הילצערנעם ציילעם, וואָס איז געהאַנגען אין ווינקל. אָבער איצט האָט עס ניט אויסגעדריקט קיין געבעט, ווי אַלעמאָל, נאָר א פאָרוואורף צו גאָט, וואָס קאָן דולדן אזא ניטדערטרעכטיקן גײַסטלעכן זײַנעם, וואָס דערלויבט זיך צו ארויסגעבן די סוידעס פון ווידע.

— — — — — — — — — —

ווען דער וואַנזיניקער געלעכטער איז ענדלעך אָפּגעשטאָרבן אף ארטורס ליפּן, האָט ער האסטיק א כאַפּ געטאָן פון טיש א גרויסן האמער, האָט זיך א וואָרף געטאָן צום בילד מיטן ציילעם, מיט איין שטאַרקן קלאַפּ האָט ער עס צעבראָכן אף פּיצלעך.

— ווי אייפער דאָס איז!—האָט ער א זאָג געטאָן און האָט זיך אָפגעקערט.—און איך... וואָס פאר אן אידיאָט איך בין דאָס געווען!—שווער אָטעמענדיק, האָט ער זיך אראָפגעלאָזן אף א שטול און צוגעדריקט די הענט צום שטערן. א קורצע צײַט איז ער אזוי געזעסן, נאָכדעם האָט ער זיך האסטיק אופגעהויבן, צוגעגאנגען צום וואש־קעסל און אויסגעגאָסן זיך אפן קאָפּ א קרוג קאלטע וואסער. א בארויִקטער האָט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט און ווידער אָנגעהויבן צו טראכטן: „און צוליב אָט די פאלשע שקלאפישע נעשאָמעס האָט ער דאָס געדארפט איבערטראָגן אזויפיל צאָרעס, שאנדע און קומען צו פארצווייפלונג... צופאסן זיך א שטריק און אופהענגען זיך געוואָלט, ווײַל איינער פון די קירכן־דינער האָט זיך ארויסגעוויזן אלס ליגנער... פונקט ווי די איבעריקע וואָלטן בעסער געווען. אָבער זאָל זײַן גענוג, איצט איז ער שוין קליגער. מע דארף בלויז אָפטרייסלען פון זיך די שמוץ און אָנהויבן א נײַ לעבן".

דאס שעפעלע איז זיך מיסוואדע פארן וואָלף

ב. רשאנסקי.

(געב. 1883).

דער ראָוו און די זשוואלגיבע[1].

געלאסן און שטיל, מיט א באזונדער ראכוועס איז די שווארצע באָרד געלעגן אף רעב לייזער דעם ראָווס ברייטער ברוסט, און דאָס פּאָנעם באם ראָוו איז געווען אזוי געלאסן און ראכוועסדיק, ווי זײַן באָרד.

ער איז געגאנגען שטיל און אין זײַן רויִקן גאנג איז געווען א באזונדער זיכערקײַט און פעסטקײַט. ערשט איצט האָט ער זיך דערפילט, אז עס איז גוט און עס איז ווערט צו לעבן אף דער וועלט. בא זיך, אין דער יידישער ווע̇לטל, איז ער שוין לאנג אן אָנגענומענער מענטש, א גרויסער כאָשעוו. סאָלאָווייטשיק, דער גרויסער וואלד־סוחער, וואָס האָט אפן ברעג פון נעמאן זײַן גרויסן זעגמיל און וואָס האָט דערגרייכט צו אזא גדולע, אז ער איז געוואָרן א יידישער מיניסטער, דערדאָזיקער סאָלאָווייטשיק האָט אים, דעם ראָוו, רעב לייזערן, אײַנגעלאדן אמאָל אף טיי און האָט מיט אים גערעדט אזוי וואזשנע וועגן וויכטיקע קאָהאָלשע איניאָנים. בא די איבעריקע געווירים איז ער שוין לאנג אן אָנגעזעענער מענטש, ניטאָ וואָס צו זינדיקן... אָבער שטענדיק האָט רעב לייזערן פארדראָסן איין זאך—פארוואָס איז דער גאלעך פלעטשקײַטעס א דעפּוטאט אין סיים, א מיטגליד פון פארוואלטונג פון פאָלק־באנק—און מע זאָגט גראָד, אז ער האָט דאָרט די גרעסטע דייע,—א שטענדיקער ארײַנגייער צום פּרעזידענט. א יידישער מיניסטער איז טאקע א וואזשנע זאך, אָבער צו א פּרעזידענט קומט דאָס ניט... עס איז דאָך עפּעס א מאלכעס...

און איצט פילט ער, אז ער הויבט אָן צו גיין אף א ריכטיקן וועג. דער שעף פון דער זשוואלגיבע אליין האָט אים גערופן צו זיך... עס קען זײַן, אז דער אויבערשטער וועט העלפן און דורך זײַן האנט וועט ער געהאָלפן ווערן... א גרויסער אָדן, דער שעף פון דע זשוואלגיבע. מע זאָגט, אז בא אים אין די הענט ליגן אלע מיניסטאָרן... אפילע דער פּרעזידענט אליין זאָגט מען...

ער האָט מוירע געהאט צו פארענדיקן דעם געדאנק: ווער ווייס, צי פּאסט דאָס... עס גייט דאָך עפּעס אין זשוואלגיבע... זיי פארשטייען דאָך אפן ווונק...

אפן וועג האָט ער באגעגנט דעם דײַען, נאָר איצט האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ, ער האָט זיך ניט געוואָלט מיט אים טרעפן... ער גייט אין זשוואלגיבע, גייט ער. איין קלייניקײַט אין זשוואלגיבע... קיינער טאָר ניט וויסן...

און ער האָט פארקערט, אין א זײַטיקן געסל.

איידער ער האָט אָנגעקלונגען אין זשוואלגיבע, האָט ער זיך ארומגעקוקט, האָט א קליין הוסט געטאָן, האָט א גלעט געטאָן די באָרד און פאריכט דעם אטלעסענעם

1) זשוואלגיבע—די אָכראנקע אין דער פאשיסטישער ליטע.

שטילערהייט, מיט א באזונדער ציטער, האָט ער א דריק געטאָן די קנאָפּקע פון גלעקל. און ווי נאָר הינטער טיר האָט א ריס געטאָן מיט רוגזע דער צינגל, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט פלינק אָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט.

רעב לייזער איז לאנג געזעסן אין ווארטונג־צימער, ביז צו אים איז ארויסגעגאנגען דער אלטער רוסישער זשאנדארם מיט די לאנגע וואָנצעס. פּאוול אנטאָנאָוויטש איז ארײַנגעגאנגען פלינק, מיט א שטארקן קלאַפּ הינטער זיך די טיר. ער האָט געמאכט איין טראָט און איז געבליבן שטיין. רעב לייזער האָט זיך אופגעהויבן, האָט זיך א שטארק א נויג געטאָן און האָט זיך דערנעענטערט צו אים.

— איך בין דאָס דער ראָוו.

— גוט, גוט, וואָס איר זײַט געקומען. מיר זײַנען לאָיאל צו יעדער רעליגיע. מיר האלטן, אז יעדער פרומער מענטש, צו וועלכער נאציע ער זאָל ניט געהערן, אפילע צו דער יידישער נאציע, איז פאר אונדז גוט... איז אָט... בא אונדז ליגט אין שפּיטאָל אונדזערער א מיטארבעטער. איינער פון אײַערע, פון די באָלשעוויקעס, האָט אים געמוזט מעכאבעד זײַן מיט א שטיין איבערן קאָפּ און ער גייסעסט איצט אין יידישן שפּיטאָל. ער וויל זיך אָבער פארן טויט מיסוואדע זײַן. גייט צו אים, זאָל ער זיך מיסוואדע זײַן און זאָל ער זאָגן אלץ, וואָס ער ווייס וועגן די קאָמוניסטן.

רעב לייזערן איז אף א ווײַלע געוואָרן קאלעמוטנע אפן הארצן: ער האָט געווארט אף מער, אף עפּעס א גרעסערע שליכעס. נאָר באלד האָט ער זיך אליין בארויקט:

— מע הויבט אָן פון קליינס... אלעמאָל הויבט מען אָן פון קליינס...

ער האָט זיך א נויג געטאָן.

— איך דאנק אײַך זייער, גרויסער הער, פאר אײַער גנאָד... גאָט וועט אײַך בעפיירעש באצאָלן מיט קאָלטווו פאר דעם, וואָס איר פארלאָזט ניט א יידישע נעשאָמע, וואָס וויל זיך אָפּרייניקן פון די גרעסטע זינד, פון קאָמוניזמוס, און זאָל קומען אף דעם אוילעם האָעמעס ריין, ווי די טויב.

ער האָט געוואָלט נאָך ריידן, נאָר פּאוול אנטאָנאָוויטש האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איר דארפט וויסן, אף וואָס אָנצוקוועטשן. ער איז אונדזערער אן אגענט ניט פון לאנג. ער מוז וויסן אסאך זאכן, נאָר די בעסטיע האָט ניט דערציילט: צי האָט ער מוירע געהאט פאר די באָלשעוויקעס, צי האָט ער געוואָלט פאר יעדער יעדיקע צאפּן בא אונדז געלט. איצט דארפט איר אים דערווײַזן, אז זײַנע כאוויירים אליין האָבן אים דערהארגעט, איז מיט דעם, וואָס ער וועט אוועקטראָגן מיט זיך די סוירעס, וועלן זיי נאָך עמעצן אזוי דערהארגענען... עפּשער טאקע זײַנע עלטערן.. זיי וועלן נעקאָמע נעמען אָן אים און דערהארגענען זײַנע עלטערן... מיט איין וואָרט, איר וועט שוין וויסן, ווי צו זאָגן, איך פארלאָז זיך אף אײַך: יידן זײַנען א קלוג פאָלק... נישקאָשע, מע דארף זיי ניט לערנען.

ער האָט א שמייכל געטאָן און געגעבן אים די האנט.

רעב לייזער האָט האסטיק א נעם געטאָן זײַן האנט אזוי, אז ער האָט שטארק אָנגעקוועטשט אף דעם אויסבויג פון גראָבן פינגער, ער האָט זיך באלד א נעם געטאָן צוריק און אפגיך ארויסגעזאָגט:

— א דאנק, א גרויסן דאנק... זײַט רויִק, איך וועל...

— איר דארפט גיין גלײַך, און מיר מוזן האָבן די יעדיִע אויך גלײַך. איך וועל אײַך שיקן אין שפּיטאָל צוהילף אונדזוערן אן אגענט; ער וועט פארשרײַבן, וואָס מע וועט דארפן.

אין א ווײַלע ארום איז רעב לייזער געזעסן נעבן בלינדערמאנס צוקאָפּן.

— אָט אזוי, מײַן זון... דו דארפסט זיך מיסוואָדע זײַן פאר מיר... דו דארפסט זיך ארויסזאָגן אלץ, וואָס עס קוועטשט דיר אפן הארצן. טאָמער האָסטו אף וועמען עס איז א קאעס, זאָג, וועט דיר גרינגער ווערן און דער אויבערשטער וועט דיר מויכל זיין דײַן זינד. מע טאָר ניט זײַן אינקאעס, מע טאָר אף קיינעם ניט טראָגן קײַן קאעס... דער מענטש איז דאָך גאָרנישט, ער איז דאָך ניט מער, ווי גאָטס א שליִעך... זאָג, מײַן קינד, דערצייל אלץ.

בלינדערמאן האָט א קרעכצע געטאָן.

— מיך האָט דערהארגעט א באָלשעוויק, יענטע דער בעקערקעס ייִנגל... ער ווינט..

— וועלכע יענטע דער בעקערקעס? דערצייל מײַן קינד, איך דארף דאָס מיספּאַלעל זײַן אי פאר דיר, אי פאר אים... ווי רופט מען אים, מײַן קינד?

— נאָכעמקע...

— נאָכעמקע בערעב?...

— ייִסראָעל־בער האָט מען גערופן זײַן טאטן.

— בערעב ייִסראָעל־בער, וואָס ווינט?...

— אף קליינגוראָדנער...

— אף קליינגוראָדנער... און די פאמיליע זײַנע איז...

— קאפּלאן.

— קאפּלאן. איז אָט דער אויכער ייִסראָעל האָט דאָס דיר געגעבן מיט א שטיין אין קאָפּ... פארוואָס?...

— רעבע, אײַך דארף מען דאָך זאָגן דעם גאנצן עמעס...

— גאָר דעם עמעס, מיין קינד. איך דארף זײַנע רייד ברענגען פאר גאָט, באָרעכו. ווי קען איך ברענגען פאר גאָט באָרעכו שקאָרים?

— ער איז א קאָמוניסט... דאָרט אפן הויף... ווינט נאָך אײנער... אויך א קאָמוניסט... שלוימע רופט מען אים... ער האָט פארבינדונגען מיט דער דרוקערײַ...

הינטערן ראָוו איז געשטאנען א הויכער יונגערמאן, זייער שיין געקליידעט און האָט פארשריבן אין א קליין ביכעלע...

* * *

איצט איז שוין רעב לייזער ניט געשטאנען, נאָר געזעסן גאָר ברייט צעלייגט אין א ווייכן פאָטעל פון הוילע לעדער, און אנטקעגן אים, אויך ברייט צעלייגט, איז געזעסן ניט דער אלטער רוסישער זשאנדארם, פאוועל אנטאָנאָוויטש, נאָר אליין דער שעף פון די זשאנדארמען... געווען איז דאָס ניט אין ווארט־צימער, נאָר טאקע באם שעף אין קאבינעט.

דער שעף האָט מיט א ליבלעכן שמייכל געקוקט אין די אויגן דעם ראָוו, און דער ראָוו האָט מיט א ליבלעכן שמייכל געקוקט אין די אויגן דעם שעף.

דער שעף האָט געפרעגט און דער ראָוו האָט דערציילט... און הינטערן ראָוו איז געשטאנען א הויכער יונגערמאן, זייער שיין געקליידעט און האָט פארשריבן אין א קליין ביכעלע.

און דער ראָוו האָט דערציילט.

— איך בין כוישעד, אז די ארבעטער־פראקציע אין דער קעהילע איז א קאָמור־ניסטישע. איך וועל אייך, אָדן גאָדל, ניט זאָגן אף זיכער, אָבער איך בין כוישעד. אז דאָס איז אזוי... מיר, די עמעסע יידן, זיינען שטענדיק געווען קעגן רעוואָליו־ציע און פאר אָרדענונג אין לאנד און זיינען איצט אויך אזוי. בא אונדז איז בעפיי־רעש דאָ אזא געמאָרע, אז דער, ווער עס גייט קעגן מאלכוס—און א פרעזידענט הייסט אויך מאלכוס—איז דיזעלבע זאך, ווי ער גייט קעגן גאָט...

— ער האָט אים, זאָגט איר, אָנגערופן שלוימע?

— יאָ, שלוימע, און געזאָגט האָט ער נאָך, אז מע רופט אים „שלוימקע דער טינטער".

— און די דרוקעריי האָט ער ניט געזאָגט ווו זי געפינט זיך?

— איך האָב געפרעגט, גרויסער האר, געפרעגט, נאָר ער האָט מיר געשוואָרן פארן טויט, אז ער ווייס אליין ניט... און אז א ייד שווערט, און נאָך פארן טויט, איז דאָס הייליק.

— וואָס נאָך האָט ער דערציילט?

— ס'איז אים געווען שווער צו ריידן, אז איך האָב אים געזאָגט, אז זיי, די קאָמוניסטן, קלייבן זיך אונטערצינדן זיין טאמע־מאמע און פארברענען זיי און עס איז פיל בעסער, אז ער וועט אליך דערציילן אליין, האָט ער זיך אָנגעצונדן, ווי מיט א פייער, און האָט ארויסגעשריען:

— די ליטעראטור נעמט צו אן אלטער לאטיש, וואָס ווינט אפן ברעג ניעמאן, אין א נידעריקן קעלער. ער איז א סטאָליער. ער האָט א ווייב, איז זי אביסל א קרומלעכע, דאָרט ווינט מיט זיי זייערע א טאָכטער, זי איז א קאָמיוגיסטקע.

— א נאָמען, א פאמיליע האָט ער ניט אָנגערופן?

— ניין. ער האָט נאר געזאָגט, אז ער ווינט אפן ווינקל פון גראָדנער גאס.

— גוט. און וועגן יידישן מיניסטעריום האָט ער אייך גאָרנישט דערציילט?

רעב לייזער איז געוואָרן אומרויק.

— וואָס רעדט איר? דאָס יידישע מיניסטעריום? דאָרטן לויבט מען און מע דאנקט גאָט פאר דעם פרעזידענט און פאר זיינע גרויסע כסאָדים, וואָס ער טוט מיט אונדז, יידן... וואָס רעדט איר...

— ניין, איך מיין ניט דעם גאנצן מיניסטעריום!... דעם יידישן מיניסטער, סאָ־לאָווייטשיק, קען איך זייער גוט. ער איז בא מיר גאנץ אָפט, ער קומט צו מיר צו גאסט, ווי מיינער א כאווער... ערשט נעכטן האָט ער בא מיר טיי געטרונקען... איך קען די אָנגעזעענע לייט פון מיניסטעריום אלע. אָבער אויב אין דער קעהילע האָבן

זיך געקענט אַרײַנקלײַבן קאָמוניסטן, קענען זיי דאָך אין מיניסטעריום אַוואַדע זײַן. אײַער זאַך איז נאָכקוקן און מיר פון צײַט-צו-צײַט אָנקלינגען... איר דאַרפט ניט גיין צו מיר. ניט כאָלילע דערפאַר, ווײַל איך האָב אײַך ניט גערן, נאָר דערפאַר, ווײַל עמעצער קאָן נאָך באַמערקן און איר קענט דורכפאַלן...

ער האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זײַן געשפּרעך מיטן ראָוו, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַרײַן דעם שעפס געהילף.

— מײַן וואַרעמען גרוס אונדזער ראָוו, דעם כאָשעוועסטן ייִדן פון אונדזער רעפּובליק. מיר קענען אײַך דערפרייען. אונדזערע מענטשן באַוואַכן שוין דעם וואָקזאַל. מיר האָבן דערגאַנגען, ווער עס איז אַזוינס „שלוימע ד'ער טינטער". מיר האָבן אײַנגעשטעלט אַ נאָכשפּירונג נאָך אים. מיר ווייסן שוין, ווער דער לאַטיש איז. מיר האָבן פון די אַלע לײַט פריער געוווּסט, אָבער מיר זײַנען ניט געווען זיכער, אַז זיי האָבן אַזעלכע פאַרבינדונגען. סײַ דער שלוימע, סײַ דער לאַטיש זײַנען ביידע געקומען פון רוסלאַנד. און יעדערער, וואָס עס איז געקומען צו אונדז פון רוסלאַנד, אויסער, נאַטירלעך, אַזעלכע ייִדן, ווי איר, וואָס זײַנט **אַנטלאָפן** פון רוסלאַנד, זײַנען בײַ אונדז אונטערן כשאַד.

— איר זײַט גערעכט,—האָט געזאָגט דער ראָוו—רוסלאַנד איז דער סאַם פאַר דער גאַנצער וועלט. פון רוסלאַנד קומען אַלע צאָרעס... דאָרט פאַרמאַכט מען די שולן. דאָרט האָט מען פון די סיפּרעטוירעס געמאַכט העגטשקעס פאַר די רויטאַרמייער... ייִדן נויט מען דאָרט עסן כאַזער... רוסלאַנד איז אַ מאַגייפע...

דער טעלעפאָן־קלונג־האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

— נו, איר וועט מיר מויכל זײַן,—האָט זיך געווענדעט דער שעף צו דעם ראָוו,— איך בין פאַרנומען, איר זעט דאָך, זייער פיל אַסאָקים... איך דאַנק אײַך זייער...

ער האָט גענומען דאָס טרײַבל אין האַנט און האָט זיך מיט אַ פרײַנטלעכן נויג מיטן קאָפּ צעזעגנט מיטן ראָוו.

דער ראָוו איז אַוועק זייער אַ צופרידענער, פול מיט האָפענונג, אַז איצט הויבט זיך ערשט אָן זײַן וועלט, זײַן גרויסע וועלט.

— פאַרוואָס זאָל אַ ראָוו אויך עפּעס ניט האָבן קיין שײַכעס צו דער מעלוכע?

י. ל. פּערעץ.

אַ טפילע.

גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
גרויס כאָטש ווי אַ גענעץ,
נאָר **אונדזערע** אָביעזדשיקעס,
יעגער בײַ דער גרענעץ.

גאָט גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
וויש אָפּ אונדזער טרער!
גיב אונדז אונדזער פּאָליציי,
אונדזער מיליטער!

גאָט! גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
ווי לאַנג איז דען דער שיר?
גיב, קייזער, אונדז אליין,
אן אייגענעם סיביר!

גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
גאָים צולעהאָכעס!
לאָמיר אויך שוין זוּכע זײַן
צו אן „איר נידאַכאַס“.

לאָז א זאָקן מאַמרע זײַן
און א פּאָרע־אַדומע...
זאָג אליין, צי בענקסט דו ניט
נאָך אן אוילע־טמימע?

פּאַשען וועלן מיר דיך מיט רויך,
מיט אוילעס און מיט זוואָכים—
פאַרלייגן נאָך אף אַקציעס
א פאַבריק מיט שוואָכים.

מ. ראָזענפעלד.

דער פּאַציפיסטישער פלאָט.

(א קאַפּיטל אַמעריקאַנער פּאָליטיק).

דו גרויסער, שטאַרקער גאָט,
באַשירעם אונדזער פלאָט
אפן שטילן אָקעאַן!
דו ווייסט דאָך, ווו ער רײַזט,
און ווייסט דאָך, אז ער ווײַזט
נאָר פרײַנטשאַפט צו יאַפּאַן...

עס זאָל אים קיין קאַנאָן,
כאָלילע ווײ ניט טאָן,
ניט שאָדן זײַן באַרוף!
זאָל זען די גאַנצע וועלט,
ווי שאָלעם וואַקסט און קוועלט
און ווי מען האַלט דאָס אוף!

פון הימל קוק אַראָפּ
אָ גאָט, אף „פייטינג באָב“,
אף אונדזער אַדמיראַל!
און פרעג אונדז ניט פאַרוואָס,
נאָר לענק זײַן יעדן שאָס
און בענטש זײַן יעדן קנאַל!

דען דו נאָר, גאָט, אליין
פאַרשטייסט דעם טיפן מיין
פון אונדזער עסקאַדראָן:

זאָל דער מיקאַדאָ זען,
וואָס אים קען אלץ געשען,
ווו גיך ער הויבט זיך אָן!...

מיר קענען מער ניט, גאָט,
באַטראַכטן אלס געבאָט
די „מאָנראָ דאָקטאָרין“
און ציִען אויס א האַנט
נאָך יעדן ווייטן לאַנד
און זוכן דאָרט געווין.

און וואָס מיר כאַפּן צו,
דאָס גיט אונדז ניִט קיין רו;
דאָס מוז דאָך זײַן באַשיצט.
מיר דאַרפן מער געווער
און מערער מיליטער,
דאָס מיינט די פלאָטע איצט.

אַמעריקע איז גרויס,
דאָך זי איז שוין דורכויס
פאַרזאָרגט פון קאַפּיטאַל...
נו, זוכן מיר איצט מערק
באַם טײַוול צי באַם טערק,
מיר זוכן איבעראַל.

דרום העלף, אָ, גאָט, אין דעם
דעם גוטן „אָנקל סעם”,
דײַן זונטיק־פרומען זון,
וואָס ציילעמט זיך אָן שיר
און ניצט דײַן הינטער־טיר
פון יעדן ביר־סאלון!...

וואָס גיט פון בעט א שפרונג
באַם ערשטן גלאָקן־קלונג
און לויפט אין קירך געשווינד,
און הערט זיך צו צום פריסט,
ווי גוט און ליב דו ביסט,
ווי דו פארגיבסט די זינד;

ווי ווען עס קומט א נויט,
עס פעלט דעם אוילעם ברויט,—
איז דער געשריי אומזיסט,
ניט דו, אָ, גאָט, האָסט שולד,
ניט ראָקפעלער, ניט גולד,
נאָר בלויז דער סאָציאַליסט!...

דערפאר נאָר זאָל דײַן גנאָד
באשירמען אונדזער פלאָט
אפן שטילן אָקעאַן!
דו ווייסט דאָך, ווו ער רײַזט
און ווייסט דאָך, אז ער ווײַזט
נאָר פרײַנטשאפט צו יאפאן...

* * *

דער קאפיטאל, באוואָפנט מיט אלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער טעכניק, נישטערנדיק איבער דער גאנצער וועלט אין געיעג נאָך רעוואָכים, ווארפט ניט אָפ די רעליגיעס, ווי טפיילעדיק זיי זאָלן ניט זײַן—ער שלייערט זיי איבער און פאסט זיי צו צו זײַנע באדערפענישן (ל א פ א ר ג).

אי. ערענבורג.
מאָדערנער רוסישער שרײַבער (1891),

דער פויפסט בענטשט גבד.—פראדזשוזעפא.

גרויסע אנטוישונגען האָבן דערווארט מיסטער קולן נאָך אונדזער צוריקומען קיין אייראָפע. זײַן באלעבאטישקײַט איז, אָן דעם זאָרגעוודיקן אויג פון באלעבאָס, געוואָרן שטארק פארוואָרלאָזט. קימאט אלע מילכאָמע־באשטעלונגען זײַנען איבער־געגאנגען צו די קאָנקורענטן. פיר שיפן מיט טײַערער לאָדונג זײַנען דערטרונקען געוואָרן דורך דײַטשישע אונטערוואסער־שיפלעך... און, ענדלעך, האָבן מיסטער קולס אייפעריקע מיסיאָנערן מיט דער הילף פון דער מאכט, געשלאָסן עלף שאנד־הײַזער, וואָס האָבן אָנגעהערט טאקע צו מיסטער קולן. „איזיאָטן”, האָט ער אונדז אן אומ־צופרידענער דערציילט וועגן דעם, „זיי האָבן ניט פארשטאנען, אז מיינע הײַזער דאָס זײַנען—נעסטן פון מאָראל, אז ביידע אונטערנעמונגען קאָנען נישט לעבן איינע אָן די אנדערע!” די אלע אומגליקן האָבן געמאכט אזא רושעם אף מיסטער קול, אז פון אן אויסערגעוויינטלעכן פאטריאָט איז ער טייקעף פארוואנדלט געוואָרן אין אן ענערגישן און קאָנסעקווענטן שאָלעם־אָנהענגער.—„מילכאָמע פארדארבט די זיטן און

צעשטערט די נאציאָנאלע ווירטשאפט",—האָט ער אונדז געזאָגט. מיר האָבן גערן מיט אים מאסקים געווען.

מיסטער קול, און מיט אים אויך אלעקסיי ספירידאָנאָוויטש, ווי מעשונעדיק דאָס זאָל ניט אויסזען, האָבן זיי ביידע,—וואָס ביז דאָ נישט לאנג האָבן זיי געזען ארום זיך בלויז פאטריאָטישע היסלאָוועס און דראנג צו ניצאָכן,—איצט, נאָך זייערע פערזענלעכע אומדערפאָלגן, האָבן זיי גלייַך באמערקט גאָר עפּעס אנדערש און פארזיכערט כורעניטאָן, אז די פעלקער פארלאנגען שאָלעם. „ס'פעלט בלויז א פאריייניקנדיקער צענטראלער פונקט! מיר מוזן אים געפינען!"

דעמלט האָט כורעניטאָ געזאָגט, אז אין דער צוועקמעסיקייַט פון דידאָזיקע זוכענישן גלויבט ער ניט, נאָר אזוי ווי ער איז שטענדיק גרייט מיטצוהעלפן אונדזער קולטורעלער ארבעט, לייגט ער פאָר אף א פּרווו צו מאכן עטלעכע נעסיִעס: קיין רוים, זשענעווע און האאג...

דער באשלוס איז אָנגענומען געוואָרן—מיר פאָרן קייַן רוים. מיסטער קול האלט ניט אזוי שטארק פון די קאטאָליקן: אנשטאָט מאָראל—פאנטאסטישע געשיכטעס; דערפאר גלויבט ער אין קויעך פון דער קירכע. ער נעמט מיט זיך דעם נייַעם קוילנוואָרפער פון סיסטעם ״ג ב ד; אן אויסערגעוויינלעכן טויט־שפרייטער... זאָל דער פויפּסט א קוק טאָן אף דעמדאָזיקן טייַוולאָנישן געווער און נישטוימעם ווערן (אכוץ דעם, אָפן זאָגנדיק, וואָלט ניט שלעכט געווען פאָרצולייגן דאָסדאָזיקע סיסטעם דעם איטאליענישן קריגס־מיניסטער)...

נאָך דרייַ יאָר צעשיידונג האָבן מיר רוים געפונען ווייניק פארענדערט. נאָך בולעטער איז געווען די אָרעמקייַט פון טראנסטעווערע, נאָך אומזיניקער די שרייַענדיקע פענער אף די באומרויִקטע כורוועס—אן אונטערשייד בלויז אין קאמעס. נישט צו פארלירן קייַן צייַט, האָבן מיר זיך גלייַך אָנגעהויבן צו באמיִען וועגן אן אודיִענץ באם הייליקן פאָטער, נאָר דאָס האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א זייער קאָמפּליצירטן איניען... „איר וועט קענען זען דעם הייליקן פאָטער ערשט צו פייסעך",—האָט אונדז גרינגשעצנדיק אָפּגעענטפערט א וויכטיקע גייַסטלעכע פערזאָן. „אָבער איך בין באַשעפטיקט"!—האָט אויסגערופן מיסטער קול,—„כ'קען ניט ווארטן, כ'האָב דרייַ הארמאטן־פאבריקן!"—„אָ, אויב אזוי, וועט איר קענען זען דעם הייליקן פאָטער שוין מאָרגן! כ'האָב ניט געוווסט, מיט וועמען כ'האָב די ערע צו ריידן!"

אפצומאָרגנס זייַנען מיר ארייַנגעגאנגען אין זאל פאר אודיִענצן. לויטן באפעל פון מיסטער קול, און ניט געקוקט אף די פּראָטעסטן פון די גייסטלעכע לאָקייען, האָט איישא גלייַך נאָך אונדז מוטיק ארייַנגעקולעט אין זאל ארייַן א קוילנוואָרפער. עמעצער האָט א קראקע געטאָן: „סיניאָר קול, אייגנטימער פון הארמאטן־פאבריקן, מיר זייַנען שוטפים". אף א הויכן שטול האָבן מיר דערזען א זייער ליבנסווירדיקן, גערונצלטן אלטיטשקן, וואָס האָט מיט א דורכגענומענעם קאָל פון א ליבנדן זיידן געזאָגט: „מיר בענטשן אייַער נוצלעכע ארבעט, מיר ווינטשן אייַך דערפאָלג, וואָס איר פארדינט דורך אייַער פלייַסיקייַט, און בעטן ניט פארגעסן אָן דער הייליקער קירכע, און אויך אָן די יעסוימים!" אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט דער אלטיטשקער א שטויס־

געטאָן מיטן פאַנטאָפל אין פּאָנעם אַרײַן יעדן פון אונדז לויט דער ריי (דערבײַ האָבן מיר אַלע, אָנשטויסנדיק זיך, אין וואָס עס האַנדלט זיך, דעם פאַנטאָפל אַ קוש געטאָן), און דערנאָך, מיסטאָמע פון צעשטרייטקייט, — אויך אין פאַריסענעם נאָז פון קוילנוואַרפער ג ב ד. אַז די צערעמאָניע איז געווען געענדיקט, האָבן מיר געוואָלט צוטרעטן צום שמועס, נאָר זייער גיך און פלינק זײַנען מיר מיט דער הילף פון די אייגענע גײַסטלעכע לאַקייען איבערגעפירט געוואָרן אין שכיינעסדיקן זאַל, וווּ מיר האָבן דערזען שוין ניט דעם פּויפּסט, נאָר דעם קאַרדינאַל, וואָס האָט אונדז דערקלערט: „מיט דעם הייליקן פאָטער טאָר מען ניט ריידן. דער הייליקער פאָטער רעדט ניט, ער זאָגט נאָר הייליקע שפּרוכן; דאַקעגן, איך וועל אײַך קענען ענטפערן אויף אַלע פראַגעס, וואָס אינטערעסירן אײַך". מיר האָבן זיך דעריקער פאַרינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער הייליקער הויפּטשטאָט אין די מילכאָמע־יאָרן. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר גרויס. אין קאַנצעליאַריע האָבן געאַרבעט הונדערטער איבערזעצער. אויף אײַנצושפּאָרן צײַט זײַנען פאַרשיידענע ווינטשונגען, בראָכעס און טפילעס איבערגעזעצט געוואָרן און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן גלײַכצײַטיק אין אַלע מילכאָמע־האַלטנדיקע לענדער. צו די פאָרשטייער פון דער קירכע זײַנען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס, ווי אַזוי, צום בײַשפּיל, מ'דאַרף אָפּריכטן דאַנק־טפילעס נאָך אָפּגעהאַלטענע ניצחוינעס, דערבײַ איז אויף אַ טייל בלעטלעך געווען אָנגעשריבן: „פאַנאַנדערגייענדיק זיך, שרײַט אויס דער האַמוין: „זאָל לעבן גאָט! זאָל לעבן זשאָפר!" (אויף פראַנצויזיש), און אויף אַנדערע: „האָך גאָט! האָך הינדענבורג! (אויף דײַטש) א. א. וו. אויפן פאַל פון ענדגילטיקן ניצאָכן אָדער מאַפּאָלע, ווערט רעקאָמענדירט צו דערקלערן דאָס ערשטע — מיט דער בראָכע פון גאָט און מיט די טפילעס פון דער „אייניציקער אַפּאָסטאָלישער", דאָס צווייטע — מיט גאָטס שטראָף פאַר דער ניטגענוגנדיקער אייפעריקײַט צו דער „אייניציקער אַפּאָסטאָלישער" א. א. וו. אומעטום דאַרפן קאַטאָליקן אונטערהאַלטן די מילכאָמע ביז צום זיגרײַכן ניצאָכן. די אַרבעט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, אָבער אַ דאַנקבאַרע: טעג פון גיסאָיען, רעליגיעזע אויפלעבונג. „מילכאָמע איז אַ וווּנדערלעכע זאַך, מ'דאַרף זי נאָר קענען פאַרשטיין!"

„ס'איז דאָך אָבער געזאָגט געוואָרן: „לוי סירצאָן" — האָט אָבער אַרויסגעזיפצט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש.

„פאַרשטייט זיך. זון מײַנער, דאָס זעקסטע געבאָט קען דורך קיינעם ניט באַזײַטיקט ווערן, נאָר די שריפט איז אַ הייליק בוך, מ'דאַרף קענען דערין לייענען. די דערבאַרעמדיקע קירכע האָט באַפרײַט אײַך און נאָך אַנדערע שעפּסעלעך פון דער דאָזיקער מי איבער די קויכעס, און האָט געגומען די גאַנצע טירכע פון פאַרשטיין און אויסטײַטשן דעם געטלעכן עמעס אויף אירע פרום הײַלדישע פּלייצעס".

מיסטער קול האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בעסערן דיפּלאָמאַט. אָפּגעבנדיק קאָלעררליי לויב־געזאַנגען פאַר דער טעטיקײַט פון דעם הייליקן טראָן און פון קאַרדינאַל גופּע, האָט ער באַשיידן געפרעגט: „וואָס קענען מיר טאָן, מיר: איינער אַן עמעסער קאַטאָליק, איינער אַ פּראָטעסטאַנט, איינער אַ פּראַוואָסלאַוונער, איינער אַ געצנדינער און איינער אַ ייִד (נאָר זייער אַן אָרנטלעכער, אַזוי, אַז דאָס פילט זיך קימאַט ניט)

אף צוריקצושטעלן אין אייראָפּע דעם פרידן, וואָס ווערט אזוי באגערט דורך דער גאנצער מענטשהייט?"

„איך באגער אויך שאָלעם"—האָט דער קארדינאל געענטפערט,—„און כ׳בין מיספאלעל אף דעם אינדערפרי און באטאָג און אינאָוונט און אפילע באנאכט. נאָר ביז ווען וואָס — וואָלט איך אײַך געאייצעט, — אויב אײַערע געשעפטן אינדערהיים גייען שלעכט, וואָס איך דערקען לויט אײַער שטארקן פארלאנג נאָך שאָלעם, — דידאָזיקע ליבע קלייניקייט, כ׳מיין די טײַוול-מאשין, אוועקצושענקען מײַן פרײַנט, דעם ביסקופ פון ווין, וואָס איז בארימט מיט זײַן, איבעריקנס גאָר אומשולדיקער, ליידנשאפט צו קאָלעקציאָנירן נאָך אומבאקאנטע מאָדעלן פון אזעלכע נארישקייטן. פארשטייט זיך, דידאָזיקע מאטאָנע וועט אײַך געבן א מעגלעכקייט ניט שלעכט זיך אײַנצואָרדענען און רויִק מיספאלעל צו זײַן וועגן צוריקשטעלן דעם אלגעמיינעם פרידן!".

נאָר מיסטער קול איז געווען א מענטש פון אידייען, און דערפאר האָט ער איידל, אָבער קאטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פארפירערישן פאָרשלאג. דאן האָט אונדז דער קארדינאל פאָרגעלייגט צו ווערן קאָמיוואָיאזשאָרן פונעם הייליקן טראָן און צושטעלן פאר די פארבינדעטע לענדער פארשיידענע נוצלעכע אויסארבעטונגען. האגאם דאָס האָט דעם שאָלעם ניט דערנענטערט, נאָר אזוי ווי מיסטער קול האָט דאָס געשעפט ליב געהאט נאָך פון קינדווײַז אָן, האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט, און דער קארדינאל האָט אונדז מיט א בראָכע אָפּגעשיקט צו עפּעס א מאָנאך א דאָמיניקאנער, וואָס האָט פארוואלטעט מיטן עקספּאָרט פון די דערמאָנטע אויסארבעטונגען.

דורכגייענדיק א ריי צימערן און קאָרידאָרן, זײַנען מיר ארײַנגעקומען אין א גרויסן זאל, וואָס האָט דערמאָנט אן אוניווערסאל-מאגאזין. אויסער ביכער, בראָשורן, גראַווירערײַען און פּאָסט-קארטן, האָבן מיר דערזען נאָך אסאך אנדערע אינטערעסאנטע זאכן. אין איין ווינקל זײַנען געהאנגען פארשיידענע צײלעמלעך, בילדלעך, מעדאלן, וואָס דארפן באשיצן די סאָלדאטן פון טויט אָדער פארוואונדונג. וועגן דעם האָבן איידעס געזאָגט פיל דאנק-בריוו פון די, וואָס האבן אויסגעפרווט אף זיך די רעטונג-אייגנשאפטן פון דידאָזיקע זאכן און וועלכע זײַנען געווען צונויפגענומען אין א היפשער בראָשור. אין א צווייטן זאל האָט זיך געפונען אלץ, וואָס איז נויטיק פאר קריג-גאלאָכים; אויסגעבויטע לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק באוועגלעכע קירכעלעך, בימעס צום איבערטראָגן און אפילע באלערנדיקע צייכענונגען, ווי אזוי אָפּצוריכטן פארשיידענע צערעמאָניעס, ווי אשטייגער: באשפריצן מיט הייליק וואסער די הארמאטן, בענטשן די לופט-פליער, וואָס פאָרן ווארפן באָמבעס א. ד. גל. אין דריטן האָבן זיך געפונען ex foto, דאָס הייסט פארשיידענע מאטאָנעס פאר דער הייליקער מאריע און אויך פאר אנדערע גאָר באזונדערס טײַערגעהאלטענע הייליקע נאָך א געלונגענער אטאקע. פאר די לעבנגעבליבענע זעלנער—קליינע סאָלדאטעלעך און מונדירן צו שפילן זיך; פאר פארוואונדעטע, נאָר געזונט-געוואָרענע — וואקסענע הענט און פיס אף א פעדעמל, פאר די פאסאזשירן, וואָס האָבן זיך געראטעוועט פון מינעס—וואונדערלעכע רעליעפע מאפעס פון אייראָפּע מיט פארשיידענע פאָרויס-צוגעגרייטע גרענעצן, צוגעפאסט צו אלע מעגלעכקייטן.

מיט נײַגעריקײַט האָבן מיר אָנגעקוקט די אַלע זאכן, וואָס לייקענען בולעט אָפּ די בייזוויליקע רעכילעס פון אפיקאָרסים, אז די קירכע איז פארשטיינערט געוואָרן און ווײַזט ניט ארויס מער קיין סימאָנים פון לעבן.

* * *

אלס בײַשפּיל פון דער ראָלע, וואָס דער פויפּסט האָט געשפּילט אין דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע (1914 יאָר) קען דינען פאָלגנדיקעס: אינעם 1־טן באנד פון די עסטרײַכישע „זאמלונגען פון דיפּלאָמאטישע אקטן", וואָס איז ניט לאנג דערשינען, געפינען מיר א דאָקומענט, א באריכט פון דעם עסטרײַך־אונגארישן געזאנדטן באם וואטיקאַן, פונעם גראף מאָריק פּאלפי:

„... ווען איך האָב מיט צוויי טעג צוריק באזוכט דעם קארדינאל—סטאטס־סעקרעטאר (מעררי דעל וואל), האָט ער טייקעף געווענדט זײַן געשפּרעך אף די גרויסע פראגעס און פּראָבלעמעס, וואָס פארנעמען איצט אייראָפּע. נאָר אין די באמערקונגען פון זײַן געהייליקטקײַט האָט זיך ניט געפילט קײַן שום באזונדערע מילדקײַט און פרידלעכקײַט. די נאָטע, וואָס מע האָט געשיקט סערביע, האָט ער געהאלטן פאר אן אויסנעמלעך שארפער, נאָר דאָך קאטעגאָריש באגיטיקט זי און גלײַכצײַטיק אומדירעקט אויסגעדריקט זײַן האָפענונג, אז די מאָנארכיע (עסטרײַך־אונגארן) וועט גיין ביזן סאָף. עמעס, לויט דער מיינונג פונעם קארדינאל איז א שאָדן, וואָס מע האָט סערביע ניט דערשטיקט מיט א צײַט פריער, ווײַל דענסטמאָל וואָלט מען עס געקענט לײַכטער פארווירקלעכן. דער שטאנדפּונקט אנטשפּרעכט אויך דעם פּויפּסטס געדאנקען־גאנג, ווײַל אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט זײַן הייליקײַט ניט איין מאָל באדויערט, וואָס עסטרײַך־אונגארן האָט ניט אויסגענוצט די מעגלעכקײַט „צו באשטראָפן איר געפערלעכן דונאַישן שאָכן"...

די עסטרײַכישע „זאמלונג פון אקטן" לאָזט ניט איבער קיין שום צווייפל אין דעם, אז אין דער ריי פון די, וואָס האָבן צעפלאקערט די וועלט־מילכאָמע, געהערט דעם רוימישן פּויפּסט אלפּי רעכט א בעקאָוועדיק אָרט.

אונטערן שאָטן פונעם הייליקן קרייץ.

עריך מיזאם.
הײַנטצײַטיקער דײַטשישער פּאָעט.

מילכאָמע-ליד.

(מילכאָמע און גאָט).

דארבן, ברענען, שיסן ביטער,
שטיקלען קעפּ און פּיצלען גלידער!
איבערקלײַבן, שפּיאָנירן,
טרעטן, טרעטן, פּאטרולירן,
פלוכן, שעלטן און פּארפּרירן...
אזוי אָט לעבט א זעלנער־העלד:
די ביקס געפּרעסט אין לינקער האנט,
און אין דער רעכטער — א קינזשאל,
און... אין הארץ מיט גאָט, מיט גאָט, מיט גאָט,
מיט גאָט פאר קעניג און פאר לאנד —
פּאָרויס!

פּונקט ווי לײמיק שטרוי אין קופּעס,
צו דער ערד אין אָנגריף טופּען
אין קאנאָנען־ברום, גראנאטן, —
ווונדן־קערפּערס־העלדנטאטן,
מוטיק!... בראווע, איר סאָלדאטן...
אזוי אָט לעבט א זעלנער־העלד:
א שווערער צײלעם אפן באנד,
אניט איז גאָר א בײַערן־הערב,
אין הארץ מיט גאָט, מיט גאָט, מיט גאָט,
מיט גאָט פאר קעניג און פאר לאנד —
פּאָרויס!

רויִק שטײט! געהאלטן אָרדענונג!
קוקט פּאָרויס! איר כאזער־מאָרדעס!
גאָר צעלאָזן! קײנעם ארט ניט?
ניט געדויט ביז שווײס זאָל שפּארן
זיבן שאָ פון שטראָפּן־ארבעט.
אזוי אָט לעבט א זעלנער־העלד,
אָט פּונקט אזוי אָ, שעף, מײַן שעף!
און איך, איך פּאָלג, אָ, שעף, מײַן שעף.

אין הארץ מיט גאָט, מיט גאָט, מיט גאָט,
מיט גאָט פאר קעניג און פאר לאנד—
פאָרויס!

פאָרוועלטס! בראנפן איז געבראכט דאָ.
שפּיזן־בלאנק און קנאל פון שלאכטן.
פאָרוועלטס! קאמף אף טויט און לעבן!
דײַטש וועט זיך ניט אונטערגעבן.
ביינער ברעכן, גופים דרעבען,
אזוי אָט לעבט א זעלנער־העלד:
עס טריפט דער שווייס אין פײַכטן זאמד,
עס טריפט דאָס בלוט אף שטעגן אָפּט;
אין הארץ מיט גאָט, מיט גאָט, מיט גאָט,
מיט גאָט פאר קעניג און פאר לאנד—
פאָרויס!

שאָסן, קנאלן, פלאכטעס־פלאטער,
בײַכער, קישקעס—אלטע שמאטעס,
רויטע הויז אין רויכן, הארן.
הייליקע אהערצו שפארן...
מאמע! מוטער! סאניטארן!!!
אזוי אָט שטארבט דער ברודער־העלד,
אין מויל און אויער—נאסער זאמד,
דרײַ הײַפלעך אף זײַן קייווער בלײַבט.
אין הארץ מיט גאָט, מיט גאָט, מיט גאָט,
מיט גאָט פאר קעניג און פאר לאנד—
פאָרויס!

אנרי בארביוס.
פראנצויזישער שרײַבער (1874)

אין פײַער.

בא דער שײַן פון א פײַקע, וואָס איינער פארויכערט, דערזע איך פאר זיך א באנק, געדיכט באזעצט מיט מענטשן.

מײַנע אויגן געוויינען זיך צו צום האלב־טונקל, וואָס פארגיסט דעם קעלער, און כ׳קען שוין אומגעפער אונטערשיידן די מענטשן־שורע, מיט בלייכע פלעקן פון באנדאזשן און וויקל־בענדער ארום זייערע קעפ און גלידער.

פארקריפּלטע, צעקאַלעטשעטע, צעשעדיקטע,—אומבאַוועגלעך אָדער אומרויִק,— קלאַמערן זיי זיך אין דערדאָזיקער מין באַרקע, ווי צוגעטשוועקעוועט, און זעען אויס ווי אַ פאַרשיידנאַרטיקע קאָלעקציע פון ליַידן און אומגליקן.

איינער פון זיי טוט פּלוצלונג אַ געשריי, שטייט האַלב אויף און זעצט זיך צוריק. זיַין שאָכן, אין אַ צעריסענעם מאַנטל און בלויִען קאַפּ, קוקט אים אָן און זאָגט צו אים:

— און וועסט אפילו שריַיען כיַי־וועקיַיעם!

און ער כאַזערט איבער דעמדאָזיקן זאַץ אַסאַך מאָל, סטאַם אַזוי, מיט אויגן פאַרשטאַרטע פּאָרויס, מיט די הענט אויף די קני.

אַ יונגערמאַן, וואָס זיצט אינדערמיטן באַנק, רעדט צו זיך אַליין. ער זאָגט, אַז ער איז אַ פּליִער. ער האָט בראַנד־וווּנדן אויף איין זיַיט קערפּער און אויפן פּאָנעם. ער גליט וויַיטער אין פיבער. און ס׳דאַכט זיך אים אַלץ, אַז ס׳בײַסן אים נאָך די שאַרפע פלאַמען, וואָס זעצן פון מאָטאָר. ער מורמלט אויף דיַיטש „גאָט מיט אונדז״.

דערנאָך אין פראַנצויזיש „דיע עט אַוועק נו!״

אַ זואַוו, מיִטן אָרעם אויף אַ בינדע און אָנגעבויגן אָן אַ זיַיט, וואָס טראָגט זיַין פּלייצע ווי עפּעס אַ דערדריקנדיקע לאַסט, זאָגט צו אים:

— דו ביסט דאָס דער פּליִער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, וואָס?

— מיך שוין אַ רעשטל אָנגעזען!—ענטפערט פיַינלעך דער פּליִער.

— איך האָב מיך אויך אַביסל אָנגעזען!—רייַסט אים איבער דער זעלנער:

— איך,—זאָגט אַן אַנדערער,—נעכטן בין איך אַלט געוואָרן זעקס און צוואַנציק יאָר. און אַצינד, ווי אַלט בין איך אַצינד?

ער באַמיט זיך אופצוהויבן, קעדיי מע זאָל אָנקוקן זיַין וואַקלענדיק, פאַרוועלקט פּאָנעם, וואָס דורך איין נאַכט איז עס געוואָרן אָפּגענוצט, אויסגעליידיקט, אײַנגעפאַלן, מיט אויסגעהוילטע באַקן און אויגן־לעכער, מיט אַ פלעמל פון אַ קאַגעלע, וואָס צאַנקט אין איילִיקן אויג.

— ס׳טוט מיר וויי!—זאָגט באַשיידן אַן אומזיכטבאַרע שטימע.

— און וועסט אפילו שריַיען כיַי־וועקיַיעם!—כאַזערט איבער יענער אויטאָמאַטיש.

אַ שטילקיַיט הערשט אַ וויַילע. דער פּליִער רופט זיך אָן:

— די באַלע־טפילעס פון ביידע זיַיטן האָבן זיך באַמיט צו דעמפן זייערע קוילעס.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס?—פרעגט פאַרוווּנדערט דער זואַוו.

— צי רעדסטו ניט אַמאָל פון ווענ, מיַין ליבער פריַינט?—פרעגט זיך אַ יעגער, וואָס איז פאַרוווּנדעט אין דער האַנט; איין אָרעם איז אים צוגעבונדן צום קערפּער, און ער נעמט אויף אַ וויַילע די אויגן פון זיַין מומיען־האַנט און באַטראַכט דעם פּליִער.

דער לעצטער האָט שטאַרק געקוקט פאַר זיך און זיך געמיט איבערצוגעבן עפּעס אַ געהיימניספול בילד, וואָס האָט זיך אים אומעטום געשטעלט פאַר די אויגן.

— איר מעגט וויסן, אַז פונדערהויך, פון הימל, זעט מען ניט גאָר פיל. צווישן די פיר־עקן פון די פעלדער און די קליינע הויפנדלעך פון די דערפער זעען אויס די וועגן, ווי ווײַסע פעדעם. מע אַנטדעקט אויך הוילע הערעלעך, וואָס זעען אויס,

ווי אויסגעריצטע שטרײַכעלעך מיט א שפּילקע־שפּיץ איבערן ריינעם זאמד. דידאָזיקע נעצן, וואָס וועבן דורך די פלאך מיט רעגלמעסיקע געציטערטע שטריכן, דאָס זײַנען די אָקאָפּעס. זונטיק אינדערפרי האָב איך מיך אופגעהויבן איבער דער פײַער־ליניע. צווישן אונדזערע ערשטע ליניעס און זייערע ערשטע ליניעס, צווישן די עקסטע ראַנדן, צווישן די זוימען פון די צוויי אומגעהייערע ארמייען, וואָס ליגן דאָרט איינע קעגניבער די אנדערע, קוקן זיך אָן און זעען זיך דערוויַל ניט,—איז ניטאָ קיין ווײַטער מעהאלעך: טיילמאָל פערציק מעטער, טיילמאָל זעכציק. מיר האָט זיך געדאכט, אז ס׳איז בלויז איין טריט, צוליב דער ריזיקער הייך, ווו כ׳בין געפלויגן. און אָט דערקען איך בא די יעקעס און בא אונדז, אין די פאראלעלע ליניעס, וואָס רירן זיך, דאכט זיך, אָן, צוויי ענלעכע באוועגונגען: א מאסע, א לעבע־דיקער קערן און, ארום—שווארצע זאמדלעך אפן גרויען זאמד. דאָס האָט זיך קוים־קוים גערירט; ס׳האָט זיך ניט אויסגעזען, ווי אן אלארם. כ׳האָב זיך אראָפּגעלאָזט אף א פּאָר שטאפל, קעדיי די זאך צו פארשטיין.

און כ׳האָב פארשטאנען: ס׳איז געווען זונטיק, און דאָס זײַנען געווען צוויי מע־סעס, אָפּגעהאלטן אונטער מײַנע אויגן. דער אלטאר, דער פּריסטער און די סטאדע כעוורע־לײַט ארום. וואָס טיפער כ׳האָב זיך אראָפּגעלאָזט, אלץ דײַטלעכער האָב איך געזען, אז די ביידע גרופּן זײַנען געווען ענלעך, אז ס׳האָט אזש אויסגעזען נאריש, איינע פון די ביידע צערעמאָניעס—מום, אויסוואל—איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דער אנדערער. ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אז כ׳זע טאָפּלט. כ׳האָב זיך נאָך נידערי־קער אראָפּגעלאָזט; מ׳האָט ניט געשאָסן אף מיר. פארוואָס: איך ווייס ניט. דאמאָלסט האָב איך עפּעס געהערט. כ׳האָב פארנומען א געמורמל, איין איינציק געמורמל. צו מײַנע אויגן האָט דערגרייכט א טפילע, צונויפגעשמאָלצן זיך, געטראָגן פון איין שטיק א גערויש פון א לויב־בילד, וואָס האָט פארבײַ מיר אופגעשטיגן צום הימל. כ׳האָב זיך געטראָגן אין רוים אהין און אהער, קעדיי צו הערן דאָסדאָזיקע אומקלאָרע גע־זאנג־געמיש פון צוויי קעגניבערדיקע זײַטן, און זיי האָבן זיך דאָך אויסגעמישט—און וואָס מער איין געזאנג האָט געוואָלט איבערשטײַגן דאָס אנדערע, אלץ מער האָבן זיי זיך פארייניקט אין די הימל־הייכקײַטן, ווו כ׳בין שוועבנדיק געהאנגען.

כ׳האָב געכאפּט א פּאָר שראפּנעלן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען כ׳האָב גאָר נידעריק אונטערגעשיידט די צוויי ערד־געשרייען, פון וועלכע ס׳זײַנען באשטאנען זייערע טפילעס: „גאָט מיט אונדז!“ און „דיע עט אוועק נו!“—און כ׳בין אוועקגע־פלויגן.

דער יונגערמאן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, באדעקט מיט ווײַסער לײַוונט. ער איז געווען ווי מעשוגע פון דעדדאָזיקער דערינערונג.

— אין יענעם אויגנבליק האָב איך צו זיך געזאָגט: „כ׳בין מעשוגע!“

— די ווירקלעכקײַט איז מעשוגע—זאָגט דער זואוו.

מיט גלאנצנדיקע אויגן פון היך־ריידערײַ האָט דער דערציילער זיך באמיט אי־בערצוגעבן דעם שטארקן, אופטרייסלענדיקן אײַנדרוק, וועלכער האָט אים פארכאפּט אינגאנצן, און קעגן וועלכן ער האָט זיך געווערט.

— ניין! וואָס רעדט איר! — מאכט ער. — שטעלט אײַך פאָר דידאָזיקע צוויי אידענטישע מאסן, וואָס ברילן אידענטישע זאכן און זײַנען דאָך קעגנער, דידאָזיקע פײַנטלעכע געוואלטן, וואָס האָבן דיזעלבע פאָרם. וואָס זאָגט דערצו סאָף־קאָל־סאַף דער ליבער גאָט? כ'ווייס גאנץ גוט, אז ער ווייסט אלץ: אָבער, אזוי אלוויסנדיק ווי ער איז, וועט ער אויך ניט וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן.

— הערסט א מײַסע! — שרײַט דער זואוו.

— וואָס ארט דיך, ער פײַפט אף אונדז אלע, זאָג איך דיר.

— און ווידער ארום, וואָס איז דאָ פאראן פון וואָס צו לאכן, וואָס? די ביקסן־שאָסן ריידן אף איין און דערזעלבער שפראך, וואָס, ניט? און דאָס שטערט לעגאמרע ניט די פעלקער זיך דורכצווווערטלען מיט זייער הילף, און נאָך ווי!

דער געשפרעך האָט זיך געצאנקט.

י. באָוושאָווער.

יִידישער פראָלעטארישער דיכטער (1873—1915)

צום גלויביקן.

ניט פאל, אָ מענטש, אף דײַן געזיכט פאר גאָט.
דורכגעווייקט פון טרערן, פון געבעט פארשוואכט!
ניט מער פארהעסלעך אים מיט ליב און פראכט;
דען ווייס: אין זײַן גלאנץ ליגט פאר דיר א שפּאָט.

און ציסטו דורך דעם גאנצן וועלטן־רוים,
פון אים דײַן גאָט געפינסטו קיין שפור,
דער „גאָרנישט" האָט קיין פלאץ אין דער נאטור,
און ער, דײַן אלעס, איז א פוסטער טרוים...

א שלעכטער טרוים, א בייזער טרוים, אָ מענטש!
אנטשטאנען פון דער דומהײַט און פארשטארקט דורך שרעק,
דיך צווינגט די קנוט: „ווארף דײַן איך אוועק",
און אפּפער זיך פאר אים און ליב אים, בענטש.

און ווייסטו ווער דער איז, בעסטער פרײַנט?
דאָס איז די הערשער־מאכט, די שטריק, די קייט,
וואָס בינדט דיך, קוועלט און שענקט דיר נאָכן טויט
די שווארצע גרוב, אָנשטאָט דעם שיינעם הײַנט.

דײַן טפילע און דײַן װײנען איז א טרײסט,
דאָך ניט פאר דיר—פאר פײַנע הארן נאָר;
דײַן בעטן זאָגט זײ אָן א גוטן יאָר,
דען זעלבסט צו נעמען ביסטו נאָך ניט דרײסט...

דער גלויבן־נעפל רינגלט דיך ארום,
אזוי װי א שיף, װאָס שטײט אינמיטן יאם;
ס'פילט די ברוסט דעם לעבנזענזוכטס פלאם
עס זוכט געגוס—דאָך ביסטו שטיל און שטום...

געפינסט קײן אױסװעג ניט?—אָ, בליק אהער;
דו, פרײַהײַט־מאן, צעשפאלט דעם נעפל גיך.
א שטראלן־רעגן װעט דערפרישן דיך
און אױסקױשן דײַן לאנג פארגאלטע טרער.

װי פון דער ערד שטײַגט אוף א נײַע װעלט,
א נײַע צױבער־לאנד, זאָ גאָלדיק שײן;
דערפילט מיט לעבן און מיט לוסט—און רײן
פון הערשער־שמוץ, פון גלױבן־פעסט און געלט.

* * *

די פארניכטונג פון דעם קלוימערשטדיקן גליק פון פאָלק—די רע־
ליגיע—איז דער נויטיקער פאָרבאדינג פאר זײַן װירקלעכן גליק.
(מ א ר ק ס).

קלײקוידעש, גאָטס סטראַפּטשעס — זײער ראָלע און מײַסים

מ. ראָזענפעלד.

* * *

ראבאָנים.

עס זײַנען אונדזערע ראבאָנים
געװען, געבליבן אונדזערע סאָנים,
אָט דאָ—א כומרע, דאָרט—א גזײרע,
דאָס גאנצע לעבן—אן אװײרע...
נאָר דאנקען גאָט און לעקן קצינים,
איז אלץ צו װאָס זײ מאכן דינים.

קאָשער.

דו זאָלסט דאָס װיסן באלד באם אלעף!
דאָס גאנצע פרומקײַט שטעקט אין כאלעף..
דו שעכט נאָר גוט און באדקע ריכטיק,
און דיר איז יאָנטעװדיק און ליכטיק...

אַ גאָט־זאך.

עס פרעגט די מענטשהײַט מיט אינטערעס:
װי װערט דאָס פלוצלונג מעובערעס
א מײדל פון א פרומער שטאָט?
נו, האָט די זאך דעם שענסטן טערעץ,
פול קדושע און פול דערעכערעץ:—
דאָס איז געװען פון גאָט.

מ. װינטשעװסקי.

גאָטס סטראַפּטשעס.

זײ קומען און דערצײלן אײַך:
איר דארפט זײַן פרום און גוט,
און טאָן, װאָס זײ באפעלן אײַך,
און ליב האָבן די רוט.

זײ קומען און זײ זאָגן אײַך:
איר דארפט ניט דענקען פיל,
אז װען די טרײַבער יאָגן אײַך,
האָט דאָס א צװעק, א ציל.

זײ קומען און דערקלערן אײַך:
איר האָט אן אנדער װעלט,
װו קײנער װעט ניט שטערן אײַך
צו טאָן, װאָס אײַך געפעלט.

זיי קומען און פארליידן אײַך
דעם שמערץ מיט פרומע רייד,
און גיבן אין גאנײדן אײַך
נעכאָמעס נאָכן טויט.

איר הערט זיי, הערט זיי גארעלעך,
און ליידט, און נעמט צו קלעפּ,
און האלט אויס אָט די הארעלעך,
וואָס ברעכן אײַך די קעפּ.

* * *

> די גײַסטלעכע באנוצן גאָטס נאָמען צוליב דעם, קעדיי שרעקן דאָס פאָלק. די שרעק דארפן זיי צוליב דעם, קעדיי דאָס פאָלק זאָל רויִק פארטראָגן דעם יאָך, וואָס איז אף אים ארופגעלייגט געוואָרן (האָלבאך).

מ. ווינטשעווסקי.

גאָטס דינערלעך.

מיט דער טוירע האנדלענדיק,
אין גאָטס וועגן וואנדלענדיק,
גייט אויס א פײַנער מאן;
ער איז א דוכאָוונער ייִד,
זייער א גרונטאָוונער ייִד,
און שטאָלץ ווי גאנץ קיידאַן.

יענער שטײַף פארשפּילעטער,
אימער אײַנגעהילעטער
אין רעק פון שווארצע טוך,
וועלכער קוקט אף יעדערן
ווי א נאָז אף פעדערן,
אויך ווי א בלאָז אף פוך;

און ער האָט א בײַכעלע—
מיט א קליינעם טײַכעלע
פון ספּיריטוס דארין;
דען ער מאכט א שנעפּסעלע,
ווען ער שערט א שעפּסעלע,
און שערט עס אל־פּי־דין.

דאָס איז א ראבינערל,
קלוימערשט נאָר א דינערל,—
א דינערל פון גאָט,
אָבער ער האָט עטלעכע
טויזנטער, פון געטלעכע
ראכמאָנעס, אין קאמאָד.

ווו ער זאָגט קיין דייע ניט,
גיט ער די מאטבייע ניט,
דאָך נעמט ער, ווו ער קען;
אָ, ער איז ניט שעמעדיק,
און ער פרעגט ניט נעמענדיק,
פון וועמען, ווי און ווען.

מאסן געלט פארדינענדיק,
דאווונט ער, גאָט דינענדיק,
און דאווונט זייער פרום;
שמא־ייִסראָעל שרײַט ער גוט,
אין אָליינו שפּײַט ער גוט,
און בלאָזט זיך אומעטום.

אין רעבנס הויף.

אום פרײַטיק, 12 אזייגער באטאָג, בין איך אָנגעקומען צום רעבן אפן הויף, און איך שווער אײַך בא מײַן יִדישקײַט, אז די מינוט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך בין אין בערדיטשעוו אף פּרעטשיסטער יעריד. דער הויף איז געווען פול מִיט יִידן יִידענעס, יונגעלײַט און קינדער, א געשריי, א געפּילדער, א שטופּערײַ, גאָר ווי די פּארסאמטע מײַז! מע ווארפט מיט די הענט, מע שטעקט גראָבע פינגער, מע טרייסלט מיט פּייעס, מע קנאקט מיט פאנטאָפל, מע דויכערט, מע הוסט, מע שפּײַט, מע קײַט, מע כראקעט, מע שטופּט עלנבויגנס, מע זידלט, מע שילט, מע פּאטשט, די היטלען פּארוקט אף די פּאטילעצעס, די פּאָלעס צעלאָזט צו אונטן, די עקגארטלען אף דער ערד; א כוואליע אהער, א כוואליע אהין, עס רוישט, עס טומלט, ווי אין הונדערט פּאראָווע מילן, און ס'איז קימאט ניטאָ, ווו א שפּילקע צו דער ערד ווארפן!... איך בין געבליבן שטיין, ווי א פרישמעלעטער, איך האָב ניט געוווּסט, וואָס טוט זיך עס מיט מיר און ווו בין איך אין דער וועלט?.. און נאָך א מינוט וואָלט איך געווען אנידערגעפאלן פון שווינדל און קאָפּדרייעניש... נאָר פּלוצלונג דערהער איך א מין הארצרײַסנדיק קאָל מיט א ביטער געוויין און יאָמער אד־לייוו־האשאָמאִים! איך קוק מיר אום, דערזע איך—א דערשלאָגענער, פארפינצטערטער יִיד פירט אונטער די הענט א מין צעשויבערטע יִידענע מיט א ווילד פּאָנעם, מיט ארומלויפנדיקע ווילדע אויסגעסטארטשעטע אויגן און פארקרימטע ליפּן; דער גאנצער קערפּער אירער ציטערט און פלאטערט ווי אין א שרעקלעכער קאָנווולסיע; זי שטופּט דעם יִידן פּאָרויס אין איין אימפּעט און שרײַט מיט א מין רעווערדיק קאָל: „צום רעבן, צום רעבן". ניוהעל וועניטסטוימעמדיק פון דער שרעקלעכער קארטינע, האָב איך זיך געווענדעט צו א כאָסיד, וואָס איז לעבן מיר געשטאנען, און מיט א ציטערדיקער שטימע האָב איך אים געפרעגט, וואָס דאָס באדײַט?... דער כאָסיד האָט זיך צעלאכט מיט א פארוווּנדערט געלעכטער, און מיט א דורכגענומענעם קוק אף מיר האָט ער אויסגעשריען: „אײַ... א נעוועקל! וואָס פארשטייסטו ניט, דו שקאָץ איינער, וואָס דאָס זאָל זײַן?... האָסטו דען קיינמאָל פון קיין רעבן ניט געהערט? דו ביסט געוואקסן אין וואלד?... האָסט דאָך מינאסטאם פארן פאָרן אהער עפּעס געהערט פון אונדזער רעבן, וואָס פאר א הייליקער מאן דאָס איז, אז מיט זײַנע מאָפּסים, ניסים און ניפּלאָעס רודערט ער אוף אלע וועלטן. הײַנט, וואָס פארגעסטו, יִינגל, וואָס דאָס באטײַט?"— איך בין געבליבן שטיין, ווי א נעבעכל, עפּעס ווי א שולדיקער אין דער גאנצער מײַסע... און קוקנדיק אף אים מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם, האָב איך גאָר ניט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן... מײַן דערנידערטקײַט און האכנאָע האָט אים, אפּאָנעם, גערירט און ער האָט מיר באלד א זאָג געטאָן מיט א ווייכער שטימע: „ווי איך זע, ביסטו אן ערלעך קינד, נאָר ביסט נאָך גאָר א טאם... הער זשע, וועל איך דיר מעיירעש זײַן דעם גאנצן איניען בעקיצער, וואָרעם מע דארף זיך נאָך לויפן מייכן

זײַן צום דאַווענען!" איך בין שיר פון די קײלים אַרויס פון סימכע און דאַנקבאַרקײַט. און ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן בעזע האַלאַשן: „נאָך צוריק מיט אַ יאָר פיר איז דידאָזיקע ייִדענע עפּעס ניט געזונט געוואָרן; נו, מײַלע, מאַלע וואָס אַ מענטש ווערט עפּעס ניט געזונט! מע האָט איר געטאָן עטלעכע באַבסקע רעפוּעס און ס'איז קעמײַ ווי איבערגעגאַנגען. נאָר אין אַ כוידעש אַרום האָט זי באַקומען אַ מין ספּאַזמע, דעהײַנע: פּלוצלונג פּלעגט זי אָנהויבן וואַרפן מיט די הענט, מיט די פיס און פּלעגט דערבײַ עפּעס ווי לאַכן און וויינען אײַנײַנעם, ביז זי פּלעגט אַנטשלאָפן ווערן און אין אַ פערטל שאָ אַרום פּלעגט זי זיך אויפכאַפּן פריש און געזונט, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט געווען. נאָר די מינים ספּאַזמעס האָבן זיך וואָס ווײַטער אַלץ עפטער געמאַכט. זי האָט אָנגעהויבן דאַרן און מאָרעשכוירען. איצט, ביז צום יאָר, האָט מען באַמערקט בא איר עפּעס טנועס פון מעשוגע... (אַזוי האָבן געזאָגט די בעל־ינער אין שטעטל, יִמאַך שמאָם וועזיכראָם), און אירע עלטערן, דער מאַן מיט די קרויווים און אַלע כסידים אין שטעטל האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַוואַדע אַ... ד"—„דיבעק",— האָב איך אונטערגעכאַפּט זײַנע רייד מאָלע סימכע און פאַרווונדערונג. „אָ! ביסט אַ „מאָלאָדעץ!"—האָט דער כאָסיד געזאָגט מיט אַ פאַרביסן שמייכל—מינאַסטאַם אַ דיבעק, ווי דען!?... אַקיצער, די גאַנצע בנײ־באַיִס האָבן זיך אָן אײַצע געהאַלטן און עס איז געבליבן, אַז דער מאַן זאָל זי אַוועקפירן אַהערצו צו אונדזער רעבן, ער זאָל איר אַרויסטרײַבן דעם דיבעק!... אוימער ווייסע.

דער מאַן האָט זי אַהער געבראַכט און איז מיט איר געקומען צום צאַדיק, פּונקט ווען ער האָט געהאַלטן אין פראַווען... ווי דער רעבע האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף איר מיט זײַנע ליכטיקע אויגן, האָט ער באַלד געזען מינהאַשאָמײַיִם, אַז דאָס איז אַ מעסוּקן שטיקל אַרבעט... דו פאַרשטייסט וואָס מע מיינט?... אָט ביכדיי דעם בידנע מאַן ניט איבערצושרעקן אַף טויט, האָט ער איר אַזוי אַ זאָג געטאָן: „פאַרלירט נישט קיין ביטאָכן אין אויבערשטן, ער איז אַ קויל־יאָכל. איך וועל דיר מיטגעבן אַ קאַמייע און דו פאָר מיט איר אַהיים, און אַז דו וועסט קומען בעשאָלעם אַהיים. זאָלסטו איר די קאַמייע באַלד אויפהענגען אַפן האַלדז, און דער אויבערשטער וועט אַוואַדע ראַכמאָנעס האָבן, און וועט איר צושיקן אַ רעפוּע־שלוימע... אײַ, אײַ, אײַ, זי דאַרף נעבעך האָבן ראַכמים!..." דו פאַרשטייסט דעם אויסלאָז?... מײַלע, דער מאַן האָט גענומען די קאַמייע און איז מיט דער ווײַב אַהיים געפאָרן בעשאָלעם און, קומענדיק, האָט ער באַלד אויפגעהאַנגען די קאַמייע, ווי דער רעבע האָט געהייסן. הער אַ מין ווונדער איבער ווונדער! ווי ער האָט איר נאָר אָנגעטאָן די קאַמייע, האָט זי באַלד אַרויסגעלאָזט מינע קוילעס, עפּעס ווי גאָר אַ מין געלענק מיט טרעלן פון אַ כאַזן, אַזוי, אַז ווער ס'האָט נאָר די קוילעס פון איר געהערט, האָט באַלד געשוואָרן, אַז אין איר איז אַ דיבעק פון אַ כאַזן, וואָס האָט מיט עפּעס געזינדיקט באַם לעבן, צי פּויגעם געווען אין דער טפילע און נאָכן טויט האָט מען די נעשאָמע זײַנע, אַפּאָנעם, אַרויסגעשטויסן פון יענער וועלט און זי האָט נעבעך זיך געזוכט אַ פריטולישטשע. די קוילעס האָבן זיך אַלץ אָפטער געלאָזט הערן און בא יעדן מאָל האָבן זיך געהערט די ווערטער: „פירט מיך גיכער צו דעם מענטשן, וועלכער האָט מיר געגעבן דידאָזי־

קע קאַמייע!״... קורץ, דער דיבעק האָט נעבעך די ייִדענע געמוטשעט ביזן טויט, ביז מע האָט אים געמוזט צוליב טאָן און פאָרן נאָך איין מאָל צום רעבן.

קומענדיק צום רעבן, האָט זי דער רעבע באַלד דערקענט. דער רעבע האָט באַלד געהייסן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין פון כיידער, אַכוץ זײַנע צוויי לײַב־גאַבאָיִם... און דערנאָך האָט ער געפרעגט דעם דיבעק: „זאָג די מינוט, ווער און וואָס דו ביסט!?״ באַלד האָט דער דיבעק אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן איבער דער גאַנצער שטוב... (די בערלינער, ייִמאַך שמאָם, זאָגן אַפילע, אַז דאָס האָט די ייִדענע אַ סמאָטשקע געטאָן, נישט מער, ווער הערט זיי, אָט די העפּקער־יונגען!?) און האָט זיך צעוויינט אַף אַ קאָל.

באַלד האָט זיך דער רעבע דערוואַכט ווי פון הינערפלעט און האָט אַ געשריי געטאָן: „בעשיים קאָל אוויסײַ האַקדוישים וועהאַטהוירים [1]) באַשווער איך דיך, דו זאָלסט די מינוט אַרויס פון דער אישע אין דײַן רו אַריין!״... דער דיבעק שווײַגט... „בעשיים קאָל האַצאַדיקים קדוישיי עליוין [2]) באַשווער איך דיך, דו זאָלסט באַלד אַרויסגיין פון דער איִשע!״ — האָט דער רעבע ווײַטער אויסגעשריִען — נאָר דער דיבעק שווײַגט ווי דער טויט. דו פאַרשטייסט אַ האָזע?... דער רעבע האָט דעם דריטן מאָל אויסגעשריִען מיט אַ קאָל פון אַ לייב: „איך באַשווער דיך, דיבעק, בעשיים האַקאָדעש וועהאַטאָהער [3]) אָ רעב באָכצע סירקעווער! (דאָס האָט ער געמיינט זיך אַליין), זאָלסט די רעגע אַרויס פון דער אישע אין דיין רו אַרײַן!״... הערנדיק דעמדאָזיקן נאָמען, איז דער דיבעק פאַרציטערט געוואָרן מיט אַלע אייוורים און האָט אָנגעהויבן רעווען ווי אַ טיגער. אָט דאָ האָט דער רעבע אַ געשריי געטאָן צו די גאַבאָיִם: „פירט זי אַרויס פון מײַן שטוב! ער איז געשטאָרבן אָן טשוווע, לאָזט מען אים מין האַשאָמאָיִם קיין טשוווע ניט טאָן, זײַן טיקן איז זייער אַ שווערער איניען!״— דו פאַרשטייסט אַ קוק פון אַ צאַדיק, אַ וועלט־זײַל!...

דאָס אַלעס האָט מיר דער כאָסיד דערציילט מיט אַ מין היסלאַוועס און היספּײַלעס, אַז איך האָב זיך דערווײַל, ווי ער, פאַרגעסן אין איקער: אַז דעם דיבעק האָט דאָך טאַקע דער רעבע פאָרט ניט אַרויסגעטריבן... און איך בין אויך ניספּאָעל געוואָרן גלייך מיט אים, און האָב דעם געטלעכן מויפעס שוין הונדערטער מאָל איבערגעדערציילט אַנדערע, איטלעכעס מאָל מיט נײַע צוזעצלעך און אויפּטועכצלעך, און אַלע היצן מיר זיך און צעפלאַקערן זיך... און פליִען אין הימל... קיינער גיט זיך אַדײַעם קיין כעשבן ניט אָפּ, אין וואָס זשע באַשטייט דער מויפעס...]

* * *

ס'איז געוואָרן נאַכט. דער גאַנצער אוילעם איז זיך שוין צונויפגעקומען פון מערכעץ און פון דער מיקווע. מע האָט אָפּגעדאַוונט מינכע, מע האָט מעקאַבל שאַבעס געווען מע האָט אָנגעהויבן גרייטן דעם טיש אין קלויז, זאָלט איר עס געווען

[1]) בעשיים קאָל אוויסײַ האַקדוישים וועהאַטהוירים—אין נאָמען פון אַלע מײַנע עלטערן די הייליקע קאָשערע.

[2]) אין נאָמען פון אַלע צאַדיקים די גאָט־הייליקע.

[3]) בעשיים האַקאָדעש וועהאַטאָהער—אין נאָמען פון הייליקן און קאָשערן.

זען, וויפל זילבערן מע האָט אָנגעשטעלט אפן טיש: דרייסיק זעקס דריי־ערעריקע ביז צענערעריקע לייכטער, צוועלף הייסגעגילטע בעכער, צוויי זילבערנע הייסגעגליטע וואזעס, דריי אזוינע שיסלען, פיר פאלומעסקעס, צען טוץ זילבערנע לעפל און גאָפל און מעסער—אָן א שיר... כוץ פארצעלייענע און קרישטאָלענע סערוויזן, מאמעש מייסע מאלכעס! הייַנט קענט איר פארשטיין, וויפל אין שטוב איז נאָך פארבליבן?.. וואָרעם מע האָט דאָך פאָרט מוירע, אז א כאָסיד זאָל עפעס ניט פארטראָגן פון טיש... זאָל נאָך אזא כייפעץ בלייבן אין שטוב... דער טיש איז פארטיק געוואָרן, מע האָט אָנגעהויבן ווארטן אפן רעבן צום קידעש. געווארט האָט מען אפילע ניט קיין סאך, אינגאנצן א שאָ פיר־פינף... אלע האָבן אנדערש ניט געדענקט. נאָר אז דער רעבע דאוונט אָדער לערנט, אָדער ער איז פארטיפט אין די הימל־וועלטן אזוי לאנג... נאָר אין א לאנגער צייט בין איך געוואָר געוואָרן, אז דאָס שלאָפט ער זיך פּאָשעט אויס אלע פרייטיק צונאכט פון דעם אָנמידן זיך מיט די הונדערטער אָרכים, וואָס קומען אף שאבעס פון דעם גאנצן שליסל ארום... און צום עמעס טאקע, ווי קען אזא אָפטיקס איבערטראָגן אזא אבוזע פון הונדערטער מענטשן אין איין טאָג און דערנאָך נאָך פראווען א טיש קימאט ביזן ווייסן טאָג אריין...

נו, מיילע—אין די עטלעכע שאָ ווארטן האָט דערווייַלע דער אוילעם רעדלעכווייַז באלאקעט פון פארשיידענע כאָכמעס און וויסנשאפטן: איין רעדל האָט גערעדט וועגן ערעץ־ייסראָעל־באָקסערן, פון די רויטע ייִדעלעך, פון דעם סאמבאטיען און פון בייזע כאלוימעס. אן אנדער רעדל האָט טראקטירט מיקויעך דעם רעבנס קארע פערד און מיקויען קארפינער עסרויגים... דאָרט א רעדל האָט גערעדט פון ראמבאמס מייסע, ווי ער האָט צעשניטן א מענטשן אייוורימווייַז און געלייגט אין א סלוי, און אין זעקס יאָר ארום איז דער מענטש געוואָרן גאנץ און לעבעדיק... נאָר אין א ווינקעלע איז געשטאנען א קופקעלע מענטשן און האָבן זיך פארטיפט גאָר אין הויכער כקירע... אָנגעהויבן האָבן זיי דערפון: צי קען א שעדיכע האָבן א צווילינג?... דערפון זייַנען זיי אראָפּגעקומען אף הינערפלעט און וויַטער־וויַטער, ביז מע איז ארוף אפן טעלעגראף... אָט הערט און שטוינט!

„פשיטע!—רופט זיך א כאָסיד, קרימענדיק דעם פיסק—אוואדע פארשטייסטו אסאך זאכן!.. איך זאָג דיר בעפיירעש, אז אלע כאָכמעס־כיצוינִיעס [1] זייַנען נאָר פון דער סיטרע־אכרע [2] און ניט מער!.. און דאָס איז דער טעלעגראף זייערער אויך...—„עט, ביסט אן אלטער שויטע״!—טוט א באיאָרטער לאנגער כאָסיד א מאך מיט דער האנט: „עמעס טאקע, דאָס אלצדינג נעמט זיך פון רועך־האטומע [3] דאָס איז בלי שום סאָפעק!.. נישמער, ס'איז ניט אזוי גרינג מעוואטל צו זייַן, ווי דיר ווייַזט זיך אויס... אזוי ווי דער רעבע אין דער סיטרע־האקדושע [4]), אז א כאָסיד רירט נאָר אָן די קליאמקע פון זייַן טיר, ווייס ער שוין, וואָס מיט אים האָט זיך איבערגעטאָן פון געבוירן

1) וועלטלעכע וויסנשאפטן.
2) ניטגוטער, „בייזער גייסט״.
3) אומריינער רועך. ניטגוטער.
4) דער הייליקער גייסט.

ביזן טויט,—אזוי לעהאוודל טויזנט מאָל דער טעלעגראַף מיט זײַן קויעך־האטומע[1] אז מע רירט זיך נאָר צו צו אים, זאָגט ער שוין יענעם אלצדינג, וואָס דער טראכט".

„עט, דו רעדסט שוין גאָר, בימכילע, ווי א מאנקאָליעניק!—רופט זיך אָפּ אן אלטער כאָסיד פון דעם רעבנס אינוואַלידן—הער זיך נאָר צו, דו רעדסט: מאָל דיר, זאָל דאָס אנדערש זײַן, אז דער טעלעגראַף איז געגליכן צום רעכן לעהאוודל,—וואָלט דאָך פון רעבנס קליאמקע ביז זײַן שטוב אויך באדארפט שטיין סטויפּעס מיט דראָטן!?..."

„אי, שויטים, שויטים!—האָט זיך אָנגערופן א באוואָקסענער כאָסיד מיט א טשוב אף דער גראָבער נאָז—איר פארקריכט גאָר אומזיסט צו אלדע שווארצע יאָר! דער טעלעגראַף איז גאָר א גאנץ פּאָשעטער איניען! די גאנצע זאך דערפון איז נאָר א דערעכאטעווע! פּאָשעט איז פּאָשעט, אז מע טוט א טרייסל מיטן דראָט דאָ, טוט ער זיך בעמיילע א טרייסל דאָרט אויך, און אזוי ווייס איינער דעם אנדערן אין עק וועלט!... אזוי איז דער טעלעגראַף, אזוי איז דער אײַזנבאן און אזוי איז אלע זייערע מאשינערײַען". און אזוי ריידנדיק איז דער רעבע ארײַן אין קלויז און האָט זיך באלד געשטעלט צום קידעש. אלע שניר און טעכטער און די רעבעצן, באהאנגען אין פּערל, גאָלד און ברילאנטן פון קאָפּ ביז פיס... נאָכן קידעש האָט זיך דער רעבע געזעצט אויבנאָן צום טיש, די זין מיט די איידעמס פון ביידע זײַטן, נאָך זיי די ווילדע מעקוראָווים, דערנאָך די פעטע ארענדארן, פּאָטשטארעס אוכעדיימע און גאָר צום לעצט—די ראבאָנים, דאיאָנים, שאָכטים און אנדערע קלייקוידעש... אלע פּליאסקעס און כעוורע־באָרשטש זײַנען געשטאנען אף בענק איבער די קעפּ, איטלעכער א געוואשענער, מיט זײַן בולקע אין דער האנט... אז אלץ איז שוין געווען אין דער אָרדענונג, איז ערשט ארײַנגעקומען מעכצע (דער לײַב־גאבע) און איז גלײַך ארויף מיט די זאָקן אפן טיש און האָט דאָ איבעראנײַס אָנגעהויבן פּאראדקעווען מיט די ערטער... דעם נויטיקן—ארויף, דעם ניטנויטיקן — אראָפּ... דעם—אין טאטנס־טאטן, יענעם—א פּאטש און וועמען—גאָר וואָן פון אונטערן טיש ארויס... און דער רעבע איז נאָך אלץ פארטיפט, כאָטש מעכצע שרײַט אף א געמבע: „אזעספּענעמער, א רוועך אין אײַער פּאָטער און מוטער ארײַן, וואָס זײַט איר מעוואלוול דעם רעבן!?... קורץ, מע האָט דערלאנגט די פיש, האָט זיך דער רעבע צעדרעכעט און האָט ארײַנגעטאָן די פינגער אין פּאלומעסעק (די כסידים עסן מיט די הענט, ניט מיט א גאָפּל) און האָט זיך אָפּגעבאָברעט אנטקעגן א פערטל שאָ... אלע כסידים, וואָס איבער די בענק, האָבן אָנגעהויבן קלעטערן איבערן אוילעם, וואָס באם טיש. דער האָט זיך געשטעלט אף יענעמס פּלייצע, דער—אפן טיש, איינער איז ארײַן מיט ביידע פיס צום אנדערן אין די קעשענעס און האָט אים אָפּגעריסן צוויי פּאסן זשופּעצע ביז אראָפּ. איך האָב די גאנצע צײַט ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון רעבן און האָב אלץ געזען, ווי עס גליסט זיך אים עפּעס ניט ארויסנעמען די האנט פון פּאלומעסעק פיש, און ווידער האָב איך באמערקט, ווי ער טונקט אלץ קוילעטש אין בראנפן... וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, קען איך אדײַעם ניט באנעמען!... קורץ,

[1] דעם טײַוולס קויעך.

ער האָט ארויסגענומען די הענט און דאָ איז דער גאנצער אוילעם, ווי די היישעריקן ארײַן מיט די זשמעניעס אין פאלומעסעק ארײַן, און ס'איז געוואָרן א רײַסערײַ מיט א שלעגערײַ. מע האָט זיך איינס דעם אנדערן געריסן הענט, ארבל, לאצן, אויסגע־דרייט די פינגער, פארפאטשקעט די זשופעצעס, געלעקט די זשמעניעס, געמאכט זיך ווי די רוכעס און געשטופט זיך אין די פיסקעס, מיט אזא לורקײַט און היסלאוועס און מעסירעס־נעפעש, גלײַך אין דעם ביינדל, צי אין דעם ברויזען, וואָס ער האָט געכאפט, ליגט א רעפוע־שליימע אף אלע אייוורים צו אלע צאָרעס און לײַדן. אזוי איז געווען בא די לאָקשן, באם געפילעכץ, בא פלייש און בא צימעס. און נאָך אלעמען האָט דער רעבע פארגלאָצט די אויגן, פארוואָרפן דעם קאָפּ ארונטער אפן פארענטש פון זײַן שטול און האָט איז זיך אָנגעהויבן קרעכצן א ניגנדל, קאם וואָס מע האָט געהערט, און ס'האָט דאָך געשפאָלטן הימלען און דורכגענומען אלע הער־צער... באלד האָט די כעוורע זינגער דאָס ניגנדל א כאפ געטאָן אף זייערע געמבעס, קאטשענדיק זייערע האלבע גופים אראָפּ און ארוף איבערן טיש, גאָר ווי די האמערס אין דער האמארניע, מיט פארשטעקטע הענט אין די גארטלען, די פייעס צעטרייסלט, די ווערכעס פון די שטרײַמלען צעהודזשעט, די פענעמער אָגגעצונדן ווי אין קראמפן און אלע אייוורים אין קאָנוווּלסיע, מיט א מין שרײַען און טערעמעקען אף פאר־שיידענע וואריאציעס, מיט אלע מינים אויסשפראכן פון „אכצי־דיאכצי", „דענענען־דענעמי", „טאמטעדע־ראָמטאם־טרײַלעלײַ, טאָרעראָדערידאם, טערעבאָמבים־באָם"—אוכדוימע. און דער אוילעם האָט צוגעבאָמקעט, צוגעפויקט מיט די פינגער אפן טיש, צוגעקנאקט, צוגעהירזשעט, צוגעברומט און צוגעזשומעט, אז מאמעש ס'האָט פאר־הילכט די וועלט, פארהלושעט דעם קאָפּ, נאָר ווי אין א קרופטשאטקע אף אכצן מיל־שטיינער... נאָר פלוצלונג האָט דער רעבע צוריק אופגעהויבן דעם קאָפּ און האלב צעעפנט די אויגן און איז אין אויגנבליק פארשטומט געוואָרן ווי דער טויט!... דאָס איז א סיגנאל, אז דער רעבע וויל זאָגן א טוירע... אלע געהירן האָבן זיך אײַנגע־שרומפן, אלע אויערן—אָנגעשטעלט, אלע אָטעמס, ווי פארשלאָגן, אלע אויגן—אויס־געסטארטשעט אין איין פונקט ארײַן... און אלע פענעמער מיט אָפענע מײַלער אין א מין האפן־גאפן און דערוואַרטן עפעס כוך מידערכאטעווע!... און דער רעבע האָט געעפנט זײַן הייליקן מויל און האָט אָנגעהויבן זאָגן אף א שטילן קעלכל, וואָס האָט דאָך געבוירערט די אויערן און געלעכערט די הערצער.

נאָך דער טוירע איז דער רעבע ווידער פארגאנגען אף א פערטל שאָ אין הימל־וועלטן און דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן און האָט א זאָג געטאָן: „ווײַן". אָט דאָ איז מעכצע ווײַטער ארוף אפן טיש און האָט אָנגעהויבן אויסרופן אף זײַן געמבע: „האגוויר מעוועציוואנע לעקאָוועד דעם רעבן מיט זײַן טיש אָרכים! (ער האָט זיך א בויג געטאָן צום גוויר און יענער האָט אים געזאָגט וויפל בוטילקעס ווײַן) דרײַ מאָל כײַ (18) [1]) בוטילקעס ווײַן, די בעסטע! האפארנעס [2]) הירש מי־

1) 18. א צאָל, וואָס איז געהייליקט פאר א רעליגיעזער, מאר א גליקבארער, ווײַל דאָס וואָרט „כײַ" באטײַט אין העברעיש לעבן.

2) פירער פון דעם קאָהאָל.

קראָקאָדילעווקע דרײַ מאָל — ווײַן גוטע און צוויי עמער פּאָשעטע! — האגאבע מיכעוורע קאדישע פון וועציוואנע 3 מאָל כײַ בוטלקעס די בעסטע און דריי עמער פּאָשעטע! — דאָס איז פאר א לערער, וואָס האָט הײַנטיקס יאָר א מיסע־מעשונע אײַנגענומען· אימירצעשעם, צום נײַעם יאָר, אז נאָך א פּאָר לערערס וועלן מאכן די שפּיל, וועט ער מאכן קויפל־קיפלאִים! א יאָ, רעב נאָכעם?.... ווי זאָגט איר רעבע...?״ (דער רעבע האָט מיט זײַן שמייכל א זאָג געטאָן צווישן די ציין: „גיי שוין, גיי, דו, לעך איינער!״... אזוי האָט ער קימאט אלע אָרכים באם טיש איבערגערופן, ביז צום סאָף האָט ער א געשריי געטאָן: „אלע פרעמדע יונגעלײַטלעך שטעלן צו צוויי בוטלקעס ווײַן גוטע און פּאָשעטע! ווער עס וויל ניט, זאָל אויסשרייען. „ניין״ מיט זײַן נאָמען״... פארשטייט זיך, אז קיינער האט עס ניט געוואגט עפנטלעך אנטקעגן רעבען... ער האָט אפילע ניט געמעגט האָבן אף הויצאָעס אף אהיים פארן... כעוורע באָרשטש און אזוי אלע פליאסקעדריגעס האָט ער ניט זאטשעפּעט... נאָכן ארויסרופן האָט ער א שאף געטאָן צום רעבנס ווײַנשענקער (דעם רעבנס עלטערער זון האָט טאקע א ווײַן־קעלער באם רעבן אפן הויף פון אלע טיש־אָרכים וועגן...): „מענדל, טראָג ארוף דעם ווײַן״!... פון די אלע סאך ווײַנען, וואָס זײַנען באם טיש געפאלן בלי־גוזמע 20 מאָל כײַ בוטלקעס גוטע און בעסטע און 20 עמער פאניעטע, האָט מען צום טיש דערלאנגט קאם עפשער א האלבן מאָל כײַ בוטלקעס גוטע און אן עמער צען מאמעש דײַזשע־באָרשטש... און מאַצע־שאבעס האָט מען שוין געריסן בא די אָרכים פאר אלע אויסגערופענע ווײַנען צו צוויי רובל א בוטלקע בעסטע און אָנדערהאלבן — א בוטלקע גוטע און צוויי רובל — אן עמער פּאָשעטע... דער ווײַן ווערט צעגאָסן אין גלעזער פון די טיש־אָרכים וועגן, דער דײַזשע־באָרשטש — פון דער כסידארניע וועגן. איטלעכן באזונדער גיט דער רעבע די גלאָז פון זײַן האנט און גיט אים בייסמײַסע די האנט „לעכײַיִם״ — קענט איר שוין פארשטיין, אז וואָס פאר א שטופּערײַ, זידלערײַ מיט א וואָרפערײַ עס ווערט דעמאָלט צווישן די באנק־כסידים — קימאט אף סאקאָנעס נעפאָשעס! וואָרעם איטלעכער וויל דאָך אלץ זיך ארויסשטעלן אין פראָנט, דער רעבע זאָל אים פריִער פון אנדערע דערזען, אָדער ער זאָל אים כאָטש לעפּאָכעס ניט פארזען כאָלילע!?... איך האָב מיך אמאָל צען געהארגעט פון דער באנק אראָפּ און געלייזט קלעפּ מיט קניפּ, מיט באָכענצעס, וויפל עס איז נאָר אין מיר ארײַן. נישטמער, ס׳איז עפּעס א טערעך אף דעם רעבנס „לעכײַיִם״?... און ווען מ׳זאָל אפילע אומקומען אף קידעש־האשעם, וועט א כאָסיד לאָזן פארלירן דעם רעבנס „לעכײַיִם?״ — כאסוועכאָלילע! אָן דעם „לעכײַיִם״ איז ער אן אומגליקלעכער אפן גאנצן לעבן!... נו, מיילע, מינאסטאם איז איטלעכער געגאנגען אף מעסירעס־נעפעש, אף קידעש־האשעם און קיין איינציקער איז בָארעראשעם ניט פארפעלט געוואָרן. אלע האָבן געטרונקען צום רעבן, „לעכײַיִם״ און יעדערער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך.

יוסעף פערל.

(1773—1839)

פון דעם בוך „מעגאלע טמירין" [1]).

(„דער אנטפלעקער פון סוידעס") ווין, 1819.

1

פון ר' זעליק וולעטיטשיוער אין זאַלין צו ר' זאנוול וועריכעווקער אין קריפען.

נעכטן האָב איך זיך געזאמט נאָך מײַרעוו בא אונדזער הייליקן רעבן, דעם ליכט פון דאָר, און כ'האָב געהערט זײַנע געשפּרעכן, וואָס זײַנען זיסער פון האָניק און כ'האָב געהאט א גרויסע האנאָע, וואָרעם אונדזער הייליקער רעבע איז נאָכן דאוונען געווען שטארק פריילעך, און זײַנע רייד זײַנען געווען מיט אסאך דווייקעס, ווי זײַן שטייגער איז, און כ'האָב געלערנט אין אָט דער צײַט פון זײַנע רייד און פון זײַנע מײַסעס געלויבט צו גאָט מער, וויפל ס'איז אימשטאנד א מענטש צו לערנען פון דער טוירע פון אנדערע ראביים, און כ'וואָלט נישט מיד געוואָרן צו הערן זײַנע הייליקע ווערטער אסאך טעג אָן עסן און טרינקען. אָבער אונדזער הייליקער רעבע האָט געוואָלט פארויכערן די ליולקע און גיין אין אָפּטרעט, האָב איך אים געגעבן די ליולקע, אָבער כ'האָב ניט זויכע געווען צו געבן אים פײַער, ווײַל אן אנדערער פון אונדזער כעוורע האָט זיך געפּעדערט, בעשאס כ'האָב געגעבן דעם רעבן די ליולקע און געבראכט פײַער. און ווען כ'האָב געזען, אז דער רעבע וויל ניט, מע זאָל אים באגלייטן אין אָפּטרעט, בין איך אוועק אהיים מיט גרויס סימכע, וואָס כ'האָב זויכע געווען צו זײַן דעם רעבנס א כאָסיד און הערן דעמדאָזיקן טאָג פון אונדזער רעבן

---

*) „מעגאלע טמירין" — דער אנטדעקער פון סוידעס — איז א שארפע סאטירע קעגן כסידיזם, צום ערשט געדרוקט אין ווין, אין 1819 יאָר. דאָס ווערק האָט די פאָרמע פון א קאָרעספּאָנדענץ צווישן כסידים, וואָס דעקן אוף אף אזא אויפן אלע סוידעס פון די כסידישע פײַנע מײַסים, לויטן מוסטער פון דער שריפט.

Epistolae obscuorum virorum (בריוו פון אָבסקוראנטן) אין דער צײַט פון די ריפאָרמאציע־קאמפן אין דײַטשלאנד XVI י. ה.

דער שרײַבער מאכט נאָך דעם כסידישן סטיל, אומגעלומפּערטן לאָשן און עס שטארצט ארויס אזוי ארום נאָך דײַטלעכער די כסידישע ווילדקײַט און פינצטערקײַט. מיט דעם ווערק האָט די האסקאָלע געעפנט דעם שארפסטן פײַער קעגן דער כסידישער באוועגונג: עס אנטשטייען איינס נאָכן אנדערן א ריי מאסקילישע ווערק, וואָס נוצן דעמזעלביקן וואָפן פון סאטירע און הומאָר אין קאמף קעגן כסידיש. נאטירלעך, האָט דער מעכאבער פארפאסט דאָס ווערק אנאָנים: מיקלוימערשט דאָס ווערק האָט פארפאסט א פרומער כאָסיד אויוואדיע בען פסאכיע. דאָס פארשטארקט דעם כאראקטער פון דער סאטירע, אף וויפל די כסידים וואָלטן עס געקענט אָנעמען (און אזוי האָט עס ערטערווײַז געטראָפן) פאר א „קאָשערע מאטבייע".

אזעלכע גרויסע זאכן. ווען כ'בין געקומען אהיים, האָט מײַן פרוי מיר איבערגעגעבן א בריוו, וואָס האָט געבראכט אן אוירעך פון אײַער קעהילע און נאָך א פארגעניגן איז צוגעקומען צו מײַן פרייד, ווען כ'האָב דערקענט דײַן האנטשריפט. אָבער ווען כ'האָב אָנגעהויבן צו לייענען דיין בריוו, האָט מיך ארומגעכאפּט א ציטער, ווײַל איך האָב דאָרט דערזען די בסורע, וואָס דו זאָגסט אָן פון א טרייף־פּאָסעלן בוך, וואָס איז געדרוקט געוואָרן קעגן כסידים, און קעגן די עמעסע צאדיקים, און אז דערדאָזיקער בוך איז געשיקט געוואָרן פון גאליציע צום פּאָרעץ פון דײַן שטעטל, ער זאָל עס לייענען; און לויט דײַן בריוו קומט אויס, אז דער בוך איז פול רישעס און לעצאָנעס איבער צאדיקים און עמעסע ראביייִם. ווען אן אנדערער וואָלט עס מיר דערציילט, וואָלט איך עס ניט געגלויבט, וואָרעם לויט מײַן סייכל נאָך איז עס אן אוממעגלעכע זאך אין אונדזער צײַט, ווען דער דאָר איז שוין קאָרעוו צו מאָשיִעכס אָנקומען, און ווען די גאנצע וועלט זעט בעכוש און אָפן די ניסים און מויפסים, וואָס די צאדיקים מאכן יעדע האלבע מינוט. קיין פארבאָרגענע זאך עקזיסטירט דאָך נישט פאר זיי, און וואָס זאָל איך דערציילן זייער לויב, עס זײַנען דאָך שוין פארגאנגען די צײַטן, ווען אין אונדזער פאָלק האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן זיך אונטערגעשטעלט; איצט, געלויבט צו גאָט, גלויבט דאָס גאנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס, אלט און יונג, באָכער און מיידל, מעשאָרעס און דינסטמויד, און אלע ווייסן גוט דעם קויעך פון די עמעסע צאדיקים, און די קעגנער האָבן שוין געכאפּט א גרויסע מאָפּאָלע, און אלע זיי זאָגן איצט איינשטימיק, אז אין לאנד זײַנען איצט פאראן בלויז כסידים, און אז די צאדיקים קענען טאָן, וואָס זיי ווילן, און אז זיי צווינגען גאָט ער זאָל טאָן, וואָס זיי ווילן, און זיי טוען וווּנדער איבער ווונדער אפילע בלויז דורך זייערע הייליקע רייד. אויב אזוי ווי איז עס מעגלעך, אז איצט זאָל זיך אופשטעלן א מענטש אָנצושרײַבן א בוך קעגן די צאדיקים און אָפּדרוקן אים. דער פארפאסער ווייסט דאָך אוואדע אליין, אז אויב אונדזער רעבע וויל, קען ער טאָן מיט אים, וואָס ער וויל. גלויב מיר, אז נאָך דײַן בריוו האָט מיך ארומגעכאפּט א גרויסער טרויער, בלויז דער פארגעניגן, וואָס כ'האָב פריער געהאט, און דאָס בראנפן, וואָס כ'האָב געטרונקען נאָכן איבערלייענען דײַן בריוו, האָבן מיר געהאָלפן פארטרײַבן דעם אומעט און מיט גאָטס הילף בין איך איצט ניט טרויעריק. דאָך דארפן מיר זען עפּעס טאָן מיט אָט דעם בוך. דערווײַל האָב איך מוירע אָנצוזאָגן דידאָזיקע בסורע אונדזער הייליקן רעבן צוליב צוויי טײַמים: ער זאָל כאסוועשאָלעם ניט האָבן אף א ווײַלע אגמעס־נעפעש, כאָטש אונדזער רעבע האָט אוואדע עס שוין געזען אין די העכערע וועלטן, פונדעסטוועגן עפּשער וועט אים פארדריסן, ווען ער וועט עס הערן אין דער אונטערשטער וועלט, און אויך האָב איך מוירע, עפּשער וועט ער גלײַך נעמען נעקאָמע באם שרײַבער פונעם בוך און וועט אים פארברענען דורכן שארף פון דער טוירע, און מיר וועלן ניט זוכע זײַן זען דעמדאָזיקן ראָשע און האָבן פארגעניגן פון דער נעקאָמע צו שלאָגן אים, פארברענען אלץ, וואָס ער האָט, און אזוי ווײַטער. בעט איך דיך טאקע מיר געבן אן אייצע וואָס צו טאָן, צי זאָל איך דאָס דערציילן דעם הייליקן רעבן און בעטן אים, ער זאָל אליין ניט נעקאָמע נעמען פון דעם

מעכאבער, נאָר איבערגעבן עט אונדז, צי זאָל איך ביכלאַל אים גאָרנישט דערציילן און טאָן אונדזער זאַך. און דערווײַל בין איך דיר מוידיע, דו זאָלסט טאָן אַלץ, וואָס דו קאָנסט, ביכדיי צו באַקומען דעם בוך, ביכדיי מיר זאָלן וויסן וואָס דאָרט שטייט געשריבן און ווי הייסט דער בוך, ביכדיי מיר זאָלן קענען הייסן אונדזערע כסידים קויפן דעם בוך און פֿאַרברענען אים און אויסראָטן אים פון דער וועלט; און אויך ביכדיי מיר זאָלן וויסן ווער ס'איז דער מעכאבער, מיר זאָלן נעמען נעקאָמע פון אים. און אויב אין דעם בוך איז ניִשט געשריבן דער נאָמען פון מעכאבער, עפשער געפינט זיך אין אים דאָס בילד פון מעכאבער, ווי דער שטייגער איז פון די רעשאָ־ים צו דרוקן זייער פּאָרטרעט פּאָרנט אין זייערע טרייפענע ביכער. און אויב ער איז אפילע פון אַן אנדער לאַנד, וועט אונדזער רעבע זיך אַרײַנקוקן אין זײַן צורע און וועט אים באַשטראָפן מיטן קוק. אַלזאָ, זײַ ניט כויל און נעם זיך פלינק צו באַקו־מען דעם בוך און מיר אים שיקן און פאר א פארשטענדיקן האָב איך געשריבן געננוג.

איקער שאַכאַכטי: פּאָריקן שאבעס האָט געווײַלט באַם רעבן אַן אורעך פון גאַ־ליציע, און ער איז אַ כאָסיד פון דעם ליובלינער און האָט געבראַכט אונדזער רע־בען אַ גרוס פון דעם ליובלינער צאדיק מיט אסאך ניגונים, און דער רעבע האָט צו זיי נאָך און נאָך צוגעגעבן און זיי פארפולקאָמט. אז דו וועסט זײַן באַ אונדז, וועס־טו האָבן גרויס נאַכעס, וואָרעם דו וועסט זען, אז אונדזער רעבע איז אַ קעניג צווישן צאדיקים.

2

פון ר׳ זאנוול ווערכעווקער צו ר׳ זעליק לעטשיטעווער.

דײַן בריוו האָב איך באַקומען און האָב געהאט פארגעניגן מאמעש ווי פון יענער וועלט, הערנדיק פון דעם רעבן און פון דיר, און מײַן ביטע איז, זאָלסט מיר טאָמיד שרײַבן, וואָס עס הערט זיך באַ אײַך און פון אַלע אײַערע אופטוען. און וועגן דעם בוך, וואָס דו שרײַבסט מיר, איך זאָל דיר שרײַבן מײַן אייצע, צי זאָל מען עס דער־ציילן דעם הייליקן רעבען, איז מײַן מיינונג, אז די זאך דארף מען האלטן בעסאָד, ביזוואנען מירן זען, אז ס'איז שוין שטארק נויטיק אנטפלעקן דאָס דעם רעבען, וואָ־רעם עפשער האָט מען דאָס ניט צו וויסן געגעבן אונדזער רעבען אין די העכערע וועלטן. און אויך האָב איך מוירע, אז דער רעבע זאָל פלוצלונג ניט אויסראטן דעם מעכאבער און מיר ביידע וועלן אפילע ניט האָבן די זכיע עפּעס אופצוטאָן צו זײַן מאפּאָלע. אלזאָ, איז בעסער ניט דערציילן דעם רעבען. מעקויעך דעם בוך האָב איך געטאָן קאָלערליי אופטוען און דאָך ניט געקענט אים באַקומען. כ'האָב גערעדט מיט שלוימען, וואָס הייסט באַ אונדז שלוימע אומאנער. כאָטש ער איז אַ באַלטײַוועניק און איז ניט גאָטפאָרכטיק, דאָך איז עס אַ גוטער מענטש און נאָענט צום רעבען און גיט אים אסאך געלט, האָב איך אים געגריסט אין נאָמען פון אונדזער רעבען און גערעדט מיט אים וועגן דעם בוך, און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו ריידן וועגן דעם מיט זײַן קרויווע פריידע אײַזיקס, זי איז אַ גרויסע בעריע און כאָשעוו באַ אונ־

דזוער פֿאָרעץ, זי זאָל צוגאַנוועגען דעם בוך, בעשאַס זי וועט זײַן באַם פֿאָרעץ. ער האָט געהאַלטן וואָרט, וואָרעם צווײ טעג שפּעטער בין איך געווען באַ אָט דער פֿריידען, און זי האָט מיר געגעבן דעם בוך, וואָס זי האָט די פֿריערדיקע נאַכט צוגעגאַנוועט, בעשאַס זי איז געווען באַם פֿאָרעץ, און איך האָב גענומען דעם בוך און געוויזן מײַן איידעם, זאָל געזונט זײַן, וואָס ער שטאַמט פֿון גאַליציען און האָט דאָרט געלערנט אין די דײַטשערישע שקאָלעס. און כאָטש ער האָט, געלויבט צו גאָט, שוין פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט געלערנט, דאָך קען ער נאָך די דײַטשישע אויסיעס און קען אונטערשיידן צווישן דײַטשערישן קסאַוו און אַנדערע שריפֿטן. און ווען מײַן איידעם האָט געזען דעם טיטל־בלאַט פֿון בוך, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער בוך איז ניט דײַטשעריש... און ווײַל כ'האָב געוווסט, אַז דער בוך דאַרף זײַן דײַטשעריש, האָב איך געטראַכט, אַז עס איז ניט דערזעלביקער בוך און איך האָב אים אומגעקערט פֿריידען, זי זאָל אים אָפּגעבן דעם פֿאָרעץ... איך האָף, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. זײַט געזונט.

פֿאָלק־ליד.

דער הײליקער מאָשיעך, אַז ער וועט קומען,
וועלן מיר זײַן די ערשטע אַפֿן שלאַכט:
צו די דײַטשן וועלן מיר זיך נעמען—
מ'וועט זיי שלאָגן באַטאָג און באַנאַכט
נאָר ווער?

זאָרעך און באָרעך, יעקל־זײַנוול, זינדל־גרינדל,
כײַים־שמערל, שמערל־בערל, געצל־זריעל—
וועלן פֿירן דאָס גאַנצע רעדל.
קיילע־ביילע, יענטע־סימע, סימע בלומע, פֿייגע־יענטע,
כאַנע־באַראַנע, יאַכנע דוואָשע—
וועלן גיין צום מיצווע־טענצל.

דער רעבע וועט נאָר זײַן דער קאָמענדאַנט:
ער וועט קאָמאַנדירן אַהין און אַהער.
און איך—דער אַדיוטאַנט,
די כסידים—דאָס מיליטער.
זיי וועלן אָנהויבן פֿון טוירע צו שמועסן,
אָדער צו מאַכן זייערע האַווײַעס,
און איך—וועל פֿרוּוון שיסן
אין די דײַטשן די הולטײַעס.
נאָר ווער?
זאָרעך און באָרעך... א.א.וו.

אי. ערנבורג.

די הייליקע העכט.

דעם מער כאָשעוועסטן פון אלע צאדיקים, וואָס לעבן איצטער אין פוילן, רופט מען אווראָם־מאָרדכע־אלטער אָדער „גערער צאדיק”. ער פארמאָגט 50.000 נאָכפאָלגער, וואָס זײַנען גרייט דעם לעבן אײַנצושטעלן פארן „הייליקן מאן”. אים געהערט אײַנער פון די גרעסטע לאָדזער באנקן. אף יאָנקיפער קומען צו אים ביז צען טויזנט כסידים זײַנע. בײַס דער גערער צאדיק פאָרט ערגעץ ארויס, ברעכן די נאָכפאָלגער זײַנע דעם וואגאָן, וואָרעם, אויב מע קען זיך ניט אָנרירן אָנעם צאדיק אליין, דארף מען כאָטש אָנרירן א וועלכן ס'ניט איז כײַפעץ, וועלכן ער האָט, מעגלעך, אָנגערירט. די כסידים באַזאלן די טירן און פענצטער פון וואגאָן. דאָס איז — א גאָטהײַט, א פירשט, וואָס באַהערשט פופציק טויזנט יידן, צעשפרייטע איבער גאנץ פוילן.

דעם גערער צאדיקס רעזידענץ — דאָס שטעטל גורע־קאלווארי (אף יידיש — גער) געפינט זיך בא א פערציק וויאָרסט פון ווארשע. דאָרטן איז זײַן הויז, בעטמעדרעש און יעשיווע. דאָס גאנצע שטעטל (פארמאָגט 6.000 אײַנוווינער) לעבט, פארשטייט זיך, פון די אוילערעגלניקעס. דער צונויפקום־טאָג איז פרײַטיק. פרײַטיק נעמט אוף דער צאדיק זײַנע באַזוכער. יעדערער דערלאנגט א קוויטל, וווּ ס'איז באַשריבן זײַן נויטבאדערפטיקײַט: א לעבער־קראנקײַט, א כאָסן פאר דער טאָכטער, א ניט־אויסגעקויפטער וועקסעלע. מיט באריידעוודיקײַט צייכנט זיך ניט אויס דער צאדיק. גיכער איז ער א דיפלאָמאט: אָנשטאָט פילאָזאָפישן באלערנען אָדער פראקטישע אייצעס, דערלאנגט ער יעדערן צוויי פינגער און פרעפלט מעטאָדיש: „דער אויבערשטער זאָל אײַך העלפן”. זאָגט מען — דאָס העלפט אי בא א לעבער־קראנקײַט, אי בא א פראָטעסטירטן וועקסל. וואָס קערט אָן די טעכטער, האָבן זיי אלציינס כאָסענע. אלזאָ קומען די כסידים צונויף פרײַטיק. זיי פאָרן אויעך, קלאָר, זונטיק אינדערפרי. אבסאניע האלטן זיי בא די אָרטיקע אײַנוווינער. „בליען אזוי און וואקסן באלאבסאניעס...

מיר האָט זיך פארגלוסט א קוק טאָן דעם גערערס כסידארניע, נאָר קיין סאך צײַט האָב איך ניט פארמאָגט, האָב איך זיך געלאָזט אף עמעסער בישקוילעס: שאבעס אינדערפרי, אינײנעם מיטן פאָעט וויטלין און זשורנאליסט פלאקסער, זײַנען מיר אוועקגעפאָרן אף אן אווטאָמאָביל צום בארימטן צאדיק. עמעס, מיר זײַנען אראָפּגעקראָכן פון מאשין בא א וויאָרסט פארן שטעטל, דאָך איז עס געווען א גענוג האָזעסדיקע שטיקל ארבעט: קומען צום צאדיק אומשאבעס!...

קליינינקע הילצערנע הײַזעלעך. אויסגעקרימטע פלויטן. א קרעציקער הונט, וואָס ווייס דאָס גאנצע לעבן נאָר קראצן זיך. א יינגל מיט לאנגע אויערן. שניי. עמערס. אומעט. מיט איין וואָרט — איינס פון שאגאלס בילדער. נאָר ס'זײַנען דאָ איינִיקע געמויערטע געבײַדעס, מיט א פלאנקען אן אָפגעצוימטער הויף. דאָ? קלאָר. אין דעם הויז איז דער בעסמעדרעש. און אין דער מיט די כיינדלענדיקע פאָרהענגלעך. אין דעם לעבט דער צאדיק אליין מיט זײַן גרויסן געזינד: דאָס קעניגנדיקע הויז — קינדער, אייניקלעך,

שוואָגערס, איידעמס, שניר, גלידשוועסטער־קינדער. די מישפּאָכע באם צאדיק איז א היפּשע. פון דער ערשטער ווײַב האָט ער א גאנצע ראָטע. און מיט א יאָר צוריק האָט ער כאסענע געהאט א צווייט מאָל — מיט א דרײַסיק־יאָריקער פרוי. אים איז איין און זעכציק יאָר. און גאָר ניט לאנג איז אים א זון געבאָרן געוואָרן. נאָר דאָס איז ניט קיין נעס־זאך — כסידים זײַנען א געזונט פאָלק. דעם צאדיקס יונגע פרוי רעדט אף פראנצויזיש און לייענט דעקאָבריס ראָמאנען. אין דעם גערער צאדיקס הויז זײַנען די פרויען מאָדערניזירט, נאָר די מאנסבילן היטן זיך אָפּ פון דעם — זיי קענען ניט אפילע קיין איין פויליש וואָרט. פאראיאָרן איז איינער פונעם צאדיקס זין אומגעפאָרן היילן זיך אפן דײַטשישן קוראָרט נאָרדעניי. איז וואָס זשע? פלעגט מען אים אלע טאָג ארויסשיקן פון בעדלין מיט לופט־פּאָסט א „שטרענג־קאָשערן" ווארמעס. קלאָר, אז צוליב דעם האָט ניט געלויגט צו דערפינדן דעם עראָפּלאן, נאָר דעם גערערס „מעמאלע־מאָקעם" וועט זיך דאָך ניט אָנרירן אָן „טרייפע" טעלער!

מיר גייען ארײַן אין בעסמעדרעש. אָנגעהייצט. שטיקנדיק. אייניקע ייִדן, צוגעדעקטע מיט טאליסים, פרעפלען נאָך עפּעס אין די ווינקלען. נאָר עס גייט שוין א צוגרייטונג צו דער שאבעסדיקער הויפּט־געשעעניש — צו די „שירײַים".

ארום א לאנגן טיש זיצן כסידים — זאטע, רײַכע, אין זײַדענע זופּעצעס, סויבלנע יכלען, גלײַך זיי וואָלטן זיך אראָפּגעכאפּט פון אן אלטער דײַטשישער גראווירע. ס'גלויבט זיך גאָר ניט, אז זיי פארמאָגן די דריטע אויסמעסטונג. פונהינטן פּרודלען זיך ווייניקער רײַכע, ניט אזוינע כאָשעווע. מע שטויסט איינער דעם צווייטן, צילנדיק צו דערקלײַבן זיך נעענטער צום טיש, פונקט, ווי קינדער בא א יאריד־באלאגאן, נאָר מיט א גרעסערער כוצפּע. איבערן טיש לויפט ארום א שיינער באָכורעץ פון א יאָר פופצן מיט לאנג־געקרײַזלטע פייעסן, וואָס ער פארגרײַזלט יעדן טאָג (באם לערנען) מיטן מיטעלן פינגער. ער טראָגט הויכע גלאנציק־אויסגעפּוצטע שטיוול. ער פארמאָגט א פּאָר פארקלערטע אויגן מיט פארדאָרבענע בליקן פון א פארשפּיצטן אָנאניסט. דאָס איז איינער פון דעם צאדיקס אייניקלעך. ער היט אָפּ די אָרדענונג: באם טיש זאָלן זיצן נאָר די רעכטפולע טיש־זיצער, די איבעריקע זאָלן זיך רײַסן פאר אן אָרט, נאָר די קעפּ זאָל מען ניט אראָפּדרייען. איין כאָסיד רײַסט דעם צווייטן מיט די נעגל: „איך!" — „ניין, איך!" אָט האָט איר אײַך „כאזאָקע" אין 1928 יאָר, נאָך מער — אין צענטער פון אייראָפּע! און הינטערן גראטע שטייען אָרעמלײַט, אמעראצים, האמוינאמניקעס. די פרוון זיך גאָר ניט צוטרעטן צום טיש. זיי ווייסן שוין זייער גוט זייער אָרט: כאָטש פונדערווײַטן ווארפן א בליק אפן „הייליקן!"...

מיר האלטן זיך באשיידן, ווי עכטע אָרעמלײַט. מיר סטארען זיך אין וואנט ארײַנוואקסן. דאָס איז אָבער ניט פון די לײַכטע איניאָנים. געגאָלטע! אין מאנטלען! אין קאשקעטן! פריער קוקט מען ניט אף אונדז; ניטאָ קיין צײַט, מע הריגעט זיך פאר אן אָרט. נאָר דערנאָך קוקן זיך לײַכט די פארבליבעגע אין די הינטערשטע רייען, ארויסגעשטויסענע פון טיש, אף די פארדעכטיקע אָנגעקומענע לײַט. ווער? פונוואנען? נאָכוואָס? ניט קיין נײַגער שטעקט אין זייערע אויגן — קאַעס. זיי ווארטן

נאָר אויס אף א צוטשעפעניש, קעדיי צו אוועקגעבן אונדז די נויטיקע גאָב. מיר שטייען שטיל, ווי פארשטיינערטע. דעמלט לויפט צו אונדז צו א ייִנגל פון א יאָר צען, אין א היטל, פון אונטער וועלכן עס טארטשען געוואלדיק גרויסע אויערן. זײַן טאטע זיצט מיטטאָמע באם טיש. די שוועסטער שפּילן זיך אינדערהיים. און ער— שוין א מאנסביל. ער דארף דאָ זײַן איצט. נאָר אים איז אומעטיק. מיר זײַנען פאר אים פונקט אזא אומדערווארטקײַט, ווי די באפייעסטע געשפענסטער פאר אונדז. אָבער ניט נאָר נײַגער ציט צו אונדז דאָס ייִנגל—מיטגעפיל. מיסטאָמע טרוימט ער וועגן ווארשע, וועגן קינאָ, וועגן אן איירעפּאָפּעישן רעקל. מיר זײַנען פאר אים שוט־פים און סקאנדאליסטן. פרעפלט ער אונדז שטיל:

— אויב מע וועט אײַך פרעגן, פונוואנען איר זײַט, זאָגט, אז איר זײַט דעם ציינדאָקטערס קרויווים און איר זײַט נעכטן באטאָג געקומען צו פאָרן...

ע! דאָס איז שוין א דיפּלאָמאט. ער וויל אונדז מאצל זײַן. ער פארשטייט, אז א ציינדאָקטער, כאָטש ער ראזירט זיך, איז א נויטיקע באשעפעניש—בא די כסידים טוען דאָך אויך ווי די ציינער. יע, דאָס ייִנגל גיט אונדז א רעכטע אייצע. נאָר עס גייט אונטער איינער פון די כסידים. זײַנע אויגן גרינען פאר קאעס. ווי וואגט עס דאָס ייִנגל צו ריידן מיט אפּיקאָרסים? אונדז וועט ער דאָך ניט אָנרירן, לייזט דאָס ייִנגל פאר אונדזערטוועגן א הילכיקן, וואָגיקן פאטש...

איך הויב זיך אָן ייִשעוון—שלעכטע איניאָנים. ווײַזט זיך ארויס, אז שלאָגן מעג מען אומשאבעס. פלאקסער מורמלט מיר אונטער:

— דאָ האָט מען ניט לאנג רעכט צעמאזיקט א ייִדישן שרײַבער... אונדזער מארק טוען... האָט מען אים אזוי מעכאבעד געווען, אז ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע טעג...

נאָר פלאקסער איז א מאָדנער מענטש—זייער דרייסט בא זיך. ווי האָט ער עס ניט מוירע געהאט צו זעצן זיך באם טיש! ער גייט זיך רויִק צום „מעמאלעמאָקעם", צום רעבנס זון—צו א רויטבערדיקן הויכן מאנסביל מיט אויגן פון אַ סאָווע.

— דאָ געפינט זיך א רוסישער שרײַבער... איר האָט דאָך מיסטאָמע געלייענט וועגן זײַן קומען אין די ייִדישע צײַטונגען?... איז אָט וויל ער א שמועס טאָן מיטן רעבן...

זײַנע פויגל־אויגן רײַסן זיך אוף. די באָרד ברענט און פלאטערט. אָט פאלט ער באלד אין קאדאָכעס. ער לויפט ארום איבערן בעסמעדרעש און הוילט מיט עקל:

— געקומען!... געלייענט!... א פראגע!... און נאָך אומשאבעס!...

און פלאסקער, ווי ניט צו אים וואָלט עס שײַעך געווען, מעלדעט מיר:

— ניין, ער וועט, ווײַזט אויס, גאָרניט אָנהויבן צו ריידן.

גלײַך ווי דאָס גייט אונדז אין לעבן?... אף אונדז קוקט מען אָפּטער און בייזער, ס'קומט ארײַן נאָך א ייִנגל, ברענגט א בענקל—אלע שטייען אף בענקלעך, קעדיי צו אָנקוקן דעם צאדיק. אויך דאָס צווייטע ייִנגל באקומט א פּלעם. קלאָר, אז אף די קינ־דער גיסט מען אויס דעם קאעס. מיר ווערן ניצל דורך דער אלגעמיינער אופרעגונג: „ער אליין" דארף ארײַנגיין.

אן עמעסער טעאטער. עס עפנט זיך אוף א פּאָרטקעלע אין וואנט: פונדאָרטן רוקן זיך ארויס הענט, א טישטעך, טעלער, ברויט, וויַין, פיש. לעסאָף עפנט זיך די טיר און ס'באוויַיזט זיך דער צאדיק. אויסערלעך שיידט ער זיך ניט אונטער פון אלע כסידים: גראָוו, „האדראספּאָנעמדיק". אנדערע זיַינען, דעם עמעס געזאָגט, שענער און יוסטער. נאָר אלע זיַינען מענטשן און ער — א גאָט. הויבט זיך אָן דער עמעסער געצנדינערישער צערעמאָניאל. דער צאדיק רירט זיך קוים אָן צו די געריכטן (ער עסט אָפּ פאר דעם). די „שירייַים" פון די טעלער צעכאפּן די געצנדינער (זיי האָבן אויך נאָרוואָס געגעסן). רייַסן זיי זיך פאר א פּענעץ פיש אָדער פלייש פון „זיַין" טעלער — „שירייַים". און די, וואָס שמייען פונהינטן, עטעמען שווער פאר אומגעדולדיקייַט, רייַסן שוין שטיקלעך „שירייַים" פון דער האנט ארויס. איצטער וועלן זיי דערציילן אין זייערע שטעטלעך: „מיר האָבן געווארמעסט מיטן צאדיק. מיר האָבן געגעסן פון זיַין טעלער, געטרונקען פון זיַין גלאָז"... דאכט זיך, נאָך דושנער איז געוואָרן אין טונקעלן צימער, נאָך בייזער און זשעדנער — די אויגן בא די כסידים אינדערלופטן!..

די יינגלעך לויפן אונדז נאָך. די פּעטש זיַינען, וויַיזט אויס, פאר זיי קיין נייַס ניט. זיי ווינקען אונדז מיט די אויגן, ווי דערפארענע פארשווערער. זיי פירן אונדז צום ביבליאָטעקער. די ביבליאָטעק איז דער שטאב פון די אָרטיקע פריַידענקער. דאָ באגעגנט מען אונדז גערן, ווי אייגענע. עס פארזאמלט זיך די גאנצע יוגנט. געראַזירטע פּענעמער, פּאפּיראָסן אומשאבעס. צווישן זיי — איינער פון דעם גערער צאדיקס אייניקלעך — א מענטש, וואָס האָט צעריסן מיטן זיידנס טראדיציע, א פארשאָלטענער פּונעם זיידן. ער רעדט אָף פּויליש און טראָגט אייראָפּעישע קליידער...

דאָ קען מען דערלערנען דעם גאנג פון דער צייַט, די דוירעס־טוישונג...

די כאָשעווע, ווירקנדיקע, רייַכע צאדיקים — דאָס זיַינען אָדער טעמפּע היטער פּונעם געזעץ, אָדער קונציקע שווינדלער. איינע פארנעמען זיך מיט פּאָליטיק און פארקויפן פאר די וואַלן די שטימען פון זייערע כסידים־נאָכפאָלגער. די צווייטע שאפן לאָטערייעס פון זייער אייגנטוועגן, ארייַנשטופנדיק די גלויבנדיקע לאָטעריי־בילעטן. די דריטע שאפן אן אָפּמאך מיט דאָקטוירים און, בייט די קראנקע פרעגן מיט ציטער זייער „צאדיק" — „וואָס זשע טוט מען, רעבע?", באקומען זיי דעם דאָקטערס אדרעס (דער האָנאָראר גייט אפּדערהעלפט). האקלאל, זיַין א „צאדיק" לוינט בעסער, איידער האנדלען מיט הערינג. ביסט קיינעם ניט מעכויעוו און באקומסט א רעכטן ביסן.

דער איצטיקער גערער צאדיק — דאָס איז א קליין מענטשעלע, א כאניפעניק. ער זאמלט רעכט א קערבל. פון צייַט צו צייַט שאפט ער א לאָטערייע. זאָל עס זיַין ניט דער גערער צאדיק, נאָר א פּאָשעטער באָסער־וואָדאָם, וואָלט ער עפשער לאנג שוין באקאָנט זיך מיט די ארטיקלען פון דער געזעצגעבונג, וואָס באשטראָפן די וואולגארע שווינדלערייַ. נאָר דעם צאדיק רירט די מאכט ניט אָן. דער צאדיק איז דאָך ניט אבי ווער — ער איז דאָך א שוטעף.

פארטיילנדיק די געצנדינער צו שטיקעלעך פיש (שירייַים), וואשט ער די הענט און גייט צו זיך אהיים. דאָרטן פארנעמט ער זיך מיט געוויינטלעכע מאָדערנע וועלט־

לעכע זאכן. ער איז א פּאָליטיקער, האָט ער איצטער ניט ווייניק זאָרגן און דײַגעס: באלד וועלן דאָך פּאָרקומען די וואלן. דער גערער צאַדיק פארמאָגט 50.000 שטימען. ס'איז ניט קיין קלייניקײַט — דאָס האָט א וואָג. די יידן־אָרטאָדאָקסן האָבן באדארפט צושטיין צום „בלאָק פון די נאציאָנאלע מינדערהײַטן“, נאָר דער „בלאָק“ איז קעגן פּילסודסקען, און פּילסודסקי איז קעגן „בלאָק“. נו, איז וואָס זשע, טוט זיך א סטאַרע דער גערער צאַדיק: ער דארף פארבאָטן די יידן אריינצוטרעטן אין „בלאָק“. ער איז דאָך פאר יעדער רעגירונג. נאָכן אונטערהאלטן סטאָליפּינען און די „ענדעקעס“ איז שוין ניט שווער אונטערצוהאלטן פּילסודסקען. זײַן וואָרט איז א געזעץ. מע לעקט ארום די „הייליקע“ טעלערס און מע גייט שטימען כאָטש פארן טײַוול אליין.

אזעלכער איז דער צאַדיק...

* * *

א גוטער ייד האָט ליב צו נעמען און פײַנט צו געבן (פאָלקווערט).

„כסידים“ — רעבע, די וואלן זײַנען אפן נאָז... און איר... וואָס?..

רעבע — מײַנע פופציק טויזנט גערער גיב איך דעם, ווער עס וועט געבן מערער...

פאָלק־ליד.

הער נאָר, צאַדיק־בער,
קום נאָר דאָ אהער,
וועל איך דיר עפּעס זאָגן,
וועסטו זיך פרייען.
מ'האָט שוין אויסגעהארגעט
אלע שטרײַקערס,

סאיז שוין נישטאָ
קיין איין שטרײַקער.
לאָמיר פאָרן צום רעבן
טרינקען א גלעזל ווײַן,
ס'וועלן שוין אין ווארשע
קיין שטרײַקערס ניט זײַן.

ד. סטאָנאוו.

הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער שרײַבער.

דער קאם טרײַבט א ניטגוטן [1].

דער קאם־מעכאשעף פונעם ישעוו בעשפעלטיר האָט אונדז אופגענומען מיט יענער אָנגעשטרענגטער פּאָרזיכטיקײַט, וועלכע צווינגט אײַך צו גיין פּאָרזיכטיק, צו האלטן, ווי מע זאָגט, די אויגן אָפן און מיט קיין איינציקער באוועגונג, מיט קיין איינציקן מוסקול אפן פּאָנעם ניט ארויסצווײַזן, אז דו באטראכסט אים, אז דו אינטערעסירט זיך מיט אים. עמעצער האָט שוין באוויזן אים א בורטשע צו טאָן, אז די „מאָסקווער לײַט“ ווילן זען דאָס קאמלירן, ווילן פאָטאָגראפירן דעם קאם—„אראָפּגאנוועגען א טייל פון אים אליין, א טייל פון זײַן שאָטן“. זעענדיק, אז דאָס בארעכטיקט זיך ניט, און אין דערזעלבער צײַט ניט געטרויענדיק דעם ערשטן אײַנדרוק זײַנעם, האָט ער, וועלנדיק אונדז איבערשפּיצלען, זיך געמאכט קלוימערשט גלײַכגילטיק צו אלץ, אָבער לאכלוטן צו אלץ. אין געוויינלעכע מאלבושים פון אן אלטײַער איז ער געזעסן צווישן די אָיראטן. גערויכערט זײַן כינעזישע ליולקע, געזשמורעט די אויגן, געענטפערט אף פראגן, אליין געפרעגט.

— א־א, פון מאָסקווע,—האָט ער איבערגעכאזערט מײַן ענטפער, פאנאנדערציִענדיק די ווערטער.—ווײַט... מאָסקווע...

ער איז אנטשוויגן געוואָרן און אין א היפשער ווײַלע ארום האָט ער, פונקט ווי מיט זיך אליין באטראכטנדיק די זאך און זיך דערקלערנדיק, צוגעגעבן:

— אן עק וועלט... מאָסקווע...

ער איז געזעסן אנטקעגן מיר אינעם קרײַז ארום שײַטער, און איך האָב רויִק, ניט ארויסווײַזנדיק דאָס, געקאָנט באטראכטן זײַן פּאָנעם.

[1]) דער אוראלטער מענטש האָט אין יעדער קראנקײַט געזען א שפּיצל פון „בייזע רוכעס“, היילן א כיילע האָט באטײַט — באפרײַען אים פון די „ניטגוטע“ וואָס האָבן „באנומען“ אים. דערצו האָט מען זיך געסטארעט ארויסצורופן צו הילף די „גײַסטער“ פון די פארשטאָרבענע אָוועס, וואָס דרייען זיך ערגעץ ארום... בא די ווילדע און אָפּגעשטאנענע שוואַטים פון אויסטראליע, גרענלאנד. פארוואָרפענע סיבירער העקן, זעען מיר נאָך איצט באם שטיקל ארבעט פארשיידענע מעכאשפים, שאמאנען, קאמען און אנדערע ענלעכע מײַסטערס פון דעם מין... אין ווילדן טאנץ, מיט שוים אין מויל, דרייט זיך דער שאמאן, קאם, שעפּטשעט שפּרוכן, פּויקט אין פּײַקל, מאכט האווייעס, גלייך ער דראָעט... דאָס דופט ער „רוכעס“ (ער איינער נאָר האָט איבער זיי די שליטע), באפעלט זיי ארויסצוטרײַבן דעם „ניטגוטן“, וואָס האָט „באנומען“ זײַן פּאציענט.

דער כסידישער רעבע, ווי מיר האָבן געזען („אין רעבנס הויף“), טוט דאָסזעלביקע. צו אים קומען בערוון־קראנקע, עפּילעפּטיקער, אנדערע כאלאָים נאָך עפּעס א סגולע. ער „דערטאפּט“ גלײַך דעם ניטגוטן (א פארוואָרלאָזטע נעשאָמע פון א געשטאָרבענעם באלעוויירע), א דיבעק הייסט עס. ער נעמט זיך פאר דעם „מעסוקן שטיקל ארבעט“ — טרייבן אים, דעם דיבעק. דערבײַ זאָגט ער שפּרוכן, הייליקע שפּרוכן, רופט ארויס גײַסטער פון די אָוועס און אימאָהעס (אוורא̇האם, יִיצכאָק, יאנקעווי סאָרע, ריווקע, ראָכל, לייע), דראָעט, טופּעט, שרײַט—דערזעלביקער ווילדער קאם, איין כילעק נאָר — דער רעבע קען בעסער פארפינצטערן דעם באוווסטזײַן פון זיין טשערעדע כסידים און ארויסציִען זייערע גראָשנס.

זײַן פּאָנעם איז געווען אַן אומגעוויינטלעכער. דער פיבערהאַפטער אומגעזונטער גלאַנץ פון די קליינע, טיף פאַרשטעקטע אויגן, אַ געוויסע אָנגעדראָלנקייט פונעם ברוינעם אָפּגעבליאַקירטן פּאָנעם, אויף וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט די באַקנביינער, די בלוילעכע שאָטנס אַרום די אויגן—דאָס אַלץ האָט דערציילט וועגן דעם, אַז דעם קאַם זײַנען באַקאַנט מינוטן פון עפּילעפּטישער מעשוגאַעס, מינוטן פון ווילדן, ראַשיקן עקסטאַז, פון שעפערישער היספּײַלעס, ווען ניט דער מענטש אַליין, נאָר די „גײַסטער", וועלכע באַהערשן אים, פירן אָן מיט זײַן יעדער באַוועגונג, מיט יעדן געדאַנק. ער האָט געפרוווט שמייכלען; דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעשוגענדיקער מאַסקע. דער שמייכל איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף זײַן פּאָנעם, די קנייטשן, ווי אָנגעמאָלטע, צוגעקלעפּטע האָבן זיך ניט באַוועגט.

איך בין געווען צוגעגרייט צו אַלץ. איך האָב פריער אויסגערעכנט יעדן שריט מײַנעם; ווי אַ דערפאַרענער יעגער, צעשטעלט נעצן, פּאַסטקעס, אויסגעגראָבן גריבער — די כײַע האָט זיך געמוזט אַרײַנפּאַקן, ניט געקאָנט זיי אויסמײַדן, זיך אַרויסדראַפּן, ראַטעווען זיך! איך האָב געוווּסט, אַז די קאַמען ווילן ניט לײַדן, אַז בייסן קאַמלירן זאָלן בײַזײַן אַנדערשגלויבנדיקע.

אָט פאַרוואָס מיר, די אָנגעפּאָרענע, זײַנען לאַנג ניט געזעסן אינעם קרײַז פון די פרײַנטלעכע אַלטײַער. מיר האָבן זיך געהאַט פריער אויפגערעדט און, פאַרופנדיק זיך אויף אונדזער פאַרמאַטערטקײַט, שלעפעריקײַט, אויף דעם, וואָס מיר דאַרפן מאָרגן באַגינען פאַרלאָזן דעם יישעוו און פאָרזעצן אונדזער וועג, האָבן מיר אָנגעהויבן אויפצושטעלן אונדזערע געצעלטן. אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען די געצעלטן שוין געווען צעשטעלט און אַרומגעדעקט פון אַלע זײַטן.

באַם שײַטער איז (לויטן אָפּרייד) פאַרבליבן בלויז איינער פון אונדזערע פירער — דער קלוגער אַלטײַער באַבורגאַנאַוו,—ער האָט זיך דאָס געדאַרפט מאַכן פאַר אַ כוילע, וועלכער נויטיקט זיך אין קאַמלירן. אין זײַן לעדערנעם רעקל, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט מיטן פּולווער פון בירגער־קריג, איז דער אַלטײַער — דער פּיוער — געזעסן אײַנגעהויקערט באַם פײַער און זיך געבראָכן. דער פלאַם פון שײַטער איז ניט געווען בעקוועם אים צו דערוואַרעמען. מיטן דורכגאַנג זײַנען מיר אַריבער איבערן טײַך. דער וואַסער האָט אונדז דערגרייכט ביזן ברוסט. פון אונטער די פיס פון אונדזערע פערד האָט דאָס וואַסער אַרויסגעשווענקט די שטיינער, דער שטראָם האָט אונדזערע פערד אָפּגעטראָגן אָן אַ זײַט,—מיר זײַנען קוים אײַנגעזעסן אין די זאָטלען. באַבורגאַנאָוון האָט מען געגעבן אַזאַק; ער האָט דאָס געטרונקען פון אַ גרויסן הילצערנעם קריגל. אָבער דער אַראַק האָט דעם אַלטײַער אויך ניט געהאָלפן. איז געבליבן איינס—קאַמלירן. דער פירער האָט זיך גיך אויפגערעדט מיטן קאַם. די זון איז דערגאַנגען צו די בערג. ס'איז אָנגעקומען די שאָ פון קאַמלירן.

דורך די שפּאַלטן פון אונדזערע געצעלטן האָבן מיר ניט בלויז געקאָנט זען די צערעמאָניע, מיר האָבן אויך געקאָנט אַרונטערנעמען דעם קאַם אין אַ צוויי־דרײַ פּאָזעס. דער אַלטײַער, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר, האָט קוים באַוויזן איבערצו־

געבן די ווערטער פון דער קאמלירונג, דורכלאָזנדיק ווערטער און אבזאצן. דער פלאן האָט זיך גלענצנדיק אײַנגעגעבן!

אָט וואָס ס'איז פאָרגעקומען בײַס אונדזער קלוימערשטיקן שלאָף.

דער קאם איז אוועק צו זיך אין איל, און אין עטלעכע מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען צום שײַטער. ס'איז געווען שווער צו דערקענען אים. דעם קאָפ האָט ער פארדעקט מיט א מאָדנעם מין היטל. אינדישע מושלען האָבן באצירט דעם פאָדערשטן טייל פון היטל און זײַנען אראָפגעהאנגען אפן שטערן, טרוקן שארפנדיק בא יעדער באוועגונג. פונויבן האָט געטארטשעט א שטיקל לוקספעל אין דער פאָרמע פון א פליגל און זיך באוועגט, געציטערט, אזוי ווי אופליענדיק איבערן היטל. אין די הענט האָט ער געהאלטן א גרויס פײַקל. דער רעכטער זײַט פון פײַקל איז געווען שטײַף ארומגעצויגן מיט לעדער, דער אנדער זײַט איז געווען דורך א קייטל האָריזאָנטאל צעטיילט אף צוויי העלפטן. פון דער טיף פון אויבערשטן טייל האָט ארויסגעקוקט דער קאָפ פון א געטשקע. דער הילצערנער, גראָב אָנגעמאָלטער קאָפ האָט פון דער פינצטער ארויסגעגלאָנצט מיט זײַנע מעשוגענע, פאר שרעק ווײַסע אויגן. זײַן מויל איז געווען האלב אָפן. דער אנדער זײַט פון פײַקל איז געווען קימאט אינגאנצן פארהאנגען מיט צוגעפעסטיקטע צו דעם קייטל שטיקלעך פארשיידנפארביקע מאטעריע, שטיקלעך לעדער, סטענגעס פון די פארשיידנארטיקסטע פעלן, שטיקלעך מעטאל, וועלכע האָבן מיט זייער אויסזען דערמאָנט גראָבע פארדאָרבענע שליסלען פון פארצײַטיקער ארבעט.

עפעקטפולער פון אלץ איז געווען דעם קאמס קאפטן, אופגענייט פון גראָבע, אייגנגעמאכטע געוואנט, ארומגעזוימט מיט פעלץ, און אריבערגעלייגטע איבער די ארבל פעלצענע רונגען.

אף דעם קאמס אקסלען וויגן זיך פעלענע פליגלען, זיי „העלפן" אים פארוואנדלען זיך אין א פויגל. צוויי ברייטע סטענגעס, וועלכע הויבן זיך אָן סאמע לעבן די פליגלען, ציען זיך ביז ד'רערד. גלעקער און גלעקעלעך זײַנען אין א גרויסער צאָל אָנגעהאנגען אף דעם קאמס רוקן. אפן זײַט, בא דער טאליע, הענגען העלע טיכעלעך, לופטיקע, אין פארגלײַך מיט דער איבעריקער קליידונג. ווײַטער גייען דיזעלביקע רימענס, שנירלעך, שטריקלעך; זיי באָמבלען זיך בא דעם קאמס יעדער באוועגונג. פארקערפערנדיק מיט זיך שלאנגען, דערמאָנען זיי בעעמעס טאקע דידאָזיקע רעפטיליעס, זיי ציטערן, פאלן צו צום קערפער, קריכן אף אים, רינגלען אים ארום, ווי זיי וואָלטן זיך פארקלײַבן אלץ העכער און העכער.

איך האָב געקוקט אפן קאם און אף זײַנע צושויער. צווישן זיי זײַנען געווען ניט ווייניק קינדער. ווי ס'האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, האָבן זיי געזען דאָס קאמלירן שוין ניט דעם ערשטן מאָל. פונדעסטוועגן האָב איך געזען, ווי זיי האָבן זיך שמערצלעך צונויפגעדריקט, ווי די מוירע פאר דעם, וואָס דארף באלד געשען, האָט געגלאנצט אין זייערע אויגן, האָט אויסגעצויגן זייערע פענעמער. די עלטערע, אפילע, זײַנען אויך געווען עפעס ווי אָנגעשטרענגט.

דער קאם האָט ניט געײַלט. פויל, פארשלאָפן, ניט ווילנדיק האָט ער ארויסגעפרעפלט בא א פּאָר צענדליק ווערטער מיט אן איבעריזדריסיקן ניגן. מיט אייניקע פון דידאָזיקע ווערטער האָט ער, פּאָרויסזעענדיק אן אומדערפאָלג, געבעטן דעם בייזן „ערליקן", דעם באלעבאָס פון די מענטשלעכע נעשאָמעס, דערווײַטערן פון באבורגאנאָוון די „קורמאָסן" — די רוכעס, וואָס האָבן באהערשט דעם קראנקן אלטײַער. ערליק האָט געשוויגן. דאן האָט דער קאם אופגעהויבן זײַן פּײַקל מיט זײַן פּאָנעם די הויך און, פּאָרשנדיק, גענומען אײַנקוקן זיך אין דעם פארקרימטן פּאָנעם פון געטשקע. אָפטמאָל האָט דער קאם ארויסגעלאָזן א מעשונעדיקן ווײַ־געשריי, קראנקהאפטיק פארפרעסט די אָפשטארבנדיקע ליפּן, געטופּעט פון איין פוס אפן אנדערן, ניט אופהערנדיק צו קוקן אף דער מאסקע.

און אָט האָט דער קאם אָנגעהויבן זיך צו פארענדערן. די אויגן זײַנען געוואָרן גרעסער, רונדער; א קראמף איז אלץ אָפטער און אלץ שנעלער איבערן פּאָנעם. דאָס טופּען פון זיינע פיס האָט אָנגענומען א געוויסן טאקט, דער קאם האָט זיך ריטמיש געהוידעט און אין באשטימטע האפּסאָקעס אופגעעפנט דעם מויל אף א געשריי צו טאָן. די גלעקער און גלעקלעך זײַנען זיך פארגאנגען, פארכליניעט זיך אין מעשענעם געפּלאפּל. ביסלעכווײַז האָט דער געשריי זײַנער אָנגעהויבן זיך אויספּאָרמירן, מ'האָט שוין געקאָנט דײַטלעך אונטערשיידן גאנצע פראזעס, [מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדעט צום בייזן ערליקן. לעסאָף (דאָס איז געווען קאָנטיק נאָך זײַנע באוועגונגן) האָבן די גיטזעבארע רוכעס זיך באוויזן פארן] קאם. קלאפּנדיק אין פּויק און שפּריצנדיק מיט גאווער פון א מעשוגענעם, ווילדעווענדיק און טאַנצנדיק, האָט דער קאם זיך געוואָרפן צווישן זיי. ער איז ארײַן אין עקסטאז. די רימענס און שטריקעלעך האָבן זיך אויסגעדרייט, ווי עמעסע שלאנגען, געכאפּט אים פארן קערפּער. ער האָט געבעטן, פארשוואָרן, פארשאָלטן ערליקן מיט זײַנע מיטהעלפער, זײַנע קרויוים און דינער. „ערליק, — האָט געשריען דער קאם — הערשט אין אייביקן כוישעך... זײַן באָרד און וואָנצן זײַנען שווארץ, ווי קויל, די אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט. ער קיניגט אף א טראָן פון זיבן ביבערס. ער קיניגט אין א פּאלאץ, וועלכער איז ארומגערינגלט פונעם טײַך טאָיבאָד. ער האָט זיבן זין און נײַן טעכטער, — שווארצע, אומפּארשעמטע, וועלכע וויקלען אײַן זייער קערפּער אין די האָר... באגינען טרינקט ער מענטשלעכע בלוט... דורך זײַנע דינער, דורך די בייזע רוכעס שיקט ער אָן אף די מענטשן אומגליק, קראנקײַט, הונגער"...

די בייזע רוכעס האָבן געשוויגן. סטארטשענדיקע, ווי אָפּגעברענטע דערנער, ווי מעסערס, אָנגעשטעקטע אין דער ערד, וואָס בלויז דער עפּילעפּטיק — דער קאם קאָן זיי זען, האָבן זיי אקשאָנעסדיק, אָנגעברויגעזט און פארטאָן געשוויגן. זיי, די אומבעראכמאָנעסדיקע יעגער אף מענטשן, זײַנען געזעסן דאָ און האָבן געוואַרט אף א גינסטיקן מאָמענט א כאפּ צו טאָן א פארבײַגייער מיט זייערע באהאָרעס, אזוי ווי א פיש.

דאן האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער טייל פון דעם קאמלירן. ניט וועלנדיק מער ארײַנגיין אין אונטערהאנדלונגען מיט די רוכעס, איז דער קאם אוועק אין

ערליקס רעזידענץ. באַוועגנדיק די אַקסלען און ברענגענדיק אין באַוועגונג די פּעלענע פליגלען, האָט דער קאַם זיך אָנגעהויבן „אַראָפּצולאָזן" אין דער אונטערערדישער מעלוכע. בא איינס האָט ער איבערגעגעבן די צוהערער און צוקוקער זײַנע וועגאײַנדרוקן. זיי זײַנען געווען שרעקלעך. דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט ערליקס בייזן זון, וועלכער האָט זיך געקליבן — פונקט אין יענער מינוט — אָפּצועפענען דעם וועלט־צאַפּן און צו דערטרינקען אַלע שאַפונגען פונעם גוטן גײַסט אולגען, דאָ האָט אים אָפּן וועג באַגעגנט דעם בייזן ערליקס אַ צווייטער זון, ער האָט זיך געקליבן צו פאַרשיטן אַלטײַ מיט שניי. דעמדאָזיקן האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצונאַרן, צו צעשמעלצן אַ היפּש ביסל פון זײַנע שניי.

— אַסאַך שניי איז נאָך בא אים געבליבן? — האָט באַבורגאַנאָוו ערנסט געפרעגט.

— ניין, — האָט דער קאַם געענטפערט, — אינגאַנצן עטלעכע זעקלעך...

דורכגייענדיק אַזוי אַרום דעם גאַנצן איימעדיקן און לאַנגן וועג, איז דער קאַם לעסאָף געבליבן שטיין פאַר ערליקן. דעם קאַמס עפּילעפּטישער צושטאַנד האָט זיך צעשפּילט, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. די קינדער האָבן געווייַנט פון פּאַכעד; די עלטערע האָבן אונטערגעהאַלטן דעם מוט מיט אַראַק.

אָפּגעשוואַכט, באַגאָסן מיט שווייס און שווער אָטעמענדיק, איז דער קאַם געזעסן באַם שײַטער. דאָס לעבעדיקע לעבן האָט זיך לאַנגזאַם צו אים צוריקגעקערט. די אויגן האָבן אָנגעהויבן זען די רעאַלע וועלט. די אַרומיקע האָבן אים באַרויִקט: באַבורגאַנאָוו האָט אופגעהערט זיך צו ציִען, צו פיבערן, הייסט דאָס, אַז די בייזע רוכעס זײַנען דערווײַטערט, פאַרטריבן, דער קאַם קאָן קומען צו זיך. מ'האָט אים געגעבן אַראַק, האָט ער זיך לאַנג אָפּגעזאָגט, דערנאָך איז ער מיט צעטריקנטע ליפּן צוגעפאַלן צום קריגל און לאַנג, פּײַנלעך לאַנג, ווי אַ פאַרטריבענער פערד, געצויגן אין זיך דעם ברענענדיקן געטראַנק. אַלץ איז געווען געענדיקט.

די זון איז אונטערגעגאַנגען, די לעוואָנע איז אַרויס, די אַלטײַער האָבן אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצוגיין. מאָרגן איז דער יאָנטעוו פון פעט ווערן פון די בעהיימעס.

מ'וועט ברענגען קאָרבאָנעס...

* * *

> די פאָרשטעלונג וועגן פּערזענלעכער אומשטערבלעכקײַט איז אַרויסגעוואַקסן ניט פון דער באַדערפעניש אין רעליגיִעזער טרייסט, נאָר פון דעם פּאָשעטן אומשטאַנד, וואָס אָנערקענענדיק די עקזיסטענץ פון נעשאָמע, האָבן מענטשן זיך ניט געקענט דערקלערן וווּהין־זשע קומט זי אַהין נאָכן טויט (ע נ ג ע ל ס).

י. אקסענפעלד.
(1787—1866).

די גענארטע וועלט.

ר׳ לייב ש׳ (מאכט צו דעם זויהער און טוט א קרעכץ). איך געדענק, רעב נויעך. איר דארפט נעבעך, וואסער, וואסער דארפט איר געגויטיק צו אײַערע מילן זאָלן מאָלן.

ר׳ נויעך (א הויכער שווארצער ייד מיט א גראָבער, שווארצער באָרד, מיט צוויי לאנגע פייעס גלײַכע, אָנגעטאָן מיט אן אלטן קאפטן, מיט א סטראָקע און אן אלטן פיקסן לאפינמיצל, די הענט הענגען אראָפּ, אין איין האנט האלט ער א טיכעלע געלט אײַנגעבונדן). סטײַטש, רעבע, עפּעס א קאטאָוועס, זעקס אלאָפים גיב איך ניבעליצקין פאר די מילן, עפּעס א קאטאָוועס. דאָס קליינע מילכל דראפּעט אביסל, דאָס קליינע מילכל, און די גרויסע מיל שטייט פארפרוירן. די גרויסע מיל, רעבע, אז איר וועט מיר זאָ ניט העלפן, רעבע, קומט מיר בעדיל־האדאל צו ווערן, קומט מיר. און דאָ נאָך פייסעך, רוקט אָן די ראטע, נאָך פייסעך. פאר כאָגאָעס איז טאָמיד דאָ רעכטע מאָלעכץ, פאר כאָגאָעס. פון די פרעסט איז די מיל פארקאָוועט, פון די פרעסט (ער נעמט ארויס פון טיכל דריי קערבלעך און לייגט אנידער אפן טישל). רעבע, לאָזן די פרעסט אופהערן, אָבער זארעז טאקע, רעבע.

ר׳ לייב ש׳ (טוט א קוק אף די דריי קערבלעך). אייער קוויטל ליגט בא מיר, און איך בעט דעם אויבערשטן וואסער, וואסער, פון רעב נויעכס וועגן וואסער. נו, וועט מוזן טייקעף וואסער זײַן, צו וואָס טויגן די פרעסט, רעב נויעך וויל, נעבעך, פּארנאָסע, און איך וויל טאקע בעפּיירעש, אז דער פּאָרעץ זאָל אײַך געבן א האנאָכע, א שטארקע האנאָכע, פארוואָס די מיל איז אזוי לאנג געשטאנען פארפרוירן. מאכטייטע, אזא סראָרע מוז נעבן א האנאָכע, איר האָט דאָך, נעבעך, העזייקעס געהאט. הא, אז ער איז א סראָרע, מוז ער אונדז פּאָלגן. ער מוז, ער מוז אײַך געבן א האנאָכע פאר דעם קווארטל, איך וויל אנדערש ניט. איך וויל אנדערש ניט.

ר׳ נויעך (נעמט ארויס פון טיכעלע נאָך דריי קערבלעך און לייגט אנידער). רעבע, אז איר וועט אײַך א פּאָרע געבן מיט דער האנאָכע דערצו, אז איר וועט אײַך א פּאָרע געבן וועט ניט זײַן, אוואדע טאקע ניט זײַן. ניבעליצקי איז א פּסיאקרעוו, ניבעליצקי. רעבע, נאָר איר קאָנט אים איבערקערן. רעבע. איר, רעבע, האָט מיך שוין מעכײַע געוועזן, איר, רעבע. א קאָרץ ווייצן־מעל וועל איך די וואָך ארײַנשיקן, א קאָרץ ווייצן־מעל (ער בויגט אָן דעם קאָפּ צו בענטשן). רעבע, בענטשט מיך שטארק, וואָרעם דער ניבעליצקי איז א גרויסער פּסיאקרעוו, דער ניבעליצקי.

ר׳ לייב ש׳ (בענטשט רעב נויעכן און ברומט און קרעכצט א פּאָר מינוט אזוי). מאכטייסע, אלע ערלעכע יידן דארפן נעבעך ראכמים. נו, מאכטייסע, דאכט זיך. בא אונדז איז אויסגעגאנגען בראָנפן, פרעגט, זײַט זשע מויכל, צאלײען אָדער די רעבעצן.

ר׳ נויעך. ווי איר פאלט אויס, רעבע, ווי פאלט איר אויס. הײַנט האָב איך ערשט געבראכט א בארילקעלע, הײַנט, מיט גוטן שאָם־בראנפן, נאָך העכער פון שאָם, מיט

גוטן בראָנפן (ער שטרעקט אויס די האנט). זייַט זשע געזונט, רעבע, זייַט זשע געזונטי איך פאָר אוועק, איך (ר' נויעך גייט ארויס פונעם שטיבל פריילעך און שטופּט צאַליען געלט אין דער האנט אריַין). זייַט געזונט, רעב צאַליע, דערמאָנט דאָ דעם רעבן מעקויעך דעם וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט, דערמאָנט אים (צאַליע טוט א שאָקל מיטן קאָפּ, רעב נויעך גייט פון דער שטוב ארויס).

(עס קומט אריַין ר' שויעל אָסטרער, א געהילץ־סויכער).

ר' שויעל (שטייט א פאָר מינוט און זעט, ווי ר' לייב ש' פּאָרעט זיך מיט די קוויטלעך און ברומט און קרעכצט איבער זיי. ער לייגט אנידער זיַין קוויטל). ארום אונדז, רעבע, איז אפילע אויך דאָ גוטע ייִדן, נאָר מע זאָגט, רעבע, איר זייַט א בעריע צו די זאכן מער פון אַלע, בין איך אהער אראָפּגעפאָרן אומיסטנע, ס'איז מיר זייער ענגלעך, רעבע, און איך קאָן אייַך גאָר ניט דערזאָגן, אז איך דארף האָבן מייַנע געהילצן ארויסצופירן פון די וועלדער, אז דער פראָסט און דער שניי זאָלן האלטן איבער פּייסעך, דעריבער בעט איך נאָר אייַך.

ר' לייב ש'. ווייס איך, וואָס די וועלט לייגט זיך אף מיר, איר האָב שוין קיין קויעך ניט. וואָס מיינט איר, טו איך, גלאט איך פּעסטע מיך פארן אויבערשטן, פארוואָס, ריבוינע שעלוילעם, זאָל דעם ייִדן, נעבעך, ניט גוט זייַן, נו, הערט קודשא בריך הוא און האָט ראכמאָנעס אף מייַן פּעסטען. וואָס איז אייַער זאך, לעמאָשל, ר' שויעל בען גיטל?

ר' שויעל. מינאסטאם איז די וועלט ניט מעשוגע, לאָז זייַן פּעסטען, אבי מען פּויעלט דעם ניטעריס. האַ; מייַן מו"מ איז (ווי ארום אונדז האָבן אנדערע סאָכרים אויך דעם האנדל). בא פּריצים אָפּצוקויפן וועלדער, דארף איך זייער גענויטיק פון מייַן וואלד ארויסצופירן מייַן האָלץ, קעדיי איך זאָל זארעז נאָך פּייסעך קאָנען מיטן וואסעד אוועקשיקן קייַן דאנציג, וועל איך מיך עפשער קאָנען אויסדרייען פון כויוועס; אז דער שניי מיטן פראָסט וועלן איבער פּייסעך האלטן, קאָן מען מיט שליטנס ארויס־שלעפּן די געהילצן פון וואלד ביז צום ברעג פון וואסער. כאסוועשאָלעם, אז עס וועט א לאָז טאָן דער שניי, בלייַב איך ליגן שוין ביז איבעראיאָר, איז כאָלילע אן עק פון מיר. איך האָב (עד רעדט מיט א וויינענדיק קאָל) אָן אייַנהאָרע זעקס קינדערלעך, רעבע, און באלעכויוועס וועלן צוטרעטן, בין איך פארבייַ, היי, היי, רעבע, נאָך אף צוויי וואָכן פרעסט, איר זאלט מיר פּויעלן, קאָן איך פאר דרייַסיק טויזנט קערבלעך סכוירע מאכן באם ברעג, דערינען איז מייַנס אפילע ווייניק, נאָר לייַטנס געלט, וואָלט איך אַלע די מייַלער פארשטאָפּט מיט אזא סכוירע באם ברעג, אז ניט, כאָלילע, איז גאָר אן עק פון מיר. ווער שמועסט מייַנס, איז אוואדע דערטרונקען, נאָר פרעמדס וועט אויך ניט בלייַבן (ער נעמט ארויס פון די פּלודערן־קעשענע זעקס רענדלעך און ציילט אפן טיש). רעבע, אָט דאָ באווייַזט א מויפעס.

ר' לייב ש' (טוט א קוק אף די זעקס רענדלעך און אף ר' שויעלן און טוט א קרעכץ) פארוואָס זאָלן ייִדן, נעבעך, העזייקעס לייַדן, ראכמאָנע ליצלאַן, א ייִד קאָן נעבעך צעבראָכן ווערן. פאר דרייַסיק טויזנט קערבלעך איז א גוזמע, אן אייַנהאָרע, א גאנץ יאָר צוהאלטן איז טאקע אן אוולע, קודשא בריך הוא וועט אף מיר ראכמאָנעס האָבן,

דער שניי מיט די פרעסט זאָלן האלטן, הא, וואָרעם אכוץ וועט מען אייַך באגאנווע־נען, אין וואלד איז דאָך העפקער קימאט, און מע מוז מארבע בעהויצאָע זייַן, האלטן א גאנץ יאָר סטאָריזשעס, טאקע.

ר׳ שויעל. א כידעש, כ׳לעבן, ווי איר, רעבע, זענט אזוי קלאָר אין אלע מאַ־סעמאטנס, ס׳איז טאקע דעריבער א דיל־האדאל, אז מען בלייַבט ליגן (ער נעמט ארויס נאָך זעקס רענדלעך און ציילט צו צו יענע זעקס און טוט א קרעכץ). אוי, אוי איז מיר. נו, רעבע, איר זייַט ווערט אסאך מער פאר דעם מויפעס, נאָר ס׳איז מיר אצינד זייער ענגלעך, דערפאר וועל איך פון דאנציג אייַך ברענגען גאָר די ווילע מאטאָנע. בענטשט מיך, רעבע, דאָס הארץ זאָגט מיר, אז איר וועט נאָר וועלן, וועט איר דאָס שטיקל אויס־פירן. איאָ, רעבע! (ער בויגט אָן דעם קאָפּ).

ר׳ לייב ש׳ (לייגט ארוף ביידע הענט און קרעכצט, ברומט עטלעכע מינוטן, דערנאָך זאָגט ער מיט א פרייליכקייַט). האָט איר א גוטע פור, היט אייַך נאָר גוט אייַן, איר זאָלט ניט פארפרוירן ווערן אפן וועג, ס׳איז מעכויעוו זייער גרויסע קעלטן צו זייַן, פאָרט גע־זונט, ר׳ שויעל, פאָרט געזונט!

ר׳ שויעל. רעבע, איר זייַנט מיך טאקע מעכייַע מיט די ווערטער, אָבער א שארפע מאטאָנע, ווי אייַך שטייט אָן, וועל איך אייַך אימירצע־האשעם ברענגען, רעבע, פון דאנציג, פאר די פרעסט, ביכדיי איך זאָל אביסל דערפרוירן ווערן אפן וועג. זייַט זשע געזונט!

* * *

וואָס מער כוישעך די רעליגיע פארמאָגט, אלץ מער געטלעכער ווייַזט זי אויס (האָלבאך).

פאָלק-ליד.

I

אמאָל איז אפן יאם געפאָרן
אונדזער רעבע, דער באלנעס.
א ווייַטן וועג פון קאמע יאָרן
האָט ער געמאכט אין איין מעסלעס.

און אז דער רעבע פאָרט אפן יאם,
פאָרן די כסידים מיט אים מיט:
האָבן זיי געזען מינאסטאם,
וואָס קיין מענטש זעט עס ניט.

די שיף האָט געהאַלטן אין גרויס אכרײַעס,
אז דער רעבע האָט געראַטעוועט קאָם.
און די אפּיקאָרסים, די הולטײַעס,
גלויבן אינעם רעבן ניט, יימאַך שמאָם!

II

פּלוצים מאַכט דער יאַם אַ וואַרע
און וואַרפט די שיף אַוועק מיט־גרויס קאַס,
אז דעם רעבנס ספּאָדיק האָט פאַרטשעפּעט די כמאַרע
און דער ווערך איז געוואָרן נאַס.

די כסידים זײַנען געוואָרן ווי פאַרוויסט
און זיי שרײַען: „אַי, געוואַלד״!
דער רעבע ט׳דערוווײַלע אַ טפילע געפּליסט
און איז אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען באַלד.

ס׳האָט באַם רעבן קיינע אכרײַעס—
ער גייט אַפן וואַסער טריט נאָך טריט.
און די אפּיקאָרסים, די הולטײַעס,
גלויבן אינעם רעבן נאָך אַלץ ניט!

III

דער רעבע האָט דערלאַנגט מיטן ספּאָדיק אַ פּאָך
און אויך אַ מאָל—אַ מאַך מיט די הענט:
אַ פיש פון וואַסער האָט דערנעענט,
איז אַרײַן אין קעסל,—ט׳זיך אָפּגעקאָכט.

און איז אַרויס פאַרטיק, פריש;
אין מויל האָט זי געהאַלטן אַ וואָרצל כריין.
זי איז צוגעגאַנגען צום רעבנס טיש,
האָבן די כסידים זי צעריבן מיט די ציין.

זיי האָבן געגעסן מיט גרויס האַווײַעס—
דער כריין האָט זיי געגעבן פיל אַפּעטיט.
און די אפּיקאָרסים, די הולטײַעס,
גלויבן אינעם רעבן נאָך אַלץ ניט!

IV

בא די כסידים האָבן אָנגעהויבן די הערצער צו קלעמען,
ווײַל קיין עסן האָבן זיי ניט געהאט;
קיין ברויט האָבן זיי ניט מיטגענומען
און פאר גרויס הונגער זײַנען זיי געוואָרן מאט.

און וואָס טוט דער רעבע דער באלנעס,
ער זאָל שטיצן די נויט?
האָט ער דערלאנגט מיטן ספאָדיק א טרייסל,
איז ארויסגעפאלן פופציק ברויט.

עס האָט באם רעבן קיינע אכרײַעס—
ער קען די זאכן זייער גוט.
און די אפיקאָרסים, די הולטײַעס,
גלויבן אינעם רעבן נאָך אלץ ניט!

V

זיי האָבן פארוואָלט א שטיקל געבראָטנס,
נאָר קיין אָף און קיין שויכעט איז ניט געווען,
זײַנען אָנגעפלויגן פייגלען פון אלע זײַטן
און האָבן געשאָכטן זיך אליין.

און די מאלאכיי־כאבאָלע האָבן ווײַן געבראכט —
יאין־האמשומער פון גאניידן.
זיי האָבן געטרונקען באטאָג און באנאכט—
עס איז געווען גענוג פאר יעדערן.

זיי האָבן געטרונקען מיט גרויס האווײַעס,
ווײַל יאין־האמשומער שמעקט זייער גוט.
און די אפיקאָרסים, די הולטײַעס,
גלויבן אינעם רעבן נאָך אלץ ניט!

* * *

דער רעבע טרינקט אליין אויס דעם ווײַן און הייסט דערנאָך די אנדערע זאָלן פריילעך זײַן (פאָלקוואָרט).

יעהודע־לייב גאָרדאָן.

.(1830—1892)

שווערע צייַטן.

נאָך א יאָר און נאָך א יאָר,—
די וועלט גייט אלצדינג ווייַטער.
עס וואקסט אלץ אוף א נייַער דאָר,
דער מענטש ווערט אלץ פארשייַטער.
ווער רעדט פון קיבעד־אָוועס,
אז מע האלט ניט פון דער טוירע?
ווער גלויבט נאָך איצטער אין באלשעם,
אז מע האָט פאר גאָט קיין מוירע?!

ניטאָ שוין מער די שיינע צייַט,
וואָס אין ליבאוויטשער געגנט,
האָט עס מיט כסידים פון נאָענט און ווייַט
און מיט פידיוינעס גערעגנט;
אז אונדזער רעבע, דער עמעסער ייִד,
האָט געוויזן גוורעס־האבוירע;
עלעל איז געווען דער גרעסטער יאריד,
שיראִים—די בעסטע סכוירע.

ווער עס האָט אמאָל נאָר זויכע געווען
באם רעבן שאָלעש־סודעס צו עסן,
וואָס ער האָט דאָרטן געהערט און געזען—
צי קאָן ער עס צייַט לעבן פארגעסן?
אז ער האָט געעפנט זייַן הייליקן מויל
און טוירע האָט זיך געשאָטן,
אָדער ער האָט זיך (עס כאפט מיך א גרויל!)
ראנגלען געכאפט מיטן סאָטן.

ווער געדענקט ניט דעם גרויסן קרעכץ
באם רעבנס שיר־האמייַלעס,
א פראסק נאָך לינקס, א פראסק נאָך רעכטס
מאכמעס גרויס היספּייַלעס;
א גלאָנץ מיט די אויגן ארוף
אין גאניידן צו דעם אלטן—
וועלכע נעשאָמע און וועלכער גוף

האָט דאָס געקענט אויסהאלטן?
דאָס איז געווען א שיינע צײַט,
מאמעש מאלכוס בייס־דאָוויד,
יידן זײַנען געוועזן לײַט,
פּארנאָסע געהאט בעקאָוועד;
גאָר אָן כאָכמעס, אָן האמצאָעס,
פארלעבט פיל בעסער די יאָרן;
מע האָט נאָר געדארפט האָבן אף הויצאָעס
צום רעבן אריבערצופאָרן.

ווער עס האָט, לעמאָשל, קיין קינדער געהאט,
האָט זײַן ווײַב צום רעבן געשיקט,
און אין נײַן כאדאָשים אקוראט
האָט זי אים מיט א קאדעש באגליקט.
איז געווען א כוילע אין דער מישפּאָכע,
איז דער רעבע געווען דער דאָקטער;
בא יעדנס אייסעק לעמאזל בראָכע
געפרעגט דעם רעבן, וואָס זאָגט ער.

פון יעדער גזיירע, פון יעדער נויט,
איז באם רעבן געווען א מיטל;
אפילע פון גענעם און פון טויט
האָט געהאָלפן דעם רעבנס קוויטל.
דעריבער זײַנען מיר פון צאָרעס
ניט געווען אזוי פארביטערט;
ווײַל דענסטמאָל האָבן אלע טראָרעס
פארן רעבנס דוך געציטערט.

אזוי האָבן יידן פארבראכט די יאָרן
אונטער זייערע פײַגן־בוימער;
דאָס עס וואָלט אלץ בעסער און בעסער געוואָרן,
איז געדרונגען פון א קאל־וואָכוימער:
— מא דאָך, אז דער רעבע איז געוועזן איינער,
האָבן שיראים געקאָסט א פּייעם,
ווי וואָלט מיר שוין געגריזעט די ביינער,
אז אלע אייניקלעך ווערן ראביים?!

איצט איז אָבער אופגעוואקסן
א דאָר פון אפיקאָרסים,

אלץ מיט כאָכמעס, אלץ מיט פאַקטן—
ווילן זײַן גאָטס יאָרשים;
מאַכן פון כסידעס כויזעק, טורעס,
גיבן קיין גראָשן פידיען;
קיין ייִדיש הארץ, קיין ייִדישע צורעס—
וואָס זײַנען דאָס פאַר א ייִדן?

איצט, אָך און וויי צו אונדזערע יאָרן,
מוזן נעבעך די ראַבייים אליין
פון שטאָט צו שטאָט אומפאָרן,
איידער זיי דערזעען א פידיען;
און אין יעדער קעהילע, וואָס זיי באזוכן,
אין יעדער קרעטשמע באזונדער,
מוזן אליין זיי די ווײַבלעך זוכן,
וואָס ווילן האָבן קינדער.

בילדונג, בילדונג דארפן זיי,
אין שקאָלעס מוז מען לויפן;
פאַר א שטיקל זויהער, אז אָך און אז וויי,
מעגט איר זיי פאַרקויפן.
אפיקאָרסים, שקאָצים און טרעפניאַקעס,
ווערן זאָלט איר קאַפּאָרעס!
דורך אײַך נאָר האָבן מיר די מאַקעס,
דורך אײַך—די גרויסע צאָרעס.

וואָס דארפן מיר אײַערע אײַזנבאַנען,
אז מיר האָבן קפיצעס־האַדערעך,
און קענען קומען צום רעבן פונדאַנען
צײַט אין א כוידעש בעערעך!
וואָס דארפן מיר אײַער שווארצע קונץ,
טעלעפאָנען, טעלעגראַמען:
„גילוי־עליאָהו״ איז דאָ בא אונדז,
א רועך אין אײַער מאַמען!

דאָך אצוועס מאַכט מאָרע־שכוירע,
כעדווע—רועך האַקוידעש.
דרום, ליבע ברידער, האָט קיין מוירע,
לעבט ווי אונדזערע זיידעס.

ייִדן זײַנען נאָך ניט גויסעס,
האָבן געלעבט און װעלן לעבן;
קומט אהער, גיסט אָן די קויסעס,
לעכײַים, לעכײַים דעם רעבן:

מאָריס ראָזענפעלד.

די געהאָלפענע צוײ [1].

אָדער

רױבער און גלױבער.

עס זײַנען אמאָל אין א דאָרף אין א װײַטן
געשטאנען װי אופגעפּאָרט איינס מיט דאָס אנדער
א שענק צו פֿארגיסן די ביטערע לײַדן,
א קירכע צו בעטן בא גאָט נאָכאנאנדער.

עס האָבן זיך גוטפרײַנט געלעבט די ביניאָנים,
דאָך שענקער און פּריסטער געקריגט װי לײַדאקעס,
דען קליין איז דער דאָרף, נאָר אביסל קאבצאָנים,
עס פֿעלן שיקורים, עס פֿעלן פרומאקעס.

דער גאלעך, אום עטװאָס צו ציען א נוצן,
האָט שטענדיק באם שענקער די מאשקע געאסערט,
דער שענקער פלעגט װידער דעם גאַלעך באשמוצן,
אזוי האָט אלץ איינער דעם צװייטן געמאסערט.

דאָך זײַנען מאכלױקעס נאָר דומע טאכבולעס,
און קריג און זילזולים—קיין דאנקבארע טירכע,
דען העכסטנס געװינט דער האמוין פֿון די סגולעס,
זיי װײַכן פון שענק און זיי װײַכן פֿון קירכע.

דורך שאָלעם און אכדעס קען מען געניסן,
פֿארייניקונג נאָר איז די בעסטע טאכבולע:
אין שענק זאָל זײַן לוסטיק, דער שנאפּס זאָל זיך גיסן;
אין קירך זאָל זיך פרייען די „הייליקע בסולע”...

---

1) צוליב אויסמײַדן פֿארעלטערטע באגריפן, זײַנען געביטן געװאָרן אין ליד אייניקע װערטער און **גראמען**.

און קוים האָבןביידע זיך—שענקער און גאלעך—
געגעבן די הענט, האָט גלייַך דאָ דער אוילעם
דערהערט, אז אין דאָרף איז געקומען א מאלעך
און האָט דאָרט געוויזן א זעלטענעם ציילעם.

דערציילט האָט דער שענקער אליין מיט א פייַער,
זיך ציילעמענדיק פאר א באנדע שיקורים,
אז גאָט איז געשטאנען בא אים אף א שייַער
פארטיפט מיטן מאלעך אין הויכע דיבורים.

און גלייַך האָבן אלע באטרונקענע צורעס
געשוואָרן באזונדער, געשוואָרן צוזאמען,
אז זיי האָבן בייַגעווינט שרעקלעכע גוורעס
אין שענק אפן דאך פון דער הייליקער מאמען.

דער גאלעך האָט אויך געמאכט פול אין די דראָשעס
מיט ווערטער, וואָס האָבן געפלאקערט ווי צונטער;
אז איצט וועט דערהערט ווערן יעדנס באקאָשעס,
און ווער עס קומט קראנק, מוז אוועק א געזונטער.

דער דאָרף איז געוואָרן פארשווומען מיט מענטשן
מיט טויזנטער, ווער האָט געקענט זיי גאָר ציילן;
מיט פרומע, וואָס זייַנען געקומען זיך בענטשן,
מיט קראנקע, וואָס זייַנען געקומען זיך היילן.

דער קלאל—יענער מיסכער האָט אופגעטאָן וואונדער!
מיט ליידיקן קומט ניט קיין איינציקער געגע—
דער גאלעך ציילט געלט און דער שענקער באזונדער,
דער אייסעק ווערט גרעסער פון רעגע צו רעגע.

דאָך איינמאָל האָט גראדע געדארפט זיך פאסירן,
א פויער ז'געקומען אין דערפל צוהינקען,
ער איז זיך נאטירלעך געקומען קורירן
און אגעוו די הייליקע מאשקע צו טרינקען.

דער גאלעך האָט טעגלעך א פידיען גענומען;
עס איז דאָך א מיצווע צו שינדן „כאמולעס”,
דאָך פונקט ווי ער איז מיט די קוליעס געקומען,
אזוי איז ער ווידער אוועק מיט די קוליעס.

און זיצנדיק איינמאָל אין שענק בא די ספּירטעס,
איז פּלוצלונג דער פֿויער צעקאָכט אזש געוואָרן:
„א שווינדל די הייליקייַט, מענטשן פארפּירט עס!“—
האָט ער זיך צעשריִען מיט ביטערן צאָרן—

„עס זייַנען די בלינדע נאָך בלינד ווי געוועזן,
עס הינקען נאָך די, וועלכע האָבן געהונקען,—
בא אייַך איז נאָך קיינער געוואָרן גענעזן,
מאמזיירים, אז ווערן זאָלט איר אייַנגעזונקען“!

„אָ ניין“! האָט דער שענקער געזאָגט, „כ׳קען ניט שווייַגן,
דער שרייַער איז שיקער,—בא גאָט איז געשוואָרן!“
דאָ זייַנען אין קורצן—איך קען איבערצייַגן—
צוויי גרויסע „כאלאָים“ געהאָלפן געוואָרן“...

* * *

דער גאנעוו און דער פּאָפּ שלינגען אלץ לייכט אראָפּ (רוסיש פאָלקווארט).

ו. דובאָווסקי.
רוסישער שרייַבער (1874).

כאדזשי הוסיינס מויפעס.

איך וועל אייַך דאָ דערציילן וועגן דעם אלטן כאדזשי הוסיינס מויפעס. עמעס, דערדאָזיקער מויפעס איז ניט פון די געהויבענע. דער הייליקער כאדזשי האָט באַוויזן מאָפּסים אסאך, און ניט נאָר אזעלכע. דערדאָזיקער מויפעס איז אָבער א גוטער: ער האָט ארויסגעהאָלפן אן אָרעמען מענטשן פון א גרויסער צאָרע, און כוצדעם פארמאָגט ער נאָך א פריילעכן סאָף אויך,—און דאָס טרעפט זיך גאָר ניט אזוי אָפט אין אלאכס ערדישער מעלוכע. ניט אומזיסט זאָגן די אלטע כאכאָמים: „די וועלט—דאָס איז אן אכסאניע אף 5 טעג“. און דערצו נאָך א שלעכטע אכסאניע—וועלן מיר צוגעבן פון זיך. דעריבער דארף מען לייגן ווייניקער אכט אף וועלטלעכע זאכן און אף דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג—דאָס באזאָרגט שוין אלאך אליין מיט זייַנע מאלאָכים. דערפאר אָבער דארף מען זען מיט אלע מיטלען, אז אף יענער וועלט זאָל מען האָבן א כיידער א געראמערן און נענטער צו מאכמעדן, קעדיי די מאלאָכים זאָלן צוטראָגן אייַך ווייַן פון דער בעסטער מארקע, און די גאניידן־בסולעס זאָלן ניט זייַן עפּעס אבי וואָסערע, כוישעכדיקע, נאָר זיי זאָלן זייַן גראָבע און ספּויִטנע און

זיי זאָלן ניט מיד ווערן צו קושן און האלובען טויזנטער־טויזנטער יאָרן אָן אן איבערייַס. און די פינף טעג אין דער שלעכטער אכסאניע וועלן מיר איבערלעבן, ווי ס'האָבן געלעבט אונדזערע טאטעס און זיידעס. און טאָמער ווערסטו געשטרויכלט אף דעמדאָזיקן גלייַכן וועג, איז ווענד זיך צו גאָטס קנעכט, צום מולא—און ער וועט דיר דאָס שוין צורעכט מאכן. אָמיין.

יאקוב איז אלט געווען אכט יאָר, ווען דער כאן—דער פאָרעץ האָט פארשמיסן זייַן פאָטער מיטן קאנטשיק. ווען מ'האָט אים געבראכט אהיים א טויטן, האָט יאקוב ניט דערקענט זייַן אייגענעם פאָטערס פאָנעם: ער איז געווען צעקלאפּט און פארשוואָלן, בלוטיק־בלאָ; זייַן מויל איז געווען ענלעך אף א בלוט־גרוב, אין וועלכער ס'האָבן געטארטשעט די ציינער, ווי ווייַסע פלעקלעך. איז געקומען צוגיין דער גוטער מולא אבדול־קאדער, א קוק געטאָן אפן טויטן, אף די ברייט־אָפענע גלעזערנע אויגן, אין וועלכע ס'איז געבליבן פארגליווערט א ווילדער שוידער — און ער האָט פארמאכט זייַנע אייגענע אויגן מיט דער האנט: דערנאָך האָט ער זיך אריבערגעבויגן איבער יאקובן און געזאָגט:

— אלאך איז שרעקלעך; ער איז אָבער אויך פול מיט כעסעד, ער שטראָפט, אָבער ער באלוינט אויכעט; ער איז אונדזער לעצטער, אונדזער אייביקער מיקלאָט. ווען עס וואָלט ניט געווען אָט דערדאָזיקער ריכטער און דערדאָזיקער מיקלאָט, וואָלט דען מעגלעך געווען אריבערצוטראָגן אזא צאר, ווי דייַנעם, ניט פארשילטן דעם ערדישן שיקזאל און ניט צעבונטעווען זיך קעגן די הארן פון דער וועלט?... אָבער די הארן דידאָזיקע האָט דאָך אלאך אליין אוועקגעשטעלט און זיי אייַנגעפעסטיקט. און ווען ער וואָלט ניט געווען, וואָלט די גאנצע וועלט פארוואנדלט געוואָרן אין א דורכויסיקן געשלעג, מערדערייַען און פרעכקייַט. און אָט פונדעסטוועגן—דאנקען גאָט!—זע, וואָס פאר א געבענטשטע אָרדענונג עס האלט זיך אף דער וועלט! איטלעכער פראצעוועט אף זייַן אָרט; און אלאך טיילט אייַן יערערן לויט זייַן ראָצן נאָך. און דו זייַ דאָס מעקאבל בעאהאווע און לייַד, ווייַל ער, דער אלמעכטיקער, איז פול מיט כעסעד, ער איז אָבער אויך שרעקלעך! ער איז מעכטיקער פאר דונער און ערד־ציטערניש, איימעדיקער פון מידבער־ווינט, מוירעדיקער פאר פייַער און קריג. פאָרכט זיך פאר אים און לייַד.

און ער האָט אופגעהויבן די האנט צום הימל, דאָרטן איז געווען א רויִקע ליבלעכע בלויקייַט. יאקוב האָט א קוק געטאָן אף דער ערד. דער צעפּאלמעסטער פאָטער האָט געקוקט אפן הימל מיט אן אומבאשרייַבלעכער איימע אין די פארגליווערטע אויגן. דאן האָט יאקוב נאָכגעפאָלגט נאָך זייַן פארקילטן בליק, און אין דער בלויער טיפעניש האָט ער דערפילט עפּעס שרעקלעכס און אומפארשטענדלעכעס, פון וואָס ס'האָט אים דורכגענומען א קאלטע איימע ביז אין סאמע הארץ ארייַן, און די האָר אפן קאָפּ האָבן זיך גענומען רירן. פון דאן אָן האָט ער אָנגעהויבן מוירע האָבן פאר אלאכן און מיט האכנאָע אָנגענומען זייַן ראָצן.

ווען עס איז אים געוואָרן עלף יאָר און זייַן געליבטע שוועסטער כאדידזשען—צוועלף, האָט דער אלטער סויכער איסא פון מעכשעד אָפּגעקויפט כאדידזשען פאר זיך פאר א ווייב. זי האָט ניט געוואָלט און געוויינט. די מוטער האָט אויך געוויינט. אָבער

דער אלטער סויכער האָט געדראָט און געגעבן געלט,—און ער האָט אוועקגעפירט כאדידזשען צו זיך אין שטאָט אריין. יאקוב האָט עס אָנגענומען מיט האכנאָע און מיט געדולדיקייט.

יאקוב איז אויסגעוואקסן א גוטער מוסולמענער. ער האָט געאקערט די ערד, ווי אלע פערסישע פויערים, ניט מיט קיין אקער, נאָר מיט אן אייזערנעם צאָן אף א פלאָקן, געשניטן, געדראָשן; די קערנער פלעגט נעמען דער כאן—דער פאָרעך. ווי אייגענע קינדער פלעגט יאקוב אויסהאָדעווען לעמעלעך און לאָשעקעס און ארײַנפאלן פלעגן זיי צום פאָרעך אין הויף. יאקוב פלעגט קאָרמענען דעם כאנס דינער, ווען זיי פלעגן פארפאָרן צו אים, און סאָלדאטן, און רויבער, צאָלן ארענדע און שטײַערן, פלעגט געבן אפן מעטשעט און געבן און צאָלן נאָך פארשיידענע אנדערע מענטשן. און דאָס, וואָס ער פלעגט באוויַזן צו באהאלטן, פלעגט בלײַבן פאר אים מיט דער פאמיליע אף צום לעבן.

און אלאך האָט געשטראָפט יאקובן פאר זײַנע זינד און פאר די זינד פון זײַנע אָוועס, אָבער כוצדעם האָט ער אים געבענטשט אויך, ווער ווייס, פאר וואָס. ער האָט צוגענומען בא יאקובן דעם פאָטער, די מוטער, די ברידער און שוועסטער, דערפאר האָט ער אים אָבער געגעבן א גוטע ווײַב—די אונטערטעניקע, פראצעוויטע פאטימע, און זי האָט אים געבאָרן א זון אלי. יאקוב האָט געהאלטן, אז ס'איז נאָך גאָר קיינמאָל אף דער וועלט ניט געווען אזא יינגל, ווי אלי. ער איז געווען אזוי ווי א שטערן צווישן אלע יינגלעך. און יאקוב איז געווען פון אים גאָר אויסער זיך. אָבער באלוינענדיק יאקובן, האָט אלאך באשטימט אים אויסצופרווון. אז אלי איז אלט געוואָרן קאַרגע דרײַ יאָר, איז ער קראנק געוואָרן אף א שווערער קרענק. א שעד איז ארײַן אין דעם קליינעם קערפער און האָט אים געפײַניקט. ער האָט געאָטעמט מיט פײַער—און דער קליינער קערפער, א הייסער און אן אומרויִקער, האָט זיך געוואָרפן אין אנגסט און קרעכצעניש. ער האָט פארמאכט אלי די אויגן און די ליפּן, און דאָס יינגל איז געלעגן אָן באוועגונג, קימאט אָן אָטעם, און דער מאלכאמאָוועס האָט שוין אָנגעטראָגן א בלויקײַט אף די טרויעריקע ליפּן און אף די אויגן. דערדאָזיקער ניטגוטער, וואָס האָט זיך באזעצט אין אלין, האָט פון טאָג צו טאָג אָפּגעוויקלט דעם פאָדעם פון זײַן לעבן. און אָט איז יאקוב אוועק צום מולא אבדול-קאדער, און דער גוטער מולא האָט געזאָגט.

— מירן טפילע טאָן און בעטן דעם אלמעכטיקן, ער זאָל הייסן דעם ניטגוטן ארויסגיין פון אליס קערפער.

און ער האָט מיספאלעל געווען און געגעבן דעם קראנקן אלי הייליקע וואסער. נאָך מער: ער האָט ארויסגענומען פון א באהאלטענעם ווינקל אין קופערט א שווארצן ...וקענעם פלעצל, מיט א בראָכע אָפּגעקאלופּעט פון דעם א שטיקל און אָפּגעגעבן ...י.

...אס איז ערד פון דער הייליקער שטאָט קערבעלא,—האָט ער געזאָגט.—אין ...קווורע געקומען אונדזער גרויסער מארטירער הוסיין. ער וועט פאר דײַן ...א גוט וואָרט פאר אלאכן, ווען דו וועסט געבן דעם יינגל פון דער־

דאָזיקער הייליקער ערד. און דו, יאקוב, ברענג מיר פאר דעם אלעם א שעפּס; זאָלסט אָבער ניט אָפּנארן—קאָנסט נאָך דעם שעפּס פארטרײַבן אין די בערג און זאָגן, אז ער איז געפּייגערט. איך קען זיי, דידאָזיקע שטיקלעך, אײַערע. געדענק, אז אָפּנארן גאָטס דינער, דעם מולא, איז א שרעקלעכע זינד.

אין דעמזעלביקן טאָג האָט יאקוב אוועקגעפירט צום גוטן מולא א שעפּס, אָבער דעם זון זײַנעם איז ניט געוואָרן גרינגער ניט אפן אנדערן טאָג און ניט אין דרײַ טעג ארום.

אז יאקוב האָט זיך ווידער געקליבן גיין צום מולא, האָט פאטימע געזאָגט מיט טרערן אין די אויג:

— וואָס ווילסטו טאָן? דער מולא וועט ווידער נעמען א שעפּס, און העלפן וועט ער ווידער אזוי ווי דעמלט.

האָט יאקוב געענטפערט:

— און אז ס׳וועלן בלײַבן די דרײַ שעפּסן און אלי וועט שטארבן, וועט דען דאָס זיין בעסער?

פאטימע האָט גארנישט ניט געזאָגט און זיך פאנאנדערגעוויינט, אין יאקוב איז געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט פארקוועטשטע ציינער ביזן אָוונט. ער האָט געזען מיט די אויגן דעם עקלהאפטן רועך, וועלכער האָט ארײַנגעלאָזן די נעגל זײַנע אין אליס קערפּער, אין זײַן פלייש און אין דיביינער. ער האָט אויך געזען זײַן גיפטיקן קאָפּ מיט די אויגן. ווי דער קלינג פון א קינזשאל, אײַנגעגראָבן אינעם טונקעלן אינגעווייט. דער גוטער מולא אבדול־קאדער איז ניט בעקויעך אים ארויסצוטרײַבן מיט זיינע ערד און וואסער. ס׳זײַנען דאָך אָבער פאראן הייליקע מענטשן, וועלכע באזיצן אן אלמעכטיקן קויעך, וואָס יעדן איינציקן רועך שלײַדערן זיי ארויס, ווי א צעפּוילטע שמאטקע! דער מולא אליין זאָגט דאָס.

איז אָט האָט יאקוב אינדערפרי אָנגעזאָטלט דעם פערד, פארנומען מיט זיך אלע דרײַ שעפּסן און איז אוועקגעריטן אין שטאָט זוכן א הייליקן מענטשן. איין מאָל בלויז אף זײַן גאנצן לעבן, איין איינציקן מאָל האָט דער רויִקער יאקוב זיך ניט אונטערגעוואָרפן אָן טארומעס גאָטס ראָצן און באשלאָסן ארײַנצוטראָגן א קליינע אויסבעסערונג אין דעם אומפארענדלעכן קרײַזגאנג פון די געשעענישן—צו ראטעווען דעם זון זײַנעם, וואָס אלאך האָט, קענטיק, גוויזער געוועז, ער זאָל שטארבן.

אז יאקוב איז אוועקגעריטן, איז פאטימע אוועק מיט די שכיינים אין די בערג, אף די אויבערשטע פליינען צונויפזאמלען די היי און האָט גענומען מיט זיך אליען. „אויב ער וועט שטארבן,—האָט זי געטראכט, דריקנדיק דעם זון צום הארצן,—איז זאָל ער שטארבן בא מיר אף די הענט”. צו אָוונט צו זײַנען זיי ארוף הויך אפן בארג. דער הימל איז געווען פארגאָסן מיט פלאמיקער אָוונטרויטקײַט, ס׳האָבן זיך גערויטלט די בארגשפּיצן, און די בארגלופט איז געווען שטיל און לויטער. פון א ברעג־אָפּהאנג האָט פאטימע א קוק געטאָן אראָפּצו. דאָרטן, טיף אין טאָל, איז געלעגן א געדיכטער שאָטן, און דער היימישער דאָרף איז געווען פארזונקען אין א שווערן נעפּל.

— דאָרטן איז שוין פינצטער,—האָט געזאָגט א שכיינע.—אָבער ווי גוט דאָ איז! ווי גרינג צו אָטעמען—אזוי ווי אין גאניידן!

ווען זיי זייַנען אָנגעקומען אפן פלייַן, האָט פאטימע מיט ציטערנדיקע הענט פאנאנדערגעוויקלט די קאָלדרעטשקע: עפשער איז דאָס קינד שוין געשטאָרבן?...
אָבער אלי איז ניט געשטאָרבן, ער איז געשלאָפן, געשמאק צוסאָפּעדיק.

פינף טעג איז פאטימע אָפּגעווען אפן אויבערשטן פלייַן בא דער ארבעט, און אלי האָט זיך שוין ניט געוואָרפן, ניט געקרעכצט און ניט געברענט אין פייַער; ער איז גיריק געשלאָפן, פונקט ווי ער וואָלט אינעם שלאָפן קלייַבן קויכעס אף צו קעמפן מיטן טויט. און דער טויט האָט אָפּגעטראָטן. און ווען די מוטער האָט זיך אראָפּגעבויגן איבער אים, האָט ער שטיל געשמייכלט, קנייטשנדיק די בלייכע ליפּן, און אין זייַנע אויגן האָט געשימערט ליבשאפט און לעבנפרייד.

אָנגעקומען אין שטאָט, האָט יאקוב איבערגעלאָזן דעם פערד מיט די שעפסן אין אכסאניע און אליין איז ער אוועק אפן מארק. איצט זייַנען די אויגן זייַנע ניט געשווומען אזוי ווי פריִער, קוקנדיק אף די שניט־סכוירעס, אף די מעסערס, זיסע זאכן און די אלערליי אנדערע סכוירעס. ער האָט אומגעוואנדערט איבערן מארק, זוכנדיק מיט די אויגן, צו וועמען זיך צו ווענדן מיט זייַן איניען.

דאָ האָט ער דערהערט דעם געזאנג פון א דערוויש: „לאאיללאכו איללאכי",—און ער האָט זיך דערשראָקן א צאפל געטאָן. כאָטש דידאָזיקע מאָנאכן, די דערווישן, זייַנען הייליקע מענטשן, און כאָטש אלאך וועט זיי טאקע דערנאָך ארופנעמען אפן הימל פאר מאלאָכים, אָבער אף דער ערד איז גלייַכער צו זייַן פון זיי וואָס ווייַטער.

זיצט דער דערוויש און שאָקלט זיך, און זייַן טונקעלער קערפער, א פארברענטער פון דער זון, אן אויסגעווייקטער פונעם רעגן און אן אויסגעקוועטשטער פון די פרעסט, קוקט גלייַכגילטיק ארויס דורך די לעכער פון זייַנע שמאטעס; אָבער די אויגן זייַנע, רויבערישע אזוינע און פול מיט יונגן פייַער, לויפן פון איין מענטשן צום צווייטן, פון איין פּאָנעם צום אנדערן. אָט האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אָן יאקובס אויגן, פונקט ווי אריינגעשטאָכן זיך, דורכגעלאָפן איבער זייַן קערפער ביז די קנעכלעך, און דער דערוויש האָט זיך גענומען אופהויבן, צוגעבנדיק זייַן פּאָנעם א קלוג און פעסטן אויסדריק.

— הער נאָר, זון מייַנער,—האָט ער א געשריי געטאָן צו יאקובן,—דו ווייַזט אויס, אזוי ווי כאווע, בייס דער מאלעך האָט זי נאָר וואָס ארויסגעטריבן פון גאניידן. זאָג מיר דייַן צאר, און איכל...

אָבער יאקוב האָט גענומען שטעלן פיס און איז אריַין אין האמוין. דער דערוויש האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אפן פרייערדיקן אָרט און גענומען ווייַטער, ווי פריִער, צוזינגען אונטערן נאָז, אָבער די אויגן זייַנע האָבן שוין יאקובן ניט אָפּגעלאָזן. און יאקוב האָט, לעסאָף, דערזען, וועמען ער האָט געדארפט.

דאָס איז געווען א מולא, אזא דיקער און אזא שטרענגער, אז יאקובס הארץ האָט זיך באלד צו אים א קער געטאָן. א צייַט האָט ער זיך ניט דערוואגט צו אים צוצוגיין, אָבער די נויט איז שטארקער פאר דער מוירע. צוגיין איז ער צוגעגאנגען,

אָבער דערציילן מיט א טאָלק האָט ער ניט געקאָנט, ער האָט בלויז געמעקעט עפּעס מיט ארויסגעשטעלטע אויגן, אזוי ווי א באראן. דערפאר האָט דער מולא, באקוקנדיק אים פון אויבן ביז אראָפּ, גענומען ריידן:

— ביטער איז דעם מענטשן, ווען די ווייַב ליגט קראנק און בייזע רוכעס מאַטערן די ווירטן פון הויז. די פערד זייַנען פארפאלן געוואָרן, און דער ליידיקער פערד־שטאל פרעגט: ווי ווּעסטו פאָרן? א גאנעוו אָדער א שלעכטער מענטש האָט פארכאפּט די גוטס. א בייזע סרייפע האָט אופגעפרעסן די הויז. דער זון איז קראנק געוואָרן, און דער מאלכאמאָוועס פירט אים צום פייַערדיקן שוועל...

באם וואָרט „זון" האָט יאַקובס פּאָנעם א ציטער געטאָן. דער מולא האָט ווייַטער גערעדט:

— געקומען א ביטערער צאר, ווי דער גוירל פון אן אלמאָנע, און קלאָגט איבער דייַן זון.

דאָ האָבן זיך די טרערן א גאָס געטאָן פון יאקובס אויגן, און ער האָט זיך פארצויגט פארן הייליקן מאן, ווּעמען ער האָט נאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט, און ער ווייס אלץ וועגן זייַן זון.

דער מולא האָט דערציילט יאקובן, אז דורך אלאכס גוואלדיקן כעסעד ווערן קינדער געזונט און זיי שטארבן. וואָס פעסטער עס זיצט אין זיי דער בייזער רועך, אלץ א הייליקערע רעפוע דארף מען, און אלץ טייַערער איז זי. יאקוב האָט געזאָגט, אז ער פארמאָגט גאָר און גאָר צוויי שעפּסן: וועגן דעם פערד און דעם דריטן שעפּס האָט ער צוגעשוויגן אף יעדן פאל. דאן האָט דער מולא מיט א כיטרען שמייכל געזאָגט, אז בא יאקובן אינדערהיים איז מיסטאָמע פארבליבן עפּעס א ווערדיקערע זאך. נאָר ווען יאקוב האָט זיך געשוואָרן באם נאָוויס נאָמען, אז בא אים אינדערהיים איז ניט פארבליבן קיין שום פּי, כוצן קאָטער און די מייַז, האָט דער מולא זיך פארטראכט און געזאָגט מיט באדויערן, אז אן עמעסע שטארקווירקנדיקע קאמייע קאָסט ניט קיין צוויי שעפּסן, נאָר צום ווייניקסטן צוויי און צוואנציק, און אז א גאָר־גאָר שטארקע קאמייע וועט מען עפּשער־עפּשער קריגן פאר צוויי הונדערט צוויי און צוואנציק שעפּסן. פארשטייט זיך, יענע גאָטפּאָרכטיקע מענטשן, וואָס צוליב זייער אייגענעם זכוס אָדער צוליבן זכוס פון זייער אָוועס פארמאָגן זיי מיט אלאכס ראָצן אייגנסן — יענע מאכט עס ניט אויס צו צאָלן אזוינע יוישערדיקע מעקאָכים, מאכמעס דער געזונט איז טייַערער פון געלט. די אנדערע קומט שוין אויס מער זיך צו פארלאָזן אף גאָטס כעסעד.

— גוט, — האָט ער צולעצט געזאָגט, — צוליב דייַן גאָטפּאָרכטיקייַט וועל איך מאכן פאר דיר אן אויסנאם און געבן דיר א שטארקווירקנדיקע קאמייע. טרייַב אהער דייַנע שעפּסן.

ווען יאקוב האָט געבראכט צו טרייַבן די שעפּסן, האָט דער מולא מיט א בראָכע פארזשמורעט די אויגן, אופגעעפנט דעם קאראן און איבערגעלייענט אין דעם הייליקן בוך דאָס, וואָס ס'איז אים געקומען אף די אויגן. דאָרטן האָט זיך גערעדט וועגן

דער פראכט פון די בסולעס פון גאניידן און וועגן די טײַנוגים, וואָס מ׳האָט מיט זיי אין די דאָרטיקע וועלדלעך.

— אָט!—האָט דער מולא אויסגערופן, אופהויבנדיק דעם פינגער,—דאָס איז אן אָנווייַז פון אלאכן וועגן דייַן זון. דייַן זון פארשטייט נאָך גאָרנישט אין דערדאָזיקער זאך, און ער דאַרף נאָך היפש אונטערוואקסן, ער זאָל זיך אויסלערנען צו באגיין זיך מיט די גאניידן־בסולעס, ווי עס געהער צו זייַן. הייסט דאָס, אז אלאך האָט באשטימט, אז ער זאָל אונטערוואקסן אף דער ערד, און צו דעם צוועק דאַרף דאָך דער ייִנגל געזונט ווערן. איז דאַרף מען אים, הייסט דאָס, געבן א קאמייע פון ליבע־קאָליר—א בלאָע.

ער האָט אויסגעקליבן אין זייַן קעסטעלע א בלאָען שטיינדל אף א זייַדענעם שנירל און אָפּגעגעבן יאקובן, און אליין האָט ער אוועקגעטריבן די שעפּסן צו זיך אהיים. און אָט אין דעם מאָמענט, ווען דער גליקלעכער יאקוב האָט זיך געקליבן אוועקצוגיין פון מארק, פעסט פארקוועטשנדיק אין האנט די קאמייע, האָט ער דער־הערט א בייזן קאָל:

— וואָס האלטסטו אין האנט, שלימאזל?!...

פאר אים איז געשטאנען דער דערוויש און האָט אזוי געפינקלט מיט די אויגן און אזוי הויך געשריען, אז ארום האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוקלייַבן אן עולם.

— דו ווייסט, וואָס פאר א קאמייע בא דיר איז?—האָט ער געשריען.

יאקוב האָט דאָס ניט געוווּסט און געקוקט אף אים מיט שרעק.

— איר גיט נאָר א קוק: א בלאָער קאָליר—פאר א ייִנגל! איר האָט געהערט ווען עס איז אזא נארישקייַט?—האָט ער געפרעגט בא די ארומיקע. איר קוקט זיך נאָר איַין, ווי דידאָזיקע כיטרע מולעס נארן אויס די אָרעמע פויערים. קישעפנדיק, האָט מיר א גוטער רועך מעגאלע געווען, אז בא דיר איז קראנק א קלייניקער זון. און וואָס האָסטו פאר אים געקריגן? נאָך דייַן מיינונג נאָך קאָן א בלאָער קאָליר ווירקן אף א קינד?! לאכט אים אויס, דעמדאָזיקן גרויזן שויטע. אויב דו קאָנסט ביז אינ־דערפרי אומאָרעמען דייַן פרוי, איז דארפסטו ניט קייַן בלאָען קאָליר—ניט דו, ניט דייַן זון. דער בלאָער קאָליר גיט צוריק דעם טייַנעג פון ליבע, אָבער אזא קאמייע מוז זייַן אומבאדינגט פון פערל־שטיין, דאָס אָבער—איז עס דען א קאמייע?!

דער דערוויש האָט ארויסגעכאפּט די קאמייע פון יאקובס הענט, און דאָס בלאָע שטיינדל האָט זיך צעטאנצט אינדערלופטן אפן שנירל. פלינק ארופוואַרפנדיק אים יאקובן אפן האלדז, האָט דער דערוויש אָן אָפּהאלט ווייַטער געשריִען:

— פארמאך די אויגן! אָט האָב איך דיר אָנגעטאָן די קאמייע. נו, וואָס? דו פילסט איר קויעך?

ער האָט דערבייַ אומגעוואָרפן דעם בלאָען שטיינדל אף יאקובס ברוסט.

— ניין? פילסט ניט? גייט פון איר א קויעך צו דיר אין ברוסט אריַין? ניין? און פון אן עמעסער קאמייע גייט אזא קויעך, פונקט ווי מ׳וואָלט דיך דריקן מיטן פויסט. אָט ווי! און דער בייזער רועך ווארפט זיך צוליב דעם ארויס פונעם מענטשן דורכן מויל און דורכן הינטן, מאכמעס דער קויעך קוועטשט אים, אזוי ווי א קעצעלע, און ער

אנטלויפט און ווארפט זיך ארויס מיט געוויין און מיט קרעכצן, אז עס הערט זיך אף טויזנט טריט. אויב ס'איז ריכטיק אָפּגעשפּראָכן, פליט דער בייזער רועך ארויס, ווי א ווינט, דורך אלע עפענונגען. אָט ווי! אָבער אף דעם דארף מען האָבן עמעסע היילִיקע וואסער, און ניט קיין ביסל ווייס איך וואָס... מאלע ווער עס קאָן אָנפּײַפן אין א טעצל וואסער. זאָל ער אָפּשפּרעכן, דערדאָזיקער מולא, אָבער וועט דען אזוינע וואסער העלפן פון א גרויסער קרענק?

דער אוילעם איז געווען אביסל אין פארלעגנהײַט פארן מולא, ער האָט אָבער שווײַגנדיק מאסקים געווען, און יאקוב האָט מיט מוירע און מיט אומעט געפילט, אז מיטן מולא איז ארויסגעקומען א טאָעס און אז צוויי שעפסן זײַנען אומזיסט פארלאָרן געגאנגען.

— און ווען איך זאָל אָפּשפּרעכן? — האָט דער דערוויש ווייטער גערעדט. — איך וועל דעם ייִנגל מיט דעם ניט היילן, מאכמעס דאָס איז ניט מײַן בראנזשע. און איך בין דאָך ניט אבי ווער! צוואנציק יאָר גיי איך אום אלס א מאָנאך, אין קערבעלא געווען, אין נעדזשעפע, איבערן גרויסן מידבער אין מעקא געגאנגען, איבערגעווען בא אלע היילִיקע פון פערסיע. דער גרויסער היילִיקער מאלעך האָט מיר זיבן טעג קיין עסן ניט געגעבן, און וואסער האָט ער מיר פאר דער צײַט געגעבן בלויז זיבן טראָפּנס און געזאָגט: „דו ביסט ראָע צו גאָטס כאסאָדים". און ער האָט מיר געזאָגט זיבן ווערטער: קעגן נעקאָמע פון סוינע, קעגן א טרייפע, קעגן היישעריק, קעגן אן אײַנהאָרע, קעגן שוואכקײַט אין ליבע, קעגן פארשיידענע קראנקײַטן, קעגן בייזע רוכעס. ווען דעם זון דײַנעם וועט זײַן אזוי פיל יאָרן, וויפל אוראָמען, וועל איך אים העלפן ווערן ייִנגער אף פופציק יאָר, אָבער היילן א ייִנגל נעם איך זיך ניט אונטער. דו ביסט אָבער א ווילער מענטש, און איך וויל דיר העלפן.

ער האָט אָפּגעפירט יאקובן אָן א זײַט און געזאָגט:

— איך וועל דיר פאנאנדערזאָגן, ווי צו באקומען די עמעסע היילִיקע וואסער, און אין זיבן טעג וועט דײַן זון געזונט זײַן. דו מוסט מיר אָבער פאר דעם געבן פיר שעפסן.

און ווען יאקוב האָט, פארשווײַגנדיק וועגן דעם פערד, דערקלערט, אז בא אים איז פארבליבן גאָר און גאָר איין שעפס, האָט דער דערוויש פארקרימט דעם מויל און גענומען שרײַען:

— איז ווילסטו, הייסט עס, פארפײַניקן דײַן זון? צי מיינסטו עפשער, אז איך וועל זיך מיט דיר אײַסעקן צוליב איין שעפס? און ווייסטו דען ניט, אז פארן מוילעד זײַנען די בייזע רוכעס מעכוייעוו ארויסצונעמען די נעשאָמעס פון די מענטשן, וועלכע זיי האָבן פארכאפט, און צושטעלן זיי צום סאַר פון דער פינצטערניש? ווען דער זון דײַנער וועט שרײַען אין זײַנע לאפעס: „טאטע, טאטע"! — וואָס וועסטו אים אף דעם זאָגן?

יאקוב האָט זיך גענומען שווערן באם נאָמען פון דעם נאָווי, אז ער האָט בלויז איין שעפס, און דער דערוויש האָט געזאָגט:

— וואָס טוט מען דאָ? נו, רעכט, מיילע, וועל איך הײַנטיקס מאָל טאָן דאָס פאר איין שעפס, דאָס, וואָס ס'קאָסט פיר. טרײַב אהער דײַן שעפס.

און ווען יאקוב האָט געבראכט צו טרײַבן דעם שעפּס, האָט דער דערוויש אים פאנאנדערגעזאָגט, ווי צו געפינען הינטער דער שטאָט אסטראבאד דעם גרויסן הייליקן כאדזשי הוסיין. הייליק איז ער ביזן לעצטן נאָגל אױף זײַן פוס, און ער מאכט אזא הייליקע וואסער, אז עס קומען נאָך דעם אפילע ניטגלויביקע, די פארשאָלטענע טורקמענער און די אוזבעקן פון דער סטעפּ.

— נו, פאָר און גאָט זאָל דיר העלפן!—האָט ער געזאָגט,—און זאָל אלאך ניט אָפּטאָן פון דיר זײַן כעסעד!

קורץ און גוט—יאקוב האָט געפונען די ווינונג פונעם הייליקן כאדזשי הוסיין. פארן טויער זײַנען אױף שטיינערנע בענק געזעסן און געווארט אסאך מענטשן. דאָס זײַנען געווען אויכעט האָרעפּאשנע מענטשן, אזוינע ווי יאקוב, און יעדער האָט געהאט הינטער זיך עפּעס א דײַגע, אָדער גאָר א צאָרע א גרויסע.

איינער פון זיי, א גראָבער, וואָס האָט שווער און גיך געאָטעמט, האָט לאנג דערציילט יאקובן וועגן דעם כאדזשי הוסיין. דער כאדזשי האָט ניט ליב ניט קיין מולעס, ניט קיין אישאנעס, ניט קיין פריצים, ער האָט ליב דאָס פּאָשעטע פּאָלק. א קײַעסן איז ער, ער שרייט אמאָל אָן, זידלט, אָבער ער איז א גוטער—שטענדיק האָרכט ער אויס, טרייסט, און ער העלפט. ער איז זייער א געלערנטער, און מע קען אים אי אין די הייליקע שטעט, אי אין מעשכעד. ער האָט א איזן, ד. ה. א דערלויבעניש צו לייענען און פּארטײַטשן די הייליקע טפאָרים. די הייליקע ווערטער גייען אים ארויס דורכן מויל, און אין דער שפּײַעכץ שטעלט זיך אָפּ הייליקײַט. און נאָך יעדן קאפּיטל שפּײַט דער כאדזשי אויס דידאָזיקע הייליקע שפּײַעכץ אין א קרוג מיט וואסער. אָט דידאָזיקע הייליקע וואסער גיט ער די גלויביקע, און דאָס ברענגט א רעפוע־שליימע און א גרויסע טרייסטונג.

דאָ האָבן נאָך אנדערע מענטשן גענומען דערציילן יאקובן וועגן יעשועס דורך דעם הייליקן וואסער; צוויי בלינדע זײַנען זעענדיק געוואָרן—איינער אפילע בלויז אפן רעכטן אויג,—א פארכאלעשטער האָט זיך געשטעלט אױף די פיס. און אסאך אנדערע, נאָך גרעסערע מאָפסים האָבן זיי אים דערציילט, און בא אלעם דעם איז דער כאדזשי הוסיין ניט געלטגיריק, אזוי ווי אנדערע, ער טרייסלט ניט ארויס פון א מענטשן די לעצטע קאָפּיקע; ער נעמט לעפּיערעך נאָך, ווי פאר וואָסער קרענק.

דאָ ערשט האָט זיך יאקוב אין שרעק דערמאָנט, אז ער איז געקומען מיט ליידיקע הענט. קיין סאך טראכטן איז דאָ ניט געווען וואָס. יאקוב איז אוועק צום פערד און א צײַט אים געגלעט און צוגעהאָרכט זיך, ווי ער פּירכעט און כרוסקעט די היי, און צוגעקוקט, ווי דער פערד שטופּט אים די גוטע, ווי סאמעט, ווייכע ליפּן אין האנט ארײַן, ווי איינער רעדט: איז וואָס, מיר פאָרן באלד? האָט ער זיך צעוויינט, יאקוב, אוועקגעריטן אין שטאָט און דאָרטן פארקויפט דעם פערד. האלב געלט האָט ער פארגראָבן אונטער א בוים אפן וועג און האלב האָט ער מיטגענומען.

ווען מ'האָט אים ארײַנגעלאָזן צום כאדזשי, איז דער הייליקער מאן געזעסן אױף א טעפּעך און געמאכט מיט די גראָבע רויטע לעפּצן, פּונקט ווי ער וואָלט קײַען.

ער האָט אופגעהויבן צו יאקובן די אָנגעדראָלענע מידע ברעמען און קאעסדיק א זאָג געטאָן:

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? רייד גיכער!

יאקוב איז צעשראָקן געוואָרן, און ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם מולא א׳ן וועגן דעם בלאָען שטיינדל, אזוי האָט דער כאדזשי הוסיין נאָך קאעס־דיקער אָנגעהויבן שרייַען, שפריצנדיק מיטן שפּייַעכץ און ארויסשטעלנדיק די צע־פוילטע רעשטלעך פון די ציינער:

— גיי צום מולא, גיי צום מולא! מאָדנע געלערנטע זייַט איר אלע!

דערנאָך איז ער וויכער געוואָרן און געזאָגט אביסל שטילער:

— געלערנטע זייַנען זיי, נאָר זיי ווייסן ניט קיין צענטכיילעך פון דעם, וואָס איך האָב געוווּסט מיט צוואנציק יאָר צוריק. זאָלן זיי אפּריִער לעקן מייַנע פּיאטעס! וואָס האָסטו געבראכט?

יאקוב האָט באוויזן זייַנע געלט און דערציילט זייַן איניען.

— דו געפעלסט מיר,—האָט געזאָגט דער כאדזשי.—לייג אוועק דייַנע געלט אָט־אָ־דאָ. מיר טראָגט מען פּידיוינעס אין אמאָל פינף גרעסערע, ניט נאָר אזוינע,—פונדעסטוועגן בין איך פאר זיי ניט אזוי מיספּאלעל, ווי איך וועל באלד מיספּאלעל זייַן פאר דיר.

ער האָט גענומען א גרויסן סייפער און אָנגעהויבן הויך לייענען. יאקוב האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען, מאכמעס דאָרטן איז געווען געשריבן אף אראביש. דער גוטער כאדזשי האָט דאָך דאָס אָבער אפילע געטאָן צוליב א יעשוע פארן קליינעם אלי, און בא יאקובן פון די אויגן האָבן זיך גענומען קייַקלען הייסע טרערן פון רירונג, און דעם כאדזשיס קאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי א הימלישער געזאנג. דער כאדזשי האָט געזונגען, געשריִען, געכריפּעט, ביזוואנען ער איז געבליבן אָן קויכעס. אז ער האָט פארענדיקט מיט א הילכיקן טאָן, האָט ער זיך אייַנגעבויגן צום קרוג, אויסגעשפּיגן, און דאָרטן האָט עס הילכיק א פּליוכע געטאָן.

— פרישינקע!—האָט ער געזאָגט, צונויפשארנדיק מיטן צונג די רעשטלעך פונעם שפּייַעכץ פון צווישן די אויסגעפרעסענע ציינער.—דאָס וועט שוין ווירקן אף זיכער.

ער האָט ארויסגעשפּיגן דעם רעשט, אויסגעמישט מיט א בראָכע דעם קרוג און אָפּגעגאָסן פאר יאקובן אין א קריגל.

טאָג און נאכט איז יאקוב געגאנגען אהיים, און ווען די אויגן פלעגן זיך פון זיך אליין פארמאכן, פלעגט ער שלאָפן גייענדיק. און ווען פאטימע איז ארויס צוליבן פרייילעכן געביל פון די הינט, האָט זי יאקובן ניט דערקענט. ער האָט זיך געוואקלט, און ס׳איז געווען א שרעק צו קוקן, ווי די טרוקענע הויט האָט ארומגענומען די באקנביינער און ווי די אויגן האָבן פיבערדיק געברענט אין די טיפע אויגנלעכער.

— ער לעבט?—האָט ער געפרעגט שטילערהייט.

פאטימע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און פּלוצלונג האָבן אירע אויגן זיך צעעמען און א שוידער האָט פון זיי ארויסגעקוקט.

— ווו איז דער פערד?...

יאקוב האָט אפּערגענומען דאָס קריגל.

— נעם און גיב אים צו טרינקען,—האָט ער געזאָגט, דאָס איז די סאמע הייליקסטע וואסער אף דער וועלט, און אלי וועט אינגיכן געזונט ווערן.

דער קלײנער אלי האָט זיך געבריקעט, געשריִען און האָט ניט געוואָלט טרינקען די הייליקע וואסער, וועלכע איז אים גערונען איבער די באקן און איבערן האלדז; אָבער פּאָרט איז אים אויסגעקומען א פּאָר מאָל א שלונג צו טאָן. יאקוב האָט מיט סימכע צוגעטײַנעט:

— אָט איצט וועסטו לעבן! איצט וועסטו ווערן געזונט!

און טאקע, אלי האָט זיך גענומען פאריכטן. עמעס, נאָך די הייליקע וואסער האָט עס אים געטריבן דרײַ טעג נאָכאנאנד, אָבער דערנאָך איז שוין אוועק צו בעסערונג.

אלע האָבן זיך געפרייט, בלויז פאטימע האָט א לאנגע צײַט געקלאָגט, וואָס ס'איז אויסגעקומען צו פארקויפן דעם פערד, און האָט טרויעריק געטײַנעט, אז קויפן אַן אנדערן וועט זיך זיי שוין ניט אײַנגעבן. אזוי איז געווען. זיי האָבן געשפּאָרט פון די לעצטע ברעקלעך, געבאָרגט אף אָפּצואַרבעטן בא זייערן א רײַכן שאָכן מאכמעדן, פארדרייט זיך אין כויועס, ווי אין שפּינוועבס, און זײַנען פּאָרט געבליבן אָן א פערד ביזן סאמע טויט.

דערפאר איז אָבער אלי אויסגעוואקסן א געזונטער פּויער, און אלע דרײַ פלעגן אָפּטער דערמאָנען דעם גוטן כאדזשי, וואָס האָט באוויזן אזא מויפעס, א וואונדערבארן אין יעדער הינזיכט.

דאָס איז אלץ, וואָס איך קאָן אײַך דערציילן וועגן דעם כאדזשי הוסיינס מויפעס.

יאָ... גאָר פארגעסן. דער הייליקער כאדזשי הוסיין האָט דעמלט באוויזן אין דער אייגענער צײַט נאָך א מויפעס: דער גראָבער זאָקן, וואָס האָט דערציילט יאקובן אף דער שטיינערנער באנק וועגן דעם כאדזשי הוסיינס ניסים, האָט א זופּ געטאָן פון דעם אלטן צאדיקס הייליקע וואסער און איז באלד גענעזן געוואָרן פון זײַן פארעלטערטער קרענק אין ברוסט, אָבער ער האָט דאָ טײקעף אפן אָרט באקומען א שוואכן מאָגן און איז אפן דריטן מעסלעס אוועקגעשטאָרבן.

* * *

שוואכקײַט ראטעוועט זיך שטענדיק מיט גלויבן אין ניסים (מ א ר ק ס).

א. ב. גאָטלאָבער.
(1811—1899).

די גרויסע קינץ, אָדער דאָס ביסעלע מינץ.

(פראגמענט).

1

עס גייען מענטשן אלערליי,
לויפן ארום אין דער וועלט,
שרייַען אלע איין געשריי:
געלט און ווידער געלט
שטודירן אלע די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

2

דער רעבע פאסט און דאוונט לאנג,
רייַסט זיך אף די גלאטע ווענט,
ער שרייַט אף א קאָל מיט געזאנג
און פלעסקעט מיט די הענט.
ער מיינט, אז דאָס איז די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

3

דער ראָוו שאָקלט זיך איבער דעם „יורע־דייע"
און קייַט די באָרד מיט די ציין;
ער נאָקעט און נאָקעט און דרייט די פייע
מיט האווייַעס און מיט לאָמדישן כיין.
ער טראכט זיך: דאָס איז די גרויסע קינץ,
ווי מע באקומט דאָס ביסעלע מינץ.

4

דער מאגיד זאָגט דעם אוילעם א דראָש
און שווערט זיך בא זייַן לעבן,
אז די גרויסע טשוווע איז פאר דעם ראָשע,
אז יענער זאָל נאָר צדאָקע געבן.

ער דארשנט פאר זיך, ער מיינט די קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

5

דער כאזן רייַסט זיך אָן דאָס געזינט,
ער קוועטשט מיט דעם פינגער דעם גאָרגל,
ער מאכט זיך נאריש. ווי א פיצל קינד,
ער מיינט, ער זינגט שיין ווי אַן אָרגל.
ער מוטשעט זיך נעבעך איבער דער קינץ,
ווי צו באקומען דאָס ביסעלע מינץ.

* * *

דער פרומאק קלאפט אין וואנט און מיינט אין האנט (פ אָ ל ק ו אָ ר ט).

ש. ד ע־ק אָ ס ט ע ר.
בעלגישער שרייַבער (1779—1827).

דער נעס פון הייליקן רעמאקל.

ארומוואנדערנדיק איבער דעם לאנד דעם וואלאָנער, האָט אוליענשפיגל דערקליבן זיך ביזן אומקרייַז פון שטאָט בוליאָן. דאָ אפן וועג האָבן זיך אים גענומען טרעפן אלע הויקערדיקע, פון פארשיידענע עלטערס, געשלעכטן און ראנגען. אלע זייַנען געוועזן מיט גרויסע קענטיקע הויקערס. זיי האָבן געהאט מיט זיך טפילע־שניורלעך און איבערגעקליבן זיי מיט די פינגער.

און זייערע טפילע־ווערטער האָבן געקלונגען, ווי דאָס קוואקען פון פרעש אין בלאָטע אין אווארעמען אָוונט.

געוועזן זייַנען דאָ הויקערדיקע מאמעס מיט צעקאליעטשעטע קינדער אף די הענט, אין דער צייַט האָבן נאָך אזוינע מיט דעמזעלבן אויסזען געטשעפעט זיך פאר זייערע קליידלעך. הויקערדיקע זייַנען געוועזן אף די בערגלעך, און — הויקערדיקע אף די פעלדער. און אומעטום האָט אוליענשפיגל געזען זייערע שארפע הויקער־שפיצן...

צוקומענדיק צו איינעם פון זיי, האָט ער געפרעגט:

— ווהין גייען דאָס אָט די אלע אומגליקלעכע מענטשן: מענער, פרויען און קינדער?

יענער האָט געענטפערט:

— מיר גייען צום קייווער פון דעם הייליקן רעמאקל, קעדיי אויסצובעטן בא אים דאָס, וועגן וואָס עס טרוימט אונדזער הארץ, דאָס הייסט, אז ער זאָל צונעמען פון אונדזערע רוקנס די דערנידערנדיקע מאסע.

— אָבער צי וואָלט ניט קענען דער הייליקער רעמאקל,—האָט געפרעגט אוליענשפיגל,—בארעמהערציק שענקען אויך מיר דאָס, וואָס עס דורשט מײַן הארץ, דאָס הייסט, אָפּראמען פון די רוקנס פון די אָרעמע געמיינדעס דעם בלוטיקן הערצאָג, וואָס הענגט איבער זיי, גלײַך ווי א בלײַענער הויקער?

— דעם הייליקן רעמאקל איז ניט געגעבן אראָפּצונעמען הויקערס, וואָס זײַנען אראָפּגעשיקט געוואָרן אלס באשטראָפונג,—איז געווען דער ענטפער פונעם מיספאלעל.

— און אנדערע האָט ער אראָפּגענומען?—האָט געפרעגט אוליענשפיגל.

— יע, אויב זיי זײַנען נאָר נישט קיין פארעלטערטע, דעמלט קומט פאָר א וואונדערלעכע אויסהיילונג, און מיר פראווען דעמלט פריילעכע יאָנטויווים אין דער גאנצער שטאָט, און יעדער מיספאלעל שענקט זילבערנע מאטבייעס—אן אנדערש מאָל א גאנצן גאָלדענעם פלארין דעם גענעזענעם, וואָס איז שוין געוואָרן אליין א הייליקער דורכן וואונדערלעכן גענעזן ווערן, און וועמעס טפילע פארן אנדערן איז צוליב דעם זייער ווירקנדיק.

— פארוואָס זשע,—האָט געפרעגט אוליענשפיגל,— נעמט דער רײַכער הער רעמאקל אזא מין געצאָלט פאר זײַנע רעפועס, גלײַך א וועלכער ס'ניט איז אָרעמער אפטייקער.

— גאָטלעסטערנדיקער וואנדערער, ער וועט דיך שטראָפן פאר אזא מין לעסטערונג!—האָט געענטפערט דער מיספאלעל, ווילד צעטרייסלענדיק זיין הויקער.

— אוי,—האָט געקרעכצעט אוליענשפיגל און, צונויפדרייענדיק זיך ווי א בייגל, איז ער געפאלן אונטער א בוים.

— דער הייליקער רעמאקל שטראָפט שטארק, בעשאס ער שטראָפט,—האָט געזאָגט דער מיספאלעל, קוקנדיק אף אים.

אוליענשפיגל האָט זיך צונויפגעדרייט, געקראצט דעם רוקן און געקרעכצעט:

— אָ, ווילגערימטער הייליקער, דערבארעם זיך אף מיר! דאָס איז די באשטראָפונג: איך פיל א גוואלדיקן ווייטיק צווישן די אקסלען. אוי, אוי, זײַ מויכל, הייליקער רעמאקל! גיי אוועק, מיספאלעל, גיי אוועק! פארלאָז מיך דאָ א ווײַלע איינזאם אויסצוויינען מײַן פארברעכן און כאראָטע צו האָבן, ווי א פאָטער־מערדער.

און דער מיספאלעל איז געלאָפן פונדאָרטן גלײַך ביז דעם גרויסן פלאץ פון שטאָט בוליאָן, ווו ס'איז געווען דאָס געזעמל פון אלע הויקערדיקע.

דאָ, ציטערנדיק פאר פורכט, האָט ער מיט א צעריסענער שטימע דערציילט:

— איך האָב באגעגנט א מיספאלעל... א שלאנקער איז ער געווען, ווי א לינדן־בוים... געלעסטערט דעם הייליקן... גלײַך א געשווילעכץ אפן רוקן... א הויקער מיט אן אָנצינדונג!...

בא דער יעדיע האָבן די מיספאלעלים אופגעהויבן היסלאוועסדיקע אויסגעשרייען:

— הייליקער רעמאקל, אויב איר קענט געבן הויקערס, קענט איר, הייסט עס, אויך אראָפּנעמען זיי, נעמט זשע אראָפּ אונדזערע הויקערס, הייליקער רעמאקל!

אין דער צײַט איז אוליענשפיגל אוועקגעגאנגען פון אונטער זײַן בוים. דורכגייענדיק איבער א פוסטער פאָרשטאָט, האָט ער דערזען, אז באם ארײַנגאנג פון א שענקל

פלאַטערן אויף אַ שטענגל צוויי כאַזיירים־פענכערס, וואָס זײַנען געווען אויפגעהאַנגען אַלס סימען פונעם „וואָרשט־יאַנטעוו", — ווי מע רופט עס אין בראַבאַנט.

נעמענדיק איינעם פון אָט די פענכערס, האָט ער אונטערגעקליבן אַ רוקנביין פון אַ קאַמבאַלאַ, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, אָנגעשניטן זיך די הויט און האָט אַרײַנגעלאָזן בלוט אין פענכער, אָנגעבלאָזן אים, פאַרבונדן, צוגעבונדן אים זיך צום רוקן און צוגעפעסטיקט צו אים דעם רוקנביין פון דער קאַמבאַלאַ. מיט אָט דער באַצירונג, מיט אַן אויסגעהויקערטן רוקן, מיט אַ טרייסלענדיקן קאָפּ און ציטערנדיקע פיס, פּונקט אַ האָר זאָל ניט פעלן, ווי אַן אַלטער הויקער, האָט ער זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ.

דער מיספּאַלעל, וואָס איז געווען אַן איידעס בײַ זײַן פאַלן, האָט אים דערזען און גענומען שרײַען:

— אָט איז ער, דער גאָטלעסטערער! — און אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער. און אַלע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אַ קוק צו טאָן אויפן אומגליקלעכן.

אוליענשפּיגל האָט נעבעכדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ און גערעדט:

— אָך! איך בין נישט ווערט ניט קיין דערבאַרעמונג און ניט קיין מיטגעפיל. דער־האַרגעט מיך ווי אַ משוגענעם הונט... און די הויקערס האָבן פרייַלעך געריבן די הענט, ריידנדיק:

— נאָך אַ שאָף אין אונדזער טשערעדע!

— כ'וועל באַצאָלן אײַך דערפאַר, בייזוויליקע, — האָט געפּרעפּלט אוליענשפּיגל, נאָר אויסערלעך אַלץ האַכנאָעדיק געליטן און גערעדט: — איך וועל נישט עסן, ניט טרינקען, כאָטש פון דעם זאָל מײַן הויקער נאָך האַרטער ווערן, — ביז וואַנען דער הייליקער רעמאַקל וועט ניט אויסהיילן מיך, פּונקט אַזוי, ווי ער האָט מיך באַשטראָפט.

און אַ קלאַנג וועגן דעם וווּנדער איז דערגאַנגען ביז דעם קאַנאָניק. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ גרויסער, אַ פעסטער און יוסטער. מיט אַ פאַריסענעם נאָז האָט ער, פּונקט ווי אַ שיף, צעשניטן די כוואַליע הויקערדיקע.

מע האָט אים אָנגעוויזן אויף אוליענשפּיגלען און ער האָט זיך געווענדט צו אים:

— אַזוי הייסט עס, דאָס האָט דיך, מײַן ליבינקער, דערשלאָגן דער פּלאָג פונעם הייליקן רעמאַקל?

— אַזוי פּינקטלעך, אײַער ווירדיקײַט, — האָט געענטפערט אוליענשפּיגל, — טאַקע מיך, און איך וויל, אַז ער זאָל מיך באַפרײַען, אויב אים איז נאָר געפעליק, פון מײַן פרישן הויקער.

דערהערנדיק אין די ווערטער עפּעס אַ כיטרן מיין, האָט דער קאַנאָניק געזאָגט:

— לאָז אָקאָרשט אַ טאַפּ טאָן דײַן הויקער.

— טאַפּט אַרום, אײַער ווירדיקײַט, — האָט געענטפערט אוליענשפּיגל.

טוענדיק עס, האָט דער קאַנאָניק געזאָגט:

— ער איז נאָך אײַנגאַנצן פריש און איז נאָך פײַכט. כ'פאַרהאָף אָבער, אַז דער הייליקער רעמאַקל וועט זײַן באַרעמהערציק צו דיר. גיי נאָך מיר.

אוליענשפּיגל איז געגאַנגען נאָכן קאַנאָניק און איז אַרײַן מיט אים אין קלויס־טער. אין פוס נאָך אים זײַנען געלאָפן די הויקערדיקע, שרײַענדיק:

— אָט איז ער, דער פארפלוכטער, אָט איז ער דער גאָטלעסטערער: וויפל וועגט דיין פרישער הויקער? וועסט מאכן פון אים א ביטל צו קלייבן אין אים געלט? דאָס גאנצע לעבן האָסטו זיך איזדיעקעוועט איבער אונדז דערפאר, וואָס דו ביסט געווען א גלייכער! איצטער איז אונדזער ריי! א לויב דעם הייליקן רעמאקל!

אוליענשפיגל, ניט ארויסברענגענדיק קיין איין וואָרט, איז געגאנגען, אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, נאָכן קאנאָניק. זיי זיינען ארײַן אין א קליינינקער קאפּליצע, ווו עס איז געשטאנען א מירמלנע טרומנע באדעקט מיט א גרויסער מירמלנער פּליטע. דער מעהאלעך צווישן דער טרומנע און וואנט פון קאפּליצע איז געווען ניט מער ווי צוויי דלאָניעס. דער האמוין הויקערדיקע מיספּאלעלים איז דורכגעגאנגען אין א שורע צווישן טרומנע און וואנט, צודריקנדיק די הויקערס צו דער מירמלנער פּליטע. זיי האָבן געגלויבט, אז מיט דעם מיטל קען מען זיך באפרייען פון די הויקערס, און די, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן א ריב צו טאָן דעם הויקער אָן דעם מירמל, האָבן ניט געלאָזן די שפּעטערדיקע. און זיי האָבן זיך געריסן, אָבער אָן ראעש, וואָרעם, אדאנק דער הייליקייט פונעם אָרט, האָבן זיי זיך נאָר דערלויבט צו טוישן זיך שטילערהייט מיט קלעפּ אין די זייטן.

דער קאנאָניק האָט באפוילן אוליענשפּיגלען ארופקריכן און שטעלן זיך אף דער מירמלנער פּליטע, קעדיי אלע מיספּאלעלים זאָלן אים זען. און אוליענשפּיגל האָט געענטפערט:

— כ'וועל אליין נישט קענען.

דער קאנאָניק האָט אים ארופגעזעצט, האָט זיך געשטעלט אין דער ריי מיט אים און באפוילן אים שטעלן זיך אף די קני. אזוי האָט ער געטאָן, אוליענשפּיגל, און איז געבליבן אזוי, אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

דער קאנאָניק האָט זיך באגייסטערט, און מיט א קלינגענדיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן די טפילע:

— קינדער און ברידער אין קריסטוס גלויבן! בא די פיס בא מיינע זעט איר דעם סאמע אומגלויביקן, דעם עקלדיקסטן גאָטלעסטערער, וועמען ס'האָט באשטראָפט דער הייליקער רעמאקל מיט זיין צאָרן.

און אוליענשפּיגל, געבנדיק זיך א קלאפּ אין ברוסט, האָט געזאָגט:

— איך בין זיך מיסוואדע! איך האָב כאראָטע!

— ניטאָ קיין צייט, — האָט פאָרגעזעצט דער קאנאָניק, — ער איז געווען גלייך, ווי דאָס שטענגל פון אלעבארדע, און האָט זיך דערמיט בארימט. אָט איז ער איצטער צעהויקערט און איינגעבויגן אונטער די קלעפּ פונעם הימלשן פלוך.

— איך בין זיך מיסוואדע, איך האָב כאראָטע! — האָט געזאָגט אוליענשפּיגל. — זיי מיך מאצל פונעם הויקער.

— יע, — האָט פאָרגעזעצט דער קאנאָניק, — יע, גרויסער באלמויפעס, הייליקער רעמאקל, דו, וואָס האָסט מיט דיין ווילן אומגעבראכט 39 מאָפּסים, נעם אראָפּ

פון די פלייצעס דעם יאָך, וואָס הענגט איבער זיי. אָ, פאר אזא געזעגונג וואָלט מיר געקענט דערהויבן דיר א לויב־געזאנג אף לאנג און אף אייביק! און שאָלעם אף דער ערד יענע הויקערדיקע, וואָס זײַנען האכנאָעדיק!

און אין א כאָר האָבן דערהויבן די שטימעס די הויקערדיקע:

— יע, שאָלעם אף דער ערד יענע הויקערדיקע, וואָס זײַנען האכנאָעדיק; פרידן די הויקערדיקע; א סאָף צו דער צעקאליעטשעטקײַט, פרײַהײַט פון באלײדיקונגען! נעם פון אונדז אראָפ די הויקערס, הייליקער רעמאקל!

דער קאנאָניק האָט באפוילן אוליענשפיגלען אראָפלאָזן זיך פון טרומנע און א רײַב טאָן דעם הויקער אָן ברעג פון דער מירמלנער פליטע.

און אוליענשפיגל האָט אויסגעפילט זײַן באפעל, אומדערמידלעך איבערכאזערנדיק:

— באפרײַ מיך פונעם הויקער!—און פאר אלעמען אין די אויגן האָט ער געריבן דעם הויקער אָן פליטע.

— קוקט נאָר אפן הויקער, ער האָט געפלאצט. קוקט נאָר, ער לאָזט אָפ אינדער־עמעסן, ער שמעלצט זיך!... ניין, ער וועט צוריק ארײַנקריכן אין ברוסט. הויקערס שמעלצן זיך ניט, זיי גייען צוריק ארײַן אין אינגעווייט, פונוואנען זיי זײַנען ארויס־געקראָכן: ניין, זיי ציִען זיך ארײַן אין מאָגן און אין פארלויף פון 30 טעג דינען זיי פאר שפײַז דאָרט... דאָס איז א מאטאָנע, מיט וואָס דער הייליקער באשענקט דעם געזעגעם. און ווו זשע טוען זיך אהין די אלטע הויקערס?

מיטאמאָל האָבן אלע הויקערדיקע, אלע אין איין קאָל שרעקלעך צעשריִען זיך. וואָרעם אוליענשפיגל האָט מיט אלע קויכעס אײַנגעשפארט זיך אין ברעג פון פליטע און דער פענכער האָט געפלאצט. דאָס בלוט, וואָס איז אים געווען, האָט גערונען מיט גרויסע טראָפנס דורכן העמד אפן פאָל. און אויסגלײכנדיק יך און אויסציִענדיק די הענט, האָט ער געשריִען:

— כ׳בין געזונט!—און אלע הויקערדיקע האָבן אינײנעם געשריען:

— דער הייליקער רעמאקל האָט אים געבענטשט, צו אים איז ער גנעדיק, צו אונדז—שטרענג... אָ, הייליקער, באפריי אונדז פון די הויקערס!... איך שענק דיר א קעלבל!... און איך—זיבן שאָפבאָקן! און איך—מײַן יעגערישע רויב פאר א גאנצן יאָר!... איך—זעקס כאזיירים־פאָלקעס... איך גיב אָפ דעם קלויסטער מײַן הײַזל, באפרײַ אונדז פון די הויקערס, הייליקער רעמאקל.

און זיי האָבן געקוקט אף אוליענשפיגלען מיט קינע און אכטונג.

איינער פון זיי האָט געוואָלט א טאפ טאָן, וואָס איז דאָרטן בא אים אונטערן רעקל, נאָר דער קאנאָניק האָט געזאָגט:

— דאָרטן איז א וואונד, וואָס מע טאָר אפן ליכט ניט ארויסברענגען.

— כ׳וועל פאר אײַך טפילע טאָן,—האָט געזאָגט אוליענשפיגל.

— זײַ מיספאלעל,—האָבן גענומען ריידן אלע הויקערדיקע מיטאמאָל,—דער, וואָס איז פון גאָט אויסגעגלײַכט געוואָרן! מיר האָבן געשפאָט איבער דיר: זײַ אונדז מויכל, מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס מיר טוען. קריסטוס האָט אפן קרייץ אלעמען מויכל געווען,—זײַ זשע דו אונדז מויכל.

— כ׳בין מוחל,—האָט ליביק געזאָגט אוליענשפיגל.

— נו, נעם, אָט האָסטו א פאטאר, אָט—א פלאָרין.,. נעמט עס צו, אײַער דירעק־טע בארעמהערציקײַט, אָט איז א רעאל, אָט א דוקאט, אײַער שלאנקײַט, זאָגט זיך ניט אָפּ צו נעמען, רירט זיך צו מיט דער האנט...

— נעמט צו אײַערע דוקאטן,—האָט שטיל געזאָגט אוליענשפיגל,—קעדיי די לינקע האנט זאָל ניט וויסן, וואָס עס טוט די רעכטע.

ער האָט גערעדט אזוי פון הינטערן קאנאָניק, וואָס האָט מיט זשעדנע אויגן געקוקט אַף די געלט פון די הויקערדיקע, ניט פאנאנדערקלײַבנדיק זיך, וואָס איז דאָרט, גאָלד אָדער זילבער.

— גאָטס בראָכע איז איבער דיר, אָ, געבענטשטער,—האָבן גערעדט די הויקער־דיקע צו אוליענשפיגלען.

און ער האָט צוגענומען פון זיי די מאטאָנעס, גלייך, ווי א באלמויפעס. און די קארגע האָבן אלץ געריבן זייערע הויקערס אָן פליטע פון טרומנע, ניט ריידנדיק קיין וואָרט.

באדערנאכט איז אוליענשפיגל אוועק אין טראקטיר און האָט דאָרטן געמאכט א רעכט שנעפסל.

דאָך, ביז שלאָפן ליינן זיך, האָט ער זיך דערמאָנט, אז דער קאנאָניק וועט בא־שטימט קומען אָפּנעמען זײַן כיילעק רויב, אויב נישט אינגאנצן צונעמען זי.

ער האָט איבערגעציילט דאָס באקומענע און האָט געפונען דאָ מער גאָלד, איידער זילבער, וואָרעם דאָ איז געווען ניט ווייניקער פאר דרײַ הונדערט טשערוואָנצעס. באמערקנדיק אין א בלומענטאָפּ א פארטריקנטן לאָרבערקוסט, האָט ער ארויסגעצויגן דאָס געוויקס מיט די וואָרצלען און ערד און אפן דעק אוועקגעלייגט זײַן גאנצע גאָלד. האלב־פלארינען, אָבער פאטארעס און גראָשנס האָט ער אויסגעשאָטן לעבן זיך איבערן טיש.

דער קאנאָניק איז געקומען אין קרעטשמע און אופגעהויבן זיך אינדערהויך צו אוליענשפיגלען. דערזעענדיק דעם גאלעך, האָט יענער זיך צעשריִען:

— הער קאנאָניק, צוליב וואָס, אייגנטלעך, זײַט איר געקומען צו מײַן אומווער־דיקער פערזאָן?

— אויסשליסלעך צוליב דײַן גוטס, זון מײַנער,—האָט געענטפערט דער קאנאָניק.

— אָך,—האָט אָפּגעזיפצעט אוליענשפיגל,—איר מיינט דאָס גוטס, וואָס ליגט דאָ אפן טיש?

— געוויס,—האָט געענטפערט דער קאנאָניק.

און, אויסציִענדיק די האנט, האָט ער פארזשעברעט דאָס גאנצע געלט פון טיש אין א זעקל ארײַן, וואָס ער האָט מיט זיך צוליב דעם געבראכט.

איין פלאָרין דאָך, פאָרט האָט ער געגעבן אוליענשפיגלען, וואָס האָט, לעפּאָנעם וועגן, הארציק געקרעכצט.

און דער קאנאָניק האָט געפרעגט אים, ווי אזוי־זשע האָט ער דאָס געמאכט אזא מין מויפעס?

אוליענשפיגל האָט באוויזן אים דעם כאזער־פענכער און דעם רוקנביין פון דער קאמבאלא. דאָס אלץ האָט צוגעכאפּט דער קאנאָניק, ניט געקוקט אף אוליענשפיגלס געשרייען און געבעטן, ער זאָל אים געבן נאָך וויפל ס׳ניט איז, אזוי ווי דער וועג פון בוליאָן ביז דאמע איז זייער א וויַטער פאר אים, דעם אומגליקלעכן פּוסגייער, און ער וועט מיסטאָמע שטארבן אפן וועג פון הונגער.

דער קאנאָניק איז אוועק, ניט זאָגנדיק קיַין וואָרט.

וואָס איז שיַיעך דעם רוקנביין פון קאמבאלא, האָט מען אים פארשפּארט אין א קרישטאָלענעם קעסטעלע, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט אינמיטן פון דעם טאָלע אין אלטאר פון בוליאָנער קאטעדראל.

און יעדערער אין שטאָט ווייס, אז אין אָט דעם טאָלע איז פארבאהאלטן א הויקער פון אן אויסגעגליַיכטן גאָטלעסטערער.

סינקלער לויס.

הייליקע ביזנעס-מאכער.

די טרופּע פון דער יעוואנגעלישער עמעס־פריידיקערן, שעראָן פאלקאָנער, האָט איינמאָל ניט געזען אין אירע ניַיבאקערטע קיין מענטשלעכע באשעפענישן—אָפּי־ציאנטן, מאניקיורשעס אָדער קאָנדוקטאָרן; זי האָט געהאט צו זיי א ריין פּראָפע־סיאָנעלן אינטערעס, אזוי ווי דאָקטוירים צו פּאציענטן, קריטיקער צו אווטאָרן פישער צו פיש.

אין טער אָט האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט אן אלטער מאן, וועלכער פלעגט יעדן אָוונט אף די פארזאמלונגען טיַינען, אז אף אים האָט אראָפּגענידערט גאָטס גענאָד. ער האָט געמאָגט זיַין מעשוגע, געמאָגט זיַין פּאָשעט שיקער, אָבער יעדן אָוונט פלעגט ער קומען מיט אן אידיאָטישן און דערשלאָגענעם אויסזען; יעדן אָוונט, בייס דער דראָשע, פלעגט ער זיך דערוואכן צו העכערע גײַסטיקע באדערפענישן, און ווען מען פלעגט פון האמוין ארויסרופן די יעניקע, וואָס האָבן אפּסניַי דערוואָרבן דעם עמעסן גלויבן, פלעגט ער הילכיק שריַיען: „האלעלויאָ, איך האָב אים דער־וואָרבן" און האלאָפּירנדיק זיך פאָרויס געטראָגן, פּאנאנדערשטופּנדיק מיט די עלנ־בויגנס יענע מענטשן, וואָס זיַינען ווערט דערהויבן צו ווערן און וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א גרעסערן אינטערעס פאר דער טרופּע. די גאנצע טרופּע פלעגט זיך מיט שרעק ריכטן אף אים, ווי א וואנדערער אפן נאכטלעגער ריכט זיך אף מאָסקיטן.

אין סקרענטאָן האָבן זיי געהאט אומגעוויינלעכע פּאציענטן, וואָס האָבן געקאָנט אריַינברענגען אין ייעש. דאָס איז געווען דערפאר, וואָס פאר זייער קומען אהין האָט שוין א גאנצע ריי יעוואנגעליסטן געלייַטזעליקט סקרענטאָן, און דידאָזיקע שטאָט איז דערום געוואָרן קימאט אומבאווירקבאר. צען אָוונטן זיַינען זיי געקראָכן פון הויט, באארבעטנדיק זייער אודיטאָריע, אָבער קיַין איין באלעוויירע האָט ניט

געוואָלט טשוווע טאָן, און עלמערן איז אויסגעקומען צו גיין דינגען פֿיל־ווינציק גלויבווערדיקע נײַבאַקערטע.

געפֿונען האָט ער זיי אין דער מיסיע אפֿן ברעג פֿון טײַך און זיי דערקלערט, אַז מיט דעם, וואָס זיי וועלן ווײַזן אַ גוטן בײַשפּיל די פּוילער, וועלן זיי טאָן אַ גאָטגעפֿעליקע זאַך, און אויב זייער בײַשפּיל וועט זײַן גענוג איבערצײַגנדיק, וועט ער זיי נאָך געבן צו פֿינף דאָלער אַף אַ מענטשן.

ווי לאַנג ער האָט מיט זיי געשמועסט, איז צוגעקומען דער פּריידיקער פֿון דער מיסיע אַליין און האָט פֿאָרגעלייגט עפּנטלעך טשוווע צו טאָן פֿאַר צען דאָלער; ער איז אָבער געווען צו גוט באַוווּסט אין שטאָט, און עלמערן איז אויסגעקומען צו געבן אים צען דאָלער פֿאַרן שווײַגן.

די אַרויסטרעטונג פֿון זײַן אָטריאַד טשוווע־טוער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, אָבער פֿון דער צײַט אָן האָט קיין איינער פֿון שעראָנס טרופּע זיך ניט געפֿילט זיכער. די פּראָפֿעסיאָנעלע טשוווע־טוער האָבן באַלאַגערט דעם געצעלט טאָג און נאַכט. זיי האָבן געוואָלט אַלץ ווידער און ווידער דערהויבן ווערן. ווען מ׳האָט זיי דאָס אָפּגעזאָגט, האָבן זיי פֿאָרגעלייגט צו ברענגען נײַע טשוווע־טוער, צו פֿינף דאָלער אַ שטיק, צו דרײַ דאָלער, לעסאָף, גאָר פֿאַר פּופֿציק סענט מיט אַ זאַטן מיטיק. דערווײַל האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל עמעסע און פֿרײַוויליקע ענטוזיאַסטן; אָבער, ניט געקוקט אַף זייער גאַנצן ברען, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פֿון דערהויבן ווערן אין איין קאָמפּאַניע מיט שלעכט שמעקנדיקע בראָדיאַגעס. און ווען עלמער און אַרט ניקאָלס האָבן מיט די אייגענע הענט אַרויסגעוואָרפֿן בײַ אַ האַלב טוץ פֿון דידאָזיקע בראָדיאַגעס, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען אײַנאָווּנט אַף די פֿאַרזאַמלונגען מיט פֿײַפֿלעך, אַזוי אַז אַף ווײַטער האָט מען זיי געמוזט צאָלן צו דאָלער אַ טאָג, אַז זיי זאָלן אינגאַנצן ניט קומען.

ניין, עלמער האָט ניט געקאָנט קוקן אַף די טשוווע־טוער, ווי אַף מענטשן. אָפּטמאָל, געפֿינענדיק זיך צווישן אוילעם און שפּילנדיק די ראָל פֿון אַ טומלדיקן העלד, ווי דזשעדסאָן ראָבערטס האָט דאָס אַמאָל פֿאַר אים פֿאָרגעשפּילט, האָט ער אַ קוק געטאָן אַף דער בימע, וווּ ס׳זײַנען געשטאַנען אין אַ ריי אַף די קני די באַקערטע, האַלטנדיק די הענט אַף די געזעסן פֿון די שטולן און אויסגעקערט צום אוילעם מיט די ברייטע הינטנס, האָט זיך אים געוואָלט צעזעצט ווערן פֿאַר געלעכטער און באַוואָפֿענען זיך מיט אַ ווירע אין האַנט. אָבער אין פֿינף מינוט אַרום איז ער שוין אַליין געווען אַף דער בימע און, שטייענדיק אַף די קני לעבן אַגענט פֿון ניי־מאַשינעס, וועלכער לײַדט אַף אומופֿהערלעכן שיקערן, און אַרומנעמענדיק זײַן קליִענט פֿאַר די אַקסלען, האָט ער מיט אים אײַנגעטײַנעט: „פֿאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט אומקערן צוריק צו קריסטוסן? פֿאַרוואָס זאָגט איר זיך ניט אָפּ פֿון אײַערע שרעקלעכע געוווינשאַפֿטן, וועלכע רויִנירן אײַך און פֿאַטערן אײַער דערפֿאָלג אין לעבן? הערט נאָר! גאָט, וועט אײַך העלפֿן זיך אויסבעסערן! און ווען איר וועט אַרײַנפֿאַלן אין אַצוועס, פֿרײַנט ליבער, דערמאָנט זיך, אַז ער וואַרט אַף אײַך, קעדיי צו ריידן צו אײַך"!

געוויינטלעך פלעגן זיי פארן סאָף פון פארזאמלונג צעווארעמען די געפילן פון דאנקבארקייט. אָפטמאָל פלעגן יונגע פרויען פאלן אף די קני, אָן אָטעם, מיט פאר־בלענדטע אויגן, מיט מײַלער, האלב־אָפענע פון עקסטאז. אָפטמאָל, ווען שעראָן פלעגט ארײַן אין שוונג, פלעגן מענטשן זיך נעמען ווארפן אין קראמף און אומשפרינגען אין הייליקע צעווילדעוועטע היסלאוועס, זקיינים פלעגן אָנהויבן ריידן אף אומפאר־שטענדלעכע לעשוינעס (וואָס קיינער אין דער וועלט האָט זיי ניט געהערט); ווײַבער פלעגן פאלן אין אָנמאכט מיט שוים אף די ליפן, און איינמאָל האָט פאסירט דאָס, וואָס מעווינים האלטן פארן העכסטן בײַשפּיל פון רעליגיעזער באגײַסטערונג. פיר מענער און צוויי ווײַבער האָבן גענומען פויזען ארום א סלופ, בילנדיק ווי הינט— „מיטן בילן ארויסטרײַבנדיק דעם טײַוול פונעם האָלץ".

שעראָן האָט געשעפּט נאכעס פון דעמדאָזיקן וווּנדער. זיי האָבן איידעס געזאָגט וועגן איר טאלאנט; דאָס איז געווען א בוילעטע אנטפלעקונג פון גאָטס קויעך. זיי פלעגן אָבער אָפטמאָל מאכן די פארזאמלונגען א מיעסן שעם, און די סקעפּטיקער פלעגן דעמדאָזיקן מיעסן שעם נאָך פארשטארקן מיט זייערע רייד וועגן דעם פלײַסן זיך פון די סעקטאנטן. דידאָזיקע בייזוויליקייט און די אופרעגונג, וועלכע פלעגן זי באהערשן אף די פארזאמלונגען, וואָס זײַנען אזוי דײַטלעך באצייכנט דורכן גענאָד פון הייליקן גײַסט, פלעגן ברענגען צו דעם, אז עלמערן פלעגט אויסקומען נאָך די פארזאמלונגען צו באַרויקן און טרייסטן זי.

* * *

בייס אין דזשאָליעט זײַנען פאָרגעקומען שעראָנס ארויסטרעטונגען, איז דאָרט צופעליק געווען דער דאָקטער בינטש, וועלכער האָט דאָ געדארפט באקומען א זעקסטן דיפלאָם אלס דאָקטער פון טעאָלאָגיע. ער האָט אײנײנעם מיט שעראָן און עלמערן געגעסן א פרישטיק.

— וואָסער אויפן האלט איר, דאָקטער בינטש, פאר א מער ווירקזאמערן אף צו נויטן די מיספאלעלים צו דערנעענטערן זיך צום אלטאר, בייס זיי ווילן ניט, ס'זאָל אראָפנידערן אף זיי דער הייליקער גײַסט?—האָט געפרעגט עלמער.

— איך הויב שטענדיק אָן אָט מיט וואָס: איך לייג פאָר, אז די, וואָס ווילן, מ'זאָל פאר זיי טפילע טאָן, זאָלן אופהויבן די הענט.

— און איך האלט פאר בעסער, אז די, וואָס נויטיקן זיך אין דער טפילע, זאָלן זיך שטעלן. ווען עמעצער האָט זיך שוין געשטעלט, איז שוין פיל גרינגער אים צו נויטן ארויסצוגיין פאָרויס און זיך אראָפּצולאָזן אף די קני. אויב אָבער ער האָט בלויז אופגעהויבן די האנט, קאָן ער זי צוריק אראָפלאָזן, איידער איר וועט נאָך באווײַזן אים צו פארגעדענקען. מיר האָבן אויסגעלערנט אונדזערע באהעלפערס, אז ווי נאָר עמעצער הויבט זיך אוף, זאָל מען שנעל צוגיין צו אים מיט די ווערטער: „ברודער, ווּעסטו עפּשער איצט ארויסטרעטן פאָרויס דריקן די האנט דער שוועסטער פאלקאָנער און מיספאלעל זײַן צו אונדזער האר קריסטוסן?"

— ניין, האָט געזאָגט דער דאָקטער בינטש,—פון דערפארונג ווייס איך, אז עס זיינען פאראן אסאך שעמעוודיקע מענטשן, אף וועלכע מ׳דארף ווירקן בעהאדראָגעדיק. נויטן זיי מיטאמאָל זיך אנידערצושטעלן—דאָס איז צופיל. מעגלעך אָבער, אז מיר זיינען ביידע גערעכט. די זאך איז אין דעם, וואס מיין דעוויז, אלס א מענטש, וואָס ראטעוועט נעשאָמעס—אויב ס׳איז מיר דערלויבט זיך אָנצורופן מיט אזא הויכן נאָמען,—באשטייט, גראָב אויסדריקנדיק זיך, אין דעם, אז גוט זיינען אלע מיטלען, וועלכע העלפן אויסברענגען די סכוויו ע.

— זאָגט נאָר, דאָקטער בינטש,—האָט שעראָן א פרעג געטאָן, וויפל אָרקעסטראנטן האָט איר?

— אזויפיל, וויפל איך בין אין אימשטאנד אויסצוהאלטן. איך פיר מיט זיך א פיאניסטקע, א פידלער, א פייקלער און קלארנעטיסט און כוצדעם נאָך א סאָליסט— א זינגער.

— אָבער דערווידערט דען קיינער ניט קעגן שפילן אפן פידל?

— מע דערווידערט, פארשטייט זיך, — האָט דאָקטער בינטש געענטפערט,—אָבער מיר גיט זיך שטענדיק איין צו איבערצייגן די צווייפלער. איך זאָג זיי, אז איך וויל ניט איבערלאָזן דעם טייוול די מאנאָפּאָל אף די בעסטע מינים קונסט. כוצדעם געפין איך, אז א גוטע מעלאָדיע, א געגנוג־אָנגענעמע, א קינסטלערישע, א לאנגזאמע און אן אומעטיקע ברענגט אריין די מענטשן אין אזא שטימונג, בא וועלכער ס׳עפענען זיך אוף די הערצער און די בייטלעך. אגעוו, וועגן דידאָזיקע לעצטע. איר האָט געהאט א גוטן מאטעריעלן דערפאָלג? בא וואָסער אויפן פון געלט־זאמלען האלט איר זיך?

— די געשעפטן זיינען געווען ניט קיין שלעכטע, — האָט געזאָגט שעראָן,—מיר האלטן זיך פעסט באם אויפן פון זאמלען פריי־וויליקע גאָב אינעם לעצטן טאָג פארן אָפּפאָרן. אף אזא אויפן זאמלען מיר צונויף אסאך מער געלט, איידער א וועלכע ס׳איז שטאָט וואָלט אונדז געקאָנט גאראנטירן.

— יאָ, איך באנוץ זיך אויך מיט דעמזעלביקן מעטאָד. מיר געפעלט אָבער ניט דער טערמין: „פריי־וויליקע גאָב“. מיט אים האָבן זיך אזויפיל באנוצט די צווייטראנגיקע פריידיקער, וועלכע,—עס פארדריסט מיך זייער, וואָס ס׳זיינען פאראן אף דער וועלט אזוינע מענטשן,—שטעלן דעם מאטעריעלן נוצן אסאך העכער פון דינען דעם אויבערשטן,—אז דערדאָזיקער טערמין האָט באקומען א קאָמערציעלן באטייט. ווען איך אליין לייג פאָר אריינצוטראָגן א געלט־אָפּצאָל, רוף איך אים אָן „ליבע־גאָב“.

— וועגן דעם לוינט א טראכט צו טאָן, דאָקטער בינטש,—האָט שעראָן אָפּגעזיפצט,—ס׳איז אָבער אזוי טראגיש, וואָס מיר אלע, וועלכע ברענגען דער וועלט דעם אָנזאָג וועגן דערהויבונג,—אָ, ווען דידאָזיקע וועלט וואָלט אונדז הערן, מיר וואָלטן דאָך געקאָנט לייזן אלע אירע שוועריקייטן און אומגליקן!—יאָ, וואָס מיר, וועלכע ברענגען דער וועלט דעם אָנזאג וועגן דערהויבונג, זיינען געצוווּנגען צו זיין פראקטיש און זאמלען געלט אף אונדזערע הויצאָעס און וווילטעטיקער ארבעט. אָ, די וועלט פארשטייט ניט צו שאצן די יעוואנגעלישע פריידיקער. באטראכט זיך נאָר, וויפיל מיר קאָנען אופטאָן פאר א שטענדיקן גייסטלעכן פון א רעליגיעזער געמיינדע. דידאָ־

זיקע גייַסטלעכע, וועלכע טייַנען, אז זיי קאָנען אליין נויטן די מענטשן טשוווע צו טאָן, זייַנען מיר פּאָשעט לעכערלעך! זיי קענען ניט די טעכניק פון דער זאך, און דאָ איז נויטיק צו וויסן אלערליי שפּיצלעך. בא מייַן גאנצער אניוועס דערלויב איך מיר צו טראכטן, אז איך ווייס אלץ, וואָס ס'איז בעקויעך צו צווינגען די מענטשן זיך צוריק צו קערן צום גלויבן.

— איך בין איבערצייַגט, שוועסטער פאלקאָנער, אז איר ווייסט אלץ,—האָט בינטש דערקלערט.—זאָגט נאָר, ווי באציט איר זיך און דער ברודער גאנטרי צו א פארייניקטער הייליקער ארויסטרעטונג.

— מיר, פארשטייט זיך, באנוצן זיך ברייט מיט זעם,—האָט דער ברודער גאנטרי געענטפערט.

— מיר הויבן ניט אָן אונדזערע פארזאמלונגען, ווו מיר פארזיכערן זיך ניט אין דער פארייניקטער אונטערשטיצונג פון אלע יעוואנגעלישע פּריידיקער אין שטאָט.

— מיר דוכט, אז איר זייַט ניט גערעכט, ברודער גאנטרי,—האָט געזאָגט דער דאָקטער בינטש,—איך געפין, אז דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן מייַנע ארויסטרעטונגען געהאט דאָרטן, ווו איך האָב זיך געשטיצט אף א קליינער צאָל דורכויס סאָלידע קלויסטערס. איך האלט פאר בעסער האָבן צו טאָן מיט די גרויסע פּריידיקער פון די האנדלס־קווארטאלן, בא וועמען דער געשעפט איז אוועקגעשטעלט אף א ברייטן אויפן און וועלכע בריקען זיך ניט, ווען איר פירט ארויס פון שטאָט א געוויסן באשיידענעם קניפּל פון „ליבע־גאָב“!

— אין דעם איז פאראן א טייל עמעס,—איז עלמער מאסקים געווען,—דאָס נעמלעכע האָט אונדז אנומלטן געזאָגט ביל בעטל,—איך קענט דאָך אים, פארשטייט זיך?

— נו איך האָף, אז איר סימפּאטיזירט דאָך ניט מיטן ברודער בעטל,—איז בינטש געוואָרן אופגעבראכט,—דאָס איז א מיִעסער נעפעש! מ'זאָגט, אז די ווייַב איז פון אים אנטלאָפן. און ווי קומט עס, וואָס אין אזא מין הויכן אייסעק, ווי אונדזערער, זייַנען פאראן אזויפיל זשוליקעס? נעמט, אשטייגער, דעם דאָקטער מאָרטאָנבי! אליין באהויפּטעט ער, אז ער האלט זיך פּינקטלעך אָן דער הייליקער שריפט, און דערבייַ—זייַנע באציִונגען מיט איינער א יונגיקער כאָריסטקע!... איך וואָלט אייַך באליידיקט, שוועסטער פאלקאָנער, ווען איך וואָלט זאָגן, וואָס איך בין כוישעד...

— אָ, איך ווייס. איך האָב זיך מיט אים קיינמאָל ניט באגעגנט, אָבער געהערט האָב איך וועגן אים שרעקלעכע זאכן,—האָט שעראָן טרויעריק ארויסגערעדט,—און וועסלי זייגלער! אלע ריידן, אז ער שיקערט! און דאָס איז א יעוואנגעלישער פּריידיקער! ווען עמעצער, וואָס ארבעט מיט מיר אינאיינעם וואָלט געהאט די האָזע אויסצוטרינקען כאָטש איין קעלעשאָק, וואָלט איך אים טייקעף ארויסגעוואָרפן.

— גערעכט, גערעכט! נו, איז דאָס ניט שרעקלעך!—האָט דער דאָקטער בינטש געזיפצט,—אָדער נעמט דעמדאָזיקן שארלאטאן עדהאר עדהארס, דעמדאָזיקן געוועזענעם קאָרטנשפּילער מיט זייַן אָפּשטויסנדיקן זשארגאָן! אָ, צוויאק!

מיט פאַרגעניגן האָבן זיי אָפּגעמערקט, אַז צווישן זייערע קאָנקורענטן אין פּריי־דיקן יעוואַנגעליע איז איינער אַ פאָלשטענדיקער אַמאָרעץ, אַ צווייטער ברענגט אויס פאַלשע טשעקן, אַ דריטער צווייפלט אין דער לערע וועגן פאַרטערמיניקן קומען פון משיחן. מיט פאַרגעניגן זיינען זיי געקומען צום אויספיר, אַז די איינציקע אָרנטלעכע און געבילדעטע פּריידיקער פון יעוואַנגעליע אין אַמעריקע זיינען דאָס—דער דאָקטער בינטש, די שוועסטער פאַלקאָנער און דער ברודער גאַנטרי. און דער פּרישטיק האָט זיך געענדיק מיט אַ באַגייסטערטן דאַנק־געבעט.

— בינטש—דאָס איז דער סאַמע עקלהאַפטער מענוווּל און אַמאָרעץ אין גאַנץ אַמעריקע. ער צווייפלט אין דעם, אַז יוינע האָט זיך געראַטעוועט, איך האָב נאָך געהערט, אַז ער קייט טאַבעק,—און ער פּרעטענדירט דאָס אויף אַזאַ וואָג און באַדייטונג! זייט פאָרזיכטיק מיט אים!—האָט שעראָן געזאָגט צו עלמערן, בייס זיי זיינען געבליבן אַליין,—אָ, מיין ליבער, ליבער!...



באם קוואל.

* * *

די הילפלאָזיקייט פ עקספּלואַט־רטע קלאַסן אין קאַמף מיט די עקספּלואַטאַטאָרן באַשאַפט אַזוי אומפאַרמיידלעך דאָס גלויבן אין אַ בעסערן לעבן אויף יענער וועלט, ווי די הילפלאָזיקייט פונעם ווילדן אין קאַמף מיט דער נאַטור באַשאַפט דאָס גלויבן אין געטער, שיידים, ניסים א.ד.גל. (ל ע נ י ן).

גוסיעוו־אָרענבורגסקי.
(געב. 1867)

אף די קני.

מענטשן האָבן מוירע געהאַט אפן גאס ארויסצוגיין.

עפּעס א כאַרעווער זאַקן, וועלכער האָט געדארפט אין דרויסן, האָט אפריער ארויסגעשיקט דעם אייניקל א קוק טאָן:

— סע זעט זיך ניט דער גאלעך?

— אפן גאנעק זיצט ער.

— אין כאלאָשעס זאָל ער זיצן! איכ׳ל ניט גיין... ער׳ט זיך נאָך צוטשעפּען... איך האָב דאָך זונטיקדיקן טאָג קלוימערשט אָפּגעקרענקט און ניט געגאנגען, און ער היט!

אָבער דער גאלעך ניקאַנאָר קלאפט שוין אין טיר:

— ראדיאָנאָוו ז׳דערהיים?

— דערהיים, פּאַטערל — שפּייַזער אונדזערער!

דער פּאַטער ניקאָנאָר איז מיט א שטרענגן פּאָנעם אריין אין שטוב.

— וואָס איז דאָס מיט דיר?

ראָדיאָנאָוו האָט זיך גענומען טרייסלען.

— גאָרנישט ניט, פּאַטערל — שפּייַזער אונדזערער! אָט, קראנק אלץ...

פּאַטער ניקאָנאָר האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האנט מיט אן אויסגעשטרעקטן פינגער.

— גאָט שיקט דאָס אָן אף דיר די קרענק! פארוואָס ביסטו זונטיק אין קלויסטער ניט געווען?

— קראנק אל ץ.

— א טערעץ! צו די סעקטאנטן פאָרסטו, אין זאמאנילאָווקע! כאוועדסט זיך... איך וויים דאָך!... — ער האָט געקלאפט מיטן פינגער אפן רייף פון וואָגן.

— ווען איך מאסער, פארשיקט מען דיך קיין סיביר!

ראָדיאָנאָוו האָט זיך אף טויט דערשראָקן.

— פּאָטערל, פּאָטערל! — האָט ער געשטאמלט, — ווי גאָט איז אייַך ליב! אלט בין איך! דאשינקע! כאפּ אָן פארן פּאָטערל א בעקעלע...

איינמאָל, אריינקומענדיק אזוי צום פויער סיסאָיעוו, האָט ער דערזען בא יענעמס זון — דעם שילער — טאָלסטאָיס בראָשור „מיט וואָס מענטש לעבן”.

— פונוואנען האָסטו דאָס?

— דער לערער האָט געגעבן.

— עהע!

ער האָט אריינגעשטעקט דאָס ביכל אין קעשענע.

אויסגעוואַרט, ווען דער לערער האָט געמאכט אין שול אן עפנטלעכע פאָרלעזונג מיט צויבער־בילדער, איז ער פלוצלונג אריין אהין אינ־ [illegible] זעבסקן, מיט

דיאַקאָן און פּסאַלאָמשטשיק. מ׳האָט געשפּילט פּושקינס „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער". אויפן עקראַן איז געווען דאָס בילד פון דער טלי.

— איר לערנט זיי?—האָט פּאָטער ניקאַנאָר מיט גיפט א פרעג געטאָן באם לערער.

דער לערער האָט דערשטוינט געקוקט אף די אַריינגעקומענע.

— איר לערנט זיי צו מאכן טליעס? א נוצלעכע ארבעט, א נוציקע,—האָט פּאָטער ניקאַנאָר גיפטיק געשמייכלט,—פאר אײַך נאָך מער נוציק, מאכמעס מיט דערדאָזיקער זאך וועט אײַך אומפארמײַדלעך אויסקומען צו באקאָנען זיך...

— איך פארשטיי אײַך ניט—האָט דער לערער געזאָגט.

— כע־כע,—האָט דער „פליכעוואטער ראָב" געכויזעקט,—ער פארשטייט ניט! קאָלזומאַן די פיסלעך באָמבלען זיך ניט...

— פארדארבן דאָס פאָלק מיט שעדלעכע אידייען—קאָן איך ניט דערלויבן! איך בין זײַן היטער,—האָט געזאָגט דער פּאָטער ניקאָנאָר,—דיאַקאָן! א טינטער!

— אָבער איך לייען דאָך א דערלויבטע זאך,—האָט דער לערער פּראָטעסטירט,—איך באווײַז דערלויבטע בילדער! איר האָט, סאָפקאָלסאָף, קיין רעכט ניט...

— פּאָטער ניקאָנאָר האָט שנעל און זיכער אָנגעשריבן א פּראָטאָקאָל.

— כאסמעט!

געכאסמעט האָט דער „פליכעוואטער ראב". דער דיאַקאָן האָט געכסאמעט.

מ׳האָט דעם לערער אָפּגעזאָגט פון זײַן שטעלע.

גאנץ וואָסקרעסענסקאָיע איז געקומען אים באגלייטן. אפריער זײַנען געקומע צו לויפן די קינדער. זיי האָבן קיין מוירע ניט געהאט, זיי האָבן געוויינט, ארומגענערמען דעם לערערס פיס. נאָך זיי זײַנען געקומען די ווײַבער מיט פעקלעך, פון וואַגען ס׳האָט זיך געהערט א געשמאקער רייעך. ס׳זײַנען אויך געקומען זיך צו שלעפּן די פויערים, אומקוקנדיק זיך מיט מוירע אפן גאלעכס שטום־אָנגעכמורעטן הויז. דער אוילעם האָט ארויסבאגלייט די פור ביז ווײַט הינטערן דאָרף.

די פויערים האָבן געפּאָכט מיט די היטלען, די ווײַבער האָבן געוויינט.

זונטיק איז דער פּאָטער ניקאָנאָר ארויס מוסערן דעם אוילעם מיט א בייזשטרענגן פּאָנעם...

— און גאָט האָט געשיקט א נאָווי צו די מענטשן פון נינווע, בייס ס׳איז פארפולט געוואָרן די מאָס פון זייערע שלעכטע מײַסים,—האָט ער שטרענג און אנטשיידן אָנגעהויבן די דראָשע.—איך האָב ביזאהער גערעדט צו אײַך, ווי א פּאָטער, איצט רייד איך צו אײַך, ווי א נאָווי—וויי צו אײַך, איר פארבלאָנדזשעטע! וויי צו אײַך וועלכע נעמען צו רויבערישע וועלף פאר גוטע שעפסן! וויי צו אײַך, וועלכע באַגלייטן מיט טרערן דעם טיגער, וואָס צעבלוטיקט די נעשאָמעס פון אײַערע קינדער. וויי צו דיר, גאנץ וואָסקרעסענסקאָיע!

און אָפּגעזיפצט, איז ער מיט א האסטיקער באוועגונג אראָפּ פון באלעמער, צאָרנדיק אויסגעשטרעקט די הענט, פּונקט ווי ער וואָלט אראָפּרופן א קלאָלע און גאָטס שטראָף, און מיט א שרעקנדיקן קאָל באפוילן:

— אף די קני!

דער קלויסטער האָט א ציטער געטאָן.

דערשראָקענע, דערשטוינטע פּנעמער האָבן אים אָנגעקוקט.

— אף די קני!!!

אינעם איימעדיקן שטילשווייַגן האָבן זיך איינער נאָכן אנדערן גענומען אראָפּלאָזן אף די קני.

אלע האָבן זיך אראָפּגעלאָזן.

בלויז דער קוויטשאנער קאראווייַעוו האָט זיך ניט אראָפּגעלאָזן.

ער איז געשטאנען, ווי שטענדיק, א פארטראכטער און געקוקט, נאָך זייַן געוווינהייַט נאָך, אף דער פּאָדלאָגע, פּונקט ווי ער וואָלט איבערקלייַבן אין זיקאָרן פארגעסענע געדאנקען.

ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן, אופגעציטערט, אומגעקוקט זיך.

אופגעהויבן די אויגן—אנטקעגן, צום גאלעך.

א פלאם־רויטער האָט יענער אים גלייַך אָנגעקוקט.

— ווידערשפּעניקער! אף די קני!!!

קאראווייַעוו האָט זיך לאנגזאם אראָפּגעלאָזן.

אָבער פּלוצלונג האָט א קויעך, אן אומבאוווסטער פאר אים אליין, א הויב געטאָ אים פון דרערד; ער האָט זיך האסטיק א הויב געטאָן און אויסגעשריען:

— פארוואָס?

אלץ, וואָס האָט געדרעמלט אין אים, האָט עפּעס ווי אופגעוואכט:

— וואָס פאר א האָזע... דו פּאָפּ איינער!—האָט ער געשריען צעווילדעוועט.— וואָס פאר א נאטשאלסטווע ביסטו דאָס? מיט וואָס האָב איך זיך פאר דיר פארזינדיקט? גענוג פאר אונדז די אוריאדניקעס מיט די זעמסקעס! איכ'ל זיך פאַרן פּאָפּ אף די קני ניט שטעלן!

און פּונקט ווי אָפּגעטשוכעט זיך, האָבן זיך אלע א הויב געטאָן פון די קני. פארלאָרענע, אין איין קופּע, שווייַגנדיקע, האָבן זיי גענומען פארלאָזן דעם קלויסטער, און, ניט קוקנדיק איינער אפן אנדערן, מיט פארב אין פּאָנעם, זייַנען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען.

. . . .

פּאָטער ניקאָנאָר האָט זיך א לאָז געטאָן צום זעמסקן.

דער „פליכעוואטער ראָב" האָט אין דערדאָזיקער מינוט גענומען א הייסן אָנטייל.

— איכ'ל אליין א פלי טאָן!—האָט ער רויבעריש צענומען די פליגלען.—איכ'ל אלץ פאנאנדערקלייַבן. איכ'ל זיי ווייַזן, ווער ס'איז דאָ דער נאטשאלניק! איך קען אים, דעמדאָזיקן קאראווייַעוון!

— מ'דארף אָנעמען עקסטרע־מיטלען!—האָט זיך פּאָטער ניקאָנאָר געהיצט.—דאָס קאָן ווייַט פארפירן! דאָס איז צעלאָזנקייַט!

— איכ׳ל שוין...

דער „פליכעוואטער ראָב" האָט באריידעוודיק צונויפגעקוועטשט די פינגער. נאָר דאָ איז געשען עפּעס אזוינס, וואָס האָט אריבערגעיאָגט דעם זעמסקן נאטשאלניקס קאוואנע.

פּאָטער ניקאָנאָר האָט נאָך געהאלטן אין אראָפּגיין פון גאנעק אינעם „זעמסקן" הויז, ווי סע איז אף א צעשוימטן פערד צוגעפלויגן פלעוּאָנט קירילטשעס ארבעטער.

— בארין!—האָט ער פונווייטן נאָך געברומט צום זעמסקן.

— וואָס איז געשען?

— די קוריטשאנער בונטעווען זיך!!

* * *

דיווירקלעכע רעליגיע איז די, אפן זייט פון וועלכער ס׳איז דער קייסער און דער טאליען (האָלבאך).

אָקטאוו מירבאָ.

פראנצויזישער שרייבער (1917—1848)

די דראָשע.

אין ברעטאָן, הארט נעבן ברעג יאם, געפינט זיך א דערפל קערנאק.

די גאנצע געגנט ארום דעם דערפל האָט א טרויעריקן אויסזען.

די ערד א זומפּיקע, מיט גראָז באוואָקסענע, נידעריקײט, ארומגערינגלט מיט בערגלעך. זי טריקנט ניט אויס אפילע אין די היציקסטע זומער־טעג.

דער קלימאט איז א שעדלעכער, א קרענקלעכער.

דאָס ראָוו פון די איינוווינער, צוליב דער ניט פרוכטבארקייט פון דער ערד, באַ־שעפטיקט זיך מיט פיש־פאנג.

ניט קיין פריילעכע בילד שטעלן מיט זיך פאָר די וווינונגען פון דער קערנאקער באפעלקערונג,—קליינינקע, נידעריקע, ווילהאָטנע הייזעלעך דורכגעדרונגענע מיטן רייעך פון ראסל און צעפוילטע פיש—און אין זיי וווינען עס די קערנאקער האָרע־פאשניקעס.

און ווייל אָרעם איז די קערנאקער נאטור, ווייל שווער זיינען די לעבנסבאדינ־גונגען פון די קערנאקער האָרעפּאשניקעס, ווייל שווער קומט זיי אָן דאָס שטיקל ברויט, דעריבער זעען אויס סיי זיי, סיי זייערע פרויען בלאס, קליינוווקסיק, דערי־בער זיינען זייערע פּענעמער דאר, איינגעצויגן, צעקנייטשט און געל, ווי וואקס, דע־ריבער גייען זיי איינגעהויקערט, דעריבער זעען זיי אויס, ווי שאָטנס, ווי לעבעדיקע מייסים.

לעבט זיך ניט גרינג אויך דער קערנאקער פרוי...

ווען דער מאן לאָזט זיך איבערן יאם מיט דער האָפענונג, אז דער מאזל וועט אים צושיקן א נעץ סארדינקעס, באארבעט די ווײַב מיט די לעצטע קויכעס די קליינע פאסעקלעך ערד, וועלכע זײַנען כאָטש אביסל פרוכטבאר...

ווי איינציקע האָר אף א פליך זעען אויס די פארזייטע שטיקלעך לאנד אין דעם גרויסן שעטעך ניטפארזייטע ערד...

א טרויעריקן אויסזען האָט די געגנט ארום קערנאק... פונקט—די גאנצע טויכעכע וואָלט זיך אף איר אויסגעגאָסן...

די קאדאָכעס האָט דאָ אויסגעוועבט א שטארקן נעסט, און קומט דער בייזער, דער אומעטיקער הארבסט, גייט זי ארום אין די קערנאקער געסלעך מיט איר באגלייטער, מיטן מאלעכאמאָוועס און הויבט אָן שנײַדן... און זי שנײַדט אומבעראכמאָנעסדיק, הונדערטער מענטשן פאלן, ס'בלײַבן איבער הונדערטער אלמאָנעס, אלמענס און יעסוימים.

קערנאק, וואָס איז א לעבעדיקער בעסאלמען, ווו מענטשן ווערן געבאָרן, קעדיי צו פארזוכן דעם טאם פון צאָרעס און לײַדן, פארזוכן און טייקעף שטארבן.

נאָר צוויי מעגטשן פילן זיך גליקלעך, ווי מע ד'ארף ניט בעסער, אין דערדאָזיקער פארפעסטעטער בעסאלמען־אטמאָספער—דער גאלעך און דער מער...

דער קערנאקער גאלעך שיקערט אפילע ניט, שנאפסעוועט ניט און איז ניט אויווער אפן געבאָט פון „לא תחמד" (זאָלסט ניט גלוסטן), ווי די איבעריקע ברעטאָנער גאלאָכים, ער איז קלוימערשט אן אסקעט, א נאָזיר, ער פירט זיך קלוימערשט מיט סטאט...

ער האָט אויכעט א שעם פאר א גוטן אדמיניסטראטער...

מיט דער הילף פון מער פלעגט ער ארויסנעמען די לעצטע פאָר גראָשנס פון דער אָרעמער באפעלקערונג. איין שטײַער נאָכן צווייטן פלעגט ער ארופלייגן אף די קערנאקער אָרעמע פישער, און אזוי איז אים געלונגען צו אויסבויען אָן דער הילף פון דער מעלוכע א פראכטפולע קירך פון ווײַסן שטיין מיט א גאָלדענעם צײלעם אפן גלאָק־טורעם און מיט אסאך אנדערע טײַערע זאכן...

נאָר, ווי אלע גאלאָכים, האָט ער פײַנט געהאט די האָרעפאשנע מאסן און געוואָלט פון זיי די נעשאָמע דערזען...

אין זײַנע וואָך־דראָשעס, יעדן זונטיק, פלעגט ער רופן די באפעלקערונג צו נײַע קאָרבאָנעס, צו נײַע אָפּצאָלונגען לעטויוועס דער קירך און, אויס מוירע, פלעגן די אײַנוווינער מוזן געבן...

אײנמאָל, זונטיק, ווען ס'איז געקומען די צײַט פון דער דראָשע, איז דער גאלעך ארויף אף דער בינע, האלטנדיק אין האנט די כאָרוגווע מיטן בילד פון דער „מאטקע באָסקע" און גענומען ריידן:

— „טוט נאָר א קוק אף דער כאָרוגווע, ווי זי זעט אויס... א שאנדע און א כארפע... ס'איז דען א כאָרוגווע? די זײַד איז אויסגעקראָכן, די באגאָלדטקײַט אראָפּ... פון דער אויסנייונג—קיין זייכער ניט געבליבן... א פאָשעטע שמאטע... הײַנט דאָס

פּאָנעם פֿון דער הייליקער „מאַטקע באָסקע”... א שענערן לייגט מען אין קיוועך אַרײַן...

„קאַרל לעמער, דו וואָלסט מיט אזא שמאַטע ניט געוואָלט פּוצן דײַן קליאַטשע. דזשאָזעפינע בריאַס, דו וואָלסט מיט איר די טעפּלעך ניט געוואָלט אויסרייניקן... נאָר אײַך, אומגליקלעכע, איז עפּעס א דײַגע? וואָס פעלט אײַך? אין דער צײַט, וואָס איר האָט אלערלײַ טײַנוגים, ווען אין יאָנטעוו־טעג קומט איר אין קירכע אָנגעטאָן אין לוקסוס־בגאָדים, גייט די „מאַטקע באָסקע” אָנגעטאָן אין שמאַטעס און, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיט א צעריסענעם הינטן... נאָר צו אלץ מוז נעמען א סאָף!

„די „מאַטקע באָסקע” האָט גענוג געליטן פֿון אײַערע כאַטאָים, פֿון אײַער אויס־געלאַסנקײַט... א נײַעם בעגעד וויל זי האָבן... א נײַע כאָרוגווע... איר פאַרשטייט, אייזלען, וואָס איר זײַט, א נײַע—און ניט קײַן פּאָשעטע,—נאָר א זײַדענע, וואָס זאָל קאָסטן 200 פראַנק...

„הערט זשע מיך אויס, אויב איר ווילט ניט, אז נײַע אומגליקן זאָלן זיך אויס־גיסן אף אײַערע פעלדער, אף אײַערע שיפלעך, אף אײַער הויז און קינדער... אויב איר ווילט ניט געקרוינט ווערן מיטן נאָמען בעהיימעס... כײַעס... פּיפּערנאָטערס... טאָ הערט אויס, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן...

לעגאַדענעק, דו גיסט 5 פראַנק אף דער כאָרוגווע... וואָס קוקסטו אזוי אף מיר? וואָס מורמלסטו דאָרטן אונטער?.. גאָרנישט? עס ווייניקער זיסע זאכן, וועסטו אײַנ־שפּאָרן, נישקאָשע!

„ראָזא קערזאליאָן, דו גיסט אויך 5 פראַנק, און אויב איך וועל דיך, נאָכאמאָל טרעפן שפּילנדיק זיך מיט באָכערים, וועסטו מוזן אײַנצאָלן גאַנצע צען פראַנק...

פרוי מילער, דו וועסט אָפּגעבן דאָס קעלבל, וואָס דײַן בעהיימע האָט נעכטן געבאָרן... וואָס קוקסטו אזוי אף מיר? אז דו וועסט זיך שטאַרק אקשענען, וועסטו אָפּגעבן די גאַנצע בעהיימע, אלטע מעכאַשייפע דו!...

„פּיאַטער, יוליע, אויך יאָסיף לעקער, איר וועט אָפּגעבן דעם נעכטיקן פיש־גע־פאַנג; און זעט טאַקע, עס זאָל זײַן פיש ניט עפּעס אבי וואָסערע... פֿון די בעסטע, ווי קאַמבאלא, פאַלטוס א. ד. ג.”

אין פאַרלויף פֿון א האַלבער שאָ האָט דער גאַלעך פּאַנאַנדערגעטיילט וויפל און וואָס יעדערער דאַרף געבן... ווער—געלט, ווער—פּוטער, ווער—א זאַק קאַרטאָפל, ווער—א זעקל קאָרן...

דער אלטער טאַמאָזשנע־וועכטער, א קלוגער ברעטאַנער איז געשטאַנען נעבן אַרײַנגאַנג און שטילערהייט אונטערגעשמייכלט, מיינענדיק, אז ער איז שוין ניצל געוואָרן פֿון דעם נײַעם קירכע־שטײַגער...

נאָר דערדאָזיקער שמייכל איז ניט פאַרבאָרגן געבליבן פֿון דעם גאַלעכס בליק.

— „דו גראָוועע באָרד, ווי וואַגסטו צו לאַכן אזוי אין גאָטס הויז!... דו גיסט 20 פראַנק אף דער כאָרוגווע...”

און אז דער אלטער וועכטער האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, האָט דער גאַלעך איבערגעכאַפּט:

— „20 פראַנק, דו באָרד, און ניט ווייניקער, הער אויס! אויב דו ברענגסט מיר נים הײַנט די 20 פראַנק, פאַרמאַסטער איך דיך פאַרן געריכט פאַר גנייווע... די זאַכן, וואָס מע האָט געפונען אין יאַם... אהאַ! דו שמייכלסט שוין ניט... דו האָסט גערעכנט, אַז מע ווייס ניט... דו לאַכסט מיט יאַשטשערקעס איצט? האַ!...

אין נאָמען פון גאָט דעם פאָטער, זון און הייליקן גײַסט—אָמיין!...״

דער גאַלעך האָט פאַרענדיקט זײַן דראָשע און איז אַראָפּ פון בינע. גייענדיק פאַרבײַ די צוהערער, וואָס זײַנען געשטאַנען אומעטיק מיט אַראָפּגעלאָזענע נעזער, האָט ער זיי מיט דער קאָרוגווע געקלאַפּט איבער די פּלייצעס...

* * *

אינעם גאַלעכס קעשענע קען מען זיך באַהאַלטן מיטן קאָפּ אינגאַנצן.
(רוס. פאָלקוואָרט).

י. ל. פּערעץ.

די נאַכט-וועכטער.

(אַ נאָכגעמאַכט פרום־ראַבאָניש לידל):

א נאַכט—אַ מעכײַע! דאָס נעכטל איז טײַער!
נאָר היט אײַך פאַר פײַער! היט אײַך פאַר פײַער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פאַרשליסט נאָך די פענצטער און טירן און טויערן,
פאַרמאַכט נאָך די אויגן, פאַרשטאָפּט אײַך די אויערן,
און שנאָרכט אײַך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר ניט שלאָפן, נו, ליגט כאָטש באַריט
און הערט זיך שטיל אײַן, ווי פלעדערמויז פליט.
ווי שטיל, און ווי האַרציק, און טײַער!
און הערט איר גערוישן, געשווייען, געלעכטער,
צי קלאָלעס—זײַט רויק, מיר זײַנען די וועכטער!
און היטן אײַך אַלע פאַר פײַער!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן, ווער ס׳רירט זיך און גייט
און צינדט אָן אַ פײַער, צי רירט די טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן באַנאַכט!
מע וועט אין גענעם די לײַבער זיי דרעשן!
און דאָ וועל׳מיר לעשן, און לעשן.
געטרײַ וועלן מיר דינען דער נאַכט!

שלאָפט איַיך! מיר דאווגען, מיר בעטן און קניִען
פאר גאָט! דער ריבוינעשעלוילעם זאָל ציִען
א וואָלקן אף איַיך ווי א בליַי!
א וואָלקן א שווארצן! אָ, גאָט וועט אונדז הערן,
ער וועט נאָך פארלעשן לעוואָנע און שטערן,
און דעמלט—ווי אָטעמט זיך פריַי!

און מיר וועלן רופן נאָך פעסטער, געטריַיער:
היט איַיך פאר פיַיער! היט איַיך פאר פיַיער!
שא! קיַין גערויש, קיַין געלעכטער!
קיַין ליכטל אין מויעד, קיַין פלעמל אין הארץ!
פרום זאָל זיַין! רויִק און טויטלעך, און שווארץ!
מיר זיַינען, מיר זיַינען די וועכטער!

ל אָ צ י פ ע ר (י. ל. פערעץ).

צום אוילעם־האטויהו.

פון דער פראָווינץ פליט א קופקעלע נעשאָמעס אין הימל אריַין;—עס זיַינען פרישע נעשאָמעלעך, ערשט נעכטן, איסרעכאג־שאַוועס, געשטאָרבענע. צום הימל איז וויַיט און כאָטש זיי האָבן פליגל ווי מאלאָכים, און עס הענגט זיי שוין ניט נאָך דער שווערער אומגעלומפערטער גוף, קענען זיי מיט איין מאָל זיַינע טויערן ניט דער־גרייכן. עס קומט דערפון, וואָס די געוווינהיַיט איז די צווייטע נאטור, און—אונד־זערע נעשאָמעס האָבן אין זיך אסאך פון יענער וועלט, ווו מענוכע האָט געהייסן: „גליק”, ווו גיין מיטאמאָל און וויַיט האָט מען ניט געקענט און ניט געטאָרט; ווו מע פלעגט צוזאָגן, אז „פון איַילעניש קומט קיַין גוטס ניט ארויס”, „פון ניטגיין און ניטפאָרן האָט מען ניט קיַין כאראָטע” און „טישע יעדיעש, דאלשע בודיעש”...

באם ערשטן בעסטן וואָלקן האָבן זיי זיך אָפגעשטעלט.

— האָט ניט עמעץ אביסל בראנפן? פארגעסט איין נעשאָמע, ווו זי האלט אין דער וועלט.

— אוף!—רופט אויס די צווייטע,—כאָטש דאָס כיילעק, וואָס ווערט מיד, טראָגט מען דאָרט אונטן אף א מיטע אין קייווער אריַין.

— ווי די זון ברענט און בלענדט!—קלאָגט זיך א דריטע אויס לויט דער גע־וווינהייט, פארגעסנדיק, אז זי ליגט שוין ניט אין דער פינצטערער טפיסע פון „אָפאָר וואָייפער”, אז זי קוקט שוין ניט ארויס דורך צוויי קארגע אויגן־שפארעס מיט ברעמען פארשטעלט, אז די זון מיט איר פיַיערדיק ליכט קען איר שוין אצינד ניט שאטן.

איינע וויל הערן עפּעס נײַס, אַן אַנדערע וואָלט גערן געוווּסט ווי טײַער עס קען זײַן דאָרט ווייץ אָדער, צי עס איז טאַקע פאַראַן אַ מאַכלויקעס צווישן מיקל און קאַפּריוּי...

פון וואָס רעדט מען? אױף יענער וועלט איז געווען אַזױפיל צו ריידן! עס זײַנען פיל שײַלעס געווען, אַז דער מענטש אַליין האָט זיך ניט געטרויט אױף אַלע צו ענט־פערן. ער האָט זיך נאָר איבערגעלאָזט די שײַלעס־פּאַרנאָסע, דעם מאָגן צו פאַרזאָרגן און די רעשט האָט ער געפרעגט בײַ וועמען עס איז, בײַ אַלטע ספּאָרים, אַלטע קוואָרים, בײַ ראַבײיִם, טאַטערס, קישעפמאַכערס, גויל־וואַרפערס... אויסער ברויט, קרויט, טײַלמאָל אַ שטיקל פלייש, האָט ער אַלץ געזען מיט פרעמדע אויגן, געהערט מיט פרעמדע אויערן און דאָך איז דאָס מויל קײַן רעגע ניט געשטאַנען, עס האָט שטענדיק געמאָלן, דער מויעך איז שטענדיק פול געווען. און דאָ... דאָ אַפן וואָלקן פילן זיי זיך אַזוי לער, אַזוי פּוסט...

— מע וואָלט געדאַרפט ריידן פון גוטע זאַכן—מיינט אַ נעשאָמע.

— פון פרומע—פאַרבעסערט אַ צווייטע.

— כאָטש אַ וואָרט טוירע—ראַט אַ דריטע.

פון פרומקײַט האָט מען מוירע צו ריידן. ווער ווייס, וועלכער נוסעך עס איז נויהעג אין הימל: נוסעך ספאַרד, נוסעך אשקענאַז, אָדער עפּשער זײַנען גערעכט די דײַטשע גאָליבראָדעס? צי שאָקלט מען זיך דאָ ווי אַ לולעוו, מע שטייט אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אָדער מע זיצט אײַנגעבויגן איבער אַ מאָגן־דאָוויד, וואָס מע מוז אויספלעכטן פון כאָכמע מיט עמונע צוזאַמען?...

— אַ!—דערמאָנט זיך פּלוצלונג אַ נעשאָמע.—עס איז דאָך נאָך שאָוועס. האָט איר אײַך עפּעס געפרייט מיט קאַבאָלעס־האַטוירע?

עטלעכע נעשאָמעס רוקן זיך אָפּ אין אַ זײַט—דאָס זײַנען דאָרטן קאַזיאָנע ראַ־באָנים געווען! זיי האָבן זיך געמאַכט אַ באַזונדער רעדל און גערעדט, וואָס מע וועט זאָגן אױף יענער וועלט וועגן טאַקסע פון ניפטאָרים וועגוילאָדים. די גרעסערע קראַנץ נעשאָמעס האָט זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אָן שאָוועס, אָן דער שײַלע: ווער און ווי אַזוי עס האָט זיך געפרייט מיט קאַבאָלעס־האַטוירע.

— „אָביאַזאַטעלנאָ“,—שפּרינגט אַרויס אַ ליטווישער באַלטאַקסע,—געפרייט זיך, ווי דען! איך וואָלט אַ שיין לײַט געווען אָנעם טוירעלע! עס וואָלט אַפילע קיין „סוויעטשנע־סבאָר“ ניט געווען. „נאַקאַנוניע“—איסרע־כאַג האָב איך „וו־טשעסט“ דעם טוירעלע אַ „וועטשער“ געמאַכט, אַ קאַק־זשע, מײַן דאָריטשקע האָט געשפּילט, זינקאַ סדיעלאַלאַ פּוראָר—די וועלט אָפּגענומען! מאָיסיי אַנדרייעוויטש איז פון דער „שקורע“ געשפּרונגען. ער וואָלט זיך אָביאַסניאיעט, נאָר באַם אוזשין האָב איך אײַנגעשלונגען אַ ביין, און אָט—בין איך דאָ!

— און איך!—רופט זיך אָן אַ מאַלווע—האָב מיך נויהעג געווען ווי אָוועס אוווי־סיינו. שאַווער, טיקן מיט פּוטער־געבעקס—מער דאַרף מען ניט! גאָט וויל ניט מער! מיטן טוירעלע האָב איך מיך אוואַדע געפרייט. „לאַנאָכרי סאַשיך“ מיט העטער־איסקע אונטערגעשלאָגן איז אַ יידישע פּאַרנאָסע, ווי דען! נאָר מײַן ביילע־גיטל האָט פאַר

גרויס סימכע, וואָס איך האָב איר א סאמעטענעם מאנטל אין מײַן אייגענעם לאָמ־באַרד געקויפט, אָנגעבאקן אזויפיל, אזוי פיל... און „איידער גאָטס גאָב זאָל קאליע ווערן...״

— האָט אים דער בויך געפלאצט, מאזל־טאָוו! — פאלט אים א רעוול ארײַן אין די רייד. און עס איז אן עמעס רעוול געווען. מע האָט עס נאָך געפילט פון מיקווע־וואסער. — געפרייט מיט קאבאָלעס־האטוירע — פארצײלט ער — האָב איך מיך! אביסל ספירט אף פאָמעראנצן־שאָלן האָט די רעבעצן אָנגעגאָסן, באלעבאטים האָבן אויך געשיקט — איינער א פלאש ווײַן, אנדערע לעקעך. איינער האָט ארײַנגעשיקט א כטי־כעלע טאָרט.. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאם גאניידן! איך האָב מיך טאקע גע־פרייט! וואָרעם בעעמעס — וואָס וואָלט איך אָנעם טוירעלע געטאָן? איך האָב געהאט אזא גוילעמעוואטן גוף, וואָס האָט צו עפעס אנדערש ניט געטויגט. א הײַטל אף איין אויג, איין פוס א לענגערער, און, ראכמאָנע־ליצלאָן, ניט פאר אײַך גערעכט, גע־ברעכט. אין דער האסכאָלע האָב איך אפילע דערפון אויך קײַן פארנאָסע ניט געהאט. 16 יאָר בין איך געזעסן אפן קיסע־האָראבאָנעס, און האָב גאָרניט געוווסט וואָס „קאָשער״ איז, וואָס פאר א שמאלץ־גרוב! וואָס פאר א בראָכע פון גאָט דאָס איז, דערנאָך בין איך דערגאנגען דעם סאָד פון „קאָשער״! דער ערשטער איז געפאלן דערוף, לעהאוודל ביין האכײַים ווהאמייסים, נויעך פיאסעטשנער, און איך בין באלד נאָכגעגאנגען... אלץ איז פארנאָסע! יאַין־קוידעש צאָלט, פייסעכדיקער ווײַן איז גאָר א מאטמען! קאצאָווים צאָלן, ווי דען! און אז א כעוורע סטודענטן ווילן זיך מאטער זײַן שמיטע — א פינף־און־צוואנציקער! ווי דען! צונד מוז דאָרט דער כליצע־שוך זײַן א געשעפט, מע האָט אָנגעהויבן צו ריידן דערפון!

— געשטאָרבן בין איך — גיט צו דאָס רעוול — איך ווייס אליין ניט אף וואָס, עפעס פלוצלונג...

אז מע האָט מיך „אראָפגענומען״, האָט מען געזאָגט, אז דאָס הארץ האָט מיר געפלאצט, אז ראבאָנים ווילן מאטער זײַן כליצע... זאָל זײַן אזוי! נאָר ליגנס איז: זיי וועלן ניט מאטער זײַן!

— און איך — פאלט ארײַן א מעלאמעד — האָב מיך אויך געפרייט, איך האָב דאָך יאָ פארנאָסע פון טוירעלע...

— שטיל, מעלאמעד, באטלען! האקט איבער אן אנדער נעשאָמע. איך בין עס טאקע, רעבע, דער, וואָס האָט אײַך דעם פינפונצוואנציקער דערלאנגט. איר קאָנט מיך, אוודע, אלע?

דאָס קרענצל נעשאָמעס ציט מיט די פלייצעס אפסנײַ.

— איך געדענק ניט — מאכט דער ראָוו, האָסט געמוזט דאָרטן אנדערש אויסזען...

— אביסל פרימער! ענטפערט די נעשאָמע — מיר האָבן זיך אזוי אָפגעשמועסט...

— נו, שאָלעם־אלייכעם — מאכט דער ראָוו, און באמערקט ערשט, אז ער האָט קיין האנט ניט דערצו.

— אלייכעם־שאָלעם — ענטפערט די נעשאָמע — נאָר! א וואונדערלעכע זאך, דאָרט האָבן מיך דאָך אלע געקאָנט!

— „קאָכער־לעפל“ האָט מען מיר גערופן, אנדערע, פאר קינע, האָבן מיך „טעלער־לעקער“ גערופן, נאָר מ׳הערט זיי ווי די קאַץ. נאָר א שאָוועס האָבן מיר געמאַכט גאָר אפן גרויסן אויפן, פארשטייט איר, מיר אליין זײַנען קיין מײַמינים ניט, אמאָל האָבן מיר אלע געבלאָזן אפן דעגל־מאכנע־יעהודע קיין מיזרעך, אלץ קיין מיזרעך... ווײַטער און ווײַטער, נאָר אז דער האָט זיך איבערגעדרייט, האָבן מיר זיך אויך איבערגעדרייט און צוריק געבלאָזן, ווי דען! איך פלעג אָנעמען א פולן בויך מיט לופט און ארבעטן ווי א מיעך! צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, פונעם בלאָזן איז א גרויסער איפעש געווען,—נאָר ניט אין דעם גייט עס... פארן האמוין־אָם האָבן מיר א שאָוועס געמאכט! דעם האמוין־אָם מוז מען האלטן... א ניט... איר פארשטייט שוין, אז אזוינע גראָבע יונגען...

געוואלט!—האָט ראפטעס א געשריי געטאָן איין נעשאָמע פון צווייטן קרענצל—געוואלט! מיר זײַנען אונטער דער ערד!

פון וואנען ווייסטו?—פרעגט מען פון אלע זײַטן דערשראָקן.

— וואָס הייסט, איך קען ניט קיין געאָגראפיע, איך בין דאָך עפעס ארויס פון צווייטן קלאס?!—אָט, אָט האָט איר די ערד פונויבן!—האָט נאָך א ראָוו א מאסקיל געוויזן מיט א שפיץ נעשאָמע־פליגל!

און אלע דערזעען, ווי די ערד פליט איבער זיי, און אונטער זיי נעמט זיך דער וואָלקן גאָר אין א זײַט.

— א שרעק—פארציילן זיי—ווי ווײַט יענע וועלט איז פון אונדז אַפגעפלויגן און גאָר אין א זײַט... מיר וועלן זי שוין ניט דעריאָגן!

זיי דערציילן נאָך, אז נעענטער זעט ציינד די ערד גאָר אנדערש אויס, זי איז עפעס רויטלעך און גאָלדן ליכטיק.

זיי זעצן זיך צוריק אין קרענצל, ריידן פון יענער וועלט און באמערקן ניט א עס ווערט אלעמאָל פינצטערער, כווישעכדיקער, דער וואָלקן, די גאָלדענע לענדער פארלאָרן. עס לעשט זיך אויס די זון און עס ווײַזט זיך קיין לעוואָנע און קיין שטערן... וואָס אמאָל לייגן זיך דיקערע שאָטנס אפן וואָלקן, און וואָס טונקעלער דער וואָלקן ווערט, העלער און ליכטיקער ווערט די קויל—די ערד, וואָס פליט אלעמאָל העכער און ווײַטער ערגעץ אין א זײַט...

עס ווערט אביסל אומרויִק צווישן די נעשאָמעס.

— וואָס טוט מען? וווּ אהין פליִען מיר?

— „בעיאָדכאָ אפקיד רוכי!“—לייענט קרישמע דאָס רעוול און הויבט אָן צו שנאָרכן.

— אזוי!—מאכן אלע פריילעך פא־וווּנדערט,—מע קען דאָ אויך שלאָפן! מעכע־טייסע!!!

און אלע צעלייגן זיך אפן וואָלקן און שלאָפן אײַן.

די ערד ווערט אלץ ליכטיקער און יאָגט זיך אלץ העכער און ווײַטער אין איר וועג, און די שנאָרכנדיקע נעשאָמעס פליען ארײַן אפן שווארצן וואָלקן אין אוילעם־האטויהו.

דזש. באָקאטשיאָ.
איטאַליענישער שרײַבער (1313—1375).

ווי מע ווערט א קאָדעש.

טשער טשאפּעליעטאָ נארט אָפּ מיט זײַן פאַלשער ווידע א פרומען מאָנאך און שטארבט אָפּ. א מענוול באם לעבן, איז ער נאָכן טויט אָנגענומען געוואָרן פאר א הייליקן און אָנגערופן—San Ciappelletto.

...מע דערציילט וועגן מושיאטאָ פראַנצעזין, אז בייס פון א רײַכן און יוסטן סויבער איז ער געוואָרן א קאוואַליער און געקליבן זיך פאָרן קיין טאָסקאנע איניינעם מיט קאַרל דעם ערדלאָזיקן, דעם ברודער פונעם פראנצויזישן קעניג, וועלכער איז ארויסגערופן געוואָרן און געשטויסן דערצו דורך באָנאָפאַצי דעם פויפּסט, האָט ער דערזען, אז די אסאָקים זײַנע זײַנען דאָרט און דאָ שטארק פארפּלאָנטערט, ווי דאָס טרעפט ניט זעלטן בא די סאָכרים, און אז פאנאנדערפּלאָנטערן זיי איז ניט לײַכט און ניט גיך, און דערפאר האָט ער איבערגעגעבן פירן זיי עטלעכע פערזאָנען. אַלע אסאָקים האָט ער אײַנגעאָרדנט, נאָר איין צווייפל איז בא אים פארבליבן: ווו זאָל ער אויסזוכן א מענטשן, וואָס זאָל פעיִק זײַן אופצומאָנען זײַנע כויוועס בא אייניקע בורגונדער. די סיבע פון זײַן צווייפל איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקענט די בורגונדער אַלס מענטשן, דורשטיקע צו קריגערײַ, אומווירדיקע און וואָס האלטן ניט קיין וואָרט, און ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן קיין מענטשן אזא נידערטרעכטיקן, וואָס ער זאָל קאָנען מיט זיכערקײַט קעגנשטעלן אים דער נידערטרעכטיקײַט פון די בורגונדער. לאַנג האָט ער געטראכט וועגן דער פראגע, ביזוואנען עס איז אים ארוף אפן זיקאָרן עפּעס איינער סער טשעפּארעלאָ פון פּראטאָ, וואָס פלעגט אָפּט ארײַנגיין צו אים אין פּאריזש. אָט דער טשעפּארעלאָ איז געווען קורץ געוואָקסן, האָט זיך ציכטיק אָנגעטאָן, און אזוי ווי פראנצויזן, ניט פארשטייענדיק, וואָס עס באטײַט טשעפּארעלאָ, האָבן געמיינט, אז דאָס איז דאָסזעלביקע, וואָס אף זייער לאָשן chapel, ד. ה. א קראַנץ, האָבן זיי גערופן אים ניט capolo, נאָר Ciappelletto, וואָרעם, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ער געווען קליינוווקסיק. און אזוי האָט מען אים ארמעטום געקאָנט אַלס טשאפּעליעטאָ. דאָס לעבן פון אָט דעם טשאפּעליעטאָ איז געווען אזוינס: געווען א נאָטאריוּס, און ער וואָלט געהאלטן פארן גרעסטן ביזויען, ווען א וועלכער ס'ביט איז פון זײַנע אקטן (כאָטש ער האָט זיי ווייניק פארמאָגט) וואָלט זיך ארויסגעוויזן ניט קיין פאַלשער; אזויניקע איז ער גרייט געווען צונויפצושטעלן בא אן אָנפראגע, און מער גערן אומזיסט, ווידער א צווייטער פאר א גוטער באַלוינונג. פאַלשע איידעס האָט ער געזאָגט מיטן גרעסטן פארגעניגן, א געבעטענער און ניט־געבעטענער. אין יענער צײַט האָט מען אין פראנקרײַך שטארק געגלויבט אין א שווע און פאר אים האָט א פאַלשע שווע גאָרניִשט באטראָפן, און ער האָט בייזווייליק אויסגעוווּנען אַלע איניאָנים, צו וועלכע מע האָט אים צוגעצויגן מיט א פּאָדערונג: זאָגן דעם עמעס אף נעמאָנעס. א פארגעניגן און פארווײַלונג איז פאר אים געווען—פארשפּרייטן אמפּערײַ, סינע און סקאנדאַלן צווישן פרײַנט, קרויווים און וועמען דאָס

זאָל ניט זײַן, און וואָס מער אומגליקן פון דעם ס'פּלעגט ארויס, אַלץ ליבער איז אים געווען. אויב מע פלעגט אים אײַנלאַדן נעמען אן אָנטייל אין א רעציכע אָדער אין א וועלכן ס'ניט איז אנדער שלעכטן איִנין, איז ער געגאנגען אף דעם מיט פרייד, קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט זיך, ניט זעלטן און מיט גערנקייט קאליעטשענדיק און הארגענענדיק מענטשן מיט די אייגענע הענט. גאָט אין הייליקע האָט ער שרעקלעך געלעסטערט איבער יעדער ליאדער קליינינקייט, ווײַל ער איז געווען א קיסן, צו קיינעם גאָר ניט גלײַך. אין קירכע איז ער ניט געגאנגען און געפּלאפּלט מיִעסע ווערטער אף אירע געהיימנישן, גלײַך ווי דאָס וואָלט גאָרנישט ווערט זײַן; פאַרקערט, גערן געגאנגען אין די שענקען און באזוכט אנדערע אומווירדיקע ערטער. נאָך פרויען געווען גיריק, ווי א הונט נאָך א שטעקן, דערפאר האָט ער אין דער קעגנגאטירלעכער אויירע געפונען מער באפרידיקונג, ווידער אן אנדער אויסוואָרף. גאנווענען און בארויבן וואָלט ער געקענט מיט אזא רויִקן געוויסן, מיט א וואָסערן א פרומער מענטש וואָלט דערלאנגט א נעדאָווע; א זוילעל־וועמויוועניק איז ער געווען א גרויסער ניט זעלטן צום אייגענעם שאָדן און דערנידערוגג; א שוליער און פארביסענער שפּילער אין ביינדלעך איז ער געווען א פארברענטער. נאָר צוליב וואָס פאטערן רייד? קיין ערגערער מענטש, ווי ער, קאָן געמאָלט זײַן, איז גאָר ניט געבאָרן געוואָרן. די לאגע און ווירקונג פונעם מעסער מושיאטאָ האָבן א לאנגע צײַט פארדעקט זײַנע בייזווילִיקע שפּיצלעך, פארוואָס פריוואטע מענטשן, וואָס ער האָט ניט זעלטן באליידיקט, און די געריכטן, וואָס ער האָט פאָרגעזעצט באליידיקן, האָבן אים נאָכגעלאָזט. ווען דער מעסער מושיאטאָ האָט זיך דערמאָנט אָנעם סער טשעפּארעלאָ, וועמעס לעבן ער האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז טאקע דער מענטש, וועלכן מע באדארף פאר די בייזע בורגונדער; דערפאר, הייסנדיק א רוף טאָן אים, האָט ער געזאָגט: „דו ווייסט, סער טשאפּעליעטאָ, אז איך פאָר גאָר אוועק פונדאנען; אגעוו, האָב איך אסאָקים מיט די בורגונדער, מיט די ראמאָיִם, און איך געפין ניט קיין מענטשן א מער פאר דיר פאסיקערן, ווענען איך וואָלט געקענט איבערגעבן אופמאָנען פון זיי מײַניקעס. איצטער האָסטו ניט וואָס צו טאָן, און אויב דו וועסט זיך נעמען פאר דעם, בין איך דיר מאָוטיִעך אופצולייגן צו דיר דאָס געריכט און געבן דיר אן אָנשטענדיקן טייל פון דער סומע, וואָס דו וועסט אופמאָנען". סער טשאפּעליעטאָ, וואָס איז געווען ליידיק פון אסאָקים און ניט באזונדערס רײַך מיט לעבנסווילטיקן, זעענדיק, אז עס דערווײַטערט זיך יענער, וואָס האָט אים לאנג געדינט אלס שטיצונג און אונטערהאלטונג, האָט קימאט, א געצווונגענער פון נויטבאדערפעניש, טייקעף אײַנגעשטימט און האָט געמעלדעט, אז ער איז גרייט מיט דער פולער גערנקײַט. אף דעם איז מען דורכגעקומען. סער טשאפּעליעטאָ, באקומענדיק דעם מעסער מושיאטאָס אָנטרויונג און די קעניגלעכע רעקאָמענדיר־בריוו, האָט זיך געלאָזן נאָכן אָפּפאָרן פון מעסער מושיאטאָ קײַן בורגונדיע, ווו קיינער האָט אים קימאט ניט געקענט. דאָ, אף צולאָכעס זײַן אייגענער נאטור, האָט ער אָנגעהויבן אופצומאָנען די כויועס ווייך און פרידלעך און פראווען זײַן אייסעק, נאָך וועלכן ער איז געקומען, גלײַך ער לאָזט פאר זיך די מעגלעכקײַט צו צעשפּילן זיך צום סאָף. אין

דער צייַט פון די אסאָקים, געפינענדיק זיך אין הויז פון צוויי ברידער פלאָרענטינער, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט וואָכערייַ און וואָס האָבן אים מעכאבעד געווען צו־ ליבן מעסער מושיאטאָ, האָט ער פארקרענקט. די ברידער האָבן גלייַך געשיקט נאָך דאָקטוירים און מענטשן, וואָס זאָלן ארום אים ארומגיין, און האָבן געטאָן אלעס נוי־ טיקעס צוליב זייַן געזונט וועגן; נאָר יעדע הילף איז געווען אומזיסט, ווייַל, לויט דער מיינונג פון די מעדיקער, איז דעם סער טשאפעליעטאָ, שוין א באיאָרטן מענטשן, וואָס האָט דערצו נאָך צעלאָזן א לעב געטאָן, געוואָרן ערגער פון טאָג אף טאָג, דאָס איז געווען א טויט־קרענק. דאָס האָט שטארק פארדריסיקט די ברידער; איינמאָל האָבן זיי פארפירט א געשפרעך אין שכיינעסדיקן צו דעם צימער, ווו ס'איז געלעגן דער קראנקער סער טשאפעליעטאָ: „וואָס וועלן מיר אָנהויבן מיט אים טאָן?—האָט געזאָגט איינער דעם צווייטן.—שלעכט איז אונדז מיט אים: ארויסטרייַבן אים א קראנקן פון שטוב ארויס—וואָלט געווען א שרעקלעכע שאנד און סימען פון זינלאָזיקייַט: אלע האָבן געזען, ווי מיר האָבן אים פריער צוגענומען, נאָכדעם פאָרגעשטעלט דאָס בעס־ טע ארומגיין ארום אים און מעדיצינישע הילף—און מיטאמאָל וועט מען דערזען, אז מיר טרייַבן אים, א טויט־קראנקן פלוצלונג פון שטוב ארויס, בייס ער איז אויך ניט אימשטאנד געווען צו טאָן אונדז עפעס וואָס אומבאקוועמלעכס. פון דער צווייטער זייַט איז ער געווען אזא מין מענוול, אז ער וועט גאָר ניט וועלן זאָגן קיין ווידוי און באהעפטן זיך מיט די הייליקע סוידעס, און אויב ער וועט שטארבן אָן ווידוי, וועט קיין איין קירכע ניט צונעמען זייַן גוף, וואָס מע וועט ווארפן אין גרוב ווי א הונט. נאָר אויב ער וועט שוין יאָ מיסוואדע זייַן זיך, פארמאָגט ער דאָך אזויפל זינד און אזוינע שרעקלעכע, אז עס וועט זיך באקומען דאָסזעלביקע, וואָרעם עס וועט זיך ניט געפינען אזא מאָנאך אָדער גאלעך, וואָס זאָל אייַנשטימען צו פארגעבן זיי אים: אזוי, ניט באקומענדיק קיין פארגעבונג, וועט ער פאָרט אין קיי‍ווער ארייַן. אויב דאָס וועט זיך טרעפן, איז די אייַנוווינער פון דער שטאָט, וועלכע באריידן אונדז אָן אופ־ הער פאר אונדזער פארנאָסע, וואָס שטעלט זיך זיי פאָר אלס ניטערלעכע, און וועל־ כע וואָלטן ניט קעגן זייַן צו בארויבן אונדז, דערזעענדיק עס, וועלן זיי זיך אופהויבן אף אונדז מיט א געשריי: „ניטאָ וואָס צו זשאלעווען אָט די הינט, די לאָמבארד־ האלטער, די קירכע נעמט זיי אויך ניט צו!” און א וואָרף טאָן וועלן זיי זיך אף אונ־ דזערע הייַזער און, גאנץ מעגלעך, ניט נאָר זיי וועלן צערויבן אונדזער גוטס, נאָר דערצו נאָך וועלן זיי דאָס לעבן אויך אוועקנעמען. אזוי, צי אנדערש, נאָר אונדז וועט שלעכט זייַן, אויב ער וועט שטארבן”.

סער טשאפעליעטאָ, וואָס איז געלעגן, ווי איך האָב געזאָגט, נאָענט צו דעם אָרט, ווו זיי האָבן אזוי געשמועסט, בא דעם פארשארפטן געהער, וואָס טרעפט אָפט בא קראנקע, האָט ער דערהערט, אז מע האָט גערעדט וועגן אים. הייסנדיק ארוף טאָן זיי צו זיך, האָט ער געזאָגט: „איך פארלאנג ניט, אז איר זאָלט זיך באומרויִקן פון מייַנטוועגן און זאָלט מוירע האָבן צו לייַדן איבער מיר. איך האָב געהערט, וואָס איר האָט וועגן מיר גערעדט, און בין פולקאָם זיכער, אז אזוי וואָלט דאָס אלץ טאקע געטראָפן, ווי איר האָט גערעכנט, אויב דאָס וואָלט געגאנגען אזוי, ווי איר שטעלט

אײַך פאָר. נאָר עס וועט גײן אנדערש. באם לֿעבן האָב איך אזויפילֿ באַלֿײדיקט גאָט, אז אויב פארן טויט וועלֿ איך טאָן דאָסזעלֿביקע אין פארלויף פון א וועלֿכער ס'ניט איז האַלֿבער שאָ, וועט דערפון די שולד ניט ווערן גרעסער, ניט קלֿענער. דעריבער באַפעלֿט א רוף טאָן צו מיר א הײלֿיקן גוטן מאָנאך, דעם בעסטן, וואָס איר וועט טרעפן, אויב אזוינעם איז נאָר צו טרעפן, און דערלֿויבט מיר שוין האַנדלֿען: איך וועלֿ באַשטימט אײַנאָרדענען אי אײַערע, אי מײַנע איניאָנים אזוי גוט, אז איר וועט בלֿײַבן צופרידן". די ברידער האָבן אפילֿע ניט שטארק געהאָפט, פונדעסטוועגן האָבן זײ זיך געלֿאָזט אין איין מאָנאַסטיר און האָבן געפאָדערט א וועלֿכן ס'ניט איז הײלֿיקן קלֿוגן מאָנאך, וועלֿכער זאָלֿ צונעמען די ווידע בא א לֿאָמבארדער, וואָס איז פארשלֿאַפט געוואָרן בא זײ אין הויז. האָט מען זײ געגעבן א זאָקן מיט א הײלֿיקן, מוסטערדיקן לֿעבן, א גרויסן קענער פון דער הײלֿיקער שריפט, א מענטשן זײער א געאַכטן, צו וועלֿכן אַלֿע שטאָט־לֿײַט האָבן זיך באַצויגן מיט א באַזונדער גרויסן דרעכערעך. האָבן זײ אוועקגעפירט אים; קומענדיק אין צימער, ווו ס'איז געלֿעגן דער סער טשאפעלֿיעטאָ, און צוגײענדיק צו אים, האָט ער גענומען ווילֿמוטיק טרײסטן אים, און דערנאָך האָט ער געפרעגט, וויפלֿ צײַט עס איז פארבײַ זינט זײַן לֿעצטן אָפּגעבן ווידע. סער טשאפעלֿיעטאָ, וואָס האָט קײנמאָלֿ קײן ווידע ניט אָפּגעגעבן, האָט געענטפערט: „מײַן פאָטער, ווי געוויינטלֿעך בין איך זיך מיסוואַדע יעדע וואָך, צום ווייניקסטן איין מאָלֿ, ניט רעכענענדיק די וואָכן, בײס איך גײ אָפּטער אָפּגעבן ווידע; עמעס, פון דער צײַט, זינטער איך האָב פארקרענקט, מיט א וואָך צוריק, האָב איך ניט מיסוואַדע געוועזן זיך. אזוינע שמערצן האָט מיר פארשאַפט מײַן שוואַכקײַט!" — „גוט האָסטו געטאָן, זון מײַנער, האָט געזאָגט דער מאָנאך, טו עס אזוי אויך אף ווײַטער; כ'זע, אז ווייניק וועט מיר אויסקומען צו הערן און פרעגן, ווי באַלד דו ביסט אזוי אָפט גײַסט־אויפגעלֿײגט" — „זאָגט עס ניט, הײלֿיקער פאָטער, האָט געזאָגט סער טשאפעלֿיעטאָ: וויפלֿ מאָלֿ און ווי אָפט איך פלֿעג זיך ניט מיסוואַדע זײַן, פלֿעג איך יעדעס מאָלֿ האָבן אינזינען צו כאראָטע האָבן אף אַלֿע אווײרעס, זועגן וואָסערע איך האָב נאָר געדענקט צײַט דעם טאָג פון מײַן געבאָרן ביזן טאָג פון מײַן ווידע; דעריבער בעט איך אײַך, ערלֿעכסטער פאָטער, פרעגן מיך וועגן אַלֿץ אזוי אויספירלֿעך, גלֿײַך ווי איך וואָלֿט זיך גאָר קײנמאָלֿ ניט מיסוואַדע געוועזן. קוקט ניט אף דעם, וואָס איך בין קראַנק: מיר איז לֿיבער צו פארשאַפן אומבאַקוועמעס מײַן קערפער־וועזן, אײדער, נאָכגעבנדיק אים, טאָן וואָס ניט איז צו אומבורעגען מײַן נעשאָמע, וועלֿכע מײַן דערלֿײזער האָט אויסגעקויפט מיט זײַן טײַערסטן בלֿוט". — די דראָשעס זײַנען זײער געפעלֿיק געוואָרן דעם הײלֿיקן פאָטער און האָבן אים אויסגעוויזן זיך אַלֿס באַווײַז פון פרומען גײַסט־צושטאַנד. טיפהאַרציק באַרעכטיקנדיק אזא געוווינהײַט פונעם סער טשאפעלֿיעטאָ, האָט ער אָנגעהויבן צו פרעגן אים, צי האָט ער זיך ניט פארזינדיקט ווען ס'ניט איז מיט א וועלֿכער ס'ניט איז פרוי? סער טשאפעלֿיעטאָ האָט געענטפערט, זיפצנדיק: „פאָטערלֿ, אין דער הינזיכט איז מיר ביזוינעסדיק צו אַנטדעקן פאר אײַך דעם עמעס, וואָרעם איך האָב מוירע צו זינדיקן דורך באַרימערײַ". — „רייד, ניט שרעק זיך, קײנער האָט זיך נאָך ניט פארזינדיקט, זאָגנדיק

דעם עמעם באם ווידע אָדער בא אן אנדער פאל״.—האָט געזאָגט דענסטמאָל סער טשאפעליעטאָ: „אויב איר פארזיכערט מיך אין דעם, וועל איך זאָגן אייַך: איך בין אזוי צניעסדיק גאנץ, ווי איך בין ארויס פון מייַן מוטערלס געדערעם״.—„זאָל דיך דער אויבערשטער בענטשן!—האָט געזאָגט דער מאָנאך: גוט האָסטו געטאָן און, פירנדיק זיך אף אזא אויפן, האָסטו נאָך מער פארדינט, אז אויב דו וואָלסט נאָר פארוואָלט, האָסטו געמאָגט טאָן דאָס פארקערטע מיט א גרעסערער פרייַהייַט, איידער איך און אלע יעניקע, וועלכע זייַנען פארבונדן מיט א וועלכן ס׳ניט איז ניידער״.—דערנאָך האָט ער געפרעגט אים: צי האָט ער ניט דערצאָרנט גאָט מיט א זוילעלוועסויווע־זינד.—„יאָ, און פיל מאָל״,—האָט געענטפערט סער טשאפעליעטאָ, טיף זיפצנדיק—ווייל כאָטש ער האָט אָפּגעהיט אלע יערלעכע טאנייסים, וואָס ווערן אָפּגעהיט דורך פרומע לייַט, און אלע וואָך צוגעווינט זיך לעכאלעפּאָכעס דרייַמאָל פאסטן אף ברויט מיט וואסער, פונדעסטוועגן האָט ער געטרונקען וואסער מיט אזא האנאָע און גיריקייַט, מיט וועלכע גרויסע ליבהאָבער טרינקען ווייַן, איבערהויפּט בא א מידן צושטאנד נאָכן אומגיין צו דער טפילע, אָדער באם אוילערעגל זייַן; אָפטמאָל האָט זיך בא אים אויך געשאפן אפעטיט צום סאלאט פון די גראָזן, וואָס פויערטעס קלייַבן, לאָזנדיק זיך אין פעלד אריין; אן אנדערש מאָל האָט דאָס עסן אויסגעוויזן אים מער געשמאק, ווי דאָס וואָלט באדארפט לויט זייַן מיינונג אויסווייַזן זיך דעם, ווער, אים צוגלייַך, עס פאסט פאר פרומקייַט. אף דעם האָט געענטפערט דער מאָנאך: „זון מייַנער, אָט די זינד זייַנען שוין אין דערעכאטעווע לייַכטע, און איך וויל ניט, אז דו זאָלסט איבעריק באלעסטיקן מיט זיי דייַן געוויסן. מיט יעדן מענטשן, ווי הייליק ער זאָל ניט זייַן, טרעפט זיך, אז די אכילע ווייַזט אים אויס געשמאקער נאָך לאנגן הונגערן און דאָס געטראנק—נאָך א מידקייַט״.—„ניט רעדט עס מיר צום שטילן מיך, פאָטער מייַנער״, האָט דערווידערט סער טשאפעליעטאָ: „איר ווייסט גלייַך ווי איך, אז אלץ, וואָס ווערט געטאָן צוליב דעם אויבערשטן, דארף געטאָן ווערן אין ריינקייַט און אָן יעדער מאכשאָוועסדיקער באשמוצטקייַט; ווער סע טוט אנדערש, זינדיקט״.—דער מאָנאך האָט א ליבן שמייכל געטאָן: „איך בין זייער צופרידן, וואָס אזעלכע זייַנען די געדאנקען דייַנע און אויסערגעווייינטלעך געפעלט מיר דייַן ריינע, ערלעכע געוויסנהאפטיקייַט. נאָר זאָג מיר, צי האָסטו ניט געזינדיקט אף קוואפּען זיך צו ארייַנכאפּן פארמעגנס, וועלנדיק מערער, ווי מע באדארף, וואָס דאָס זאָל ניט זייַן?״—האָט געענטפערט אף דעם סער טשאפעליעטאָ: „כ׳וואָלט ניט פארלאנגען, מייַן פאָטער, אז איר זאָלט באשליסן וועגן מיר דורך דעם, וואָס איך געפין זיך אין הויז בא די פּראָצענטניקעס; איך האָב ניט מיט זיי קיין שום מאגע־אומאסע, איך בין אפילע געקומען אהער, קעדיי זייער געוויסן באווירקן, איבערצייַגן און אָפּקערן זיי פון דעם עקלדיקן געשעפט און, קען זייַן, כ׳וואָלט געהאט דערפאָלג אין דעם, ווען דער אויבערשטער וואָלט ניט פארלאנגט מיך. זייַט וויסן, אז דער פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזט א גוט פארמעגן, א טייל פון וועלכן איך האָב צעטיילט נאָך זייַן טויט אף נעדאָוועס; דערנאָך, קעדיי אליין דורכצולעבן זיך און צו העלפן די אָרעמע קריסטלעכע ברידער, האָב איך גענומען ביסלעכווייַז האנדלען, וועלנדיק דורך דעם פארדינען, שטענדיק צע־

טײלנדיק די רעוואָכים מיט גאָטעס לײַט, איין העלפּט אויסגעבנדיק אַף די אייגענע באַדערפעניש, די צווייטע אָפּגעבנדיק זיי. און אזוי האָט מיר אין דעם געהאָלפן מײַן באַשעפער, אַז מײַנע געשעפטן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט פון גוטן צו נאָך בעסערן“.

—„גוט האָסטו געטאָן“, האָט געזאָגט דער מאָנאַך, נאָר צי ביסטו ניט אָפּטער ארײַנגעפאלן אין גרימצאָרן?“—אָ־וואָ, האָט געזאָגט סער טשאַפּעליעטאָ, אין דעם, וועל איך אײַך זאָגן, בין איך אָפט אַרײַנגעפאלן. און ווער וואָלט זיך עס אײַנגעהאַלטן, זעענדיק טאָג־טעגלעך, ווי מענטשן ווערן צעלאָזן, ניט אָפּהיטנדיק גאָטס געבאָטן, ניט שרעקנדיק זיך פאר גאָטס מישפּעט. אייניקע מאָל אין טאָג איז מיר געקומען א פאַרלאַנג—בעסער שוין שטאַרבן איידער לעבן, בייס געזען האָב איך יונגע מענטשן, וואָס יאָגן זיך נאָכגעבן זייערע טײַוועס, וואָס שווערן זיך און ברעכן די שווּע, וואָס שלעפן זיך אַרום איבער די שענקען און באַזוכן ניט די קירכע, וואָס פאָלגן מער נאָך די וועגן פון אוילעמהאַזע, איידער גאָטס דראָכים“.—„זון מײַנער“, האָט געזאָגט דער מאָנאַך, „דאָס איז הייליקער קאַעס, און פאר דעם וועל איך דיך ניט קאַנסענען. נאָר, פיליכט האָט דער קאַעס ׳דיך געפירט צו מערדערײַ, צו פאַרשאַפן עמעצן א באַליידיקונג, אָדער אַן אַנדער פאַריבל?“—„גאָט מײַנער“, האָט דערווידערט סער טשאַפּעליעטאָ: „איר זײַט, דאַכט זיך, א הייליקער מענטש און איר רעדט אזוינע זאַכן! אויב זשע בא מיר וואָלט געבאָרן ווערן די קלענסטע מאַכשאָווע צו טאָן איינע פון די זאַכן, וואָס איר האָט אָנגערופן, ניט שוין זשע, קלערט איר, וואָלט דער אויבערשטער אזוי לאַנג געהאַלטן מיך? אַף אזעלכע זאַכן זײַנען פּעיִק נאָר ראָצכים און גאַזלאָנים; איך זשע, יעדעס מאָל, בייס מיר פלעגט אויסקומען צו זען וועמען ניט איז פון דידאָזיקע, פלעג זאָגן: „גיי, זאָל דיך דער אויבערשטער פאַרקערן אין גוטן וועג!“—האָט געזאָגט דעמלט דער מאָנאַך: „זאָג מיר, זון מײַנער, זאָל דיך גאָט דער האַר בענטשן, צי האָסטו ניט פאַלש איידעס געזאָגט קעגן וועמען ס׳ניט איז, עפּשער בייז גערעדט, צי האָסטו ניט אָפּגענומען פרעמדס קעגן ווילן פונעם אייגנטימער?“—„יע מעסערע, גערעדט האָב איך בייז קעגן צווייטן: געווען איז בא מיר א שאָכן, וואָס פלעגט אָן קיין שום סיבע דערצו געשלאָגן זײַן ווײַב; האָב איך אַמאָל געזאָגט וועגן אים שלעכטס פאר דער ווײַבס קרויווים; אזא מין צאַר האָב איך דערפילט צו דער ביטערינקער, וועלכע ער האָט, גאָט ווייסט ווי, געבייקערט יעדעסמאָל, ווען ער האָט זיך אָנגעשיקערט“.—„גוט“, האָט פאָרגעזעצט דער מאָנאַך: „דו האָטסט געזאָגט מיר, אַז דו ביסט געווען א סויכער; צי האָסטו ניט אָפּגענאַרט וועמען, ווי דאָס טוען די סאָכרים?“—„כ׳בין שולדיק“, האָט געענטפערט סער טשאַפּעליעטאָ, „נאָר איך ווייס ניט, וועמען האָב איך אָפּגענאַרט: עפּעס איינער האָט געבראַכט מיר געלט פאר פאַרקויפטן געוואַנט, האָב איך אזוי אוועקגעלייגט זיי אין קאַסטן ניט איבערגעציילט און אין א כוידעש אַרום געפונען דאָרט אַף פיר קליינע מאַטבייעס מער, ווי ט׳האָט געקומט; ניט זעענדיק יענעם מענטשן, האָב איך געהיט דאָס געלט אין פאַרלויף פון א יאָר, קעדיי אָפּצוגעבן זיי אים, און דערנאָך מענאַדעוו געווען זיי אין גאָטס נאָמען“.

—„דאָס איז פון די קליינע זאַכן, דו האָסט געטאָן גוט, פאַראָרדענענדיק אזוי“, האָט געזאָגט דער מאָנאַך. אויסער דעם האָט נאָך וועגן אַסאַך אַנדערע זאַכן פאַנאַנדער־

געפרעגט אים דער הייליקער פאָטער און אף אַלץ האָט ער געענטפערט מיטן זעלביקן אויפן. דער מאָנאך האָט שוין געוואָלט פריַי לאָזן אים, האָט סער טשאפעליעטאָ געזאָגט: „מעסער, איך האָב נאָך איין אווירע, וועגן וועלכער איך האָב ניט געזאָגט איַיך.“ — „א וואָסערע?“ — האָט געפרעגט יענער און דער האָט געענטפערט: „איך דערמאָן מיך, אז אמאָל האָב איך געהייסן מיַין דינער אויסקערן דאָס הויז שאבעס נאָך ניַין דעם זייגער, פארגעסנדיק די גרויסווערדיקע אכטונג צום זונטיק.“ — „דאָס איז א קלייניקייט, זון מיַינער, האָט געזאָגט דער מאָנאך. — „ניין, ניט זאָגט, אז דאָס איז ניט וויכטיק“, האָט געזאָגט סער טשאפעליעטאָ, „דעם זונטיקדיקן טאָג דארף מען ערן מיט קאוואָנע, וואָרעם אין דעם טאָג איז טכיאס־האמייסים אופגעשטאנען קריסטוס, דער האר אונדזערער.“ — האָט געזאָגט דענסטמאָל דער מאָנאך: „צי האָסטו ניט געטאָן נאָך וואָס?“ — „יע, מעסערע“, האָט געענטפערט סער טשאפעליעטאָ; „אמאָל, פארגעסנדיק זיך, האָב איך אויסגעשפּיִען אין גאָטעס קירכע.“ — דער מאָנאך האָט א שמייכל געטאָן: „זון מיַינער“, האָט ער געזאָגט, „וועגן דעם דארף מען זיך ניט אומרויִקן; מיר, מאָנאכן, שפּיַיען דאָרטן אַלע טאָג.“ — „זייער שלעכט טוט איר“, האָט געזאָגט סער טשאפעליעטאָ: „דעם הייליקן טעמפּל דארף מען מער פאר אַלץ האַלטן ריין, וואָרעם אין אים ווערט געבראכט גאָטס קאָרבן.“ — מיט איין וואָרט, אזעלכע זאכן האָט ער אָנגערעדט דעם מאָנאך זייער פיל, און לעסאָף האָט ער זיך גענומען זיפצן און קלאָגן, וואָס ער האָט זייער גוט געקענט, בייס ער האָט געוואָלט. — „וואָס איז מיט דיר, זון מיַינער?“ — האָט געפרעגט דער הייליקער פאָטער. האָט געענטפערט סער טשאפעליעטאָ: — „ווי איז מיר, מעסערע, איין אווירע איז בא מיר פארבליבן, קיינמאָל האָב איך אף איר קיין כאראָטע געקראָגן, אזא ביזויען איז מיר צו אנטדעקן זי: יעדעס מאָל, בייס איך דערמאָן מיך אָן איר, וויין איך, ווי איר זעט, און סע דונכט זיך מיר, אז מיסטאָמע וועט דער אויבערשטער קיינמאָל ניט דערבארעמען זיך אף מיר פאר דער פארזינדיקונג.“ — „וואָס רעדסטו עס, זון מיַינער?“ — האָט געזאָגט דער מאָנאך: „אויב אַלע זינד, וואָס מענטשן האָבן ווען ס'ניט איז באגאנגען, אָדער וואָס זיי דארפן ערשט באגיין ביזן וועלט־אונטערגיין, וואָלטן פארייניקט ווערן אין איין פערזאָן, און דער מענטש יענער וואָלט אויך אזוי כאראָטע געהאט און דערמילדערט ווערן, ווי דו, איז אזוי גרויס גאָטס כעסעד און בארעמהארציקייַט, אז גאָט וואָלט זיי מויכל זיַין נאָך זיַין גנעדיקייַט, אויב ער וואָלט זיי צום ווידע גענומען. דעריבער רייד, שרעק זיך ניט.“ — נאָר סער טשאפעליעטאָ האָט פאָרגעזעצט שטארק וויינען: „וויי, פאָטער מיַינער“, האָט ער געזאָגט, „מיַין זינד איז צופיל גרויס, און איך גלויב קימאט ניט, אז דער אויבערשטער זאָל מיר עס מויכל זיַין, אויב סע וועלן ניט מיטהעלפן איַיערע טפילעס.“ — „רייד אָן מוירע“, האָט געזאָגט דער מאָנאך, „איך זאָג דיר צו טפילע צו טאָן צו דעם אויבערשטן פאר דיר.“ — סער טשאפעליעטאָ האָט אַלץ געוויינט און גאָרנישט גערעדט, און דער מאָנאך האָט פאָרגעזעצט איַינריידן אים. לאנג יאָמערנדיק, האָט סער טשאפעליעטאָ אָפגעהאַלטן דעם מאָנאך אין אזא דערוואַרטונג און דערנאָך, ארויסלאָזנדיק א טיפן זיפץ, האָט ער געזאָגט: „פאָטער מיַינער, אזוי ווי איר האָט מיר צוגעזאָגט צו טאָן טפילע צו גאָט פאר מיר, וועל איך זיך אנפּטלעקן: זיַיט וויסן,

אז זײַענדיק נאָך א קינד, האָב איך אָפּגעזידלט אמאָל מײַן מוטער!" זאָגנדיק עס, האָט ער איבעראַנײַס געגומען שטארק װײנען. — „זון מײַנער", האָט געזאָגט דער מאָנאך, „און אָט די אװײרע שטעלט זיך דיר פאָר פאר א שרעקלעכער? גאנצע טעג לעסטערן גאָט די מענטשן און דער אױבערשטער איז גערן מױכל די, װאָס האָבן כאראָטע געהאט אױף זײער גאָט־לעסטערונג, און דו מײנסט, אז ער װעט דיר ניט מױכל זײַן? װײן ניט, טרײסט זיך; איך פארזיכער דיך, אז אױב דו װאָלסט געװען פון די, װאָס האָבן אים געקרײציקט אפן קרײץ, װאָלט ער דיר מױכל זײַן: אזױ גרױס איז, װי איך זע, דײַן כאראָטע".— „אָװא, פאָטער מײַנער, װאָס רעדט איר דאָס!"— האָט געזאָגט סער טשאפעליעטאָ: „מײַן ליבע מוטער האָט מיך געטראָגן אין מעשעך פון נײַן כאדאָשים טאָג און נאכט; און אױף די הענט האָט זי מיך געטראָגן מער פון הונדערט מאָל; שלעכט האָב איך געטאָן, װאָס איך האָב זי אָפּגעזידלט, שװער איז אָט די זינד מײַנע! אױב איר װעט פאר מיר ניט טפילע טאָן צו גאָט, װעט ער מיר ניט מױכל זײַן".—װען דער מאָנאך האָט דערזען, אז סער טשאפעליעטאָן איז נישט פארבליבן מער צו זאָגן, האָט ער אים פארגעבן און געבענטשט אים, האלטנדיק אים פאר א הײליקן מענטשן, װאָרעם ער האָט זיכער געגלױבט, אז אלץ, װאָס סער טשאפעליעטאָ האָט געזאָגט, איז עמעס. און װער װאָלט עס ניט געגלױבט, דערהערנדיק אזױנע רײד פון א מענטשן אין דער גסיסע־שאָ? נאָך דעם אלעם האָט ער געזאָגט: „סער טשאפעליעטאָ, מיט גאָטעס הילף װעט איר באלד געזונט װערן, נאָר אױב עס װאָלט געטראָפן, אז דער אױבערשטער װעט צו זיך רופן אײַער געבענטשטע און אופגעריכטע נעשאָמע, צי װאָלט איר ניט װױל־באטראכט, אז אײַער גוף זאָל מעקובער װערן אין אונדזער מאָנאסטיר?"—„יאָ, מעסערע", האָט געענטפערט סער טשאפעליעטאָ, „און כ'װאָלט גאָר ניט פארלאנגט קײַן אנדער אָרט, אזױ װי איר האָט צוגעזאָגט טפילע צו טאָן פאר מיר, ניט רײדנדיק שױן װעגן דעם, װאָס איך בין שטענדיק געװען באזונדערס איבערגעגעבן אײַער אָרדען. דעריבער בעט איך אײַך, װי נאָר איר װעט זיך צוריקערן צו זיך, פאראָרדענען, מע זאָל מיר ברענגען דעם עמעסדיקן קריסטוסעס גוף, װאָס איר הײליקט אלע אינדערפרי אפן אַלטאר, װאָרעם, כאָטש איך בין עס ניט װערט, פארלאנג איך מיט אײַער דערלױבעניש פארײניקן זיך צו אים און דערנאָך די ערע האָבן צו באקומען די הײליקע, לעצטע זאלבונג, קעדײ, אָפּלעבנדיק אין זינד, לעכאָלעפּאָכעס, שטארבן װי א קריסט".—דער הײליקער מאן האָט מיט פרײד אײַנגעשטימט, געלױבט אים פאר זײַנע װונטשן און געזאָגט, אז ער װעט טײקעף פאראָרדענען, מע זאָל אים אלץ אױספירן. אזױ איז עס געטאָן געװען.

בײדע ברידער, װאָס האָבן געצװײפלט, אז עס זאָל זײ װי ניט איז ניט פארפירן סער טשאפעליעטאָ, האָבן זיך באזעצט הינטערן װענטל, װאָס האָט אָפּגעטײלט זײ פונעם צימער, װוּ ס'איז געלעגן סער טשאפעליעטאָ, און, צוהערנדיק זיך, האָבן זײ לײַכט געקענט הערן און פארשטײן אלץ, װאָס סער טשאפעליעטאָ האָט געזאָגט דעם מאָנאך; הערנדיק די װידע פון זײַנע פארברעכנס, זײנען זײ ניט אײן מאָל גרײט געװען צו פּלאצן פאר געלעכטער. אָט דאָס איז א מענטש! גערעדט האָבן זײ צװישן זיך: „ניט קײן עלטער, ניט קײן קרענק, ניט קײן שרעק פאר באלדיקער טױט, ניט

קיין מוירע פאר גאָט, פאר וועמענס מישפּעט ער דארף זיך שטעלן אין וועלכער ס'ניט איז שאָ ארום — קיין זאך האָט אים ניט אָפּגעקערט פון דער זינדיקײט און פארלאנג צו שטארבן אזוינער, א וועלכער ער האָט געלעבט". דערהערנדיק, אז מע האָט צוגעזאָגט באגראָבן אים אין קלויסטער, האָבן זיי אופגעהערט צו זאָרגן זיך וועגן דעם ווײַטערדיקן. באלד נאָך דעם האָט סער טשאפּעליעטאָ זיך מיסיאכעד געווען צו קריסטוסן און, אז אים איז שלעכט געוואָרן אָן א ברעג, האָט ער זיך מיסיאכעד געווען צו דער הייליקער קירכע; אין יענעם זעלביקן טאָג, בייס עס איז פאָרגעקומען זײַן מוסטערהאפטיקע ווידע, איז ער באלד נאָך דער אָוונט־טפילע געשטאָרבן. דעריבער האָבן ביידע ברידער, צוגרייטנדיק אפן טויטנס מיטלען אן אָנשטענדיקע לעווײַע און קווורע און שיקנדיק אָנזאָגן די מאָנאכן, זיי זאָלן, לויטן מינהעג, קומען אינאָוונט צוליב נאכטיקן וואך זײַן לעבן טויטן און אינדערפרי בא דער קווורע, אײַנגעאָרדנט אלץ, וואָס איז צוליב דעם נויטיק. דער פרומער מאָנאך, וואָס האָט בא אים אופגענומען די ווידע, דערהערנדיק וועגן זײַן פטירע, האָט איבערגערעדט מיטן פּריאָר פון מאָנאסטיר און, צונויפרופנדיק דורכן קלויסטער־קלונג די גאנצע מאָנאכן־געמיינדע, האָט ער דערציילט זיי, וואָס פאר א הייליקער מענטש סער טשאפּעליעטאָ איז געווען, אורטיילנדיק לויט זײַן מיסוואדע זײַן זיך. ער האָט געלייגט פיל האָפענונגען, אז צוליב אים וועט דער אויבערשטער ארויסבאווײַזן פיל מאָפסים און האָט אײַנגערעדט די מאָנאכן צו צונעמען זײַן גוף מיט דער פאסיקער ערע און אופנאם. דער פּריאָר און די לײַכטגלויבע מאָנאכן האָבן אײַנגעשטימט; אינאָוונט האָבן זיי זיך געלאָזט אהין, וווּ ס'איז געלעגן סער טשאפּעליעטאָס גוף; זיי האָבן אָפּגעריכט איבער אים א גרויסע פײַערלעכע טויטן־מעסע און אינדערפרי, אין ריזעס און אין בישאָף־מאנטלען, מיט ביכער אין די הענט, מיט פאָרויסטראָגן צלאָמים, מיט געזאנג האָט מען זיך געלאָזט נאָכן גוף און מיט גרויס קאָוועד און פײַערלעכקײַט האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין קלויסטער, באגלייט קימאט מיט דער גאנצער שטאָט־באפעלקערונג, מענער און פרויען. אז מע האָט אים אוועקגעשטעלט אין קלויסטער, האָט דער הייליקער פאָטער, וואָס האָט בא אים אופגענומען די ווידע, ארופגייענדיק אפן בימע, גענומען פּריידיקן אויסטערלעכע זאכן וועגן זײַן לעבן, טאנייסים, בסולעדיקײַט, וועגן זײַן פּאשטעס, אומשולדיקײַט און הייליקײַט און, אגעוווּרכע, דערציילט וועגן דעם, אז סער טשאפּעליעטאָ, האָבנדיק כאראָטע דורך גיסן טרערן, האָט אנערקענט וואָס עס איז די גרעסטע זינד זײַנע, און ווי ער האָט קוים אײַנגערעדט אים, אז דער אויבערשטער וועט אים מויכל זײַן. דערנאָך, ווענדנדיק זיך מיט פאָרוווּרף צו די צוהערער, האָט ער געזאָגט: — „און איר, פון גאָט פארפלוכטע, לעסטערט גאָט און זײַן מוטער און גאנצן גאנײדנשן הייליקן שטאַלט פון איבער יעדן שטרויעלע, וואָס האָט זיך אײַך געטראָפן אונטער די פיס!" — און נאָך אסאך האָט ער גערעדט וועגן זײַן גוטסקײַט און פרומקײַט. באלד האָט ער מיט זײַנע רעדעס, צו וועלכע די דאָרפישע לײַט האָבן זיך פארהאלטן מיטן פולן גלויבן, אזוי ארײַנגעקלאפּט זיי אין קאָפּ דערפורכטיקע מאכשאָוועס, אז נאָכן פארענדיקן די מעסע האָבן זיך אלע אין א שרעקלעכער שטיקעניש א וואָרף געטאָן קושן דעם טויטנס פיס און הענט, האָבן צעריסן אף ברעקלעך די קליידער, וואָס זײַנען

אַף אים געווען; און פאר א גליקלעכן האָט זיך גערעכנט דער, ווער ס'האָט באקומען כאָטש א טיילעכל. איז אויסגעקומען צו לאָזן אים אַף אזא אויפן אין מעשעך פון א גאנצן טאָג, קעדיי אלע זאָלן קענען אים זען און אָנקוקן זײַן פּאָנעם. אז עס איז געקומען די נאכט, האָט מעז אים ווויל־פּרעכטיק מעקאבער געווען אין א מירמלנעם גראָבמאָל אין איין קאפּעלע; אפּמאָרגן האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן קומען דער האמוין, גענומען שטעלן ליכט און בוקן זיך, און ברענגען נעדאָרים, און הענגען וואקסענע פיגורלעך—לויטן צוזאָג. אזוי איז אויסגעוואקסן דער שעם וועגן זײַן הייליקײַט און דאָס פּארערן אים, אז עס איז קימאט ניט געווען קײַן איינער, וואָס זאָל זיך אין אן אייס־צאָרע ווענדן צו אן אנדער הייליקן און ניט צו אים. א נאָמען געגעבן האָט מען אים און מע רופט אים: San Ciappelletto און מע פארזיכערט, אז דער אויבערשטער האָט צוליב אים פיל וווּנדער באוויזן און באווײַזט נאָך טאָג־טעגלעך פאר די, ווער מיט דערפורכטונג עס קומט צו אים אָן.

דזש. באָקאטשיאָ.

מארטעלינאָס פּסאק.

מארטעלינאָ, פאָרשטעלנדיק זיך פאר א קאליקן, מאכט אן אָנשטעל, אז ער איז אויסגעהיילט געוואָרן דורך די מאָשטשעס פונעם הייליקן אריגאָ; ווען זײַן נארערײַ ווערט אופגעדעקט, שלאָגט מען אים און מע כאפּט אים און ער שטייט פאר א געפאר צו זײַן אופגעהאנגען, נאָר צום סאָף ראטעוועט ער זיך ארויס.

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט געלעבט אין טרעוויזאָ א דײַטש מיטן נאָמען אריגאָ, וואָס, זײַענדיק אן אָרעמאן, האָט ער געטראָגן מאסאָעס געדונגענערהייט פון אלעמען, ווער סע האָט נאָר באדארפט; בא אלעם דעם האָט ער זיך גערעכנט פאר אן ערלעכן מאן, וואָס פירט א הייליקן לעבן. איבער דער סיבע (אן עמעס איז עס, אָדער ניט) האָט געטראָפן, אז בייס ער איז געשטאָרבן, איז פונקט אין דער שאָ פון זײַן טויט, ווי עס באשטעטיקן די טרעווויזער, האָבן אלע גלעקער פון דער הויפּט־קירך אין טרעוויזאָ, אָן וועמעס ס'ניט איז צורירן זיך, גענומען קלינגען. אָנעמענדיק עס פאר א מויפעס, האָבן אלע גענומען ריידן, אז אריגאָ איז א הייליקער, און בייס דער אוילעם פון דער גאנצער שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן צום הויז, ווו ס'איז געלעגן זײַן קערפּער, האָט מען אים אוועקגעטראָגן, גלײַך ווי הייליקע מאָשטשעס, אין הויפּט־קירך, וווהין מע האָט גענומען ברענגען הינקעדיקע, צעמאזיקטע, בלינדע און אלע, וואָס זײַנען געווען געפּלאָגט מיט א וועלכער ס'ניט איז קראנקײַט און פעלער, גלײַך זיי האָבן באדארפט דאָ גענעזן ווערן פון איין אָנרירן זיך צו אָט דעם קערפּער.

האָט געטראָפן, אז אין דער צײַט פון אָטאָ דער מעהומע און פאָלק־באוועגונג, זײַנען אין טרעוויזאָ געקומען דרײַ פון אונדזערע מיטבירגער—שטאָט־לײַט, פון וועלכע

מע האָט איינעם גערופן סטעקי, דעם צווייטן—מאַרטעלינאַ, דעם דריטן—מאַרקיזע, מענטשן, וואָס האָבן באַזוכט די הויפן פון די סעניאָרן און וואָס האָבן געקענט פאַרווײַלן מיט זייער קענען איבערקרימען יעדערן. זיי, וואָס זײַנען ביז דעמלט קיינמאָל דאָרטן ניט געווען, האָבן זיך פאַרוואונדערט, דערזעענדיק אַלעמען צעטרײַסלטע, און דערהערנדיק צוליב וואָסער סיבע, האָבן זיי אַליין פאַרוואָלט צוגיין און אַ קוק טאָן. געלאָזן האָבן זיי זייערע כפייצים אין אַן אַכסאַניע, און מאַרקיזע זאָגט: „לאָמיר אַקאָרשט גיין, מירן אַ קוק טאָן אַף אָט דעם הייליקן, נאָר איך קען מיר ניט אײַנפאַלן, ווי אַזוי מירן זיך אַהין דערקלײַבן, וואָרעם איך האָב געהערט, אַז דער פּלאַץ איז פול מיט דײַטשן און אַנדערע באַוואָפנטע לײַט, וועלכע עס האָט אַהין געשטעלט דער סעניאָר פון דער שטאָט, קעדיי עס זאָלן ניט זײַן קײַן אומאָרדענונגען. אויסער דעם איז אויך דער קלויסטער, זאָגט מען, אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, אַז מער קיינער קען ניט אַרײַן". דעמלט האָט מאַרטעלינאַ, וואָס האָט געוואָלט אַף דעם אַלעם אַ קוק טאָן, געזאָגט: „פון דעם וועט זיך דער אייסעק ניט אָפּשטעלן, איך וועל שוין קריגן אַ מיטל צו דערקלײַבן זיך צום הייליקן קערפּער".—„ווי אַזוי זשע?", האָט געפרעגט מאַרקיזע. מאַרטעלינאַ האָט געענטפערט: „איך וועל דיר דערציילן, ווי אַזוי: איך וועל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ קאַליקן, און דו—פון איין זײַט, סטעקי—פון דער צווייטער, וועט איר גיין, אונטערהאַלטנדיק מיך, גלײַך איך אַליין פאַר זיך בין ניט בעקויעך צו גיין, און איר וועט זיך פאָרשטעלן, אַז איר ווילט מיך אַרײַנפירן אַהינצו, קעדיי דער הייליקער זאָל מיך נעזן; ס'וועט זיך ניט געפינען קײַן איינער, וואָס, דערזעענדיק אונדז, זאָל ניט אָפּטרעטן אונדז דאָס אָרט און ניט לאָזן אונדז דורכגיין". מאַרקיזע און סטעקי האָבן באַגיטיקט דעם מיטל; ניט טראַכטנדיק לאַנג, זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען פון אַכסאַניע און געלאָזן זיך זאַלבאַדריט אין אַ פאַרבאַהאַלטענעם ווינקל, וווּ מאַרטעלינאַ האָט אַזוי אויסגעדרייט זיך די דלאָניעס און די פינגער, די הענט און די פיס, דערצו נאָך אויך דאָס מויל, אויגן און דאָס גאַנצע פּאָנעם, אַז ער האָט אויסגעוויזן, ווי אַ סטראַשידלע, און ס'האָט ניט געפונען זיך קײַן איינער, וואָס זאָל, דערזעענדיק אים, ניט דערקענען אין אים אַ מענטשן, וואָס איז אײַנגעדערעמעסן אַ צעקאַליעטשעטער און צעבראָכענער.

נעמענדיק אים אַף אַזאַ אויפן אַ צעקאַליעטשעטן, האָט מאַרקיזע און סטעקי געלאָזן זיך צום קלויסטער, אָננעמענדיק אַ מין פרומען אויסזען, האַכנאָעדיק און אין גאָטס נאָמען בעטנדיק יעדן באַגעגנטן צו לאָזן זיי פרײַ דעם וועג, וואָס זיי האָבן זיך לײַכט דערשלאָגן; אין אַ גיכער צײַט אַרום, ווענדנדיק אַף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקײַט און באַ אַלגעמיינע געשרייען: „לאָזט אַ וועג, לאָזט אַ וועג!", האָבן זיי זיך דערקליבן צו דעם אָרט, ווו ס'איז געווען אָוועקגעלייגט דער קערפּער פונעם הייליקן אַריגאָ. עטלעכע פּריצים, וואָס זײַנען אַרום געשטאַנען, האָבן געכאַפּט מאַרטעלינאָן און אַרופגעלייגט אים אַפן קערפּער, קעדיי אַף אַזאַ אויפן זאָל ער די זכיע האָבן צו באַקומען ווילגיטיקײַט און געזונט. אין דער צײַט, בייס אַלע האָבן אויפמערקזאַם געקוקט, וואָס וועט ווערן מיט מאַרטעלינאָן, האָט ער, וואַרטנדיק אַ ווײַלע, גענומען זיך (און געקענט האָט ער עס טאָן אויסגעצייכנט) באַווײַזן, קלוימערשט, ער

נעמט פאנאַנדער איין פינגער, נאָכדעם די האנט־דלאָניע, נאָכדעם די גאנצע האנט, און אַף אזא אויפן אויסגעגלייַכט זיך איינגאנצן. דערזעענדיק עס, האָט דער אוילעם אזוי אופגעפילדערט אין רום און לויב פונעם הייליקן אריגאָ, אז קיין דונער וואָלט זיך ניט דערהערן.

איז געשטאנען דאָרטן צופעליק דערבייַ איינער א פלאָרענטינער, וואָס האָט זייער גוט געקענט מארטעלינאָן, נאָר וואָס האָט ניט דערקענט אים, בייס מע האָט אים געבראכט אזא צעקאליעטשעטן; איצטער, דערזעענדיק אים אַן אויסגעגלייַכטן און דערקענענדיק אים, האָט ער מיטאמאָל צעלאכט זיך און געזאָגט: „זאָל אים גאָט שטראָפן! ווער וואָלט עס געגלויבט, דערזעענדיק א ווען ער איז געקומען, אז ער איז אינדערעמעסן ניט קייַן קאליקע?". האָבן דערהערט אָט די ווערטער אייניקע טרעוויזער און טייקעף געפרעגט: „וואָס הייסט? צי דען איז ער ניט געווען קייַן קאליקע?". דערויף האָט דער פלאָרענטינער געענטפערט: „ניין טאקע, כ'שווער בא גאָט, ער איז אלעמאָל געווען אזא גלייַכער, ווי יעדערער פון אונדז, מערניט, ווי איר האָט שוין געקענט אליין איבערצייַגן זיך, באזיצט ער בעסער פאר ווער עמען ס'ניט איז אַן אנדערן די קענטעניש אָנצונעמען אזא אויסזען, וועלכן נאָר אים פארווילט זיך". ווי נאָר זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי מער ניט געוואַרט, א וואָרף געטאָן זיך מיט אימפעט פאָרויס און גענומען זיך שרייַען: „כאפט אים, אָט דעם פארעטער, וואָס שפּאָט פון גאָט און הייליקע, און, ניט זייַענדיק קייַן פאראליזיווטער, איז ער געקומען אהער אין געשטאלט פון א צעמאזיקטן, קעדיי אויסצולאכן זיך פון אונדזער הייליקן און פון אונדז". ריידנדיק אזוי, האָבן זיי אים גענומען און אראָפּגעשלעפּט אים פון דעם אָרט, וווּ ער איז געווען; כאפנדיק אים פאר די האָר און אראָפּרייַסנדיק פון אים די קליידער, האָבן זיי גענומען שלאָגן אים מיט די פויסטן און פיס; יעגער וואָלט זיך גאָרנישט געהאלטן פאר קייַן מאנספערשוין, ווער ס'וואָלט נישט געייַלט צו אים נאָכן זעלביקן איניען. מארטעלינאָ האָט געשריען: „דערבארעמהארצט זיך, אום גאָטעס ווילן!"—און, וויפל ער האָט נאָר געקאָנט, זיך געראנגלט; נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן: דער האמוין האָט אים ארומגערינגלט אלץ מער און מער. דערזעענדיק עס, האָט סטעקי און מארקיזע גענומען ריידן פאר זיך, אז מע האלט שמאָל, נאָר שרעקנדיק זיך פאר זיך זעלבסט, האָבן זיי ניט געוואגט צו העלפן אים; פארקערט, איינייגעם מיט אנדערע האָבן זיי געשריען, אז מע דארף אים דערמאָרדן, און דאָך האָבן זיי געקליגט זיך, ווי אזוי צו ארויסראטעווען אים פון דעם האמוינס הענט, וואָס וואָלט באשטימט א טויט געמאכט אים, ווען ניט דער אייַנפאל, אַף וועלכן עס איז פלוצלונג אייַנגעפאלן מארקיזע. אוועקלויפנדיק, ווי גיך נאָר ער האָט געקענט, צו דער בייַשטייענדיקער וואכטע פון דער סיניאָרע און ווענדנדיק זיך צו דעם, וואָס איז געווען אפן אָרט פון פאָדיעסטע, האָט ער געזאָגט: „העלפט, אום גאָטעס ווילן! עפעס איינער א בייַטלשנייַדער האָט אָפּגעשניטן בא מיר מייַן טייַסטער מיט הונדערט גאָלדענע פלאָרינען; באפעלט כאפן אים, זייַט אזוי גוט, קעדיי אומצוקערן מיר מייַנס". דערהערנדיק עס, האָבן צוועלף דינער־לייַט דאָ באלד געלאָזן זיך לויפן אהין, ווו מע האָט דעם אומגליקלעכן מארטעלינאָן געקעמט אָן א קעמל, און, דורכשלאָגנדיק זיך

דורכן האמוין מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אין דער וועלט, האָבן זיי איט ארויסגעריסן פון די הענט, אינגאנצן א צעבראָכענעם און צעטראָטענעם, און אוועקגעפירט אין ראָטהויז. אהער זייַנען נאָכגעגאנגען אים פיל, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאר אָפּגעשפּאָטע פון אים, און, דערהערנדיק, אז מע האָט אים געכאפּט, ווי א גאנעוול, האָבן זיי זיך אויך גענומען אָנווייַזן, אז ער האָט בא זיי אויך אָפּגעשניטן א טייַסטער, ווייַל זיי האָבן נישט געפונען קיין אנדערן, מער פּאסיקן אויסרייד ווי אזוי אָנצוזאָלצן אים. אויסהערנדיק עס, האָט דער ריכטער פון פּאָדיעסטע, „א מענטש א שטרענגער, טייקעך אָפּפירנדיק מארטעלינאן אָן א זייַט, גענומען זיך אים אויספרעגן וועגן דעם, נאָר מארטעלינאָ האָט געענטפערט מיט וויצלעך, גלייך ווי ער וואָלט זיך ניט גערעכנט מיט דעם ארעסט. א צעקאעסטער דערפון, האָט דער ריכטער געהייסן צובינדן אים צו דער שטאנג און געבן אים עטלעכע גוטע קלעפּ, קעדיי צו צווינגען אים מודע זייַן זיך אין דעם, אין וואָס מע האָט אים באשולדיקט, און דערנאָך אופהענגען. בייס מע האָט מארטעלינאָן איבעראנייַס ארָאפּגעלאָזן אף דער ערד און דער ריכטער האָט געפרעגט אים, צי איז ריכטיק דאָס, וואָס עס ווייַזן אָן אף אים יענע מענטשן, האָט מארטעלינאָ, דערזעענדיק, אז דאָס אָפּלייקענען זיך וועט צו קיין זאך ניט ברענגען, געזאָגט: „האר מייַנער, איך בין גרייט צו אנטדעקן פאר אייַך דעם עמעס, נאָר זאָל יעדער פון די באשולדיקער מעלדן, ווען און ווו האָב איך אָפּגעשניטן בא אים דעם טייַסטער, און איך וועל אייַך זאָגן, וואָס איך האָב יע געטאָן און וואָס ניט".

— „גוט",—האָט געענטפערט דער ריכטער און געהייסן א רוף טאָן עטלעכע; פון זיי האָט איינער געזאָגט, אז מארטעלינאָ האָט אָפּגעשניטן בא אים דעם טייַסטער מיט א וואָך צוריק, דער צווייטער, אז מיט זעקס טעג צוריק, דער דריטער—מיט פיר טעג, און אנדערע האָבן אָנגעוויזן, אז אין דעמזעלביקן טאָג. דערהערנדיק עס, האָט מארטעלינאָ געזאָגט: האר מייַנער, אלע לייַגן זיי פרעך, און אז איך זאָג עמעס, קען איך דערווייַזן. לאָמיך קיינמאָל נישט זייַן אין דער שטאָט, אויב איך האָב ווען ס'ניט איז ארייַנגעטראָטן אין איר פריער, ביז איצטער, גאָר ניט לאנג! און ווי נאָר איך בין געקומען אהער, בין איך געגאנגען א קוק טאָן אפן הייליקן קערפּער; דאָ האָט מען מיך באארבעט, ווי איר זעט. אז דאָס איז עמעס, קען אייַך באשטעטיקן דער טשינאָווניק פון סיניאָריע, צו וועלכן עס מעלדן זיך די אָנגעפאָרענע, זייַן בוך און, לעסאָף, מייַן באלעבאָס. דעריבער, אויב באלד וועט זיך ארויסווייַזן אזוי, ווי איך האָב אייַך געזאָגט, באפעלט ניט מאטערן מיך און ניט ארומשלעפּן מיך לויט דער ביטע פון די מענוואָלים"·

ביזוואנען די זאך האָט זיך אזוי געצויגן, האָט מארקיזע און סטעקי, דערהערנדיק, אז דער ריכטער האָט זיך שטרענג גענומען פאר דער אויספאָרשונג און האָט שוין צוגעבונדן מארטעלינאָן צו דער דיבע, שרעקלעך דערשראָקן זיך און גערעדט פאר זיך: „א שלעכטן איניען האָבן מיר פארפּירט: פון בראָטפּאן האָבן מיר אים ארָאפּגעשלעפּט און אין פייַער ארייַנגעוואָרפן!" דעריבער, נעמענדיק זיך פלייַסיק אופזוכן זייער באלעבאָס און געפינענדיק אים, האָבן זיי אים דערקלערט דעם גאנצן

איניען. יענער האָט, פאנאנדערלאכנדיק זיך, אוועקגעפירט זיי צו סאנדראָ אגאָלאנטי, וואָס האָט געוווינט אין טרעוויזע און געווען אין גרויסער כשיוועס באם סעניאָר; דערציילנדיק אים אלץ לויטן סיידער, האָט ער איניינעם מיט זיי געבעטן אים פארנעמען זיך מיט מארטעלינאָס איניען. סאנדראָ, אָנלאכנדיק זיך, האָט זיך געלאָזן צום סעניאָר און געבעטן אים שיקן נאָך מארטעלינאָן, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן. יענע, וואָס האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, האָבן אים געטראָפן אין איין אונטערהעמד פארן ריכטער, אינגאנצן א פארלאָרענעם און שטארק דערשראָקענעם, דערפאר ווייל דער ריכטער האָט נישט געוואָלט הערן קיין אנטשולדיקונג זיינע, פארקערט, פארמאָגנדיק אן אומכיין צו די פלאָרענטינער, איז ער געווען גענויגט אופצוהענגען אים און האָט פאר קיין פאל ניט פארלאנגט אָפּגעבן אים דעם סעניאָר, ביזוואנען ער איז ניט געווען געצווונגען צו טאָן עס קעגן זיין אייגענעם ווילן. בייס מארטעלינאָ האָט זיך געשטעלט פארן סעניאָר, האָט ער אים דערציילט אלץ לויטן סיידער, און געבעטן אים, אנשטאָט א וועלכער ניט איז אנדער גנעדיקייט, אָפּלאָזן אים, וואָרעם ביזוואנען ער וועט ניט זיין אין פלאָרענציע, וועט זיך אים אלץ אויסדוכטן א שטריק אפן האלדז. דער סעניאָר האָט לאנג געלאכט פונעם געשעענעם, געשענקט זיי יעדערן צו מאלבושים, און אלע דריי, אויסמיידנדיק קעגן זייער אייגענער דערוואַרטונג אזא גרויסע געפאר, האָבן זיי זיך אומגעקערט געזונט און פריש, אין זייער רו אריין.

א. מ. דיק.

(1807—1893).

די אָרכים פון דוראַטשעשאָק.

אין יאָר טויזנט אכטהונדערט און דרייסיק איז ערעוו שאבעס אינדערפרי אָנגעקומען אין דער שטאָט דוראַטשעשאָק א פאסאזשיר מיט א קליין פורל און זיך פאַרפאָרן אין א באזונדערן צימער פון דער גרעסטער אכסאניע אין דערדאָזיקער שטאָט. דער באלאכסאניע האָט אים זייער שיין אָנגענומען, האָט אים געגעבן א ברייטן שאָלעם־אליינכעם און האָט אים דערביי געפרעגט די געוויינטלעכע יידישע פראַגע:

„פונוואנען איז א ייד?"

„איך בין,—האָט אים יענער געענטפער,—שטאָפּערקער כאזן, ר' זונדל קרייעהאָן. איך פאָר ארום אצינד איבער דער מעדינע צו דאווענען אין גרויסע קעהילעס. איך רעכן הייַנטיקן שאבעס צו דאווענען אין אייער קעהילע".

דער באלאכסאניע, וואָס איז געווען א ייד א מענאגן, איז גאָר ניספּאָעל געוואָרן פון דידאָזיקע ווערטער און האָט זיך אָנגערופן צום כאזן:

„אויב אזוי, טאָ מאכט טאקע ניט קיין שיעס און גייט גלייך אריבער צום פאַרנעס־כוידעש, ער זאָל אייך דערלויבן צו דאווענען אין דער גרויסער שול. דאָ וועט איר שוין באפרידיקט ווערן אפן שענסטן אויפן. אונדזערע שטאָטלייט, מוזט איר

וויסן, זייַנען גרויסע באַלאָנים אַף נעגינע און באַצאָלן פון דער ברייטער האַנט יעדן כאַזן, וואָס וויַזט זיך אין שטאָט, און ביפראַט אייַך, וואָס איר זייַט א שעם־דאָוואָר. וואָרעם ווער האָט עס ניט געהערט פון רעב זונדל דעם שטאָפּערקער כאַזן?

באַקומען אזא מין ענטפער פון באַלאַכסאַניע, האָט זיך דער כאַזן שוין אָנגעטאָן און איז זיך אַוועק צום פּאַרנעס־כוידעש. קוים אָבער איז ער אַרויס פון דער אַכסאַניע און האָט זיך א וויַז געטאָן אין גאַס, איז געוואָרן א קאָך אין שטאָט, אַז עס איז געקומען א כאַזן אָדער א באַל־דאַרשן און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט בא א פּאָר מענטשן און בא א שנייַדער:

„ווו ווינט דאָ אייַער פּאַרנעס־כוידעש?"

און דערצו נאָך מיט א פאַרצויגענעם לאָשן.

און וויַל קיינעם פון די שטאָטלייַט האָט זיך ניט געוואָלט בלייַבן א לאַנגע צייַט אָן די טשיקאַווע יעדיִעס וועגן דעם אויסטערלישן גאַסט, האָט זיך דער אוילעם א שאָט געטאָן צו דער אַכסאַניע נאָך יעדיִעס. אָבער נאָך איידער דער באַלאַכסאַניע האָט געוויזן צו ענטפערן דעם נייַגעריקן אוילעם, איז דערווייַל אָנגעפאָרן א וועגל מיט א צווייטן אוירעך, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך נעבן דער אייגענער אַכסאַניע. דערדאָזיקער אוירעך האָט אויסגעזען זייער כאָשעוו, הויך און רונד געוואַקסן, דאָס געזיכט פול און רויט, ווי די זון פאַר איר אונטערגיין, מיט א גרויער, לאַנגער באָרד, אין א מאַנטל מיט ברייטע אַרבל, אין א קייַלעכדיקן היטל, מיט א גאַרטל אונטערן נאָפּל, און מיט א גרויסן ראָרשטעקן אין דער האַנט.

דערזען אזא אוירעך, איז דער באַלאַכסאַניע אַרויס אים אַנטקעגן און אים אָפּגע־שטעקט שאָלעם. האָט דער אוירעך געבעטן, אַז ער זאָל אים אָפּגעבן א באַזונדער צימער, וויַל ער וויל דאָ האַלטן שאַבעס.

— איר וועט עס בא מיר באַקומען, — האָט אים יענער געענטפערט און האָט געהייסן זייַן יונג, ער זאָל אַרייַנטראָגן אין צימער דעם אוירעכס זאַכן — א שווערן סעפּעט און א היבש קעסטל מיט גרויסע רויטע אויסיעס: „ר' באָרעך באַלשעם". דערזען דידאָזיקע אויפשריפט, איז דער יונג באַלד אַרייַנגעלאָפן צו דעם באַלעבאָס און האָט אים אַרייַנגערוימט אין אויער, אַז דערדאָזיקער אוירעך איז א באַלשעם.

דידאָזיקע בסורע האָט ער באַלד אָנגעזאָגט זייַן פרוי, און יענע איז אַרייַנגעפאַלן אין אזא מין סימכע, פּונקט ווי זי וואָלט שוין געהאַט דעם שליסל פון די אַקאָרעס בא זיך אין האַנט. זי איז געווען, לוי־לאָנו, אַן אַקאָרע. זי האָט דערפאַר געמאַכט א ברייטן שאַבעס, ווי פאַר א כאָסן, וואָס מע האָט אים אָפּגעוואַרט אַף שאַבעס כאַנעקע.

באַלד דערויף האָט זי אַרופגעשיקט דעם מאַן צו אים מיט א טאָץ זעמל און קאַווע, קעדיי זי זאָל שוין האָבן א געלעגנהייַט זיך צו באַקענען מיט אים, איידער דער גרויסער אוילעם וועט זיך א שאָט טאָן צו אים.

אין שטאָט זייַנען געווען גענוג יידן, וואָס האָבן געוואָלט געהאָלפן ווערן. אויסער א טויזנט אַקאָרעס, זייַנען גלאַט געווען אַזוינע ווייַבער, וואָס האָבן ניט געקינדלט, וויַל זיי זייַנען געווען אַגונעס און פאַרזעסענע מוידן, און אַזוי אויך אַנדערע צאָרעס

און הײַנט װער רעדט שױן פֿון צאָרעס האקלאל. דאָרט איז געװען א שלעכטער אסעסער, א בלוט־צאפּער, און װידער האָט זיך דאָרט געלאָזט הערן א קלאנג פֿון שקאָלעס...

„זע, מײַן מאן,—האָט א זאָג געטאָן דאָס װײַב צום באלאכסאניע,—זײַ דו בא אים בעסער דער ערשטער אײדער דער לעצטער, עפּשער קאָנען מיר שױן פֿון אים געהאָלפֿן װערן. מע קאָן ארוף צו אים פּרײַטיקצונאכט אויך. איך געדענק, אז מײַן מוטער, זיכרוינע־ליװראָכע, איז געװאָרן מעוברעס מיט מיר נאָר דורך דעם ר׳ פּײַװל פּינטשעװעשער באל־שעם".

ארויסגעטראָגן די זעמל מיט קאװע, האָט דער אוירעך געזאָגט:

„און צו װאָס האָט איר גערארפט אײַך נאָך אלײן מאטריעך זײַן? איר האָט דאָ א יונג".

„אָ, רעבע,—האָט זיך דער באלאכסאניע אָנגערופֿן,—מײנט ניט, אז איך װײס ניט, װי גרױס איז די מיצװע מעשאמעש צו זײַן אזא אָנגענומענעם, װי אײַער קאָװעד איז".

„און װער בין איך עס אזא אײנער, װאָס איר רופֿט מיך רעבע?—האָט דער אוירעך געפֿרעגט.

„אָ,—מאכט דער באל־אכסאניע—גוטער װײַן שמעקט שױן פֿון װײַטן. איר זײַט דער באל־שעם, „רעב באָרעך".

„א װוּנדער!—האָט זיך דער אוירעך געכידעשט,—עס איז זיך ניט אויסצובאהאלטן פֿון דער װעלט! נאָר בא אלעם דעם האָט איר א גוטן כוש, אז איר קענט אזױ װײַט דערשמעקן א רײעך".

„איך װעל אײַך זאָגן דעם עמעס, דער הונגעריקער דערשמעקט א גוטן מײַכל גיכער װי א זאטער. ניט פֿאר אײַך געדאכט, מיר זײַנען געמינערט פֿון קינדער.

דערהערט דידאָזיקע װערטער, האָט זיך דער אוירעך אָנגערופֿן:

„הײסט עס, אז דער בוירע, באָרוך הו, שיקט צו דעם שפּינער זײַן פֿלאקס און דעם טרינקער זײַן װײַן. הערט, רעב ייִד, איך זאָג אײַך פֿאָרױס, אז די מעניע איז ניט פֿון אײַך, נאָר פֿון אײַער װײַב".

בא דידאָזיקע װערטער, איז דער באלאכסאניע געבליבן שטײן, װי פֿארשטײנערט, דער אוירעך האָט אים דאװקע צוגעטראָפֿן, נאָך מיט א יאָר פֿינף צוריק האָט זײַנע א דינסט דערלעבט פֿון אים א יאטל. איז ער איצט געװאָרן טױט און רױט און האָט זיך ניט דערװעקט צו קוקן דעם באלשעם־טאָװ אין פּאָנעם ארײַן. דער באל־שעם האָט אָבער אויסגעפּוצט אף אים די אויגן און האָט זיך אזױ טיף ארײַנגעקוקט אים, פּונקט װי ער װאָלט דאָרט אנטפּלעקט דאָס אלץ, װאָס איז געלעגן פֿארבאָרגן אין די טיפֿסטע פֿאלבן פֿון דעם באלאכסאניעס נעשאָמע.

דער באלאכסאניע האָט שױן ניט געקענט שטײן אף די פֿיס, און ער װאָלט זיכער אומגעפֿאלן, װען דאָס װאָלט געדױערט נאָך א פּאָר מינוט. ער װאָלט אומגעפֿאלן צו דעם אוירעכס פֿיס און װאָלט זיך פֿאר אים מוידע געװען אין זײַן גרױסן כעט און בעטן בא אים א טיקן.

צום גליק אָבער האָט זיך געעפנט די טיר, און די באלאכסאניעטע איז אַרײַן מיט א טעצל, אף וועלכן עס איז געשטאנען א פלעשל שנאפּס מיט צוביַיסונג. זי האָט זיך אָנגערופן צום מאן:

„זעסט, לעמל, אז פון איַילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס—דו האָסט דאָך פארגעסן מיטצונעמען שנאפּס".

ריוּוטשע, די באלאכסאניעטע, איז אלט געווען א יאָר דרײַסיק. זי איז געווען א שיינע געזונטע פרוי מיט פיַיערדיקע אויגן, וואָס האָבן נאָך געקאָנט דערווארעמען א קאלט הארץ.

דער אוירעך איז א ביסל אופגערודערט געוואָרן... ער האָט אפילע געהאט זייער א פרום פּאָנעם, אָבער דאָס איז געווען א מענטש א באלטיַיווע. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום טײַנעג אין דער וועלט, און אז ריוּוטשע איז אַרײַן, האָט ער שוין געוווּסט צו פארווענדן זײַן בליק אף עפּעס בעסערס, איידער צו קוקן אף דעם נארישן פּאָנעם פון רעב לעמלען. און בעשאס זי האָט געוואָלט אוועקגיין, האָט ער איר א ווונק געטאָן, אז זי זאָל נאָך פארבלייבן א ווײַלע. מער ווי דאָס האָט זי זיך אייגנטלעך ניט געוווּנטשן.

„גוט, וואָס איר זײַט ארופגעקומען,—האָט ער זיך אָנגערופן צו איר,—א ניט, וואָלט איך געמוזט שיקן נאָך אײַך. איך האָב אײַך וואָס צו פרעגן. מינאסטאם מוזט איר דאָך שוין וויסן, ווער איך בין. ווען איך וועל מיך דערוויסן, וואָס אײַער פארלאנג איז, וועלן מיר שוין פארשטיין איינאנדער",

„אָ, רעבע, זאָלט איר אזוי נאכעס זען, האָט זי ארויסגעפּלאצט,—וואָס רעדט איר „פארשטיין". מע דארף גאָרניט קיין גרויסע כאָכמע דערצו. אונדזער פארלאנג איז בלויז, אז איר זאָלט אונדז מעזאקע זײַן מיט א קינד, און פארשטיין וועלן מיר אוואדע אויך, ווי אײַך צו באפרידיקן, ווײַל מיר זײַנען, באָרעכאשעם, אימשטאנד עס צו טאָן".

„אלזאָ, זאָגט־זשע מיר,—האָט זיך דער באל־שעם אָנגערופן,—האָט איר נאָך קיינמאָל קיין קינד ניט געהאט?".

ריוּוטשע האָט געזאָגט:

„פון דער כאסענע אָן קינדל איך ניט".

און זי האָט זיך גענומען ווישן די אויגן.

„ווי, אלט זײַנט איר געווען צו דער כאסענע?"—האָט ער זי ווײַטער געפרעגט.

„אכצן כוישעכדיקע יאָר"...

„אכצן יאָר!—האָט ער זיך אָפּגערופן, שמאָטשקענדיק מיט די ליפּן.—צו אכצן יאָר וויגט מען שוין בא לײַטן דאָס צווייטע קינד. פארזעסן, „בעאוווינויסיינו האָראבים". אָט דאָס האָט מען פון דעם צופיל קלײַבן שידוכים".

„מײַנע עלטערן האָבן אפילע ניט פיל געקליבן,—האָט זי געזאָגט,—אָבער ס'האָט געדויערט, ביז מע האָט מיך אויסגעקליבן, ווײַל ניט אלע ווילן נעמען מיידלעך, וואָס

האָדעווען זיך אויס אין אכסאניעס, און מײַנע עלטערן האָבן געהאלטן א פּריצישע אכסאניע, איז מען געווען, ווי פאר אײַך זאָגנדיק, גאנץ בארעדט. א וועלט האָט דאָך צינגער",

„נו, לאָמיר דאָס אוועקלייגן,—האָט דער באַל־שעם איבערגעשלאָגן אין די רייד.— זאָגט מיר, האָט איר עפּעס אקאָרעס אין אײַער מישפּאָכע?

„אָ, זאָלט איר טאקע נאכעס זען אף אײַערע קינדער,—האָט זי זיך אָפּגערופן,— איר טרעפט טאקע ווי א מאלעך. מײַן מוטער, זיכרוינאָ ליווראָכאָ, איז א צײַט געווען אן אקאָרע, ווען ניט דער באלשעם ר׳ פּײַוול פּינטשעוועטשער. פריער דער, וואָס איך טאָר אים ניט דערמאָנען, דערנאָך ער, דער באלשעם, וואָס דורך זײַן לאסקע בין איך געבאָרן געוואָרן. מײַן אן עלטער־באָבע איז אָבער געווען אן אקאָרע און געשטאָרבן (ניט פאר מיר געדאכט) אן אקאָרע".

דער באלשעם האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„און פונדעסטוועגן איר מעגט זײַן זיכער, אז אין א יאָר ארום וועט איר ניאנ־טשען אן אייגן קינד. איך וועל אײַך געבן א קאמייע און דערצו נאָך וואָס עפּעס צו טאָן. איר וועט האָבן א יינגל און זאָלט אים א נאָמען געבן שמועל, ווי אונדזער מוטער כאנע האָט געטאָן".

„אזוי, לאָמיר עס נאָר דערלעבן!—האָט ריוועטשע געשפּרונגען פון סימכע—ער מעג הייסן—ווי איר ווילט".

דערדאָזיקער שמועס צווישן אים און איר וואָלט עפּשער גאָר קיין סאָף ניט גענומען, ווען דער יונג וואָלט ניט ארופגעקומען און וואָלט דעם באלאכסאניע ניט זאָגן, אז דער כאזן איז זייער א פריילעכער געקומען צוריק פון פּארנעס־כוידעש און בעט אים, ער זאָל אזוי גוט זײַן אראָפּקומען צו אים. דער יונג האָט אזוי ארום איבער־געריסן דעמדאָזיקן וויכטיקן שמועס מיט א שיין ווײַבל.

די בסורע וועגן דעם כאזן, אז האָט ער אויסגעפּירט באם פּארנעס־כוידעש און אז ער, פארלאנגט, דער באלאכסאניע זאָל ארונטערקומען צו אים, האָט ארופגעפּירט דעם אוירעך אף אנדערע רײַיוינעס. און אז מאן און ווײַב האָבן געוואָלט ארויסגיין פון דעם אוירעכס צימער, האָט דער אוירעך פארהאלטן רעב לעמלען בא זיך אף א ווײַלע. די באלאכסאניעטע איז דערווײַל ארויס פון צימער מיט גרויס האָפענונג, אז זי וועט באלד געהאָלפן ווערן און זי האָט זיך שוין אזוי ווײַט אײַנגעגלויבט אין דעם, אז איר האָט שוין אויסגעוויזן, אז זי פילט שוין דאָס קינד...

דער באַל־שעם האָט זיך אָנגערופן צו רעב לעמלען:

„זאָגט, רעב לעמל, וואָס פאר א כאזן איז דאָ, וואָס דער יונג רופט אײַך צו אים?":

„מיר האָבן אף הײַנטיקן שאבעס א נײַעם כאזן אין אונדזער שטאָט,—האָט אים דער באַל־אכסאניע געענטפערט,—איר האָט עפּשער געהערט פון אים? ער הייסט רעב „זונדל קרייעהאָן, דער שטאָפּערקער כאזן".

„אזוי?!—האָט זיך דער באלשעם אָנגערופן מיט גרויס כידעש—אזוי?! רעב זונדל איז דאָ און וועט בא אײַך דאוונען? דאָס פרייט מיך זייער, עס איז דאָ וועמען צו

הערן. ער איז א גרויסער זינגער און א גרויסער דאוונער. זײַנע ווערטער זײַנען צוקער־זיס און דערקוויקן דאָס הארץ און די נעשאָמע. דערצו נאָך איז ער גלאַט א שיינער ייִד, א לאמדן, א יערעשאָמײַים. עס טרעפט גאנץ זעלטן, אז די אלע מײַלעס, האָבן זיך באהעפט אין א כאזן. אזוי, אויב דער כאזן איז בעמעס זונדל קרייעהאָן, ווײַל איך אײַך מער ניט אופהאלטן דאָ. עס איז ניט שיין צו לאָזן אים ווארטן אזוי לאנג אף אײַך. נו, גייט אײַך צו אים, אָבער דערציילט קיינעם ניט, אז איך בין רעב באָרעך באל־שעם. מע וועט מיך ניט לאָזן לעבן, און איך וויל מיך אויסרוען איבער שאבעס".

— „און ווען האָט איר בעדייע אוועקצופאָרן?"—האָט רעב לעמל געפרעגט.

— „ניט שפּעטער ווי זונטיק", האָט דער אוירעך געענטפערט.

„איר האָט געדארפט בעטן מײַן פרוי, זי זאָל קיינעם ניט זאָגן. איך וועל געוויס קיינעם ניט דערציילן",—האָט רעב לעמל געזאָגט.

— נו, בעט איך אײַך טאקע, איר זאָלט עס אָנזאָגן אײַער פרוי אין מײַן נאָמען".

„איך וועל טאקע אזוי טאָן",—האָט אים רעב לעמל פארזיכערט,—און איז ארויס פון צימער.

ארײַן צום כאזן, האָט אים שוין רעב לעמל נישט דערוויסט, דערפאר האָט אָבער רעב לעמלס ווײַב שוין געטענטלט מיט וויקעלעך און ווינדעלעך פארן קינד, וואָס דער באל־שעם האָט איר מאוטיעך געווען, און בייסמײַסע דערציילט גרויס וואונדער פון דעם רעב באָרעכן, ווי אזוי זי האָט מיט אים גערעדט, און ווי ער האָט איר צוגעטראָפן. זי האָט גערעדט פאר אן איידע ווײַבער, וואָס זײַנען געשטאנען ארום איר און וואָס האָבן זיך פארמערט פון מינוט צו מינוט.

עס פארשטייט זיך, אז דער רעב לעמל האָט שוין ניט געקענט בעטן דאָס ווײַב, זי זאָל קיינעם ניט דערציילן פונעם באלשעם, מאכמעס זי האָט שוין פארפויקט די גאנצע שטאָט מיט דערדאָזיקער נײַעס און האָט זיך געפּאטשט אין בויך ארײַן, ווי טאָמער, בעשאס זי האָט זיך באקענט מיט יעהודען, און האָט נאָכאנאנד געשריען:

„איך בין מיט א גאָען, מיט א גוטן ייִדן מעוברעס".

און עס האָט שוין דאָרט א גאנצן פרײַטיק געקאָכט, ווי אין א קעסל פון ייִדן און ווײַבער, וואָס זײַנען געקומען זען און באשמעקן דעם כאזן און דעם באלשעם.

און אז דער באלאכסאניע האָט אײַנגעזען, אז עס איז שוין סײַוויסײַ ניט קיין סאָד מיטן באלשעם, האָט ער שוין אליין אויך ניט געשוויגן און האָט דערציילט פארן אוילעם, וואָס האָט אים ארומגערינגלט, וואונדער איבער וואונדער.

„דאָס איז א געטלעכער מענטש,—האָט ער געשריען,—ער זעט ניט, ווי אלע מענטשן בלויז זאָס אויסערלעכע, ניין, ער זעט, וואָס עס טוט זיך בא יעדעם אין הארצן. די פראָבע האָב איך אליין געזען אף מיר אליין, און געלויבט און געדאנקט איז זײַן ליבער נאָמען, וואָס איך בין עס שוין איבערגעקומען!.. הײַנט שפּילט גלאַט די שכינע אף זײַן געזיכט. ער זעט אויס, ווי א מאלעך און האָט מיר און מײַן ווײַב צוגעטראָפן אין אזעלכע זאכן, וואָס מיר האָבן שוין באלד גאָר פארגעסן אין זיי. און איצט פארשטיי איך, אז דער כאזן רעב זונדל מוז זײַן עפּעס א טאכשיט פון

א ייִדן, ווײַל בעשאס איך האָב אים דערציילט, אז ריעב זונדל וועט בא אונדז שאבעס דאוונען, האָט עס אים זייער געפרייט, און ער האָט געזאָגט אף אים, אז ער איז אן אָדאָם־קאָשער, און האָט אים זייער מאפלע געווען. ער האָט זייער געלויבט זײַן זינגען און האָט געזאָגט, אז עס שײַנט, ווי די גרעסטע ברילִיאנטן פון די קרוינען, וואָס די מאלכאָים מאכן פון די פארשיידענע ייִדישע טפילעס".

עס פארשטייט זיך, אז דידאָזיקע רייד האָבן געהויבן דעם כאזן העכער און העכער, און קיין איינער האָט ניט געצווייפלט אין די מײַלעס פון כאזן: ערשטנס, צו וואָס זאָל דער באלשעם לויבן אומזיסט א כאזן; צווייטנס, וועט ער זיך דאָך ניט וועלן מאכן פאר א לינגער: ווי ווײַט איז עס גאָר צו שאבעס, וועט מען דאָך הערן, מוז דאָך דער כאזן טאקע זײַן א שיינע קיילע.

אין דעם באלשעם האָבן אָבער מאנכע טאקע געצווייפלט. עס האָבן זיך געפונען אזוינע, וואָס האָבן גאָרניט געהאלטן פון אים.

באזונדערס איז ארויסגעטראָטן קעגן אים דעם באלאכסאניעס מעלאמעד, וואָס האָט געלערנט מיט זײַנעם א ברודערס א ייִנגל, וועלכן ער האָט געהאלטן בא זיך פאר א קאדיש. דער באלאכסאניע האָט שוין אָבער געהאלטן פאר איבעריק צו האָדעווען דאָסדאָזיקע ייִנגל פאר א קאדיש, ווײַל ער האָט שוין געהאָפט אף אן אייגענעם ייִנגל... דאָס האָט באליידיקט דעם מעלאמעד, און ער האָט געשאָטן אפן באלשעם, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, וואָס אין קאָרט שטייט.

דעם באלאכסאניע האָט עס שטארק פארדראָסן, האָט ער געגעבן א גוטע פאָרציע דעם מעלאמעד מיט די איבעריקע פארשוינען, וואָס האָבן געמאכט צו גאָרנישט דעם באלשעם.

אקוראט אין דעם מאָמענט איז געקומען דער כאזן מיט נאסע פייעסן: ער איז געווען אין מיקווע.

„אָ, איר זײַט אונדז געקומען, ווי גערופן,—האָט א זאָג געטאָן דער באלאכסאניע צום כאזן.—מיר שפארן זיך דאָ איבער אן איניען פון קאבאָלע און א באלשעם. לאָמיר הערן, וואָס האלט איר דערפון?".

„אָ, דאָס איז א קורצע שײַלע,—האָט דער כאזן געענטפערט,—וואָס ברויכט א לאנגע טשוווע, און איצט איז דערויף קיין צײַט ניטאָ. עס ווארטן אף מיר אײַערע מעשוירערים, מעסאדער צו זײַן זיך מיט זיי, דאָך וועל איך אײַך זאָגן אינקירצן, אז מיר ייִדן באדארפן גלויבן, אז אונדזערע גרויסע לײַט האָבן מיט קאבאָלע אופגעטאָן גרויס וווּנדער. ווי דאָס איז ארויסצוזען פון דער געמאָרע און פון דעם האָארי האקאָדעש. אָבער אף די הײַנטיקע ווייס איך ניט".

„איצט בין איך שוין א באלן צו הערן פון אײַך, וואָס וועט איר זאָגן אף רעב באָרעך באלשעם?"

„וואָס פרעגט איר עפעס גראַדע אף אים—האָט דער כאזן א פרעג געטאָן.

„ווײַל ער איז אצינד אונדזער אוירעך. ער שטייט דאָ אײַן בא מיר אויבן, ער איז טאקע ערשט געקומען".

אזוי? — האָט זיך דער כאזן אָפּגערופן — איז דערדאָזיקער ראמיַ געקומען אויך אהער און גראדע האָט איר עס דעם מאזל, ער זאָל דאפקע איַינשטיין בא איַיך. זיַיט אָבער גוט פּאָרזיכטיק, וואָרעם ער קאָן איַיך מיט איַיערע שטאָט־ליַיט גוט אָנפּיַיפן, ווי ער האָט אָנגעפּיַיפּט אַלע איבעריקע שטעטלעך. ער איז א צוואָק פון ערשטן סאָרט. ער קאָן גוט ריידן און קאָן אָפּנארן דעם גרעסטן מענטשן.

„אָ, רעב זונדל, — האָט דער באלאכסאניע זיך אָנגערופן, — וואָלט איר אָבער ווּיסן, וואָס רעב באָרעך האָט אַף איַיך געזאָגט, וואָלט איר עס ניט גערעדט, וואָס איר רעדט אצינד אַף אים. זעט איר, ער האָט איַיך זייער געליבט. ער האָט געזאָגט, אז איר זיַינט א גרויסער כאזן, אן אָדאָם־קאָשער און א ייִד — א לאמדן".

דער כאזן האָט זיך צעלאכט.

„דאָס איז גראָדע פאר מיר א כעסאָרן, וואָס אזא ראמיַ, לויבט מיך, — האָט ער געזאָגט, — איר דארפט ניט זיַינע שוואָכים און זיַין מעווינעס. היט איַיך פאר אים, ווי פאר א מעשוגענעם הונט".

נאָך דעמדאָזיקן קליינעם וויקוּעך איז זיך דער כאזן אריַין אין זיַין כיידער מעיר־כעד זיך מעסאדער צו זיַין מיט די שטאָט־מעשוירערים, און דער מעלאמעד מיט די, וואָס האָבן מיט אים געהאלטן, האָבן ערשט אופגעעפנט זייערע פּיסקעס און האָבן זיך לוסטיק געמאכט איבער דעם באלשעם און איבער די אלע באלע־קאבאָלע און דערמיט פארשארפט פיל קרענקונג דעם באלאכסאניע און נאָר מער זיַין פרוי, וואָס האָט זיך געריכט באלד געלעגן צו ווערן.

דערהערט, וואָס דער כאזן האָט געזאָגט, איז דער מעלאמעד געוואָרן בא זיך אזוי טאקעף, אז ער האָט ניט אָפּגעלאָזן דעם באלאכסאניע און האָט דורכויס געוואָלט, ער זאָל אים ארופירן צו דעם באל־שעם און דאָרט וועט ער אים שוין וויַיזן אין די אויגן, אז ער איז א גרויסער אמאָרעץ.

צום אומגליק, איז דער מעלאמעד געווען א גרויסער פאכדן. ער פלעגט לאכן פון שיידים און האָט מוירע געהאט צו שלאָפן אליין אין א צימער; ער פלעגט לאכן פון כאלוימעס און פלעגט זייער אָפט פאסטן א טייַנעס־כאָלעם. און דעריבער, אז זיי זיַינען נאָר אריַין צו דעם באלשעם אין צימער, האָט אָנגעהויבן דעם מעלאמעד צו ציטערן הענט און פיס.

דער באלשעם איז בייס־מיַיסע געשטאנען אָנגעטאָן אין טאלעס איבערן קאָפּ, מיטן געזיכט אָפּגעקערט צו דער וואנט און אזוי וויַיט פארגעטערט, אז ער האָט זיי גאָרניט באמערקט.

ער האָט זיך זייער שטארק געשאָקלט און האָט ארויסגעלאָזט פון האלדז ווילדע קוילעס און געשרייען, ווי פון א גוואלדיקער מאשין.

וויַילעוויַיז האָט ער אויסגערופן זעלטענע נעמען פון בייזע גיַיסטער, פון מאלאכע־כאבאָלע.

„שוויַיג דו, אריַין! — האָט ער געשריען — שוויַיג דו פארגוד! אויך דו, אריִעל, האלסט מויל!"

באלד נאָכדעם האָט ער צוגעבויגן דעם רעכטן אויער, אזוי ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט, וואָס עמעץ זאָגט, און אין דער אייגענער רגע האָט ער זיך צעשריען פונקט ווי ער וואָלט איבערגעזאָגט יענע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט:

„דערדאָזיקער „ראמיי״;

„א צוואק פון ערשטן סאָרט״;

„היט אייך פאר אים, ווי פאר א מעשוגענעם הונט״.

„אָ, גענוג שוין מעקאטרעג צו זיין א ייִדן, א לאמדן. אָ, דו, גאווריעל, וואָס דו האָסט פארשלאָסן די מיילער פון די לייבן, זיי זאָלן דאניִעלן ניט בייסן, פארשליס שוין די מיילער פון דידאָזיקע שאטנייזים! עס זאָל כאָטש ניט שאָדן דער גאנצער שטאָט צוליב דעם אייגענעם; גענוג, אז ער זאָל זיין די קאפּאָרע פאר זיי אלעמען! אָ, איך בעט דיך, גאווריעל, ווי מיינעם אן אלטן באקאנטן!...״

דידאָזיקע ווערטער האָט דער באלשעם ארויסגעזאָגט מיט גרויס ציטערניש און פלאטערניש און אויך מיט גרויס פארגעטערונג.

דער מעלאמעד מיט דעם באלאכסאניע, וואָס האָבן זייער גוט פארשטאנען דעם טויכן פון די קוילעס און גוואלטן, דאָס הייסט, אז ער האָט דאָ נאָר איבערגערעדט די ווערטער, וואָס דער כאזן האָט אונטן אָנגערעדט, און דעריבער בייזערט ער זיך אף די שאטנייזים, וואָס זיינען אף אים מעקאטרעג, און בעט גלייכצייטיק דעם מאלעך גאווריִעל, אז ער זאָל זיי פארשליִסן די מיילער און זיין א גוטער בעטער פאר דער גאנצער שטאָט, אז זיי זאָלן ניט ליידן פאר זיין בייזן מויל,—דער מעלאמעד מיט דעם באלאכסאניע זיינען געבליבן שטיין אין טויטער פארגליווערטער שרעק. ערשט איצט האָבן זיי בעכוש געזען—אז דער באלשעם איז א נאָווי. וואָרעם ווען ער וואָלט קיין נאָווי ניט געווען, טאָ פונוואנען וואָלט ער געוווסט, וואָס דער כאזן האָט אף אים גערעדט? אויסערדעם, איז ער א גרויסער מעכוטן מיט אלע מעקאטרייגים און אויך מיטן מאלעך גאווריִעל.

קורץ דערפון, זיי זיינען געבליבן שטיין, ווי צוגענאָגלטע, זיי האָבן געוואָלט אנטלויפן און האָבן ניט געקאָנט...

זיי זיינען אזוי לאנג געשטאנען, ביז די געטלעכע באגייסטערונג פון דעם באל־שעם איז אריבער, און ער איז געוואָרן דערזועלביקער מענטש, וואָס פריער. דעמלט האָט ער זיך אומגעקוקט צו זיי און זייער פריינטלעך געפרעגט, צי זיינען זיי שוין דאָ לאנג און וואָס דארפן זיי צו אים.

האָט דער באלאכסאניע קאם אויסגערעדט:

„דאָס איז א מעלאמעד און קנעלט בא מיר, ער לערנט מיט מיין ברודערס א ייִנגל, וואָס איז בא מיך, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אריינפירן צו אייך, ער וויל אייך אָפּגעבן שאָלעם״.

— גאנץ שיין!—האָט אים דער באלשעם געענטפערט און האָט אים אויסגע־שטרעקט זיין לינקע האנט.

עס פארשטייט זיך, אז ס'איז געוואָרן פון מעלאמעד א קופּע ביינער פון גרויס שרעק, אז ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאט צו געבן אים די האנט. ער איז געשטאנען ווי א טויטער, מיט פארגליווערטע הענט און פיס.

— וואָס זײַט איר מיר ביידע עפּעס באומרויִקט?—האָט ער זיי געפרעגט.

— ווײַל מיר זײַנען שוין דאָ מער ווי א האלב שאָ,—האָט זיך דער באלאכסאניע אָפּגערופן,— און מיר האָבן אונדז דאָ געזען עטוואָס אזוינס, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. מיר זײַנען ביידע שיר ניט אומגעפאלן פאר שרעק...

— „אזוי, איר זײַט דאָ שוין פון א צײַט?—האָט זיך דער באלשעם געכידעשט— איר האָט אוודע געהערט מיט וועמען איך האָב גערעדט? איר מוזט מיסטאָמע פאר־שטיין וועגן וואָס איך האָב דאָ מיט זיי געשמועסט. איר זאָלט וויסן, אז אין הימל איז א גרויסער רויגעז אף אײַער שטאָט דערפאר, וואָס מע רעדט בא אײַך אין שטוב אזעלכע זאכן אף אן אָדעם־קאָשער, אז עס קאָן גאָרניט בלײַבן אומבאשטראָפט. מיר געפינען עס אין געמאָרע און אין די מעדראָשים, אז דער בוירע, באָרעכו, איז גיכער מויכל אף זײַן קאָוועד איידער אף דעם קאָוועד פון זײַנע הייליקע לײַט, און די ערשטע קאפּאָרע האָט געזאָלט זײַן אײַער גאנצע שטוב דערפאר,—דאָך וועל איך מיר באנוגענען מיט יענעם אליין, ווײַל ער האָט גערעדט מער פון אלעמען, און דערפאר, וואָס ער האָט מיר גערופן „מעשוגענער הונט" און האָט אף מיר געבילן, ווי א הונט, וועט ער ווערן מעשוגע ווי א מעשוגענער קעלעוו און וועט בילן ווי א קעלעוו.

מײַנע לײַט האָבן קוים דערלעבט ארויסצוגיין פון באלשעם און אין שטוב זײַנען זיי ארײַן בלייך ווי די וואנט. דער מעלאמעד האָט זיך געשלאָגן „אָשאמנו", וואָס ער האָט געז׳עדט אף אזא הייליקן מאן, און דער באלאכסאניע האָט זיך געפּאטשט אין בײַכעלע, ווי אן עכטער טאקעף.

ער האָט דערציילט אלץ: וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען און אָנגעהערט דאָ, בא אים אויבן.

דער מעלאמעד, וואָס איז נעבעך נאָך אלץ ניט געקומען צו זיך פון גרויס אנגסט און פּאכעד, האָט איצט געמוזט מוידע זײַן, אז דער באלשעם איז א גרויסער מענטש.

„איצט,—האָט ער זיך אָנגערופן—זעט מען, ווי גרויס עס איז, באאווינוריסייגו האָראבים, דער קויעך פון לאָשנהאָרע, אז ער דרינגט דורך די ווענט. נאָך גוט, וואָס מע האָט אָנגעטראָפן אף אזא איניען, אז ניט, וואָלט שוין מער ווי איינער געליטן, און איך וואָלט שוין מיסטאָמע געווען די ערשטע קאפּאָרע, ווײַל איך האָב אויך געננוג...".

קוים האָט דער מעלאמעד געענדיק זײַנע ווערטער, איז אין שטוב ארײַנגעלאָפן, זײַן טאלמידל, א ייִנגל פון א יאָר צען, און האָט דערציילט דעם רעבן, אז אין כיידער, וו׳ עס שטייט אײַן דער כאזן, הערט זיך א בילן און סקאָוועטשען פון א גרויסן הונט זאָל עס זײַן, אז ער, איז זיך אזוי מעסאדער צו זינגען אין שול?

דערהערט דידאָזיקע ווערטער האָט דער אוילעם פּאָשעט גענומען גאפן און שטוינען.

דער באלאכסאניע האָט זיך אָנגעשראָקן, אז די האָר האָבן זיך אים אופגעשטעלט

ער האָט זיך אָנגערופן צום מעלאמעד, וואָס יענעמס פּאָנעם איז איינגעשרומפּן געוואָרן פון גרויס פּאכעד, ווי די אויסגעסמאָטשקעטע פייג פון רעב צאָדעקן:

— „אָט האָט איר אייך שוין א קלאָרע טשוווע, אלעווייַ זאָל מען מיט אים אליין אָפּקומען. איך מיין, אז עס זאָל כאָטש קיין אנדערע ניט שאָדן.

— אָט גלויבט בעסער ניט, און וווּנדערט זיך ניט איבער דעם, — האָט זיך אָפּגערופן איינער, — מאלע, וואָס א יינגל, א שייגעץ, באלעבאָטשעט. ווער ווייס, וואָס עס האָט זיך אים דאָרט געדוכט.

— שוין גאָר א נייַעס, געדאכט זיך גאָר! — האָט זיך דער יינגל אָפּגערופן, — כ׳וועל אייַך שוין דערציילן די געשיכטע אָף קלאָר. איך, שעפּקע דעם שוסטערס און וועלפּקע דעם קאָמינארס האָבן אונדז פארטייַעט אונטער דעם פענצטער פון יענעם ביידער, ווו עס שטייט איין דער כאזן. מיר האָבן געוואָלט הערן, ווי ער וועט זיך מעסאדער זיין. האָבן מיר דערהערט, און איך האָב אליין געזען דורך די שויבן, ווי ער מאכט מיט דער מויל: „האוו! האוו! האוו!״, פונקט ווי דעם אסעסערס הונט, און דערצו האָט ער געוויעט אזוי שטארק, ווי עס וויען די הינט (צו זייער קאָפּ און לייב און לעבן!), בעשאס עמעץ שטארבט. נו, זייַנען מיר צעלאָפן.

— אָט האָט איר אייַך א שפּיל, — האָט דער באלאכסאניע ווידעראמאָל געזאָגט, — דער לעבעדיקער ווייס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן...

— און דאָך גלויבט זיך מיר עס ניט, — האָט זיך דער פריערדיקער אָפּגערופן, — מיר מוזן עס הערן מיט די אייגענע אויערן און זען עס מיט די אייגענע אויגן. קומט, לאָמיר צוגיין צו דעם כאזנס ביידער.

ס׳האָבן זיך געפונען עטלעכע באלאָנים, וואָס האָבן מיטגעשלעפּט אויך דעם מעלאמעד, און די שטארקערע פון זיי האָבן זיך דערוואַגט צוצוגיין צום פענצטער. זיי האָבן זיך איינגעקוקט און האָבן דערזען עטוואָס אזוינס, וואָס אונדזערע גוטע פריינט זאָלן עס בעסער ניט זען... זיי האָבן אים דערזען, דאָס הייסט, דעם כאזן, ווי ער שטייט אינמיטן שטוב אָף אלע פיר און קוקט זיך אום מיט ביסטרע, רויטע אויגן, די האָר פון קאָפּ הענגען אים ארונטער, ווי פאטלעס, דאָס פּאָנעם איז ווילד, דאָס מויל אָפן, די צונג הענגט ארויס און עס גאוועט. אָפּט קריצט ער מיט די ציין און רוקט זיך הינטערווייַ׳עכץ אלץ צום טיר. און אז ער האָט זי קוים בארירט מיט זיין הינטערכיילעק, האָט ער באלד דערוף זיך א שופּ געטאָן צוריק און האָט אָנגעהויבן צו וויען און צו בילן אלץ העכער און העכער.

עס האָט ניט געדוירט — און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען און צו בורעכן קיילים, און די שערבלעך האָט ער געטראָטן מיט די פיס און געביסן מיט די ציין.

די גאנצע שטאָט איז באלד פול געוואָרן מיט דערדאָזיקער נייַעס. פון אלע עקן איז מען געקומען זען דעם כאזן, און נאָכדעם האָט יעדערער דערציילט אטאך מער, ווי ער האָט געזען.

איצט האָט מען שוין דעם באלשעם פארגעטערט פון מינוט צו מינוט. אין איין האלב שאָ צייַט איז געוואָרן פון באלשעם א נאָווי, פון נאָווי — א באלמויפעס, פון

באַלמויפּעס—אַ געטלעכער מאַן, פֿון געטלעכן מאַן—אַ מאַלעך, פֿון מאַלעך—אַ שוטעף צום בוירע...

דער אוילעם האָט זיך אַ שאָט געטאָן צום באַלשעם צו באַקומען אַ בראָכע, אַ קאַמייע אָדער אַ טיקן אַף די אווייִרעס אָדער אַ היילונג צו מאַנכע כאַלאַעסן.

אָבער עס איז ניט געווען אַזוי לײַכט צוצוקומען צו אים. דער אוילעם האָט זיך געשטופּט און געשטויסן.

טכילעס האָט דער באַלשעם גאָרניט געוואָלט צולאָזן צו זיך, צום סאָף איז ער אָבער ווייכער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן אַרײַנלאָזן אין צימער די מער כאָשעווע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געקאָנט גוט באַצאָלן, פֿאַר זײַנס אַ וואָרט.

די ערשטע בראָכע און די ערשטע קאַמייע האָט באַקומען די באַלאַכסאַניעטע, נאָכדעם אירע גוטע פֿרײַנט, וואָס האָבן פֿײַן באַצאָלט.

מע קאָן דאָך עפּעס ניט זײַן אַזוי גראָב. אויסער דעם האָבן זיי זיך סטאַם געשראָקן פֿאַר אים. אין זײַן כיידערל האָט זיך געציטערט דער פּופּיק פֿון דעם כאַזנס בילן.

מער פֿאַר אַלעמען האָט זיך געשראָקן דער מעלאַמעד, אים האָט זיך שוין געדוכט, אַז זײַן שטים איז שוין עפּעס ענלעך צום שטים פֿון אַ הונט. מיט ביידע הענט האָט ער פֿאַרקוועטשט דאָס מויל, ער זאָל, כאַלילע, ניט אָנהויבן בילן אָדער סקאַווטשען. ער האָט זיך אויך פֿעסט אָנגעהאַלטן אָן זײַן שטעקן, ער זאָל, ווי דער כאַזן, ניט פֿאַלן אַף אַלע פֿיר, עס האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז עס ציט אים צו דער ערד. ער האָט דעריבער אָפּגעגעבן זײַן לעצטן רובל דעם באַלשעם פֿאַר אַ פּידיען.

קורץ דערפֿון, אַ גאַנצן פֿרײַטיק איז געשטאַנען אַ יאַריד אין דער אַכסאַניע, עס האָט געקאָכט און גערוישט. מע האָט געטראָגן געלט צו דעם באַלשעם, ווי מאַצעוואַסער, ביפֿראַט נאָך, אַז ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט וועט ער אַוועקגעבן אַף ערעץ־ייִסראָעל. אַסאַך יונגע ווײַבלעך האָבן אים אַוועקגעגעבן זייערע אוירינגלעך, זייערע פֿינגערלעך, און האָבן געדאַנקט גאָט, אַז ער האָט עס בײַ זיי צוגענומען. אַפֿילע אַלטע לײַט, וואָס האָבן שוין גאָרניט געהאַט, וואָס צו פֿאַרלאַנגען פֿון אים, און אַפֿילע אַלטע ווײַבער, וואָס האָבן שוין דרײַמאָל איבערגעניצעוועט זייערע טאַכריכים, האָבן אים אויך אַוועקגעטראָגן זייער לעצטן גראָשן, קעדיי אויסצופּויעלן בײַ אים אַ לײַכטע מיסע פֿאַר זיך אָדער אַ גוטן אָרט אַף יענע־וועלט, און אַלע זײַנען אַוועק פֿון אים העכסט צופֿרידן. ער האָט אַלעמען אַלדאָס גוטס מאַווטיִעך געווען.

אַ פּאָר אַלטע לײַט האָט ער פֿאַרזיכערט, אַז די נעשאָמעס וועלן זיי אַרויס גאָר אומגעריכטערהייט און זייער לײַכט, איינעם—עסנדיק, אַ צווייטן—שלאָפֿנדיק און דאָסגלײַכן. קעגן אָוונט האָט מען אים אָנגעהויבן צו שיקן מאַשקע, מעדן, ווײַנען, טאָרטן, און די אַכסאַניע איז געווען פֿול געפּאַקט מיט מענטשן: אַ טייל—צו זען דעם באַלשעם און אַ טייל—צו הערן דעם כאַזן, ווי ער סקאַווטשעט.

מע איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען ערשט צו ליכטבענטשן. עס זײַנען מערניט געבליבן לעבן דעם כאַזנס סטאַנציע, ווי אַ פּאָר צענדליק קונדייסים, וואָס מע האָט זיי שוין עטלעכע מאָל אויסגעבראַקירט פֿון רעקרוטן.

אין דוראטשעשאָק איז אויך געווען א רעוול, פון וועלכן דער אוילעם האָט שטארק געהאלטן:

ער פלעגט אָפּשפּרעכן אייַנאָרעס, זייער אָפּט מאכן א שייַלעס־כאָלעם, און האָט געשפּילט בא דעם ערשטן נאבאָר א גרויסע ראָלע אין שטעטל מיט זייַנע נייַע סיגופים און טשוועס, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן.

ער איז אויך געוואָרן שטארק מעפורסעם דורך זייַנע סגולעס אין דער ערשטער כאָלערע. ער איז געווען א מיטגליד פון יענעם בעסדן, בא וועלכן א טויטער מעכוטן האָט געהאט א דין־טוירע מיט זייַנעם א געוועזענעם לעבעדיקן מעכוטן, פארוואָס יענער האָט מעווייַעש געווען זייַן באָכערל, און ניט גענומען אים פאר אן איידעם נאָך דעם מעכוטנס טויט.

עס פארשטייט זיך, אזא איינער האָט בעוואדע געהאלטן פון קאבאָלע־מייַסעס, פון א באלשעם, ביפראט נאָך פון רעב־באָרעך באלשעם, וואָס מע זעט דאָ פון אים וווּנדער איבער וווּנדער.

דאָס רעוול האָט זיך געוואָלט זען מיט דעמדאָזיקן צאדיק, אָבער אזוי ווי ער איז געווען דער מאָרע־דעאסרע, האָט אים ניט געפּאסט, ער זאָל פריִער באזוכן דעם באלשעם. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער האָט צוגעטראכט עפּעס אן איניען אזוי, אז דאָס רעוול זאָל קענען קומען פריִער צום באלשעם און עס זאָל אים ניט שאטן צו זייַן קאָוועד.

פרייַטיקצונאכט, נאָך קאבאָלעס־שאבעס, האָט ער פארופן צו זיך די פּארנעסיי־כאדאָשים פון שטאָט און האָט צו זיי אזוי געזאָגט:

— ברידער, איר זאָלט וויסן, אז מיר זייַנען ניט יויצע פאר דעם „איך טאָר ניט געדענקען", וואָס מיר שטייען פונווייַטן בא אזא מין מייַסע. דער כאזן איז דאָך, ווי דער באלשעם האָט אליין מייעד געווען, א טייַערער ייִד און א לאמדן זערצו, ער איז געקומען אהער עפּעס פארדינען, אָבער ער איז נעבעך ארייַנגעפאלן און האָט זיך פארוואנדלט בא אייַך אין א מעשוגענעם הונט. איך וועל עס אפילע ניט לייקע־נען—ער האָט דאָס פארדינט גאנץ קאָשער, מע דארף ניט ריידן קיין נארישקייַט, מע דארף ניט לאכן פון אזעלכע זאכן. דאָך אָבער איז א גרויסער ראכמאָנעס אף אים, ער האָט דאָך א ווייַב און קינדער, און וויפל איז דאָס דער שיר צו מוטשען אים? דעריבער מוזן מיר אלע גיין צו רעב־באָרעך באלשעם, מיר וועלן אים צוזאָגן א שיינעם פּידיען און בעטן אים בעקאָוועד, ער זאָל פון זייַנטוועגן מיספּאלעל זייַן, און דער אומגליקלעכער כאזן זאָל, לעפּאָכעס, ארויס בעשאָלעם פון אונדזער שטאָט.

דעם ראָווס ווערטער האָבן פיל וויניק געווירקט אף די פּארנעסיי־כאדאָשים, און זיי זייַנען צוזאמען אוועק צו דעם באלשעם. זיי האָבן אים דערוויסט בא זיך אין כיי־דער, ווו ער האָט געדאוונט מיט א מיניען, און ער האָט בייס־מייַסע געזאָגט „שאָלעם־אלייכעם" מיט גרויס דווייקעס און היסלאָוועס.

זיי האָבן זיך געגוג אָנגעוואַרט, ביז ער האָט גענדיקט און געעפנט די אויגן.

דער באלאכסאניע האָט זיי פאָרגעשטעלט פאר אים.

די כאָשעווע שטאָט־לײַט האָבן געמאַכט אַ שמועס וועגן דעם כאַזן, און דער באַלשעם האָט זיי געזאָגט:

— האַלט מיך ניט פאַר קיין נויקעם־וועניטער. איך האָב אים באַלד מויכל געווען זײַנע רייד, וואָס ער האָט גערעדט אויף מיר. פון מײַנע לאַנגע יאָרן לאָז איך מײַנע אַריבער, און פאַרקערט, ווען איך וואָלט ניט מיספּאַלעל געווען וועגן דעם, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל אומגעקומען. דער כאַזן דאַרף מיר נאָך דאַנקען, וואָס איך האָב אויסגעבעטן פאַר אים אַ קליינע שטראָף אויף אַ קורצע צײַט. ווען ניט איך, וואָלט אויף דעם כאַזן ניגזער געוואָרן, ער זאָל נאָך זײַן טויט מעגולגל ווערן אין אַ קעלעוו אויף לאַנגע יאָר...

איך האָב אָבער געבעטן פאַר אים, וועט ער עס אָפּאַטערן מיט אַ קורצער צײַט, אָבער אַזוי ווי איר זײַט שוין געקומען צו מיר, ווייל איך אײַך ניט אוועקלאָזן מיט ליידיקע הענט. איך וועל אים צוליב אײַך אופּריכטן, און דער זכוס פון שאַבעס וועט מיר שוין בײַשטיין דערבײַ. דאָס וועט אים בלויז פאַרבעסערן, אָבער ניט אינגאַנצן געזונט מאַכן. גענוג וועט זײַן פאַר אים, אַז ער וועט אויפהערן דערווײַל צו קריכן אויף אַלע פיר און צו וויען, צו בילן ווי אַ הונט, ריידן וועט ער אָבער ערשט אָנהויבן נאָך שאַבעס, און זינגען וועט ער ערשט קאָנען האַלעווײַ אין אַ כוידעש אַרום, באַ אַלעם דעם וועט ער נאָך אַ צײַט לאַנג צושטאַמלען אַביסל, ווײַל ער האָט זיך זייער פיל פאַרזינדיקט מיט דער צונג. אָבער גענוג צו ריידן, ראַבויסײַ, די ליכט וועלן באַ אײַך אויסגיין. נאַט אײַך מײַן טאַלעס, שפּרייט אים אויס איבער אים, וועט ער ווערן פון אַ הונט צוריק אַ מענטש, און גייט אײַך אַהיים בעשאָלעם.

האָבן זיי גענומען זײַן טאַלעס און האָבן אים באַלד אויסגעשפּרייט איבער דעם כאַזן, ווי דער באַלשעם האָט זיי געהייסן, און מע האָט שוין געזען בעכוש, ווי ער ענדערט זיך און בעסערט זיך און ווערט רויִקער.

אין אַ האַלב שאָ איז ער שוין געשטאַנען אויף די צוויי פיס, ווי אַ מענטש, און אַז מע האָט אים געשטעלט אַ שטול, האָט ער זיך שוין געקאָנט זעצן, האַגאַם ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די הענטלעך פון שטול, און אַז ער איז נאָך מער געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַריכטן זיך די באָרד און פייעס און אַרומצווווישן זיך דאָס געזיכט און האָט אַפילע געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער עס גייט ניט, נאָר ער האָט שוין געהאַט אַזויפיל סייכל, אַז ער האָט זיך געקאָנט דערקלערן מיט רעמאָזים.

אַז ער האָט געוואָלט, מע זאָל אים געבן אַ שנאַפּס, האָט ער זיך אַ שנעל געטאָן אין גאָרגל, עסן — האָט ער צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, שלאָפן — האָט ער צוגעלייגט די האַנט צו דער באַק און דערבײַ אַ בויג געטאָן מיטן קאָפּ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער באַלשעם איז דורך דעראָזיקער געשיכטע זייער געהייליקט געוואָרן אין שטאָט, און מע האָט אין אים שוין געגלויבט ווי אין אַ נאָווי, ווי אין אַ צאַדיק, און אַ גאַנצן שאַבעסצונאַכט איז מען צו אים געגאַנגען מיט פּידיוינעס, מיט געלט, מיט מאַטאָנעס, און ער האָט אויסגעטיילט זייער פיל קאַמייעס און סגולעס.

עס זיַינען אויך געקומען פיל קריסטלעכע פרויען מיט געלט, מיט מאטאָנעס, און זיַינען אוועק פון אים מיט גרויס היספּיַילעס, וואָרעם ער האָט זיי אויך צוגעטראָפן און געגעבן גוטע אייצעס.

אפמאָרגן, דאָס הייסט, זונטיק, בעשאס דער באַלשעם האָט שוין געוואָלט אוועקפאָרן, האָט אים קאָהאָל זייער אָרנטלעך באפרידיקט פאר דעם, וואָס ער איז ביַיגעשטאנען פאר זייער שטאָט, אזוי, אז עס האָט מערניט געשאדט ווי דעם כאזן אליין.

א גרויסער אוילעם, יידן און וויַיבער, האָבן אים באגלייט, און באם שיידן זיך מיט אים האָבן זיי אים מאוטיַיעך געוועזן, אז זיי ווילן דעם כאזן ניט באאוולען און ווילן אים בא אלעם דעם באצאָלן, ווי ער וואָלט בא זיי געדאוונט. אויסער, וואָס זיי ווילן אים באצאָלן פאר דעם שאבעס, ווילן זיי אים אויך אויסהאלטן בא זיך, ביז ער וועט אָנהויבן צו ריידן, און דאן ווילן זיי אים אָפּשיקן אהיים אף זייערע הויצאָעס.

און זיי האָבן בעעמעס געהאלטן וואָרט, וויַיל אכוץ, וואָס זיי זיַינען געווען גרויסע מאמינים, זיַינען זיי אויך געווען זייער ערלעכע ליַיט.

ארום דינסטיק־מיטוואָך האָט דער כאזן אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט זיי דערציילט, אָז אלץ, וואָס דער באלשעם האָט אף אים געזאָגט, איז אן עמעס, און האָט ארויסגענומען פון דעם אָרטיקן ראָוו, וואָס איז אויך א שטיקל באָקי אין דידאָזיקע זאכן, טיקונים און טשוּווס, און איז זיך אוועק פונדאָרטן מיט א רעכטן גראָבן גראָשן.

אין א פּאָר וואָכן ארום זיַינען זיך געקומען צו פאָרן א פּאָר אָרכים צו אונדזער באלאכסאניע. זיי האָבן געהאלטן שאבעס בא אים און האָבן דערציילט דיזעלביקע וואונדער פון א באלשעם מיט א כאזן, וואָס איז געשען ערשט פאראכטאָגן אין זייער שטעטל לאכמאטש. דאָרט האָט אויך פּאסירט פונקט דאָס אייגענע, וואָס דאָ, און אז ער האָט זיך מיט זיי גוט פאנאנדערגעשמועסט וועגן דעם, האָט זיך שוין ארויסגעוויזן קלאָר אפן טעלער, אז דאָס זיַינען געווען דיזעלביקע יידן, וואָס דאָ, און אלע האָבן באלד פארשטאנען דעם שווינדל.

עס איז איצט געווען קלאָר, אז דער באלשעם מיטן כאזן זיַינען געווען פּאָשעטע שווינדלער, און ניט דער איז א באלשעם, און ניט יענער איז א כאזן, און אין שטעטל האָבן אלע אראָפּגעלאָזן די נאָז פאר כארפע...

* * *

די קלייקוידעש שניַידן, ווו זיי האָבן ניט געזייט, און קליַיבן דאָרט, ווו זיי האָבן ניט צעשאָטן (רוסיש פאָלקוואָרט).

ש. עטינגער.

‎(1800—1856).

קופּלעטן פון דעם ליִד „אסוסע“.

וואָס, מיינט איר דען, זוכן דאָרט
יענע שטאָט־גאבאָיִם?
איך ווייס דאָך שוין איטלעכס וואָרט,
זיי זוכן נאָר כאטאָיִם.
איך וועל מיך אָבער מיט זיי וועטן:
די כאטאָיִם זײַנען אין זייערע אייגענע בעטן.

אסוסע!

וואָס פײַניקט זיך דאָרט דער ייִד
גאָר גאנצע טעג און נעכט?
ער פאסט און פאסט, ווערט ניט מיד,
איז ער דען אזוי שלעכט?
ניין, ער איז, אָסער, גאָר קיין כויטע,
נאָר ער איז נעבעך א גרויסער שויטע.

אסוסע!

ווער איז דער אין טאלעס און טפילן
מיט דער גרויסער בריל?
פאר אים ליגט אָפן די געמאָרע כילן,
און ער לערנט שטיל.
דאָס איז דאָך, דאכט זיך, מיר ר׳ נאָכעם,
וואָס רײַסט בא די אָרעמע אסאך רעוואָכים?

אסוסע!

ניט איינער גייט אין מיקווע ארײַן
טאקע טאָג בא טאָג;
נאָר ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן
דאָס, וואָס איך זאָג...
ער מיינט ניט די האגאָדע, נאָר די קניידלעך,
דער בעדער האָט צוויי זייער שיינע מיידלעך.

אסוסע!

א גרויסן פידיען גיבן מענטשן
דעם רעבן פאר א בראָכע,
ער זאָל זיי א גאנץ סאך בענטשן,
זיי זאָלן האָבן האצלאָכע.
איך האלט עס אפילע פאר א גרויסן יוישער:
דער רעבע באדארף דאָך צו ווערן אן אוישער.
אסוסע!

* * *

א פרומען יידן זאָל מען זוכן צווישן אלטע הולטייעס (פאָלקוואָרט).

כײַים קאן.

שלוימע דער וויַנער.

ר׳ שלוימע דער וויַנער, אָדער ר׳ שלוימע דער כאָסיד, ווי אנדערע פלעגן אים רופן, איז געוועזן בעעמעס א גרויסער כאָסיד. ערשטנס, האָבן זיַין גאנצע קליינע איַנגעהויקערטע פיגור, דאָס מערידן־געזיכט, דאָס אויסגעקראָכענע, שיטערע, שפּיציקע בערדל, די בלינגדלעכע, ווינענדיקע אויגן, איידעס געזאָגט, אז ער איז א כאָסיד; צווייטנס, איז ער געזעסן באם וויַב אף דער האלדז און האָט ניט א קלאפּ געטאָן זיַין גאנץ לעבן א פינגער אָן א פינגער; דריטנס, איז ער געלאָפן אלע טאָג אינדערפרי אין מיקווע אראָפּצושווענקען די אוויירעס, וואָס האָבן זיך אף אים פאר א טאָג אָנגעקליבן; פערטנס, פלעגט ער גאנצע טעג אָפּזיצן אין בעסמעדרעש. ער האָט פיַינט געהאט צו זיַין אינדערהיים: וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? קוקן אף דער פלויניסטע? אין בעסמעדרעש פלעגט ער אריַינקוקן אין א סייפער, כאפּן א וואָרט מיט א לאמדן א באטלען, דורכשמועסן זיך מיט לייבע דעם מעלאמעד, וואָס האָט געהאט טויזנט איין נאכט צו דערציילן פון דעם אלטן, מיטעלן און ייִנגערן רעבען, דאָרטן איז געוועזן זיַין וועלט; דאָרטן האָט ער געלעבט, געפילט, אז ער לעבט.

ביין מינכע לעמיַירעוו פלעגט ער זאָגן „אייניאנקעוו" פארן אוילעם. זיַין זאָגן איז געוועזן אָן „פליטערלעך", נאָר פונדעסטוועגן זיַינען אלע מאסקים געוועזן, אז ער איז א ייִד א מופלעג.

אָפּט פלעגט מען אים זען ארומגיין מיט לייבע דעם מעלאמעד קליַיבן גדאָוועס אף אן אָרעמער קאלע, אף אן אלטן באטלען, אף דעם שאמעס וויַב, וואָס ליגט אין זיבעטן קימפּעט, און נאָך אזעלכע זאכן.

זיַין וויַב פרומע־גיטל איז געוועזן די שפּיַיזערן. דאָס געשעפט האָט זיך געהאלטן נאָר אף איר. דעם וויַין האָט זי אליין געמאכט, אליין געפּראוועט, אליין ארומגע־

טראָגן אים אַלע ערעוו־שאבעס און־יאָנטעוו צו די באַלעבאטים. צוזען די קינדער איז אויך געווען אף איר. נאָר זי האָט זיך ניט געקלאָגט: זאָל ער ארבעטן וועגן יענער וועלט, זי—וועגן דער וועלט, און בעמיילע וועלן זיי שוין זײַן אייביקע שוטפים.

נאָך איין טאָג אין יאָר איז געווען, וואָס ר׳ שלוימע פלעגט פארלאָזן די „דאלעד־אמעס" פון בעסמעדרעש, דאָס ארבעטן וועגן יענער וועלט, און אייסעקן זיך אביסל אין דער וועלט. דאָס פלעגט זײַן ערעוו־פּייסעך, דער יאריד בא די ווײַנער. אין יענעם טאָג זײַנען זײַנע הענט געווען „פול מיט ארבעט": אויסשווענקען די קוינימס קיילים, פארצייכענען אין רייסטער, נעמען געלט, געבן אויסגאָב און שווערן בענעמאָנעס, אז דער ווײַן איז גאָר אן אַנטיק, א האפלע, אז דער מעלעך מעג אים טרינקען.

איינמאָל ערעוו פּייסעך איז ר׳ שלוימע געבליבן אליין אין קעלער: פרומע־גיטל האָט נאָך געהאט אסאך מעלאָכע אין שטוב. עס איז שוין געווען שפּעט, ר׳ שלוימע האָט זיך צוגעקליבן פארשליסן דעם קעלער. פלוצלונג איז ארײַנגעפלויגן פארסאָפּעט מוישע דער שנײַדער, א לאנגער, דארער ייִד, מיט אײַנגעפאלענע אויגן און א מאָגערן געזיכט, וואָס איז געווען באוואקסן מיט א ברייטער גראָבלעכער באָרד. אונטער דער האנט האָט ער געהאלטן א פלאש.

— ווי פארשפּעטיקט זיך א ייִד מיט ווײַן נעמען? האָט אים ר׳ שלוימע פאָרוורפלעך געפרעגט.—ווײַן נעמען דארף זײַן דאָס ערשטע זאך. די קויסעס, א קליינִיקײַט, די קויסעס.

— אוף!—האָט אָפּגעסאָפּעט דער שנײַדער,—ביז איצט האָב איך געדארפט ארבעטן יערוכעם דעם מעלערס קאָסטיום...

— טאָ מאך זשע איצט קײַן שיִעס,—האָט רעב שלוימע אים איבערגעריסן,—עס איז שוין גאנץ שפּעט. נו, וואָס פאר א ווײַן ווילסטו? שטארקן, זיסן, שוואכן? וויפל ווילסטו נעמען? נו, גיכער.

ער האָט ארויסגענומען בא מוישען די פלאש פון האנט, אָנגעגאָסן וואסער און גענומען עס רייניקן.

— איך ווייס? וועלכן איר וועט געבן,—האָט מוישע געענטפערט,—און וויפל זאָל איך נעמען? ווייס איך, וויפל איך זאָל נעמען? מיר קומט פון אײַך א רובל, גיט מיר אף דעם רובל.

רעב שלוימע האָט אָפּגעהאקט אין זײַן ארבעט און פארוואונדערט א קוק געטאָן אפן שנײַדער.

— פארוואָס קומט דיר א רובל?—האָט ער געפרעגט.

— אָט נאָך פון פאר פּורים אָן,—האָט געענטפערט דער שנײַדער.

— זעסט, דאָס איז שוין גאָר אן אנדער זאך,—האָט רעב שלוימע אויסגעזונגען,—איך קען דיר פארקויפן מערניט ווי אף גרייטע...

— ווי הייסט, און מײַן ארבעט איז דען קיין געלט ניט?—האָט זיך מוישע באליידיקט.

— אָן איר ווייס איך גאָרניט,—האָט אים רעב שלוימע דערקלערט.

— איר מעגט מיר גלויבן, איר קענט מיך שוין ניט דעם ערשטן טאָג, אז איך זאָג, מיר קומט, קומט מיר, האָט זיך געאקשנט דער שנײַדער באליידיקט.

— מאַך קײַן שׂיעס ניט, מוישע, שוין שפּעט, — האָט אים איבערגעריסן דער װײַנער װײך, — האָסטו געלט, טאָ געם װײַן, באַלאַמוטשע ניט.

— װי הייסט, מיר קומט אַ רובל! — האָט שוין דער שנײַדער געהעכערט די שטימע.

— דאָס איז איר געשעפט, — האָט אָפּגעשגיטן רעב שלוימע. — דו װייסט דאָך, איך מיש זיך עפּעס אַסאַך?

— איז װאָס זאָל איך טאָן? — האָט ביטער אויסגערעדט דער שנײַדער, — איך האָב באַ זיך ניט אַ צעבראָכענעם שילינג.

— זאָג אַליין, װאָס קען איך העלפן? — האָט רעב שלוימע אָפּגעקרעכצט.

— זאָל זײַן, אַז עס קומט ניט. ניין, נו, עס קומט ניט, — האָט אָנגעהויבן דער שנײַדער, — בין איך באַ אײַך קיין באַל־באָטועך ניט אַף אַ רובל? גיט אַף אַ האַלבן. גיט אַף צוויי גילדן.

— גלויב מיר בענעמאָנעס, — האָט רעב שלוימע געזאָגט מיט אַ געבעט, — אַז איך קען ניט, אָן איר װייס איך גאָרניט און טאָר גאָרניט טאָן; דאָס איז איר געשעפט. זי האָרעװעט, איז זי די באַלעבאָסטע. איך װייס גאָרניט...

— װעט איר ניט געבן? איז באַ אײַך רעכט, איך זאָל בלײַבן אָן װײַן? — האָט דער שנײַדער אויסגעשריען.

— אַװאַדע פאַרדריסט עס מיר זייער, האָט רעב שלוימע פרום אויסגערעדט און גענומען זיך פאַר די שלעסער, — איך װאָלט געװען דער באַלעבאָס, װאָלט איך...

— עך, ר׳ שלוימע, זאָל מײַנע איבערגיין, — האָט אים אָפּגעהאַקט מיט אַ פאַראַכטונג דער שנײַדער, אַרײַנלאָזנדיק די האַנט אין קעשענע, — איך האָב געװאָלט קויפן מײַן טאָכטער אַ פּאָר שיך אַף יאָנטעװ, טאָ זאָל זי אומגיין באָרװעס, גיט מיר װײַן! — האָט ער בייז אויסגעשיפּעט פון די צונויפגעדריקטע ציינער, אַװעקלייגנדיק אַ רובל.

— װײַן דאַרף זײַן די ערשטע זאַך, — האָט רעב שלוימע געמוסערט אים, — די קויסעס, אַ קלייניקײַט די קויסעס!...

* * *

פרום װי אַ שטעקן און זוכט װו צו לעקן (פ אָ ל ק ו ו אָ ר ט).

ש. עטינגער.

װ י ט ע ל ע.

װי אַזוי קען איך הייסן דער גוטער שרײַבער,
אַז איך װעל די פרימסטע פון די װײַבער,
װיטעלען, די צנועה, ניט שיין באַזינגען?
די װײַבער װעלן דאָך מיך אײַנשלינגען!

נאָר פאר מוירע, איר מעגט מיר גלויבן,
ווייס איך אזש ניט, ווי אָנצוהויבן.
איך וועל אָבער אָנהויבן פונדאנען:
אינדערפרי איז וויטעלע אופגעשטא נ
זי האָט זיך פון שלאָף גאָר ניט רעכט דערמאָנט,
גיסט זי זיך שוין אָפּ דרייַ מאָל איטלעכע האנט,
און טייקעף איז איר ערשטע מעלאָכע,
זי זאָגט זיך די גרויסע בראָכע.
און כאָטש זי איז שוין אלט זעכציק יאָר
און האָט אף איין אויג די שטאָר,
האָט זי זיך פאָרט פייַנט צו סטרויען,
קעדיי זי זאָל כאָלילע ניט קומען לידיי ניסויען.

זי טוט זיך אָן קעסיידער
אירע אלטפרענקישע קליידער
און לויפט גאנץ געשווינד אין שול ארייַן,
וואָרעם זי מוז דאָך ד׳ ערשטע אין שול זייַן.
דאָרט שטייט זי בא דער מיזרעך־וואנט,
וואָרן וויטעלע איז פון גרויסן שטאנד,
זי איז א מעיוכעס, א גרויסע נעגידע,
א גרויסע כשוווע, . . סע כסידע.
זי לייגט אף שטענדערל אנידער
אירע טכינעס און דעם קאָרבן־מינכע־סידער
און הויבט אָן זייער צו קלאָגן
און מיט גרויס קאוואָנע צו זאָגן
גאָר א נייַע טכינע און באקאָשע
און פארשעלט גאָר דעם ראָשע
און בעט פאר דעם פרומען,
עס זאָל כאָלילע צו דעם ניט קומען,
אז דער פרומער, וואָס טוט א מיצווע,
זאָל דארפן בא איר צונעמען קיצווע.

און ווי זי וויל נאָך א טכינע לייענען,
הויבט פאר איר אָן א יידענע צו וויינען
און האָט זיך נעבעך מיט טרערן באנעצט:
„דאָס מאכזער, וואָס איך האָב בא אייַך פארזעצט,
בין איך אייַך דערוף נאָך איין גילדן שולדיק;
בעט איך אייַך, זייַט מיר נאָך אביסל געדולדיק;

איך בין דאָך נעבעך אַן אָרעמע אַלמאָנע,
לײַט מיר עס נאָר אויס אַף ראָשעשאָנע.
נאָך יאָנטעוו וועל איך עס אײַך מיט דאנק אָפּגעבן,
אין דעם זכוס וועט מען אײַך אָנשרײַבן צום לעבן".

וויטעלע ענטפערט: „איך האָב טאָמיד ראכמאָנעס
אַף אָרעמע יעסוימים און אָרעמע אַלמאָנעס.
איר אָבער קענט דאָך דאָס אַלץ פארשפּאָרן,
איר קענט אזוי טאָן ווי פאראיאָרן;
איר ווייסט דאָך, איך בין א זאָגערן
און דערצו זייער א גרויסע קלאָגערן,
מײַן קאָל הערט מען אזש בא דער טיר—
אײַך אָבער פאזוואָלע איך צו שטיין נעבן מיר.
אדעראבע, איך וואָלט אויך זייער גערן,
אז איר זאָלט איטלעכעס וואָרט הערן.
דאָס מאכזור אָבער מעג טאקע ווײַטער בא מיר ליגן,
ביז איר וועט אָפּגעבן, וואָס איר האָט אנטליגן;
נישקאָשע, איר האָט ניט צו איבערקלערן,
עס איז גאָרניט אזוי געפערלעך;
בא מיר וועט עס, אָסער, ניט צעריסן ווערן,
וואָרן איך האַלט א סייפער ערלעך".

זי זאָגט זיך „אשרע" און „לאמנאצייעך",
„אוואָ לעציען גויעל" און „אָליינו לעשאבייעך",
דערנאָך זאָגט זיך אונדזער וויטל
פון דעם טאָג דאָס קאפּיטל,
צום סאָף גיט זי אין סידער א מיש
און גיט אים דעם גאנץ גרויסן קיש,
און גיט זיך קעגן מיזרעך א בוק
און גייט הינטערווײַלעכס צוריק
פון אַלע שטענדערס אפיר,
און קושט ווידער די טיר,
און גייט און טרעט אָפּ בא רעב עלקאָנען
און בא אנדערע מעשולאָכים—
און הויבט אָן בא זיי אײַנצומאָנען
פאר צוויי וואָכן רעוואָכים.

קוים זי איז שוין נעבעך אהיים געקומען
און האָט זיך נאָר א טרער קאווע גענומען,

קומט אן אָרעמאן צו גיין
און בעט מיט א גרויס געוויין:
„וויטע־לעבן! העלפט מיר אויס דער נויט,
שענקט מיר נאָר א קליין שטיקעלע ברויט!
צו פארדינען בין, אָסער, ניט אימשטאנד,
איך בין א קאליקע אף א פוס און א האנט,
און א קינד ליגט מיר נעבעך קראנק
אין דער קעלט אף דער הוילער באנק.
פאר דעם וועט אײַך גאָט שיקן האצלאָכע,
אז איר וועט האָבן אין אלעס א בראָכע".

וויטעלע ענטפערט מיט א פּאָנעם פול ייִרעס־שאָמאיִם:
„דער גאָט, וואָס האָט געשפּײַזט
אונדזערע עלטערן אין דעם לאנד מיצראיִם,
האָט אוואדע גאָרניט געגרײַזט,
וואָס ער האָט דיר, ברודער, ניט געגעבן,
דו זאָלסט האָבן פאר עפּעס צו לעבן.
וואָס גאָט טוט, איז אוואדע גוט,
דו מוסט, מײַן לעבן, גאָרניט זײַן פרום,
איבער דעם גייסטו פאר די טירן ארום!
העסטו אָבער פרום געווען,
העסטו שוין אליין געזען,
ווי דו העסט געוועזן רײַך
און אף הענט און פיס גלײַך.
ווילסטו, איך זאָל לעהאכעס טאָן גאָט
און דערווידער זײַן זײַן געבאָט?
ניין, מײַן הארץ, מײַן לעבן!
איך טאָר דיר גאָרניט געבן.
גיי דיר געזונטערהייט,
איך טו קיין נארישקייט.
דאָ שווער איך דיר בא מײַן סידער:
איך וועל ניט טאָן גאָט דערווידער".

דער אָרעמאן האָט זיך נעבעך אופגעהויבן
און ארופגעקוקט צו דער דאָרט אויבן
מיט צוויי גאנץ גרויסע טרערן,
וואָס איך מעג אוואדע הייליק שווערן,

אז זיי זײַנען אזוי גרויס, ווי די בריליאנטן געווען,
וואָס איך האָב בא וויטעלען אף דעם קאָפּ געזען.
איצט איז וויטעלעס שטייגער
אז עס שלאָגט עלעף דער זייגער.
רוקט זי א בענקל צום אויוון צו
און נעמט זיך צו ליינן דעם „נאכלעס־צווי״
זי לייענט מיט דעם ניגן און דעם טאקט,
ביז זי ווערט אנטשלאָפן גאנץ געשמאק.
זי קומט אוף זייגער צוויי
און גיט דעם „נאכלעס־צווי״ א קיש—
און גיט דעם גרויסן געשריי,
מע זאָל גרייטן געשווינד צו טיש.

לעמאנאשעם ניט צו פארגעסן:
זי האָט זיך געוואשן צום עסן,
וואָרעס פון וואשן און בענטשן
האלט זי מער פון אלע מענטשן,
וואָס זײַנען נאָר אף דער וועלט—
וואָרן דאָס קאָסט דאָך קיין געלט.
זי הויבט אָן די מויד צו שעלטן, צו פלוכן,
פארוואָס זי האָט פארברענט דעם קוכן;
פארוואָס די יויך איז אָן זאלץ
און דאָס טייגעכץ איז אָן שמאלץ;
פארוואָס די פיש זײַנען ניט געראָטן
און דאָס הינדל איז ניט דערבראָטן.

צו מינכע גייט וויטעלע טאָמיד פריער
און פארשליסט בא זיך די טיר,
קעדיי מע זאָל זי שוין ניט מעשוגע מאכן
אלץ אײַניינעם נאָר מיט צדאָקע־זאכן.
דאקעגן טוט זי זייער אסאך טפילע,
אז גאָט זאָל געשווינד שיקן די געולע,
און ס׳זאָל שוין קומען די ליבע צײַט,
וואָס ס׳זאָלן שוין ניט זי דיין אָרעמעלײַט———

יאראָסלאַוו האַשעק
טשעכישער שרײַבער (1923—1883)

דער פעלד-קוראַט אָטאָ קאַץ.

— מאָרגן איז בא אונדז טעאַטער. מע וועט אונדז פירן אין קירך ארײַן הערן א דראָשע. מיר, גאַטקעניקעס, שטייען סאַמע אונטער דער קאַטעדרע. אָט וועט דאָס זײַן פריילעך!

פּונקט ווי אין אַלע טורמעס, איז אויך די קירך בא דער מיליטער־טורמע געווען שטאַרק באַליבט באַם עולם. פארשטייט זיך, אז דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס די באַזוכערס זײַנען געוואָרן גוט און פרום, דורכדעם, וואָס מע האָט זיי גע־צוווּנגען צו באַזוכן די קירך. וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן האָט גאָר קיין ר[illegible]יט געקאָנט זײַן.

די טפילע און די דראָשע איז פּאָשעט געווען אן אָנגענעמער צײַט־פאַרטרײַב און ווײַלונג אין דער נודעניש און דעם אַלצײַנס פון דעם טורמע־רעזשים. הייסט דאָס, ניט דער כײַשעק נעענטער צו קומען צו גאָט האָט געצויגן דעם עולם, נאָר די האָפענונג אויפצוהויבן אין קאָרידאָר, אָדער אפן הויף אן עקל פון א פּאַפּיראָס.

נאָר דער הויפּט־טײַנעג איז געווען די דראָשע. דער פעלד־קוראַט, דער קאַ־טוילישער מיליטער־גײַסטלעכער, מיטן נאָמען אָטאָ קאַץ, איז געווען א מענטש א פּראַכט! זײַנע דראָשעס זײַנען געווען ניטגעוויינלעך אינטערעסאַנט, און די אַרעסטאַנטן, וואָס זײַנען אויסגעגאַנגען פון נודעניש, האָבן זיך מאַמעש געקוויקט מיט זיי. ער האָט פאַרשטאַנען אַזוי ווינציק צו באַלבען נישט־געשטויגן, ישט־געפלויגן וועגן גאָטס כעסעד, וואָס האָט קיין גרענעץ ניט, און באַפרידיקן די גײַס־טיקע באַדערפענישן פון אײַנגעגעסענע פאַרברעכערס און ביכלאַל פון מענטשן, וואָס זײַנען געשענדעט דורכן געריכט. ער האָט אַזוי האַפלעדיק פאַרשטאַנען זיך צו זידלען פון קאַטעדער אָדער פון אַלטאַר אַראָפּ. ער האָט מיט אַזאַ קנאַק געקאָנט א דונער טאָן באַם אַלטאַר דעם „וועניסלאַך", האָט פאַרשטאַנען אַזוי אָריגינעל דורכצופירן דעם גאַנצן דינסט, אַזוי צו פאַרפּלאָנטערן דעם גאַנצן סיידער פון דער מעסע און אויס קלערן, ווען ער איז געווען שטאַרק שיקער, נײַע טפילעס, א נײַע מעסע און נײַע צערעמאָניעס — עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט.

און ווידער אַמאָל, סאַראַ שפּאַס, ווען ער פלעגט זיך אַמאָל אויסגליטשן און אַראָפּפליִען מיטן קאָפּ אַראָפּ צוזאַמען מיט דער שאָל, מיט די הייליקע גאָבן און מיטן טפילע־בוך, און דערנאָך פלעגט ער נעמען הויך באַשולדיקן דעם באַהעלפער, דעם אַרעסטאַנט, אז יענער האָט אים אונטערגעשטעלט א פיסל, און פלעגט אים דאָ טאַקע אפן אָרט אַרײַנקאַטעווען קאַן־וועקאַך מעסלעס קאַרצער.

עס איז געווען א פײַערלעכער מאָמענט, בייס מע פלעגט אַרײַנפירן אין קירך די „זעכצנטע" אין הוילע טאַכטוינים, וואָרעם מע האָט מוירע געהאַט צו לאָזן די אַרעסטאַנטן זיך אָנטאָן, קעדיי עמיצער פון זיי זאָל ניט אַנטלויפן.

ארום זיי זײַנען געשטאַנען די איבעריקע ארעסטירטע פון דער מיליטער־טיורמע און האָבן כויזעק געמאכט פון די גאַטקעניקעס פאַר דער קאַטעדרע, וואָס אַף איר האָט ארופגעשטײַגט דער פעלד־קוראַט, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן.

— שטיל שטיין! — האָט ער א געשריי געטאָן. — צו דער טפילע! כאַזער איבער נאָך מיר אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן. און דו, מענוּוול, דאָרט אין דער לעצטער ריי, דו שנײַץ זיך ניט די נאָז אין פויסט, וויבאַלד דו שטייסט אין א גאָטס־הויז, א ניט וועל איך דיך מעשאַלייען זײַן אין קאַרצער. א נו, לאָמיר זען, צי האָט איר, פּוסטעפּאַס־ניקעס, ניט פאַרגעסן „פּאָטער אונדזער"? א נו, פּרווּוט... נאט אײַך אַוועק. איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט איבערדרייען קאַפּויער. און פונוואַנען זאָלט איר יאָ וויסן דעם „פּאָטער אונדזער"? אײַער אײַסעק איז אופּרעסן צוויי פּאָרציעס פלייש מיט בעבלעך, זיך צולייגן אין בעטל, פּאָרקען זיך אין נאָז און ניט קלערן וועגן גאָט — דאָס קענט איר! ניט עמעס?

ער האָט א קוק געטאָן פון דער קאַטעדרע אראָפּ אַף די צוואַנציק ווײַסע מאַלאָ־כים אין גאַטקעס, וואָס האָבן געקוואָלן פון זײַנע רייד ניט ווינציקער, ווי די איבע־ריקע. ערגעץ הינטן האָט מען געשפּילט אין „מעסערלעך".

— קאַפּטויר־וואָפּעראַך, — האָט שווייק ארײַנגעזאָגט אין אויער זײַן שאָכן, וואָס איז ארעסטירט געוואָרן לויט א כשאַד, אַז ער האָט פאַר דרײַ קרוינען אָפּגעהאַקט זײַן כאַווער מיט א האַק דרײַ פינגער, ביכדיי אים צו באַפרײַען פון מיליטער.

— וואַרט, עס קומט נאָך בעסער! — איז געווען דער ענטפער. — הײַנט איז ער ווידער מאָלע, און דערפאַר וועט ער דרייען א ספּאָדיק וועגן דאָרנדיקן וועג פון זינד.

דער פעלד־קוראַט איז הײַנט טאַקע געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט אריבערגעבויגט איבער דער פּאַרענטש פון קאַטעדרע, אַזוי, אַז ער איז שיר ניט אראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אראָפּ.

נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעזונגען א פריילעכע ליד פון סעמינאַר, האָט ער אָנגעהויבן זײַן דראָשע:

— איך האַלט, אַז מע דאַרף אײַך אַלעמען שיסן, פאַרשטאַנען? און איך זאָג דאָס פון דעמדאָזיקן הייליקן אָרט אראָפּ, איר, רעשאָים, וואָס גאָט האָט זיך פון אײַך אָפּ־געקערט, וואָרעם גאָט האָט פאַר אײַך ניט מוירע און וועט זיך אָפּרעכענען מיט אײַך אַזוי, אַז איר וועט דעם קאָפּ פאַרלירן, ווײַל איר ווילט זיך ניט אומקערן צו קריס־טוסן און גייט בעסער איבערן דערנערדיקן וועג פון זינד.

— אהא, וואָס האָב איך געזאָגט? ער איז שוין גוט „מאַרע־קויהענדיק", — האָט מיט סימכע א שעפּטשע געטאָן שווייקן דער שאָכן.

— דער דערנערדיקער וועג פון זינד, איר, כאַמוירים, איז דער וועג פון קאַמף מיטן כעט. נאָר איר זײַט פון די צולעהאַכעסניקעס, וואָס איר וועט בעסער זיך וואַל־גערן אין איינצל־אַרעסט, איידער אומקערן זיך צום טאַטן. ווענדט אײַערע אויגן טיפער און ברייטער און העכער צו די הימלישע ווײַטקײַטן, און איר וועט מענאַצייעך זײַן, און שאָלעם וועט אראָפּנידערן אַף אײַערע נעשאָמעס, מענוּוואָלים. ניט שנײַץ די נאָז, איי, דו דאָרט, הינטן! דו ביסט ניט קיין פערד און געפינסט זיך ניט אין

קײן פערד־שטאַל, נאָר אין גאָטס טעמפּל... איך האָב טאָג און נאַכט באַדאַרפט טפילע טאָן פאַר אײַך, שוטים, אַז דער באַרעמהאַרציקער גאָט זאָל אויסגיסן זײַן נעשאָמע אין אײַערע קאַלטע הערצער און זאָל אָפּוואַשן מיט זײַן הײליקן גענאָד אײַערע זינד, ביכדײ איר זאָלט אַף אײביק געהערן צו אים און ער זאָל אײַך, מענוװאָלים, שטענדיק ליב האָבן. נאָר איר האָט אַ טאָעס. אין גאַנײדן װעל איך אײַך ניט אַרײַנפירן...—דאָ האָט דער פעלד־קוראַט אָפּגעשלוקערצט:—הערט איר דאָרט, איר גאַטקעניקעס?

האָבן צװאַנציק גאַטקעניקעס אופגעריסן די קעפּ אַרױף און האָבן אײַנשטימיק געענטפערט:

— יאָ, מיר הערן!

— ס'איז אָבער ניט גענוג נאָר הערן,—האָט דער גײַסטלעכער װײַטער גערעדט,— אַ פינצטערער װאָלקן פון לעבן, װאָס אין דעם װעט גאָטס שמײכל ניט באַפרײַען אײַך פון יעסורים, אידיאָטן איר, װאָרעם אַפילע גאָטס גענאָד האָט אַ ברעג. און דו אײזל, יאָ, יאָ, דאָס מײנט מען דיך, ניט סמײען זאָלסטו שפּײַען, אַניט װעל איך דיך לאָזן פאַרפױלט װערן אין קאַרצער. און איר אױך דאָרט אונטן. ניט מײנט, אַז איר זײַט געקומען אין אַ קרעמל; גאָט איז אַ געדולדיקער, אָבער נאָר מיט אָרנטלעכע מענטשן, און ניט מיט אַזעלכע אױסװורפן װי איר, װאָס איר פאָלגט ניט לױ־דײַ װאָס גאָטס געזעצן, נאָר אַפילע ניט די מיליטער־סטאַטוטן. אָט דאָס האָב איך אײַך געװאָלט זאָגן. מיספּאַלעל זײַן קאָנט איר ניט און איר מײנט, אַז גײן אין קירך גײט מען אַף װײַלן זיך, אַזױ װי דאָ װאָלט געװען אַ טעאַטער אָדער אַ קינאָ. נאָר דידאָזיקע שטוס װעל איך אײַך פון קאָפּ אַרױסשלאָגן, איר זאָלט ניט מײנען, אַז איך קום אײַך דאָ װײַלן אָדער פאַרשאַפן אײַך אַ שטיקל פרײד אין לעבן. איך װעל אײַך אַלעמען אַרײַנזעצן אין אײנצל־אַרעסט, װעט איר דעמלט זען, איר מענוװאָלים! איך פאַטער אַף אײַך צײַט, נאָר איך זע, אַז דאָס איז אומזיסט. און זאָל אַפילע קומען אַהער דער פעלדמאַרשאַל אַלײן אָדער דער אַרציביסקופ אַלײן, װעט איר אױך ניט טשװע טאָן און זיך אומקערן אַפן װעג פון גוטע מײַסים. און פאָרט װעט איר אַמאָל זיך דערמאָנען אָן מיר, װאָס איך האָב געװאָלט אײַער טױװע!...

פון צװישן די צװאַנציק גאַטקעניקעס האָט זיך געלאָזט הערן אַ כליפּערײַ. שװײק האָט געװײנט.

דער פעלד־קוראַט האָט אַ קוק געטאָן אַראָפּ. דאָרט איז געשטאַנען שװײק און האָט געװישט מיט די קולאַקעס די אױגן. אַרום איז דער אױלעם געװען מאָלעסימכע.

האָט דער פעלד־קוראַט װײַטער גערעדט, טײַטנדיק אַף שװײקן:

— אָט, נעמט אַראָפּ אַ מוסער פונעם דאָזיקן מענטשן. װאָס טוט ער? ער װײנט. ניט װײן, זאָג איך דיר, ניט װײן! װילסט טשװע טאָן? דאָס װעט דיר, מײַן טײַערער, ניט אָנקומען אַזױ גרינג. איצט װײנסטו טאַקע, אָבער װעסט ניט באַװײַזן קומען צוריק, אין דער קאַמערע, ביסטו װידער דערזעלביקער מענוװל, װאָס פריִער. דו װאָלסט נאָך באַדאַרפט אַסאַך טראַכטן און קלערן װעגן דעם גענאָד פון בױרע,

וואָס האָט קיין מאָס ניט, אסאך אָנמאטערן זיך, ביכדיי דיין זינדיקע נעשאָמע זאָל געפינען אין לעבן דעם ריכטיקן וועג, וואָס דו מוסט איבער אים גיין. היינט זעען מיר דאָ א מענטשן, וואָס צעגייט זיך פון געוויין, וואָס וויל זיך אומקערן צוריק. און וואָס טוט איר, די איבעריקע? גאָרניט! איר, הער אויבער־אופזעער, האָט אויך ניט די ריכטיקע האשגאָכע. איר זייט דען סאָלדאטן? יאָלדן זייט איר! אין קירך דארפט איר זיך פירן ווי סאָלדאטן. דערביי ענדיק איך און פארלאנג פון אייך, לייזיקע קאָמאנדע, איר זאָלט זיך פירן לייטיש בייס דער מעסע, עס זאָל ניט זיין אזוי ווי יענסמאָל, בייס מע האָט אין די הינטערשטע רייען אויסגעביטן קרוינישע וועש אף ברויט, וואָס מע האָט געפרעסן דאָ גופע בייס דער מעסע.

דער פעלד־קוראט איז אראָפּ פון דער קאטעדרע און איז אראָפּ אין קליידער־צימער, נאָך אים—דער אויבער־אופזעער. אין א ווײַלע ארום איז דער אויבער־אופזעער ארויס, האָט ארויסגערופן שווייקן פון צווישן די צוואנציק גאטקעניקעס און אוועקגעפירט אין קליידער־צימער.

דער פעלד־קוראט איז באקוועם געזעסן אפן טיש און האָט געדרייט א סיגארעטל.

— זיי זיך מוידע, מענוול, אז דו האָסט געוויינט נאָר אפצופלייסנס.

— גאנץ ריכטיק, הער פעלד־קוראט,—האָט שווייק געענטפערט ערנסט, איינשטעלנדיק אלץ אין קאָן,—איך בין זיך מוידע פארן אלמעכטיקן גאָט און פאר אייך, הייליקער פאָטער, ווי זיין פארטרעטער, אז איך האָב טאקע געוויינט נאָר אפצופלייסנס. איך האָב געזען, אז בא אייער דראָשע פעלט דער זינדיקער, וואָס טוט טשוווע. האָט זיך מיר געוואָלט אָנטאָן אייך פארגעניגן, ביכדיי איר זאָלט ניט מיינען, אז עס איז שוין ניט צו געפינען אפילע איין ערלעכן מאן, און זיך אליין האָב איך געוואָלט אָנטאָן פארגעניגן, ביכדיי צו פארגרינגערן דאָס געמיט.

האָט דער פעלד־קוראט זיך איינגעקוקט אין שווייקס טאמעוואטן פּאָנעם.

— איר הויבט מיר אָן געפעלן ווערן... איך וועל זיך נאָכפרעגן אף אייך באם הער אוודיטאָר, און מער קאָן איך מיט אייך ניט שמועסן. עך, כ'וואָלט שוין גיכער אָפּבימבלען די שלימאזלדיקע מעסע!... נו, לינקס ארום—מארש!...

דער מעסע־דינסט, וואָס דער פעלד־קוראט האָט אָפּגעריכט, האָט באם אוילעם ארויסגערופן גרויס אופמערקזאמקייט און אָפענע סימפאטיע. איינער פון די, וואָס זיינען געשטאנען אונטער דער קאטעדרע, האָט זיך אפילע פארוואָטן, אז ער וועט ארויסלאָזן פון האנט די גאָב־שאָל. ער האָט איינגעשטעלט זיין פּאָרציע ברויט קעגן צוויי פרעשק און האָט דאָס געוועט געווונען.

אלע, וואָס זיינען געשטאנען אין קירך, האָבן זיך געשפירט, ווי אין טעאטער, ווען עס איז שטארק טשיקאווע צו וויסן, מיט וואָס די פּיעסע וועט זיך ענדיקן. זיי האָבן מיט גרויס קאוואָנע זיך צוגעקוקט צום בילד, וואָס דער פעלד־קוראט האָט פאָרגעשטעלט.

זיי האָבן געקוואָלן דערפון, וואָס דער פעלד־קוראט האָט געהאט אָנגעטאָן דעם טפילע־בעגעד קאפויר. זיי האָבן מיט אן עמעסן נאכעס־רועך זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן באם אלטאר. דער געלער באהעלפער, א דעזערטיר פון

גײַסטלעכן שטאנד, וואָס האָט אין 28־טן פּאָלק זיך געהאט ספּעציאַליזירט אף קלײנע גנײוועס, האָט זיך געסטארעט אלפּי־זיקאָרן אופריכטן דעם גאנצן סײדער, די טעכניק און דעם טעקסט פון דער מעסע. ער איז געווען גלײַכצײַטיק סײַ באהעלפער, סײַ א פירזאָגער פארן פעלד־קוראט, וואָס פלעגט לײַכטזיניק דורכלאָזן גאנצע פראזעס און וואָס האָט גאָר אינמיטן דערינען גענומען זאָגן, אָנשטאָט א געוויינלעכער מעסע, די מעסע פון ווײַנאכט. דער אוילעם האָט געקליבן נאכעס, בײס ער האָט גענומען לײענען מיט א ניגן.

ער האָט ניט געהאט ניט קײַן שטים, ניט קײן געהער, און אין קירך האָט זיך געלאָזט הערן א פּיסק און כאזערשער קוויטש, אז מע האָט געדארפט די אויערן זיך פארשטעלן.

— איז ער דאָס הײַנט מאָלע!—האָבן זיך פאסמאקעוועט די, וואָס זײַנען געשטא־נען באם אלטאר.—עס גיסט זיך מאמעש אריבער! קענטיק, שוין ווידעראמאָל ערגעץ בא מײדלעך זיך אָנגעזופּט.

ארויסגעלאָזט דעם לעצטן קוויטש, אז די שויבן האָבן אזש געציטערט, האָט דער פעלד־קוראט א קוק געטאָן, צי איז ניט געבליבן א קאפּעלע ווײַן אין שאָל, געמאכט אן אומצופרידענע מינע און האָט זיך געווענדט צו דער אײדע:

— נו, איצט קאָנט איר זיך אָפּטראָגן אהײם, באנדיטן, גענוג! איך האָב בא־מערקט, אז איר, פארלײַזיקטע שײדים, ווײַזט ניט ארויס קײַן עמעסע פרומקײַט, וואָס וואָלט באדארפט זײַן בא אײַך, ווען איר געפינט זיך אין קירך פאר די הײליקע גאָבן. פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן אויבערשטן שעמט איר זיך ניט, אידיאָטן, הויך צו הירזשען, הוסטן, פּירכען און צו שארן מיט די פיס, דערצו נאָך פאר מיר אין די אויגן, וואָס איך פארטרעט דאָ די בסולע מאריא, יעזוס קריסטוס און גאָט דעם פאָ־טער. אויב דאָס וועט זיך נאָכאמאָל איבערכאזערן, וועל איך אײַך אָנכאסמען אזא קוויטל, אז איר וועט האָבן צו זינגען און צו זאָגן, ביכדײ איר זאָלט וויסן, אז ניט נאָר עס איז פאראן א גענעם, וואָס יך האָב אײַך דערצײלט פון אים אין מײַן לעצטער דראָשע, נײַערט עס איז פאראן נאָך א גענעם אף דער ערד, און אויב אײַך זאָל נאָך אָפּגליקן פּאָטער צו ווערן פון יענעם גענעם, וועט איר אָבער פון דעם גענעם אף דער ערד בעשומויפן זיך ניט ארויסראטעווען... מארש אהײם!

אָפּגעזאָגט דאָס, איז דער פעלד־קוראט אוועק אין קלײדער־צימער, האָט זיך איבערגעטאָן, געהײסן אָנגיסן זיך פון פעסל א קאָס ווײַן, האָט אויסגעטרונקען און איז ארויס אין הויף זיך צו זעצן רײַטן מיט דער הילף פונעם באהעלפער אפן פערד, וואָס איז דאָרט געשטאנען.

שווייק ריכט אָפּ מיטן פעלד־קוראט א געזעגן־טפילע.

אײנמאָל אינדערפרי האָט דער פעלד־קוראט אופגעוועקט שווייקן מיט די ווערטער:

— מאָרגן פאָרן מיר אָפּריכטן א געזעגן־טפילע. קאָכט אוף שווארצע קאווע מיט ראָם. אָדער נאָך בעסער—קאָכט אָפּ א גוטן גראָג!

האָט שווייק אָפּגעקאָכט א גראָג אן אויסנאם, וואָס איז געווען בעסער פארן גראָג פון אַלטע מאטראָסן. אזא גראָג וואָלטן געמעגט טרינקען אפילע פּיראטן פון אכצנטן יאָרהונדערט און וואָלטן אויך געווען צופרידן.

דער פעלד־קוראט אָטאָ קאַץ איז געווען אין היספּײַלעס.

— נאָך אזא גראָג, שווייק, וועט די געזעגן־טפילע בא אונדז אראָפּ ווי געשמירט,— האָט דער פעלד־קוראט ארויסגעזאָגט זײַן מיינונג.— מיר דוכט, אז מע וואָלט פריִער באדארפט זאָגן עטלעכע ווערטער. אזא טפילע איז דאָך ניט קיין שטוס, ווי די מעסע אין דער מיליטער־טורמע. בא אזא פײַערלעכער געלעגנהײַט דארף מען זיך האלטן פעסט. א פעלד־אלטאר האָבן מיר (פארשטייט איר, אזא קעשענע־אלטאר, וואָס לייגט זיך צונויף). הייליקע מוטער!— האָט ער זיך מיטאמאָל געכאפּט פארן קאָפּ.— שווייק, מיר זײַנען דאָך בײדע אײזלען! ווייסט איר, ווו אָט דער פעלד־אלטאר איז בא מיר געווען באהאלטן? אין דיוואן, וואָס מיר האָבן פארקויפט.

— ט־יאָ, דאָס איז א ביטערע מײַסע, הער פעלד־קוראט,— האָט זיך אָפּגערופן שווייק.— עמעס, איך קען אים, דעמדאָזיקן הענדלער מיט געניצטע מעבל. נאָר גראָד נעכטן האָב איך באגעגנט זײַן ווײַב און בין געוואָר געוואָרן, אז אונדזער דיוואן געפינט זיך בא א לערער אין ווארשאָוויץ. א צאָרע מיטן דאָזיקן פעלד־אלטאר! גלײַכער פון אלץ איז אויסטרינקען דעם גראָג און גיין אים זוכן.

— אונדז פעלט נאָר דער פעלד־אלטאר,— האָט דער פעלד־קוראט אָפּגעזיפצט ביטער.— אלץ איז שוין צוגעגרייט אפן פלאץ. די טשעסלערס האָבן אויסגעבויט אן עסטראדע. א גאָבן־האלטער גיט מען אונדז פון ברזשעוונאָוו. א שאָל דארף איך האָבן אן אייגענע, נאָר האלט—ווו איז זי?...

ער האָט זיך פארקלערט.

— לאָמיר זאָגן, איך האָב זי אָנגעוואָרן. דעמלט וועלן מיר קריגן דעם ספּאָרט־באָקאל פון לייטענאנט וויטינגער פון 75־טן פּאָלק. ער האָט אים אמאָל געוווּנען ווי א פּריז באם לויפן. ער איז א גוטער לויפער. איך האָב נאָך נעכטן מיט אים אָפּגערעדט. איך בין אָבער א טיפּעש, וואָס איך לייג אלץ אָפּ אף דער לעצטער מינוט. און פארוואָס האָב איך, אידיאָט איינער, ניט אָנגעשטויסן זיך א קוק צו טאָן אין דיוואן.

— איך האלט, אז מיר דארפן פּאָרט ניט אנדערש אויסגעפינען דעמדאָזיקן פעלד־אלטאר,— האָט שווייק ווידער געטײַנעט דאָס זײַניקע.— צײַט איז נאָך פאראן גענוג. איך וועל נאָר אָנטאָן דעם מונדיר און אויסטרינקען נאָך א גלעזל גראָג.

צולעצט האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג ארײַן. אונטערוועגנס האָט דער פעלד־קוראט דערציילט שווייקן, אז ער האָט נעכטן געוווּנען אין קאָרטן א הויפן געלט, און אויב עס וועט אלצדינג אראָפּ גוט, וועט מען קאָנען אויסלייזן פון לאָמבארד די פּיאנע.

געקומען אין ווארשאָוויץ צום לערער, אן עלטערן מענטשן, האָבן זיי זיך דערוווּסט ניט קיין געשמאקע נײַס. ווארעם דער לערער, וואָס איז געווען א פרומער מאן, אז ער האָט געפונען אין דיוואן דעם אלטאר, האָט ער געגלויבט, אז דאָס איז א נעס

פֿון הימל, און האָט אװעקגעשאָנקען דעם אַלטאַר דער קירך אין װאַרשאָװיק, ביטנײַ, אַז אױף דער הינטערשטער זײַט פֿון אַלטאַר זאָל זײַן אַן אױפֿשריפֿט: „דידאָזיקע מאַטאָנע האָט מענאַדעװו געװוען פֿון גאָטס קאָװעד װעגן הער קאָלאַרזשיק, אַן אױסגעדינטער לערער, אין יאָר פֿון האַר 1914".

— דאָס געפֿעלט מיר גאָרניט, — האָט געזאָגט דער פֿעלד־קוראַט. — אַ זאַך, װאָס געהערט ניט אײַך, האָט איר באַדאַרפֿט אָפּגעבן דער פּאָליצײ, אָבער ניט עפּעס אַ לײַדע קירך.

דער אומגליקלעכער אַלטער איז געװאָרן אינגאַנצן צעטומלט פֿון אַזעלכע רײד. ער האָט זיך געסטאַרעט װאָס גיכער זיך אָנצוטאָן און צו מאַכן אַ סאָף צו דער געשיכטע.

דער װאַרשאָװיצער גײַסטלעכער האָט נאָך געשלאָפֿן. אױפֿגעכאַפּט זיך פֿון די קלעפּ אין טיר, האָט ער גענומען זידלען זיך. װײַל פֿון שלאָף האָט ער געמײנט, אַז מע רופֿט אים זאָגן װידער מיט אַ קראַנקן.

— װאָלטן, דוכט זיך, געקאָנט צװואַרטן מיט זײער װידע, — האָט ער בערױגעזגעבורטשעט, אַרופֿציִענדיק אױף זיך די קלײדער, — מוז מען דאָס שטאַרבן דאַפֿקע אין דער רעגע, װען אַ מענטש איז נאָר װאָס אײַנגעשלאָפֿן? און דערנאָך גײ, מאָן בײַ זײ אײַן דאָס געלט.

זײ האָבן זיך באַגעגנט אין פֿאָרצימער. — אײנער דער פֿאַרטרעטער פֿון גאָט צװישן דער ציװילער באַפֿעלקערונג אין װאַרשאָװיק, און דער צװײטער — גאָטס פֿאַרטרעטער אױף דער ערד באַם מיליטער־רעסאָר.

דער װאַרשאָװיצער גײַסטלעכער האָט געטײַנעט, אַז אַ פֿעלד־אַלטאַר דאַרף ניט געפֿינען זיך אין אַ דיװאַן. דערױף האָט דער פֿעלד־קוראַט געענטפֿערט, אַז נאָך װינציקער פּאַסט ער זיך אַרײַן אין קירך, װוּ עס קומען נאָר ציװילע יאָלדן, נאָר אַלפּיטאָעס קומט ער אַהין.

סאָפֿקאָלסאָף זײַנען זײ אַװעק אין קלײדער־צימער, און דאָרט האָט זײ דער גײַסטלעכער אָפּגעגעבן דעם אַלטאַר און האָט פֿון זײ אַרױסגענומען אַזאַ קװיטל:

„דערמיט באַשטעטיק איך, אַז איך האָב געקראָגן צוריק דעם פֿעלד־אַלטאַר, װאָס איז צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלן אין װאַרשאָװיצער קירך. פֿעלד־קוראַט אָטאָ קאַץ".

דעם אַזױ־צוגערופֿענעם פֿעלד־אַלטאַר האָט שװײק מיט מאַזל אַרײַנגעפּאַקט אין אַן עקיפּאַזש און אַלײן האָט ער זיך אַרױפֿגעזעצט באַם קוטשער אױף דער קעלניע. דער פֿעלד־קוראַט האָט זיך ברײט צעלײגט אין עקיפּאַזש, מיט די פֿיס איבער דעם אַלטאַר. אַז זײ זײַנען צוגעפֿאָרן צו דער פּראָװיאַנט־װאַך, האָט מען בײַ זײ געפֿרעגט, װאָס זײ פֿירן.

— די הײליקע דרײַ־אײניקײַט מיט דער בסולע מאַריאַ מיטן פֿעלד־קוראַט, — האָט שװײק געענטפֿערט.

— פֿאַרשטײט איר דען צו העלפֿן באַם דינסט?

— מיר איז קײנמאָל ניט אױסגעקומען, — האָט שװײק געענטפֿערט, — נאָר פֿאַרװאָס זאָלן מיר ניט פּרוּװן? איצטער איז מילכאָמע, און אױף מילכאָמע טוען מענטשן אַסאַך

זאַכן, וואָס עס האָט זיי פריער אפילו זיך ניט געחלומט. איך מיין, אז איך וועל קאָנען ענטפערן אף אײַערע בראָכעס. און ווײַטער וועט, כ׳לעבן, ניט זײַן שווער ארומצודרייען זיך ארום אײַך, אופגיסן אײַך די הענט, און אײַנגיסן אײַך ווײַן פון די קיילים.

— גוט,—האָט געזאָגט דער פעלד־קוראט,—אָבער פאסט אוף, איר זאָלט מיר ניט אײַנגיסן קיין וואסער. גלײַכער איז, ביכדיי ניט צו האָבן קײַן טאָעס, ארײַנצוגיסן ווײַן אויך אין דער צווייטער קיילע. איבעריקנס, וועל איך אײַך געבן סימאָנים, ווו איר האָט צו גיין, רעכטס אָדער לינקס. וועל איך שטילערהייט א פײַף טאָן איין מאָל, וועט דאָס הייסן רעכטס, ווען צוויי מאָל—איז לינקס. איר זײַט ניט קיין שרעקעדיקער?

— איך האָב פאר גאָרנישט קיין מוירע ניט, הער פעלד־קוראט, אפילו צו זײַן א באהעלפער בא א גײַסטלעכן.

דער פעלד־קוראט איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אז דאָס איז אלץ שטוסערײַ.

אלץ איז געגאנגען ווי א מיזמער.

דעם פעלד־קוראטס רעדע איז געווען זייער א קורצע.

— סאָלדאטן! מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן, ביכדיי פארן אָפפאָרן אפן שלאכטפעלד אופצוהויבן אונדזערע הערצער צו גאָט, ער זאָל אונדז שענקען דעם ניצאָכן און אָפּהיטן אונדז בעשאָלעם. איך וועל אײַך לאנג ניט פארהאלטן און ווינטש אײַך אלדאָס גוטס!

— פרײַ!—האָט א קאָמאנדיר געטאָן דער אלטער פאָלקאָווניק אפן לינקן פלאנג.

די גאנצע צערעמאָניע האָט געדויערט סאכאקל צען מינוט. און די, וואָס זײַנען געשטאנען נאָענט, זײַנען געווען שטארק פארוווּנדערט, וואָס דער פעלד־קוראט פלעגט בײַם דער טפילע אמאָל א פײַף טאָן.

שווייק האָט געפאָלגט די סיגנאלן, האָט זיך געדרייט פון רעכטס אף לינקס און פון לינקס אף רעכטס און האָט אלץ איבערגעכאזערט איין און דיזעלביקע פראזע, וואָס ער האָט געוווּסט.

אלע האָבן געקליבן נאכעס. די אָפיצערן, וואָס זײַנען געשטאנען ארום פאָלקאָווניק, האָבן דערציילט איינעם דעם אנדערן אנעקדאָטן, און אזוי ארום איז אלץ געגאנגען אין בעסטן סיידער. צווישן די פּאָשעטע סאָלדאטן האָט מען געקאָנט דאָ און דאָרטן הערן: „אנו, לאָז מיר אויך א זופּ טאָן“.

פון אלע ווינקעלעך האָבן אופגעשטײַגט בלויליכע וואָלקנדלעך רויך צום הימל אז דער פאָלקאָווניק האָט אָנגעצונדן א סיגאר, האָבן אלע פארויכערט.

צולעצט א קאָמאנדע: „צו דער טפילע זיך שטעלן“. א וואָלקן שטויב—און דער גראָער פירעק פון מונדירן האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני פאר לייטענאנט וויטינגערס ספּאָרט־באָקאל.

דער באָקאל איז געווען אָנגעגאָסן ביזן ראנד. און די אלגעמיינע מיינונג פון די, וואָס האָבן צוגעקוקט און געזען, וואָס דער פעלד־קוראט טוט, איז געווען: „ער האָט אים טאקע אויסגעכליאָבעט!“

דידאָזיקע הייליקע דינסט האָט זיך איבערגעכאַזערט צוויי מאָל. דערנאָך איבער־אַנייס: „צו דער טפילע זיך שטעלן!״, דערנאָך דער הימן, די קאָמאַנדע: „אופמערקן, אָרדנען!״—און אַוועק צום וואָקזאַל.

— קלייַבט צונויף אָט דעם גאַנצן רומל,—האָט דער פעלד־קוראַט באַפוילן שווייקן,—ביכדיי מיר זאָלן קאָנען אָפּפירן אַלץ, ווו עס געהער אַהין.

זייַנען זיי ווידער געפאָרן מיט זייער פורמאַן און האָבן ערלעך אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן גענומען, כוץ דעם פלעשל קירכן־וויַין.

א רעליגיעזער וויקוּעך.

שווייק פלעגט אַמאָל גאַנצענע טעג ניט זען דעם פעלד־קוראַט. אַז ער פלעגט קומען אַהיים פון זייַנע הוליאַנקעס נאָך באַם פולן זינען, פלעגט ער שמועסן מיט שווייקן פאַרן שלאָפן גיין וועגן הויכע זאַכן, וועגן נעשאָמע־פייַער, וועגן פרייד פון דענקען.

אַמאָל פלעגט ער פרוּוון ריידן אין פערזן און ציטירן הייַנען.

שווייק איז נאָכאַמאָל אַרויסגעטראָטן פאַר א באַהעלפער פון זייַן פעלד־קוראַט בא דער געזעגן־טפילע אין פּאָנטאָן־באַטאַליאָן. אַלפּיטאָעס איז דאָרט אייַנגעלאַדן געוואָרן נאָך א צווייטער פעלד־קוראַט, א געוועזענער לערער פון רעליגיע, א ניט געוויינלעך פרומער מאַן. ער האָט מיט גרויס[illegible]עש א קוק געטאָן אויף זייַן קאָלעגע, בייס יענער האָט אים אָנגעבאָטן א שלוק קאָנ[illegible]ן פון פלעשל, וואָס שווייק פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך אין אַזעלכע פאַלן.

— דאָס איז א גוטער סימען,—האָט געזאָגט דער פעלד־קוראַט אָטאָ קאַץ,—נעמט א טרונק און גייט זיך אַהיים. איך וועל דאָ שוין אַליין פאַרטיק ווערן. איך דאַרף נאָך הייַנט זייַן אויף דער פרישער לופט, מיר טוט עפּעס דער קאָפּ וויי.

איז דער גאָטספאָרכטיקער פעלד־קוראַט אַוועק אַהיים, און קאַץ האָט, ווי שטענדיק, אויסגעצייכנט אָפּגעריכט די צערעמאָניע.

אינאָוונט איז געקומען צו זיי צוגאַסט דער גאָטספאָרכטיקער פעלד־קוראַט, וואָס האָט אינדערפרי אויך באַדאַרפט אָפּריכטן די טפילע אין פּאָנטאָן־באַטאַליאָן. דאָס איז געווען א פאַנאַטיקער, וואָס האָט איטלעכן געוואָלט באַקערן צום עמעסן גלויבן.

ער איז געקומען טאַקע מיטן מיין אַרופצופירן אויפן רעכטן וועג זייַן קאָלעגע קאַצן און אופצוּוועקן זייַן געוויסן. ער איז צוגעטראָטן דערצו אָן שׂ'עס.

— מיך וואונדערט,—האָט ער באַמערקט,—וואָס מע זעט בא אייַך אינערגעץ ניט קיין קרייץ. ווו זאָגט איר די טפילעס? קיין איין הייליק בילד ניטאָ אויף די ווענט פון אייַער צימער!

דערווייַל איז שווייק אַוועק אין קיך, און עס האָט זיך פון דאָרט דריי מאָל געהערט א קנאַל, ווי מע ציט אַרויס א פּראָפּן פון א פלאַש.

— דאָס איז גאָר א לייַכטער קירכן־וויַין, טייַערער קאָלעגע,—האָט געזאָגט קאַץ,—א גאַנץ אָנשטענדיקער סאָרט, ריסלינג. לויטן טאַם דערמאָנט ער מאָזעל־וויַין.

— איך וועל ניט טרינקען, — האָט זיך פּאַראַקשנט דער פרומער פעלד־קוראַט. — איך בין געקומען אַהער, בכדי אַרופצופירן אייך אויפן רעכטן וועג.

— נאָר עס וועט דאָך באַ אייך טרוקן ווערן אין האַלדז, טײַערער קאָלעגע, — האָט געזאָגט קאַץ. — איר טרינקט, און איך וועל הערן. איך בין אַ מילדער מענטש און קאָן אויסהערן אַ פרעמדנס מיינונג.

האָט דער גאָטספּאָרכטיקער קוראַט אָפּגעזופּט אַביסל ווײַן און האָט אויסגעגלאָצט די אויגן.

דער געוועזענער לערער פון רעליגיע האָט מעכאַניש אַ זופּ געטאָן, קענטיק, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט, ער האָט געקליבן די געדאַנקען.

— טײַערער קאָלעגע, — האָט קאַץ גערעדט ווײַטער, — שטאַרקט זיך, מאַכט ניט אַזאַ זויערע מינע, פּונקט ווי מע וואָלט אייך אין פינף מינוט אַרום באַדאַרפט הענגען. מע האָט מיר דערציילט וועגן אייך, אַז איר האָט איינמאָל אַ פרײַטיק אויפגעגעסן אין רעסטאָראַן אַ כאַזערשן קאָטלעט, ווײַל איר האָט געמיינט, עס איז דאָנערשטיק, און דערנאָך האָט איר אין טואַלעט זיך אַרײַנגעשטעקט אַ פינגער אין קעל, בכדי אויסצוברעכן, ווײַל איר האָט מוירע געהאַט, גאָט זאָל אייך ניט באַשטראָפן. און איך האָב קיין מוירע ניט צו עסן פלייש און האָב אפילע קיין מוירע ניט פאַרן גענעם. אַנטשולדיקט, דערלויבט אָנצוגיסן! אָט איצט איז אייך געוואָרן בעסער! אָדער איר האָט אַן אַנדער קוק אויפן גענעם, איר זײַט עפּשער מאַסקים מיט די מאָדערניסטן און רעפאָרמיסטן? איר ווייסט דאָך, דער גענעם איז אַן אָרט מיט געוויינטלעכע קעסלען פאַר שוועבל. די רעשאָים פרעגלט מען דאָרט אויף מאַרגאַרינע; די בראָט־שפּיזן ווערן געדרייט דורך עלעקטרע: אַסאַך טויזנטער יאָרן ווערן די רעשאָים געפּרעסט דורך גוואַלטיקע שאָסיי־וואַלצן; דאָס סקריפּען מיט די ציין ברענגען אַרויס דאַנטיסטן מיט באַזונדערע אינסטרומענטן, און די קרעכצן און געוויין ווערן פאַרצייכנט אויף גראַמאָפאָן־פּלאַטן, וואָס מע שטעלט זיי צו דערנאָך אין גאַניידן, בכדי די צדיקים זאָלן האָנאָע האָבן... אין גאַניידן שפּריצן פּולווערריזאַטערס אַרויס אָדעקאָלאָן, און דער אָרקעסטער פון פילהאַרמאָניע שפּילט אַזוי לאַנג בראַמס, ביז עס ווילט זיך אַרײַבער פון גאַניידן אין גענעם אָדער אין לייטער־גרוב אַרײַן... לעכײַם, טײַערער קאָלעגע! שווייק, גיסט אים אָן קאָניאַק, מיר דוכט, אים איז געוואָרן ניט גוט.

אַז דער גאָטספּאָרכטיקער איז געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— גלויבן דאָס איז עמפּירישע כקירע. ווער עס גלויבט ניט אין מעהוס פון דער הייליקער דרײַ־איינִיקײַט...

— שווייק, — איז קאַץ אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, — גיסט אײַן דעם הער פעלד־קוראַט נאָך קאָניאַק, ער זאָל אינגאַנצן זיך אויסטשוכען.

דעם פרומען פעלד־קוראַט האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, און ער איז געקומען צו זיך ערשט נאָך אַ פרישן גלעזל קאָניאַק, וואָס האָט אים אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ.

— וואָס איז דאָס מיט אײַך? גלויבט איר דען ניט אין גאָט? און אויב ניט, ווי אַזוי זײַט איר דאָס געוואָרן אַ פעלד־קוראַט?

— טײַערער קאָלעגע, — האָט געענטפערט קאַץ, קלאַפנדיק זײַן גאַסט איבערן רוקן, — מײַסע גוט־פרײַנט, קאָלזמאַן די מעלוכע האַלט, אַז די סאָלדאַטן, וואָס גייען זיך־שלאָגן, געבויטיקן זיך אין אַ בראָכע פון גאָטעסלעכן, איז די שטעלע פון אַ פעלד־קוראַט ניט קיין שלעכטע פּאַרנאָסע, וואָס מע אַרבעט זיך באַ איר ניט איבער. איך בין דער מעמאַלע מאָקעם פון איינעם, וואָס עקזיסטירט בעעמעס גאָרניט, דער־פאַר שפּיל איך אַליין די ראָלע פון אַ גאָט. אַז איך וועל עמעצן ניט וועלן מויכל זײַן די זינד, וועל איך ניט מויכל זײַן, אַפילע אויב ער וועט מיך בעטן אַף די קני. גאָר באַ הײַנטיקע צײַטן זײַנען אַזעלכע ווייניק פאַראַן.

— איך האָב ליב גאָט, — האָט געזאָגט דער גאָטפאַרכטיקער פעלד־קוראַט מיט אַ הויכן שלוקערץ, — איך האָב אים זייער שטאַרק ליב. גיט מיר אַ קאַפּעלע ווײַן.

ער האָט אַזאַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אַפן טיש, אַז די פלעשלעך האָבן זיך צעקלונגען.

— גאָט איז אַ געהויבענע זאַך, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דער ערד, ער איז אַ ליכטיקע פּערזענלעכקײַט — די איבערצײַגונג וועט איר באַ מיר קיינער ניט אַוועק־נעמען. אויך די הייליקע האָב איך ליב...

אַזוי האָט דער שמועס זיך געצויגן. אַפן טיש זײַנען געשטעלט געוואָרן אַלץ נײַע פלעשלעך, און פון צײַט צו צײַט האָט זיך געלאָזט הערן קאַצס אויסרוף:

— זאָג, אַז דו גלויבסט ניט אין גאָט. אַניט, וועל איך דיר ניט אײַנגיסן.

ס'האָט געהאַט דעם פּאָנעם, ווי עס וואָלטן זיך אומגעקערט די צײַטן פון רעדי־פעס אַף קריסטן. דער געוועזענער לערער פון רעליגיע האָט געזונגען עפּעס אַ מאַר־טירער־הימן און האָט געשריען:

— מעגסט פּלאַצן, איך גלויב אין גאָט און וועל אים ניט פאַרלייקענען. וועדג זיך מיט דײַן ווײַן. איך קאָן אַליין שיקן נאָך ווײַן.

סאַפּקאָלסאָף האָט מען אים אַרײַנגעלייגט אין בעט. פאַרן אײַנשלאָפן האָט ער אויפגעהויבן די האַנט, ווי צו אַ שווע, און האָט געזאָגט:

— איך גלויב אין גאָט דעם פאָטער און אין זון און אין הייליקן גײַסט. ברענג מיר אַ געבעט־בוך...

שווייק האָט אים אַרײַנגערוקט אין האַנט עפּעס אַ בוך, וואָס איז געלעגן אַפן נאַכט־טישל, און דער פרומער קוראַט איז אַנטשלאָפן געוואָרן, פעסט צוגעדריקט צו זיך באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן".

שווייק גייט אָפּריכטן ווידע.

דער פעלד־קוראַט האָט געקראָגן אַ באַפעל צו גיין אָפּריכטן ווידע מיט שווער פאַרוווּנדעטע אין אַ לאַזאַרעט.

— בוימל געהייליקטן דאַרפן מיר אויך האָבן. נאַט אײַך צען קראָן. קויפט אַ פלעשל. אין דער אינטענדאַנטורע איז מיסטאָמע אַזאַ בוימל ניטאָ.

האָט שווייק זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, זוכן בוימל, געהייליקט פון ביסקופ, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַזוי גרינג צו געפינען.

ער איז איבערגעוועזן אין אַסאַך אַפּטייק־קראָמען, נאָר ווי ער פלעגט נאָר אַרויס־זאָגן: „גיט מיר אַ פלעשעלע בוימל, געהייליקט פון ביסקופ", פלעגט מען זיך אָדער פאַנאַנדערלאַכן אָדער פאַר אײמע ווערן פאַרציטערטע. שווייק איז דערבײַ געבליבן שרעקלעך ערנסט.

האָט ער געפּרוווט זוכן אין אַפּטייקן. אין דער ערשטער אַפּטייק, ווו ער האָט זיך געווענדט, האָט מען אים אויסגעזידלט און אַרויסגעוואָרפן. אין דער צווייטער האָט מען געוואָלט דורכן טעלעפאָן אַרויסרופן גיכע הילף, און אין דער דריטער האָט אים דער פּראָוויזער געזאָגט, אַז אין פאַרבן־געשעפט פון די ברידער פּאָליאַק אויף דער לאַנגער גאַס וועט ער געוויס קריגן, וואָס ער דאַרף.

אַז שווייק איז אַרײַן אַהין און האָט געבעטן פאַר צען קראָן בוימל, געהייליקט דורכן ביסקופ, האָט דער באַלעבאַס פון געשעפט געזאָגט צום אָנגעשטעלטן:

— גיסט אים אָן צען דעקאַגראַם אַליי נומער 3.

און דער אָנגעשטעלטער האָט בײַסן אײַנוויקלען דאָס פלעשל אין פּאַפּיר געזאָגט צו שווייקן מײַסע געשעפט־מאַן:

— דער בעסטער סאָרט, אויף מײַן וואָרט. אויב איר וועט דאַרפן פּינזלען, לאַק אָדער פּאָליטורע, בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדז. בײַ אונדז איז אַלץ רײַעל.

דערווײַל האָט דער פעלד־קוראַט געכאַזערט פון קאַטעכיזיס אויף אויסווייניק אַלץ, וואָס איז זינט דער סעמינאַריע בײַ אים אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. אַז שווייק איז גע־קומען צוריק, האָט ער אים געמאָלדן מיט גאַדלעס!

— האָבן מיר שוין, הייסט דאָס, בוימל אויך. אַליי נומער 3 פון בעסטן סאָרט, מיר קענען מיט אים אויסשמירן אַ גאַנצן באַטאַליאָן. דאָס איז אַ סאָלידע פירמע מען קאָן דאָרט קריגן אויך פּאָליטורע און לאַק און פּינזלען.

* * *

אין מיליטער־שפּיטאָל האָבן געבעטן זאַלבונג צוויי מענטשן: אַן אַלטער מאַיאָר און אַ רעזערוו־לייטענאַנט, אַ געוועזענער נעמאָן אין באַנק. ביידע זײַנען זיי געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט אין די קאַרפּאַטן און זײַנען געלעגן נעבן־אַנאַנד. דער רעזערוון לייטענאַנט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק דורכצומאַכן די צערעמאָניע, ווייל דער שעף זײַנער האָט דאָס פאַר זיך פאַרלאַנגט. דערווײַל איז דער פעלד־קוראַט אַרײַן אין דער קאַנצעליאַריע אויף אײַנצורעגולירן די פינאַנציעלע זײַט פונעם עניען און האָט אָנגע־רעכנט דעם געשעפט־פירער, אַז די מעלוכע איז אים שולדיק אַנערעך הונדערט מיט פופציק קראָנען פאַר דעם געהייליקטן בוימל און פאָרן פאָרן.

דערנאָך איז נאָך אַרויסגעקומען אַ שטיקל קריג צווישן קאָמענדאַנט פון שפּיטאָל און צווישן פעלד־קוראַט, וואָס דערבײַ האָט דער לעצטער עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און האָט דערך

— זײַט אזוי גוט, הער קאפּיטאַן, רעדט זיך ניט אײַן, אז זאלבונג ווערט געמאכט אומזיסט! איך בין זיך עמעס מעצאער, וואָס אײַערע קראנקע האָבן ניט דערלעבט צו דער זאלבונג. דעמלט וואָלט איך געקראָגן מיט פּופציק קראָן מער.

שווייק האָט דערווײַל געוואַרט אונטן, אינעם וואך־צימער. ער האָט געהאלטן פעסט דאָס פלעשל מיטן הייליקן בוימל, וואָס די סאָלדאטן האָבן זיך שטארק דערמיט אינטערעסירט.

עמיצער האָט באמערקט, אז מיט אזא אייל איז גוט אויסצושמירן די ביקסן און באגנעטן.

האָט איין יונגינקער סאָלדאט פון מערן, וואָס האָט נאָך ניט געהאט אָנגעוואָרן דאָס גלויבן אין גאָט, געבעטן זיך, מע זאָל אופהערן ריידן וועגן אזעלכע זאכן און ניט בקירען זיך וועגן די הייליקע סוידעס.

— מיר מוזן,—האָט ער געזאָגט,—האָפן, ווי גוטע קריסטן.

האָט אן אלטער רעזערוו־סאָלדאט א קוק געטאָן אפן יונגן באָכער און האָט געזאָגט:

— א פיינע מײַסע, האָפן, אז א שראפנעל וועט דיר אראָפּרײַסן דעם קאָפּ! מע האָט אונדז גוט פארטומלט די מויכעס, ניטאָ וואָס צו ריידן. געקומען איינמאָל צו אונדז צו פאָרן א קלעריקאלער דעפּוטאט און האָט געבאָלבעט וועגן שאָלעם, וואָס געוועלטיקט איבער דער גאנצער ערד, אז גאָט וויל קיין מילכאָמע ניט האָבן, נאָר ער וויל, אז אלע זאָלן לעבן אין שאָלעם און אכדעס, ווי ברידער. און טוט נאָר איצט א קוק אף אים, אפן שוטע! זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, הערט מען ניט אוף אין די קירכן צו טאָן טפילע אף אונדזער זיג, און וועגן גאָט רעדט מען ניט אנדערש, ווי פון א שעף פון גענעראל־שטאב, וואָס פירט די גאנצע מילכאָמע. א פולע, גאָר א פולע טויטע האָב איך געזען ארויספירן פון דעמדאָזיקן שפּיטאָל, און אָפּגעהאקטע הענט און פיס פירט מען ארויס פונדאנען גאנצע פורנווײַז.

— און מע באגראָבט די סאָלדאטן נאקעטע,—האָט באמערקט נאָך א רעזערוויסט,— און זייערע בעגאָדים גיט מען א צווייטן, א לעבעדיקן, און אזוי גייט דאָס ווײַטער און ווײַטער...

דער פעלד־קוראט האָט זיך געהאט אָפּגעפּארטיקט אין דער קאנצעליאריע און איז אראָפּ. מיט זײַן קומען האָט ער געשטערט דעם שמועס.

— מיר פאָרן אהיים, שווייק!—האָט ער ארײַנגערופן אין וואך־צימער. צוריקוועגס זײַנען זיי געפאָרן אָן שום פּאראד.

— א צווייטן מאָל זאָלן פאָרן אָפּריכטן ווידע, ווער עס וויל,—האָט געזאָגט דער פעלד־קוראט,—ווײַבאלד, אז מע מוז זיך דינגען איבער איטלעכער נעשאָמע, וואָס מע וויל ראטעווען. אויסגעקלערט א בוכהאלטעריע, מיט רעשפּעקט צו מעלדן!

דערזען בא שווייקן דאָס פלעשל מיטן „הייליקן” בוימל, האָט ער פארקנייטשט דעם שטערן.

— גלײַכער פון אלץ וועט זײַן, שווייק, אז איר וועט מיטן דאָזיקן בוימל אויסשמירן אײַערע שטיוול.

— איך וועל פּרוּוון אויסשמירן אויך דעם שלאָס אין טיר,—האָט געענטפערט שווייק.—ער סקריפּעט אזוי שרעקלעך, ווען מיר קומען באנאכט אהיים.

* * *

> רעליגיע איז א מין גײַסטיקער בראנפן, אין וועלכן די קנעכט פון קאפּיטאל דערטרינקען זייער מענטשן געשטאלט, זייערע פאָדערונגען אף א וועלכן ס'איז ווערטיקן מענטשלעכן לעבן (ל ע נ י ן).

קלאבונד

(ניט לאנג פארשטאָרבענער דײַטשישער שרײַבער).

מע קלײַבט א פּויפּסט.

אונטער דער הערשאפט פון פינף פּויפּסטן פארמווירדיקט ראָדריגאָ באָרדזשיאָס שווערע טוש דאָס אָרט פון וויצע־קאנצלער.

ארויפשטופּן אים פון דאָרט איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקײַט.

ער זיצט ווי אן ענטל אף אייער,—ער זיצט אויס די צוקונפט פון באָרדזשיאָ—ער זיצט און ווארט.

דער הומאַניסט פּי דער צווייטער פּרוווט שריפטלעך באקערן דעם סולטאן מאכמעד אין קריסטנטום און שטארבט.

כע־כע...

דער באַרימטער פּאוועל דער צווייטער איז שוואך אין לאטיין. ער קלײַבט מאטבייעס און בילדער, קעדיי ניט אָפּצושטיין פון די מעדיטשעס און שטארבט... כי, כי...

דער גרויסהאלטער סיקסט דער פערטער בויט די סיקסטינער קאפּעלע, פּירט מילכאָמעס, אגעוו, אויך מיט פלאָרענציע און מיט דומעדיטשעס, וואָס זײַנען, אפּאָנעם, אומבאזיגבאר, און שטארבט.

אהא!

ראָדריגאָ באָרדזשיאָ ווערט וואכזאם. סיקסט האָט צוגעגעבן ווייניק באדײַטונג דער קירכלעכער זײַט פון פּויפּסטנטום.

אין צענטער ווערט פון איצט אָן געשטעלט פּאָליטיק.

אויסערלעך מיט א פארשלאָפענעם בליק, קוקט ארײַן ראדריגא באָרדזשיאָ צו זײַנע קאָלעגעס—די קארדינאלן, אויסקלײַבנדיק די, ווער ס'קען אים זײַן נוצלעך. אָט אייגעם פון זיי, אָט דעם צווייטן טוט ער א קליינע „טויוועלע", דעם טראָגט ער אונטער א טײַער פערל, יענעם א פּערטישן טעפּיך, אן אנדערן א רײַכע פּאראפּיע און יעדערן זאָגט ער צו געבן אין דער צוקונפט טויזנט מאָל מער.

כא, כא, ניט אייביק וועט דאָך לעבן אָט דער אינאָקענטי דער אכטער. אָט איז א פּאכדאָנעסדיקע געבעכדיקע הינטל. אָבער דעם אייסעק זײַנעם ווייס ער ניט

„איך בין פויפּסט!״—א קאַריקאַטור פון XV י. ה. אפן פויפּסט אלעקסאַנדער באָרדזשיאַ.

שלעכט. פאַר אַ באַשטימטן פּידיען פאַרגיט ער און איז מוחל אַפילו מערדער און די ערגסטע פאַרברעכער.

ער שטאַרבט.

שטייענדיק באַם טויטנס בעט פילט ראַדריגאָ, אַז עס איז געקומען זײַן צײַט.

ער פאַרמאַכט דעם מעס די אויגן. אוועקגייענדיק, גלײַכט ער זיך שטאָלץ אויס. אַלעמען דוכט זיך — ער איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן. זײַנע אויגן שפּריצן פײַער.

ס'הויבט זיך אָן דער קאָנקלאַוו.

ראָדריגאָ באָרדזשיאָ איז אַ שפּאַניער.

קימאַט אַלע איטאַליענישע קאַרדינאַלן האַלטן זיך בײַ דער מיינונג, אַז די טיאַרע דאַרף אַלפּי־רעכט געהערן אַ געבוירטיקן פון איטאַליע. זיי זײַנען קעגן „אַן אויסלענדער".

דרײַ סקריטיניעס זײַנען אַדורך אָן וועלכע ס'ניט איז פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

דער אויסוואַל, אַפּאָנעם האָט זיך געוואַקלט צווישן די קאַרדינאַלן קאָסטאַ און קאַפּאַראַ. אויף זיי האָבן זיך געשטעלט אין קאָן גרויסע סומעס. באָרדזשיאָ אַליין האָט אויך שטילערהייט געשטעלט גרויסע סומעס, אָבער אויף זיך.

אין אַנטשיידענעם מאָמענט דערשײַנט אַפן פּאָן פון אומבאַוווסטקייט, גלאַנצנדיק מיט גאָלד, ראָדריגאָ באָרדזשיאָ.

ער גייט פון איין קאַרדינאַל צום צווייטן: — אין זיינע הענט — אַלע אוצרעס פון דער וועלט און ער שיט זיי פון דער פולער האַנט.

דער גרויסער פאַרפירער ווײַזט פון די רוימישע בערגלעך פאַר זײַנע קאָרבאָנעס גאַנץ רוים, גאַנץ איטאַליע, די גאַנצע וועלט.

— דו, אָרסיני, וועסט באַקומען די ביסקופּיע קאַרטאַגאָ. און דו, קאָלאָנאַ — די אַבאַטנטום סוביאַקאַ. סאַוועלי, מײַן פרײַנט, דיר געהערט דאָן אַלפּי־רעכט טשיוויאַקאַסטעלענטאַ און די ביסקופּיע מאַיאָרקאַ. די ביסקופּיע פּאַמפּלאָנאַ, וואָס איז אַזוי פּרעכטיק, ווי איר נאָמען, איז באַשטימט פאַר דיר, פּאַלאַוויטשיני. ריאַריאָ און סאַנסעווערינאַ, יעדערער פון אײַך וועט באַקומען זײַנס. דו זשע, אַסקאַניאָ ספאָרצאַ, ביסט דער סאַמע מעיוכעסדיקער, סאַמע ווירקונגפולער, אַמערסטן ווירדיקער פון אַלעמען: דיך וועל איך אָפּשיטן מיט כסאָדים און מאַטאָנעס נאָכדעם, ווי די טיאַרע וועט אַרופּגעלייגט ווערן אויף מײַן קאָפּ. כ'וועל דיר אָפּגעבן מײַן פּאַלאַץ, מײַן רויִק אָרט פון וויצע־קאַנצלער מיט איר גוטער האַכנאָסע, די ביסקופּיע ערלײַ, וועלכע וועט דיר אַרײַנטראָגן ניט ווייניקער פון טויזנט דוקאַטן אַ יאָר און פיל אַנדערע פּריווילעגיעס.

אַזוי האָט גערעדט באָרדזשיאָ, איבערגייענדיק פון איינעם צום צווייטן, און דראָבערט 14 שטימען.

14 שטימען.

ער האָט געפעלט — „מ'דאַרף נאָך באַקומען די פופצנטע שטימע און דאַן בין איך — דער רוימישער פּויפּסט. איינער פון די באָרדזשיאָס ווערט דער פאַרטרעטער פון קריסטוסן אויף דער ערד, איינער פון די באָרדזשיאָס ווערט גאָט".

...געבליבן איז נאָר איין מיטגליד פון קאָנקלאַוו, וואָס האָט נאָך ניט באַשטימט צו וועלכן צאַד ער זאָל צושטיין. דאָס איז געווען דער פינף־ און ניינציק־יאָריקער קאַרדינאַל הערארדאָ.

ראָדריגאָ באָרדזשיאָ איז געשטאַנען אקעגן אים און געקוקט אין זיינע שפּאַרבע־רישע אויגן, וואָס האָבן זשעדנע אַרויסגעקוקט פון הייפל אופגעקנייטשטע הויט.

— דער מענטש איז אַלט—האָט געטראַכט ראָדריגאָ באָרדזשיאָ—זייער אַלט. זיינע איסאָקים האָט ער איינגעאָרדנט ניט שלעכט. וואָס וועט אים שוין דאָרט געבן נאָך א פּאַראַפּיע אָדער אַבאַטנטום? גאָרניט. ס'לוינט אים דאָס אפילע ניט צו פאָרלייגן. ער קען זיך פון דעם אויסכויזעקן. פּיליכט זאַמלט ער קונסט־אַנטיקן! צוזאָגן אים א שיינעם בילד—אָדער סטאַטוע...

אָבער אויך דער געדאַנק איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אזא צעקראָכענעם האַלב־טויטן מענטש דאַרף מען צוזאָגן עפּעס לעבעדיקעס—דעם לעבן אַליין.

און אין וועמען שטעקט דאָס לעבן? אין וועמען אַנדערש, אַז ניט אין א יונגער פרוי, אין א יונגער מיידל—אין דאָזיקן קערפּערלעכן בלימל, מיט ליפּן רויטע, ווי נעגעלעך־בלום, מיט שלאַנקע הענט, צאַרטע בריסט—בוטאָנעס? דער קאַרדינאַל באָרדזשיאָ האָט זיך איינגעבויגן צום קאַרדינאַל הערארדאָ און גענומען אים עפּעס שעפּטשען אפן אויער:

— אויב איר וועט פאַר מיר הייַנט אין קאָנקלאַוו אָפּגעבן אייער וואָגיקע שטימע, וועט מאָרגן טייקעף נאָך האַלבן טאָג...

די ווייטערדיקע רייד האָבן אריינגעשטראָמט גלייך אין הערארדאָס אויער און נאָר צום סאָף פראַזע האָט זיך אופגעהויבן די שטימע.

— זאָל מיר גאָט אַליין אין דעם זיין אַן איידעס.

דעם זאָקנס שפּאַרבערישע אויגן האָבן א בלישטשע געטאָן אף באָרדזשיאָן. דורך דינע ליפּן, ווי מעסער־שאַרף האָט מיט פויגל־פּייף א קלונג געטאָן

— אָמיין.

* * *

11 אוגוסט 1492 יאָר—פאַרטאָג האָט אופגעפּראַלט די   קלאַוו.

ראָדריגאָ באָרדזשיא איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר א פּויפּסט אונטערן נאָמען אַלעקסאַנדער דער 6־טער.

אַלעקסאַנדער דער 6־טער האָט טייקעף געמאָלדן, אַז ער שענקט אַן אַלטאַר און אָרגאַל פאַר זיין גוטבעטערן און אָנפירערן.

דער האַמוין האָט באַגײַטיקנדיק געררישט און ער פון דער הויך פון באַלקאָן האָט פּאַנאַנדערגעטיילט פּייערלעכע בראָכעס.

כ'בענטש די שטאָט.

כ׳בענטש די ערד.

כ׳בענטש איטאליע.

כ׳בענטש די וועלט.

. . . .

צוויי אזייגער, טייקעף נאָכמיטיק, ווען אין דרויסן האָט געפלאַקערט די אווגוסט־ון און דער, גאנצער פאלאץ האָט געדרעמלט אין טונקל פון די פארמאכטע לאָדן, איז איבער די טונקעלע וואטיקאן־קאָרידאָרן, איינגעטונקטע אין גאָלד־גרינע ליכט־פלעקן דעם פויפסטס טאָכטער לוקרעציע באָרדזשיאַ געגאנגען אין די כאדאָרים פון קארדינאל הערארדאָ...

* * *

דעם גאלעכס בויך איז פון זיבן פעל אופגעניית
(רוס. פאָלקוואָרט).

ש. עטינגער.

די פרומע בערן.

פאר אלטע יאָרן—עס איז שוין זייער לאנג—
איז בא די כייעס געווען אן אונטערגאנג:
איינער האָט געטריפט די אויגן,
דער אנדערער—א מאקע געצויגן;
דאָ איז געווען איינע שטארק געדראָלן,
דאָרט איינע ווי א פויק געשוואָלן;
דער האָט עס די פיס פארקרימט,
און יענער, נעבעך, אין בויך געגרימט;
דעם קעמל זיינען די האָר אויסגעקראָכן,
דעם לעמפערט האָט א זייט געשטאָכן,
דעם אייזל האָבן וויגעטאָן די אוירן,
און דער לייב האָט אזש דעם קאָל אָנגעווירן —
קורץ, עס האָט ניט אויסגעלאָזט קיינעם;
מע האָט ניט געקענט געפינען איינעם,
וואָס ער זאָל קאָנען זאָגן אצינד:
„איך בין מיר גאָר פריש און געזונט!“

די אַלטע לײַט, די פֿרומע בערן,
האָבן אָנגעהויבן נאָכצוקלערן;
זיי זײַנען געזעסן עטלעכע וואָכן
און האָבן זיך די קעפּ צעבראָכן,
פֿונוואַנען דאָס האָט זיך צו זיי גענומען,
עס זאָל אף זיי א שטראָף קומען.
צום סאָף האָבן זיי אַלע דורך דער באַנק
דאָסדאָזיקע צווישן זיך אָפּגעקלערט,
אַז זיי זײַנען נאָר דורכדעם אַזוי קראַנק,
ווײַל זיי זײַנען זייער ניט ווערט,
עס זײַנען צווישן זיי דאָ גרויסע רעשאָים,
וואָס טוען טאָג און נאַכט נאָר כאַטאָים;
אַל־קיין זאָלן טייקעף און באַלד
אַלע כײַעס פֿון דעם גאַנצן וואַלד
קומען צו גיין אַזוי פֿײַן
פֿאַר זיי זיך מיסוואַדע זײַן.

און מיט גרויס געיאָמער און געקלאָג
גיט צום ערשטן דער לייב א זאָג:
„אין פֿעלד בא א סטויג מיט היי
האָב איך אַמאָל געהערט א געשריי;
געשווינד בין איך אַהין געלאָפֿן,
דאָרט האָב איך א וואָלף אָנגעטראָפֿן,
וואָס האָט געוואָלט א מענטש מאַכן א טויט.
און געשווינד שפּרינג איך איבער א פּלויט
און הויב אָן זייער הויך צו שרײַען,
דעם מענטש פֿון דעם גאַזלען צו באַפֿרײַען.
איך האָב דעם וואָלף טאַקע אַוועקגעטריבן—
איך אַליין בין אָבער איבערגעבליבן
איך האָב אַליין דעם מענטש צעביסן
און אף שטיק־שטיקלעך צעריסן;
בעט איך אײַך זייער אַצינד:
„זײַט מיר מויכל מײַנע זינד!״

„דאָס קען דיר קיינער ניט ווערן,
רופֿן זיך אָן די אַלטע בערן,

אזוי א גאָט־באַשעפעניש, אזוי א מיעס
וואָס שטייט ווי א לייטער אַף צוויי פיס.
דעם פאסקודניק דעם ווייַסן
מעג איטלעכער פון אונדז צערייַסן!
ניין, דורך דעם איז ניט די ג יירע!
ניין, דאָס איז ניט קיין אווייַרע!״

דער פוקס איז געקומען צו די בערן
און האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.
„דעם וואָלפס ווייַב, די שיינע נעקייווע,
האָב איך אמאָל אין וואלד דערזען.
מיר דאכט זיך, עס איז אין נויעכס טייווע
אוואדע קיין [illegible]
בין איך גאנצע דריַי וואָכן
ווי א שלאנג אַלץ נאָכגעקראָכן
איך האָב זי געקושט און געגלעט,
ביז איך האָב זי פון מאן אָפּגערעדט.
און פון דעמלט אָן בין איך מיר געזעסן,
און איך האָב מיר גוט געטרונקען און געגעסן,
וואָרעם זי האָט געגאנוועט באם מא אלע נאכט
און האָט אַלץ נאָר צו מיר אהיים געבראכט״.

„ע, זאָגן די בערן, ביסט א נאר!
וויין ניט און זיַי דיך ניט מעצאער,
וואָרעם די אוויירע איז ניט אַף דיר;
זי איז שולדיק, די אוולע איז פון איר!״

דער העלפאנט האָט מיט דער נאָז
געגעבן א זיפץ און א בלאָז:
„איך בין זיך מיסוואדע מיט גרויס געוויין,
אז נאָר איך, נאָר איך אליין
בין שולדיק אין דעם גערידער
וואָס איז צווישן מיינע ברידער.
דורך מיר שנייַדן זיי זיך א קריע:
איך האָב געשווירן א פאלשע שוווע!״

„וויין ניט, וויין ניט, זײַ נאָר געדולדיק,
רופן זיך אָן די אַלטע בערן:
מיר ווייסן, מיר, דו ביסט ניט שולדיק;
אין א נויט האָסטו געמעגט שווערן!“

דער וואָלף איז געקומען זייער פּאַרסאָפּעט,
דער שווייס האָט פון אים אראָפּגעקאפּעט;
ער האָט קוים געקענט אף די פיס שטיין,
און ער האָט ווי א גאזלען געקריצט מיט די ציין:
„נאָך וואָס, זאָגט ער, האָט איר לאנג צו זוכן?
מיך זאָלט איר פארשעלטן און פארפלוכן,
מיך זאָלט איר, מײַנע ליבע בערן,
מיך זאָלט איר נאָר אויסהערן!
איך האָב אנומלט בא דער נאכט
מײַן אייגענעם טאטן אומגעבראכט!“

„איבער דעם, הויבן אָן די בערן צו ברומען,
באדארפסטו זיך ניט אזוי צו פארקרימען;
דאָס איז נאָך נאָרניט אזא גרויסע זאך;
אזעלכע מײַסעס טרעפן זיך בא אונדז אסאך.
וואָס האָט מען דאָ לאנג צו קלערן?
דו האָסט עס א וואדע געטאָן אומגערן“.

א מאלפּעלע איז געזעסן אָן א זײַט,
דאָרטן פון די בערן גאָרניט ווײַט,
און האָט זיך געשמיסן מיט א רוט
איבערן בויך און איבערן רוקן.
עס האָט זיך אזש געגאָסן דאָס בלוט,
א ראכמאָנעס איז געווען צו קוקן:
„אוי!“ שרײַט זי, „גוואלד, גוואלד!“
מען האָט געהערט אין גאנצן וואלד.

„אוי!, דער אונטערגאנג איז דאָך נאָר דורך מיר,
איך האָב שוין געוואָלט דערציילן פריר,
איך האָב דאָס געטאָן דעם גרעסטן כעט:
איך האָב איטלעכן באזונדער נאָכגעשפּעט!“

„גיי, דו נאר!״, הויבן אָן די בערן צו לאכן
און אויס דעם מאלפּעלע גאָר כויזעק צו מאכן:
„דיר האָט זיך עפּעס אויך פארגלוסט
טשוועע צו טאָן פאר נישט און אומזיסט.
זינט איר, מאלפּעס אָדער אפּן,
זענט אף דער וועלט באשאפן,
שפּעט איר טאָמיד נאָך איטלעכער האוויַע,
צי פון א מענטש, צי פון א כיַיע״.

א מיַיזל, וואָס איז גאָר שטיל געלעגן,
הויבן אָן די בערן צו פרעגן:
„הער נאָר, דו קליינער!
וואָס ביסטו פאר איינער?
וואָס ליגסטו אזוי שטיל,
ווייסט ניט וואָס מע וויל?
דער אזעספּאָנים, קוקט אים נאָר אָן!
זאָג באלד, וואָס האָסטו געטאָן?!״

„איך בין, זאָגט דאָס מיַיזל, נאָך א קינד:
איך ווייס גאָרנישט, וואָס דאָס איז א זינד!״

„ע, זאָגט א בער, דערמאָן דיך נאָר ניט,
וואָרן מע טריַיבט דאָ קיין קאטאָוועס ניט.
טייקעף טו, וואָס מע הייסט:
זאָג אלץ, וואָס דו ווייסט!״

דאָס מיַיזל איז נעבעך געשטאנען
און האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען:
„באם ראָוו, זאָגט עס, אין א שטיבל
איז געווען א קליינטשיק גריבל;
דאָרט בין איך אין א לאָך
געזעסן א גאנצע וואָך
און פלעג ארומצוקריכן
אין אלע טעפּ צו זוכן;
איך האָב אָבער דרינען
קיַין שום עסן ניט געפונען.

דער הונגער האָט מיך אזוי געמוטשעט,
איך האָב אזש זייער שטארק געקוויטשעט,
ווי מעשוגע בין איך ארומגעלאָפן.
פלוצלונג האָב איך אָנגעטראָפן
דער רעבעצנס פעקל מיט טכינעס,
וואָס זי זאָגט טאָמיד פאר די קינעס:
האָב איך זיי פאר קאעס צעריסן
און אף שטיק־שטיקלעך צעביסן".

„זאָל זיך גאָט דערבארעמען!
הויבן אָן די בערן צו ליארעמען:
וויי איז אונדז און ווינד!
ווי טוט מען אזוי א זינד?!
וואָס האָסטו געוואָלט פון אונדז נעבעך האָבן?
דו האָסט דאָך אונדז אלע גאָר באגראָבן!
דורך דיר איז די צאָרע, די לייַד!
דו ראָשע האָסט אונדז אלע געטויט!
דו ביסט פון אלע דער גרעסטער כויטע,
דורך דיר זייַנען דאָס די אלע טויטע!
טייקעף זאָל מען אים אומברענגען
און אים אף א בוים אופהענגען!"

און געשווינד זייַנען די קעץ געקומען
און האָבן דאָס מייַזל נעבעך גענומען
מיט גרויסער סימכע און גרויסער פרייד,
און האָבן עס צווישן זיך געטויט.

ד אָ ד א ־ ר אָ ד א.
מאָדערנער דייַטשיש־עסטרייַכישער הומאָריסט.

טערקישע קאטאָוועסן.

1. אף גאָטס שטייגער.

א גוויר מיט זייַן דינער האָט זיך אמאָל פארקליבן אין די בערג. ס׳האָט זיך צעשפילט א שטארקער געוויטער. ווילנדיק ניט ווילנדיק, איז די וועג־לייַט אויסגעקומען זוכן א הייל. לאנג האָבן זיי איבערגעווארט דעם שטורעם. אָבער אלץ אומזיסט. האָבן זיי זיך אונטערגעוואָרפן זייער גוירל און באשטימט בלייַבן נעכטיקן.

— עהע, ליבינקער,—האָט געמאָלדן דער באַלעבאָס,—מיר ווילט זיך עפּעס עסן. איז בא דיר עפּעס דאָ פאר מײַנטוועגן?

דער דינער האָט ארויסגעשלעפּט א שטיקל ברויט—דאָס איז געווען אינגאנצן. ער האָט עס דערלאנגט דעם באַלעבאָס. האָט יענער געזאָגט:

— ליבינקער, איך קען ניט זײַ ניט יושערדיק. דאָס ברויט איז דײַנס. און אויב דו גיסט עס מיר, איז עס געוויינטלעך דײַן פארשאָלטענע פליכט, ווײַל דו ביסט מײַן דינער. מײַן פליכט אָבער איז דערלויבן דיר עסן מיט מיר.

— גוט, באַלעבאָס, טייל נאָך דײַן פארשטאנד.

— ניין, ניט נאָכן פארשטאנד, אויך דאָס וואָלט ניט געווען יושערדיק. קלײַב דו אויס: אָדער מ'זאָל זיך טיילן מיט דיר ווי א מענטש מיט א מענטשן, אָדער ווי גאָט טיילט.

דער דינער האָט א קוק געטאָן אפן ברויט און א טראכט געטאָן.

— באַלעבאָס, האָט ער געזאָגט,—טייל, ווי גאָט טיילט.

— אויב דו ווילסט אזוי, אומגליקלעכער, וועסטו גאָרניט באקומען, מאכמעס גאָט האָט מיך באשאפן פאר א גוויר און דיך פאר א קאבצן.

2. דער כאָכעם.

דער געלערנטער מולא אוליעג איז געזעסן אין זײַן הײַזל און זיך בעשומויפן יט געקאָנט פארטיפן אין זײַן סייפער: לעבן פענצטער האָבן שטארק געטומלט קינדער.

דער מולא האָט באשטימט פאָטער צו ווערן פון די שטיפער דורך א שפיצל.

האָט ער געעפנט דעם פענצטער און א געשריי געטאָן:

— קינדער, לויפט, אפן מארק טיילט מען גוטע עפּל!

די קינדער האָבן ניט געוואַרט אף א צווייטער אײַנלאדונג:—מע טיילט עפּל—האָבן זיי גענומען ליארעמען—די בעסטע עפּל אומזיסט!

נאָך זיי האָט זיך געלאָזט לויפן די גאנצע גאס און נאָכדעם אויך דער גאנצער קווארטל. אַלץ מער מענטשן זײַנען צו זיי צוגעשטאנען. און אַלע זײַנען געווען מאָלע גדולע—אפן מארק טיילט מען וונדערבארע עפּל.

אוליעג האָט דערשטוינט נאָכגעקוקט די לויפנדיקע מענטשן. און אזוי ווי צו זייערע פריידגעשרייען האָט קיין סאָף ניט גענומען, האָט ער זיך געזאָגט: „און טאָמער איז עס טאקע עמעס? צי דען וועל איך איינער פארלײַבן מיט ליידיקע הענט?

האָט ער אונטערגעכאפּט מיט ביידע הענט זײַנע ברייטע פּלודערן און ווי א מעשוגענער זיך געלאָזן לויפן צום מארק.

3. קראַנקע קעמלען.

א באָכערל האָט אמאָל געטריבן א טשערעדע קעמלען—קראנקע און העסלעכע. דערזען האָט עס דער פרומער אימאם־שאפי און אויסגעשריען:

— פארוואָס היילסטו ניט די קעמלען?

— מיט מיר לעבט מײַן גאָטפּאָרכטיק אַלטע מוטער און כ׳האָף, אַז אירע טפּילעס און בראָכעס װעלן העלפן די פּי.

און געזאָגט האָט דאַן דער אימאם־שאַפּי:

— זון מײַנער, גיב צו צו די פון דײַן מוטער אַביסל זאַלב און שמירונג און לייג עס צו צו די װונדן פון די קעמלען: גלויב מיר, דאָס װעט זיי ניט שאַדן.

4. אויסטײַטשונג פון יעװאַנגעליע.

אַ פּויער אַ קריסט האָט אויפן װעג באַגעגנט אַ גאַלעך און געפרעגט אים:

— גלויבסט דו אין דעם, װאָס דו האָסט אונדז נעכטן געפּרעדיקט אין קלויסטער: „װעט דיר עמעצער אַ פּאַטש טאָן אין דער רעכטער באַק, שטעל אים אויך אונטער די לינקע“?

— כ׳קען צו דעם גאָרניט צוגעבן און קען פון דעם גאָרניט מינערן — האָט געענטפערט דער פּאָפּ — אַזוי שטייט אין יעװאַנגעליע.

דער פּויער האָט לאַנג ניט געקלערט, ער האָט שוין פון לאַנג געשאַרפט די ציינער אויפן גאַלעך, און אים אַראָפּגעלאָזט אַ רעכטן פּאַטש איבער בײדע באַקן.

דערויף האָט דער פּאָפּ געענטפערט:

— רעכט, פּויער! אָבער אין יעװאַנגעליע שטייט אויך: „מיט דער מאָס, װאָס איר מעסט, װעט אײַך צוריק געמאָסטן װערן“.

און דער גאַלעך האָט אָפּגעװויגן דעם פּויער צוריק צװיי געזונטע פּעטש.

ס׳איז גראָד פאַרבײַגעגאַנגען אַ טערק און אַ פרעג געטאָן בײַ איינעם, װאָס איז דערבײַ געשטאַנען:

— װאָס טוט זיך דאָ? װעגן װאָס האַנדלט זיך עס בײַ זיי?

— באַזונדערס גאָרניט, — האָט יענער געענטפערט, — דאָס פאַרטײַטשן זיי איינער דעם צװייטן די יעװאַנגעליע.

װי אַ פּאָפּ האָט זיך דערטרונקען.

אין אַ שיינעם טאָג זײַנען פּויערים מיט זייער פּאָפּ געפאָרן איבערן װאַסער. האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם, גרויסע כװאַליעס האָבן זיך צעשפּילט, דאָס שיפל האָט זיך איבערגעקערט און אַלע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין טײַך.

די געשיקטע פּויערים האָבן זיך געראַטעװעט, דער פּאָפּ אָבער מיט זײַן לאַנגער ריאַסע האָט זיך דערטרונקען.

די פּויערים האָבן זיך געלאָזט מיט דער בשורה צו דער גאַלעכטע.

— קינדער! — האָט זיך צעיאַכמערט די גאַלעכטע — װי האָט דאָס געקאָנט טרעפן, װי האָט איר געקאָנט דערלאָזן, אײַער פּאָפּ זאָל זיך דערטרינקען?

— װי זשע, מוטערל, מיר האָבן אים ניט געלאָזט זיך טרינקען — האָבן געענטפערט די פּויערים. מיר האָבן צו אים ראַק געשריען: „פּאָפּ גיב די האַנט! גיב אַ האַנט, פּאָטערל!“ אָבער ער האָט קיין האַנט ניט געגעבן.

— אָ, שלימאזאָלעס! — האָט זיך פאנאנדער געוויינט די גאלעכטע: — איר האָט באדארפט שרײַען צו אים: „פּאָפּ, נעם א האנט — פּאָפּ, א האנט נעם"! גאלאָכים נעמען נאָר — זיי גיבן קיינמאָל ניט!"

פּ. הירשביין.
(1880).

א שפּײַ אין פּאָנעם.

אין אויסטראליע, אפריקע, צי אין ווײַטן אָדער נאָענטן מיזרעך, אין אלע מײַנע רײַזעס, האָב איך זיי באגעגנט די זיסלעך־גוטע מענטשן, וואָס האָבן א טעווע אראָפּצולאָזן די אויגן און קוקן אַף דײַנע שיך, אָדער אַף די שפּיצן פון זייערע אייגענע שיך, אָדער סאנדאלן, דעמאָלט ווען זייריידן צו דיר.

איך בין אויסן די מיסיאָנערן, וואָס האָבן אַף זיך גענומען די מיסיע ארומצוטראָגן דעם נײַעם טעסטאמענט [1] צווישן פּרימיטיווע, אָבער זייער קלוגע ראסן און פעלקער. וואָרעם דער פּאַפּואַנער פון אויסטראליע הערט זיך גיכער צו צום גאנג פון א פליי אין זײַן געקרײַזלטער פעך־שווארצער באָרד, ווי צו די רייד פון מיסיאָנערן, ווײַל אַף אזוי פיל איז ער נאָך פארשטענדיק צו פארשטיין זיך, סײַ די ווײַסהויטיקע מיסיאָנערן און סײַ די, וואָס האָבן בא אים צוגענומען די פרײַהײַט און ארומגעצאַמט מיט שטעכעדיקע דראָטן — ער פארשטייט, אז אַף זיי איז איין הויט אָנגעצויגן, וואָס איז פארשאָלטן, אז די זון זאָל זיי ניט קענען פארטונקלען. עס טרעפט, אז דער „זולו", צי „באָסיטי" פון דאָרעם־אפריקע טרייסלט זײַן ברוין־נאקעטן בויך פאר געלעכטער, ווען דער מיסיאָנער דערקלערט אים אין נאָמען פון „אײינעם", וואָס האָט געלעבט אמאָל, גאָר אמאָל און איז שפּעטער אוועק אין הימל, אז יענער האָט געזאָגט: „אלע מענטשן זײַנען גלײַך". און עס טרעפט דערנאָך, אז דער קאפער טוט א פרעג מיט זײַן שוימיקן געלעכטער דעם מיסיאָנער:

— ווער איז ער געווען, דער יעזוס קריסטוס, וואָס האָט געהייסן אײַערע לײַט צונעמען אונדזער לאנד און באהאנדלען אונדז נאָך ערגער, ווי מיר באהאנדלען הינט?...

נאָר דאָס, וואָס איך גיי דערציילן, האָט געטראָפן ניט ווײַט פון בענארעס, אפן וועג, וואָס פירט קיין סארנאט... דער וועג קיין סארנאט איז דאָך דער וועג, וואָס בודא האָט נאָך געטראָטן מיט א דריטאלבן טויזנט יאָר צוריק. דאָ באגעגנט מען יאגיס אין אלערליי געשטאלטן: לאנגהאָריקע, אפן פּאָנעם פּילפּארביקע סימוואָלן; אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, עקזאַלטירט ביז מעשוגאעס און וואָס האלטן אין איין בעטלען; הייליקע קי און הייליקע אָקסן, וואָס שטויבן זיך צווישן מענטשן און דריי

---

1) יעוואנגעליע.

אויס מיט די בליקן זייער כשיוועס... און אָטאָ דאָ האָט זיך איר, דער יונגער מיסיאָנערקע, פארוואָלט האלטן איר דראָשע און ריידן צום אוילעם פון ברידערלעכקײַט, אין נאָמען פון א מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט א פאָר טויזנט יאָר צוריק [1]... דאָ האָט זי זיך געשטעלט אָף עפּעס א קעסטל, ארומגעלייגט מיט יעוואנגעליעס און מיט א גאנץ קלינגענדיקער שטימע אין הורדו־דיאַלעקט, האָט זי זיך צעלייגט מיט אירע מײַמאָרים פון די אפּאָסטאָלן.

איך האָב זיך פּונקט אומגעקערט פון סארנאט, ווו עס געפינען זיך די כורוועס פון די בודא־טעמפּלען פון אריבער צוויי טויזנט יאָר צוריק... מײַן קעמל האָט מיך אָף זײַן רוקן אזוי אײַנגעוויגט, מאמעש ווי א יאם קראנקײַט. איך בין אראָפּ און געגאנגען צופוס באם זײַט פון מײַן קעמל־טרײַבער.

איך האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערנעענטערט צום אוילעם, וואָס האָט זיך ארום איר געקליבן. געוויס האָט עס דעם גרעסטן טייל אוילעם געכידעשט איר כוצפּע: א מיידל מיט אזעלכע בלאָנדע האָר, מיט אזעלכע בלויע אויגן; בלוט און בלוט פון די אייגענע, וואָס האָבן אזוי שווער אָנגעלייגט די האנט אפן אינדישן פאָלק; א קינד פון די אייגענע, וואָס האָבן אין לאנד ארײַנגעבראכט שטײַפן לוקסוס, שטײַפע גײַוווע און דעם בליק, וואָס דערנידעריקט...

און באלד האָבן זיך א שאָט געטאָן אויסרופן פון אוילעם:

— ווער איז זי, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט כוצפּע, אָף דעם אָ וועג ארויסקומען און דאָ זיך ארומלייגן מיט איר נײַעם טעסטאמענט—ניט אנדערש א טײַוול אזא:

— ווער ווייסט, עפּשער א שוועסטער פון אונדזער גענעראל־גובערנאטער.

— אזוי שטעלט מען אונדז אונטער פּאסטקעס אָף אלע וועגן.

— ווער ווייסט, עפּשער איז דאָס נאָר אָפּצוטויטן אין אונדז אונדזער פּראָטעסט...

אײַנגעוויקלט אין א פּראָסטער, לײַווונטענער „סארי”, מיט א געלבלעכן ראָנד ארום, אָף די באָרוועסע פיס — פון רימען געפלאָכטענע סאנדאלן, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אירע פארשטויבטע פינגער און איר שטים האָט געהאט דעם מוטערלעכן ציטער פון אן עלטערער פרוי. עפּשער האָט זיך איר שטים מיטדערצײַט אזוי געביטן און פארעלטערט געוואָרן, פּונקט ווי איר יוגנט, וואָס האָט זיך אונטער דער לאסט פון יעוואנגעלע אינעווייניק אין איר צונויפגעקאָרטשעט.

געוועזן מאָמענטן, ווען זי האָט מיט איר שטימע אײַנגעוויגט דעם אוילעם. עס האָט אויסגעוויזן, אז זי האָט דעם אוילעם באצוווּנגען, ווען זי האָט געמאָלן די לײַדן פון דעם, וואָס איז אופגעשטאנען צו דערלייזן די וועלט.

פּלוצלונג האָט איינער פון אוילעם א פרעג געטאָן אפן הויכן קאָל:

— וויפל וואָלט קריסטוס באקומען פון דער ענגלישער רעגירונג פאר שטעלן זיך אפן ברייטן וועג, וואָס פירט צו בענארעס און ריידן צום פאָלק אָט די קלוגע רייד.

און איידער ער האָט נאָך געענדיקט זײַנע רייד, האָט א צווייטער זיך א ריס

---

[1]) די וויסנשאפט דערקלערט, אז קריסטוס האָט ביקלאל קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

געטאָן פון רעדל מענטשן ארויס און א שפּײַ געטאָן דער בלוי־אויגיקער מיסיאָנערקע גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. באלד האָט א צווייטער און דריטער געטאָן דאָס אייגענע דער איבעריקער עולם האָט זיך א וואָרף געטאָן צו די עוואנגעליעס, וואָס זײַנען געלעגן אף דער ערד, לעבן אירע פיס, אין דערוואַרטונג, זיי צו דערלאנגען דעם עולם צוהערער—מען האָט די ביכלעך געפליקט מיט אזא מין ווילדקײַט, גלײַך ווי אין זיי וואָלט געלעגן דאָס גרעסטע אומגליק. די צעריסענע בלעטער האָט מען געפליקט אף קלענערע שטיקלעך, געשפּיגן אף דעם און געשלײַדערט איר אין פּאָנעם ארײַ.

ווען דאָס לעצטע ביכל איז צעריסן געוואָרן, האָט נאָך איינער דעם לעצטן שפּײַ געטאָן צו דער מיסיאָנערקע, שוין ניט טרעפנדיק אין צורע, נאָר דערפאר האָט ער איר נאָכאמאָל צוגעוואָרפן א זידל־וואָרט...

י א ר אָ ס ל א ו ו ה א ש ע ק.

ווי יון־סען איז געוואָרן אַ קריסט.

(ה ו מ אָ ר ע ס ק ע).

דער ערלעכער און קלוגער יון־סען איז געשטאנען אין זײַן פעלד־טעמפל פאר דער סטאטוע פון בודא און גערעדט:

— אָ, דרײַקעפּיקער גאָט! איך האָב דיר שוין געבראכט א קאָרבן 7 פּעטע הינט, 8 אָקסן און צו פעסלעך רײַז און בראנפן. דיר צוליב האָב איך אויסגעבויט 15 מילן אפן טײַך מי־כא־אָטע. דאָס וואסער איז געלאָפן און געיאָגט די רעדער פון מילן, און יעדער קער זייערער איז געווען א טפילע צו דיר, אָ גאָט מיט דרײַ קעפּ. דו האָסט געזאלט ווייך מאכן דאָס הארץ פון דער שיינער צי־טשי־קי מיט די קליינע פיסלעך, די קלענסטע אין דער גאנצער פּראָווינץ. 5 באָנזעס אין עם קלויסטער צין־סו־יו האָבן טאָג און נאכט מיספּאלעל געווען צו דיר, און איך האָב זיי געשאָנקען טויזנט טשעי—ביכדיי דאָס הארץ פון צי־טשי־ק" זאָל אופלאמען אין ליבע צו יון־סען. אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. צי־טשי־קי האָט מיר געזאָגט: „ליבער יון־סען! מײַן פעטער לו־נאג, פּאָרשטייער פון דער ברודערשאפט „הארציקע אכדעס", האָט מיר מיטגעטיילט אין א בריוו, אז אײַך פעלט איין טוגנט, וואָס האָט באצירט אונדזערע רומפולע אָוועס, וואָס האָבן געהאט פארדינסטן בא דער גאנצער פּראָווינץ און געזען זייער גליק אין איר אופבלי. מיט דעם דערקלערט זיך, ליבער יון־סען, פארוואָס די קלעפּ פון מײַן הארץ שטימען ניט מיט אײַערן". אָט אזוי האָט זי געשריבן, אָ דרײַקעפּיקער ראָשע!

— גאנץ ריכטיק, טײַערער זון,—האָט זיך דערהערט א שטים הינטער יון־סענען.— צעברעך אף שטיקלעך דײַן בודא, ווײַל בעסערס פארדינט ניט דערדאָזיקער שווינדלער.

מיט אזעלכע ווערטער איז צוגעגאנגען צו יון־סענען דער מיסיאָנער, פּאָטער אלבאן. ער האָט גוט באהערשט דעם האקעישן לאָשן, וואָס איז פארשפּרייט אין קאנ־טאָנער באצירק.

— גאָט העלף דיר אין דײַנע אלע געשעפטן! — האָט געזאָגט דער פּאָטער אלבאן און א קלאפּ געטאָן יון־סענען איבער דער פּלייצע — שוין א האלבע שאָ ווי איך קוק דיר נאָך.

יון־סען, דערזעענדיק דעם ווײַסן גאלעך, האָט אויסגעשפּיגן און געפרעגט:

— וואָס ווילסטו פון מיר, טײַוול איינער?

— מײַן זון! — האָט מילד געענטפערט דער מיסיאָנער, — וועגן דײַנע יעסורים האָב איך מיט פרייד געהערט, וואָרעם כ׳זע, אז אומזיסט האָסטו געהאָפּט אף בודא. עס איז דאָך פאראן אן אנדער גאָט, וואָס איז אלמעכטיק און פירט אויס אלץ, וואָס מיר באגערן, אויב מיר ווערן מיספּאלעל זײַן צו אים פון ריינעם הארצן.

— צי קענסט מיר דאָס גאראנטירן, ווײַסער טײַוול?

— נאטירלעך, מײַן זון. דער קריסטלעכער גאָט הערט אויס די טפילעס און דעם רוף פון אלע, וואָס זוכן זײַן שוץ. אויב דו וואָלסט געווען א קריסט, וואָלט אונדזער גאָט ווייך געמאכט דאָס הארץ פון דער שיינער צי־טשי־קי.

יון־סען האָט זיך פארנייגט פארן פּאָטער אלבאן.

— גוטער פּאָטער, האָט ער געפרעגט נײַגעריק, — צי איז שווער צו ווערן א קריסט?

— דערצו איז בלויז נויטיק א שטארקער ווילן, מײַן זון. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך לערנען די יעסוידעס פון אונדזער רעליגיע, וואָס טיילן זיך אײַן אין קאפּיט־לעך. איך וועל דיך אויסלערנען די מאָרגן־טפילע פאר 30 סו, און די אָוונט־טפילע פאר 20 סו. פאר דײַן ענדגילטיקן איבערגאנג אין קריסטלעכן גלויבן וועל איך נעמען פון דיר בלויז הונדערט סו. דאָסדאָזיקע געלט, מײַן קינד, נעם איך ניט פאר זיך, נאָר פאר מײַן אָרדען. אינגאנצן אומזיסט, אין נאָמען פון אונדזער גאָט, וועל איך דיר מויכל זײַן דײַנע זינד. פאר 5 סו יעדעס מאָל וועל איך מיט דיר מיספּאלעל זײַן צו אײַנעמען דאָס הארץ פון דײַן שיינער צי־טשי־קי!

— טײַערער! — האָט אויסגעשריגן יון־סען — איך וועל ברענגען א קאָרבן דעם סאמע פעטן הונט.

— ניין, ניין, ליבער זון, דער קריסטלעכער גאָט ברויכט ניט קיין שום קאָרבאָ־נעס. פאר אים איז וויכטיק נאָר א ריין הארץ.

— דאָס איז קלוג און ביליק, הייליקער פּאָטער! האָט מיט פרייד געזאָגט יון־סען. — לאָמיר גיין אין מײַן הויז און לערן מיך דײַן עמונע. איך וועל דיך קאָרמענען מיט די בעסטע געריכטן. אין משך פון איניקע טעג, הייליקער פּאָטער, וועסטו ווערן אזוי דיק, אז דו וועסט זיך קענען קײַקלען פון באַרג ווי א פּילקע. די שענסטע מיידלעך פון דער פּראָווינץ וועל איך דיר ברענגען. דעם בעסטן שאנכײַער אָפּיום וועל איך געבן צו דײַן פּיפּקע. טאָג־טעגלעך וועסטו בא מיר שיקער ווערן פון דעם בעסטן רײַז־בראנפן.

— מײַן זון, דו רעדסט זינדיקע זאכן... לאָמיר גיכער גיין צו דיר אין שטוב, און פארהאלט זיך ניט בא דעם פאסקודניק בודא!...

יון סען איז אינקורצן געטויפט געוואָרן אין דעם טײַך מי־כא־אָטע און האָט זיך פארפולקאָמט אין די געזעצן פון דער נייער עמונע. אין דער צײַט פון טאָנעס האָט ער שוין מער ניט געגעסן קײַן הינטיש פלייש, אזוי ווי דער מיסיאָנער האָט ניט פארזוכט קיין הון. אין דידאָזיקע הייליקע טעג האָבן זיי זיך באנוגנט מיט גע־שמאקע פיש און האָבן מיטפאלעל געוועזן וועגן דער ליבע פון דער שיינער צי־טשי־קי.

אכוץ דעם האָט יון־סען געשיקט צווייי טוץ הינט אין קאנטאָן דעם דיכטער טר־צזיאן, בעטנדיק אים פארפאסן א ליד צו דער שיינער צי־טשי־קי. א וואָך שפע־טער איז אָנגעקומען די ליד, וואָס איז געווען אזוי שיין, אז יון־סען האָט זי אויס־געלערנט אויסווייניק. די ליד האָט זיך אזוי געלייענט:

אָ, צי־טשי־קי! א, צי־טשי־קי!
וואָס איז יון־סען? ער איז בלויז שניי
שנײי פאלט פון בארג אין־ווע־מי,
אָבער ער צעגייט אין די שטראלן פון דער זון,
אזוי צעגייט אויך יון־סען פון דײַן שמייכל.
אָ, צי־טשי־קי, אָ, צי־טשי־קי.

דידאָזיקע ליד האָט יון־סען געלאָזט שרײַבן מיט גאָלדענע אויסיעס אף א זײַ־דענעם טיכל און אוועקגעשיקט דער שיינער, לײַכטפיסיקער צי־טשי־קי.

אין א העלן מיטוואָך איז א שליעך געקומען צו יון־סענען מיט א בריוו פון דעם קאנטאָנער גובערנאטער, דעם בארימטן שי־קא־יו.

אָט וואָס איז געשטאנען אין בריוו:

„טײַערער, יון־סען! אונדזער כאָשעווער און טײַערער ברודער, דער קלוגער לו־נאג, דער פעטער פון דער שיינער צי־טשי־קי און פאָרזיצער פון דער ברודער־שאפט „הארציקע אכדעס“, וואָס איך בין דאָרט אויך א מיטגליד, האָט מיר מיטגע־טיילט, אז דו, מיין טײַערער, האלסט אוף אין דײַן שטוב דעם ווײַסן טײַוול, דעם קריסטלעכן באָנזע. טו מיר א טויווע און שיק מיר צו דעמדאָזיקן מענטשן א גע־בונדענעם, ביכדיי איך זאָל קענען אים אָפּהאקן דעם קאָפּ. איך האָף, אז דו וועסט טייקעף טאָן דידאָזיקע געפעליקײַט אונדזער גאנצער ברודערשאפט. יאָ, איך פאר־בלײַב דײַן טרײַער פרײַנט

שי־קא־יו“.

יון־סען האָט מיט דערעכערעץ באגלייט דעם שליעך ביזן נעקסטן רײַז־פעלד און איז דערנאָך צוריקגעקומען מיטן בריוו צום פאָטער אלבאן.

— הייליקער פאָטער! — האָט מיט יִראס־האקאָוועד געזאָגט יון־סען. — זע, וואָס עס שרײַבט שי־קא־יו. איך דארף דיך א געבונדענעם ברענגען אין קאנטאָן, ווו מע וועט דיר אָפּהאקן דעם קאָפּ. זאָג, אָ הייליקער פאָטער, פארוואָס ציטערסטו? דו האָסט דאָך געזאָגט, אז קידעש־האשעם געהערט צו די גרעסטע הימלישע פריידן?

— טײַערער זון, יון־סען,—האָט געענטפֿערט דער בלײך־געוואָרענער מיסיאָנער,— איך האָב נאָך װײַט ניט אױסגעפֿירט מײַן שליכעס אױף דער ערד.

— זאָג, הײליקער פֿאָטער, צי פֿרײסטו זיך ניט, װאָס דו װעסט אַזױ אומגע־ריכט און גיך אַרײַנקומען אין גן־עדן? דאָס װעט דױערן בלױז אײן אױגנבליק, װאָרעם די האַנט פֿון דעם הױפּט־טאַליען ציטערט ניט. אַחוץ דעם װעל איך פֿאַר דיר מיספּאַלעל זײַן צום קריסטלעכן גאָט, װײַל דו ביסט אַ הײליקער מענטש. דו אײנער האָסט געזאָגט דעם עמעס, דײַן גאָט האָט אױסגעהערט מײַנע טפֿילעס און װײך געמאַכט דאָס האַרץ פֿון דער שײנער, לײַכטפֿיסיקער צי־טשי־קי. לו־נאַג איז איר פֿעטער. װען כ׳װעל אױספֿירן דעם פֿאַרלאַנג פֿון דעם רומפֿולן שי־קאַ־יו, װעל איך געװינען די אָנערקענונג פֿון דעם פֿעטער און אױך פֿון מײַן טײַערער צי־טשי־קי. און דאָס אַלץ פֿאַרדאַנק איך דיר, װײַל דו האָסט מיספּאַלעל געװען צו גאָט און ער האָט דיך געשיקט װי אַ מיטל דורכצופֿירן זײַן װילן!

— טײַערער זון יון־סען,—האָט געקרעכצט דער מיסיאָנער,—אױב דו װעסט מיך אַרױסגעבן דעם טאַליען, װעסטו באַגײן אַ שװערע זינד.

— װי אַזױ זשע, הײליקער פֿאָטער? דו פֿלעגסט דאָך אָפֿט מיר זאָגן, אַז דו בענקסט צום הימלישן קעניגרײַך. איצט האָט זיך פֿאַר דיר געעפֿנט די מעגלעכקײט צו שטילן דײַן בענקשאַפֿט, און מיר—דאַנקען דיר פֿאַר דײַנע אױפֿריכטיקע טפֿילעס.

יון־סען האָט אַ קלונג געטאָן אין גאָנג. עס זײַנען אַרײַן די דינער. יון־סען האָט פֿרײַנטלעך אַ קוק געטאָן אױפֿן מיסיאָנער.

— בינדט דעם הײליקן פֿאָטער מיט גרױס דרעכערעך און לײגט אים אַװעק אױפֿן װאָגן. איך װעל אַלײן מיט אים פֿאָרן אין קאַנטאָן.

אומזיסט האָט דער מיסיאָנער געפּרוּװט זיך פֿאַרטײדיקן.

אין װעג האָט יון־סען פֿרײַנטלעך געשמועסט מיט אים װעגן די הימלישע פֿרײדן.

— דו האָסט שלעכט פֿאַרשטאַנען די לערע פֿון דער קריסטלעכער קירך!—האָט געיאָמערט דער געבונדענער.—דו לעסטערסט גאָט, יון־סען!—האָט געװײנט אַלבאַן.

אָבער יון סען האָט רױִק געענטפֿערט: „ניט ריכטיק, הײליקער פֿאָטער. דײַן גאָט האָט דיך אױסגעקליבן פֿאַר זײַן אינסטרומענט. הײליק זאָל זײַן גאָטס נאָמען!״

צװײ טעג שפּעטער האָט מען אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ דעם פֿאָטער אַלבאַן.

די שײנע צי־טשי־קי האָט אײַנגיכן צוגעשיקט יון־סענען דעם פֿאָלגנדיקן בריװ:

„ליבער יון־סען, מײַן פֿעטער לו־נאַג, פֿאָרזיצער פֿון דער ברודערשאַפֿט „האַר־ציקע אַכדעס״, האָט מיר מיטגעטײלט, אַז איר האָט אין העסקעם מיט די מינהאָגים פֿון אײַערע רומפֿולע אָװעס אָפּגעשיקט דעם װײַסן טײַװל אַ געבונדענעם צום גרױסן שי־קאַ־יו. די קלעפּ פֿון מײַן האַרץ שטימען איצט מיט אײַערן, און צי־טשי־קי האָט אײַך ליב, װי דער לאָטאָס בלימל האָט ליב דעם זון־אױפֿגאַנג.

אײַער צי־טשי־קי״.

יון־סען האָט איבערגעלײענט דעם בריװ און מיט דאַנקבאַרקײט אױפֿגעהױבן די אױגן צום הימל:

— געלויבט איז דער קריסטלעכער גאָט, וואָס האָט אויסגעהערט די טפילעס פון הייליקן פאָטער און ווייך געמאכט דאָס הארץ פון דער לייַכטפיסיקער, שיינער צי־טשי־קי. אָמיין!

מאָריס ווינטשעווסקי.

רעליגיע, טיטון או בולבעס.

— די יונייַטעד־סטייַטס [1]) זייַנען ניט באשאפן געוואָרן אין די „שיישעס יעמי־בערייישיס״; זיי און די איבעריקע לענדער פון אמעריקע שטייען יעדנפאלס ניט אין מוישע ראביינעס געאָגראפיע.

די פארשיידענע עמונעס, וועלכע איר זעט דאָ, זייַנען אהער אריַינגעפירט געוואָרן פון דער אלטער וועלט, איבערהויפט, ווייַל אף רעליגיע (א שטייגער, ווי אף אבעלעס קרענק) איז דאָ קיין מאָל ניט געווען קיין פאָשלינע. בעשאס דער ריבוינע־שעלוילעם האָט געפעדלט מיט דער טוירע, איז ער, העגט ניט געוואשן, אהער ניט געקומען. ער האָט די תרי״ג [2]) מיצוועס אָנגעבאָטן דעם וויַסן, דעם געלן, דעם שווארצן אין אייראָפּע, אין אזיע, אין אפריקע, אָבער ניט דעם רויטן אינדיאַנער דאָ אין אמעריקע. מוישע ראביינע, וועלכער איז געווען דעם אויבערשטנס אגענט בא אונד־דערע אור־אור־עלטערן און האָט זיי צוגענארייַעט די סכוירע, און האָט זיי אייַנגע־רעדט און צוגערעדט מיט פיל מי, ווייַל די טוירע איז, נאָך אלעמען, ניט געווען קייַן ווילדע מעציע, ניט קיין וואָלוועלער רעמנעסט, ניט קיין צוגעסמאָלעטער באר־גאן, ניט קיין אוטיקל, וואָס דער טיקעט פון פאון־שאפ באווייַזט, אז ער איז ווערט אסאך מער,—מוישע ראביינע, אלזאָ, האָט אפילע ניט געוווסט פון וועסט־אינדיען און דערפאר זייַנען געבליבן ניט פארבאָטן ניט בולבעס און ניט דאס פיפקעווען.

פון בולבעס און פון טאבעק האָבן אפילע די כאכאָמים אונדזערע ניט געוווסט, ווייַל ביידע ארטיקלען זייַנען באקאנט געוואָרן אין די באָטע־מעדראָשים ערשט מיט א פאָר הונדערט יאָר צוריק. שטעלט זיך פאָר, וואָס פאר א מעסיכטע־טיטון, וואָס פאר א פיירעק בולבע מיר וואָלטן דאָט אביסל געהאט! ווי מע וואָלט דאָס אביסל א קלער געטאָן אין פומפעדיסע, צי די בלעטער פון טאבעק מעגן באנוצט ווערן צו באדעקן א סוקע אָדער ניט; צי דער רויך טויג פאר קטוירעס אָדער ניט; צי א פיפקע איז א קוימען אָדער א פייַפל; צי דער קאָפּ פון א פיפקע דארף טראָגן פייעס אָדער ניט; צי דער ציביק מעג זייַן צען טפאָכים לאנג אָדער ניט; צי א ציגאר דארף געוויקלט ווערן ווי א קליין קינד, אָדער ווי א בלינצע, צי א פאפיראָס איז א קליינער ציגאר אָדער א ציגאר איז א גרויסער פאפיראָס; צי א טרייפע האלדז כון

---

1) צאָפן־אמעריקאנישע פארייניקטע שטאטן.

2) זעקסהונדערט מיט דרייַצן.

א שויכעטס דריטע ווײַב מעג אויסגערויכנט ווערן מיט דעם רויך פון טיטון, אָדער זי מוז געקאשערט ווערן אַף אַן אנדער אויפֿן.

און ווער רעדט וועגן בולֿבעס! דאָ וואָלֿט זיך פארקאָכט א היציקע פלֿוגטע, צי די פעלֿצן פון בולֿבעס דארפן זיך היטן פון שאטנעז, אָדער, אזוי ווי די פעלֿצן ווערן דאָך פאָרט ניט גענייט, איז עפשער ארום דעם ניטאָ וואָס צו ריידן. מע וואָלֿט גע־קלֿערט צי א קײַלֿעכדיקע בולֿבע מעג זיך קאָכן אין איין טאָפּ מיט א לֿאנגלֿעכע בולֿבע און צי מען מעג, ווען מע האָט ניט קיין מעסער, איר קאלֿופּענען מיט די נעגלֿ, אשטייגער ווי מע טוט מיט אַן אפּעלֿסין, אָדער צי איז שאָבן טאקע א כּיעוו. מע וואָלֿט „ראָזביראיעט" די פראגע צי מע דארף אַף מעלֿיקער בולֿבע מאכן די בראָכע „מינע־מעזוינעס" און צי די רויטקײַט, וועלֿכע יאוועט זיך אמאָלֿ אין א בולֿבע קען באטראכט ווערן אזוי ווי א בלֿוטס־טראָפּן אין אַן איי און מע טאָר עס דערפאר שוין ניט עסן.

אָבער, וואָס זאָלֿ איך אײַך דאָ פילֿ ברײַען? די כאכאָמים האָבן פון די ביידע ארטיקלֿען ניט געוווסט, ניט ווען מע האָט אראָפּגעבראכט די לֿוכעס פון בארג סינײַ, ניט ווען דער היילֿיקער גײַסט איז געוואָרן א טאטע, ניט ווען דעם אויבערשטנס בעניאָכיד האָט געגעבן א נײַע טוירע, אפילֿע ניט ווען א נײַער נאָווי איז אופגע־שטאנען און האָט פון א פעקלֿ בייזע כאלֿוימעס געמאכט די נײַסטע טוירע, א טוירע, וועלֿכע איז פארברייטערט געוואָרן מיט דעם שווערד אין איין האנט און מיט דעם היילֿיקן געבאָט אין דער אנדערער. —

און אזוי איז אמעריקע אינאָנהייב געווען א ניטדערשאפענע, גאָטלֿאָזע מעדינע, מיט אײַז־ברעגן אין צאָפן, מיט בולֿבעס און טיטון אין די וועסט־אינדיעס, אָבער אָן „תרי"ג" מיצוועס, אָן א דרײַ־איינִיקײַט, אָן א קאָראן, אפילֿע אָן א ראביינע־טאם.

* * *

אין דער היילֿיקער געמאָרע געפינט מען אלֿץ—אפילֿע א דארע וואנץ (פּ אָ לֿ ק וו אָ ר ט).

א. ט ש ע כ אָ ו.

א דערציילונג אָן א נאָמען.

אינעם V־יאָרהונדערט, גלֿײַך ווי איצטער, פלֿעגט אלֿע פרימאָרגן די זון אופ־שטיין און אלֿע פרימאָרגן האָט זי זיך שלֿאָפן געלֿייגט. אינדערפרי, בייס מיטן טוילֿעך פלֿעגן זיך קושן די ערשטע שטראלֿן, פלֿעגט אופלֿעבן די ערד, די לֿופט—פולֿ ווערן מיט קלֿאנגען פון פרייד, באגײַסטערונג און האָפן, און פארנאכט פלֿעגט דיזעלֿביקע ערד אנטשוויגן ווערן און טרינקען זיך אין בייזער פינצטערניש. איין טאָג איז געווען ענלֿעך אפן צווייטן, איין נאכט—אַף דער צווייטער. זעלֿטן פלֿעגט אָנלֿויפן א וואָלֿקן,

האָט א דונער געקנאַלט; אָדער פון הימל איז געפאַלן א פאַרכאָלעמטער שטערן; אָדער עס פלעגט פאַרבײַלויפן א בלאַסער מאָנאַך און דערציילן זײַנע ברידער־מאָנאַכן, אז ניט ווײַט פון מאָנאַסטיר האָט ער געזען א טיגער—ווײַטער גאָרנישט; און דערנאָך איז געווען איין טאָג ענלעך אפן צווייטן, איין נאַכט—אַף דער צווייטער.

די מאָנאַכן האָבן געאַרבעט און געטאָן טפילע צו גאָט, און זייער איהומען, דער אַלטער, האָט געשפּילט אפן אָרגל, אופגעשטעלט לאַטייניִשע לידער און געשריבן נאָטן. אָט דער פײַנער אַלטער האָט פאַרמאָגט אן אויסטערלישן טאַלאַנט. ער האָט געשפּילט אפן אָרגל אַזוי מײַסטעריש, אז אפילע די סאַמע אַלטסטע מאָנאַכן, וואָס האָבן צו צו דער עלטער די שאַרפקײַט פון געהער פאַרלאָרן, האָבן ניט געקענט אײַנהאַלטן די טרערן, ווען פון זײַן קעליע האָבן זיך געלאָזט הערן די קלאַנגען פון אָרגל. בייס ער האָט גערעדט וועגן וואָס ניט איז, לעמאָשל, וועגן ביימער, כײַעס אָדער יאַם, איז גאָר געווען אומעגלעך הערן אים אָן א שמייכל אָדער אָן טרערן, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין דער נעשאָמע אין זײַנער האָבן געקלונגען פּונקט אַזוינע סטרונעס, ווי אינעם אָרגל. האָט ער זיך גערויגעזט אָדער זיך איבערגעבן א שטאַרקער פרייד, פלעגט ער אָנהויבן ריידן וועגן עפּעס שרעקלעכעס אָדער גרויזאַמעס, פלעגט אים באַהערשן א ליידנשאַפטלעכע באַגײַסטערונג, האָט זײַן שטימע געקנאַלט, ווי א דורנער, און די מאָנאַכן, הערנדיק אים, האָבן געפילט, ווי זײַן באַגײַסטערונג פלעגט צונויפפרעסן זייערע נעשאָמעס; אין אַזעלכע ווונדערלעכע אויסטערלישע מינוטן האָט זײַן מאַכט ניט געהאַט קײַן גרענעצן. און אויב ער וואָלט באַפוילן זײַנע זקיינים וואַרפן זיך אין יאַם אַרײַן, וואָלטן זיי אַלע ביז אײנעם מיט דער גרעסטער היספּײַלעס געהײַלט זיך אויסצופירן זײַן פאַרלאַנג.

זײַן מוזיק, שטימע און לידער, וואָס ער האָט באַנוצט צום לויבן גאָט, הימל און ערד, זײַנען געווען פאַר די מאָנאַכן א שטענדיקער פרייד־קוואַל. ס'פלעגט טרעפן, אַז בא דער איינאַרטיקײַט פון לעבן, פלעגן זיי דערעסן די ביימער און בלומען, דער פרילינג, האַרבסט, יאַם־גערויש, פלעגט זייער געהער פאַרמאַטערן, אומאָנגענעם פלעגט זיי ווערן דאָס פויגל־געזאַנג, נאָר אויסהערן די טאַלענטן פונעם אַלטן איהומען האָבן זיי, גלײַך ווי ברויט, געמוזט אַלע טאָג.

צענדליקער יאָר פלעגן פאַרבײַגיין, איין טאָג איז געווען ענלעך אפן צווייטן, איין נאַכט—אַף דער צווייטער. כוץ ווילדע פייגלען און כײַעס האָט זיך באַם מאָנאַסטיר ניט באַוויזן קיין איינציקער לעבעדיקער וועזן. דער נאָענטסטער מענטשישער יִשעוו האָט זיך ערגעץ ווײַט געפונען און, קעדיי צו דערקלײַבן זיך פון מאָנאַסטיר צו אים אָדער פון אים צום מאָנאַסטיר, האָט מען באַדאַרפט דורכמאַכן א וויאָרסט הונדערט מידבער־וועג. דורכגיין דעם מידבער האָבן ריזיקירט נאָר די מענטשן, ווען ס'האָט דערעסן דאָס לעבן, האָט מען זיך פונעם לעבן אָפּגעזאָגט און געגאַנגען אין מאָנאַסטיר, ווי אין קייווער אַרײַן.

ווי גרויס איז אָבער דערפאַר געווען די פאַרוווּנדערונג פון די מאָנאַכן, ווען איינמאָל באַ־דערנאַכט האָט אָנגעקלאַפּט זיי אין טויער א מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן א שטאָט־מענטש און געוויינלעכער באַלאַווייִרעניק, וואָס האָט גאָר ניט

פֿײַנט דאָס לעבן. אײדער ער האָט געבעטן דעם איהומענס בראָכע און טפֿילע, האָט ער קוידעמקאָל געפֿאָדערט ווײַן און צובײַסן. אף דער פֿראגע, ווי אזוי איז ער געקומען פֿון שטאָט אין דער וויסטעניש, האָט ער געענטפֿערט מיט א לאנגער יעגערישער געשיכטע: אוועק אף געיעג, איבערגעכאפּט אביסל די מאָס באם טרינקען און פֿארבלאָנדזשעט זיך. אפֿן פֿאָרשלאג צו אָנקומען פֿאר א מאָנאך און אויסלייזן די נעשאָמע זײַנע, האָט ער געענטפֿערט דורך שמייכל מיט די ווערטער: „איך בין אײַך ניט קיין כאווער”.

אָנגעגעסן זיך, אָנגעטרונקען זיך, האָט ער באטראכט די מאָנאכן, וואָס האָבן אים באדינט, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— גאָרנישט טוט איר ניט, מאָנאכן. איר ווייסט נאָר עסן און טרינקען. צי דען אזוי הײליקט מען עס די נעשאָמע? באטראכט זיך: אין דער צײַט, ווען איר זיצט זיך דאָ רויִק, עסט און טרינקט און טרוימט וועגן ווילטאט, שטארבן אויס אונדזערע נאָענטע און גייען אין גענעם ארײַן. גיט אקאָרשט א קוק, וואָס עט טוט זיך אין שטאָט. אײנע שטארבן פֿאר הונגער, די צווייטע, ניט וויסנדיק ווו אהינצוטאָן זײער גאָלד, טרינקען זיך אין זנוס און קומען אום ווי פֿליגן, וואָס זײַנען אין האָניק פֿארזונקען. ניטאָ בא די מענטשן ניט קיין גלויבן, ניט קיין עמעס. וועמעס זשע אײסעק איז צו ראטעווען זײ? וועמעס זשע אײסעק איז צו פּריידיקן? ניט שוין זשע איך, וואָס שיקערט פֿון פֿרי ביז נאכט? זאָל דען דער האכנאָעדיקער גײַסט, דאָס ליבנדיקע הארץ און גלויבן אין גאָט אײַך זײַן געגעבן צוליב דעם, אז איר זאָלט זיך דאָ זיצן אין די פֿיר ווענט און קיין זאך ניט טאָן?

די שיִקערע ווערטער פֿונעם שטאָט־מאן זײַנען געווען האָזעסדיק און פֿארשײַט, נאָר זיי האָבן עפּעס מאָדנע געווירקט אפֿן איהומען. דער זאָקן האָט געוואָרפֿן א בליק אף זײַנע מאָנאכן, איז בלייך געוואָרן און געזאָגט:

— ברידער, ער זאָגט דאָך ווירקלעך דעם עמעס. אינדערעמעסן קומען אום אין זינד און אומגלויבן די אָרעמע מענטשן צוליב א מיספֿארשטייעניש און שוואכקײַט, און מיר רירן זיך פֿון אָרט ניט, גלײַך דאָס האָט צו אונדז קיין שום שײַכעס ניט. פֿארוואָס זאָל איך צו זיי ניט גיין און דערמאָנען זיי וועגן קריסטוסן, וואָס זיי האָבן פֿארגעסן.

דעם שטאָטיקנס ווערטער האָבן פֿארכאפּט דעם זאָקן; אפֿמאָרגן האָט ער גענומען זײַן שטעקן, צעזעגנט זיך מיט די ברידער און געלאָזן זיך אין שטאָט ארײַן. און די מאָנאכן זײַנען פֿארבליבן אָן מוזיק, אָן זײַנע רעדעס און לידער.

האָבן זיי געומערט א כוידעש, א צווייטן און דער זאָקן האָט זיך אלץ ניט אומגעקערט. לעסאָף, נאָכן דריטן כוידעש, האָט זיך דערהערט דער באקאנטער קלאַפּ פֿון זײַן שטעקן. די מאָנאכן האָבן זיך א וואָרף געטאָן אים אנטקעגן און פֿארשאָטן אים מיט פֿראגעס, נאָר אָנשטאָט צו דערפֿרייען זיך מיט זיי, האָט ער זיך ביטער צעוויינט און ניט געענטפֿערט זיי קיין וואָרט. די מאָנאכן האָבן באמערקט: ער איז שטארק אלט געוואָרן און אראָפּ פֿון פּאָנעם; זײַן פּאָנעם איז געווען פֿארמאטערט און האָט אויסגעדריקט טיפֿן אומעט, און בײס ער האָט אָנגעהויבן וויינען, האָט ער געהאט אן אויסזען פֿון א מענטשן, וואָס מע האָט שטארק באליידיקט.

די מאָנאכן האָבן זיך אויך צעוויינט און גענומען זיך זאָרגעוודיק נאָכפרעגן, וואָס ער וויינט, וואָס איז זײַן פּאָנעם אזוי פארומערט, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט און פארשפּארט זיך אין זײַן קעליע. זיבן טעג איז ער בא זיך געזעסן, קיין זאך ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געשפּילט אפן אָרגל און האָט נאָר געוויינט. אפן קלאפּן אין טיר און בעטן פון די מאָנאכן, ער זאָל ארויסגיין און טיילן זיך מיט זיי וועגן דער שווערקײַט פון זײַן געמיט און אומעט, האָט ער געענטפערט מיט שטיל־שווײַגן.

לעסאָף איז ער ארויסגעגאנגען. פארזאמלענדיק ארום זיך אלע מאָנאכן, האָט ער מיט א פארוויינטן פּאָנעם, טרויער־אויסדריק און טיפער אומצופרידנקײַט גענומען דערציילן וועגן דעם, וואָס האָט פּאסירט מיט אים פאר די לעצטע דרײַ כאדאָשים. זײַן שטימע איז געווען רויִק, און זײַנע אויגן האָבן געשמייכלט, בייס ער האָט געמאָלט זײַן וועג פון מאָנאסטיר אין שטאָט. אפן וועג, האָט ער געזאָגט, האָבן אים פייגלען געזונגען, וואסער געקוילערט, און זיסע, יונגע האָפענונגען האָבן גערעגט זײַן נעשאָמע; ער איז געגאנגען און געפילט זיך אלס סאָלדאט, וואָס גייט אין שלאכט און איז באגלויבט אין זיג; טרוימענדיק איז ער געגאנגען, אופשטעלנדיק לידער און הימנען און אזוי ניט באמערקט, ווי דער וועג האָט זיך אים געענדיקט.

נאָר זײַן שטים האָט אופגעציטערט, די אויגן צעשטראלט זיך און אינגאנצן זיך צעפלאקערט אין צאָרן, בייס ער האָט גענומען ריידן וועגן דער שטאָט און מענטשן. קיינמאָל אין זײַן לעבן האָט ער ניט געזען, גאָר ניט געוואגט פאָרשטעלן זיך, וואָס ער האָט באגעגנט, ארײַנגייענדיק אין שטאָט. נאָר דאָ, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אף דער עלטער, האָט ער דערזען און פארשטאנען, ווי מעכטיק דער טײַוול איז, ווי פרעכטיק דאָס שלעכטס איז און ווי שלאף, קליינמוטיק און נישטיק די מענטשן זײַנען. איבער אן אומגליקלעכן צופאל איז געווען די ערשטע ווינונג, וווּהין ער איז ארײַנגעקומען, א שאנד־הויז. בא א האלבן הונדערט מענטשן, וואָס פארמאגן אסאך געלט, האָבן געגעסן און אָן א שיר ווײַן געטרונקען. פארשיקערטע פונעם ווײַן, האָבן זיי געזונגען לידער, דרייסט גערעדט שרעקלעכע, עקלהאפטיקע ווערטער, וועלכע קיין איין גאָטספאָרכטיקער מענטש וועט זיי גאָר פארן מויל ניט ברענגען; אָן א ברעג פרײַע, מונטערע, גליקלעכע האָבן זיי ניט מוירע געהאט ניט פאר גאָט, ניט פארן טײַוול, ניט פארן טויט, און האָבן גערעדט און געטאָן אלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט און זײַנען געגאנגען אהין, וווּהין די טײַווע האָט זיי געטריבן. הײַנט דער ווײַן, ריינער, ווי בורשטין, גאָלדענע פונקען שיטן זיך פון אים, מיסטאָמע איז ער נאָך ניט צו דערלײַדן זיס און שמעקעוודיק, וואָרעם יעדער טרינקער האָט זיך לוסטיק געשמייכלט און געוואָלט נאָך טרינקען. אפן מענטשנס שמייכל האָט דער ווײַן אויך געענטפערט מיט א שמייכל, און אז מע האָט אים געטרונקען, האָט ער זיך פריילעך געפינקלט, גלײַך ער וואָלט וויסן, וואָס פאר א טײַוולשע פראכט ער פארבאָרגט אין זײַן זיסקײַט.

דער זאָקן, אלץ מער און מער צעהיצנדיק זיך, און, וויינענדיק פאר צאָרן, האָט פאָרגעזעצט באשרײַבן דאָס, וואָס ער האָט געזען. אפן טיש, צווישן די, וואָס האָבן

די סודע געפראוועט, האָט ער געזאָגט, איז געשטאַנען א האַלב־נאַקעטע זוינע. שווער צו פאָרשטעלן זיך און צו געפינען אין דער נאַטור עפּעס מער שענערס און צויבערנדיקעס. אָט אָ די כצופּע, די יונגע, לאַנגהאָריקע, שוואַרצכענעוודיקע, מיט שוואַרצע אויגן און פעטע ליפּן, אומשעמעוודיקע און הוילע, האָט אויסגעשטעלט אירע ווײַסע, ווי שניי, צײַנער און געקוואָלן, גלײַך זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „גיט א קוק סאַרא כצופּע איך בין, סאַרא שיינקײַט איך בין". זײַד און סאַמעט האָבן זיך אין שיינע פאַלדן און טראָלבן אראָפּגעלאָזט פון אירע פּלייצעס, נאָר די שיינקײַט האָט זיך ניט געוואָלט פאַרבאַהאַלטן אונטער דער קליידונג, און האָט, ווי יונגע גרינס פון פרילינגדיקן באָדן, ארויסגעשפּראָצט צווישן די פאַלדן. די כוצפּעדיקע פרוי האָט געטרונקען ווײַן, געזונגען לידער און אָפּגעגעבן זיך יעדערן, ווער סע האָט נאָר פאַרלאַנגט.

ווײַטער האָט דער זאָקן, בײַז טרייסלענדיק מיט די הענט, באַשריבן די פערד־געיעגן, די אָקסן־געפעכטן, טעאַטערן, קינסטלערישע וואַרשטאַטן, ווו מע מאָלט אַז קלעפּט פון ליים הוילע פרויען. גערעדט האָט ער באַגײַסטערט, שיין און קלינגעוודיק, גלײַך ער וואָלט געשפּילט אף ניטבאַמערקבאַרע סטרונעס, און די מאָנאַכן, פאַרשטיינערטע, האָבן זשעדנע זיך צוגעהאָרכט צו זײַן דערציילן און געשטיקט זיך פאַר היספּײַלעס... באַשרײַבנדיק אַלע פּראַכטן פונעם טײַוול, די שיינקײַט פון שלעכטס אַז די צויבערנדיקע גראַציעזקײַט פונעם עקלדיקן פרויען־קערפּער, האָט דער זאָקן פאַרשאָלטן דעם טײַוול, זיך צוריקגעקערט און איז פאַרשוווּנדן הינטערן טיר...

אַז ער איז אף מאָרגן אינדערפרי ארויס פון קעליע, האָט ער אין מאָנאַסטיר קיין איין מאָנאַך ניט געטראָפן. אַלע זײַנען זיי אַנטלאָפן אין שטאָט.

* * *

> דער איהומען—פארן גלעזל און די מאָנאַכן—פאַר דער קוואָרט
> (רוסיש פאָלקוואָרט).

פ. מאַרקיש.

(געב. 1895).

דער פּיַטשײַעווער גאלעך.

שפּעט, אפן 47־טן גאַלעכשן יאָר, האָט פעטשײַעווער גאַלעך אין לע געמאָזלט, האָט זיך פעטשײַעוו געריכט אף אַן אומגליק און ליכטלעך געפּאַרעט פון כײַלעוו,— האָט זיך פעטשײַעוו צונויפגעלייגט דעמלט—א פאַרטעכל קויפן א נײַס פאַר איסוּסן, און איבערגעניצעוועט האָט זיך די ריאַסע פאַר אייגענער נוץ דער פּעטשײַעווער כוילע.

נו, ניצעוועט איבער באם שנײַדער מענאכעם דער גאלעך זײַן ריאסע, ניצעוועט איבער.
— ברייטינקע ארבל און ברייטינקע פאלדן און, גאָט זאָל דיר, שנײַדערל, גאָט זאָל דיר העלפן,
טײַבעלעך כאָוועסטו, שנײַדערל הערשקע, ווי ס׳שטייט אין דער הייליקער ביבל...
— גאָט זאָל מיר אָפּהיטן, באטיושקע־פּאָטער, — דער זון, דער מעזינעק, ד׳ער קעלעוו.

פּרעפּלט דער גאלעך, און ס׳פּליסט פון זײַן מויל, פון זײַן פּעטס וואזעלינע:
— גאָטס אויסדערווײלטע און אָרעמע פייגעלעך, אָרעמע, טײַערע.
ס׳איז בא אים ערגעץ אן אָפּענער פענצטער אין גאָרטן צעשפּילעט,
שפּילט בא דעם פענצטער די טוקענע גאלעכטע, שפּילט אזוי פרום אף גיטארע.

סאָפּעט דער גאלעך: ס׳איז שלעכט אף דער וועלט מיט דער זינדיקער טײַוועלע.
— מאך זיי מיר ברייטער, די ארבל. מע גלויבט ניט אין גאָט און מען דאוונט ניט מער שוין.
גייסט, דאכט זיך, דינען צו גאָט און, באשײַנפּערלעך, זעסטו דעם טײַוול.
וואָס־זשע זאָגט עפּעס דער ראבין דער ערלעכער, שנײַדערל הערשקע?

ערגעץ אין דאָרף, אף זײַן גוט און אין שטאָט עפּעס טוט זיך,
ווינטן, ווי שיידים, אין דאָרף און אין קלויסטער צעכאָרכלטע מאָנען:
— גאלעך! ניטאָ מער קיין גאָט אין ראסייע, פאראן אין ראסיי רעוואָלוציע!
— גאלעך! די קלויסטערשע ערד און די קלויסטערשע פערד — אף די גרויזאמע פאָנען!

זיי קערן דאָרט איבער די וועלט אין גובערניע, זיי קערן זי איבער, די קעגנער,
ווי שטייט אין דער הייליקער ביבל: — „און זיין וועט געוויטער און רויבן״.
— שנײַדערל הערשקע! ס׳איז נאָענט, ס׳איז זייער שוין נאָענט די הימלשע קעניגרײַך.
ס׳זײַנען די ייִדן שוין אויך מער ניט פרום און ניט גלויביק!

דו ביסט שוין אויך ניט דערזעלביקער שנײַדערל הערשקע!
ס׳זײַנען די קינדער בא דיר, זאָגט מען, אויך פון ניטגוטע פארטומלט.
— שנײַדערל הערשקע, ס׳איז מיר אוועק מײַן מארוסיא, ווען מ׳האָט נאָך געשניטן דעם גערשטן,
נאָענט און זייער שוין נאָענט די קעניגרײַך איז פונעם הימל.

האָט מען דאָס שטיקעלע גרונט בא דעם קלויסטער געאקערט אף פּראָסע,
ס׳טרעפט א יאָרידל — די גאלעכטע פירט עס ארויס, ווען סע טרעפט א יאָרידל.
ס׳ביסעלע קאָרן איז קאָרן. די פּי און דאָס ווייץ אפן אָסיען.
שרײַבט די גאזעט: מע ווערט צונעמען. ווער? נו, אוואדע די ייִדן!

פֿלעג אמאָל קומען דייַן יונג נאָך פּאפּשוי און נאָך ארבעס:
— לֿאָזן די אָרעמע פייגעלעך האָבן, ווי ס'שטייט אין די שריפטן — צו נערונג:
ייִדן, פארשטייסט, ווידערשפּעניקן, הערשקע! און זינד קעגן פּאָטערל — הארב איז,
שנייַדערל, הער! די פּעטשייַעווער היילֿיקע מוטער איז גענצלעך דערצערנט!

— פּאָטערל, יאָ! די פּעטשייַעווער מוטער איז גרעכט, ביסט גערעכט ווי מאָשיִעך, —
שאָקלט דאָס שנייַדערל הערשקע מיט באָרד און מיט לֿיפּן מיט פּאסטנדע: —
די ריאסע וועט אויסזען, ווי נייַ, און וועט ברייט זייַן און לֿאנג ביז די שיך,
נאָר מען דארף נאָך א שטיקעלע פּערקעל און נאָך אן ארשין גומילֿאסטיק.

איצט וועט מען, באטיושקע, אָנמעסטן, איצט. נאָר פּאוואָליע. כאָלֿילע — די נאָטן.
זאָל נאָר דער באטיושקע אופהויבן הויך די גענעדיקע גאלֿעכשע האנט,
הויבט דער פּעטשייַעווער גאלֿעך די פינגער געשטרעקט, ווי צו גאָט־דינסט,
און פּרעפּלֿט: און נאָענט איז, שנייַדערל הערשקע, די הימלֿשע קעניגרייַך, נאָענט!

— גוט. ס'איז די בר כע אריַין, דאנקען גאָט. נאָר דער קאָלֿנער — אביסעלע ווייַטער.
זאָל נאָר אביסל דער באטיושקע שטיין, און זאָל זיך דער באטיושקע דורכגיין
אביסל:

מע דארף עס דאָך מאכן אזוי אי פאר גאָט, אי פאר לֿייַטן, —
שטראָף אונדז ניט, גאלֿעך, אין מויל ניט געהאט, נאָך ניט איבערגעביסן...

פּוֿל איז דער גאלֿעך און שווער און ער פּאָלֿגט און ער גייט און ער שטייט.
— שנייַדערל הערשקע! נו, מעסט מיר שוין גיכער! עס כאלֿעשט דאָס הארץ און
סע צוקעט:

— עסטער! ווו ביסטו? דער באטיושקע כאלֿעשט! א גלֿעזעלֿע טיי!
און עפּשער ט'דער באטיושקע סמאָקען, צום בייַשפּיל, א שטיקעלֿע צוקער?

גלֿעט ער, דער שנייַדער, די ריאסע אף גאלֿעכשן בויך, ווי דעם היילֿיקן ספּאס,
גלֿעט ער און רעדט מיטן שטיקעלֿע קרייַד אין די שנייַדערשע לֿיפּן.
— מע דארף נאָך אביסל ארויסלֿאָזן, באטיושקע, דאָ פונעם בויך דעם זאפּאס,
דעם באטיושקע איז פון דער קרענק, דאנקען גאָט, נאָך, קענאָרע, געבלֿיבן.

ווישט זיך דער גאלֿעך פון שטערן דעם שווייס און דערצערנט ער ווערט שוין.
— נו, האָדיע, דו, ייִד. נו, גענוג די געדאנקען פארמישן!
דו ביסט שוין אויך ניט דערזעלֿביקער שנייַדערל הערשקע,
ס'זייַנען די קינדער בא דיר, זאָגט מען, אויך פון ניטגוטע פּאַרקישעפּט!..

ווייסטו דען, שנייַדער, וואָס רעדט דער נאראָד אף די מארקן?
ס'רעדט דער נאראָד מיט פּארדראָס, און ער טייַט אף די ייִדישע גאסן:
שנייַדערל הערשקע! מע דארף, זאָגט דאָס פּאָלֿק, מיט די זין דיך דערהארגענען,
אייַלֿ זשע זיך, שנייַדערל הערשקע, און ניצעווע גיכער מיר איבער די ריאסע.

אוואדע, אוואדעניו, באטיושקע פאָטער,—ווי ס'שטייט אין דער הייליקער ביבל:
— און זײַן וועט די ריאסע צום באטיושקעס לענדן, ווי ס'שטייט דאָרטן,—פארטיק!
נו, יאָ, נו, געוויס, ס'איז שוין ווייניק אביסל צום נייען געבליבן—
מע דארף נאָר א צי טאָן פונויבן, באם האלדז, און זײַן ס'וועט גרויסארטיק!..

— פאוואָליִע, די האָר דאָרטן, שנײַדער, דו האלסט דאָך א שער!—גיט דער גאלעך
א קלעם.
— יאָ, זיי שטערן,—פארכאפּט זיך מענאכעם:—נו, לאָז זיך דער באטיושקע מאכן
א קובלעק.
און ער גיט א באפעל צו דער קיך, צו דער קיך א געשריי און א טופּע:
— עסטער, א האָר־נאָדל! עסטער, א קעמל! דער באטיושקע וויל זיך אביסל צעקעמען!

קריכט אפן גאלעך דער שנײַדער, ווי ס'קריכט אף א טרונע א וואָרעם,
— א פעלדעלע,—דאָ, א פארסטריגעלע—דאָרט, און ער טרייסט:—ס'איז ניט שײַעך,
ס'איז גוט. ס'איז גרויסארטיק. א בעגעד אזא קאָן נאָך אָפּלעבן יאָרן:
נאָך דעם בוין'... און ער מאכט זיך א ציילעם מיט קרייד אף פּאָפּ פון פעטשײַעוו...

האָט זיך דער גאלעך פארפאקט אין דער ריאסע: א טשײַניק, דער צאָפּ—און אין
ווײַטן.
אומעט אף טויבע וואָקזאלן און סלופּעס ווערסטאָווע אים טראָגן.
קראנקע געוויען פון לאָקאָמאָטיוון. טעפּלושקעס מיט וועגן זיך בײַטן.
גייט מען, מע פאָרט און מע קומט אפן אכצטן טאָג אָן...

פאָרט מען אף דעכער און רעדער, אויסגעזעצט שויבן און טירן צעבראָכן,
פול די וואגאָנעס מיט רויך פון מאכאָרקע, מיט היץ און מיט פינצטער,
מארדעווען קעסלען זיך ערגעץ, קעסלען מיט אָקרעפּ זיך קאָכן.
— היי, קיפּיאטאָק, קיפּיאטאָק, קיפּיאטאָק—ווו געפינט זיך?

— אויס קיפּיאטאָק אף וואָקזאלן אף רוסישע, אויס קיפּיאטאָק!
שרעק אין וואָקזאלישע קעסלען, שרעק אף די רעלסן געשפּאנט איז!
ס'ווארט שוין וואָקזאל אף קיין צוג ניט. ער ווארט ניט אף נאכט, ניט אף טאָג.
ס'ווארטן וואָקזאלן פון וועלדער אף ווײַסע, אף שווארצע, אף פינצטערע באנדעס...

עס יאָגן ארום איבער לאנד טעלעגראמען—מײַלן און ווערסטן:—
... טאשקענט. ארכאנגעלסק. אומרוען גרויסע. די מאכט. מוסולמענער. צעשיסן.
עס האָט דער רעווקאָם זיך דערקלערט פאר דער מאכט פאר דער העכסטער,
מאָסקווע. קרעמל. סמאָלני. צײַטווײַליק. בלוט. רעגירונג. פארגיסן.

... און מיטינגט. ארמייער. מאטראָסן און ארבעטער בלאָנדע.
מע טעסעט די ווײַט, ווי גראניט:—„פונעם באלטישן יאם ביזן שווארצן,

דורכן דונײַ, אף ווין, אף בערלין, אף פאריזש און אף לאָנדאָן
אדורכגיין מיר וועלן מיט פײַער און שווערד. ס'וועט די לעצטע אנטשיידענע
שלאכט זײַן!"

נאָר ס'שוועבט אף וואָקזאלן דער גאלעך ארום אין זײַן פינצטערער ריאסע
און ציילעמט די ווינטן די הייסע, ווי פלאמיקע לאווע:
— „פיריזשקעס, פיסנינקע, — פרעפלט דער גאלעך, — נישטאָ איז מיט וואָס צו
פארפאסטן.
א טאָנעסל, הייליקע שאָף, פאר די קריסטן און פאר פראוואָסלאוונע"...
ערגעץ אין דאָרף אף זײַן גוט און אין שטאָט עפעס טוט זיך,
ווינטן ווי שיידים אין דאָרף און אין קלויסטער צעכאָרכלטע מאָנען:
— גאלעך! נישטאָ מער קײַן גאָט אין ראסייע! פאראן אין ראסיי — רעוואָליוציע!
— גאלעך! די קלויסטערשע ערד און די קלויסטערשע פערד און דײַן ריאסע —
פאר גרויזאמע פאָנען!

* * *

די רעוואָליוציע האָט פגענומען בא דער פראוואָסלאווישער קיר־
כע איר הערשנדיקע לאגע; נאָר די רעוואָליוציע עפנט אוף די
אויגן פון די פאָלקמאסן אויך אף דער ראָלע פון יעדער אנדער
רעליגיע, פון אלע אנדערע קלייקוידעש; די רעוואָליוציע גיט
א גוואלדיקן שטויס צום אנטוויקלען דעם וויסנשאפטלעכן באַ־
ווסטזײַן פון די פאָלקמאסן; די רעוואָליוציע גיט א ניטגעזעענעם
פארמעסט די ענדערונגען פון דער פאָלקווירטשאפט גופע און
דערמיט אלײַן צעשטערט זי דעם באָדן פון דער רעליגיע, פונעם
רעליגיעזן באוווסטזײַן. (יעמ. יאראָסלאווסקי).

בלוט און פּײַן, ווי א מיטל פאר הערשאפט פון רעליגיע

שלוימע רובין

* * *

א, אייפער פון עמונע־ברען, ראכע אויס רעליגיע!
ווּ איז די שרײַבער־פען, וואָפ ציילן קאָן,
ווּ איז די רעדנער־שפּראך, וואָס רעכענען זאָל
די אַלע ריכטיק־פילנדע, די אַלע ערלעך־דענקנדע,
וועלכע איר האָט אומגעבראכט,
וועלכע איר האָט אויסגעשלאכט?
די פון אײַך געליטענע אין אַלע צײַטן
זײַנען בא ייִדן אנדערש ווי בא לײַטן!

ניט קײַן שלאכט־געפאלענע, ניט קײַן קריג־דערשלאָגענע,
קאנאָנען־אומגעקומענע אף באריקאדן פעלדישע
פון א מאכמעד [1], א הורדוסן [2], צי פריסטערן אורבענישע [3];
דאָס זײַנען גײַסט־פארשניטענע, פאר אידייען אויסגעראָטענע
אונטער שויפער בלאָזעניש בא שווארצע ליכט און פינצטערע,
בא שאַל פון האָרנס שאָפענע, בא ליכט, וואָס טשוועקעס שטעלן אוף.

---

[1]) מאכמעד — דער גרינדער פון דער מאכמעדאנישער רעליגיע (זעקסטער י. ה.); האָט מיט פײַער און שווערד פארשפרייט זײַן גלויבן.

[2]) הורדוס — א ייִדישער קעניג (ערשטער י. ה. ביז אונדזער צײַט־ציילונג); גרויזאמער דעספּאָט; האָט אויסגעטויט מאסן מענטשן.

[3]) אורבאן דער II־ער (11־טער י. ה.); אָרגאניזאטער פונעם ערשטן קרייץ־צוג, וואָס איז געגאנגען אונטערן אויסרייד צו אָפּנעמען גאָטס קייווער אין פאלעסטינע און איז אינדערעמעסן געווען ארויסגערופן פון איטאליענישע און פראנצויזישע סאָכרים, קעדיי צו באקומען די האנדל־וועגן צום מיזרעך און אויך צוליב אנדערע מאטעריעלע טײַמים. די קרייץ־צוגן האָבן זיך נאָכדעם געצויגן אין פארלויף פון צוויי הונדערט יאָר און זײַנען שטענדיק באגלייט געווען מיט די גרעסטע שכיטעס און רויבערײַען.

ניט פון הונגער אויסגעגאנגענע, ניט פון דאָרשט פארטריקנטע
אף גאסן אויסגעכאלעשטע, מיט געדערים אײַנגעשרומפּענע
אין צײַטן אין אומרויִקע פון מילכאָמעס דרײסיקיאָריקע;
דאָס זײַנען דאָך קאָרבאָנעס גאָר פון ציִאָנס וועכטער פינצטערע,
פון פאלשע בײזע כסידימלעך, צאָרנדיקע קדושימלעך
ערגעץ אין א קלײַזל ווי אין אן אלטער שולכל.

ניט פון ציין צעריסענע, פון טיראניי פארלענדעטע
פיליפּוסעס [1]) פארורטײלטע, נעראָנס [2]) אופגעפרעסענע,
צערייבטע אנטיוכעסעס [3]), הערשער אלבאס [4]) בלוט־פארמישפּעטע;
דאָס זײַנען דאָך קאָרבאָנעס גאָר פון הײליקע, גאָטפּאָרכטיקע,
פון כײרעם־שלעק דערשלאָגענע, פארוידעפּטע, פארפּײַניקטע
פון מעסירעס־בריוו און יאבעדעס און פאלשינקע פּאפּירעלעך.

דײַן הענקער ז׳ניט קיין העלד אין העלעם און אין פאנצער,
ניט קײַן פלינקער שיסער, וואָס אומגליק־פײלן שלײַדערט
און ווייקט די פינגער אויס אף שלאכט־פעלדער און בלוטן;
דאָס איז אן אלטער דײַען, א נאר, אן אויוּוער־באָטל,
וואָס פּאָנפּעט אין א האָרן, בלאָזט אין קרומען שויפער
ערגעץ אין א טעמפּל, אין אן אלטער שולכל.

פארפלוכט זײַט!
אײפער פון עמונע־ברען, ראכע אויס רעליגיע!
ווי שטערן אינעם הימל פיל — אײַערע געליטענע.
ווי זאמד באם ברעג פון יאם, אסאך אײַערע פארשניטענע,
די אלע ריכטיק פילנדע,
די אלע ערלעך דענקענדע.
א לײב, וואָס צוקט — אײַער שווערד אין אלע צײַטן,
בא יידן — ווי בא לײַטן!

---

[1]) פיליפּוס דער II־טער — קעניג פון שפּאניע (16־טער י. ה.) העסלעכער דעספּאָט און פאנאטיקער. אין דער צײַט פון זײַן הערשאפט האָט די אינקוויזיציע אומגעבראכט אָן א שיר מענטשן.

[2]) נעראָן — רוימישער אימפּעראטאָר (I־טער י. ה.) אײנער פון די שרעקלעכסטע מענטשן־טיראנען, וואָס די געשיכטע ווײס; געטויט זײַן אײגענע מוטער. אויסגעצײכנט זיך מיט אומברענגען די קריסטן, וואָס זײַנען נאָך יעמאָלט צו דער הערשאפט ניט געקומען.

[3]) אנטיוכעס — סירישער קעניג (II־טער י. ה.) אויסגעצײכנט זיך מיט פארפאָלגונגען קעגן יידן.

[4]) אלבא — שפּאנישער הערצאָג (16־טער י. ה.) האָט מיט שרעקלעכע בלוט־באָדן געסטארעט זיך דערשטיקן אין נאָמען פון דער קאטוילישער קירכע די רעוואָליוציע אין ניד ערלאנד קעגן דער שפּאנישער מאכט און קאטאָליציזם.

ק. גוצקאָוו.

דײַטשישער שרײַבער (1878—1811).

אוריעל אקאָסטא[1].

דער כײרעם.

דער ראָוו דע־סאנטאָס, באגלײט פון פיר ראבאָנים, װעלכע לײגן לאנגזאם און פײַערלעך צו צום מויל קלײנע שויפרעס און בלאָזן טקיע.

סאנטאָס:

קויל שויפאָר באגריסט בנײ־יִסראָעל!
געדענקט דעם טאָג, װען אװראָם־אָװינו
האָט געװאָלט אלס קאָרבן זײַן בעניאָכיד
ברענגען, נאָר דער אײל־שאַדײַ האָט אים
געזאָגט:—לאָז אָפּ דאָס קינד און מיר פארשטעך
דעם באָק, װאָס האָט זיך דאָ ניט װײַט פארפלאָנטערט
מיט די הערנער אין געצװײַג; און אװראָם־
אָװינו האָט זײַן זון באפרײַט און באלד
פארברענט פאר גאָט א בעהײמע. יִדן! װער
עס װיל פון אײַך פארבלײַבן טרײַ זײַן ליבן
נאָמען, מוז זיך שטעלן אָן א זײַט;
דער בוירע װיל ניט קײן אומזיסטיקע
קאָרבאָנעס. מערנישט דו, אקאָסטא, פארבלײַב אלײן.

אלע גײען אריבער פון אוריעלן אפן אנדער זײַט.

אוריעל (צו סאנטאָס):

זאָג, װער האָט דיך באשטימט פאר א מעקאטרעג איבער מיר?

סאנטאָס:

ביסטו א יִד איז דיר באװוסט װער—גאָט! — —
װײס: דײַן כיבער װערט בא אונדז פארברענט,

---

[1]) אוריעל אקאָסטא (XVII י. ה.) געבאָרן אין פּאָרטוגאל אין א פאמיליע פון געטויפטע יִדן. זיך אנטװישנדיק אין דער קריסטלעכער רעליגיע, אנטלויפט ער קײן האָלאנד. נעמט אָן די יִדישע רעליגיע, אנטװישט זיך אויך אין איר, טרעט ארויס קעגן דער אומשטערבלעכקײַט פון נעשאָמע, דערקלערט טוירעס־מוישע אלס „מענטשלעכע דערפינדונג" א.א.װ. װערט פארפאָלגט פון די ראבאָנים, װאָס ברענגען אים ביז טפיסע. לעבט נאָכדעם 15 יאָר איזאָלירט. ניט האָבנדיק קײן קרעפטן מער אזוי צו לעבן, מעלדעט ער װעגן טשוװע. אינגיכן אָבער װערט ער באשולדיקט אין ניטאויספילן אלע ריטואלן און פארמישפּעט װידער צו טשוװע בא א שענדלעכער אינקװיזיציע־פּראָצעדור. (קלעפּ מיט א רימען, זיך לײגן אין שטויב באם שװעל אין בעסמעדרעש און אלע זאָלן אריבערטרעטן איבער זײַן קערפער). אקאָסטא טראָגט ניט אריבער דידאָזיקע עקזעקוציע און באגײט אינגיכן זעלבסטמאָרד.

און דו אַליין אַרײַנגעלייגט אין כּיירעס.
צו דײַן טפֿילע איז דער הימל טויב;
דײַן יעדער בליק צעגיסט פֿון זיך נאָר סאַם;
דער אָטעם דײַנער איז ווי אַ מאַגייפֿע!
אין וועלכער טיר דו וועסט אַרײַן, זאָלסטו
ניט טרעפֿן מער, ווי סאָנים אַרום זיך;
אַז דו וועסט ווערן קראַנק, זאָל דיר אין יעדער
גלאָז דערלאַנגגען ווערן גיפֿט. דײַן טויט
זאָל דיך געפֿינען אין אַ וויסטן פֿעלד,
געוואַנדט צו מײַרעוו, עלנט און צעפּלאָגט.

אַלע:

אוי, ווײ איִם, ווײ!

אוריִעל:

מיך שווידערט! ניט פֿאַר זיך, —
פֿאַר איִם, וואָס גלאָצט די אויגן פֿאַר די הימלען.

סאַנטאָס:

זײַ נאַ־וואַנאַד, זײַ שוואַך און בלינד. זאָל זײַן
פֿאַרשאָלטן יענע האַנט, וואָס וועט דיך שטיצן
ווי עס איז. אויב דו וועסט ערגעץ פֿאַלן,
זאָל די ערד זיך שפּאַלטן אונטער דיר און דיך פֿאַרשלינגען!

אַלע:

ווײ איִם, ווײ!

סאַנטאָס:

די קנעסעס שטויסט דיך אָפּ פֿון זיך. דורך מיר אַצינד
פֿאַרשילט זי דיך אַליין און אויך דאָס לײַב,
וואָס האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט!

אוריִעל:

מײַן מוטער!

סאַנטאָס:

זײַ פֿאַרפֿלוכט דײַן פֿרײַנט, וואָס וועט אין אומגליק
דיך נישט לאָזן הילפֿלאָז און פֿאַריאָגט!
פֿאַרפֿלוכט זײַ דער, וואָס וועט זיך האַלטן נאָנט
צו דיר! זאָל זײַן פֿאַרשאָלטן און פֿאַרפֿוילט
דאָס אַלץ, וואָס דו וועסט האַלטן אין דײַן האַנט!

אין עלנט וועסטו זײַן פארשמאכט נאָך ליבע,
און דו וועסט קיין פרײַנטלעך גרוס נישט טרעפן אין א פרויען־הארץ!

יעהודיס:

ס'איז ליגן, רעבע!

מענאשע:

כצופע! — —

סאנטאָס:

שוין צוויי קאָרבאָנעס זעט דער בעסאמעדרעש
דאָ פאר זיך. בעניי־יִסראָעל! ווער עס גלויבט
אין גאָט, טאָר נישט א רעגע בלײַבן דאָ.

גייט מיט זײַנע באגלייטערס אוועק פון טעראסע און פארשווינדט אָן א זײַט. אלע לויפן אים נאָך אין א מעהומע.

צוואנג צו דער טשוווע.

אין בעסמעדרעש. א נידעריק ביידערל. רעכטס און לינקס אָפענע טירן. אף די ווענט די אסערעס־האדיברעס אויסגעמאָלט. אין הינטערגרונט טיילט א גרויסער פאָרהאנג אָפּ דאָס ביידערל פון בעסמעדרעש גופע, וועלכן מע דערזעט נאָכדעם.

סילווא:

מע האָט צו אים גאָר קיינעם נישט דערלאָזט?

סאנטאָס:

אליין איז ער געבליבן אלפי־דין.
נאָר אפן שול־הויף,ווארטנדיק באם טיר,
האָט ער דעם עצבא־עלאָקים דערקענט.

סילווא:

קיין שטיינער ווארפט ניט עצבא־עלאָקים.

סאנטאָס:

דער קאעס פון זײַן פאָלק האָט אים באוויזן
דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט פארשטיין.
פארהאסט, פארכויזעקט, אין צעריסענע
בעגאָדים, איז ער אפן הויף געלעגן
אין כאלאָשעס. איצט אין איינזאמקייַט,
אינגאנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט.
דאָס וואָלט געשטערט זיך טיפער אים באדענקען,
ווארט ער אף מעכילע און באפרײַונג.

סילווא:

ווייס ער, אז ס'איז קראנק זײַן מוטער?

סאנטאָס:

ניין, די ברידער האָבן געוואָלט צו אים
אַרײַנגיין, אָבער ער וואָלט עפּשער האלטן
די יעדיִע פאר א שלעכטן סימען.

סילווא (אָן א זײַט):

גרויסמוטיק פון זייער זײַט.

סאנטאָס:

מענאשעס טאָכטער, די כצופע, וואָס'ט אזוי
פארהאסט מײַן כיירעם, איז דאָ אויך געווען,
געוואָלט אַרײַן...

סילווא:

זי אויך נישט צוגעלאָזט? — —

סאנטאָס:

קיין יעדיִע פון דער וועלט טאָר אים
נישט גרייכן, קאָלזמאן זײַן ניסאָיען גייט.
ער טאָר אפילע גויִים אויך ניט זען.

שאמעש (קומט אַרײַן):

א בריוו צו אוריִעל אקאָסטא.

סאנטאָס:

ווייסט איר ניט, אז ס'איז פארווערט מעקאבל זײַן?

שאמעש:

דאָס האָט געבראכט זײַן ברודער רוּוון
און בעט מיט טרערן שוין אים אָפּגעבן.

סאנטאָס:

קערט אום צוריק! מע טאָר אין דעם געצעלט,
וווּ א באל־טשוווע איז פארשפּארט, נישט ברענגען
בסורעס פון דער וועלט...
זעט: ס'גייט אהער רעב בען־אקיווע.
ער איז שוין, אַנאַנאָרע, א בען־טישים.
די עמונע און יִירעס־שאמאיִם זײַנע האָבן אים פארהיט.
ער וועט אקאָסטאן מיט זײַן האנט

דעם נוסעך פון דער טשוווע באלד דערלאנגען.
גייט אהין, צום קאָהאָל אין בעסמעדרעש.
נאָך א שאָ. איר וועט זיך מער ניט קלאָגן. — —

אקיווע (מע האָט אים צוגעפירט צו אויבנאָן באם טיש):

דער נוסעך איז שוין פארטיק, וואן־דער־עמבדען?

עמבדען:

ראביינו בען־אקיווע, ער איז דאָ
שוין אָנגעשריבן אפן פארמעט.

אקיווע:

זאָל דער באלטשוווע נאָכאמאָל אהער
אריינגיין... שוין צום לעצטן מאָל איר אלע
זעצט זיך דאָ אנידער ארום מיר
און גלויבט, עס איז נישט איין מאָל שוין געווען.

סאנטאס:

אקאָסטא גייט אהער.

אקיווע:

יאָ... יאָ... שוין אלץ
געווען... זעצט זיך צו, ראבויסיי! זאָל
וואן־עמבדען אלץ פארשרייבן, אז די ווערטער
זאָלן נישט, ווי רויך, אין לופט פארשווינדן...
יאָ, ראבויסיי—ס׳איז שוין אלץ געווען, — —
איין קאָל כאָדאָש טאכאס האשאָמאים [1]
(אוריעל קומט אריין פארכאלעשט בלאס).
זעצט זיך צו, אקאָסטא, דאָרטן שטייט,
ראבויסיי, דאָרטן שטייט א שטול? מיר דוכט זיך?
הא? אקאָסטא זעצט זיך צו... איר ווייסט:
איך בין האשעם־ייסבאָרעך, א בען־טישים,
און צו 90 יאָר זיינען די פיס
שוין אויסגעמאטערט... אויסגעמאטערט יאָ.

סאנטאָס:

דעם קירצסטן זמאן האָט איר דערווילט, אקאָסטא.

---

1) ביטא קיין נייסן אף דער וועלט.

א ק י ו ע:

וואַרט, דע־סאַנטאָס! מיט אקאָסטאַן ריידן
הײַנט לאָזט מיך — ס׳איז בען־אקיוועס אײַסעק.
יאָ... עס איז שוין אַלץ געווען... פאַרשטייסט,
מײַן יונגער אוריִעל אקאָסטאַ: צוויי
דראָכים זײַנען דאָ פאַר די, וואָס צווייפלען,
בייס עס האָט זיי שוין דערעסן צווייפלען.
איין וועג — טשוווע: ער איז קורץ, נאָר האַרב;
דער צווייטער וועג איז לײַכטער, אָבער לאַנג.

או ר י ל:

איך וויל דעם קירצערן... דערהאַרגעט מיך,
נאָר גיך... איך וויל זיך ניט אַרומזען, ווי איך שטאַרב...

א ק י ו ע:

וואָס דאַרפט איר אײַלן אזוי
די יונגע פיס? צו דער מענוכע האָבן
זיי דאָך צײַט און קאָנען לאַנג נאָך דינען
ביזן לעצטן וועג. ניט אונדז איז דאָך
דײַן טשוווע נויטיק, נײַערט דיר אַליין.
וואָס לויפסטו מיט אזא מין אימפּעט? דו
ביסט ניט מעכויעוו מיר די טשוווע ווײַזן.
אויב איך וועל ניט זוֹיכע זיין, וועט זען דער בוירע.

א ו ר י ע ל:

וויפל מאָל בין איך מעכויעוו ווידער
איבערריידן דאָס, וואָס איך האָב שוין
אזוי צו אָפט גערעדט?

א ק י ו ע:

ניין, ניין, איך זע,
אז דו ביזט גאָר א גרויסער אפּיקוירעס...
פון „כאַזאַל״, טאַנייסים, טשווע, דינים
האַלסטו ניט, עס איז אזוי געווען
טאָמיד, טאָמיד איז אזוי געווען.
כ׳פרעג בא דיר צום לעצטן מאָל: ביסט מוידע
מיט דײַן גאַנצן האַרצן, אז דו ביזט
א כילעל־שעם באַגאַנגען מיט דעם כיבער?

אור

גאָט, וואָס איז פאר ייִדן נאָר א גאָט,
האָב איך באליידיקט אָפט און ניט פארשטאנען—
ס'איז אין פראָטאָקאָל פארשריבן שוין.

סאנטס:

דאָס אלץ, וואָס דו ביסט מוידע, איז ניט מער,
ווי קאָזעוו־שעקער, צווייזיניק, סאָפּיזמען,—
דו באווייַז, קעדערעך, וואָס דו גלויבסט! — —

וואן־עמבדען:

אלקיין, זאָג אונדז איינפאך, וואָס דו גלויבסט! — —

אוריעל:

כ'האָב דאָך געזאָגט, כ'האָב ווידערהוילט... אז גאָט
האָט אויסדערווײלט די ייִדן פאר זייַן פאָלק,
נאָר זיי באוויזן זייַן געשטאלט. מיט זיי
אליין געהאט צו טאָן, מיט זיי אליין
גערעדט און זיי אליין דערלאנגט א קסאוו,
ווו יעדעס וואָרט און יעדער אָס דארף זייַן
פאר אונדז א הייליקייַט. איך גלויב, אז מיך
האָט שלעכט פארפירט מייַן סייכל, אז מע טאָר
אין גאָטעס ווערטער זיך ניט גריבלען. דאָס אלץ,
זאָג איך ווידער, גלויב איך. גלויבנדיק,
בין איך אייַך דאנקבאר פונעם גאנצן הארצן,
וואָס איר בעט ניט קיין באווייַז בא מיר.

סאנטאָס:

אקשאָנעס מער נישט הערט זיך אין דייַן טשוווע.

אקיווע:

גיי, אקאָסטא, מיטן לאנגן וועג,
און דו וועסט זען, ווי אלץ, וואָס דו בימט מוידע
מיטן צונג, וועט זיך פארפלאנצן טיף בא דיר אין הארצן. —
אלע אפּיקאָרסים זוכן, פונקט
ווי דו, צו פאָרשן מיטן סייכל.
די געמאָרע זאָגט, אז די, וואָס ווילן צופיל וויסן,
האָבן ראק א טאָעס. ס'איז געווען (ער ווענדעט זיך צו די ראבאָנים)
אמאָל א גרויסער אפּיקוירעס —
עלישע־בען־אוויע האָט מען אים

גערופן און געווען איז ער א טאַלמיד
פון א גרויסן טאַנע, און אַליין
האָט ער געהאט א טאַלמיד—דעם מעפורסעם ראבי מייער...
ווײַל ער האָט געצווייפלט,
האָט מען אים ארײַנגעלייגט אין כיירעם...
בען־אוויע איז געווען, ווי דו.
מיט איימע פלעגט מען אויסריידן זײַן נאָמען,
און מע האָט אים אָנגערופן אכער...
„אכער" מיינט מען דאָס אַן אנדערער.
און אנדערש רופט אים די געמאָרע ערגעץ ניט.
אַן אכער איז געבליבן בען־אוויע.
בייס ער איז געשטאָרבן, איז פון קייווער
זײַנעם אומגעריכט ארויס א רויך
א שווארצער און איז לאַנג געגאנגען, ביז
רעב מייער האָט מיט זײַנע טפילעס אים
פארגרינגערט דעם כיבעט־האקייווער זײַנעם.
ער, דער טאַלמיד, איז געווען מיספּאַלעל
פאר זײַן רעבן, און דער רויך פון קייווער
איז אוועק... אזא מין אכער ביסטו אויך...
יאָ... יאָ... עס איז שוין אַלץ געווען.

אוריעל:

איר מיינט, איך האָב געוואָלט באווײַזן נײַס...
דער רויך פון אכער איז געווען דער פלאַם
פון זײַן נעשאָמע, וואָס מע האָט פארשטיקט;
זײַן פײַערדיקער גײַסט, וואָס איר האָט אים
ארײַנגעשטופּט אין קייווער פאר דער צײַט.
כ׳בין אַן אכער—יאָ, איר זײַט גערעכט,
אַן אנדערער בין איך, כ׳בין אַלע מאָל
און אומעטום אַן אנדערער, ווײַל נאָר
אזוי און אנדערש זײַן איז דאָס געווער
פון אייביקער באוועגונג. די געמאָרע
פאָדערט קאָמענטאַריען—הערט מיך אויס!
איך מיין, געלעבט האָט גאָר קיין אכער נישט.
דער „אכער" איז א בילד פון ריינעם דענקען.
נאָר אין דעם, וואָס איז נישט איך, אין צווייטן,
קאָן איך זען, ווער איך בין אַליין,
דעם אונטערשייד געפינען און דעם עמעס זען...

אכער איז דער שענסטער סימוואָל נאָר פון צווייפלען...
און א דענקער מוז אן אכער זיין....

אקיווע:

סאנטאָס! כ'האָב, מאשמאָעס, ניט דערהערט?
עלישע־בען אוויע נישט געלעבט?
וואָס די געמאָרע האלט פאר עמעס, איז
א בילד, א מיף, נישט מער? און דאָס, וואָס יעדע
גלויבנדע נעשאָמע אנערקענט
פאר א באָסאָרוואָדאָם, וואָס יעדער קאָן
ווי ס'דארף זיין אָנטאפּן און זען—דאָס אלץ
איז נאָר א וואָלקן, נאָר א רויך, וואָס האָט
ערשט שפּעטער אין א מענטשן זיך פארוואנדלט?
ניין! צו ניי איז מיר אזא מין פשאט —
ער וואָלט שוין בעסער ניט געוועזן! גיט
דעם קסאוו־האטשוווע גיכער אים אוועק!

סאנטאָס:

דער מאזל וועט אייך עפשער צווינגען, בויג
אייער קאָפּ. די טשוווע—נישט א האָר.
די ליפּן ריידן, וואָס מע הייסט אייך, אָבער
אייער שטאָלצער גייסט איז וויט דערפון.
באם אָרנקוידעש, פארן גאנצן אוילעם,
וועלכער האלט זיך שוין אין קלייבן, וועט איר
בעפארהעסיע לייענען די זינד,
וואָס איר זייט מיקווימערשט מוידע.

אורִיעל:

שוין? דער אוילעם?

אקיווע:

לייענט דורך אליין, וואָס דאָרטן שטייט,
אז איר זאָלט קענען פארן אוילעם לעזן
קעדעבאָי, דייטלעך... דוסט געהערט?
ס'האָט נישט געלעבט דער אכער גאָר!
איר לעבט דאָך, יאָ, אקאָסטא?

אורִיעל:

ס'איז עמעס! צופיל עמעס: יאָ, איך לעב!

די פײַניקונג.

ריעל (קוקנדיק אפן פארמעט פאר זיך).

אָ, שענדלעכער געשריפט! אין ברוסט בא מיר
ביסטו מיט רויטע ווונדן אײַנגעקריצט
און שטייסט פארגליווערט דאָ נאָך מער,
ווי אפן פארמעט־בויגן, ווו איך האָב
דערזעען דיך מיט פײַלן, גיפט און מעסערס
אופגעשריבן. דײַנע ווונדן וועט שוין
קיין באלזאם נישט אויסהיילן, און אויב
זיי וועט די צײַט פארהיילן ווען עס איז,
וועט זייער שפור ניט זײַן דער ערן־שפור,
וואָס עס פארמאָגט די ברוסט פון דרייסטן העלד.
בא מיר אין טפיסע הײַנט באנאכט האָב איך
געזען די מוטער מײַנע. זאנפט, מיט צארטקײַט
האָט זי מיך געטרייסט... און נעבן איר,
אין גלאנץ באשטראלט, ווי זונען־ליכטער, איז
יעהודיס דאָ געשטאנען... כ'האָב זיך אופגעכאפט,—
מײַן טפיסע־וואנט האָט קאלט אף מיר געקוקט.
נ'צערייצונג האָב איך זיך אָן גאליליי
דערמאָנט! אָ, גאליליי! אין פײַער האָסטו
מוידע זײַן געמוזט, אז ס'שטייט די ערד,
נאָר ווי מע האָט דיך אָפּגעלאָזט, ביסטו
שוין ווידער אופגעשפרונגען, און דײַן קאָל
האָט ווי א דונער פאר די קארדינאלן
אויסגערופן שטאָלץ: „זי דרייט זיך פאָרט”!
און דײַן „זי דרייט זיך פאָרט!” האָט מיר מײַן רו
בארויבט. און ווו איך קער זיך, אלע ווײַלע
קלינגט אין מויעך מיר: „זי דרייט זיך פאָרט”,
„זי דרייט זיך פאָרט!”...

סאנטאָס:

טרעט צו צום אָרנקוידעש, אוריעל אקאָסטא!
ס'ווארט דער אוילעם אף דײַן טשוווע...

אוריעל:

נו, טרעט, מײַן שרעקעוודיקע פוס! ניט קער זיך
רעכטס און לינקס! מײַד אויס

סאָקראטעס גיפט און הוסעס פלאמען־טויט—
פאַרויס צום דריי מאָל שווערן טויט פון כארפע!...

ער גייט אנטשלאָסן ארויף אף די טרעפ.

ס א נ ט א ס (אויסרופנדיק):

שמע ישראל ותגל נפשך בכל ארבע כנפות הארץ[1].

א ו ר י ע ל (לייענט פון פארמעט):

„איך אוריעל, אקאָסטא, פון געבורט
א פּאָרטוגאלער און א ייד מיט גלויבן,
בין דאָ מוידע פארן גאנצן פאָלק,
אז איך האָב גאָטעס כעסעד נישט פארדינט...
וואָס איז הייליק, האָב איך אויסגעלאכט;
וואָס פארווערט דער דין, האָב איך געטאָן... און אומעטום,
וווּ כ׳האָב קיין סייכל נישט געהאט דעם עמעס
צו פארשטיין, פלעג איך זיך פּאָשעט מאכן
לוסטיק, לאכנדיק דערפון... א בוך
האָב איך פארפאסט, פון אשמעדיי דיקטירט.
פארפלוכט זאָל זיין די האנט, וואָס האט דאָס בוך געשאפן...
אלץ, וואָס אין מיין דענקען איז געווען קעגן אונדזער גלויבן,
איז קאָזעוו־שעקער. אלץ, וואָס מיר
האָט זיך באוויזן פאר א קוואל פון סייכל,
ווו איך האָב די דורשטיקע גערופן
שטילן זייער דורשט, איז נאָר דאָס וואסער
פון א קיילע פאר דער בהיימע, וועלכע
עקלט אונדז פון אָוועס־אוויסיינו.

זיין קאָל ווערט שוואך. ער שטייט קוים אף די פיס—האלב אין כאלאָשעס. ביידע ראבאָנים האלטן אים.

איצטער האָב איך זיך דערפילט אזוי
פארהאסט אין גייווע, אז איך וויל דעם פסאק,
וואָס כ׳האָב פארדינט—דעם ביירעם—אויסקויפן
מיט טשוווע. און ביכדיי צו וויזן, אז
איך האלט זיך שוין נישט גרויס און שעץ די ברידער,
וויל איך דאָ, באם טיר פון בעסאמעדרעש,
לייגן זיך, ווי א פארזינדיקטער,

---

[1]) ווערטער פון א טפילע. באטייטן— הער צו יִסראָעל, און ס׳וועט דיין זעלע פרייען זיך אין אלע פיר עקן פון דער וועלט.

אף דרערר, און יעדערער זאָל אופהויבן
זײַן פוס אף מיר און איבער מיר...“ (ער כאלעשט)

סאבטאָס (כאפּט אונטער דעם פּארמעט. הויך):
„וויל איך דאָ באם טיר פון בעסמעדרעש
לייגן זיך ווי א פארזינדיקטער,
אף דרערד און יעדערער זאָל אופהויבן
זײַן פוס אף מיר און איבער מיר ארויסגיין
פון בעסמעדרעש“.

אוריעל ליגט באם שוועל פון בעסמעדרעש. אלע טרעטן איבער זײַן קערפּער. ער האלט ניט אויס. פּלוצלונג—קוילעס.

קוילעס:
אקאָסטא הויבט זיך אוף מיט האסט;
אין זײַנע אויסגעגלאָצטע אויגן ליגט אן איימע!

סילווא:
ער רײַסט אראָפּ דעם קיטל.
אלע טרעטן אָפּ דעם וועג, ער לויפט אהער...

ראבאָנים—אופגערעגטע. דער קאָהאל לויפט. נאָכדעם אוריעל.

פּאנטאס:
די טירן אוף!
דעם אוילעם לאָזט אוועק! א כילעל־שעם!

אוילעם:
מעכאלעל־שעם איז ער! א מוירע! ——

אוריעל:
אראָפּ די שטיינער פון מײַן ברוסט! ווער פרײַ מײַן צונג!
שטיי אוף, מײַן סייכל, און מיט שימשענס קויכעס
פארן טויט צערײַס די קייטן דײַנע!
מיט מײַן האנט וועל איך די זײַלן דאָ
צעברעכן—איך, א בלינדער קלעזמער, וואָס'ט
געמיינט, ער איז א העלד און זינגט א ליד
פון קימער זײַנעם, פון זײַן צאר צו מאכן
לוסטיק אײַך דערמיט. כ'הויב אוף צום לעצטן
מאָל מײַן קאָפּ און זאָג אײַך—הערט מיך אויס:
וואָס איך האָב דאָ געלייענט, איז א ליגן...

איר, פליגן, אין א פינצטער זומערנאכט געבאָרן און באגינען שוין פארשוווּנדן! איר ווילט מיט אויסיעס שמידן גײַסט?!

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

* * *

> די קריטיק האָט אראָפּגעריסן די קלוימערשטיקע בלומען פון די קייטן ניט צוליב דעם, קעדיי דער מענטש זאָל טראָגן פרעמדע טרייסט און טרוימען. ניין, זי וויל, ער זאָל אראָפּוואַרפן די קייטן און זיך רײַסן לעבעדיקע בלומען (מ א ר ק ס).

ו. פ ר י ט ש ע.

רוסישער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער (1929—1870).

דזשאַרדאַנאָ ברונאָ.

מער ווי דרײַ מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק איז אין נעאפּאָליטאנישן פירשטנ־טום, אין א קליינעם פּראָווינציעלן שטעטל נאָווי, בא אָרעמע עלטערן געבאָרן גע־וואָרן א ייִנגעלע פיליפּ ברונאָ.

אלט פופצן יאָר, איז ברונאָ אָנגעקומען אין מאָנאַסטיר און האָט געביטן זײַן נאָמען אף דזשאָרדאַנאָ. דער מאָנאַסטיר האָט אים געגעבן מיטלען צום לעבן און פרײַע צײַט, וואָס ער האָט באַדאַרפט צוליב פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפט. בא א צוועלף יאָר האָט ברונאָ אין מאָנאַסטיר פאַרבראַכט און האָט דערוואָרבן זייער ברייטע יעדיעס אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, וואָס זײַנען נאָר צוטריטלעך געווען אין זײַן צײַט. טאַקע דאָ האָט ער אָנגעשריבן זײַנע ערשטע צוויי ווערק.

דאָ אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דער יונגער מאָנאַך דענקט וועגן פיל זאַכן ווײַט ניט אַזוי, ווי סע האָבן געדענקט די געלערנטע פון זײַן צײַט און ווי די גײַסט־לעכע האָבן דעמלט דערלויבט צו דענקען. האָט מען גענומען רודפן אים.

באַשולדיקט האָט מען אים אין גאָט־לעסטערונג; געדראָט מיט אָפּשיידן פון קלויסטער מיט שרעקלעכסטן פּײַניקן. אויסגעבאַהאַלטענערהייט איז ברונאָ פאַרשוווּנדן פון מאָנאַסטיר און האָט זיך דערקליבן אין רוים; נאָר דאָ האָט די געפאַר פון אלע זײַטן נאָך מער גענומען אים דראָען. האָט ער געוואָרפן זײַנע מאָנאַכישע קליידער און איז נעלעם געוואָרן אין גענוע.

פון דער צײַט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זײַן וואַנדער־לעבן. ער האָט גענאַווענאַ־דעוועט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, צעטראָגנדיק אומעטום זײַן לערע.

ער איז אָנגעפאַלן אף די קאַטויילישע גײַסטלעכע, האָט אויפגעדעקט זייער געלט־זשעדנעקײַט, צוויעס, געזאָגט, אז זיי גלויבן אליין ניט אין דעם, וואָס זיי פּריידיקן,

אַז זיי סטאַרען זיך צו דערשטיקן יעדער מענטשלעכן געדאַנק און יעדער פרײַע פּאָרשונג נאָך דערפאַר, זיי זאָלן קענען ווײַטער פאַרהאַלטן מענטשן אין פאַרבלענדונג און אויסנוצן זייער אומוויסנהײַט און הילפלאָזיקײַט אין די פּערזענלעכע גונסטן. די געלערנטע האָט ברונאָ באַשולדיקט אין נאַרישן און פאַרבלענדטן קניִען פאַר די אוראַלטע געלערנטע—אַריסטאָטעלן און פּטאָלאָמייען.

אין יענער צײַט זײַנען אָבער די ווערק פון די דערמאָנטע געלערנטע געשטאַנען גלײַך מיט די הייליקע שריפטן, און ניט אײַנשטימען מיט זיי איז געווען דער גרעסטער פאַרברעכן, די שרעקלעכסטע זינד, וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרגעבן ווערן.

* * *

איז אָט קעגן אַזוינע שריפטן האָט דזשאָרדאַנאָ ברונאָ באַשטימט אַרויסצוטרעטן. אַריסטאָטעלס אָנהענגער האָבן געזאָגט, אַז די וועלט האָט אַ סאָף, און די ערד איז אומבאַוועגלעך. ברונאָ, פאַרקערט, בייס ער האָט איבערגעלייענט קאָפּערניקס בוך איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון זײַן לערע. אין זײַן לערע איז ער אפילע אַוועק ווײַטער פאַר קאָפּערניקן אַליין.

די ערד אײנײנעם מיט די איבעריקע פּלאַנעטעס, האָט ברונאָ געדענקט, דרייט זיך אַרום דער זון. אָטאָ דער מוירעדיקער ליכט־קײַלעך באַוועגט זיך אַרום דער אייגענער אַקס. אָבער אָט די זון־וועלט מיט אַלע פּלאַנעטעס זײַנען נאָר אַ שטויבעלע אינגאַנצן וועלט־אַל. יעדער שטערן איז אויך אַזאַ זון. לעבן יעדן שטערן טראָגן זיך אַרום אין קרײַז טשאַטעס זילבערנע פּלאַנעטעס. אף די פּלאַנעטעס לעבן באַשעפעניש, אַסאַך קליגערע, געלערנטערע פאַר אונדז. און אָנצאָליק זײַנען זיי אָט די וועלטן. אומעטום—לעבן, אומעטום—סייכל, אַזוי האָט געדענקט ברונאָ.

אַזוינע ווערטער האָבן דעמלט אויסגעוויזן גוואַלדיק־דרייסט, זיי האָבן געבלענדעט מיט זייער גרייס. איין געלערנטער האָט טאַקע פאַר זיך געזאָגט, אַז אים האָט זיך זײַן קאָפּ געדרייט, ווען ער האָט געלייענט ברונאָס בוך.

הונדערטער יאָרן האָבן געדאַרפט פאַרבײַגיין ביז ברונאָס געדאַנקען, וואָס האָבן אויסגעוויזן פאַר די מענטשן פון זײַן צײַט ווי עפּעס ווילדע זינלאָזיקע פּלאַפּלערײַען, ווי גאָטלייקענערישע, זאָלן אָנערקענט ווערן פון דער וויסנשאַפט פאַר אומבאַשטרײַטלעכע פאַקטן.

* * *

לאַנג האָט דזשאָרדאַנאָ ברונאָ זיך אַרומגעשלעפּט אינדערפרעמד. לעסאָף האָט די בענקעניש נאָכן פאָטערלאַנד געצווונגען אים אומצוקערן זיך צוריק אין איטאַליע. אין 1592 יאָר האָט ער זיך באַוויזן אין ווענעציע. ברונאָס פרײַנט, וואָס האָבן גוט געוווּסט, ווי שרעקלעך עס האַסן אים די רוימישע גײַסטלעכע, האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס ער האָט געוואַגט אומצוקערן זיך אין איטאַליע, און זיי האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר זײַן גורל. די פאָרגעפילן פון זײַנע פרײַנט זײַנען מקוים געוואָרן.

אין דעמזעלביקן 1592 יאָר, לויט דער מעסירע פון איינעם אן אויסוווּרף, האָט מען ברונאָ אַרעסטירט און אַרײַנגעוואָרפן אין טפיסע. דער געריכט איז צו קיין אויס־פיר ניט געקומען.

דאָ האָט זיך אפן סצענע באוויזן דער פויפסט און האָט געפאָדערט, מע זאָל אים ארויסגעבן דעם ניטגלויביקן. 27 פעווראל 1593 יאָר האָט מען אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם רוימישן קויהענגאָדל, און יענער האָט זײַן קאָרבן אזוי פון האנט צו האנט איבערגעגעבן די אינקוויזיטאָרן [1].

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געריכט. באשולדיקונגען האָט מען קעגן ברונאָ ארויס־געשטעלט גאָר ווייניק: ער האָט אָפּגעלייקנט די ניטפעלערהאפטיקײַט אין די געדאנקען און מיינונגען פון די קאטוילישע גײַסטלעכע איבער איניאָנים פון דער ווײסנשאפט; ער האָט ניט אָנערקענט אייניקע דאָגמאטן פון דער קאטוילישער קירכע; ער האָט פארשפרייט אינגאנצן גאָט־לעסטערנדיקע געדאנקען; ער האָט זיך געסטארעט מיט אלע מיטלען צו אָנשטעקן אנדערע מיט זײַנע פארפירטע אידייען. ברונאָ האָט זיך העלדיש פארטיידיקט, נאָר אויב ער וואָלט אפילו געגומען ריידן מיט א שפראך פון מאלאָכים, וואָלט ער אויך אין אזא פאל ניט געקענט צווינגען זײַנע ריכטער, זיי זאָלן אָנערקענען זייער אומגערעכטיקײַט און זאָלן אים בארעכטיקן.

* * *

דער איניען האָט זיך לאנג געצויגן,—בא א זיבן יאָר,—און די גאנצע צײַט האָט ברונאָ געפוילט אין טפיסע. די ריכטער, פארציענדיק דעם מישפּט, זײַנען געווען זיכער, אז ברונאָ, אן אָנגעשראָקענער פון די גרעסטע פּײַניקונגען און געדאנקען וועגן דעם שרעקלעכן טויט, וואָס דערווארט אים, וועט זיך אָפּזאָגן פון זײַנע פארפירטע אידייען, ווי זיי האָבן אָנגערופן זײַן לערע. נאָר ברונאָ פלעגט פעסט מעלדן אז ער קען ניט און וויל ניט אָפּזאָגן זיך, אז ער האָט ניט פון וואָס אָפּצו־זאָגן זיך, אז ער וויים גאָר ניט, אין וואָס מע באשולדיקט אים.

דעם 20 יאנוואר 1600 יאָר איז פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג וועגן ברונאָס איניען. דעם 9 פעווראל האָט מען איבערגעלייענט אים דעם פסאק־דין: מע האָט דזשאָרדאנאָ ברונאָ אָפּגעשיידט פון קירכע און איבערגעגעבן אים אין די הענט פון דער ציווילער מאכט, קעדיי צו באשטראָפן אים, אף וויפל ס'איז מעגלעך, ווייכער און אָן בלוט־פארגיסונג, דאָס הייסט, פּאָשעט גערעדט, מע האָט אופגעטראָגן די ציווילע מאכט, זי זאָל אים פארברענען לעבעדיקערהייט אף א שײַטער־הויפן. ברונאָ איז פארבליבן רויִק און, אויסהערנדיק דעם פסאק, האָט ער דרייסט אופגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט צו זײַנע ריכטער: „איך בין כוישעד, אז איר טראָגט ארויס דעם פסאק מיט אסאך א גרעסערן ציטער, איידער איך הער אים אויס".

[1] געריכט־אויספאָרשער, ריכטער און אין דערזעלבער צײַט—מערדער.

* * *

אויספירן דעם טויט־אורטייל איז באשטימט געוואָרן אפן 12 פעווראל—און דער־נאָך ווײַטער אָפּגעלייגט... מע האָט נאָך אלץ געווארט און געהאָפּט אײַנצוברעכן ברונאָ. אומזיסט אָבער זײַנען געווען די אלע האָפּענונגען און דערווארטונגען.

דאָס איז געווען אום פרילינג 1600 יאָר. העלבלויע הימלען האָבן געשײַנט איבער רוים. פון די סעדער האָט זיך געהערט א טשוויטערײַ און פויגל־געזאנג; די לופט האָט געשמעקט מיט בלומען... אף איינעם פון די רוימישע פלעצער זײַנען געשטאַנען מענגעס מענטשן און האָבן עפּעס־וואָס דערווארט.

„באם פײַער", אָדער „דאָס שטילע פאמיליען־גליק פונעם אלמעכטיקן גאָט, זײַן ווײַב—דער קירכע און פון זייערע קינדערלעך—די גײַסטלעכע".

ס'האָבן זיך באוויזן פלאטערנדיקע קירכלעכע דינסט־בילדער; גלעקער־געקלאנג האָט געהודזשעט אין דער פרילינגדיקער לופט. אינמיטן פלאץ—צעשפּרייט א שײַטער פון ריטער און האָלץ און צווישן אים—א הויכער סלופּ. מענער, פרויען, קינדער, רײַכע בירגער און אָרעמעלײַט. סאָלדאטן, אין בליאשקענדיקן געווער געצירט, מאָ־נאכן—אלע האָבן זיך צעמישט אין איין בונטער מאסע.

נאָר אָט הויבט זיך אָן רעגן דער האמוין, יעדערער וויל דורכשטופּן זיך פאָרויס, העלדזער ציִען זיך אויס, יעדערער גארט א קוק טאָן אפן וואונדערלעכן בילד. אָט באווײַזן זיך גאלאָכים פון איין גאס, וואָס פירט צום פלאץ. יאָנטעוודיק געקליידט, טראָגן זיי א גרויסן קריסטנקרייץ — דעם סימוואָל פון ליבע און מיטגעפיל; דער קריסטנקרייץ שימערירט קעגן זון; סע הערט זיך א געזאנג פון קירכלעכע הימנען.

עס גייען פארשיידענע אָנגעזעענע לײַט, רוימישע מאגנאטן, פּויפּסטלעכע באאמטע, פּאָטערס־אינקוויזיטאָרן...

הילכיקער הודזשען די גלעקער, דײַטלעכער הערט זיך דאָס געזאנג... אינעם זעל־ביקן האמוין, באלד הינטערן קריסטנקרייץ, גייט דער פארמישפּעטער צום טויט, דזשאָר־דאנאָ ברונאָ, מיט קייטן אף הענט און פיס.

פאר אים איז עס צוגעגרייט דער שײַטער, אים וועט מען עס באלד סארפען... ברונאָ איז בלייך. ער האָט זײַנע קויכעס אין טפיסע פארלאָרן, ער איז פריצײַטיק אלט געוואָרן.

נאָר ער גייט צום טויט מיט אזא רויִקן פעסטן טראָט, פּונקט ווי ער פלעגט גיין צו זײַנע לעקציִעס און דיספּוטן מיט זײַנע קעגנער.

עס הערט זיך, ווי די קייטן קלינגען... אָט פירט מען אים ארוף אפן שײַטער, מע בינדט אים צו מיט קייטן צו דעם סלופּ, און מ׳צינדט די ריטער־הויפנס מיט די האָלץ. סע הערט זיך קנאקן... גאָלד־רויטע פונקען צעווארפן זיך איבער די ריטער־הויפנס... עס פארכאפּן זיך די טרוקענע העלצער. א לײַכט פריילינג־ווינטל בלאָזט אוף דאָס פײַער,—רויט־געלבלעכע פײַער־צינגער הויבן זיך אלץ העכער און העכער, רינגלען ארום ברונאָ, סארפען אים ארום. קיין אויסגעשריי, קיין קרעכץ, קיין איין טײַנע און באקאָשע האָט זיך ניט ארויסגעריסן פון דעם אָפּקומענדיקן העלדס ליפּן.

ער הויבט אוף דעם קאָפּ און זײַנע גלענצנדיק־פארקלערטע אויגן קוקן ארײַן נאָכאמאָל, צום לעצטן מאָל, אין דער טיף פון די פריילינגדיקע לײַכטנדיקע הימלען. געדיכט־שווארצע רויך־זײַלן כאפּן ארום דזשאָרדאנאָ ברונאָ און אף אייביק פארדעקן זיי אים פון זײַנע פרײַנטס און סאָנימס אויגן.

* * *

קימאט 300 יאָר זײַנען פארבײַ. און אָט דעם 9 יוני 1889 יאָר, אין דעמזעלביקן רוים, אף דעמזעלביקן אָרט, ווו מע האָט ברונאָ פארברענט, שטייען זיך ווידער פיל־טויזנטדיקע מענגעס מענטשן, יאָנטעוודיק געקליידטע. איבער די קעפּ פון די מענגעס מענטשן שטייט שטאָלץ א פרעכטיקער, פון בראָנזע אָפּגעגאָסענער דענקמאָל—דזשאָר־דאנאָ ברונאָ. דאָס עפנט מען דעם דענקמאָל דעם, ווער עס איז אומגעקומען פאר דער וויסנשאפט.

פארמאכט זײַנען די קאטוילישע קירכעס, עס קלינגען ניט די גלעקער. אייניקע הײַזער זײַנען ווו־ניט־ווו באדעקט מיט טרויער. א גרויסער יאָנטעוו איז הײַנט—א יאָנ־טעוו פון דעם זיגערישן וויסנשאפטלעכן געדאנק...

שלעכט פילן זיך הײַנט די קאטוילישע מאָנאכן: זיי זיינען באליידיקט און האָבן די פולע רעכט צו אָנטאָן טרויער, מיט אש דעם קאָפּ באשיטן, און ווענדנדיק זיך צו ברונאָס דענקמאָל, מיט ביטערקײַט אויסשרײַען: „דו האָסט געזיגט”...

יע, יענער, וועמען זיי האָבן מיט שאנד און שפּאָט פארברענט, ווי א פארבלאָנ־דזשעטן, האָט הײַנט געטריוּמפירט איבער זיי פון קייווער; מיטן קויעך פון זײַן גע־דאנק,—מיטן געדאנק, וואָס קען ניט פארברענט ווערן, וואָס קען ניט פוילן,—האָט

ער זיי באַזיגט, דערווײַזנדיק דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זײַנען אומגערעכט, אַז זיי זײַנען מערדער.

און אויפֿן דענקמאָל לײַכטן און ברענען טיף־אויסגעשניטענע ווערטער און דערציילן וועגן דעם, אַז ער איז אויפֿגעשטעלט פֿאַר „דזשאָרדאַנאָ ברונאָ פֿון דעם יאָרהונדערט, וואָס ער האָט פֿאָרויסגעזען, אויף דעם אָרט, וווּ דער שײַטער איז געווען אָנגעצונדן״.

* * *

> די וויסנשאַפֿט ווירקט אויפֿן סייכל און שטרעבט צו דערוועקן דעם באַוווּסטזײַן; די רעליגיע וואָלט געוואָלט טויטן דעם סייכל און דערציילן, ווי גאָט האָט אַכזאָריעסדיק באַשטראָפֿט די מענטשן פֿאַר זייער שטרעבן צו וויסנשאַפֿט. (פֿ ײַ ע ר ב אַ ך).

ו. פּ ר י ט ש ע.

ג אַ ל י ל ײַ.

1

פֿאָרגעקומען איז עס מיט 300 יאָר צוריק, אין איטאַליע.

איבער דער קרוינשטאָט, איבער רוים, האָט שאַריִעט אויף טאָג.

אין אַ פּראַכטפֿולן צימער, באַם פֿענצטער, אין אַ הויכן שטול איז געזעסן אַ זאָקן, אָנגעטאָן אין אַ רײַכן גאַלעך־קיטל, מיט אַ רויט היטעלע אויפֿן הוילן שאַרבן. זײַן פּאָנעם איז געווען געל און אומבאַוועגלעך, די אויגן — האַלב־צוגעמאַכט און אַראָפּגעלאָזט צום דיל.

ס'איז פֿאַר אים געשטאַנען אַ יונגערמאַן, ווי אַ מאָנאַך געקליידעט, מיט לויפֿנדיקע, דורכגעטריבן־קלוגע אויגלעך.

זיי זײַנען ביידע געווען מיטגלידער פֿון דער געהיימער פּאָליציי, וואָס האָט געהייסן אינקוויזיציע און האָט באַדאַרפֿט נאָכשפּירן, אַכטונג געבן ס'זאָל קיינער ניט אַרויסזאָגן קײַן איבערצײַגונגען, וואָס פּאַסן ניט צונויף מיט דער לערע פֿון דער רוימישער קירכע. די פּערזאָנען, וואָס האָבן אַזעלכע איבערצײַגונגען אַרויסגעזאָגט, פֿלעגט די אינקוויזיציע אַרעסטירן און מישפּעטן.

— איר זײַט געקומען מיר עפּעס נײַס איבערגעבן? — האָט געפֿרעגט דער זאָקן, ניט אויפֿהויבנדיק די אויגן.

— יאָ, הייליקער פֿאָטער.

— איך הער, און וואָס באַשטייט דער עניָען?

— הייליקער פֿאָטער, ביז הײַנט האָבן אַלע קריסטן געגלייבט, אַז די ערד שטייט אומבאַוועגלעך, און די זון דרייט זיך אַרום איר — אַזוי האָט אונדז געלערנט דער גרויסער גריכישער געלערנטער פּטאָלאָמיי. אַזוי לערנט אונדז אויך די רוימישע קירכע.

נו, יאָ,—האָט דער זאָקן אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן דעם מאָנאך,—ווער צווייפלט דען דערין?

— הייליקער פאָטער, גיט א קוק אף אָט דעם בוך.

דער מאָנאך האָט דערלאנגט דעם זאָקן א קליין ביכעלע אין א לעדערנעם בונד.

— אין אָט דעם בוך—האָט ער ווײַטער גערעדט—ווערט דערוויזן, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון.

דער זאָקן האָט זיך אופגעשטעלט, אין די אויגן זײַנע האָט א בייז פײַערל א גלאנץ געטאָן.

— דאָס איז דאָך אפיקאָרסעס,—האָט ער א געשריי געטאָן,—ווער האָט געוואגט אָפּדרוקן אָט דעם בוך?

דער מאָנאך האָט געשוויגן.

— די ערד דרייט זיך, כא־כא־כא־כא,—האָט זיך צאָרנדיק צעלאכט דער זאָקן—אויב זי דרייט זיך, איז ווער באוועגט זי? א מאלעך, געוויס. אויב אָט דער מאלעך געפינט זיך אף דער ערד, וואָלטן מיר דאָך אים געזען. אין דער ערד—קאָן ער דאָך ניט זײַן, ווײַל דאָרטן געפינען זיך, לויט דער לערע פון דער רוימישער קירכע, נאָר טײַוולאָנים בייזע. איך פרעג, ווער האָט געוואגט אָפּדרוקן אָט דעם ווידערשפּע־ניקן בוך?

— גאליליי, גאליליי, הייליקער פאָטער.

— וואָס? דער פּראָפעסער פון אוניווערסיטעט אין פּאדוע?

— יאָ.

— און עפשער זאָלן מיר זיך ניט וויסנדיק מאכן פון אָט דעם בוך,—האָט פּלוצ־לונג געפרעגט דער זאָקן,—צוליב וואָס א ראש אָנמאכן? ס'וועט אים, מעגלעך, קיינער ניט לייענען.

— צום באדויערן אָבער איז שוין שפּעט. די גאנצע וועלט שמועסט שוין וועגן דעם בוך. פון אלע עקן פון אייראָפּע קומען זיך צונויף טויזנטער מענטשן לערנען זיך בא גאליליי. קיינער גלויבט שוין ניט אין דער רוימישער קירכע. די וויסנ־שאפט האָט אָפּגעהאלטן א ניצאָכן.

דער זאָקן האָט זיך מיט אימפּעט אופגעהויבן פון שטול.

— דארף מען אָנהויבן טאָן. מירן צוציִען גאליליי צום געריכט. מירן צווינגען אים אָפּזאָגן זיך פון זײַן לערע. מירן אים נויטן מודע זײַן, אז גערעכט איז די קירכע.

— און אויב גאליליי וועט זיך ניט אָפּזאָגן?—האָט, אײַנהאלטנדיק דעם אָטעם, געפרעגט דער מאָנאך.

דעם זאָקנס אויגן האָבן א גלאנץ געטאָן מיט צאָרן און מיט סינע.

— דעמלט וועלן מיר אים פּײַניקן, ביז ער וועט זיך ניט אונטערגעבן. אויב ער וועט זיך אײַנשפּארן, וועלן מיר אים אפן שײַטער פארברענען.

— און אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן?

— וועלן מיר צו וויסן געבן דער גאנצער וועלט, אז דעם עמעס פארמאָגט ניט די וויסנשאפט, נאָר די קירכע פון הייליקן פאָטער. מע דארף זיך נעמען צו דעם

איניען, רופט צונויף צום געריכט אלע מיטגלידער פון דער אינקוויזיציע. איך קום באלד.

דער מאָנאך איז האכנאָעדיק צוגעגאנגען צום זאָקן. דער זאָקן האָט אים געבענטשט. האָט ער זיך, דער מאָנאך, אויסגעדרייט און שטילערהייט ארויסגעגליטשט זיך פון צימער.

דער זאָקן איז צוגעגאנגען צום פענצטער. זײַן פּאָנעם איז ווידער געווען אומבאַוועגלעך.

אף די גאסן פון רוים איז געוואָקסן דער טאָג.

— און טאָמער דרייט זי זיך טאקע אינדערעמעסן — האָט ער א טראכט געטאָן, נאָך טייקעף אָפּגעטריבן פון זיך דעם געדאנק. אויב ס'איז אפילע אזוי, טאָרן מיר ניט אײַנגיין דערוף. אויב גאלילײ איז גערעכט, האָט זיך די מעמשאָלע פון דער רוימישער קירכע פארענדיקט, קיינער וועט אונדז ניט פאָלגן. מירן פארווערן דער ערד דרייען זיך ארום דער זון און וועלן אָפּראטעווען אונדזער מאכט.

ער האָט זיך שטאָלץ אוועקגעלאָזט, דער זאָקן, אין די אינעווייניקסטע צימערן צוגרייטן זיך צום געריכט איבערן ווידערשפּעניקן געלערנטן.

2

אין דערזעלביקער צײַט, ווען אין רוים איז פאָרגעקומען אָט דער שמועס, איז גאלילײ געזעסן אין זײַן ארבעט־צימער אין דער שטאָט פּאדוע.

געווען איז ער א 70־יאָריקער זאָקן, מיט א קלוגן פּאָנעם און געמיטלעכן שמייכל.

ער האָט גערוט נאָך דער ארבעט פונם טאָג.

קעגן אים איז געזעסן זײַן גוטער פרײַנט, דער דוקעס סאלוויאטי.

— די גאנצע שטאָט שמועסט וועגן אײַער אנטדעקונג, טײַערער לערער, — האָט ער אָנגעהויבן — אלע האלטן אין איין ריידן: די ערד דרייט זיך, די ערד דרייט זיך.

א גליקלעכער שמייכל האָט באשײַנט דאָס צעקנייטשטע פּאָנעם פונעם געלערנטן. ער האָט זיך אויך אופגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צום פענצטער. אף הויכע הילצערנע פיסלעך איז געשטאנען די שפּאקטיוו, דער טעלעסקאָפּ. גאלילײ האָט ארופגעלייגט דערוף זײַן האנט און געזאָגט:

— אָט, ווען מיר וואָלט זיך ניט אײַנגעגעבן דערפינדן אָט די מאשין, וואָלטן מיר איצט אויך גאָרניט געוווסט וועגן זיך. דאָס מענטשישע אויג איז אזוי שוואך.

— ווי אזוי ארום האָט איר אים דערפונדן, אָט דעם טעלעסקאָפּ?

— גאָר פּאָשעט. איך האָב ארײַנגעשטעלט אין אויבערשטן און אונטערשטן לאָך צוויי ארויסגעבויגענע און צוויי ארײַנגעבויגענע גלעזלעך און פארגרעסערט דערמיט די מענטשישע ריִע אין פיר, דערנאָך אין 30 מאָל. פּלוצלונג האָט זיך דער הימל אזוי קלאָר באוויזן, ווי ס'וואָלט געווען נאָענט איבערן קאָפּ. דאָרט, ווו מיטן פּאָשעטן אויג קאָן מען באמערקן 8 שטערן, האָב איך דערזען — 80,

— און אסאך וווּנדער האָט איר אין הימל אנטדעקט?

— יאָ. אַ קוק געטאָן האָב איך דורכן טעלעסקאָפּ אױף דער לעװאָנע. איר װײסט, װאָס פאַר אַ אומגעלומפּערטע פאַרשטעלונגען האָט מען געהאַט באַ אונדז װעגן דער לעװאָנע?

סאַלװיאַטי האָט זיך צעלאַכט.

— װאָס דען? אײניקע זאָגן, אַז די לעװאָנע איז — אַ פאַרײניקונג פון עטלעכע שפּיגלען, װאָס שפּיגלען אָפּ די שײַן פון דער זון. אַנדערע זײַנען איבערצײַגט, אַז ס׳געפינען זיך דאָרטן ריזיקע שטעט.

— דאָס אַלץ איז נאַרישקײַטן — האָט אים איבערגעשלאָגן גאַלילײ! — מײַן טעלעסקאָפּ דערציילט עפּעס אַנדערש, ער זעט בעסער פון אונדז. די לעװאָנע איז פּונקט אַזאַ מין שטערן, װי אונדזער ערד, מיט בערג, טאָלן און יאַמען. נאָר קײן לעבן איז דאָרטן ניטאָ. אַלץ שלאָפט דאָרט. אַמאָל, מיסטאַם, האָבן דאָרט געלעבט כײַעס און, מעגלעך, אױך מענטשן. איך האָב אַפילע אױסגערעכנט די הױך פון די בערג לױטן שאָטן, װאָס זײ װאַרפן אָפּ.

— זאָגט, גאַלילײ, דער מילך־װעג איז טאַקע אינדערעמעסן מילך, װאָס ס׳האָט פאַנאַנדערגעגאָסן אַ געטן, װי ס׳דערציילן עס די גריכן?

דער געלערנטער האָט מיט אַ כױזעק אַ שמייכל געטאָן.

— אױב איר װעט אַ קוק געבן אױפן מילך־װעג דורכן טעלעסקאָפּ, װעט איר דערזען, אַז ער באַשטײט פון אָן אַ שיר קלײנינקע שטערנדלעך. נאָר די װיכטיקסטע אַנטדעקונג מײַנע איז...

— אַ װעלכע? — האָט נײַגעריק געפרעגט סאַלװיאַטי.

— אָט הערט. אײנמאָל באַנאַכט האָב איך געקוקט דורכן טעלעסקאָפּ אױפן שטערן יופּיטער. פּלוצלונג דערזע איך אַרום אים פיר אַנדערע שטערנדלעך. פריִער האָט מען װעגן זײ ניט געװוסט. אין די קומענדיקע נעכט האָט זיך דאָס אָרט פון די שטערנדלעך געביטן. האָב איך באַשלאָסן: אָט די שטערנדלעך זײַנען לעװאָנעס, װאָס דרײען זיך אַרום יופּיטער. איר פאַרשטײט, סאַראַ װיכטיקע אַנטדעקונג דאָס איז. פּונקט אַזױ װי אָט די פיר לעװאָנעס דרײען זיך אַרום דעם גרױסן יופּיטער, אַזױ דרײען זיך אונדזער ערד און אונדזער לעװאָנע אַרום דער זון.

— איר האָט אַסאַך אױפגעטאָן, גאַלילײ, קעדײ צו דערװײַזן דעם ליגן און פעסטשטעלן דעם עמעס. סע װעט אײַך נאָך אַסאַך װיכטיקס אַנטדעקן אײַער טעלעסקאָפּ, — האָט באַגײַסטערט געזאָגט סאַלװיאַטי.

דער געלערנטער האָט זיך פאַרטראַכט.

— װײ — האָט ער געזאָגט — מײַן טעלעסקאָפּ פעלט אױך מאַכט. אָט זע איך אַלע נאַכט אַרום דעם שטערן סאַטורן עפּעס אַזױנס, װאָס איז ענלעך אױף רינגען. נאָר מײַן שפּאַקטיװ איז שװאַך, און קלאָר אױספאָרשן איז אומעגלעך. נו, קײן אומגליק איז עס ניט — האָט ער צוגעגעבן — מיטאַמאָל אַלעס אױפטאָן קען מען ניט. ס׳װעלן קומען אַנדערע דורעס. זײ װעלן פולקאָם מאַכן מײַן טעלעסקאָפּ. זײ װעלן דערזען און װעלן דערװיסן זיך דאָס, װאָס איז פאַר מיר אַ סאָד פאַרבליבן. אָט אַזױ װעט די מענטשהײַט גײן פאָרױס, באַפרײַענדיק זיך פון אירע טאָעסן, אַנטדעקנדיק אַלץ

נײַע וויסנשאַפטן. די וויסנשאַפט וועט בײַקומען, ניט קוקנדיק אַף אַלע רעדיפּעס, לײַדן און קאָרבאָנעס.

אין דערזעלבער רעגע האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין דער טיר.

גאַלילײ און זײַן פרײַנט האָבן א ציטער געטאָן.

— ווער קאָן עס זײַן אזוי שפּעט? — האָט געפרעגט דער געלערנטער.

— כ'וועל גיין א קוק געבן.

סאַלוויאַטי איז ארויסגעגאַנגען. ער האָט געעפנט די טיר און מיט עמעצן גע־שמועסט, ס'האָט שטרענג געדערט א פרעמד קאָל. אין עטלעכע מינוט ארום האָט סאַלוויאַטי זיך אומגעקערט בלייך און צעטראָגן. ער האָט געהאַלטן אין די הענט א פאַרכאַסמעטן פּאַקעט. גאַלילײ האָט, בלייך ווערנדיק, געעפנט דעם פּאַקעט.

— די אינקוויזיציע ציט מיך צו צום געריכט — האָט ער געזאָגט סאַלוויאַטין — זיי ווילן מיך צווינגען אָפּזאָגן זיך פון דעם עמעס. זיי ווילן טויטן די וויסנשאַפט — דעם פרײַען געדאַנק און די פרײַע פאָרשונג. זיי פאָדערן, איך זאָל עפנטלעך דערקלערן, אז אַלע מײַנע אנטדעקונגען זײַנען פאַלש, אז די ערד שטייט אומבאַוועגלעך אין צענטער פונעם וועלט־שעטעך...

— און וואָס וועט איר זיי ענטפערן?

— איך וועל זיי ענטפערן: זי דרייט זיך פאָרט!

גאַלילײ איז רויִק ארויסגעגאַנגען אין פאָדערצימער, ווו ס'האָט אַף אים געוואַרט דער שאָליעך פון דער אינקוויזיציע.

3

אז גאַלילײ איז ארויסגעגאַנגען אין טונקעלן געריכט־זאַל, האָט ער דערזען ארום לאַנגן טיש צען קאַרדינאַלן אין רויטע היטעלעך. זייערע פּענעמער זײַנען געווען מאָרעשכוירעדיק און בייז. אַפן טיש האָבן אין הויכע זילבערנע לײַכטערס טונקל געברענט עטלעכע ליכט און ס'איז געלעגן דער הייליקער טעסטאַמענט אין א פּראַכט־פולן בונד.

דער עלטסטער אינקוויזיטער — דער זאָקן מיטן הוילן שאַרבן — האָט אָנגעהויבן.

— דאָס איז אײַער בוך? — האָט ער געפרעגט.

— איר דערווײַזט, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון און די זון שטייט אומ־באַוועגלעך אין הימל?

— יאָ.

— און ווייסן ווייסט איר, אז די הייליקע רוימישע קירכע זאָגט פּונקט דעם היפּעך דערפון?

— יאָ.

— און איר זײַט איבערצײַגט, אז דער עמעס איז אַף אײַער זײַט?

— יאָ.

— רעכנט איר ניט, הייסט עס, אָפּזאָגן זיך?

— ניין.

דער זאָקן האָט א צייכן געגעבן מיט דער האנט אהין, ווו ס'איז געשטאנען דער הענקער. יענער איז צוגעגאנגען צו גאלילייען, געבונדן אים די הענט און ארויסגע־פירט אין שכיינישן צימער.

אין א האלבע שאָ ארום האָט מען גאלילייען געבראכט צוריק און אים ווידער אוועקגעשטעלט קעגן דסאָ אינקוויזיציע. ס'איז אים שווער געווען צו דערקענען. ער האָט זיך קאם געשלעפּט, דער פּאָנעם האָט זיך אויסגעקרימט פון לייד, ער האָט קאם געאָטעמט. די פּייניקונג האָט איינגעבראָכן דעם שוואכן זאָקן. ער האָט שוין מער ניט געקענט קעגנשטעלן זיך, איז שוין לאכלוטן גלייכגילטיק געווען. די אויגן זיינען פול געווען מיט טרויער. דעם זאָקן האָט נאָר איינס געארט—וואָס ער איז ניט יונג. ווען ער וואָלט נאָר פארמאָגט מער קויכעס, וואָלט ער אויך אן ערגערע פּייניקונג אויסגעהאלטן.

— גייט—האָט אים געזאָגט דער עלטסטער אינקוויזיטער—ביז אייער לעצטן טאָג וועלן מיר שטרענג נאָכשפּירן נאָך אייך. אויב איר וועט ווידער וואגן קעגנשטעלן זיך, וועט אייך שוין קיינער און גאָרניט ניט אָפּראטעווען פון שייטער.

גאליליי איז, קאם שלעפּנדיק זיך, ארויסגעגאנגען פון געריכט־זאל.

אף דער גאס האָט העל געשיינט די זון, האָט פריילעך געדרוישט דאָס לעבן, אין די גערטנער האָבן די ביימער געצוויטעט, די ערד האָט געבליט.

באם ארויסגאנג האָט גאלילייען באגעגנט א גרויסער האמוין טאלמידים און פאר־ערער.

דערזען די פארפּייניקטע פיגור פונעם געליבטן לערער, האָבן אלע מיטאמאָל אראָפּגענומען די היטלען. די לופט איז דערציטערט געוואָרן פון א מעכטיקן געשריי:

— זאָל לעבן גאליליי!

— זאָל בליען די וויסנשאפט!

— זאָל צעווייט ווערן די פינצטערניש, די פאלשקייט און דער גוואלדטאט!

— זי דרייט זיך פאָרט! זי דרייט זיך פאָרט!

* * *

די קריטיק פון דער רעליגיע שטויסט דעם מענטשן, קעדיי ער זאָל דענקען, טעטיק זיין, אנטוויקלענדיק זייןווירקלעכקייט, ווי א מענטש, וואָס איז געקומען צום סייכל, קעדיי ער זאָל זיך באוועגן ארום זיך זעלבסט אין זיין ווירקלעכער זון.

די רעליגיע איז נאָר א איליוזאָרע זון, וואָס באוועגט זיך ארום מענטשן ביז דענסטמאָל, ביז וואנען ער וועט זיך ניט אָנהויבן באוועגן ארום זיך זעלבסט. די רעליגיעזע וועלט איז נאָר אן אָפּשפּיגלונג פון דער רעאלער וועלט. (מארקס).

אפן אינקוויזיציע-שײַטער.

פיליפ האָט כאסענע געהאט מיט מאריִע דער פאָרטוגאלער, וועמעס ערד ער האָט פאריייניקט צו דער שפאנישער מעלוכע. פון איר האָט ער געהאט דאָן קארלאָסן, דעם בייזווילדן, נאָר ער האָט נישט ליב געהאט זײַן פרוי.

די קעניגן האָט געקרענקט נאָך א שווערן האָבן. זי איז געלעגן אין בעט ארומגערינגלט מיט הויף־דאמען, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען די הערצאָגינע אלבא. פיליפ פלעגט שטענדיק פארלאָזן זיי, קעדיי בייצוזײַן באם פארברענען די הערעטיקער. אלע דאמען און קאוואלערן פון הויף האָבן נאָכגעפאָלגט זײַן בײַשפּיל,—און דערײַן אויך די הערצאָגינע אלבא, די ווילגעבירטיקע זיצערן בא דער קעניגן.

די אינקוויזיציע האָט אין יענע טעג פארניכטעט איינעם א פלאמאנדער סקולפטער, א קאטויל לויט זײַן גלויבן: איין מאנאך, באשטעלנדיק אים אויסשנײַדן פון האָלץ א גראוויור פון דער „באָסקע מאטקע" האָט אים נישט אײַנגעצאָלט, וויפיל זיי האָבן אָפּגערעדט, האָט דעמלט דער קינסטלער צעשעדיקט מיטן שנײַד־מעסער דאָס פּאָנעם פון דער סטאטוע, וואָרעם,—האָט ער געזאָגט,—ער וועט בעסער פארניכטן זײַן ארבעט, איידער איינצושטימען אף אזא מין שאנדהאפטיקן פרײַז.

באשולדיקט דורכן מאָנאך אין גאָט־לעסטערונג, האָט ער אים אונטערגעוואָרפן אומענדלעכע פּײַניקונגען און פארמישפּעט אים צו פארברענען.

אין דער צײַט פון די פּײַניקונגען האָט מען אים פארברענט די פיס און אפן וועג פון טורמע צום שייטער, א צוגעדעקטער מיטן San benito, האָט ער די גאנצע צײַט געשריען:

— האקט מיר אָפּ די פיס! האקט מיר אָפּ די פיס!

און פיליפ האָט פונדערווײַטן מיט האנאָע צוגעהערט זיך צו די שוידערלעכע געשרייען, נאָר ער האָט נישט געלאכט.

דער קעניגן מאריעס הויף־דאמען האָבן זי פארלאָזן, קעדיי צו זען דעם טויטשטראָף, און טייקעף נאָך זיי איז געלאָפן די הערצאָגינע אלבא, וואָרעם אויך זי האָט געוואָלט הערן די געשרייען פון דעם פלאמאנדער קינסטלער און ווילטיקן זיך מיטן בילד. איז די קעניגן אליין געבליבן.

פיליפ און זײַן גאנצער הויף, זײַנע פירשטן און גראפן, די קאוואלערן און דאמען, אלע האָבן געקוקט, ווי מען האָט צוגעשמידט דעם פלאמאנדער סקולפטער מיט א לאנגער קייט צום סלופ, וואָס איז ארומגערינגלט געווען מיט פעקלעך שטרוי און בינטלעך ריטער, אזוי ארום, אז דער פארמישפּעטער האָט זיך געקענט האלטן ווײַט פונעם סאמע הייסן פלאם, און אזוי האָט ער זיך געפּרעגלט אפן לאנגזאם־ציִענדיקן פײַער.

מיט נײַגעריקײַט האָבן אלע געקוקט, ווי ער, א הוילער אָדער האלב־הוילער, האָט זיך געסטארעט ארײַנצונעמען אין זיך קרעפטן צו קעמפן מיטן פײַער.

גראָד אין דער צײַט האָט זיך דער קעניגן מאַריע שטאַרק פאַרוואָלט טרינקען. א האַלבע דיניע איז געלעגן אַף א טאַץ. די געווינערן האָט זיך אויפגעהויבן, זיך דורכגעשלעפט פון בעט איבערן צימער און אופגעגעסן די גאנצע דיניע ביז א ברעקל.

פון דעם אָפּקילן זיך האָט זי געגומען וואָרפן אין קעלט; א באַדעקטע מיט קאַלטן שווייס, איז זי געפאַלן און געלעגן אפן דיל אָן באַוועגונגען.

— אָ,—האָט זי געקרעכצעט:—איך וואָלט זיך דערוואַרעמט, ווען מען וואָלט מיך אַריבערטראָגן אין בעט.

דאָ האָבן זיך דערקליבן צו איר די געשרייען פונעם אומגליקלעכן סקולפּטער:

— האַקט אָפּ די פיס!

— אָ,—האָט זי געקרעכצעט,—וואָס וועט עס דאָרטן—א הונט זאָגט פאַרויס מיר מײַן טויט?

אין דעם אויגנבליק האָט דער סקולפּטער געזען אַרום זיך נאָר פײַנטלעכע שפּאַנישע פּנעמער. ער האָט פאַרקרייצט זײַנע הענט, האָט א צי געטאָן די קייט אין איר גאַנצער לענג, אויסגלײַכנדיק זיך, האָט ער געשטעלט זיך אַף די בּרענענדיקע בינטלעך שטרוי און ריטער און האָט אויסגעשריען:

— אַט אַזוי שטאַרבן פלאַמאַנדער קעגן זייערע שפּאַנישע טאַליאַנים. ניט מיר, נאָר זיי האַקט אָפּ די פיס, זיי זאָלן נישט קענען מער פאַרנעמען זיך מיט מערדערייען.

און די דאַמען האָבן געפּאַטשט מיט די הענט אים אַנטקעגן און, זעענדיק זײַן דרייסטן אויפירן זיך, האָבן זיי געבעטן דערבאַרעמען זיך איבער אים.

און ער איז געשטאָרבן.

ו. הוגאָ

פראַנצויזישער דיכטער און ראָמאַניסט (1802—1885).

דעם וואָלקאַנס ענטפער.

דאָס קרייציקן וואָלקאַנען איז אַן אַלטער מינהעג, וואָס געהערט צו די סאַמע פרייִקע צײַטן פון אײַנעמען לענדער. אַלע קראַטערן פון ניקאַראַגואַ זײַנען געהייליקט געוואָרן אַף אַזאַ אויפן, אויסער מאָמאָטאָמבאָ, פון וועלכן קיין איין גאַלעך פון די, וואָס מע האָט געשיקט שטעלן א קרייץ אַף זײַן שפּיץ, האָט זיך ניט צוריקגעקערט. (סקיז. א רײַזע אין דאָרעם-אַמעריקע).

אַלס אײַנעמער, דורכשלײַכנדיק פיל פרעמדע לענדער,
דער קעניג שפּאַנישער באַפוילן האָט וואָלקאַנען קרייציקן,
קעדיי צו אײַנברעכן אין צאַמען זייער ראָצכעסדיקע טעווע.
געהאָרכזאַמע וואָלקאַנען האָבן צוגענומען עס פאַר גוט.

און איינער נאָר פון זיי האָט ניט געוואָלט זיך קרייציקן.
מיט גאָרנישט אויסגעלאָזט זיך האָבן גאַלכישע באַזוכונגען.
מאָנאכן דרייסטע, ווארפנדיק א בליק צום בארג ארויף,—
ווי זייער קירכע זיי באפוילט עס,—געגאנגען זײַנען קרייציקן.
געגאנגען זײַנען פיל אהין, צוריק—קיין איינער ניט.

וואָס־זשע, פליכעוואטער ריז! באשענקסט די ערד
מיט פלאמיקער טיארע און מיט אייביקער פארפינצטערונג.
באם ברעג פון אָט די וועלן, בא דעם שוועל בא דײַנעם,
ווען מיר אראָפּלאָזן זיך טוען,—וואָס פאריאָגסטו גאָט פון זיך?
ענטפער!

צו יאָמערן ט׳ער אופגעהערט מיט קאָכנדיקער לאווע
א קאָל א מעכטיקער פון קראטער ט׳זיך דערהערט:

„פונדאָרט פאריאָגט איז גאָט. כ׳האָב אים נישט ליב געהאט.
א זשעדנע, גאָלדגײַציקע בריָע איז ער,
באשמוצטער מענטשנפרעסער, וועמעס ציינער זײַנען שווארץ
פון בלוט און ביינער, וועמען קרעכצן זײַנען ליב [1].
א גרויזאמער מיזבייער־פעלז—זײַן שטײַפער בויך,
א פוילע קעלער־גרוב, דאָרט, ווו דער פריסטער־הענקער וווינט,
א מענגע לאכנדע סקעלעטן בא דעם בארג־פוס,
א בעכער, פול מיט טויט־יעסורים און מיט טרערן,—דאָס איז גאָטעס גווירע.
א טויבער, העסלעכער, מיט בינטלעך שלאנגען אף די הענט
און אָנגעבראָקטע מייסים־פלייש אין זײַנע שטארצנדיקע ציינער,
פארפינצטערט האָט ער דאָ די געגנט ביז די אונטער הימל־הויכן.
און דאָ אומזיסט האָב איך געברומט אין הויל מײַנעם אין ענגען.

„נאָר אָט, ווען איר צו מ׳ר מיט פלאך פון וויגנדיקע וואסערן
זײַט צוגעשווומען פונעם לאנד, ווו זון גייט אוף,
איר, מענטשן ווײַסע,—באגעגנט האָב איך אײַך, ווי ליכטיקן פרימאָרגן.
געמיינט האָב איך, אז קומען אײַערס איז פארטראכט אמקלוגסטן.
געגלויבט האָב איך: איר, ווײַסע, זײַט, ווי הימל, גוט.
געטראכט האָב איך: דער פאָנעם־קאָליר צו נעשאָמע איז געגליכן.
און, אלזאָ, גאָט דער ווײַסער איז נאָך פרעכטיקער אין צוויי מאָל מערער,
ער איז ניט בלוט־דורשטיק, ער ליבט, וואָס האָט נאָר לעבן.
און טיף איז זײַן גערעכטער קריג מיט דעם פאריאָגטן גאָט...

1) דאָ רעדט זיך וועגן מעקסיקאנישן מילכאָמע־גאָט וויצלי־פוצלי, וועלכן ס׳פלעגן געבראכט ווערן טויזנטער מענטשלעכע קאָרבאָנעס א יאָר, (אין 1446 יאָר א שטייגער, 70,000).

„דערווײַל האָט זיך גענומען פאַרן אײסעק גאָט דער ווײַסער,
גערויכערט פּאַקעלן דאָ האָבן זיך מיט שפּיק־הויך מײַנעם גלײַך.
דעם בראַנד פון אײַער שײַטער, דעם קנאַק פון פײַער־אײַזן
מיט נאָמען „אינקוויזיציע הייליקע" גערופן האָט איר.
און טאָרקוועמאַדע ט׳זיך געשטעלט בא טויערן פון פרעמדער ערד,
קעדיי צעטרײבן דאָ דעם נעפּל פון אומוויסן פריער.
און דאָ האָב איך דערזען, ווי ס׳האָט די קירכע אופגעקלערט
די אומגליקלעכע ווילדע... כ׳האָב געזען דאָ בא די געסט
אף לימער־פּלאַץ אף קויל־צעברעגטע קינדער,
און בינטלעך ברענענדיקע ריטער, אין הויפנס אש צעברענטן—
א רויך, וואָס פויזעט איבער פרויען־ברוסטן היילע.

איך האָב נאָר פינצטערניש אַרײַנגעשלעפּט אין אויוון מײַנעם גרויסן.
א האַלב־דערשטיקטער פונעם רויך, פון ליכט, וואָס איר ט׳געצונדן,
אין ציטער ווירקלעכן פון די געברענטע פײַן און לײַדן,
אלץ קלאָר אָפּשאַצנדיק, באַם קלאָרן כעשבן פונעם העזעק,
האָב איך דערקענט אָט דאַן דעם ווײַסן גאָט אין פּאָנעם,—
און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אז ס׳האָט שוין בײַטן ניט געלוינט [1].

די „באַרעמהאַרציקײַט" פונעם ייִדישן גאָט.

(אויסצוגן פון ביבל).

„דוואָרים", קאַפּיטל 20.

(גאָט זאָגט)— ... אז דו וועסט זיך דערנעענטערן צו א שטאָט צו האַלטן מילכאָמע מיט איר, זאָלסטו זי רופן צו שאָלעם. און עס וועט זײַן, אויב זי וועט דיר ענטפערן מיט שאָלעם, און וועט דיר עפענען די טויערן, איז דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס געפינט זיך אין איר, זאָל דיר ווערן צו צינדזש און זאָל דיר דינען. אויב אָבער זי וועט ניט אײַנגײן אף שאָלעם מיט דיר, און וועט פירן מילכאָמע מיט דיר, זאָלסטו זי באַלעגערן. און אז גאָט דײַן האַר וועט זי איבערגעבן אין דײַן האַנט, זאָלסטו טויטן אַלע אירע מאַנספּאַרשוינען מיטן שאַרף פון שווערד. נאָר די ווײַבער און קלײנע קינדער, און די בעהיימעס, און אלץ, וואָס וועט זײַן אין דער שטאָט, איר גאַנצן רויב, זאָלסטו רויבן פאַר זיך; און זאָלסט עסן דעם רויב פון דײַנע פײַנט, וואָס גאָט דײַן האַר

---

1) די שפּאַניער, וואָס האָבן „אײַנעמענדיק אַמעריקע, פאַרניכטעט די אָרטיקע רעליגיעס, האָבן מיט דער הילף פון טליע און אינקוויזיציע־פײַער אזוי אײפעריק גענומען פלאַנצן צווישן די אומגליקלעכע אינדיאַנער די קאַטוילישע רעליגיע, אז ווּיצלי־פּוצלי האָט שוין גאָר גיך געקענט זיך אַרויסווײַזן „א לעמעלע" קעגן דעם „עמעסדיקן" גאָט פון די קריסטן...

האָט דיר געגעבן. אזוי זאָלסטו טאָן צו אלע שטעט, וואָס זײַנען זייער ווײַט פון דיר, וואָס זיי זײַנען ניט פון די שטעט פון די היגע פעלקער. אָבער פון די שטעט פון די היגע פעלקער, וואָס גאָט דײַן האר גיט דיר פאר א באזיץ, זאָלסטו ניט לאָזן לעבן קיין איין לעבעדיקן וועזן, נאָר פארוויסטן זאָלסטו זיי: דעם כיטי און דעם עמורי, דעם קנעני און דעם פריזי, דעם כיווי און דעם יעוווסי, אזוי ווי גאָט דײַן האר האָט דיר באפוילן קעדיי זיי זאָלן אײַך ניט לערנען טאָן, אזוינע אומווירדיקײַטן, ווי די, וואָס זיי האָבן געטאָן צו זייערע געטער,— און איר זאָלט ניט זינדיקן צו יאהאווע אײַער גאָט...

„יעהוישוא", קאפיטל 9.

... און די באוווינער פון גיוון האָבן געהערט, וואָס יעהוישוא האָט געטאָן מיט די (שטעט) יעריכוי און מיט אײַ, האָבן זיי אויך געקליגט זיך מיט נארערײַ. און זיי זײַנען געגאנגען און האָבן זיך פארשטעלט: און זיי האָבן גענומען אָפּגעניצטע זעק פאר זייערע אייזלען און אָפּגעניצטע און צעשפאלטענע און צונויפגעבונדענע ווײַנלאָגלען. און אָפּגעטראָטענע און פארלאטעטע שיך—אף זייערע פיס און אָפּגעטראָגענע קליידער—אף זיך. און דאָס גאנצע ברויט פון זייער שפּײַז איז געווען צעטריקנט אף ברעקלעך. און זיי זײַנען געגאנגען צו יעהוישואן אין לאגער קיין גילגל. און זיי האָבן געזאָגט צו אים און צו די מענער פון רי יִסראָעל: „פון א ווייטן לאנד זײַנען מיר געקומען, און אצינד שליסט מיט אונדז א שאָלעם־בונד".

האָבן די מענער פון יִסראָעל געזאָגט צו דעם כיווי: „עפשער זיצסטו צווישן אונדז, איז ווי קענען מיר מיט דיר שליסן א שאָלעם־בונד?"

האָבן זיי געזאָגט צו יעהוישואן: „דײַנע קנעכט זײַנען מיר".

האָט יעהוישוא צו זיי געזאָגט: „ווער זײַט איר און פונוואנען קומט איר?"

האָבן זיי צו אים געזאָגט: „פון זייער א ווײַטן לאנד זײַנען געקומען דײַנע קנעכט צוליב דעם נאָמען פון יאהאווע דײַן גאָט; וואָרעם מיר האָבן געהערט פון אלץ, וואָס ער האָט געטאָן אין מיצראַים און אלץ, וואָס ער האָט געטאָן צו די צוויי מעלאָכים פון עמוירי, וואָס אף יענער זײַט יארדן—צו סיכוין דעם מעלעך פון כעשבן און צו אויג דעם מעלעך פון באָשן, וואָס אין אשטאָרעס [1], האָבן געזאָגט צו אונדז די עלטסטע אונדזערע און אלע באוווינער פון אונדזער לאנד, אזוי צו זאָגן:

„נעמט מיט זיך שפּײַז אפן וועג און גייט זיי אנטקעגן און איר זאָלט זאָגן צו זיי: „אײַערע קנעכט זײַנען מיר, און אצינד שליסט מיט אונדז א שאָלעם־בונד".

---

[1] אין „באמידבאָר", קאפיטל 21, ווערט דערציילט, ווי אזוי די יִדן מיט „גאָטס וווּנדער" ברענגען אום ביז גאָר די פעלקער פין עמוירי און באָשן. אָט דאָט האָט זיי אָפּגעשראָקן. לעסאָף, זײַנען אָט די אלע וווּנדער־מײַסעס וועגן די יִדישע ניצכוינעס ניט מער ווי א לעגענדע אָן קיין שום היסטאָרישער באשטעטיקונג. וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס די מאָראל פון די לעגענדעס בלײַבט שטיין אלס אידעאל פון דער יִדישער רעליגיע און ווערט פארהייליקט ביז הײַנטיקן טאָג, ווי א זאך, וואָס איז געגעבן פון בארג סינײַ. אייגנטלעך—דיזעלביקע טאָרקוועמאדאָ־מאָראל פון פארניכטן, בארויבן און פארקנעכטן אלע די, וואָס געהערן ניט צו דעם „עמעסן" גלויבן.

„דאָסדאָזיקע ברויט אונדזערס נאָך וואַרעמערהייט האָבן מיר מיט זיך צו שפּייַז גענומען פון אונדזערע הײַזער אין דעם טאָג, וואָס מיר זײַנען ארויס צו גיין צו אײַך. און אצינד, אָט איז עס פארטריקנט און געוואָרן צו ברעקלעך. און די דאָזיקע ווײַן־לאָגלען, וואָס מיר האָבן אָנגעפילט, זײַנען געווען נײַ און אָט זײַנען זיי צע־שפּאָלטן געוואָרן. און דידאָזיקע קליידער און שיך אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָגן גע־וואָרן פון זייער פיל וועג.

און די (ייִדישע) מענער האָבן גענומען פון זייער שפּייַז און גאָטס מויל האָבן זיי ניט געפרעגט. און יעהושוא האָט געמאכט שאָלעם מיט זיי און געשלאָסן מיט זיי א בונד און געלאָזן זיי לעבן. און די פירשטן פון דער איידע האָבן צו זיי גע־שוואָרן. און עס איז געווען צום סאָף פון דרײַטעג, נאָכדעם ווי זיי האָבן געשלאָסן מיט זיי דעם בונד, האָבן זיי דערהערט, אז זיי זײַנען זייערע נאָענטע שכיינים און אז זיי וווינען לעבן זיי, און די קינדער פון יִסראָעל זײַנען געגאנגען ווײַטער און זײַנען געקומען אין זייערע (פון די גיוון־מענער) שטעט אפן דריטן טאָג. און זייערע שטעט זײַנען קפירע און בעיירעס און קיראס־יעאָרים... און יעהושוא האָט זיי (די גיוון־מענער) גערופן און האָט צו זיי גערעדט, אזוי צו זאָגן:

„פארוואָס האָט איר אונדז אָפּגענארט און געזאָגט „מיר זײַנען זייער ווײַט פון אײַך", דאן ווען איר זיצט לעבן אונדז? [1]) און אצינד זאָלט איר זײַן פארשאָלטן און עס זאָלן זיך פון אײַך ניט אויסנעמען קיין קנעכט און האָלצהעקער און וואסער־שעפּער פאר דעם הויז פון מײַן גאָט".

האָבן זיי געענטפערט יעהושואן און האָבן געזאָגט:

„ווײַל דערציילט איז געוואָרן דײַנע קנעכט דאָס, וואָס יאהאווע דײַן גאָט האָט פארזאָגט זײַן קנעכט מוישען, אײַך צו געבן דאָס גאנצע לאנד און צו פארטי־ליקן אלע באוווינער פון לאנד פון אײַערטוועגן, און מיר האָבן מוירע געקראָגן פאר אונדזער לעבן, דארום האָבן מיר געטאָן דידאָזיקע זאך. און אצינד אָט זײַנען מיר אין דײַן האנט. ווי עס איז גוט און רעכטפארטיק אין דײַנע אויגן צו טאָן מיט אונדז, אזוי טו.

... און יעהושוא האָט זיי געמאכט אין יענעם טאָג פאר האָלצהעקער און פאר וואסערשעפּער פאר דער (ייִדישער) געמיינדע און פאר דעם מיזבייעך פון גאָט, ביז הײַנטיקן טאָג אין דעם אָרט, ווו ער (גאָט) וועט נאָר אויסדערווײלן.

סינקלער־ליויס.

מיט אָדעם־האָרישן קעגן דארווינען.

פראנק איז אָפּגעווען אין זײַן ווילטעטיקער געזעלשאפט דרײַ יאָר און איז בא־שטימט געוואָרן פאר א געהילף פונעם הויפּט־סעקרעטאר אין סאמע ברען פונעם

[1]) לויט דער „אינסטרוקציע" („דוואָרים", זע אויבן) קומט זיי דאָך פארניכטונג, ווײַל זיי וווינען נאָענט און דאָ האָט זיך גאָר באקומען א שאָלעם־בונד...

דײַטאָנער „עוואָליוציע״־פּראָצעס [1]. דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען די מער געשיקטע צווישן די קאָנסערוואטיווע גײַסטלעכע האָבן אײַנגעזען, אז די עמעסע וויסנשאפט שטעלט אין געפאר זייער ווירקונג, רײַסט ארונטער זייערע האכנאָסעס. אייניקע פון זיי זײַנען געווען געבילדעטע און האָבן געוווסט, אז ניט נאָר די ביאָלאָגיע איז געפערלעך פאר זייערע דאָגמאטן, נאָר אפילע די געשיכטע, וועלכע גיט ניט קיין איבעריק הייליקע כאראקטעריסטיק דער קריסטלעכער קירכע; אפילע די אסטראָנאָמיע, וועלכע געפינט ניט אין די הימלען קיין פּאסיקן אָרט פארן גאניידן און שמייכלט העפלעך בא דער באהויפּטונג, אז ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצושטעלן די זון, קעדיי די ייִדן זאָלן קאָנען מענאצייעך זײַן אין עפּעס א געשלעג דאָרט אפן גרענעץ; אפילע די פּסיכאָלאָגיע, וועלכע צווייפלט אין דעם, אז א קאפּיטאליסטישער פּריידיקער, וועלכער קומט נאָרוואָס פון דאָרף, ווייס מער, איידער די געלערנטע לאבאָראטאָרישע פאָרשער; אויך אסאך אנדערע וויסנשאפטן, וועלכע ווערן געלערנט אין די מאָדערנע אוניווערסיטעטן. זיי האָבן אײַנגעזען, אז די שולן, וואָס זײַנען פאר זיי אָנעמבאר, וואָלטן באדארפט לערנען בלויז בוכהאלטעריע, לאנדווירטשאפט, געאָמעטריע, טויטע שפּראכן, וועלכע ווערן נאָך מער אָפּגעטויט אדאנק דעם, וואָס עס ווערט פון זיי אויסגעשלאָסן די אינטערעסאנטע ליטעראטור, און, לעסאָף, די ייִדישע ביבל אין דער אויסטייטשונג פון אזוינע מענטשן, וועלכע זײַנען גוט אויסגעמושטירט ניט צו באמערקן אין איר קיינע קעגנזעצלעכקײַטן, אזוינע מענטשן, וואָס ווערן אף דער טעכנישער שפּראך אָנגערופן „פונדאמענטאליסטן״.

פון פארשטיין זייער לאגע זײַנען די גײַסטלעכע און די מער אָנגעזעענע בא זיי וועלטלעכע לײַט אריבער צו עמעסע טאטן. זיי האָבן אָרגאניזירט א ריי אנטשפּרעכנדיקע, גלענצנדיק־פינאנסירטע אנשטאלטן, וועלכע האָבן געהאט דעם צוועק צו שרעקן די געזעצגעבער פון די לאנדווירטשאפטלעכע שטאטן מיט א פּאָליטישן דורכפאל און געזען אונטערקויפן זיי מיט כניפעדיקע ליבגעזאנגען, קעדיי דידאָזיקע סאָלאָנס פון די פּארוואָרפענע העקן זאָלן אין אלע שולן און קאָלעדזשעס פון זייער שטאט פארווערן צו אונטעריכטן דאָס אלץ, וואָס ס׳איז ניט באגיטיקט דורך די יעוואנגעליסטן.

דאָס איז געווען זייער באלערנדיק.

אין קעגנזאץ צו דעם האָבן זיך אָרגאניזירט אייניקע גרופּעס געלערנטע. איינע פון דידאָזיקע אָרגאניזאציעס האָט פאָרגעלייגט פּראנקן צו לייענען לעקציעס אין איר נאָמען.

אין א געהויבענער און אויסגעצייכנטער שטימונג איז ער אָנגעקומען אפן ערשטן אָרט, וווהין מע האָט אים באשטימט, אין א ראשיקער מאָדערנער שטאָט אין איינעם פון די דאָרעם־מײַרעווודיקע שטאטן.

ער האָט געשמייכלט, ווען ער האָט פון האָטעלישן אווטאָבוס דערזען אן אפיש,

---

[1] דער פּראָצעס, ארום וועלכן ס׳האָט זיך דאָ ניט לאנג געטומלט אין די פאריייניקטע שטאטן קעגן א פאָלק־לערער, וועלכער איז באשולדיקט געוואָרן אין דערקלערן די קינדער דארווינס טעאָריע, אז דער מענטש שטאמט אָפּ פון א מאלפּע (דער „מאלפּע־פּראָצעס״).

װעלכע האָט געמאָלדן, אַז לױט דער אײַנלאַדונג פֿון ליגע פֿאַר פֿרײַער װיסנשאַפֿט װעט פֿראַנק שעלאַרד לײענען אין צענטראַלן אַרבעט־הױז אַ לעקציע אַף דער טעמע: „פֿונדאַמענטאַליסטן און פֿאַרפֿינצטערונג“.

אין זײַן נומער פֿון האָטעל האָט ער געפֿונען אַ צעטעלע, אָפּגעדרוקט אַף אַ מאַשינקע, אָן אַן אונטערשריפֿט. אין צעטעלע איז געשטאַנען אָט װאָס: „מיר דאַרפֿן אײַך ניט מיט אײַער פֿאַרשאָלטענער אַפּיקאָרסעס. מיר קאָנען אַלײן פֿאַר זיך טראַכטן אָן דער הילף פֿון אַלערלײ אימפּאָרטירטע „ליבעראַלן“. אױב אײַער לעבן איז אײַך ליב, פֿאַרלאָזט אונדזער אָנשטענדיקע קריסטלעכע שטאָט, נאָך אײדער ס'װערט אָװנט. זאָל אײַך גאָט העלפֿן — אױב איר װעט דאָס ניט טאָן! מיר פֿאַרמאָגן גענוג מיטלען אײַך צו װאָרענען, אָבער אױך גענוג געטלעכע גערעכטיקײַט אײַך אָנצולערנען, אױב איר װעט ניט פֿאָלגן. די גאָטלעסטערער װעלן באַקומען דאָס, אַף װאָס זײ שלאָגן זיך אַלײן אָן. מיר גלױבן ניט, איר זאָלט װעלן פֿילן דעם קאַנטשיק איבער אײַער ליגנערישער פֿיזיאָנאָמיע. דער קאָמיטעט“.

ס'האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן און עמעצנס אַ קאָל האָט געזאָגט:

— דאָס איז שעלאַרד? מיט אײַך רעדט אײנער אַ גײַסטלעכער. זײַן פֿאַמיליע דאַרף אײַך ניט אינטערעסירן... איך האָב אײַך בלױז געװאָלט ראַטן, איר זאָלט בעסער הײַנט ניט אַרױסטרעטן.

* * *

בײַס פֿראַנק האָט אַ קוק געטאָן פֿאַר זיך איבערן גראַפֿין מיט װאַסער, װעלכער איז געשטאַנען אַפֿן טישל פֿאַרן לעקטער, איז דער זאַל, װוּ ער האָט געדאַרפֿט לײענען זײַן לעקציע, געװען אָנגעפֿילט ביז האַלב. אין די ערשטע רײען זײַנען געזעסן די אָרטיקע אינטעליגענטן; דער גרעסטער טײל זײערער איז געװען שטאַרק פֿאַרינטערעסירט. זײ זײַנען געװען צומײנסטן שרעקלעך אָרעמע. דאָ איז געװען די ביבליאָטעקערן, אַ ײדיש מײדל מיט הונגעריקע אױגן, אַ הינקעדיקער שנײַדער, אַ דאָקטער אין ברילן, װאָס האָט סימפּאַטיזירט די ראַדיקאַלן און איז אָבער געװען אַ צו גוטער דאָקטער, אַז מ'זאָל אים אַרױסטרײַבן פֿון שטאָט... אין הינטערגרונט איז געזעסן אַ גרופּע סאָלידע, זאַטע באַלעבאַטלעך מיט אומצופֿרידענע, אָנגעצױגענע פּנימער; צװישן זײ איז געזעסן אײנער אַ מענטש מיט אַ גריװע פֿון אַ לײב — ער האָט אױסגעװיזן װי עפּעס אַן אַקטיאָר צי אַ דעפּוטאַט פֿון קאָנגרעס, אָדער גאָר װי אַ פּאָפּולערער פּרײדיקער.

דידאָזיקע כאָשעװע גרופּע האָט גענומען בורטשען און שיקען, בײַס פֿראַנק האָט, עטװאָס נערװעז, אָנגעהױבן רײדן:

— כױזעקנדיק איבערן „מאַלפּע־פּראָצעס“ אין דײַטאָן, — האָט ער געזאָגט, — האָט אַמעריקע ניט פֿאַרשטאַנען די עמעסע סאַקאָנע פֿונעם קרײץ־צוג פֿון די פֿונדאַמענטאַליסטן (אומדערטרעגלעך! — האָט אַ ריטשע געטאָן דער דזשענטלמען מיטן אױסזען פֿון אַ לײב). הײַנט זײַנען זײ נאָך אַביסל אײַנגעהאַלטן און רײדן אין נאָמען פֿון זיטלעכקײַט, אָבער גיט זײ נאָר שליטע, װעלן מיר האָבן אַ נײַע אינקװיזיציע, אַ נײַע

רעדיפע אף מעכאשייפעס, און מיר וועלן נאָך עפשער דערלעבן צו זען, ווי מע פארברענט מענטשן אף שייַטערס דערפאר, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ צו גיין אין די פּראָטעסטאנטישע קלויסטערס.

פראנק האָט ציטירט די ווערטער פון איינעם א פונדאמענטאליסט, וועלכער האָט באהויפּטעט, אז די עוואָלוציאָניסטן זייַנען אין פולן זין פון וואָרט מערדער, ווייַל זיי טויטן אָפּ דעם אָרטאָדאָקסאלן גלויבן, און דערפאר קומט זיי צו לינטשעווען.

פון די הינטערשטע רייען האָבן זיך די גאנצע צייַט געהערט אויסרופן: „ס'איז ליגן! „מ'האָט אים געדארפט פארשטאָפּן די האלדז!“ און איצט האָט פראנק דערזען, ווי אין זאל זייַנען ארייַן בא א צענדליק יונגעלייַט מיט א כוליגאנישן אויסזען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, גרייט אָנצוהויבן ארבעטן, און געכאפּט אלע ווייַלע א קוק אין דער זייַט פון דער גרופּע כאָשעווע באלעבעסלעך.

— אָט איז פאראן דאָ,—האָט פראנק ניט אופגעהערט ריידן,—בא אייַך גופא אין שטאָט, איינער א גאלעך, וועלכער דערקלערט עפנטלעך, אז יעדער איינער, וועמ'ס'איז מיט אים ניט מאסקים, איז א יודא־פארעטער!

— איצט איז גענוג!—האָט אין הינטערגרונט פון זאל עמעצער א הוקע געטאָן, און די יונגע כוליגאנעס האָבן זיך מיטן זייַטנגאנג א וואָרף געטאָן צו פראנקן. זייערע אויגן האָבן געברענט פון רעציכע, די ציינער זייַנען געווען צעשטעלט, ווי בא הינט, וואָס רייַסן זיך, די הענט האָבן געארבעט... פראנקן האָט זיך געדוכט, אז די דאָזיקע הענט האָבן זיך שוין אייַנגעטשעפּעט בא אים אין גאָרגל.

אָבער די אָנפאלער זייַנען באגעגנט און פארהאלטן געוואָרן אף איין אויגנבליק דורך די, וואָס זייַנען געזעסן פונפאַרנט.

פראנק האָט געזען, ווי איינער א ריזיקער יונג, וועלכער איז אף אים אָנגעפאלן, האָט א וואָרף געטאָן צו דרערד דעם הינקענדיקן שנייַדער.

ניט אזוי מיט מוירע, ווי מיט א מאָדנער פארמאטערטקייַט, האָט פראנק אָפּגעזיפצט:

„ע, ס'וועט מיר אויסקומען זיך ארייַנצולאָזן אין געשלעג און געהארגעט ווערן!“

ער האָט זיך געלאָזט גיין פון טריבונע.

מ'האָט פראנקן ארויסגעשטופּט דורך א הינטערטיר אין א שוואך באלויכטענעם געסל.

דאָרטן איז געשטאנען א מאָטאָר, און נעבן אים האָבן זיך געפונען צוויי מענטשן. איינער פון זיי האָט א געשריי געטאָן:

יאָ, יאָ, אהער ברודער!

דאָס איז געווען א גרויסער פארמאכטער אווטאָמאָביל; ער האָט, דוכט זיך, פארשפּראָכן זיכערקייַט, רעטונג, אָבער בייס פראנק האָט געהאלטן באם זעצן זיך, איז זייַן אופמערקזאמקייַט געפאלן אפן שאָפער און נאָכדעם האָט ער שארפער א קוק געטאָן אף די איבעריקע.

באם שאָפער זייַנען קייַן ליפּן אינגאנצן ניט געווען, בלויז א הארטער טרוקענער שטריך קווער איבערן פּאָנעם. א מויל פון א טאליען. פון די איבעריקע צוויי איז

אײנער געװען ענלעך אױף א שענקער, װעלכער האָט זײַן אמפּלוּא ניט געביטן, מיט פּאר־דרײטע װאָנצן און מיט א קאָפּ, װי בא א פּאריקמאכער; דער צװײטער איז געװען א דארער, מיט זינלאָזיקע אױגן.

— װער זײַט איר?—האָט פראנק א פרעג געטאָן.

— פּארמאכט אײַער עקלהאפטן פּיסק און קריכט, דער טײַװל זאָל אײַך נעמען, אהער ארײַן!—האָט דער „בופּעטשיק" א ריטשע געטאָן און מיט אזא קױלעך א שטופּ געטאָן פראנקן אפן הינטערשטן געזעס פון דער מאשין, אז זײַן קאָפּ איז צוריק גע־פאלן אױף די קישנס.

— מיר האָבן אײַך געהײסן פּארלאָזן די שטאָט, געגעבן אײַך א טערמין. װי מיר האָבן א גאָט אין הימל, איר װעט איצט באקומען א גוטע לעקציע, פּארשאָלטענער אטעיִסט... און, אװאדע נאָך, קרעציקער סאָציאַליסט!—האָט געזאָגט דער, װעלכער איז געװען ענלעך אױף א שענקער.—אָט די צאצקע האָט איר געזען?

און ער האָט פראנקן געגעבן א זעץ אין זײַט מיט א רעװאָלװער.

— װי האָט איר דאָס די האָזע!—האָט פראנק אױסגעשריִען.

ער האָט זיך א שטעל געטאָן אױף די פיס און געפּרוּװט זיך ראנגלען. ער האָט אָבער טײקעף דערפילט, װי דעם דארן פאנאטיקערס פינגער—בלױז צװײ פינגער, אָבער מוירעדיק שטארקע—האָבן ארומגענומען זײַן האלדז און זיך מיט אזא װײטיק אין אים אײַנגעגעסן, אז אים איז פינצטער געװאָרן אין די אױגן און טײקעף האָט ער אױך דערפילט, װי דעם „בופּעטשיקס" פױסט האָט אים שיר ניט צעשמעטערט דעם קינבאק. פאלנדיק קימאט אין אָנמאכט אפן פאָדערשטן געזעס, האָט ער געהערט, װי דער „בופּעטשיק" האָט מיט גיפטיקער צופרידנקײַט געלאכט:

— דאָס איז בלױז א שװאכער אָנװײַז אױף יענעם נאכעס, װאָס דערװארט אונדז, בײַס ער װעט זיך באָמבלען אפן שטריק?

װען דער װאָלקן פון װײטיק האָט זיך אין זײַן מױעך אביסל פאנאנדערגע־װײעט, איז פראנק געבליבן זיצן אין פולשטענדיקער פארגליװערטקײַט. װאָס װעלן טאָן דאָס װײַב מיט די קינדער, אױב דידאָזיקע מענטשן װעלן אים דערהארגענען? װעט זײ לאנג אױסקומען צו שלאָגן אים, ביזװאנען ער װעט אױסגײן?...

דער אױטאָמאָביל האָט אָפּגעקערט פון שאָסײ אױף א לאנדװעג, װעלכער האָט זיך געצױגן צװישן קאָרנפעלדער, און זיך אָפּגעשטעלט לעבן א צעצװײַגטן בױם.

— קריך ארױס!—האָט דער דארער קורץ באפױלן.

מעכאניש איז פראנק ארױסגעקראָכן פון אױטאָמאָביל, פילנדיק א מוירעדיקע שװאכקײַט אין די פיס. ער האָט א קוק געטאָן אױף דער לעװאָנע און געטראכט, אז א לעצטן מאָל קוקט ער דאָס אױף איר, אױף די שטערן; א לעצטן מאָל הערט ער די שטימען פון מענטשן... קײנמאָל װעט ער ניט שפּאצירן אין א פרישן פרימאָרגן!...

— װאָס קלײַבט איר זיך טאָן?—האָט ער געפרעגט, ניט קענענדיק אָנזען זײ, און ניט ארױסװײַזנדיק זײַן מוירע.

— מיילע, ליבינקער, — האָט דער שאָפער געענטפערט מיט אַן אָפּשטויסנדיקן געלעכטערל, — ס'וועט אײַך אויסקומען צו מאַכן מיט אונדז א קליינעם שפּאציר אהינצו, ווײַטער אין פעלד.

— צום טײַוול! — האָט אויסגעשריִען דער „בופעטשיק“, — לאָמיר אים פּאָשעט ארופּציִען, דער בוים איז פּונקט א פּאסיקער. ווו איז די שטריק?

— ניין! — האָט זיך אָפּגערופן דער דארער. — מיר וועלן אים בלויז גוט אָנלערנען ער זאָל זיך קאָנען צוריקערן און דערציילן אלע זײַנע גוטע ברידער די אפּיקאָרסים, אז עס לוינט זיי ניט צו באווײַזן זיך אין קריסטלעכע ערטער. נו, ריר זיך, העי, דו!

פראנק איז געגאנגען פאָרויס, ניט ריידנדיק קיין וואָרט. זיי זײַנען דורכגעגאנגען מיטן שטעגל פון א קאָרנפעלד ביז א קליינעם טאָל. די גראָזגרילן האָבן הילכיק געגרילצט. העל האָט געלויכטן די לעוואָנע.

— שטיי, גענוג! — האָט דער דארער א קאָמאנדעווע געטאָן, און דערנאָך, זיך ווענדנדיק צו פראנקן, געזאָגט: — און איצט גרייט זיך צו אָנגענעמע איבערלעבונגען.

ער האָט אוועקגעשטעלט זײַן עלעקטרישן טאשן לאמטערן אף א בערגל. פראנק האָט געזען, ווי ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א צונויפגעדרייטן שווארצן קאנטשיק, א קאנטשיק פאר מויל־אייזלען.

— א צווייטן מאָל, — האָט דער דארער לאנגזאם ארויסגערעדט, — א צווייטן מאָל, אויב איר וועט קומען אהער, וועלן מיר אײַך טויטן... אײַך און יעדן אנדערן פארעטער, פראָוואָקאטער און אפּיקויר׳עס, אזא ווי איר. גיט זיי דאָס אזוי איבער!... נו, און הײַנטיקס מאָל וועלן מיר אײַך ניט דערהארגענען...

— גענוג שוין זיך צו אונטערהאלטן! נעענטער צום איניען! — האָט דער „בופעטשיק“ אויסגעשריִען.

— רעכט!

דער „בופעטשיק“ האָט אָנגעכאפּט פראנקן פאר די הענט און זיי אים אזוי פארדרייט אפן רוקן, אז ער האָט זיי שיר ניט איבערגעבראָכן... און פּלוצלונג האָט דער רימענער קאנטשיק מיט אַן אומענטשלעכן, ניטדערטרעגלעכן ווייטיק א ברען געטאָן פראנקס באק, דורכהאקנדיק זי אף דורך, און טייקעף ווידער... און ווידער...

* * *

> די וויסנשאפטלעכע פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט און איר אנטוויקלונג לאָזט אבסאָליוט ניט איבער קיין שום אָרט פאר א באשעפער און הימלשן רעגירער (ע נ ג ע ל ס).

רוים און יערושאָלאַיִם.

דו לייענסט און דו לייענסט און דו גלויבסט ניט,
וואָס איז פאר א פיירעס? וואָס איז פארא אויבסטן?
אין אונדזער יאָרהונדערט און... פויפסטן!
און רוים איז פארברודערט מיט יערושאָלאַיִם!
און רוכעלעך קליינע שוין האלטן אין שמייען,
און קנופּיעטוויַיז שפּרינגען מיט פוילע האוויַיעס.
נאָך הונדערטער יאָרן פון שטרעבן און וויסן
שווארציאָרן פון כוישעך זיך האָבן באוויזן.
און ס'שוועבן געשפּענסטיקע ריזן.
אף וועלטישע ברייטע בארשטן
זיך האָבן באוויזן אמאָליקע שאָטנס,
עס שמעקט שוין מיט... מענטשן-געבראָטנס.
און הינטער די גייַסטיקע קלאָלעס,
אין רייען דאָרט שטייען כאיאָלעס,
און גרייס איז א געטאָ, א גאָלעס.

דזשאז-באנד.

פון שיידים פון רוכעס א סגולע איז שפּײַען,
פאר שלאכט־פעלדער נײַע מיר גרייטן קלייזײַען!

* * *

דער קאמף קעגן רעליגיע איז דירעקט א קאמף קעגן דער וועלט, דער גײַסטיקער גערוך פון וועלכער די רעליגיע איז.
(מארקס).

רעליגיעזער קאניבאליזם, ווילדקייַטן און מינהאָגים

ו. ג. טאן.
רוסישער שרייַבער. (1864).

א קאָרבן באם אוראלטן.

(פראגמענט).

באם ארייַנגאנג אין הייל האָבן געברענט צוויי שייַטערס, און די מענטשן זייַנען צעטראָגענע אומגעלאָפן הין און צוריק, מאכמעס אין דער פאָריקער נאכט האָט די שרעקלעכע נעץ פון דער אומבאוווסטער מאגייפע אוועקגענומען די פריערדיקע קאָרבאָנעס און „פארכאפט נייַע. פענא און אילעיל זייַנען געלעגן טויטע אף זייערע געלעגערס. און אפילע נאָכן טויט האָבן זיך זייערע פּנעמער און קערפּערס באדעקט מיט בלאָע פלעקן און מיט שרעקלעכע געשווירן. דאָס האָט דער רויעך פון דער מאגייפע געפרעסן זייערע טויטע קערפּערס, ווי זייַן געזעצלעכן רויב.

נאָך איין אייפעלע איז געשטאָרבן בא דער מוטערס ברוסט. מאר איז געלעגן לעבן פעלז, פון דרויסן, אויסגעצויגן אין זייַן גאנצער לענג. פון דעמדאָזיקן אָרט האָט ער זיך ניט גערירט פון נעכטן אָן. ער האָט נאָך געאָטעמט, נאָר זייַנע אויגן זייַנען געווען פארמאכט. ס'זייַנען געווען קראנקע צווישן די קינדער און יוגנטלעכע, צווישן די פרויען און מענער. איניקע פון זיי זייַנען געלעגן אין הייל אָדער געזעסן דרויסן, צוגעשפּארט אָן קויכעס מיטן רוקן צום פעלז. די איבעריקע האָבן זיך ניט געזען. זיי זייַנען אוועקגעפּויזעט אין די קוסטעס אָדער צווישן די שטיינער און האָבן זיך דאָרטן באהאלטן, ווי אויסגייענדיקע שאקאלן. איסיא איז פארשוונדן איינע פון די ערשטע. זי האָט געהאט א טעווע אפילע אָן א וועלכער ס'איז קרענק זיך צו באהאלטן בייס אן אלגעמיינער צאָרע. אנדערע האָבן פארלאָזן די קענייַער בערגלעך און מיט שטעקנס אין די הענט זיך קוים־קוים געשלעפּט צאָפן־צו, צום טייַך סאליע. זיי זייַנען געגאנגען שטארבן אפן טויט־פעלד פון די אנאקן.

ווען די צוויי מעכאשפים האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צום הייל, האָבן זיך אלע געזונטע מיט געשרייען א לאָז געטאָן זיי אנטקעגן. אפילע די קראנקע האָבן,

ווער ס'האָט נאָר געקאָנט, א הויב געטאָן זיך פון די ערטער און זיך אריַינגעמישט אין האמוין.

— וואָס? רעדט! — האָבן די אנאקן געשריען מיט פארומערטן אומרו.

ספאנדע האָט א קוועטש געטאָן מיט די אקסלען און געזאָגט, וויַיזנדיק אף יונען:

— פרעגט אים.

אָנשטאָט אן ענטפער, האָט יון א וואָרף געטאָן מיטן אויג דורכן האמוין. יונע איז דאָרטן ניט געווען. ער האָט מיט די הענט פאנאנדערגעשטופט די אנאקן און איז אריין אין הייל. בא דער בלייכער שיַין פונעם פיַיער, וועלכער האָט זיך אויסגעמישט מיט אומקלאָרער טאָגליכט, האָט ער דערזען זיַין פרוי. זי איז געזעסן אף א לאנגן קלאָץ מיטן קינד אף די הענט און האָט זיך געשאָקלט אהין און צוריק, ווי א שיקערע. זי האָט אופגעהויבן צום מאן דאָס פּאָנעם, אירע אויגן זיַינען געווען פארצויגן מיט א מאטן שלייער פון דער מאגייפע, ער האָט איר א שטויס געגעבן אין הארצן און ארויסגעכאפט פון אירע הענט דאָס קינד. דאָס ייִנגל איז געווען טויט. אפילע דער קערפער זיַינער איז געווען פארקילט. ער איז געלעגן בא אים אף די הענט, אן אָפּגעלאָזענער, ווי א שטיק רויע פעל.

א שרעקלעכער וויי־געשריי האָט זיך פון זיַין הארצן ארויסגעריסן. און פונקט, ווי א ווידערקאָל האָט זיך אף דעם אָפּגערופן א שוואכער קרעכץ פון זיַין פרוי. אָבער יון האָט זיך מיט רעציכע א כאפּ געטאָן צו איר מיטן גאנצן קויעך, איר א זעץ געטאָן מיטן פוס אין בויך און ארויסגעלאָפן אינדרויסן.

די אנאקן האָבן באגלייט דעם נאכט־מעכאשעף מיט צעשאָטענעם יאָמערגעשריי, דערנאָך האָבן זיי גענומען אומלויפן, ווי כיַייעס פאר א מאבל. זיי האָט זיך געדוכט, אז דער שרעקלעכער רויך פויזעט שוין פון בארג, קעדיי זיי איַינצושלינגען. מיט איימע האָבן זיי געקוקט ארום זיך, זוכנדיק א וועלכן ס'איז שוץ. בא זיי זיַינען נאָך פארבליבן ספאנדע און לאָטאָ. די אנאקן האָבן זיי ארומגערינגלט מיט קוילעס:

— טוט עפּעס, ראטעוועט, באשיצט!

גאָטאָ האָט פארדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, און ספאנדע האָט געשוויגן. דער נעבעכדיקער גע־יאָמער פון די אנאקן איז געווען בייז און רעציכעדיק. די מענער און וויַיבער האָבן געקריצט מיט די ציינער און פארקוועטשט די פויסטן. נאָך א וויַילע און זיי וואָלטן די מאכטלאָזיקע מעכאשפים צעריסן אף שטיקלעך.

אין מיזרעכזיַיט איז אינעם געדיכטן גראָען נעבל אופגעגאנגען די זון. זי איז געווען העל־געלב און עפּעס ווי פארקארבט, פארקלענערט; זי איז געהאנגען איבער דער ערד, ווי א געשפּענסט, און זיך געהילט אין דעם בלייכן נעבל, פונקט ווי אין טאכריכים.

— זון, דו זעסט? — האָט ספאנדע שטיל געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו איר. אָבער די זון האָט געשוויגן. אין די גראָווע נעבל־טאכריכים, אין געשפּענסט־ליכט פונעם הארבסטיקן פרימאָרגן איז זי געווען מער ענלעך אף א פארומערטער לעוואָנע.

— איך וואָלט קענען פאַרענדערן אײַערע פענעמער, — האָט ספאנדע געזאָגט, — אָפּגאָלן אײַערע האָר, אויסמאָלן אײַערע באקן אין פאסן, צוהענגען בריסט די מאנסבילן און בערד — די ווײַבער, און אזוי ארום פארשטעלן אײַך פון די מאגייפערוכעס.

די אנאקן האָבן ניט געענטפערט. אָבער ס'איז געווען קלאָר, אז אזוינע נישטיקע קונצן וואָלטן ניט געווען בײַכוילעס אָפּצוווענדן דעם אָנפאל פון די מעכטיקע, באַפליגלטע און אלוויסנדיקע רוכעס פון קראנקײַט.

איך וואָלט קאָנען פארענדערן אײַערע נעמען, — האָט ווידער ספאנדע געזאָגט, — אָנרופן אײַך וועלף אָדער וואלד־דעמבעס און אויסבאהאלטן אײַך פון די סאָנים.

ער איז אנטשוויגן געוואָרן און פארטראכט זיך. די אנאקן האָבן אויך געשוויגן און געוואַרט.

און פּלוצים האָט ספאנדע אָנגענומען א באשלוס און זיך ווידער געווענדעט צום שייוועט.

— הערט זיך, אײַן, קינדער, איידער אָפּגעבן דעם גאנצן שייוועט יענעם, — ער האָט א וויִז געטאָן מיטן קאָפּ אף מײַרעוו, אינעם זײַט פונעם דראקאָן, — לאָמיר בעסער איר אָפּגעבן איינעם, — און האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אף דער זון.

— מירן אָפּגעבן! — האָבן די אנאקן אויסגעשריען. — ועמען, יאָג!...

מיט רעציכעדיקע אויגן האָבן זיי געקוקט איינער אפן צווייטן, ווי אָנמערקנדיק פאַרויס דעם קאָרבן.

— אזא... קליינינקע... — האָט ספאנדע געצויגן. — א קינדערשע נעשאָמעלע איז זיסער.

זײַן בליק איז געפאלן אפן פלינקן אנטעקן, מאיִרעס צווייטן זון, וועלכער איז, ווי זײַן שטייגער איז, דורכגעקראָכן פּאָרויס און זיך געריבן ארום די פיס פון די עלטערע.

— מירן געבן! — האָבן די אנאקן אויסגעשריען. צוואנציק הענט האָבן זיך א ציי געטאָן צום קינד, אָבער מאיִרע האָט זיך מיט א געיאָמער א לאָז געטאָן פּאָרויס און פארשטעלט אים מיט איר קערפּער.

די ווײַבער האָבן זיך אף איר ארופגעוואָרפן פון אלע זײַטן.

— גיב אָפּ, — האָבן זיי געשריִען, — דעם איבעריקן מאזיק, פרעמדע זערע.

— אן איבעריקן געפונען, — האָט מאיִרע געגוואלדעוועט מיט באנומענע קוילעס. — דאָס איז מײַן זון.

— ער איז א פרעמדער, — האָבן די ווײַבער געשריען מיט כויזעק און רעציכע. — גיב אָפּ, פארשאָלטענע.

זיי האָבן זי געשטיקט פארן גאָרגל, געדראפעט מיט די נעגל איר קערפּער, פונקט ווי זיי וואָלטן וועלן שטיקלעכווײַז זי אָפּרײַסן פון דעם פארמישפּעטן קאָרבן.

איין מינוט — און מאיִרע איז אָפּגעפלויגן אין א זײַט און א זעץ געטאָן זיך אָ

דערערד; דערנאָך האָט זי זיך שווער אופגעהויבן, געזעצט זיך אף זאמד, ארומנעמענדיק מיט די הענט די קני, צונויפגעדרייט זיך אינגאנצן, ווי א הויפן שמאטעס, און גענומען קרעכצן מיט א לאנגן, טרויעריקן, ניטגעיילטן קרעכץ.

דאָס יינגל איז שוין געווען בא ספאנדען אין די הענט. פאר שוידער איז ער ווי געליימט געוואָרן. די אויגן זיינען אים ארויסגעקראָכן. און פון זיין מויל האָט זיך ארויסגעריסן אויך אזא זשומענדיקער קרעכץ, ווי בא דער מוטער.

— דערלאנגט דאָס געפעס—האָט ספאנדע געזאָגט.

די וויבער האָבן טייקעף ארויסגענומען פון א זאק א ריזיקן הילצערנעם בעכער. ספאנדע האָט ארויסגענומען פון גארטל א לאנגן ביינערנעם קינזשאל און אי זעץ געטאָן דעם קאָרבן אין גאָרגל אריין. א שטראָם בלוט האָט א שפריץ געטאָן אינדערהויך אנטקעגן מיזרעך.

— דיר, זון,—האָט ספאנדע געזאָגט. דערנאָך האָט ער איבערגעקערט דאָס יינגל איבערן הילצערנעם בעכער, דאָס בלוט האָט זיך גענומען ארויסזייען פון דעם קינדערשן טויטן קערפערל, פונקט ווי פון א קיילע מיט אן ענגן העלדזל.

— קומט אהער,—האָט ער געזאָגט צו די אנאקן.

זיי זיינען צוגעגאנגען און זיך ארומגעשטעלט.

— דאָס איז בלוטיקער וויין,—האָט ספאנדע געזאָגט.—נעמט און זאלבט זיך מיט דעם אין נאָמען פון דער מוטער־זון.

— זון, גיב שוץ!.. האָבן די אנאקן געשריען.

זיי האָבן אריינגעשטעקט אין בעכער צוויי פינגער, אָפגעטונקט זיי אינעם ווארעמען בלוט, דאן האָבן זיי דורכגעצויגן איבערן שטערן א לאנגן פאס און געמורמלט:

— א טייך א בלוטיק־רויטן צי איך דורך; די רוכעס ווען פארזינקען, די סאָנים וועלן זיך פארכלינען.

— טרינקט פון דעם בלוט,—האָט ספאנדע געזאָגט.

דער ריזיקער בעכער מיטן מוירעדיקן רויטן געטראנק האָט גענומען גיין פון האנט צו האנט. יעדערער האָט אים אָנגעבויגן און איבערן ברעג אָפגענעצט אין אים די ליפן, אכטונג געבנדיק, אז ס'זאָל בלייבן פאר די איבעריקע.

אלע אנאקן, מענער און וויבער, געזונטע און גויסעסע, אפילע זויג־קינדער—אלע האָבן פארזוכט פון דעם קאָרבן־בלוט.

בלויז מאירע איז געזעסן אף דרערד, דעם קאָפ פארשטעקט צווישן די קני, און איינטאָניק געקרעכצט, ווי עס קרעכצט דער נאכטלעכער אומוועטער.

— מאירען זאלבונג,—האָט סצאנדע באפוילן, און צוואנציק הענט האָבן זיך א צי געטאָן צו דער אומגליקלעכער מוטער. זיי האָבן איר פארוואָרפן דעם קאָפ און דורכגעצויגן אפן שטערן דעמזעלביקן בלוטיקן שטריך, דערנאָך האָבן זיי איר אונטערגעטראָגן צו די ליפן דעם גרויליקן בעכער. מאירע האָט ניט דערווידערט, זי האָט געהאָרכזאם איינגעבויגן דעם קאָפ און פארזוכט פון דעם קאָרבן־בלוט פון איר אייגעבעם זון; דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעבויגן און איז אנידערגעפאלן צו דער ערד,

א פאַרשטאַרטע, אָן באַוועגונג, פּונקט ווי דאָס בלוט אַף אירע ליפּן וואָלט געוואָרן א מעכטיקער גיפט, וואָס טויט אָפּ מיט דער געשווינדקייט פון א בליץ.

* * *

> די רעליגיע איז אנטשטאַנען אין די סאַמע אוראַלטע צייטן פון די סאַמע פינצטערע אוראַלטע פאָרשטעלונגען פון די מענטשן וועגן זייער אויסערלעכער און אינערלעכער נאַטור (ע נ ג ע ל ס).

ל. פלאָבער.

פראַנצויזישער שרייבער (1821—1880)

קאָרבאָנעס צום גאָט מוילעך.

די קאַרטאַגענער [1], זייענדיק שטאַרק דורשטיק, האָבן זיך א לאָז געטאָן צו די ציסטערנעס. זיי האָבן צעבראָכן די טירן, אָבער זיי האָבן דאָרט בלויז געפונען א שמוציקע קאַלוזשע.

וואָס טוט מען איצט? אומצייליק איז געווען די צאָל פון די באַרבאַרן, און אָט, אַז זיי וועלן זיך אָפּרוען, וועלן זיי פונדאָסניי אָנהויבן די אַטאַקעס.

א גאַנצע נאַכט האָבן די קאַרטאַגענער געהאַלטן אין איין באַראַטן זיך, פאַרזאַמלענדיק זיך מאַסנווייַז אין די ווינקלען פון די גאַסן. מאַכנע האָבן געטייַנעט, אַז מע דאַרף אַוועקשיקן די ווייַבער, די קראַנקע און די זקיינים; אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט, מע זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַפעסטיקן ערגעץ ווייַט אין א קאָלאָניע. ס'האָבן אָבער אויסגעפעלט שיפן, און ווען די זון איז אופגעגאַנגען, האָבן זיי נאָך אַלץ קיין טרופּע ניט געפונען.

אין יענעם טאָג האָט מען זיך ניט געשלאָגן, אַלע זייַנען געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט. די שלאָפנדיקע האָבן אויסגעזען, ווי מייסים.

פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן די סיבעס פון זייערע מאַפּאָלעס, האָבן זיך די קאַרטאַגענער דערמאָנט, אַז אין דעם יאָר האָבן זיי ניט געשיקט קיין קנאַן דעם יערלעכן קאָרבן, וואָס קומט מעלקאַרטן, דעם גאָט פון צויר; א שרעקלעכע איימע האָט זיי אַרומגעכאַפּט; די געטער, אופגערעגט קעגן דער רעפּובליק, וועלן זיך אַוואַדע נויקעם זייַן.

---

[1]) קאַרטאַגען—א פאַרצייַטיקע סאָכריש־אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק אין צאָפּן־אַפריקע (איצטערדיקן טוניס), איז אין II י. ה. פאַר אונדזער צייַט־ציילונג נאָך א ריי מילכאָמעס פאַרניכטעט געוואָרן פון אירע קאָנקורענטן—די רוימער, וואָס האָבן אין 140 י. פּ. א. צ.־צ. ביז גרונט זי כאָרעוו געמאַכט און אַף איר אָרט געשאַפן זייער פּראָווינץ אַפריקע.

פלאָבערס ראָמאַן „סאַלאַמבאָ“, פון וועלכן ס'איז גענומען דער פראַגמענט, שילדערט דעם אופשטאַנד פון די געדונגענע זעלנער אין קאַרטאַגען, וואָס איז פאָרגעקומען אינמיטן פון III י. ה.

אף די געטער האָט מען געקוקט, ווי אף אכזאָריעסדיקע הערשער, וועלכע מע האָט געקענט מילדערן דורך טפילעס, אָדער מאטאָנעס. צו שוואך זײַנען אלע געווען קעגן דעם מאָלאָך, דעם זוילעל־וועסויוועניק. דאָס לעבן און אפילע דער גוף פון מענטשן האָט אָנגעהערט צו אים; קעדיי צו ראטעווען דעם גוף, האָבן די קארטאגענער, לויטן מינהעג, מענאדעוו געווען א טייל פון גוף, קעדיי צו בארויִקן מאָלאָכס צאָרן. מע האָט קינדער אויסגעברענט דעם שטערן און דעם נאקן מיט וואָלענע קנייטן; און אזוי ווי פון אזא מין מילדערן די באאלן איז די קויהעניִם ארײַנגעפלאָסן א נישקאָשעדיקע סומע געלט, האָבן זיי קעסיידער געייצעט צו באנוצן דאָסדאָזיקע מיטל, וואָס איז בעעצעם דאָס לײַכטסע און דאָס בעסטע.

איצט אָבער האָט עס זיך געהאנדלט וועגן דער רעפובליק אליין. מאכמעס יעדער פארדינסט האָט געמוזט אָפגעשוואכט ווערן דורך עפּעס א פארלוסט, און יעדער אָפּמאך איז אויסגערעכנט געוואָרן אף דער נויט פון שוואכערן און אף די פאָדערונגען ון שטארקערן, דעריבער האָט דאָ קיין שום רייד ניט געקענט זײַן וועגן אזוינע שטארקע יעסורים, וועלכע מע זאָל ניט קענען אריבערטראָגן, קעדיי צו בארויִקן דעם גאָט; ער האָט ליב געהאט די שרעקלעכסטע יעסורים, און דאָס פאָלק האָט זיך איצט געפונען אין זײַנע הענט. מע האָט אים געמוזט גוט אָנזעטיקן. — כוצדעם, האָבן אלע געגלויבט, אז א בראנד־קאָרבן וועט אָפּרייניקן קארטאגען...

* * *

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן האכאָנעס פארן מיזבייעך פון קאָרבאָנעס.

אין מאָלאָכס טעמפּל האָט מען אָפּגעהאקט א שטיק וואנט: מע האָט געוואָלט ארויסשלעפן דעם קופערנעם גאָט, ניט אָנרירנדיק דעם אש פון מיזבייעך. באלד ווי די זון האָט זיך נאָר אופגעהויבן, האָבן אים די היעראָדולן אוועקגעשטופּט אף קאמאָנער פלאץ.

מאָלאָך האָט זיך באוועגט מיטן הינטן פאָרויס, גליטשנדיק זיך אף צילינדרעס; זײַנע אקסלען זײַנען געווען העכער פון די ווענט; קוים האָט מען אים נאָר דערזען פונדערווײַטנס, האָבן די קארטאגענער זיך טייקעף געלאָזט לויפן, ווײַל קוקן אומבאשטראָפט אף א באאל האָט מען געקענט בלויז דעמלט, ווען ער האָט געזעטיקט זײַן צאָרן. — —

דער קופערנער אָפּגאָט האָט זיך גערוקט אין דער ריכטונג פון קאמאָנער פלאץ. די רײַכע, טראָגנדיק סצעפטערס מיט שמאראגדענע עפּל באם שפּיץ, האָבן זיך גערירט פון מעגארע; די זקיינים, באפוצט מיט דיאדעמעס, האָבן זיך פארזאמלט אין קיניסדאָ, און די אָנפירער פון די פינאנצן, די שעפן פון די פראָווינצן, סאָכרים, זעלנער, מאטראָסן און גאנצע כאָפּטעס כעוורע־קאדישע־לײַט,—אלע מיט די סימאָנים פון זייערע אמטן און מיט די עמבלעמעס פון זייערע פאכן, האָבן זיך געשאָטן צו די בײַדלעך, וועלכע האָבן זיך אראָפּגעלאָזט פון אקראָפּאָל, ארומגערינגלט מיט אן אוילעם קויהעניִם.

לעקאָווער מאַלאָכן האָבן זיי ארופגעשלעפּט אף זיך די טײַערסטע כפּייצים. דימענטן האָבן געפינקלט אף זייערע שווארצע מאנטלען; אָבער די גרויסע רינגען זײַנען אראָפּגעפאלן פון זייערע אויסגעמאָגערטע הענט; דער גאגצער שוויַגנדיקער אוילעם האָט אויסגעזען זייער מאָרעשכוירעדיק; די אוירינגלעך האָבן זיי געקלאפּט אין די בלאסע באקן און די גאָלדענע טיִארעס האָבן געדריקט זייערע שטערנס, געקנייטשטע פון טיפן צאר און פארצווייפלונג.

צולעצט איז דער באאל אָנגעקומען אפן מיטן פלאץ. די קויהענים האָבן אוועקגעשטעלט א צאם פון שטאכעטן, קעדיי אײַנצוהאלטן דעם אוילעם, און אליין זיך אויסגעשטעלט צופוסנס פונעם גאָט...

צווישן די פיס פון ריזיקן אָפּגאָט האָט דערוויַל געברענט א פײַער פון אלאָען־ביימער, פון צעדער־ביימער און לאָרבער־ביימער. די עקן פון זײַנע לאנגע פליגלען האָבן דערגרייכט קימאט ביזן פײַער; די זאלבונגען, מיט וועלכע מע האָט אים אויסגעריבן, האָבן פונקט ווי שווייס גערונען איבער זײַנע קופערנע גלידער. ארום דער רונדיקער פּליטע, אף וועלכער ער האָט זיך געהויבן, זײַנען אין אן אומבאוועגלעכן רינג געשטאנען קינדער, אײַנגעהילט אין שווארצע מאנטלען; און זײַנע אומגעהויערע לאנגע הענט האָבן זיך אראָפּגעלאָזט מיט די דלאָניעס צו די קינדער, פונקט ווי ער וואָלט זיי געוואָלט א כאפּ טאָן און אוועקטראָגן אפן הימל.

רײַכע זקיינים, ווײַבער, דאָס גאנצע פאָלק האָבן זיך געשטופּט הינטער די קויהענים און אף די טערראסן פון די הײַזער... דער רויך פון די קטוירעס האָט זיך געהויבן גלײַך אינדערהויך, פונקט ווי גיגאנטישע ביימער, וואָס צעשפּרייטן זייערע בלוילעכע צווײַגן אין דער אומענדלעכער בלויקײַט פון הימל.

עטלעכע זײַנען געפאלן אין כאלאָשעס; אנדערע זײַנען געשטאנען פארגליווערט פון היסלאַוועס. אן אומענדלעכער אומעט האָט אלעמען געדריקט. די לעצטע אויסגעשרייען זײַנען אָפּגעשטאָרבן איינער נאָכן צווייטן, און דאָס קארטאגענער פאָלק האָט שווער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, פארזונקען אין א געפיל פון פּאכעד.

צולעצט האָט מאָלאָכס קויהען־גאָדל ארונטערגערוקט זײַן לינקע האנט אונטער די שלייערס פון די קינדער און, ארויסרײַסנדיק פון שטערן אביסל האָר, האָט ער עס ארײַנגעשלײַדערט אין פײַער. דעמלט האָבן די מענטשן אין די רויטע מאנטלען אָנגעהויבן צו זינגען דעם הייליקן הימן.

— געלויבט זאָלסטו זײַן, דו זון, מעלעך פון ביידע ערד־פּאסן, בוירע, וואָס האָט זיך אליין באשאפן, טאטע און מאמע, טאטע און זון, גאָט און געטן, געטן און גאָט!

און זייערע שטימען זײַנען פארלאָרן געגאנגען צווישן די רוישיקע קלאנגען פון די אינסטרומענטן, וועלכע האָבן פאראמאָל פארהילכט די לופט, קעדיי צו פארשטיקן די גוואלדן פון די קאָרבאָנעס. גרויסע בלאָז־זעק, פארייניקט מיט טרומייטערס, האָבן פארדונערט די לופט. טאמבורינען, צו וועלכע מע האָט זיך אָן אופהער צוגערירט, האָבן ארויסגעשאָטן שנעלע פארשטיקטע קלאנגען; און צווישן די הילכיקע קוילעס פון די שויפרעס האָבן די גלעקלעך געוואָרעשט, ווי פליגלען פון היישעריקן.

די היעראָדולן האָבן מיט א לאנגן האָק געעפנט די זיבן אָפטיילונגען, וואָס האָבן זיך שטאָקנווייַז געפונען אינעם גוף פונעם אָפגאָט; אין דער העכסטער אָפטיילונג האָט מען ארייַנגעלייגט מעל; אין דער צווייטער—צוויי טירקלטויבן; אין דער דריטער—א מאלפע; אין דער פערטער—א באראן; אין דער פינפטער—א ציג; פאר דער זעקסטער האָט מען ניט געהאט קייַן אָקסן, האָט מען דאָרט ארייַנגעלייגט א פארשימלטע פעל, וואָס מע האָט גענומען פון א מיזבייעך. די זיבעטע אָפטיילונג איז געבליבן ליידיק.

איידער מע האָט אָנגעהויבן עפעס צו טאָן, האָט מען געדארפט אויספרווון דעם אָפגאָטס הענט. דינע קייטעלעך האָבן זיך געצויגן פון זייַנע פינגער ביז צו די אקסלען און האָבן זיך אראָפגעלאָזט הינטערן רוקן; ווען מע האָט זיי א צי געטאָן אונטן אראָפ, האָבן זיך די הענט אופגעהויבן, זיך אייַנגעבויגן בא די עלנבויגן און זיך צונויפגערוקט באם בויך; מע האָט זיי עטלעכע מאָל א וואקל געטאָן מיט קליינע אָפגעריסענע שטויסן. נאָכדעם זייַנען די אינסטרומענטן אנטשוויגן געוואָרן. דאָס פייַער האָט געקנאקט.

מאָלאָכס קויהענים האָבן ארומגעשפאצירט איבער דער ברייטער פליטע און באטראכט דעם האמוין.

מע האָט געדארפט האָבן אן אינדיווידועלן קאָרבן, א פרייַוויליקן קאָרבן, וואָס זאָל נאָכציִען אויך אנדערע. אָבער קיינער האָט זיך לעסאטע ניט באוויזן, און אין די זיבן דורכגענג, וועלכע האָבן געפירט פון די באריערן צום אָפגאָט, האָט מען לעגאמרע קיין מענטשן ניט געזען. קעדיי צוצוגעבן מוט דעם אוילעם, האָבן די קויהענים ארויסגעשלעפט אָלן פון זייערע גארטלען און זיך אָנגעהויבן צו שטעכן די פּנעמער. מע האָט ארייַנגעלאָזט דורך דער פארצאמונג די יעניקע,—וועלכע זייַנען שוין געווען באשטימט פאר קאָרבאָנעס...

ביסלעכווייַז האָבן מענטשן אָנגעהויבן צוצוטרעטן צו די דורכגענג; זיי האָבן געוואָרפן אין פייַער פערל, גאָלדענע וואזעס, בעכער, לייַכטער, זייער גאנצע אשירעס; וואָס ווייַטער, האָבן זיך אַלץ מער און מער פארמערט די מאטאָנעס. עפעס א מענטש, וועלכער איז קוים געשטאנען אף די פיס, א בלאסער, א צעשראָקענער מענטש, האָט צולעצט א שטויס געטאָן א קינד; נאָכדעם האָט מען באמערקט אף די הענט פון באַל א קליין שווארץ פעקעלע, וואָס איז פארשוווּנדן געוואָרן אין א שווארצער עפענונג. די קויהענים האָבן זיך איבערגעבויגן באם ראנד פון א גרויסער פליטע, און ווידער האָט מען גענומען זינגען, לויבנדיק די סימכע פון טויט און טכיִעס-האמייסים.

די קינדער האָט מען לאנגזאם געוואָרפן, און אזוי ווי דער רויך האָט זיך אופגעהויבן אין געדיכטע וואָלקנס, האָט זיך פונדערווייַטנס געדאכט, אז זיי ווערן פארשווונדן אין א וואָלקן. קיין איין קינד האָט זיך ניט געקענט רירן. אלע קינדער האָבן געהאט געבונדענע הענט און פיס, און די שווארצע שלייערס האָבן זיי געשטערט עפעס צו זען און צו ווערן דערקענט...

די מעשענע הענט האָבן זיך באוועגט אַלץ שנעלער און שנעלער. זיי האָבן זיך שוין מער ניט אָפגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען מע האָט אין זיי ארייַנגעלייגט א קינד,

האָבן מאַלאָכס קויהענים אויסגעשטרעקט די הענט צו אים, ארופגעלייגט אף אים די זינד פון פאָלק און געשריען:

— דאָס זײַנען ניט קיין מענטשן, דאָס זײַנען אָקסן!

— אָקסן! אָקסן!

די גאָטפאָרכטיקע האָבן געשריען:

— הערשער! עס!...

— גיס אראָפ א רעגן! געביר!

קוים האָבן זיך נאָר באוויזן בא דער עפענונג די קאָרבאָנעס, זײַנען זיי באלד פארשווונדן געוואָרן, ווי א טראָפּן וואסער אף אן אָנגעברענטן אײַזן; און א ווײַסער רויך האָט זיך אופגעהויבן אפן פּאָן פון רויטן פלאם.

אָבער דער אפּעטיט פונעם גאָט האָט זיך ניט פארקלענערט: ער האָט געוואָלט נאָך און נאָך. קעדיי אָנצוזעטיקן אים, האָט מען אָנגעפּאקט זײַנע הענט מיט עטלעכע קינדער פאראמאָל און זיי ארומגעבונדן מיט א גרויסער קייט, זיי זאָלן ניט אראָפפאלן. די גאָטפאָרכטיקע לײַט האָבן צוערשט געוואָלט ציילן די קאָרבאָנעס און זען, צי זייער צאָל שטימט מיט דער צאָל טעג פון זון־יאָר; אָבער אזוי ווי די קאָרבאָנעס האָבן זיך קעסיידער געמערט, איז לעגאמרע אומעגלעך זיי איבערצוציילן, בא די פלינקע באוועגונגען פון די שרעקלעכע הענט. דאָס האָט לאנג געדויערט, קימאט גאָר אָן א סאָף, ביז עס איז צוגעפאלן דער אָוונט. די אינעווייניקסטע ווענט פון אָפגאָט זײַנען טונקעלער געוואָרן. דעמלט האָט מען באמערקט די ברענענדיקע גופן. מאנכע האָבן געמיינט, אז זיי דערקענען האָר, גלידער, אפילע דעם גאנצן גוף.

ס'איז געווען פינצטער; וואָלקנס האָבן זיך צונויפגעזאמלט איבערן קאָפ פון באאל. דער שײַטער־הויפן, וועלכער האָט שוין איצט ניט געברענט, האָט פאָרמירט א פּיראמידע פון קוילן ביז צו די קני פון אָפגאָט; אינגאנצן רויט, ווי א גיגאנט, באגאָסן מיט בלוט, דעם קאָפ פארוואָרפן אהינטער, האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער גאָט וואקלט זיך אונטער דער לאסט פון זײַן שיקרעס.

לויט דער אײַלעניש און כאפּעניש פון די קויהענים, איז געוואַקסן די אופרעגונג פון האמוין. די צאָל קאָרבאָנעס האָט זיך פארקלענערט; מאנכע האָבן שוין געשריען, מע זאָל זיך אף זיי מעראכעם זײַן; אנדערע אָבער האָבן אלץ געהאלטן אין איין טײַנען, אז מען דארף נאָך... נאָכדעם זײַנען די גאָטפאָרכטיקע אָנגעקומען אין די דורכגענג, שלעפנדיק זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אין זיי; זיי האָבן זיי געשלאָגן, קעדיי צו באזײַטיקן זיי פון זיך און איבערגעבן זיי וואָס גיכער אין די הענט פון די מענטשן אין רויטן. שטארק אָפּגעמאטערט, האָבן די מוזיקאנטן עפּטער אופגעהערט צו שפּילן; דעמלט האָט מען געהערט די גוואלדן פון די מאמעס און דאָס שמעלצן פונעם כיילעוו, וואָס איז געפאלן אף די קוילן. די שיקורים פון בילזן־קרויט זײַנען געקראָכן אף אלע פיר ארום דעם ריזיקן אָפּגאָט און געריטשעט, ווי טיגערס; די טרעפער האָבן געזאָגט נעוויִעס, די גאָטפאָרכטיקע האָבן געזונגען מיט זייערע צעשפּאָלטענע ליפּן; מע האָט צעבראָכן די פארצאמונגען, אלע האָבן זיך געוואָלט באטייליקן אין די קאָרבאָנעס; און די טאטעס, וואָס זייערע קינדער זײַנען

שוין לאַנג געשטאָרבן, האָבן געוואָרפן אין פײַער זײערע בילדער, זײער שפּילצײַג און די בײנער, װעלכע זײ האָבן דערהאַלטן ביז איצט. מאַנכע האָבן זיך מיט מעסערס אין די הענט געוואָרפן אַף אַנאַנדער. ס'איז געוואָרן אַ שכיטע. די היעראָדולן האָבן פון די פּליטעס אופגעקליבן דאָס אַראָפּגעשאָטענע אַש; און מיט בראָנזענע קאָרבנבלאָזערס האָבן זײ עס צעשפּרײט אײנדערלופטן, אַז דער קאָרבן זאָל זיך צעוואַרפן און צעזײען איבער דער שטאָט און העכער ביז צו די שטערן [1].

דידאָזיקע בעהאָלע מיט די פלאַמען פֿײַער האָבן צוגעצויגן די באַרבאַרן צו די װענט. קעדײ בעסער צו זען, האָבן זײ זיך אַרופגעדראַפּעט אַף די כורוועס פון העפאָלי, האָבן זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין דער שטאָט, גליווערנדיק פון שרעק.

* * *

> די געטער, וואָס ווערן שטענדיק געמאָלט אין געשטאַלט פון טיראַנען,
> דינען אַלס מוסטער פאַר דעם מענטשנס אופירונג (הע לוועצי).

ד. סטאָנאָוו.

מאָדערנער רוסישע שרײַבער.

דער פערד-קאָרבן [2].

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן באַגינען. באַגיגען האָט אַ גאַנצע נרופּע מאַנסלײַט אַרויסגעריטן פון בעשפּעלטיר. פאָרויס פון אַלעמען האָט געריטן דער קאַם. אָן אָנגעברויגעזטער איז ער געזעסן אַפן ווײַסן פערד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווײַסן, מיט אַ הויכן ווײַסן היטל.

מיט דרײַ טעג צוריק האָט מען אויסגעקליבן דעם בעסטן „אומפאַרפלעקטן" פערד, אַף וועלכן קײנער איז נאָך ניט געריטן, — פאַר אַ קאָרבן. מ'האָט דאַן באַלד אוועקגעפירט דעם פערד אין אַ טאָל און צוגעבונדן אים מיטן צוים צו אַ בעראָזע אַף אַזאַ אויפן, אַז ער זאָל זיך ניט קאָנען פּאַשען. דרײַ טעג האָט דער פאַרמישפּעטער פערד ניט געגעסן. די אײגנאַרטיקע קאַוואַלקאַדע האָט זיך דערנעענטערט צום טאָל. דער טאָל איז געווען אַרומגעזעצט מיט הויכע בעריאָזעווע פּלעקער. פון פּלאָקן צו פּלאָקן האָבן זיך געצויגן שטריק. די שטריק זײַנען געווען באַהאַנגען מיט שטיקלעך געוועב, מיט אַן אומגעהויערער מאַסע צײַג־ברעקלעך. אינמיטן איז געווען אײן בעריאָזעווער פּלאָקן אַרײַנגעזעצט אָנגעבויגן. דאָ און דאָרט זײַנען געווען צעלײגט הײַפלעך בעריאָזעווע צווײַגן — מיזבײכעס.

דער צוגעבונדענער פערד, אַ פאַרפּײַניקטער פון הונגער און פון דאָרשט, באַגעגנט די רײַטער מיט אַן אומרויִקן הײזעריקן הירזשען.

1) מענטשן־קאָרבאָנעס צו זײער גאָט האָבן אַמאָל אויך געבראַכט די יידן. דאָס קען באַשטעטיקן די מײַסע אין ביבל מיט יִפתּאָכן (שויפטים), וואָס האָט זײַן אײגענע טאָכטער געבראַכט פאַר אַ קאָרבן צו גאָט. און פיל אַנדערע.

2) פאַרצײכנט אין אַ העק פון הײַנטיקן אַלטײַ (סיביר); אַ רעשטל פון די ווילדקײַטן, וואָס טרעטן אָפּ זײער אָרט דעם נײַעם סאָוועטישן שטײגער.

אָבער קיינער קוקט זיך אַף אים ניט אום. די אַלטיײַער קריכן האסטיק אראָפּ פון זייערע פערד, בלויז דער ווײַסער קאם אליין בלײַבט זיצן. ער איז הײַנט פּארטראכט און אָנגעברויגעזט.

ווילאנג דער קאם זיצט אפן פערד און אָנגעברויגעזטער, צינדן די מענער אָן א שײַטער, צעשטעלן די מיטגעבראכטע טעפּ און קעסלען. דער לעצטער קומט אָן א יונגער, נאָך ניט קיין באוואקסענער באָכער. ער ברענגט צו טרײַבן א קאלב, צוויי באראנעס; ברענגט אראק און א גארב הייליקן ווערעסק.

דער שײַטער האָט זיך פאנאנדערגעברענט, די מענער קוקן אפן קאם. סע שווימט ארויס דער קאלטער, קופּער־רויטער דיסק פון דער זון. צײַט אָנצוהויבן.

אזוי ווי דאָס נעכטיקע קאמלירן, אָן כיישעק און קרענקלעך־פויל, הויבט דער קאם אָן די צערעמאָניע. ס'איז אים, אפּאָנעם, שווער זיך ארײַנצוברענגען אינעם צושטאנד פון אפעקט. די גײַסטיקע דערשיטערונגען, דאָס גיין אפן גרענעץ פון מע־שוגאעס גיט זיך אים ניט גרינג. זופנדיק די ווערטער, פויל ארויסריידנדיק זיי, פרעפּלט ער א טפילע, רויכערט ארום דעם פערד מיט ווערעסק, באגיסט אים מיט הייליקן מילך.

אינעם האמוין פון די מענער קומט פאָר א קליינע באוועגונג. פיר פון זיי זוכן ארויס פון זייערע לעדערנע זעקלעך פיר ארקאנעס. אין מאָמענט צעטיילט זיך די מענטשן־מענגע אַף פיר טיילן, הינטער יעדן מענטשן מיטן ארקאן — א גרופּע מענטשן.

אַף אזא אויפן דערנעענטערן זיך די מענטשלעכע רייען צום פערד. דער פערד מאכט מיט די אויערן, בײַט די אָפּגענומענע פיס. דאָס דארפן טאקע די, וואָס האלטן די ארקאנעס. אין א מינוט ארום איז אַף יעדער פוס פונעם פערד אָנגעטאָן אַן ארקאן. פאר די לאנגע שטריק נעמען זיך די מענטשן, צעגייען זיך אין אלע פיר זײַטן — אַף מיירעוו, מיזרעך, צאָפן און דאָרעם. די פיר שטריק זײַנען שוואך אָנגעצויגן, און דערווײַלע שטערן זיי דעם פערד קימאט גאָרניט.

דער קאם פרעפּלט אלץ זײַנע אומפארשטענדלעכע ווערטער, שפּריצט די מילך אפן הינטערטייל פון פערד, וועלכער גיט יעדעס מאָל א ציטער.

די טפילע איז, לעסאָף, געענדיקט. שטיל. דער קאם גייט אָפּ אין א זײַט, און פונדערהויך פון בערגל, אַף וועלכן ער שטייט, קוקט ער אפן פערד, אַף די מענטשן, אפן קרום־ארײַנגעוועצטן בעריאָזעוון פלאָקן. שטיל.

און דאָ באמערק איך, אז דעם קאמס פּאָנעם טונקלט זיך, ער בויגט אײַן דעם קאָפּ, גיט א צייכן. די גרופּעס מענטשן, וועלכע האלטן פון אלע זײַטן די ארקאנעס, הויבן אָן אָנצוציִען די שטריק. א קליינע ווײַלע שטייט נאָך דער פערד, פונקט ווי אַף אײַז, גליטשט זיך, פרווט כאָטש איין פוס, וועלכע רוקט זיך אָפּ ביסלעכווײַז אין א זײַט, אוועקצושטעלן גלײַך. אָבער די ארקאנעס ציען שטארק. די פיס זײַנען צעשפּרייט ביזן העכסטן גראד, באלד דארפן פּלאצן די מוסקולן, דארף זיך רײַסן די פעל, דארפן זיך בויגן און טרעשטשען די ביינער. קרום צענעמט דער פערד די מאָרדע. מיט א וואָלקן פּארע רײַסט זיך פונדאָרטן ארויס א יאָמערגעשריי. דער פערד האָט באוויזן צו צערײַסן דעם צוים און, פארײַסנדיק דעם קאָפּ, כריפּענדיק מיט אָפּגעהאקטן אָטעם, קערט ער דעם האלדז דאָ אין איין זײַט, דאָ אין דער אנדערן.

דאָס געווערט ניט מער פון א סעקונדע. איר הערט, ווי עס רײַסן זיך די מוסקולן, די פעל. מיט רויטע שטריכן צייכענען אָן בלוטיקע פאסן יענע ליניעס, ווו די כײַע וועט ווערן פאנאנדערגעריסן. דעם פערדס רוקן לאָזט זיך אראָפּ אלץ נידעריקער און נידעריקער...

דאן קומט א לאנגזאמע פּײַניקונג, וואָס אפילע א געזונטער מענטש מיט שטארקע נערוון קאָן דאָס ניט אויסהאלטן. איך האָב קיינמאָל ניט געטראכט, אז א לעבעדיקער קערפּער זאָל זיך אזוי לאנגזאם פאנאנדערײַסן. דאָס, וואָס ס'האָט פריער זיך אָנגערופן פערד, באשטייט איצט פון עטלעכע טיילן, פארייניקטע דורך א פעל, מוסקולן און רוקנביין; דידאָזיקע אלע טיילן אָבער לעבן נאָך אלע מיט איין געמיינזאמען לעבן. פון דער בלוטנדיקער ווונד זעט זיך, ווי ס'באַוועגט זיך, ווי ס'צאפּלט דאָס הארץ. נאָך אלץ ציטערט דער אראָפּגעזונקענער פערד, נאָך אלץ גלימערט לעבן אין דער פערדישער פעל.

אן ענדגילטיקן סאָף מיטן פערדס לעבן האָט געמאכט דער קאם. פלאָנטערנדיק זיך אין די פאָלעס פון זײַן ווײַסן כאלאט, איז ער, ווי א קליינע, עקלהאפטע רויבכײַע, אונטערגעשפּרונגען צום פערד און, אליין אלץ מער ווילד ווערנדיק, אים דערשטיקט. די ריזיקע צונג האָט ארויסגעשפּארט פון דעם פערדס מויל; ס'האָט זיך געדוכט, אז דער פערד האָט זיך דערשטיקט מיט זײַן אייגענער צונג.

דערזען, אז דער קאָרבן איז דערשטיקט, זײַנען א מאן צען פון די אלטײַער צוגעגאנגען צום טויטן קערפּער, ארויסנעמענדיק אין גאנג זייערע מעסערס. זיי האָבן אויסגעשניטן די פלייש און גענומען א קליינעם טייל פון דעם; די פיס מיטן קאָפּ האָבן זיי געלאָזן צוזאמען מיט דער פעלד. א טייל פון די פלייש איז אוועק אין קעסל. די איבעריקע פלייש, אינאיינעם מיט די ביינער, האָט מען ארופגעוואָרפן אפן מיזבייעך. די פעל פונעם פערד האָט מען אריבערגעהאנגען איבער דעם קרום־ארײַנגעזעצטן בעריאָזעוון פלאָקן. און אונטערן שאָטן פון דעם אופגעשטעלטן סילועט פונעם פערד האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָלצײַט...

* * *

> די רעליגיע זעלבסט דערהויבט די כײַעס צו א סימוואָל פון געטלעכן גײַסט... אין רעליגיעזן עקסטאז פארערן אינדוסן די בעהיימע סאבאלא און די מאלפע האנומאנא... פאראן א סייפער, וואָס קיינער וועט אים אלקאָלפּאָנעם ניט וועלן אונטערוואַרפן דער צענזור. מיר מיינען עס די הייליקע שריפטן—די ביבל. טיילט זי דען ניט אײַן די גאנצע מענטשהײַט אף צוויי גרויסע גרופּעס: ציגן און שעפסן? כאראקטעריזירט דען גאָט אליין ניט אפן פאָלגנדיקן אויפן זײַן באציִונג צו די שוואָטים פון יעהודע און ייִסראָעל: „פאר דער הויז פון יעהודע בין איך א מילב און פאר דער הויז פון ייִסראָעל—א וואָרעם?" (מארקס).

מעכאשייפע-פּראָצעס [1].

קאטלינע האָט מיט פּאָשעטע גראָזן אויסגעהיילט בא ספּילמאנען אן אָקס, א כאזער און דריי שאָף־באָקן. נאָר יאן בעלונס בעהיימע האָט זיך איר נישט איינגעגעבן אויסצוהיילן. ער האָט זי באשולדיקט אין קישעפמאכעריי. ער האָט געטייַנעט, אז זי האָט פארקישעפט די בעהיימע, ווייל זי האָט געגלעט זי, בייס זי האָט איר געגעבן די קרייטעכצער, און געשפּראָכן מיט איר, געוויינלעך, מיט א טייוולשער שפּראך, וואָרעם אן ערלעכער קריסט קען ניט ריידן מיט א שפּראכלאָזיקער בריע.

דער אויבנדערמאָנטער יאן בעלון האָט נאָך צוגעגעבן, אז ער איז ספּילמאנס א שאָכן, און אז בא דעם יעניקן האָט קאטלינע אויסגעהיילט אן אָקס, א כאזער און שאָף־באָק. און אומגעבראכט האָט זי זיין בעהיימע געוויס לויט ספּילמאנס אָנריידן, וואָרעם ער האָט מעקאנע געווען, וואָס זיינע, בעלונס, פעלדער זיינען באארבעט געוואָרן אסאך בעסער און ברענגען מער האכנאָסע. לויטן איידעס־זאָגן פון פּיטער מעלעמיסטער, א מענטשן א געערטן און באוווסטן, און יאן בעלונען, וואָס האָבן געטייַנעט און פארזיכערט, אז קאטלינע איז באוווסט אין דאמע אלס מעכאשייפע, און אָן צווייפל, אז זי האָט אומגעבראכט די בעהיימע, האָט מען קאטלינען פארהאלטן און צוגעמישפּעט אויספרעגן זי אונטער פּייניקונגען, וואָס זאָלן זיך ציען אזוי לאנג, ביז זי וועט זיך נישט מוידע זיין אין אירע מערדערייען און פארברעכנס.

אויסגעפרעגט האָט זי א ריכטער, א שטענדיק צערייצטער, ווייל א גאנצן טאָג האָט ער בראנפן געטרונקען. אין זיין אָנוועזנהייט און פארן געמיינדע־געריכט האָט מען זי איבערגעגעבן צום ערשטן אויספרעגן אונטער פּייניקונגען און זי האָט געזאָגט אירע באווייזן.

דער טאליען האָט זי אויסגעטאָן נאקעט, אָפּגעגאָלט אירע האָר אפן קערפּער און האָט זי אינגאנצן באקוקט, צי באהאלט זי ניט א וועלכע ס'ניט איז קישעפשטיק.

גאָרנישט געפינענדיק, האָט ער זי צוגעבונדן מיט א שטריק צו א באנק. זי האָט געזאָגט:

— מיר איז ביזיוינעסדיק צו ליגן אזוי א הוילע פאר מאנצבלן אין די אויגן. שיק מיר אָן א טויט, הייליקע בסולע מאריע!

דער טאליען האָט פארדעקט מיט א נאסער טוך איר ברוסט, בויך און פיס און דערנאָך, אופהויבנדיק די באנק, האָט ער אָנגעהויבן ארייננגיסן אין איר הייסע וואסער—אזוי פיל, אז זי איז אינגאנצן גלייך ווי פאנאנדערגעשוואָלן; דערנאָך האָט ער זי אראָפּגעוואָרפן פון באנק.

דער ריכטער האָט געפרעגט, צי זי איז מוידע איר פארברעכן. זי האָט געענט־

---

1) דער מעכאשייפע־פּראָצעס, וואָס ווערט דאָ געשילדערט, געהערט צום 16־טן י. ה. דידאָזיקע פּראָצעסן האָבן זיך אין אייראָפּע איבערגעכאזערט פיל, פיל שפּעטער מיט דערזעלביקער גרויזאמקייט.

פֿערט מיט א צייכן, אז ניט. האָט מען אין איר אַרײַנגעגאָסן נאָך הייסע וואסער, נאָר קאטלינע האָט עס אלץ אויסגעמייקנט אָף צוריק.

דערנאָך, לויטן אָנווײַז פֿונעם רופֿע, האָט מען זי פֿאנאנדערגעבונדן. זי האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר געשלאָגן זיך איבערן ברוסט, קעדיי צו דערווײַזן, אז דאָס הייסע וואסער האָט זי צעברענט. דערזעענדיק, אז זי איז צו זיך געקומען פֿונעם ערשטן פֿײַניקן, האָט דער ריכטער געווענדט זיך צו איר:

— זײַ זיך מוידע, אז דו ביסט א מעכאשייפֿע און דו האָסט פֿארקישעפֿט די בעהיימע.

— איך קען זיך דערײַן ניט מוידע זײַן, — האָט זי געענטפֿערט, — איך האָב ליב אלע לעבעדיקע וועזנס, וויפֿל איך קען נאָר מיט מײַן שלאָפֿן הארצן, און איך וואָלט גיכער אָנגעטאָן בייז זיך, איידער זיי, וואָרעם זיי זײַנען דאָך אומבאשיצטע. איך האָב געברויכט צום היילן אלע נויטיקע און פֿאסיקע מיטלען.

נאָר דער ריכטער האָט געזאָגט:

— דו האָסט געגעבן סאם, וואָרעם די בעהיימע איז דאָך אומגעקומען.

— הער ריכטער, — האָט זי דערווידערט; — אָט שטיי איך קעגן אײַך און בין אינגאנצן אין אײַער רעשוס, און דאָך דערלויב איך מיר צו זאָגן אײַך, אז א באלעכײַ, פּונקט אזוי, ווי א מענטש, קען אומקומען פֿון קרענק, ניט געקוקט אָף דער הילף פֿון ביינפֿאריכטער און ראָפֿים. און איך שווער מיטן נאָמען פֿון אונדזער האר יעזוס קריסטוס, וואָס האָט געליטן אָפֿן קרייץ פֿאר אונדזערע זינד, אז איך האָב נישט געוואָלט טאָן דער בעהיימע קיינשום בייז, נאָר געהיילט זי מיט אלע היימישע מיטלען.

דער ריכטער איז אַרײַן אין ווילדן מעשוגאעס:

— אָט די פֿארפֿלוכטע פֿרוי וועט זיך בא מיר אָפּגעווינען פֿון פֿארשליסן זיך אין זיך. צוטרעטן צו דעם צווייטן פֿײַניקן!

און ער האָט אויסגעטרונקען א גרויסן בעכער ווײַן.

דער טאליען האָט אוועקגעזעצט קאטלינען אָף א דעק פֿון א דעמבענער טרומנע, וואָס איז געשטאנען אָף קלעצער. די דעק האָט זיך אויבן פֿארשארפֿט מיט א שנײַדנדיקער ריפּ, גלײַך דער שארף פֿון א מעסער. אין אויוון האָט געברענט א הייסער פֿײַער, ווײַל אין דרויסן איז שוין געוועזן נאָיאבער כוידעש.

קאטלינען, וואָס איז געזעסן אָף דער שארפֿער ריפּ פֿון טרומנע, האָט מען אָנגעטאָן אָף די פֿיס ענגע שטיוול פֿון פֿרישער פֿעל, און אזוי האָט מען זי צוגערוקט צום פֿײַער. ווען דער שארף פֿון ריפּ האָט זיך גענומען אײַנשנײַדן אין איר קערפּער און די היץ האָט אָנגעווארעמט און צונויפֿגעדריקט די פֿעל פֿון די שיך, וואָס האָבן צונויפֿגעפּרעסט אירע פֿיס, האָט זי אויסגעשריען:

— אוי, ווייטעקדיק, ווייטעקדיק! גיט מיר סאם!

— רוק צו נעענטער צום פֿײַער, — האָט געזאָגט דער ריכטער.

און ער האָט גענומען אויספֿרעגן קאטלינען:

— ווי אָפט האָסטו זיך געזעצט אפן בעזעם און געפלויגן אינדערלופטן? ווי אָפט האָסטו צעפוילט ברויטן אפן וואָרצל, פרוכטן אפן בוים, קינדער אין די מוטער־גע־דערעם? ווי אָפט האָסטו געמאכט צוויי לײַבלעכע ברידער פאר בייזע סאָנים?

קאטלינע האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר זי האָט געקענט נאָר באוועגן מיט דער האנט, גלײַך זי וואָלט געזאָגט: ניין.

דערויף האָט דער ריכטער געזאָגט:

— זי וועט בא מיר אָנהויבן צו ריידן, בייס זי וועט דערפילן, ווי עס שמעלצט זיך איר טײַוולשע שמאלץ. רוקט זי צו צום פײַער.

קאטלינע האָט געשריען.

— בעט דעם טײַוול, זאָל ער דיך אביסל אָפקילן, — האָט געזאָגט דער ריכטער.

זי האָט געמאכט א באוועגונג, קעדיי אראָפצוווארפן די שיך, וואָס האָבן זיך געראויכערט פונעם צעפלאקערטן אויוון.

— בעט דעם טײַוול, — זאָל ער דיר די שיך אויסטאָן.

ס'האָט געשלאָגן צען דער זייגער: דאָס איז געוועזן די צײַט פונעם מערדערס אָנבײַסן.

ער איז ארויס מיטן טאליען און מיטן גערעכט־שרײַבער, איבערלאָזנדיק קאטלינען קעגן פײַער אין קאזעמאט.

ארום עלף האָבן זיי זיך צוריק געקערט און געטראָפן קאטלינען א פארשטיי־נערטע און ניטבאוועגלעכע.

— דאכט זיך, זי איז געשטאָרבן, — האָט געזאָגט דער שרײַבער.

דער ריכטער האָט באפוילן דעם טאליען אראָפצולאָזן זי פון טרומנע און אראָפ־נעמען פון איר די שיך. דאָס איז אָבער געווען אומעגלעך, ס'איז אויסגעקומען צו צעשנײַדן די שיך: קאטלינעס פיס זײַנען געוועזן מיט בלוט פארגאָסן.

דער ריכטער האָט געטראכט וועגן ווארמעס און האָט געקוקט אף קאטלינען, ניט ארויסברענגענדיק פון זיך קיין איין וואָרט. נאָר דערנאָך איז זי צו זיך געקומען, געפאלן אפן דיל, האָט ניט געקענט, ניט געקוקט אף אלע אירע אָנשטרענגונגען, אופהויבן זיך און געזאָגט דעם ריכטער:

—דו האָסט געוואָלט מיך נעמען פאר א ווײַב; איצטער — בייס מע לאכט עס. פיר מאָל דרײַ איז א הייליקע צאָל, דרײַצן — דער באשערטער.

און כאָטש דער ריכטער האָט געוואָלט עפעס זאָגן, האָט זי פאָרגעזעצט:

— שטילער, שטילער, זײַן געהער איז דינער, איידער בא א מאלעך, וואָס ציילט אפן הימל דאָס הארץ־קלאפן פון די צאדיקים. פארוואָס ביסטו געקומען אזוי שפעט? דרײַ מאָל דרײַ איז א הייליקע צאָל, זי וועט דערהארגענען אלעמען, וואָס האָבן טײַ־וועדיק געגלויסט צו מיר.

— זי האָט מעזאנע געוועזן מיט טײַוול, — האָט געזאָגט דער ריכטער.

— זי איז פון זינען אראָפ פונעם פײַניקן, — האָט געענטפערט דער גערעכט־שרײַבער.

מע האָט קאטלינען צוריק געפירט אין טורמע ארײַן. אין דרײַ טעג ארום האָט

זיך אופגעזאמלט דער געריכט פון די עלטסטע און באם פאנאנדערקוקן קאטלינעס איניען האָט מען זי אָפגעמישפעט צום אומברענגען דורך פײַער.

דער טאליען מיט די באהעלפער האָבן זי אָפגעפירט צום גרויסן פלאץ אין דאמע, ווו ס'איז שוין געווען אײַנגעאָרדנט א בימע. אהינצו האָט מען זי ארופגעפירט; דאָ האָבן פארנומען אן אָרט דער פראָפאָס, דער העראָלד און די ריכטער.

דרײַ מאָל האָט דורכגעהילכט דאָס האָרן־שאלן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום אוילעם און האָט אויסגערופן:

— די מאכט פון שטאָט־דאמע האָט זיך דערבארעמט אף דער פארמישפעטער קאטלינען און האָט זי מאצל געווען פון באשטראָפן, אנטשפרעכנדיק די סאמע שטרענגסטע אָנווײַזן פון די שטאָטישע געזעצן, נאָר, קעדיי צו דערווײַזן, אז זי איז פאָרט א מעכאשייפע, וועלן פארברענט ווערן אירע האָר; זי וועט באצאָלן צען טשערוואָנצעס שטראָף און פאריאָגט ווערן אף דרײַ יאָר פון שטאָט דאמע און איר באצירק אונטער דער וואָרענונג פון אָפהאקן א האנט.

און דער אוילעם האָט באגריסט אָט די שוידערלעכע בארעמהארציקײַט.

נאָכדעם האָט דער טאליען צוגעבונדן קאטלינען צום סלופ, האָט ארופגעלייגט א בינטל לײַן אף איר אָפגעגאָלטן קאָפ און אָנגעצונדן. דער לײַן האָט לאנגזאם געברענט און קאטלינע האָט געוויינט און געשריען.

דערנאָך האָט מען זי פאנאנדערגעבונדן און ארויסגעפירט הינטער די גרענעצן פון דער דאמע־געמיינדע אף א וועגל, וואָרעם אירע פיס זײַנען געווען פארסארפעט.

* * *

> אין אזא צײַט, ווען צווייפלען אין געשפענסטער איז פארעכנט פאר א פילאָזאָפישער דרייסטקײַט, ווען א פראָטעסט קעגן מיש־פעט איבער מעכאשייפעס ווידערשפרעכט דער געזעלשאפטלעכער מיינונג—אין אזא צײַט אנטשפרעכן פולקאָם דעם גײַסט פון דער צײַט דאָס גלויבן אין געשפענסטער און פראָצעסן איבער מעכא־שייפעס...... (מארקס).

פ. סמאָלענסקין

(1842—1885).

די זינדיקע.

... מיר זײַנען אָנגעקומען צום שולהויף. אז איך זאָג: שולהויף, זאָל מען ניט מיינען, אז דאָס איז א פאָדוויר אָדער ארומגערינגלט מיט א פלויט, הויבט זיך ניט אָן. דאָס איז געווען א גרויס שטיק פלאץ פול מיט פאסקודסטווע פאר דער שול, און דאָס האָט מען גערופן שולהויף. דאָרט האָט מען געשטעלט כופעס, און דער כאָסן

האָט מעקאדעש געווען די קאַלע פאר די אויגן פון אַלע ייִדן און ציגן, וואָס האָבן זיך דאָרט ארומגעדרייט אומגעשטערט. דאָרט האָט מען געזאָגט העספּיידים נאָך א גרויסן מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן. און דאָרט אהין האָבן די שטאָט־שאמאָסים געבראכט די זינדיקע לויטן באפעל פון די שאָפטים, מע זאָל זיי באשטראָפן פאר זייערע זינד. און איצט האָבן די שאמאָסים געבראכט אהין... וועמען אשטייגער מיינט איר? עפּשער דעם ראָש־האקאָהאָל, וואָס האָט צוגענומען קאָהאָלישע געלט? אָדער דעם שול־גאבע, וואָס האָט ארויסגעגאנוועט צדאָקע־געלט? אָדער גאָר דעם באַלעבאָס, בא וועלכן מע האָט געהאלטן יעסוימים־געלטער און נאדאנען, און ער האָט דאָס געלט פארלייקנט און די אייגנטימער ניט דערקענט? הויבט זיך גאָרניט אָן. די, וואָס באַרויבן אַלמאָנעס און יעסוימים און נעמען צו פרעמד געלט—דידאָזיקע זיינען גאָרניט שולדיק. אהין ברענגט מען נאָר זינדיקע. און אָט שטייט זי, די, זינדיקע אפן טיש—דאָס פּאָנעם איז איר ווײַס ווי בא א מעס, אַלע אייוורים ציטערן אין איר, א צעריסן קליידל, פול מיט פעדערן ארומגעשטעקט, דעקט צו איר לײַב און אפן קאָפּ—א היטל, ארומגעשטעקט מיט פעדערן, און זי שלאָגט זיך אין הארצן, און דאָס גאנצע פאָלק קוקט עס צו און שילט און שרײַט:

— „די זינדיקע"! „די זינדיקע"!

— מיט וואָס האָט זי געזינדיקט? האָט זי א קינד דערהארגעט, אָדער דעם מאן פון דער וועלט אומגעבראכט?—דאָס האָב איך אויך געפרעגט, טרעפנדיק אזא מין בילד.

אן אומגליקלעכע פרוי שטייט אפן טיש אזוי, אז יעדער זאָל זי זען, און טויזנטער מענטשן שטייען ארום און ליארמען „די זינדיקע"! „די זינדיקע"! און זי שטייט, שטום ווי די וואנט, דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן. אזוי איז זי געשטאנען א לאנגע צײַט נעבן דעם קאָהאָל־שאמעס. דערנאָך האָט דער שאמעס אויסגערופן הויך אף א קאָל:

— אזוי טוט מען א ייִדענע, וואָס נארט דעם מאן און איז מעזאנע.

— זאָל זי נעמען דער טײַוול! אין דער ערד ארײַן זאָל זי גיין!—האָבן אסאך געשריגן:

— שלאָגט זי די כצופע, שלאָגט אָן ראכמאָנעס. קיין סאָריד־אופּאָליט זאָל פון איר און אזעלכע כצופעס, ווי זי, ניט בלײַבן—האָט געשריגן א נידעריק מענטשל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין שמאטעס און געשאָקלט מיט די פּייעס, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט פארזוכט קײַן קעמל.

— זי האָט געטויט מײַן מאן דעם צאדיק!—האָט זיך צעשריִען א הויכע, דארע ייִדענע און אופגעהויבן א פויסט.

— באלד מיר וועלן איר פארשווײַגן, וועלן מיר אומקומען,—האָט געשריִען א מענטש זייער א גראָבער און א פעטער, קוקנדיק אף דער זינדיקער און גלעטנדיק זײַן לאנגע באָרד.

— אומשולדיקע אויפעלעך זײַנען איבער איר פון דער וועלט געגאנגען,—האָט געשריִען א ייִדענע א שטילע און א באשיידענע און האָט געקוקט אף דעם מענטשן, וואָס איז קעגן איר געשטאנען.

— נאָר בא אונדז אין שטאָט געשעען אזעלכע אויסגעלאסנקײַטן!—האָט זיך מיט

גרויס קאס צעשריען אן אלטע יידענע און א שמיץ געטאָן איר שוך דער זינדיקער אין קאָפּ אריין.

די אומגליקלעכע האָט זיך אָנגעהויבן וואקלען און אראָפּגעפאלן פון טיש. א גרויס געלעכטער האָט אויסגעבראָכן. און צוויי שויטרים האָבן זי אָנגענומען פאר די הענט און זי געשלעפּט אהיים צו זיך.

— זאָג מיר, עפשער ווייסטו, פארוואָס האָט מען עס באשטראָפט די פרוי, — האָב איך געפרעגט מיין כאווער, וואָס האָט דעמלט גערעדט מיט אן אנדערן.

— דו האָסט דאָך געהערט, אז זי איז א זינדיקע — האָט ער מיר געענטפערט — מער ווייס איך אויך ניט, פרעג איינעם פון די שטאָט־איינוווינער, אויב דו ווילסט וויסן קלאָר, וואָס דאָ איז געשען.

— צי אזוי גרויס זיינען אירע זינד, וואָס מע פּייניקט זי אזוי און קיינער האָט אף איר קיין ראכמאָנעס ניט? — האָב איך געפרעגט איינעם א ייִד, וואָס איז נעבן אים געשטאנען.

— מען האט איר נאָך ניט באצאָלט קיין העלפט, וויפל איר קומט.

— מיט וואָס האָט זי געזינדיקט?

— זי האָט מעזאנע געווען, בייס איר מאן איז געווען אין א וויַטן וועג.

— פונוואנען איז מען געוואָרע געוואָרן?

— וואָס הייסט, פונוואנען? זי האָט אליין זיך מודע געווען!

— זי האָט זיך מודע געווען! — האָב איך געפרעגט מיט וואונדער — נאָכוואָס האָט זי עס געטאָן?

האָט ער מיר אזוי דערציילט:

— פאר עטלעכע טעג זיינען געשטאָרבן אין שטאָט אסאך קינדער, געשטאָרבן פון דיפטעריט, ראכמאָנע ליצלאָן. און דאָס ווייס דאָך יעדער ייִד, אז קינדער שטארבן צוליב זינד: דעריבער האָט מען צונויפגערופן מאָנטיק אן אסיפע זיך מעיאשעוו צו זיין וואָס צו טאָן. און אָפּהאלטן די מאגייפע. עס האָבן זיך צעטיילט די דייעס. דער זאָגט אזוי און דער אזוי, ביז ס'איז געבליבן צונויפרופן נאָך אן אסיפע דאָנערשטיק. דאָנערשטיק איז מען זיך ווידער צונויפגעקומען און ס'איז געבליבן נעמען זוכן די כאטאָים. זיינען ארויסגעגאנגען די שאמאָסים, זיינען געגאנגען פון שטוב צו שטוב זוכן זינד. אויך שאבעס האָט דער שאמעס אויסגערופן, אז יעדער, וואָס ווייס פון עפּעס א זינד און וועט ניט זאָגן, וועט ער זיין זינדיק, וואָרעם אלע ייִדן זיינען אָרעוו איינער פארן אנדערן, און אויב איינער איז זינדיק, ווערט די גאנצע איידע געשטראָפט. א ציטערניש האָט אָנגענומען אלע ייִדן, און יעדער, וואָס האָט גאָט אין הארצן, איז געקומען, און האָט דערציילט אלץ, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און געהערט מיט זיינע אויערן, און אסאך זיינען געווען די, וועמענס זינד עס איז אנטפּלעקט געוואָרן. אָבער זיי האָבן געיילט און זייער זינד אָפּגעווישט מיט געלט, וואָס זיי האָבן געגעבן פאר קאָהאָל, און ליכט אין שול אריין. אָבער דידאָזיקע מאר־שאעס האָט שטארק געזינדיקט. צוויי איידעס האָבן אליין געזען, ווי זי האָט זיך גע־שושקעט מיטן סויכער גאווריִעל בא אים אינדערהיים. מוז דאָך עפּעס זיין! די עלט־

סטע פון דער איידע האָבן געיײַלט און גערופן צו זיך די זוינע, און זי האלט זיך בא אירן „כ'האָב ניט געזינדיקט".—האָט זי געענטפערט מיט אזעס.

— האָסט געזינדיקט צו גאָט, צו דײַן מאן און צו דער גאנצער איידע, וואָרעם האָסטו געטאָן אזא אומווירדיקע זאך—האָט אויסגערופן דער ראָש־האָיידע.

— איך פיל אף זיך ניט קײַן זינד,—האָט זי געענטפערט מיט א „מעצאך אישע־זוינע".

— זײַ זיך מוידע!—האָט דער ראָש־האקאָהאל אויסגעשריען—און טו אָפּ פון זיך די מאגייפע, וואָס דו האָסט אף אונדז געבראכט מיט דײַן רישעס. זײַ זיך מוידע און דו וועסט אליין לײַדן פאר דײַנע זינד.

— ווי אזוי זאָל איך זיך מוידע זײַן, אז איך האָב קיין שום בייז ניט געטאָן. גאָט, וואָס ווייס אלץ, ווייס אז איך בין ריין פון זינד.—האָט זי געענטפערט און זיך אפילע ניט פארשעמט.

דער ראָש־האקאָהאָל, אז ער האָט דערהערט, אז די אומריינע זאך דערלויבט זיך אָנרופן גאָטס נאָמען, האָט ער אויסגעשריען מיט גרויס צאָרן:

— דו ארורע! האָסט נאָך די כוצפע ארויסצוברענגען גאָטס נאָמען אף דײַנע אומריינע לעפצן! אהער גייט שאמאָסים! באלד וועסטו זיך מוידע זײַן און וועסט ניט פארבאָרגן דײַנע זינד!

— איך בין בא אײַך אין די הענט—האָט די אומריינע געענטפערט—טוט מיט מיר, ווי אײַך געפעלט, נאָר ויסן זאָלט איר, אז איר וועט פארגיסן אומשולדיק בלוט...

אָבער דער ראָש־האקאָהאָל איז א כאָכעם א מענטש מיט א שטארק הארץ... האָט ער באפוילן די שאמאָשים און זיי האָבן אראָפּגעשלעפּט די קליידער פון דער זוינע, נאָר אין איין העמד איז זי געבליבן, און מע האָט אָנגעהויבן דרעשן איר לײַב מיט ריטער, און דער ראָש־האקאָהאָל האָט אויסגעשריען אף א קאָל:

— זײַ זיך מוידע! — —

און מע האָט באפוילן די שאמאָסים, אז מע זאָל זי שטארק שלאָגן. די שאמאָשים האָבן אזוי געטאָן און די ארורע האָט געשוויגן ווי די וואנט. דעמאָלט האָבן די שאָפטים געזאָגט צו די שאמאָסים:—גענוג!—וואָרעם זיי האָבן געמיינט, זי גייט אויס.

די שאמאָסים האָבן אופגעהערט שלאָגן, האָבן געגאָסן אף איר קאלט וואסער, און באלד איז די אומריינע צו זיך געקומען. דער ראָש־האקאָהאָל האט ווידער אויסגערופן: „זײַ זיך מוידע. אויב ניט וועט מען דיר נאָך צולייגן"...

דעמאָלט האָט מען עס באפוילן און מע האָט זי געפירט אפן שולהויף אין די צעריסענע קליידער, קעדיי אלע זאָלן זי זען און זיך אראָפּנעמען א מוסער.

* * *

> ס'איז נישטאָ דאָס פארברעכן, וואָס די גלויביקע וואָלטן ניט געטאָן, וועלנדיק דערמיט נאָכגעבן גאָט און מילדערן זײַן צאָרן.
> (האָלבאך).

י. אקסנפעלד.

פאַר ניט פּאַסטן.

אין דער שטאָט לאַהיהאָפּאָלי איז אסאָרע־בעטויוועס (שנאס תקע״ב) א גערודער פון איין עק שטאָט צו דער אנדערער, עס לויפן אלטע און יונגע ייִדן און ווײַבער און קליינע מיידלעך אפילע, לויפן ווי בעשאס א סרייפע, מע לויפט, מע יאָגט זיך, מע דעריאָגט איינער דעם אנדערן, א טייל לויפן שווײַגעדיק און א טייל ריידן און מאכן, ווי מע קלינגט מיט דער צונג און מיט די ליפּן.

— עס פארלויפט זיך ניט! אזא הולטײַ, אזא הולטײַ, אין קיין שום שטאָט טרעפט זיך עס ניט, נאָר אין לאַהיהאָפּאָלי מוז זיך אזעלכעס טרעפן, ראכמאָנע ליצלאַן.

— ס'איז באשערט, די שטאָט לאַהיהאָפּאָלי זאָל האָבן אגמעסנעפעש, אזא הולטײַ, אזא הולטײַ, דער אויבערשטער זאָל מעשאמער און מאציל זײַן.

— קום גיכער, געשווינד, לאָמיר הערן, וואָס דער אכבעראָש וועט זאָגן.

— נאָר אָפּשמײַסן און פון דער שטאָט ארויסטרײַבן.

— איך וויל אים אָנקוקן דעם הולטײַ אין זײַן טרייפע פּארצי־פּערע. וואָס האָט געזאָלט זײַן דער שטאָט, זאָל נאָר צו זײַן קאָפּ אויסגיין.

— א שטאָט, כ'לעבן, לאַהיהאָפּאָלי. אין לאַהיהאָפּאָלי קאָן זיך אזעלכעס אויך טרעפן, אזא פּאָשע־ייִסראָעל, פארצײַטן וואָלט מען אזא ראָשע פארשטיינט.

דאָס, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, האָבן א צען ייִדן דורכאנאנדער גערעדט און געזאָגט, אלע איניינעם, איטלעכער באזונדער, טאקע לויפנדיקערהייט, סאָפּנדי־קערהייט, אין איין אָטעם, א טייל מיט א האלבן אָטעם.

מיטאמאָל ווערט פון אלע זײַטן א געשריי:

— אָט איז ער, אָט איז ער, אָט פירט מען אים!

— גוט, גוט,ביידע הענט ארונטערגעבונדן! צוויי קעהילע־שאמאָסים, גוט, מיט קאָוועד, ווי אזא הולטײַ שטייט אָן!

— לאָז ער ויסן, דער אכבעראָש! לאָז ער ניט עסן אין א טאָנעס.

— אזא מיכל מאצייווע האָט געמיינט, מע וועט אים ניט כאפּן. ניין, א מאקע, איידער די שטאָט זאָל פארשווארצט ווערן, קימפּעטאָרנס זאָל עס, כאסוועשאָלעם, רײַסן, בעסער ווער דו, מיכל מאצייווע, אויסגעריסן, אבי ס'איז שוין בעפארעסיע, וועט שוין דער שטאָט ניט שאטן.

— קוקט נאָר, ווי ער גייט אזוי, גלײַך טאקע ווי א מאצייווע, א מאצייווע זאָל מען אים שוין גיך און באלד שטעלן.

— א מאקע אים, אים א מאצייווע שטעלן, ניט דערלעבן זאָל ער עס. אזא הולטײַ איז קראנק צו ליגן אונטער א פּלייט, ווײַט־ווײַט, עט ווײַט פון בעסאלמען.

דאָס האָבן ווידער עטלעכע מענטשן געזאָגט, געשווינד גערעדט, נאָר שוין ניט געלאָפן, ווײַל די שאמאָסים מיט מיכלען גייען דאָך ניט לויפנדיק.

געבונדענערהייט האָט מען מאציייוען געפירט אין קאָהאָלס שטוב אריַין, באגלייט פון דעם לאהיהאָפּאָלער אוילעם.

אין קאָהאָל־שטוב זיַינען געזעסן דריַי ראָשע־קעהילע (אָדער קאהאלאָנים רופט מען זיי אף רוסיש, יידן האָבן אין די שטעטלעך זיי גערופן אף דעם אלטן נאָמען פּארנעס־כאדאָשים). ר׳ טעוויע בילענקיס, א ייִד, א לאנגער, א מאָגערער, מיט א רויטער לאנגער באָרד. כאָטש די ליפּן זיַינען פארשמאכט, האָט דאָס פּאָנעם געפלאמט. עפשער וויַיל אינדרויסן איז ווינטערקאלט, אינעם קאָהאָל־שטיבל איז געווען הייס, ווארעם, דערצו האָבן זיך אָנגעשטופּט פיל מענטשן. ר׳ אורעמל וועלוולס, זייער א גראָבער, א קליינער, מיט א שיטער גראָ קליין בערדעלע, אין א צעריסענעם קאָפּטיק, מיט בייזע צוויי מיִעסע אויגן, און ר׳ איציק זאהיקע, א ייִד פון א יאָר פופציק, מיט זייער א לאנגער באָרד, געטיילט אף צוויי העלפטן, קימאט ווי צוויי בערד, און ביידע פּייעס זיַינען קאָלטענעס. ניט גרויס, ניט קליין, איז ער אָנגעטאָן אין א לאנגן געשטעפּטן ברישלעק און געגארטלט מיט א נישער פון א גארטל. די דריַי זיצן ארום טיש; ר׳ טעוויע בילענקעס—גאנץ אויבנאָן, די אנדערע צוויי—פון ביידע זיַיטן.

ווי מע האָט מיכל מאציייווע אריַינגעבראכט, שטופּן אים די צוויי שאמאָסים צו צום טיש:

— גיי צו, דו באָכער, עסן אין אסאָרע־בעטויוועס קאָנסטו, האָבן מיר דיר קאָווער אָנגעטאָן, דיך אהער צו קאָהאָל צו ברענגען, און קאָהאָל, זאָל לעבן, וועט הייסן דיר נאָך מער קאָווער אָנטאָן.

דער אוילעם, וואָס איז דאָ געווען אין קאָהאָלס שטוב, האָבן אלע ארויסגעלאָזט א געלעכטער אף עטלעכע מינוט.

אלע בליַיבן שטיל, אז מע זעט, ר׳ טעוויע וויל עפענען דאָס מויל. ר׳ טעוויע ווילענקיס זאָגט אָבער גאָר א קליין ווערטעלע:

— אכבעראָש איינער, פארוואָס האָסטו דאָס ניט געטאָן אין אן אנדער טאָג, ניט אין א טאָנעס, איז וואָלט קאָהאָל דערוויַיל א טרונק געטאָן גוטן מעד.

ביידע אנדערע קאהאלאָנים האָבן לעכאטכילע ניט פארשטאנען דאָס גליַיכע ווערטל, ערשט מיט א מינוט שפּעטער האָט ר׳ איציק זאהיקע ארויסגעלאָזט א געלעכטער:

— ס־סט־יַיטש, אז־אז ד־דער ב־באָכער ז־זאָ־זאָל־זאָל גי־גי־גי־גיוועזן ניט־ניט־ניט אין א־א־א־טאָנעס פּ־פּ־פּר־פּרעסן, וואָלט דער קאָהאָל נ־ניט־ניט־ניט גי־גי־גיזעסן, הא.

דער אוילעם וואָלט געלאכט, נאָר דאָס ביטערע היקען האָט קאליע געמאכט. ר׳ אורעמעלע וועליעס טוט זיך א טאפּ באם קליינעם בערדל און זאָגט מיט אן ערנסטער אוואיע:

— וואָס, מיר וועלן אים שענקען, כאָלילע? אונדזער טרונק וועלן מיר אף דער נאכט טאָן טאקע. ער האָט ניט געוואָלט פּאקע ווארטן ביז אף דער נאכט, פּאקע, מיר וועלן טאקע, טאקע יאָ ווארטן, טאקע.

מיכל שטייט אין געהאקטע ווונדן... טוט ר׳ טעוויע בילענקיס א געשריי מיט קאעס:

— טארבוס שייגעץ, איט, פאָשע ייִסראָעל, איט, איך וועל דיר וויַיזן, איט, ווער עלטער איז, איט.

ר׳ אורעמל וועלוולס מאכט גאָר אן עק דעם קאָהאָלס פסאק און הויבט אָן גאָר מיט:

— כאָלילע, מיר שיקן דעם באָכער מיט צוויי שאמאָסים טאקע אוועק צום ר׳... דעם... דעם צאדיקס זון קאָן, כאָלילע, אוועקפאָרן פון לאהיהאָפאָלי און זאָל קיין געלט ניט מאכן, ווייַל די שטאָט איז היַינט זייער געפאלן טאקע, דערצו האָט ר׳... טאקע ערשט געמאכט געלט. נא, קאָן דאָך דעם צאדיקס זון, כאלילע, הא, ברוגעז אוועקפאָרן פון לאהיהאפאָלי, כאָלילע. לאָמיר דעם באָכער הייסן טאקע אנידערלייגן צען גילדן אף א טרונק, און כאָלילע די שאמאָסים ניט צו פארגעסן פאקע. מוז ער זיי געבן צו האלבע גילדן איטלעכן. נאָר גיב שוין, באָכער, אהער צען גילדן און זיַי מעסאלעק די שאמאָסים טאקע. שאמאָסים, פירט אים אהין צום צאדיקס זון טאקע און זאָגט טאקע; קאָהאָל האָט געהייסן, ער זאָל מיט אים מישווע ווערן, הא, כאָלילע, דעם צאדיקס זון זאָל ניט אוועקפאָרן, כאָלילע, ברוגעז, אָן געלט, כאָלילע, פון לאהיהאָפאָלי, כאָלילע.

איידער ר׳ איציק האָט געהיקעט און איידער ר׳ טעוויע בילענקיס האָט געעיִט-איִט, איז ר׳ אורעמל פאקע-טאקע צוגעגאנגען צו מיכלען. דער איז טאקע ווי א מאַ־צייווע געשטאנען געבונדן די הענט, האָט ער אים אָפּגעבונדן די הענט און הייסט זיך געבן צען גילדן.

מיכל צעביַיט געלט און איז מעסאלעק צען גילדן דעם קאָהאָליני, ר׳ אורעמלען, און נאָך א וויַיסן גילדן די שאמאָסים. סייכל האָט ער געהאט, אכוץ דעם נאָך א גריווינקע אריַינצורוקן דעם בעסדין-שאמעס, יעכעזקל, קעדיי ער זאָל אים ניט ווידער בינדן און זאָל מיט אים גיין דורך א הינטער-געסל צו ר׳... דער אנדער שאמעס, לייב דער בלינדער אף איין אויג, זאָל ניט זען. יעכעזקל האָט פארשטאנען. אזוי האָט זיך געעקט דעם קאָהאָלס זעצן, און די צוויי קאָהאָל-שאמאָסים יעכעזקל מיט לייבען האָבן געפירט ניט געבונדן מיכל באהעלפער אראָפּ אין דער זיַיט אריַין אוועק מיטן אונטערגעסל, געשווינד אוועק צום ר׳... דעם...

דער אוילעם איז מיד פון טאָנעס, א טייל אינדרויסן—צו שטיין, איז עס ווינטער, ניט גוט דערפרוירן צו ווערן, דעריבער זיַינען גאָר א פופציק מענטשן געלאָפן צום ר׳... גאָספידע, ווו ער שטייט איַין, די איבעריקע זיַינען צעגאנגען ווי זאלץ אין וואסער. יאָ, האנאָע פון קאָהאָלס פסאק, ניט האנאָע, אבי עס האָט זיך עפעס געטאָן, און עס טוט זיך נאָר אין לאָהיהאָפאָלי.

ר׳... איז א דין ייִדעלע מיט א וויַיסער יארמלקע און א פאָשעט קרעדיטירן אלט זיפעצל מיט א סטראָקע, אָן א גארטל, זעט מען ארויס דעם טאלעס-קאָטן דעם לאנגן. ער זיצט אויבנאָן באם לאנגן הילצערנעם פראָסטן טיש, אף א באנק א דעמבענער, א קישעלע פון ציץ אונטערגעלייגט. אפן טיש ליגט פאר אים אָפן א זויהער. ער

קוקט אַרײַן איז זויהער און ווייסט, וואָס דאָרטן שטייט, ווי דער קאַפּאָרע־האָן ווייסט, וואָס עס שטייט אין דעם ב נ י י ־ אָ ד ע ם, אָדער ווי די פֿלעדערוויש ווייסט, וואָס די קרעטשמערקע זאָגט אין קוימען אַרײַן די בראָכע.

דער זויהער מאָג זײַן צוגעמאַכט אָדער אָפֿן פֿאַר ר׳... איז גאָר גלײַך, פֿון כיין וועגן טויג צום שווינדל, דער זויהער זאָל ליגן אָפֿן און ר׳... קרעכצט און קוקט אַרײַן. קרעכצן קאָן ער זייער ווויל אויסנווייניק. אין שטוב ווערט שטיל שאַ, אַז דער מיכל באַהעלפֿער איז אַרײַנגעקומען. די צוויי שאַמאָסים שטאַרקען מיכלען אַרויף צו ר׳.... און זיי בלײַבן פֿונוויַיטנס שטיין, אַלע גלאָצן מיט די אויגן אויף ר׳... וואָס ער וועט דאָ זאָגן, און וואָס אַזאַ... אייניקל דעם... ראָווס אַ זון וועט טאָן.

ר׳... טוט אַ מאַך צו דעם זויהער און קוקט קלוימערשט גאָרניט אָן דעם מיכלען, אָר די שאַמאָסים טוט ער אַ פֿרעג:

— וואָס האָט איר מיר געבראַכט דעם ראָשע אַהער צו מיר? מײַן זיידע און מײַן טאַטע האָבן גענוג געטראָגן די וועלט אויף זייערע פּלייצעס.

יעכעזקל שאַמעס גייט צו און לייב דער בלינדער שטעלט זיך אונטער יעכעזקלען:

— רעבע, אין לאַהיהאָפּאָלי, רעבע, האָט זיך נאָך אַזאַ מײַסע ניט פֿאַרלאָפֿן, אַזאַ מײַסע. איז קאָהאָל געזעסן, קאָהאָל, וואָס טאָרקעסטו מיר, בלינדער הונט, איך קאָן, באָרעכאַשעם, שמועסן, איך (דאָס האָט יעכעזקל אינמיטן געזאָגט צו לייבען). מיילע, רעבע, האָט קאָהאָל געזאָגט, קאָהאָל, אַז אַזאַ גרויסער גוטער ייִד, גרויסער, איז גראָד אין לאָהיהאָפּאָלי. לייב, איך וועל דיר געבן אַ פֿליאַסק, וועט דיר דאָס אַנדערע אויג אויך אַרויס, דאָס אַנדערע אויג. ווײַל קאָהאָל, רעבע, ווײַל קאָהאָל, רעבע, ווײַל קאָהאָל, איר זאָלט אים געבן אַ פּסאַק, איר, צי פֿון דער שטאָט אַרויסטרײַבן, פֿון דער שטאָט, און פֿונעם שידעך מיט אַרן שאַמעסעס מיידל, אים אָפּ. לייב, איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, איך, אַז דו זאָלסט מיך ניט טאָרכען, דו, איך קאָן, באָרעכאַשעם, שמועסן, איך, מיר דאַרף מען די צונג ניט פּיקן, מיר,— און פֿונעם כיידער, ווו ער איז אַ באַהעלפֿער, כיידער אַוואַדע...

יעכעזקל האָט נאָך ניט אויסגערעדט דאָס איבעריקע, כאַפּט זיך אָן ר׳... מיט ביידע הענט פֿאַר ביידע פּייעס, אופֿשטייענדיק מיט אַ ווילד פֿרומען געשריי:

— סטײַטש, אַזאַ ראָשע זאָל זײַן אין אַ כיידער, ווו ייִדישע קינדערלעך לערנען. ריבוינע־שעלוילעם, קודשע־בריך־הו, האָב ראַכמאָנעס אויף ייִדישע קליינע קינדערלעך! אַזאַ ראָשע זאָל לערנען מיט דײַנע ייִדנס קינדערלעך! ניין, איך הייס ניט! בעשומוים ניט! אוי און ווי געשריִען! אַן ערלעכן ייִדנס טאָכטער זאָל נעמען אַזאַ פּאָשע, אַזאַ ראָשע, ניין, ניין! איך הייס בעשומויפֿן ניט. ניין, ניין: בעשומויפֿן ניט! ניין! איך הייס ניט.—דער ר׳... וואָלט זיך ווײַטער צעבערענט און עפּשער געחייסן פֿון דער שטאָט אויך אַרויסטרײַבן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מע דאַרף געלט נעמען, איז ער געבליבן אַ מינוט שטילשווײַגנדיק און אַ קוק געטאָן אויף מיכלען.

מיכל דער קלוגער האָט זיך טייקעף געשטויסן און טוט זיך אַ נעם צום געלט־

בײַטעלע, וואָס עס הענגט בא אים אפן האלדז, און טוט א ווײַז דעם ר׳... (ווי אײנער רעדט: „אָט איז עס, וואָס דו ווילסט, ר׳...״). דערבײַ זאָגט ער:

— רעבע, דער שאמעס האָט אײַך ניט דעם עמעס געזאָגט. קאָהאָל, זאָל לעבן, האָבן מיך צו אײַך געשיקט, אײַך צו בעטן, איר זאָלט בא מיר נעמען אף א פּידיען. פאר מײַן אווײרע בין איך שוין גענוג אָפּגעקומען כארפּעס און בושעס. זאָגט, רעבע וויפל זאָל איך אײַך געבן אף א פּידיען? איך האָב אכט יאָר געהאָרעוועט אף מײַנע עטלעכע גראָשן, קאָהאָל האָב איך געגעבן צען גילדן אף א טרונק, זאָגט, רעבע, מיט ראכמאָנעס, וויפל זאָל איך געבן אף א פּידיען?

דאָס גאנצע זאָגעכץ האָט מיכל זײער גיך און געשמאק אָפּגעזאָגט אין צווײ מינוטן.

ר׳... האָט ניט קײַן צײַט געהאט זיך מעיאשעוו צו זײַן און מיט א גרויסן שווערן פרומען קרעכץ זיך צוריק אף דער באנק א זעץ געטאָן, אָפּגעלאָזט די פּײעס, נאָך א קרעכץ און נאָך א קרעכץ, דערנאָך טוט ר׳... א זאָג:

— ראָשע, אזוי פיל, וויפל דײַן נאָמען באטרעפט, אזוי פיל גילדנס זאָלסטו געבן ר׳... אײניקל אף א פּידיען, הערסטו, ראָשע?!

שמערל טעוויעס כאפּט א קרײַטל און באכעשבנט, מיט א זאָג:

— אקוראטנע הונדערט גילדן (און טוט זיך א קער צו מיכל באהעלפער). צײל באָכער, און מאך קײן האווײַעס ניט, עס וועט ניט העלפן, כ׳לעבן, דו האָסט א מאזל, וואָס דו הײסט נישט נאָסן (נתן), וואָלסטו געמוזט געבן ת״ק זעהוווים (פינף הונדערט). גיב גיכער, ווײַל דו הײסט מיכל אף דײַן טרײף מאזל, איז נאָר הונדערט גילדן.

מיכל באהעלפער זעט, אז ר׳... קוקט שוין זײער שטארק און וויל שוין די הונדערט גילדן א שלעפּ טאָן, הויבט ער אָן מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם צו בעטן:

— רעבע, לאָז גענוג זײַן האלבע גילדנס, ווי מע גיט פּורים קויפער־נעפעש־געלט צו האלבע גילדן. כ׳לעבן, איך האָב נעבעך זײער שווער געהאָרעוועט אף מײַנע...

ר׳... ווערט אינקאעס:

— גיסט דו, ראָשע, ווי ר׳ שמערל האָט באכעשבנט, טײקעף, איז גוט, אז ניט וועל איך...

מיכל זעט, די שפּיל איז פארן טײַוול, אז ר׳... האָט ליבער געלט פון ראכמאָנעס, טוט ער מיט א ביטערן קרעכץ א צײל שמערל טעוויעס אין די הענט ארײַן און קלינגט אומיסטנע מיט איטלעכן גילדן בעשאס צײלן. ער האָט געהערט, אז א פּראָסטע פּאָווערן בא א פור האָלץ קויפן, העלפט דאָס קלינגען מיט געלט בעסער אויסצודינגען, און צײלט אָפּ נאָר נײַנציק גילדן (ער טוט א קוק צו...).

— רעבע, א יאָ, די צען גילדן, וואָס קאָהאָל זאָל לעבן, נעמט איר אָן? זײ האָבן דאָך אײַך געשיקט דעם פּידיען, א יאָ, רעבע?

בא ר׳... האָט טאקע דאָס קלינגען געפּויעלט, אז ער האָט געשוויגן, האָט שוין שמערל צוגענומען די נײַנציק גילדן, ניט מער.

נאָר ר׳... האָט כוץ דעם געלט עפּעס צו באַברעמען די גאַנצע זאַך און א זאָג געטאָן מיט א פרומער האַווייַע:

— א האַלב יאָר דורכאַנאַנד זאָל מען אים ניט אופרופן און ניט צולאָזן צו קידעש־לעוואָנע. הערט איר, ראַבייסים.

מיכל באַהעלפער איז נעבעך אַוועקגעגאַנגען מיט א שווער האַרץ און מיט א גרינג בייטעלע. שפּעטלעך איז געווען. און בא א טאָגעס־טאָג שלעפּט מען די נאַכט־שטערן (אָדער ווי אַנדערע רופן די בראַנפן־שטערן, ווייַל, אַז שטערן שטייען, מעג מען א טרונק בראָנפן טאָן) באַצייַטנס אַרויס. איז דער אוילעם צעגאַנגען איטלעכער זייַן וועג.

ר׳... האָט דערטאַפּט אַזא באַרג געלט (אַזוי פיל מאַכט ער ניט אפילע אין פיר שטעט), האָט ער נאָך דער וועטשערע טייקעף געהייסן אייַנשפּאַנען די פור און אַוועקגעפאָרן ווייַטער לייַגן, ווייַטער מייַסעס דערציילן. ניט גיך וועט זיך אים אַזא מייַסע טרעפן, ווי אין לאָהיהאָפּאָלי.

די שטאָט לאָהיהאָפּאָלי האָט געהאַט וואָכנלאַנג צו ריידן און צו שמועסן פון מיכל מאַציוועס מייַסע. ווערטלעך, גלייַכווערטלעך זייַנען געפלויגן אַליך אַף מיכלס טאָנעס און אַף אַלע זייַנע טאַנייסים.

אַרן שאַמעס האָט צעריסן די טנאָיִם.

ר׳ שלוימע בעשעכיִעס האָט אַן אַנדער באַהעלפער צוגענומען.

עסריק־בענטשן.

י. י. לינעצקי.

מיקווע.

ווי איך בין נאָר אַלט געוואָרן פיר יאָר, האָט מיך דער טאַטע גענומען אין די הענט אַרײַן, און האָט מיך אָנגעהויבן מעכאַנעך זײַן מיט מיצוועס און מײַסים־טויווים. ער האָט מיך געלערנט ניט צובינדן דעם קאָלנער צום העמדל ווי אַ כאָרט... צו־האַלטן די גאַנצע נאַכט די יאַרמלקע מיט ביידע הענט, זי זאָל כאָלילע ניט אַראָפ־פאַלן אין שלאָף פון קאָפ... פּייסעך זאָל איך מיט אים אויסזיצן דעם סיידער ביז די האָנען קרייען; יאָמקיפּער זאָל איך ביז צוועלף אַזייגער ניט נעמען גאָרנישט אין מויל אַרײַן און אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן אין די זאָקן; סוקעס שלאָפן אין סוקע אַפילע אין דער גרעסטער קעלט; זיך ניט קעמען די פייעס נאָר פון פרײַטיק צו פרײַטיק, אַלע ערעוו־שאַבעס גיין מיט אים אין מערכעץ אַרײַן און אָפּגאָלן דאָס קעפּל ביז אין דער הויט אַרײַן, אוכדוימע אַזעלכע מיצוועס... נישט מער, וואָס מיט די אַלע מיצוועס איז געווען, רייד איך שוין ניט, נאָר דער מערכעץ אַלע פרײַטיק, — דאָס איז מיר דערגאַנגען מײַנע יאָרלעך! און ווײַל איך וועל לעבן, קאָן איך דאָס ניט פאַרגעסן. און ווען איך דערמאָן זיך אין דעם, גייט מיר איבער אַ גרויל איבערן לײַב! שטעלט אײַך פאָר דאָס פינצטערע, ברענענדיקע יידישע מערכעץ אין פוילן, ווי עס קער צו זײַן, און דאָרט פלעגט מיך דער טאַטע אַלע פרײַטיק אַרופטאַסקען אַף דער אויבער־שטער באַנק און קאַטעווען מיטן בעראָזעווען בעזעמל אַ פערטל שאָ קעסיידער פאַר דער מיקווע און אַ מינוט צען נאָך דער מיקווע... און דאָס איז נאָך ערשט אַ שפּי־לעכל געווען קעגן דער קאָמעדיע אַליין — איך מיין די קאָשערע מיקווע, זאָל לעבן! יענץ האָט מיר נאָר וויי געטאָן, און דאָס האָט מיר טויט־שרעק געמאַכט... און איר ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז אַ קינד איז לײַכטער איבערצוטראָגן צען ווייטיקן איידער איין שרעק! שטעלט אײַך פאָר אַ דרײַ־יאָריק ייִנגל, וואָס ווייס נאָר אַרומלויפן גאַנצע טעג אַף דעם שיינעם, שפּילענדיקן ליכטיקן דרויסן, כאַפּט ער מיך פלוצלונג באַם הענטל און פירט מיך אַף דרײַסיק־פּערציק שמאָלע, קרומע, צעבראָכענע, גליטשנדיקע טרעפּ אַראָפּ, אַראָפּ אין אַ פינצטערן, קאַלטן, טיפן גרוב אַראָפּ, ווו אַף דעם גאַנצן מעהאַלעך שטופּן זיך הין־און־צוריק נאַקעטע, גליטשיקע מענטשן — ייִדן. איר פאַר־שטייט! ייִדן! ניט מיין גלײַכן — ייִנגעלעך... וואָס מיט יעדן גליטשיקן ריר זייערן אין מײַן לײַב כאַפּט מיך אַ גרויל, וואָס איך קאָן גאָר דעם טאַם ניט איבערגעבן... דעסטאָ שרעקלעכער נאָך, וואָס איז אין אַ פינצטערן טהאָם... און דערצו הערט זיך נאָך אַלע רעגע אַ מין פאַרבאָרגענער ווײַטער טויבער פּליוסק אין וואַסער און אַ פאַר־דומפּן קאָל, ווי עפּעס אַ שרעקלעך ווידערקאָל אין אַ פינצטערן געדיכטן ווילדן וואַלד, פונוואַנען מע קען, דאַכט זיך, אייביק ניט אַרײַן און ניט אַרויס...

און אָט אין די אַלע גרוילעכע, שווידערנדיקע שרעקן כאַפּט ער מיך פלוצלונג פאַר די הענטלעך, ווי אַ רועך אַ מעלאַמעד, און טוט מיך אַ פּוץ איבערן קאָפּ אין וואַסער אַרײַן אַזוי, אַז אַרויסנעמענדיק מיך, ווייס איך לאַכלוטן גאָרניט, וואָס מיט

מיר טוט זיך, נאָר איך פלאַטער, ווי א פארסאמטע מויז, איך טרעפּעטשע מיט הענט און פיס, גאָר ווי איך זוך אין דער פינצטער מײַן נעשאָמע... איר האָט א באגריף אין מײַן טויט־שרעק?!... יאָ!—א ליגן! וויפל איר שטעלט אײַך פאָר, איז, כ׳לעבן, נאָך קיין טויזנט כיילעק ניט דערפון, וואָס איך האָב איבערגעפילט אין דער מינוט!... כוץ דעם איפּעשדיקן רייען מיטן טערפּקע־ביטערלעכן טאם פון מיקווע־וואסער, אָדער בעסער געזאָגט, פון דער פאמוינער יאמע... אינעמעס בין איך טאקע פון דעם טאטנס מערכעצן און מיקוועס אזוי ריין און זויבער געוואָרן, אז איך קאָן מיך נאָך אדײַעם ניט אָפּוואשן מיט די בעסטע זייפן און מיט די לויטערסטע פרישע וואסער...

מ. ראָזענפעלד.

די ערשטע טווילע.

עס ברענט דער פראָסט, עס שנײַדט דערווינט,
און באשע פירט און צילע
דעם פישערס טעכטערל, אצינד
אין קאלטן וואסער־טווילע.

„ניט שרעק, זיך, קינד, ניט מאך דערפון!
די צײַט האָט אָנגעוווּנקען:
פארגאנגען איז דאָך שוין די זון,
דו מעגסט זיך אונטערטונקען.

„דעם בוירעס כסאָדים זײַנען גרויס,
נישקאָשע, מאך קײַן טנוּע!
דו שפּרינגסט ארײַן, דו שפּרינגסט ארויס,
און קאָשער, צו רעפוּע”.

און זי—עס צוקט דאָס צארטע לײַב,
אין ווילדן פראָסט און שטורעם.
אָ, ווילסטו זײַן א יידנס ווײַב,
געוויין זיך צו יעסורים!

זי שפּרינגט ארײַן, זי שפּרינגט ארויס,
אומזיסט, אומזיסט, נעכאָמע!
דאָרט שטייט און קוקט דער באלעגוף —
דו ביזט געבליבן טאָמע.

און ווידער האָבן זיך געטוקט
מיט שרעק די שײנע גלידער;
דאָך פונדערווײַטן שטײט און קוקט
דער אָרל—טאָמע ווידער.

אלץ שטארקער ווערט דער פראָסט, ער ברענט!
די מוטער און די שכײנע,
זײ ברעכן די צעפראָרענע הענט,
און בלײכער ווערט די שײנע.

„נו, טו זשע ווי דער דין איז, קינד!
אוועק איז שוין דער ראָשע
ארײַן צום דריטן מאָל געשווינד!
קײן בײז, קײן בײז, נישקאָשע!"

די בלײכע ווײַכט פון דין ניט אָפּ
און טוט, ווי ס'שטײט געשריבן:
און איז שוין דאָרט פארבליבן...
זי איז ארײַן, זי איז אראָפּ.

י. ל. גאָרדאָן.

די יידישע פרוי.

יידישע פרוי, ווער קאָן דען דײַן לעבן.
אין נאכט ביסט געבוירן, אין טונקל פארשווינדסטו;
דײַן אומעט, דײַן פרייד, דײַן האָפן, דײַן שטרעבן —
אָן אויסוועג זײ זינקען אין טהאָמען אין פינצטערע.
די ערד מיט איר שעפע, די ערד מיט איר גוטסקײַט,
ווען נאָר ווען, נאָר דיך אויסגעמיטן;
אן אייביקע שקלאפן — וואָס קאָן עס דיר נוצן, —
געוועלב דײַנע ענגע זי בינדט נאָר די טריט דיר;
און טראָגן און האָבן, אנטווינען און זויגן
און שטײן בא דער אויוון מיט יוגנט געבויגן.

און וואָס, אויב דײַן הארץ איז געשליפן פון זונען,
דײַן קאָפּ איז באשאָנקען מיט לויטערן וויסן, —
אז אלע און שטענדיק האָבן אײנס נאָר געפונען,
אז בעסער, אז גאָלד דײַנס זיך וואלגערט אין מיסטן...

אז ווײ איז צום אויער, ווו ס׳גרייכט נאָר דײַן קאָל אָן,
די האָר דײַנע דײנע — פאר אלע א שרעק־פונקט; [1]
און דו אײנגאנצן — פון בלוט און פון עקל —
די זינד פונעם שלאנג נאָך, פון לאנג, פון אמאָל אָן...
פאר דיר איז קײן אָרט דאָ, ווו וויסן, ווו שײן איז,
ווו פריידן, ווו ליכט איז — דאָס אָרט איז ניט דײַנע.
נאָר גוט כאָטש, וואָס ווייסט ניט דידאָזיקע שפראכן
פון שול און פון טפילעס, פון לויבן דעם בוירע —
און הערסט ניט דאָס שטענדיקע שפּאָטן און לאכן:
„אדאנק דיר, וואָס כ׳בין כאָטש קײן פרוי ניט געבוירן" [2].

אן אייביקע שקלאפן בא אלע פארעכנט, —
נאָר וויגן און זויגן אף דעם ביסט בארופן;
א קו איז אף מילך — און דו ביסט דען העכער?
א הון — אירע פליכטן — זיך לייגן אָן אופהער,
איז וואָס און צו וואָס זשע דיך שלייפן און לערנען —
אז יעדעס דײַן וואָרט איז מיט זינדפולע קערנער.

און אויב, אז סע טרעפט דיך אן אומגליק אזא גאָר;
דער מאן איז געשטאָרבן, קײן קינד אף באשיצן —
צו טראכטן פון אופבוי דו טאָרסט גאָרניט וואגן,
נאָר זיצן און ווארטן ביז נעמען וועסט כליצע...
דײַן פאָטער דער אלטער, אוועק אין זײַן רו איז,
באקלאָגט האָסט אים מערער פון זין זײַנע אלע;
און ווו איז דאָס רײַכטום, דאָס גוטס זײַנע ווו איז?
בא זײ, בא די זין אלץ, און דײַנס איז פארפאלן... [3]
אז ניט נאָר דאָס גאָלד זײ, די זלידניעס, איז טײַער —
אז „מיצוועס" — איז אויך נאָר: „גענוג וועט זײַן דרײַ איר".

ײדישע פרוי, דו ביסט שטענדיק פארצאָרנט,
שטענדיק ביסט דאָרשטיק און נײַגעריק ביסטו;
א בוים א געבענטשטער. פארוואנדלט געוואָרן
אין טרוקענעם דאָרן אף זאמדיקער וויסטע.

---

[1] לויטן ײדישן דין איז פארבאָטן הערן דאָס געזאנג און זען די האָר פון א פרוי — ס׳איז פארעכנט פאר א שאנד.

[2] א ספעציעלע אינדערפריקע טפילע פאר מאנצבילן.

[3] לויטן דין קומט דער טאָכטער א נישטיקער כײלעק פון דער ירושע.

אז דו ביסט דער באָדן, און דו ביסט דאָס שווארצערד,
נאָר קיינער האָט דיך ניט צעאקערט—פארלאָזן;
אליין נאָך א קינד גאָר, טראָגסט קינדער באם הארצן,
און דער האָט געפּאָקט שוין, און דער וועט נאָך מאָזלען.
אז איידער באוויַיזט זיַין א טאָכטער א גוטע,—
דו ביסט שוין א וויַיב און פאר קינדער א מוטער.

א וויַיב—און פאר וועמען—מע וועט שוין דיר ברענגען,
צי האָסטו געהערט גאָר, צי האָסטו געזען אים;
פון ליבע ווער רעדט שוין—מע דארף דאָך געדענקען,
אז ליבע איז אָסער, אז ליבע איז גענעם.
א ייִדישע טאָכטער מיט ליבע וואָס קערט אָן!
אז איידער געבוירן, מיט פערציק טעג פריער
א באסקאָל פון הימל שוין טוט זיך באמיִען
פאר עמעסן זיוועג, פאר זיוועג באשערטן:
„די טאָכטער פון דעם אָט, אז זיַין זאָל פאר יענעם",
און ליבע איז אָסער, און ליבע איִז גענעם...

דעם קאָפּ—איִן א שלייער, דאָס פּאָנעם—פארהיילן,
די האָר דיַינע צארטע אן איַיזן פארגוואלטיקט [1];
וואָס קוקסטו ארום זיך, וואָס ווערסטו שוין פוילן,
צי איז ער א קינד נאָך, צי איז ער אן אלטער.
אז דיר איז אלציינס דאָך, מע האָט דען געפרעגט דיך,
אז ווו איז געהערט גאָר—אליין זיך געוועלטיקן
און זאָגן, זי וויל ניט אָט דעם אָט, דעם העקדעש,
אז זיי, אז דעם טאטן און מאמען געפעלט ער...
און יאָרן אזוינע ניט גרינג איז פארגעסן —
ווי ס'קומט אָן דער מאן באלד—און ער איז ניט בעסער.

קיין הויז ניט געבויט זיך, קיין גאָרטן געפלאנצט זיך.
געוואַרט און דערוואַרט זיך א פארטיקן נעסט דאָ;
מיט ברויט און מיט זאלץ און מיט ווארעמען אָנצונג,
א בעט און אן אלקער—אף יאָרן א קעסט־קינד.
נאָר ס'לויפט דורך א יאָר און א צווייטס און א דריטעס —
אף אקסל אף פרעמדע מע קאָן דאָך ניט שטענדיק:

1) ס'איז איַינגעפירט געווען, אז צו דער כופּע האָט די קאלע געמוזט זיַין מיט אן אָפּגעשאָרענעם קאָפּ און מיט א דעקטוך איבערן פּאָנעם.

דער נאַדן אוועק איז—די קעסט שוין געענדיקט,
דורך לײַב זײַנעם דינעם סע לויפט דורך א ציטער.
וואָט טוט מען אצינדער, ווו זוכט מען פּאַרנאָסע —
אז קוואלן, אז אלע זיי זײַנען געשלאָסן?

פּאָלקליד.

ווי עס קומט די צײַט נאָך פּורים.
גרייט מען זיך צו מאצעס גלײַך.
מע יאָגט זיך אוועקצולייגן די קרעפּטן,
נאָר דעם בעקער צו מאכן רײַך.

א שטיקל טרוקן ברויט מיט וואסער
קומט מען אָפּ די גאנצע טעג.
דער בעקער שטייט און יאָגט די קויל,
ער שרײַט: „געוואלד, ס׳איז שוין שפּעט!״

שנעלער לייגט ארוף דעם וואליק
אף דער בלעטל, וועלגערט אויס!
ס׳ליגט שוין טייגלעך גאנצע כמאליעס,
מ׳כאפּט שוין די מאצעס פון די הענט ארויס.

* * *

ווי מע קאָנטשעט נאָר די ארבעט,
זייגער צען, שפּעט באנאכט —
יעדערער ליגט שוין אף זײַן קיוועך
אונטער צוויי טוץ שטרוי מיט א זאק.

אזוי קוועטשט מען אָפּ די ביינער
אונטער די צוויי טוץ שטרוי מיטן זאק.
פון דעם קרעכצן העלפט ניט קיינער
בא די מאצעס—טאָג און נאכט.

שנעלער לייגט ארוף דעם וואליק
אף דעם בלעטל, וועלגערט אויס!
ס׳ליגט שוין טייגלעך גאנצע כמאליעס,
מ׳כאפּט שוין די מאצעס פון די הענט ארויס.

לויט שאצקעס
(1825—1899).

א פייסעך-אידיליע.

(ב י ל ד ל ע ך).



אין דער גרויסער שטוב זיצט זיך דער באלעבאָס אליין, ניט קיין בעזדיעטניק,
כאָלילע, מיט היפשע עטלעכע קינדערלעך, מיט פארשיידענע אויפעס, א בעהיימע מיט
א קעלבל אויך... אין איין ווינקל פון שטוב שטייט דעם באלעבאָס צוויי בעטן מיט
א וויג־בעטל, א קאסטן אף רעדלעך, א שלאָפבאנק, א לאנגער טיש ניט קיין געפארב־
טער, ארום מיט לאנגע שמאָלע בענקלעך. באם טיש קנעלט א דארדעקע־מעלאמעד,
א כומעשניק, מיט א היפש ביסל טאלמידים. אינעם אנדערן ווינקל שטייט א גרויסער
אויוון מיט א שווארצן לאָך צום קאָכן, דערביי שטייט א היפשע פאָמוניצע, ווי דער
יאם שעל שלוימע, וואָס אלע שכיינים גיסן אין איר א גאנצע וואָך, און די קינדער־
לעך, בימכילע, קאָן מען דאָך ניט ארויסלאָזן אפן גאס באדערנאכט אויך... אונטערן
סטעליע געפינט זיך מאמעש פון פויגלמילך: מאכזוירים, סליכעס, קינעס, א היפשע
פעקל טכינעס, אלטע לוכעס, באָבע־מייסעס, צענטורע־וועגטורע, אן אלטער קאָרבנ־
מינכע, זומערדיקע קאפעליושן, לולאָווים, א זעקל מיט קעמעך־שמורע, טרוקענע קעזלעך.
אף דעם—די סעדעלעס פון אלע אויפעס פון אלע שכיינים. טירן און פענצטער זיינען
ארומגעשלאָגן מיט פארשיידענע שיראמיילעסן פון זכאָרים און נעקייוועס, מאכמעס
קינפעטערנס גייען ניט אויס—איין שכיינע שטייט אוף, די צווייטע לייגט זיך. דאָס

מיסט פון אונטער די בעטן און די שאפעס מיט די קופערטן ווערט א גאַנץ יאָר ניט אויסגעקערט—די ארבעט געהערט צו ערעוו־פייסעך, פאר בעדיקעס־כאָמעץ.

אלע טעג פון א גאנץ יאָר איז נאָך טאק־סיאק, געווים קריגט מען זיך יעדער טאָג און אָפט שלאָגט מען זיך אויך א ביסל. די שטוב איז שטענדיק פול מיט קוילעס און קלאָלעס, געוויינען פון די כיידער־יינגלעך, וואָס שטייען מיט די היילע אָכערס ארום טיש, און דער מעלאמעד, דער פעלד־גאזלען, פיטשקעט מיט א רוט גאָר אָן א כעשבן; דאָס מעשוגענע קעלבל טאנצט, די ציג מעקעט, די אויפעס פליען, די שכיינעס שלאָגן און שילטן די קינדער. נאָר דער גרעסטער טומל און ראעש קומט פאָר ערעוו־שאבעס און ערעוו־יאָנטעוו, אָט דאָ עקט זיך די וועלט—עס איז גוואלדן איבער גוואלדן, אין שטוב איז כוישעך־אפיילע, אָנגעגאָסן, אָנגעפאטשקעט, אף וואָס די וועלט שטייט. אלע קינדער, וואָס זיינען דעמלט פריי פון כיידער, קערן אום די שטוב קאפויר; אלע וויבער שילטן און קאראָניען איינע די אנדערע און מע רופט זיך אויס, וואָס אין קאָרט שטייט ניט:

— א קלאָג, א בראָך, מיינע כאלעס זיינען גאָר פארברענט!

— איך בין דאָ עפעס אן איינגעבעטענע, הא? מיין יויך האָט מען אויסגעקערט!

— די קאץ האָט ארויסגעכאפט דאָס בעסטע שטיקל פיש פון דער פאָן!

— רוקט שוין דעם טשאָלנט, איר ווילט דען מעכאלעל־שאבעס זיין?

— א גרוב האָט זיך אים געוואָלט! באגראָבן זאָל ער ווערן, ווי ער האָט מיך באגראָבן!

— ווער האָט די בעהיימע אריינגעלאָזט אין שטוב? זי וועט דאָך די פאָמוניצע אויסקערן!

— געוואלד, ווי ווערט מען שוין פטער פון מיין לעבן?!

אָט אזוי קאָכט, ווי אין א קעסל, קוילעס־ווּראָקים פון אלע זייטן, קלאָלעס און כראָמעס, געזידלט און געוואשן איינער דעם אנדערן, ביז דער שאבעס אָדער יאָנטעוו ווערט מיט גליק פארטיק.

שטעלט אייך שוין היינט פאָר, וואָס דאָ טוט זיך אביסל אָפ ערעוו־פייסעך!

* * *

— הערט נאָר צו, איר וויבערלעך, איך ווייס גאָר ניט, עס זאָל מיך אזוי קיין שלעכטס ניט וויסן, ווי איך ווייס ניט, ווי עס וועט דאָ אין שטוב ווערן פייסעך,— האָט אָנגעהויבן איינע א שכיינע, א פיסקעוואטע און א שטיקל זאָגערן, מיטן נאָמען געליע די גלאטשערקע.—אז איך בין אביסל יינגער געווען, איז טייקעף נאָך פורים טאקע, אפמאָרגן, האָב איך שוין די שפייז־שאפע אויסגעוואשן און קאָשער געמאכט, און איצט איז שוין דאנק דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס איך בין ניט ווערט אים צו דערמאָנען, אוועקגעגאנגען נאָך פורים א היפשע צייט און ס'הויבן זיך מיר גאָר ניט די הענט. איך שרעק זיך אביסל פאר היינטיקן פייסעך, נאָר האלעוויי זאָל איך בעסער ליגן זאָגן!

געליע די גלאַטשערקע האָט שטאַרק אופֿגערודערט דאָס װײַבערשע געזעמל און אָנגעװאָרפֿן אַף זײ אַן אײמע. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהױבן די עמעסע גערעדערײַ.

— ער פֿאַרגעסט גאָר, מײַן מאַן, — האָט זיך אָנגערופֿן אַ צװײטע שכײנע פֿון דער זײַט, — אַז עס איז שױן קאַרג געבליבן צו פּײסעך. אַרבעט איז דאָ, װיפֿל האָר אַפֿן קאָפּ. מע איז דאָך עפּעס אַ שטיקל באַלעבאָסטע — אַלעס צעװאַשן, אָפּװאַשן זאָל מען אים טױטערהײט, אַלעס צעשײַערן, קאַלעכן, װײַך מאָלן, באַקן מאַצע, נײען אַ זעקל אַף די װײַך, נײען זאָל מען אים שױן טאַכריכים אין די גיכע צײַטן! ער מײנט אײנעמעס, אַז איך װעל אים קאָכן, פֿאַר פּײסעך קאָן ער אַביסל דאַרן!

אין אַזעלכע שמועסן האָט מען פֿאַרבראַכט ביז האַלבער נאַכט. פֿון די שמועסן אַרום פּײסעך איז מען אַריבער צו אַנדערע — אַרומגערעדט די גאַנצע שטאָט פֿון עק ביז עק, יעדן באַלײדיקט, מעװאַזע געמאַכט, דערצײלט װילדע מײַסעס פֿון מעכאַשפֿים און מעכאַשײפֿעס, פֿון זגאַכערס, פֿון שײדים און לײצים, מיקױעך פֿאַרשאָלטענע, שטראַשידלעס, זמיִען, בײזע װינטן, פֿאַרכאַפּעניש, פֿון דרײען אַ קאָלטענע, פֿון קליפּעס און דיבוקים, פֿון גוטע ייִדן, פֿון טאָטערן און ציגײַנער, קאָרטן־װאַרפֿערנס, מיקױעך אילױִם, בעזדיעטניצעס, פֿאַרשאָלטענע אױצרעס, פֿון מאַלעך־דומע, כיבעטאָקײװער, ערעץ־ייִסראָעל־מעשולאָכים, מיקױעך אַ גױלעם, פֿון גילגולים, גענעם און גאַנײדן, ביז עס איז געװאָרן גאַנץ שפּעט אײַנגעדרעמלט און אַזױ איז מען אײַנגעשלאָפֿן.

אַז עס איז געװאָרן טאָג, האָט זיך ערשט אָנגעהױבן דער עמעסער יאָמהאַדין. די אױפֿעס האָבן אָנגעהױבן פֿליִען, האָבן אַראָפּגעװאָרפֿן אַלע טעפּ פֿון דער פּאָליצע, אינדיטשקעס האָבן געקװיטשעט, אינדיקעס — געהאָלדערט, די קינדער האָבן געפּײַפּט און געלײזט פּעטש און קולאַקעס, דער גאַנצער פּאָל איז פֿאַרשטעלט מיט די קײלים פֿון די שאַפֿעס.

אַז די מאַנען זײַנען געקומען אַהײם פֿון דעם דאַװנען און האָבן געטראָפֿן אַזאַ בילד, האָבן זײ געכאַפּט צו עטלעכע קלאָלעס און האָבן טײקעף געמאַכט פּיס.

— לױף, מאַמזער, לױף, מעשומעד, — האָט אַ ייִדענע געשריִען, שאָבנדיק די שאַפֿע, — לױפֿן זאָלסטו שױן אָן אַ העמד; איך װײס ניט װאָס פֿריִער צו טאָן — צי קאָנטשען די שאַפֿע רײן מאַכן, צי אױפֿקאָכן עפּעס פֿאַר די קינדערלעך, זאָלן לעבן, צי די אינדיטשקע אָנשטאָפֿן, כ׳לעבן אַ ראַכמאָנעס. דער שװאַרציאָר האָט מיך אױך אַרײַנגעטראָגן מיט דער שוטפֿעס. אַ גרױסע יאַכסנטע! זי איז קראַנק אױך אַמאָל זען עסן געבן!

די װײַבער, װאָס זײַנען אַזױ אַ גאַנצן טאָג געקאָליעט געװאָרן פֿון קעלט, געבליבן אָן קױכעס פֿון האָרעװאַניע, פֿון הריזאָטע, האָבן זיך קאַם אַרײַנגעכאַפּט אין די בעטן און האָבן שטאַרק געקרעכצעט. די מאַנען, װאָס זײַנען בײַ זיך אין בעסמעדרעש געװען גרױסע מעיוכאָסים, האָבן זיך באַדערנאַכט, װי די גאַנאָװים, אַרײַנגעכאַפּט אין שטוב אַרײַן — װער עסן? װאָס עסן? די הונגעריקע שיר־האַשירים־מעיוכאָסים האָבן מיט גרױסע צאָרעס קאַם־קאַם צוגעשלאָגן זיך צום בעט און אַנידערגעלײגט זיך.

אָבער אַ הונגעריקן נעמט קײן שלאָף ניט. עס פֿאַרשלאָגט אים נאָך דער אָטעם פֿון די שלעכטע רײכעס פֿונעם אינדיק, װאָס פֿראַװעט נעקיִעס איבער זײַן בעט. ער

ליגט אין געהאקטע ווונדן און קלערט: „וואס פאר א טאלק מאכט מען דא? דאס גאנצע צימער איז פארשטעלט מיט קיילים, עס איז ניטא פאשעט, ווו א נאז אויסצושנייצן!” נאר קלער היינט, קלער מארגן. ריידן טאר מען ניט.

עס ווערט ווידער טאג. א כאפ ווידער דעם טאלעם און געמאכט פיס.

* * *

דער בעסמעדרעש איז פול מיט מענטשן, אלע ריידן—א שטארקע מאכלויקעס. וואס איז? עטלעכע מענטשן האבן פארגעלייגט א פלאן, אז באם יאקרעס וואלט קיין אולע ניט געוועזן, אז דער ראוו, „זאל לעבן”, זאל מאטיר זיין צום געברויכן פייסעך ארבעס, בעבלעך, הערינג און גרויפנס. נו, נו! דערויף האבן זיך א כאפ געטאן אייניקע אייניקלעך נאך פון דעם אלטן מאגיד און פון דעם אלטן ראוו, איידעמס א גאנץ פעקל, וואס טשוט־טשוט קריגן זיי סמיכע אף ראבאנעס, דעם שויכעטס א שטיפזון, א יונגערמאן א מופלעג־גאדל און א קרומער מויעך, פרושים מיט שפיציקע קעפלעך און פארקרימטן סייכל, דער שטאט־מאסמיד—אויך א יונגערמאן א כאריף מיט זיבן קעפ, וואס קען מעשוגע מאכן הונדערטער מענטשן; אט די אלע האבן זיך געשטעלט קעגן דעם פלאן. פארשיידענע סווארעס זיינען געפלויגן אינדערלופטן—איינע קרומער פון דער אנדערער. יעדער מעטורעף האט דא געקריגן אן ארט ארויסצוגעבן זיין כאריפעס און קאפ־שטיק. אין גאנצן בעסמעדרעש האט געקאכט, ווי אין א קעסל. דער אוילעם איז געשטאנען אויסגעשלאפעט די צונגען און האבן קימאט גארניט פארשטאנען דעם גאנצן וויקועך; ווילדע אויסדריקן פון פייסעך־דינים האבן זיי דא געהערט און האבן דאס ניט געקענט אפילע נאכזאגן. דער קלאל איז—זיי האבן געמיינט, אז די כאכמע פון דער אייזנבאן, פונעם טעלעגראף און פון דער פאטאגראפיע הויבט זיך גארניט אן קעגן די כאכמעס, וואס ווערן דא ארויסגעגעבן מיקויעך די ארבעס מיט הערינג.

אינמיטן האט זיך ארויסגערוקט איינער א יונגערמאן (מע האט אף אים שטענדיק געמורמלט, אז ער איז געכאפט...) און האט א שטעל געטאן א קלאצקאשע:

— איך בעט אייך, גיט מיר צו פארשטיין, פארוואס זאל מען עס טאקע ניט עסן שטענדיק, אפילע ניט אין א יאקרעס, אבי איינער האט דאס ליב?

אבער די מעשוגענע כאריפים, וואס ווילן ציען העלפאנדן דורך לעכלעך פון נאדלען, האבן געשריען, אז אזוינע רייד טאר מען ניט הערן, מע טאר ניט פוירעך־געדער זיין.

— נישקאשע, מע וועט פאר הונגער ניט שטארבן, כאלילע,—האבן זיי געשריען.

— הערסטו, דו כאצעף איינער,—האט א געשריי געטאן דעם שויכעטס שטיפזון,— איך זאג דיר, אז דו זאלסט אופהאלטן דיין מויל, אניט וועסטו שטארק כאראטע האבן! פארשטייסט, וואס מע מיינט?!..

דער יונגערמאן איז שטארק צעקאכט געווארן פונעם שטיפזונס רייד, ער איז גאר פון די קיילים ארויס. מיט א ציטעריקער שטימע האט ער געענטפערט:

— וואָס סטראשעט איר מיך? איך בין ניט פון די קלייקווידעש, כ'לעב ניט אפן פרעמדן כעשבן. אײַך איז גוט צו שווײַגן: קיין טאקסע צאָלט איר ניט, קאָנט איר עסן פלייש טאקע, ווי עס קריכט אײַך פונעם האלדז. כ'לעבן, פון די אלע נארישע מינהאָגים האָט איר גאָר דאפקע די שיינע פארנאָסעס. פונוואנען לעבט אייער שטיף־פאָטער ווי א פירשט, ווען ניט פון דער טאקסע?! די טאקסע אָבער האלט צו די שאָכטים, און די שאָכטים מיט די ראבאָנים האלטן צו די טאקסע... איך ווייס אפילע, אז מיט די אלע מײַנע רייד וועל איך דאָ גאָרניט אויספירן, נאָר ס'גלוסט אמאָל טאקע באווײַזן, אז מע פארשטייט, וואָס מע באדארף.

אף די רייד האָבן זיך א קער געטאָן אלע פרושים, מערידאלנע און אנדערע טאקע מיט א שעווער, אלע איידעמס מיט די סמיכעס אף די פלייצעס, אייניקלעך מיט אָפגעגאָלטע קעפלעך און צייכנס פון באנקעס אף די פאטילניצעס, קרומע קעפּ, כאריפים, גלאט צוויאקעס און ס'האָט געקאָנט ווערן, ווער ווייסט וואָס. נאָר איינער איז פלוצים צוגעגאנגען צום אָמעד און האָט א זאָג געטאָן „באָרכו״, איז שטיל געוואָרן. דער אוילעם דאוונט מײַרעוו. נאָך מײַרעוו איז דער אוילעם זיך צעקראָכן איינציקווײַז.

* * *

די מיל איז פול מיט מענטשן. יעדערער וואָלט שוין גערן פאָטער ווערן, מ'זאָל שוין אָפּמאָלן זײַנע ווייץ אף פייסעך. באלעבאטים זיצן מיט די ווײַבער. קוילעס, קלאָלעס און זידלערײַען פליִען פון אלע זײַטן. דער, וואָס איז מער כאָשעוו, יענעמס ווייץ מאָלט מען פריער. מע קריגט זיך מיטן מילנער. איינער דעם אנדערן מאכט צו קויט און צו בלאָטע.

— ווי געפעלט ער אײַך? אים דארף מען נאָך אויך אנטקעגן טראָגן די ווייץ,— שרײַט דער מילנער צו איינעם,— זייער א גוטער צאָלער, אזא יאָר זאָל ער האָבן. אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיך נעמען דײַן זעקל און גיין, איך באדארף ניט אזעלכע קוינים,— שרײַט דער מילנער מיט גרויס שטאָלץ צו א צווייטן.

— איך פארשטיי ניט,— רופט זיך אָפּ א ייִד,— פארוואָס זאָל מען עס טאקע ניט ניצן דאָס מאָרעמיינסקע מעל, וואָס מע ברענגט פון וואָלין און פארשפּאָרן האָבן דעם גאָלעס. זיצן זיך אין קעלט און אין נאסקײַט. און וואָס איז? איז יענץ מעל קיין מעל ניט? דאָס גייט דאָך אויך מיט א העכשער!

— איר זעט דאָך,— האָט זיך אָנגערופן נאָך א ייִד א צעפראָרענער,— אז דער ראָוו איז א גרויסער מאקפיד אף „קעמעך־כויך״. ווערדליק איך האָב געהערט, וועט מען מאָרגן אויסרופן אין אלע באָטע־מעדראָשים, אז מע זאָל טאקע בעשומויפן ניט ניצן קיין פרעמדע מעל.

— צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן,— זאָגט א דריטער,— דאָס איז נאָר א מעלאָכע פון די היגע מילנער. איך וועל אײַך ניט זאָגן זיכער, אז זיי האָבן טאקע פּאָשעט דעם ראָוו אליין ארײַנגערוקט עפּעס אין האנט ארײַן, נאָר מיט די דאיאָנים, מיטן

בעסדן־שאמעש און מיט דער רעבעצן איז געוויס א מעלאָכע. אָט מיט אזעלכע זאכן ברענגט מען אנדערע מענטשן פון די קיילים ארויס.

* * *

שוין דאָס מעל אויך פאראַן. מע האָט אראָפּגעבראכט די געוויסע ייִדענע, וועלכע איז געווען צו די צען זאכן, וואָס זײַנען באשאפן געוואָרן ערעוו־שאבעס פארנאכט, צו זיפּן פּייסעכדיק מעל. אזא ייִדענע דארף זײַן אן אלמאָנע שוין פון קאמע יאָרן, האָבן א שטיקל יעדיִע אין קישעף, זײַן קלאָר אין אלע ייִדישע מינהאָגים, קענען אָפּשפּרעכן אן אײַנהאָרע, אויסגיסן אייער און וואקס, וויקלען א בויך און פארריידן ציינער, וויסן, ווי מע איז זיך נויהעג מיט א קאָלטענע, אויסזויגן די שלעכטע מילך פון א פארלעגערטער ברוסט, אויסטליקן א פארך — אָט אף אזא זנאכערקע קאָן מען שוין זיכער זיך פארלאָזן, אז זי וועט וויסן, ווי זיך נויהעג זײַן מיטן זעקל.

די אלמאָנע האָט זיך אָנגעטאָן לעקאָוועד דעם זעקל אין א ווײַסער העמד, מיט א פאטשיילע ארומגעבונדן דאָס מויל, עס זאָל, כאסוועשאָלעם, זיך ניט ארויסכאפּן קיין שפּריץ, מען האָט ארײַנגענומען א בעט מיט פרישן היי, פארשפּרייט מיט א קלאָר לײַלעך — און מע זיפּט שוין צו מאזל. אלע אין שטוב זײַנען שרעקלעך פארנומען אָפּ־צוהיטן די קינדער מיט די אויפּעס, זיי זאָלן זיך ניט דרייען ארום בעט. עס פאר־שטייט זיך, אז דעם גאנצן טאָג איז געווען די שטוב פול מיט קלאָלעס, אלע קינדער האָבן געשריִען און געוויינט. ניט וויייניק קלעפּ האָבן זיי געקראָגן דורכן טאָג — א קינד קען דאָך זיך ניט היטן, עס פארשטייט גאָר ניט דעם גרויסן ייִכעס פונעם זעקל (אינעמעסן איז ער אסאך קליגער פון דער מוטער), אז מען זאָל גאָר ניט טאָרן צוגיין צו אים.

אָפּגעפּארטיקט זיך מיטן מעל, איז מען צוגעטראָטן קאָשער מאכן דעם אויוון. דרײַ מאָל האָט מען געברענט גאָר אָן א ראכמאָנעס, האָלץ האָט מען גע־וואָרפן אָן א כעשבן, וואָרעם די באלעבאָסטע אליין, וואָס זי וואָלט זיך פאר א שטיקל האָלץ א מײַסע אָנגעטאָן, האָט זי דאמלסט אויך גאָר קיין דייע ניט געוואָלט זאָגן: עס פארשטייט זיך, — דאָ שפּילט מען זיך שוין מיט דער נעשאָמע. אלע שכיינעס האָבן זיך באשעפטיקט מיט דעם אויוון קאָשער מאכן, יעדערער האָט באזונדער גע־וואָרפן האָלץ — מע האָט אלץ מוירע געהאט, טאָמער איז מען נאָך ניט יויצע. אין אויוון האָט מען אָנגעוואָרפן שטיינדלעך קאָשער צו מאכן אלע טישלעך און בענקלעך און א פעסל אף וואסער. דעם גרויסן קאשער־שטיין האָט מען אויך אראָפּגעבראכט (דער שטיין געפינט זיך מער ניט, ווי בא אייניקע אין שטאָט, בא די יוסטע באלע־באטים) און ער ליגט שוין אויך לעמאזל אין אויוון. דאָ האָט מען שוין אָנגעהויבן ארבעטן מיט די לעצטע קויכעס. עס איז געוואָרן אין שטוב א ראעש מיט א מעהומע, אז איינער האָט ניט געוווּסט פון דעם אנדערן. איין ייִדענע שלעפּט פון דעם אויוון די גרויסע קאשער־טעפּ מיט זודיקן אָקרעפּ, די אנדערע שארט ארויס די קליינע שטיינדלעך, וואָס זײַנען רויט ווי פײַער; די מענער זוכן מיטלען, ווי אזוי ארויסצוגארן דעם גרויסן קאשער־שטיין. אנדערע שטעלן אוף די קיילים אפּן גאס צום קאָשער מאכן.

הו־הא! מע שרײַט: „היט זיך, גייט אוועק אין אלע שווארציאַר, מע וועט אײַך אָפּבריִען, איר וועט נאָך גאָר קאליקעס בלײַבן״. מע טראָגט דעם גרויסן טאָפּ, וואָס מע האָט שוין אין אים ארײַנגעוואָרפן די קליינע שטיינדלעך; עס קאָכט ווי אין א קעסל. איין מאנצביל, אן אָטוואזשניק, האלט אף א שטיק האָלץ דעם גרויסן קאשערשטיין און לייגט אים ארוף אפן לאנגן טיש. אפן טיש גיסט דאָס זודיקע וואסער און ער פליט ארום מיטן שטיין ווי א מאזיק. קוילעס און קלאָלעס הערט מען פון אלע זייטן: „גוואלד, קינדער, דאָ שפילט מען מיטן לעבן! אזא גענעם, א שפּאס? דרייט זיך דאָ ניט ארום!״—אָט אזוי האָט זיך געארבעט עטלעכע שאָ, מע האָט זיך אָפּגעבריט קאמע פינגער, געמאכט פיל קינדער פאר קאליקעס. אזא טומל, אזא געפילדער איז נאָך ניט דערהערט געוואָרן בא דעם גרעסטן פּאָזשאר—אין שטוב איז מיט סאקאָנעס־נעפּאָשעס, מע קען ניט אויסהאלטן די היץ מיט דער פּארע, ווי אין א באָד, אלע שרײַען און וויינען, די אָפּגעבריטע גלידער האָט מען ארומגעשמירט מיט ליים און מע ליגט אין צאָרעס, די מענער האָבן זיך קאם ארויסגעכאפּט, ווי פונעם גענעם, און געמאכט פּיס.

* * *

מע האלט שוין בא בעדיקעס־כאָמעץ.

יעדער שאַכן האָט זיך אָנגעצונדן א סטאָטשיק, וואָס דער קנויט איז פון גארן, פון פעלד־מעסטן. אנידערגעלייגט אף אלע פענצטער צו שטיקלעך ברויט: א טייל זײַנען מעדאקדעק, עס זאָל זײַן צען שטיקלעך ברויט. גענומען א הילצערנע לעפל (א טרייפענע פון א שײַלע) מיט עטלעכע פעדערן און טיכל מיט א פאָדעם, געמאכט א בראָכע און טייקעף אָנגעהויבן צו זוכן דעם כאָמעץ. אלע קינדער לויפן נאָך, ווי די רעוויזאָרן; בא זיי ווײַזט עס עפּעס אויס, ווי א שפּילכל פון „שלעפּע באבע״. פון אלע זײַטן גייען קוילעס:

— טאטע, קום אהער! אָט דאָ האָט מען דאָך אויך געלייגט א שטיקל ברויט.

אלע קינדער אין איין געלעכטער:

— טאטע, גענוג שוין זוכן! אף די פענצטער איז שוין מער ניטאָ. דו ווייסט ניט, אפּאָנעם, אז עס ליגט אלץ אין דער רעשעטע?!

— די מיזיסעטקענע בולקעס וועסטו אויך צונעמען? ווי וועסטו זיי ארײַנלייגן אינעם לעפל? זע, טאטע, נעם זיי ניט! איך וויל עסן! די מאמע זאָגט דאָך, אז מאָרגן וועט מען דאָס עסן מיט מילך.

דער טאטע בייזערט זיך אָן מיט שטום־לאָשן — ער טאָר ניט מאפסיק זײַן. און אינעמעס שמייכלט ער אונטער די וואָנצן, ער פארשטייט אויך אביסל, אז ער מאכט זיך גוט נאריש. אלע ווײַבער טרײַבן אָפּ די קינדער, קלוימערשט מיט קאס, און אין גרונט כאפּט זיי אויך אָן א געלעכטער.

נו, דאָס אויך שוין אָפּגעפּאטערט. די לעפל אין איר פּאָלנעם קאָסטיום ליגט אפן הענגלײַכטער.

געבליבן נאָר איינס—דעם כאָמעץ פארקויפן.

* * *

די מענער מאַכן רעשימעס פֿון זייער כאָמעץ, גיבן אים איבער דעם באַלעבאָס מיט קאַבאָלעס־קיניען, ווי דער דין איז, עד זאָל אים פֿאַרקויפֿן באַם ראָוו. יעדערער שרײַבט זײַן רעשימע. וואָס שרײַבט ער דאָ? ניט קיין ברויט, ניט קיין גערשטן אָדער גרויפּן — דאָס איז ניט פֿאַראַן. וואָס פֿאַרט? א מולטער, א לאָקשן־ברעט, אַן אַלטע פֿעסל, א טאָפּ פֿונעם קרופּניק. כ׳לעבן, א רעכט געשעפֿט!...

בעקיצער, דער באַלעבאָס נעמט איבער די קאָמיסיאָן, נעמט זיך אָן מיט געלט, ווי גרויס ער איז, און — צום ראָוו ענדיקן די מעכירע.

באַ דעם ראָוו אין שטוב איז פֿול און פֿיל מיט כאָמעץ־פֿאַרקויפֿער, אַזוי ווי אַף דער בירזשע. דער ראָוו מיט די דאַיאָנים זיצן אַרום א לאַנגן טיש און מען נעמט צו די רעשימעס. מע איז מיט יעדן מעקאַבל־קיניען. דער ראָוו פֿון זײַן זײַט איז זייער ספּראַוונע אײַנעם געשעפֿט. ער האָט שוין מיטן באָד־גוי געעקט און זיך צע־ שריבן, געמאַכט א פֿאָרמאַלנעם קאָנטראַקט און באַוואָרנט אַלץ, ווי אַן אַלטער סויכער, געכאַפּט באַ אים א רעכטן אַדערוף, ניט ווייניקער פֿון דרײַסיק קאָפּיקעס — א שפּאַס אַזויפֿל סכוירע, כאָמעץ פֿון א גאַנצער שטאָט. עס טרעפֿט דאָך עפּעס אָן טאַקע א רעכטע סומע, מוז מען כאָטש האָבן א פֿעסטן אַדערוף, ער זאָל טאַקע באַלד נאָך פּייסעך געבן געלט און צונעמען די סכוירע.

און אַז עס קומט נאָך פּייסעך און דער „סויכער” ברויכט טאַקע אָפּצאָלן אייניקע טויזנט רובל און צונעמען די אַלטע מולטערס, לאָקשן־ברעטער און נאָך אַזוינע אַנטיק־ לעך און האָט ניט אַפילע קיין איין גראָשן, מיילע, איז ניטאָ קיין אַנדער אייצע, נאָר מאַכן אויס געשעפֿט. מאַכן עס מיט אים איז זייער לײַכט: דער בעסדן־שאַמעש ווײַזט אים א פּלאַן, אַז אַזוי ווי ער איז שרעקלעך געדריקט איצט אין מעזומען, איז פֿאַר אים גלײַכער ניט צו האַנדלען און בעסער צוריק זען זיך מיט דעם מעזומענעם אַדערוף (אייגנטלעך, איז דער אַדערוף אויך ניט זײַנער געווען — דער בעסדן־שאַמעש אַליין האָט דאָס אים געגעבן, ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו קירעווען) און נאָך מיט א רובל אָפּטויט־געלט. דער „סויכער” מאַכט א שווײַג, דען ער האָט דאָך געוווּסט נאָך פֿאַר פּייסעך, באַם אָפּמאַך, אַז אַזוי וועט זיך עס אויסלאָזן. נאָר וואָס אַרט דאָס אים, אַז ער האָט זיך אַביסל נאַריש געמאַכט און געקראָגן דערפֿאַר צוויי רובל מעזומען: א שלעכטער אייסעק, האַ?

בעקיצער, באַ דעם ראָוו קאָכט אין שטוב, אויף און אָפּ מענטשן, מע טרייבט דאָס געשעפֿט גאָר אַף א גרויסן אויפֿן, א פֿושקע שטייט אַפֿן טיש, און יעדערער נאָך דער מעכירע וואַרפֿט אַרײַן די מאַטבייע.

* * *

— גוט יאָנטעוו, גוט יאָנטעוו! — אַלע מאַנצבילן זײַנען געקומען פֿון בעסמעדרעש. אַלע זײַנען פֿריילעך. ס׳איז דאָ אין שטוב א טיש, א באַנק, מ׳האָט עפּעס געקאָכט — אָפּגעלעבט. אַלע קינדער אין נײַע יאַרמלקעס, נײַע העמדלעך און שיכלעך, די באַלע־

באָסטע האָט שוין די נאָז אויך אויסגעשנייַצט גאָר מייַסע מאלקע. וואָס קען מען מער פארלאנגען?

מע הויבט זיך אָן גרייטן צום סיידער: זאלץ־וואסער און אלץ, וואָס נאָר נייטיק איז. אלע מענער האָבן זיך אָנגעטאָן אין די קיטלען. די קינדערלעך האָבן עס דערזען, האָבן זיי א געשריי געטאָן: „טאטע, טאטע, דו ווילסט אויך זיפּן מעל? דאָס זעקל איז שוין דאָך נישטאָ". אלע האָבן זיך אָנגעטאָן אין קיטלען מיט שלייערס, אין בוזעם אריינגעטאָן די פושקע טאבאק, א נאָז־טיכל און מע האָט זיך איינגעפּונדעוועט, יעדערער אף זייַן אָרט, אייַנגעזעצט זיך זייער פעסט.

נאָ, אלע זיצן שוין אין אָרדענונג. די מאצעס—איבערגעלייגט אין דריי פאכן אין א האנטעך. דער האנטעך מיט די דריי מאצעס, ארופגעלייגט אף א גרויסן טעלער. אף די מאצעס פונויבן—ארופגעשטעלט א שאָל מיט אלע פריפּאסן. זיי אלע—אויסגעלייגט מיט א פלאן נאָך דער ארכיטעקטור פון די פּאָסקים. איר שפּילט זיך מיט דער זרויע און מיט דער בייצע?!—אזא פּאָסטראָיקע איז נישט קיין קלייניקייַט!

אופגעעפנט די האגאָדעס, אָנגעגאָסן די קויסעס, האָט איינער נאָכן אנדערן געמאכט קידעש אף דער הויכער אָקטאווע. אלע ווייַבער ענטפערן „אָמיין" מיטן פולן מויל און מע טרינקט.

„נאָ, אורעכאץ",—האָט דער באלעבאָס א זאָג געטאָן מיט א שטארקער שטימע אין דער ארט, ווי א פעלדפעבל, בעשאס ער מושטירט זייַן ראָטע און שרייַט: „שאַגאָם מארש!" דאָ האָט באלד יעדער איישעס־כייַיל געבראכט צום מאן א שיסל און א קוואָרט וואסער מיט א האנטעך—ס'איז מעקויעם געוואָרן זייַן פריקאזאניע. וואָס איז ער עפּעס געוואָרן אזא גראף?—אפילע פאר גימנאסטיקער איז אויך ניט גרינג אראָפּקריכן פון אזא מין סעדעלע. אגעוו, איז עס א רעמעז, ס'הייסט, ער איז איצט מייַסע פירשט. אינמיטן יאָר וואָלט ער ניט קראנק געוועזן אליין צוגיין זוכן די קוואָרט און דעם האנטעך. און, לעסאָף, אז ער געפינט דעם האנטעך אויך ניט, מוז ער גאָר אמאָל אָן כארפע ארויסשלעפּן די העמד פון די הויזן און אָפּווישן זיך. שרייַען און פרעגן קען ער דאמלסט ניט—ער טאָר ניט מאפסיק זייַן. נו, איז וואָס קען מאכן א שטומע צונג? ער ווינקט, מריקעט און קריצט מיט די ציין, קיינער ענטפערט אים ניט קיין גוט וואָרט; נו, גיט ער זיך אן אייצע, ווי א לאמדן... אָבער אין דער נאכט פירט זיך דער אייסעק מיט גרויס דערעכערעך—פּאָרט א מיילעך...

דער באלעבאָס, מייַסע ראָטנער קאָמאנדיר, שרייַט: „מאגיד". די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו שרייַען: „טאטע, וואָס האָסטו עפּעס באהאלטן די מאצע אונטערן קישן, גיב אונדז אויך, מיר ווילן עסן"—„שווייַגט שקאָצים"!—האָבן די מאמעס א געשריי געטאָן.

מע גיסט אָן דעם צווייטן קאָס. ייִנגעלעך האָבן געפרעגט „מא נישטאנע" און די פעטערס האָבן געענטפערט „אוואָדים האָיִנו". דער אוילעם האָט געזאָגט די האַגאָדע ביזן גרויסן „לעפיקאָך". דאָ האָבן זיך אלע אופגעשטעלט (די קינדער מיט א געוויין דערבייַ—„טאטע, דו גייסט שוין שלאָפן, מע האָט דאָך נאָך ניט געגעסן דעם קרופּניק"), מע האָט גענומען די קויסעס אין די הענט און ער שרייַט „לעפיכאָך",

אז די ווענט ציטערן אזש. די קינדער האָבן זיך צעכליפּעט. עס האָט זיי די סצענע זייער שרעקלעך אויסגעוויזן: ס'שטייען מענטשן, אין העמדער איבערן קאפּטן, גלעזלעך ווײַן אין די הענט און מע שרײַט אָן אופהער.

דער באַלעבאָס האָט א באַפעל געגעבן: „מאָרער!" ווי א פראָסט איז אריבער באַ די מענער איבער די ביינער. יעדערער האָט זיך שטארק פריגאָטאָוועט צום גוטן אייסעק. מע האָט געמאכט פּונעם כריין א האלקע, געמאכט און ארײַנגעוואָרפן אין מויל מיט איין מאָל. אהא, עס טוט זיך שוין כוישעך! דער גלאָצט מיט די אויגן, דער ווערגט זיך, אַלע האָבן זיך שרעקלעך צעהוסט, גוט פארסמאָרקעט, טרערן האָבן געגאָסן פון זייערע אויגן. נאָך א היפּשער צײַט זײַנען זיי געקומען צו זיך, ארומגעווישט זיך, גוט אויסגעשנײַצט די נעזער און עס וואָלט שוין גוט זײַן, אָבער דער „קוירעך" שטייט נאָך אין וועג—ווייטער כריין. ווײַטער געוואָרפן זיך אף דער לינקער זײַט, געגעסן דעם געפילטן פלאָדן, געגעסן און געהוסט. נאָ, שוין פאָטער געוואָרן פון דעם „קוירעך" אויך!

— מיילע, בעקיצער, זאָלן שוין די ווייבער געבן, וואָס עס איז דאָ! האָט מען אויסגעשריען. מע גיט טאקע אָן איי אפּצווייען, אָבער דעם מאַן—דעם סולטאַן—א גאנצע איי. מען האָט געמאכט זאלץ־וואסער, אָנגעשטאָפּט זיך מיט מאצע, יויך מיט מאצע־פארפל און פארביסן מיט אפיקוימען.

אזוי האָט מען ווי ניט איז אָפּגעגעסן, אָפּגעפּאטערט דעם סיידער, און די מלאָכים זײַנען אראָפּ פון די סעדעלעס.

* * *

אין גאס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן קאָכן. וואָס איז?—א וואסער־טרעגער מיט אָן אָפּגעגאָלטן קעפּל, נאָר צוויי לאנגע פּייעס טרייסלען זיך אףביידע זײַטן, אָן א היטל אף דער יארמלקע, אָן א קאפּטן, נאָר אין א לײַוונטענעם לאנגן לייבציד'אק מיט לײַוונטענע פּליודערן. א פּאָר שקראבעס אף די פיס, דער קראָמיסל אפן אקסל, לויפט שרעקלעך פארסאָפּעט איבערן גאס, אסאך באָכערים, קליינע און גרויסע, אין די פּאָטערס שטרײַמלען באגלייטן אים.

— וווהין לויפט ער?

— עס מוז עפּעס זײַן!

— גאָר פּאָשעט, ער לויפט צום ראָוו.

א געשריי, א געפילדער, עס איז שלעכט—אָן אומגליק האָט זיך געטראָפן.

— וואָס איז?—פרעגט שוין דער ראָוו.

— אָט דאָס, רעבע, האָב איך דערזען אינעם וואסער, בייס איך האָב אָנגעשעפּט.

— הא? וואָס? יאָ! כלעבן! טאקע א האָבער און שטארק צעווייקט.

— שלעכט מיטן שטעטל!—שרײַען אויס די ארומיקע.

ווי די קינדער האָבן דערשמעקט די גוטע בסורע, אַלע טוז אהיים מיט א גוואלד: „א האָבער, א האָבער!" אַלע אין שטוב האָבן זיך אופגעכאפּט—ניט טויט, ניט לעבעדיק. דאָס וואָרט האָבער האָט זיי א זעץ געטאָן אין קאָפּ, ווי א דונער. זיי האָבן

שוין ארויסגעזען, אז דאָס איז עפּעס מײַסע-סאָטן. דערווײַל זײַנען די ייִנגלעך ווײַטער ארויסגעלאָפן אפן גאס. א געשריי, א געקוויטשערייַ:

— ווו איז ער מיטן שטרײַמל? לאָמיר גיין הערן, וואָס עס הערט זיך, — ברומט דער טאטע.

— איִציקל, אהער גיי, — שרייט די מוטער דורכן פענצטער, — דו ווילסט, אז דער טאטע זאָל דיר די ביינער צעברעכן.

— איכל באלד גיין, — ענטפערט איִציקל, — דער וואסער-טרעגער איז נאָך פונעם ראָוו ניט ארויסגעגאנגען.

— נאָ, וואָס הארט עס דיר, שארלאטאן, — פילדערט די מוטער, — וועסט גיין צי ניין? א סימכע אף זײַן קאָפּ! קאדאָכעס וועסטו שוין עסן ניט קיין טייגעכץ. קום שוין! צו דיר רעדט מען?

דער קלאל איז, געגנוג פעטש און שלעק האָבן באקומען די קינדער, ביז מע האָט מיט גוואלד בא זיי אראָפּגעריסן די שטרײַמלעך.

נו, נו, דאָ איז אביסל געוואָרן אן אוילעם ארום דעם ראָווס שטוב. עס האָט די זאך נעגייע געווען אסאך מענטשן. דערווײַל איז דער וואסער-טרעגער ארויס מיט דער גוטער בסורע:

— די גאנצע גאס איז כאָמעצדיק!

גאָר ניט געקלערט, האָבן טייקעף אלע באלעבאטים אויסגעגאָסן דאָס וואסער פון די פעסער אף דער גאס, אלע טייגעכצן, אפילע קניידלעך אויך, האָט מען ארויסגעוואָרפן אין איין געוויסן גראָבן. האקלאל, — וואָס עס האָט זיך נאָר געפונען עסנווארג, וואס איז נאָר געמאכט געוואָרן מיט וואסער, האָט מען דאָס מעכילע געבעטן און ארײַנגעוואָרפן אינעם גראָבן ארײַן. כאזיירים זיינען באלד זיך צונויפגעלאָפן און האָבן זיך גענומען פאקן די סודע. אלע באָכערים פון שטעטל — קליין און גרויס, דארדעקע-ייִנגלעך, כומעשניקעס, געמאָרע-ייִנגלעך, אילוים, יונגע מיידעלעך האָבן זיך אופגעקליבן און האָבן געוואָרפן שטיינער אף די כאזיירים. עס האָט זיי פארדראָסן, וואָס די טייגעכצן קומען זיי אָן. אָבער די כאזיירים האָבן עס פאר ליב אָנגענומען און די באָכערים אף צו לעהאכעס האָבן זיי מיט א שטארקן אפעטיט אופגעפרעסן גאָר אינגאנצן.



פייסעך אף דער ווײַסער וועלט.

העלינקעס.

אָי, א יאָנטעוו, סימכאסטוירע!..

(פאראָדיע).

אָי, א יאָנטעוו, סימכאסטוירע!
הויבט די פלעשל אינדערהויך!
ס׳הייסט אין אים אליין דער בוירע:
שיקערן—ס׳זאָל גיין א רויך!

און די גלעזל—ס׳איז דער איקער,
ווײַל די כעדווע איז דאן גרויס!
און אז שיקער, זאָל זײַן שיקער!—
כ־אָ־ד־אָ־ר־אָ־ם זאָל גיין די קלויז!

פליען שטענדערס און מאכזוירים,
גיט מען „מאלקעס״, רײַסט מען בערד!
פאלט מען מיט דער פלעשל „קוירים״—
אלץ פאר גאָט!—וואָס איז עס ווערט!

אָט איז „סימכעס״־סימכאסטוירע!
שיקערט! מיימעסט! ברעכט און שטעכט!
ס׳איז דאָך אלץ פאר גאָט דעם בוירע,
און מיר זײַנען זײַנע קנעכט.

מ. נאדיר.

די גאָט־„ביזנעס״

1

די קאָלנידרע־בריגאדע האָט שוין פארקויפט אלע בילעטן. די ראָסל־פלייש־יידן: שאמאָסים, גאבאָים, ראבאָנים, ראביייִם האָבן זיך גענומען זייערע פראָצענטער פון די וויל־גייענדיקע „גאָט־ביזנעס״. איצט פארקאטשעט מען זיך די אויגן און מע שטעלט זיך דאוונען, מ׳נעמט זיך אונטערשמירן דעם „ביגבאָס״ פון די הימלען מיט ייַלעס און מיט גוואלדן, און מיט מאלקעס־שלאָגן, און מיט די אלע מאטבייעלעך, מיט וועלכע מ׳קויפט אונטער א בענאָדאָם—דאָ־הי, אף אונדזער זינדיקער, בלוטיק־בלאָטיקער ערד.

.2

וואָס טומלען זיי אזוי מיט זייערע געטער, צו אלדע שווארצע יאָר? זיי רופן זיך דאָך „ציווילניזירטע מענטשן״, אָט די גאָט־סאָכרים! אָט גייט דער טרעלבעך אין שול ארײַן. ער לויפט „גאָט אָפנאָרן״, א מעסירעלע געבן אף זײַן שאָכן, דעם ניט־יידן... יענע? יענע האָבן א גאָט א פארך! ער האָט אויגן און זעט ניט; ער האָט אויערן און הערט ניט; אָבער דו (מיט א צעלעפצט שמייכעלע), אונדזער גאָט יעהאָווע (ווי יעדער

אריסטאָקראַט האָט גאָט אַסאַך נעמען: אײל, שדי, סאַר־צוואָרויס, יעהאָווע א.א.וו.)—עך, אונדזער גאָט, ווי קומט עס צו אַנדערע געטער... אונדזערער איז דאָך אײנער אין דער וועלט! אַן ערשטקלאַסיקער גאָט... א גאָט, וואָס קאָסט א היפּש ביסל געלט, קאָרבאָנעס... געשרייען, שמע־ישׂראלס... איר שפּילט זיך מיט אונדזער גאָט!

3

„גאָט" באַלעקט זיך מיט מענטשלעך בלוט. בײַס מע פידלט איבער א קעלבלס האַלדז, טאָר מען אָן אים ניט פאַרגעסן (א בראָכע, רעב־ייִד, זײַט זשע מויכל!); מע מאַלעט א פּיצל קינד און מע צעבלוטיקט עס, מאַכט מען א בראָכע. און אפילו אַז מע קוילעט אײַך אין א פּאָגראָם, דאַרפט איר אויך ניט זײַן קיין כאַזער און א געשריי טאָן: „אַדוינוי עלויהיינו, אַדוינוי עכאָד!" און אויסציען דעם „עכאָד" אַזוי לאַנג, ווי מעגלעך, וואָרעם גאָט האָט ליב צו הערן זײַן אײגענעם נאָמען וואָס לענגער און וואָס אָפטער.

4

דער שעל־ראָש אפן קאָפּ איז קיין „לעטאָפּעס"־סימבאָל, נאָר א מיטל אַף צו באַלעסטיקן דעם סייכל, וואָס הויערט אונטערן שעלראָש. דער שעל־יאַד איז א וויקל־שנור אַף דײַנע מאָזאָלעס. דער טאַלעס איבער די אויגן—א באַהעלטעניש פאַר שרעק פונעם לעבן, פאַר דער צעמישונג און פאַכעד, וואָס די „פינצטערע בערד" האָבן ארײַנגעבראַכט אין לעבן ארײַן...

גאָט איז א טונקעלער שאָטן, וואָס לייגט זיך איבער וועלט, וואָס איז טונקל מיט דעם פאַרקילטן בלוט פון די אַרבעטנדיקע מענטשן.

רעליגיִעזע דערציִונג און דערציִער

א. ב. גאָטלאָבער.
(1811–1899).

פון וויגעלע אָן.

דאָס קינד פון א יאָר —
וואָס ווייסט עס דען גאָר?
שרעקט אים שוין די מוטער:
אָט גייט א מאָסקוויטער!
זע נאָר אהער —
אָט גייט א בער!
קומט צוגיין דער קלוגער פאָטער
און סטראשעט אים מיט א קאָל פון א קאָטער.
פריער שרעקט מען דאָס מיט קעץ,
דערנאָך דערציילט מען אים א מייַסע; אָט גייט א לעץ!
קורץ, אין וואָלט קימאט דערוף געשווירן,
אַז פון דער שאָ, וואָס דאָס קינד ווערט געבוירן,
טוט מען מער ניט, נאָר מע טראכט,
ווי טאָג אזוי נאכט,
ווי עס איז נאָר א סוואָרע
צו פאלן אף א האסבאָרע
און אויסצוטראכטן אזעלכע זאכן,
וואָס זאָלן דעם קינד פּכאָדים מאכן.
אין שלאָף שטעלט עס זיך פאָר ווי געשען,
טאקע ווי עס וואָלט אינעמעס געווען:
אלע לייצים, אלע רוכעס,
די גאזלאָנים, די רעציכעס,
די ריזן מיט די צוועלף קעפּ,
די מעכאשייפעטעס מיט די לאנגע צעפּ,
פון קאָפּ ביז די פיס באהאנגען

מיט פײַערדיקע שלאנגען,
און נאָך אזעלכע זאכן אסאך,
וואָס בא אײַך איז דאָס ניט קיין זאך
צו דערציילן גאָר אָן א צאָל,
כאָטש טויזנט אף איין מאָל.
עס דערשרעקט זיך, אז ס'הערט קרייען א האָן,
אז עס טוט בילן א הונט
אָדער גאָר וויען א ווינט —
שרײַט דאָס שוין געוואלט
און ווערט גלײַך קאלט.
און ויפל מאָל טרעפט זיך: פאק,
אז עס באקומט טאקע דעם שלאק,
און איר ווייסט גאָר ניט פארוואָס
און פאר וועמען שרעקט זיך דאָס.
אצינד לויפט שוין דער פאָטער,
לויפן לויפט ער גלײַך צום טאָטער,
נאָר די מוטער, די כאכאָמע,
די ריינע קאָשערע נעשאָמע,
זאָגט, אז איר באָבע די פרומע
האָט איר געלאָזט א צאוואָע,
אז פון שיימעס־האטומע
טאָר מען ניט האָבן קיין האנאָע;
דעריבער שרײַט זי: „גיי, נעם
בעסער אהער דעם באלשעם,
ער וועט אָפשפּרעכן און אָפּלעקן,
וועט זיך דאָס שרעק מעמיילע עקן;
וואָרעם דאָס איז שוין אומעטום באקענט,
אז ער נעמט צו ווי מיט די הענט"...
דער באלשעם קײַט און גיט א ווינק,
מען זאָל אים דערלאנגען בראנפן א טרינק,
אָדער טאקע א גאנצע פלאש,
וואָרעם ער דארף זיך מאכן קוראזש.
ער זאָגט דעם אוילעם, ער זאָל זיך היטן,
ער דארף ארויסטרײַבן דעם ניטגיטן.
ער זאָגט דאָרט אָפּ זײַנע האשבאָעס
און כאפּט אָפּ עטלעכע גילדן אף הויצאָעס.
ער מאכט דאָס גאנץ געשווינד,
הייסט פארלאָזן דעם קינד

א קאָלטענע אין די פייעס,
און באלייגט אים מיט קאמייעס,
צוקאָפּן און צופיסן,
ער הויבט אים אָן וואקס גיסן...
אזוי פירט איר אײַך מיט די קינדער אָף —
נו, קענען זיי האָבן א גוטן סאָף?

י. י. לינעצקי.

אין כיידער.

1. באם דארדעקע־מעלאמעד.

אז די מאמע האָט מיך דאָס ערשטע מאָל ארײַנגעפירט צו נאכמען טראסק אין כיידער ארײַן, איז מיר פינצטער און וויסט געוואָרן אין מײַנע אויגן: אין שטוב — א בלאָטע איבערן גארטל; בא דער טיר — א דייזשקע וואסער און לעבן איר — א פארשימלטע פאָמוניצע מיט א ווערך. די קליינע פירדאָפלדיקע פענצטערלעך זײַנען פארקאָגט געוואָרן פון פראָסט עפשער אָף א פינגער די גרעב, און דער פראָסטיקער מאָך אָף זיי איז צעווינצלט געוואָרן מיט פיגורן, מיט מאָגנדאָווידס, איקס־מיקס־דריקסן, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס און נאָך פארשיידענע קרומע און צוקנדיקע רינגעלעך מיט פאסעקלעך: וועלכע — טיפער און שמאָלער אײַנגעגראָבן און וועלכע — ברייטער און נאָר פון אויבנויף צעקריצט; וועלכע — זײַנען נאָך פריש און העלבלעך געווען, און וועלכע — שוין עלטער און פאריאָגטער; זעלטן איז צו באמערקן געווען נאָך גאָר א פריש רעדעלע ביז אין גלאָז ארײַן, וואָס א ייִנגל האָט, אפּאָנעם, נאָר וואָס געמאכט מיט א קאָפּיקע. און פון אלע פענצטערלעך איז גערונען אָף די ווענט ביז אין דער ערד אראָפּ. דריי קליינע קינדערלעך מיט פארשפּילטע העמדעלעך אונטער די אָרעמלעך האָבן זיך גערויעט אין דער בלאָטע און געקראָכן ראטשקאָם, און קימאט שטענדיק זײַנען זיי אויסגעקומען מיט די הינטערכיילעקלעך צום פראָנט...

א לאנגער שמאָלער טיש מיט א הוידעוודיקן שטאָלן, מיט שטריקעלעך, איבערגעבונדן און איבערגעקניפּט, און מיט אן אויסגעפלעקטער און אויסגעברענטער און צעקארדאטשעטער דעק, ארום וועלכן, אָף געמאכטע בענק פון א שמאָלער טוקעוואטער ברעט אָף צוויי האלבע קלעצלעך, זײַנען געזעסן פארשיידנווניקע ייִנגלעך — איינס אין דעם אנדערן אײַנגעוואקסן, און אלע מיט די פלייצעס אײַנגעקלעפּט אין דער נאסער פראָסטיקער וואנט. און קימאט אָף יעדער צען ייִנגלעך איז געלעגן איין סידער. און דאָס איינע איז שוין אויך דרײַ מאָל אזוי גראָב און געשוואָלן ווי פון דרוק ארויס...

אפן עק טיש איז געשטאנען אן אלטער גרויסער קאָשעק מיט טעפלעך, נעבן וועלכן עס איז געשטאנען א גרויסער ראבער קאָטער און געלעקט, קלאפּנדיק מיטן

ווײדל איבער אַ טאַלמידס קעפּל. אין ווינקל אויבנאָן איז געווען אַ שמאָל טירל (אָן אַ טיר), דורך וועלכן עס האָט זיך געזען אין שטוב אַרײַן די אונטערשטע האַלבלאַנגע רעבעצן, בויגנדיק און טעכנדיק מיט אַ קאָטשערע אַהין, אַפּאָנעם, אין אויוון אַרײַן. און באַנ' יעדן עפֿן די פּאָדערשטע טיר האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ פֿאַרשמאָלצעוועטער קופּקע מיט אַ גליטשיק פֿאַרשווייסיקט פּאָנעם.

דער רעבע איז געזעסן אויבנאָן באַ דער הרובע, אָן אַ קאַפּאָטע, מיט אַ פֿאַרגעלטן טאַלעס־קאָטן, די אונטערשטע העלפֿט איבערגעוואָרפֿן פֿונפֿאָרנט, און האָט זיך געטשעכעוועט אין דער הרובע; אַ צעשפּאָלטענע פֿאַרסאַליעטע יאַרמלקע, וואָס אין פֿאַרעלטערטע קנייטשן און אַזוי אײַנגעשרומפּן, אַז זי איז שוין מער ענלעך אָף אַ פּאָקרישקע, ווי אָף אַ יאַרמלקע, איז געלעגן פֿאַרוקט אָף זײַן פֿלעכעוואַטן געגאָלטן קאָפּ, ווי אַ גרויסער קײַלעכיקער מיליוטן־מיט ציקוטן־פֿליאַסטער אָף אַ גרויסער גוליע.

אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן קאַנטשיק און מיט דער אַנדערער האָט ער זיך דורכן צעכראַסטעטע־קויטיקן העמד געקראַצט אין וואַלד געגרײַזלטע האָר אָף זײַן ברוסט.

אַרײַנקומענדיק אין שטוב, האָבן מיר געטראָפֿן די קאַרטינע, ווי דער רעבע מיטן באַהעלפֿער האָבן געקנאַקט מיט די קאַנטשיקעס, די כיידער־ייִנגלעך האָבן געגאָנערט ווי אַ סטאַדע גענדז. די קינדערלעך זײַנען איבערגעריסן געוואָרן פֿון געוויין, און אינמיטן דערינען איז די רעבעצן איבערגעלאָפֿן די שטוב, ווי אַ וויכער, האַלטנדיק אין אַ הענטשיקע אַ האָלאָוועשקע אין דער האַנט, און פֿוץ אין דער פּאַמויניצע אַרײַן! אָט דאָ איז דאָס געוואָרן אַ פּאַרע מיט אַ זשוזשערײַ איבערן גאַנצן שטוב, ווי מע גיסט אוף אַפֿן קעסל אין באָד!...

די מאַמע האָט גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיטן פּראָפֿעסער און איז אַוועקגעגאַנגען, און איך בין אַליין געבליבן אין דעם נײַעם אינסטיטוט.

די מאַמע איז נאָר וואָס אַרויס פֿון שטוב, איז דער רעבע אַפּירגעגאַנגען פֿון אונטערן טיש גלײַך צו מיר מיט די ווערטער:

„דו זעסט אָט דעם קאַנטשיק? דערמיט שמײַסט מען אַ ייִנגעלע, וואָס וויל ניט לערנען”... און דערבײַ האָט ער שוין דערלאַנגט אַ ייִנגל מיטן קאַנטשיק איבערן קאָפּ, קעדיי מיר צו ווײַזן, וואָס „קאַנטשיק” באַטײַט! ...מיט די רייד האָט ער מיך אַ שלעפּ געטאָן צום טיש, האָט געעפֿנט דאָס געוויסע געשוואָלענע סידער און האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן:

„קענסטו עפּעס לערנען?”

„נ־נ־נ־יי־ן” — האָב איך אין איין פֿלאַטערניש געענטפֿערט, און האָב מיך צעוויינט.

„צ י ט!” — האָט ער אַ האַלבן געשריי געטאָן: — „וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיאָכמערט?” און דערבײַ האָט ער מיר געטאָן אַ קניפּ אין בעקל, אַז עס האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם האַרצן... און איך האָב מיך נאָך מער צעוויינט. אָט דאָ האָט ער מיך אַנידערגעזעצט באַ זיך אָף דער קני. און האָט מיר אָנגעהויבן ווײַזן מיטן טײַטל: אַן

אלעף, א בייז, נאָר בא דעם בייז האָב איך פארגעסן דעם אלעף, און בא דעם אלעף—דעם בייז. ער האָט א קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָט ער מיך אָנגעהויבן אײַנריידן, אז קוים איך וועל באגערן לערנען, וועט מיר דער מאלעך ווארפן א גראָשן פון דער סטעליע... דערהערנדיק אזא גדולע, האָב איך גאָר פארגעסן לאכלוטן דעם סידער און האָב אלץ פאריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע... אָט דאָ האָט ער מיך אָנגעהויבן סטראשען מיט אלערליי פּכאָדים: אז איך וועל ניט באגערן לערנען, וועט מען מיך שמײַסן מיט אײַזערנע קאָקעריזעס [1], שיידים וועלן מיך פארקויפן צו די ציגײַנערס; באנאכט וועלן מיר זיך כאָלעמען מייסים אוכדוימע אזעלכע שרעקלעכע סטראשידלעס, פון וועלכע עס איז בא מיר פארקילט געוואָרן דער מאמעס מילך. עס האָט זיך מיר שוין אויסגעוויזן: דער אלעף איז א שעד, און דער בייז—אַן אײַזערנע קאָקעריזע, ביז איך האָב מיטאמאָל אויסגעפּלאצט אין א יאָמערלעך געוויין און מע האָט מיך געמוזט אָפּפירן אהיים. נאָר די גאנצע נאכט האָט זיך שוין אלץ פאָרגעשטעלט, אז רוכעס און מייסים מיט אײַזערנע קאָקעריזעס אין די הענט גלאָצן אף מיר די אויגן און שרײַען אף קוילע־קוילעס: „זאָג אלעף! זאָג בייז"! און איך בין א כוידעש געלעגן אין א גאָריאטשקע צווישן לעבן און טויט... איך וייס שוין פאָרויס, ווען א פוילישער ייִד צי א ייִדענע וועט לייענען די ווערטער, וועלן זיי צושמייכלען אין זיך, מיינענדיק, אז איך דערצייל זיי עס גאָר פאר א פּאָטיעכע און מיין גאָרנט זיי... אינעמעס ארײַן וייס איך, אז אזוי ווי איך האָב מיך דעמאָלט געשראָקן פאר די רוכעס, מייסים און אײַזערנע קאָקעריזעס, אזוי האָבן אלע פוילישע ייִדעלעך אף טויט געשראָקן זיך פאר שיידים, לייצים און מייסים, אז דער רועך נעמט זיי אזש צו. און זיי בארעכענען עס גאָרניט, אז דאָס האָבן זיי בירושע פון זיסן ביידער.

2. באַם געמאָרע־מעלאמעד.

... דעם ערשטן טאָג כאלעמייעד איז צו אונדז געקומען דער גרויסער געמאָרע־מעלאמעד, רעב אורעמל כיריק, א רויט ייִדל, מיט גרויסע ברעמען איבער צוויי טיפע, גרינע, קעצענע אויגעלעך, מיט א באוואקסענער באָראָדעווקע איבערן שפּיץ נאָז, מיט פיר טיפע קנייטשן אין שטערן, וואָס אין איטלעכן באזונדער וואָלט מען געקענט באזונדער באהאלטן א בינטל ציצעס. די נאָז—א קארפּאטע מיט צוויי ברייטע צעשפּארטע נאָזלעכער, ווי א יאָקטער; די אויבערשטע ליפּל—אין דרײַ גאָרן, דאָס הייסט א ליפּ, אונטערגעפּוטערעוועט מיט א שמאָל ליפּל, אונטער וועלכער איז ווי צוגעליאמעוועט צוויי האלבע בולבעוואטע ליפּעלעך.. א גיפּטיק שיטער, רויזשע צאפּן־בערדל, מיט א שנעלן לויפנדיקן קנאָפּ, ווי קוועק־זילבער, און די גאנצע פיגור,—ווי א סטראשידלע אין גאָרטן... גערעדט האָט ער מיט אלע אייוורים און אל־פּי־ראָוו האָט ער ארײַנגעשטעקט איין גראָבן פינגער טיף אין גארטל ארײַן און אלע פינף שפּיציקע פינגער פון דער צווייטער האנט האָט ער אָפּט געשטופּט אינעם צאפּן־בערדל

---

[1] קוקורוזע.

פונונטן ארוף, פאַרײַסנדיק דערבײַ דאָס מאָרדעלע ארוף און קרימענדיק דעם פּיסק, יאק סערעדא נא פּיאטניצו... האגאם ער האָט נאָר גערעדט ווי האלבע ווערטער, — דאָך איז זײַן שמועס זייער ריין געווען, ווי פּערל שיטן זיך פון מויל! אָט הערט א שמועס פון א ייִדן און שטוינט! ווי דער טאטע האָט אים א פרעג געטאָן: „וואָס מאכסטו, אוורעמל?" האָט ער אים באלד געענטפערט: „עט! וואָס זאָל מען מאכן? אָט מאכט מען!... מע מאכט און מע מאכט, נאָר וואָס מאכט עס, אז נאָך אלע מאכענישן מאכט זיך ניט, כאָטש באמאך זיך?..."

— וויפל קינדער האָסטו שוין אין כיידער? — האָט אים דער טאטע געפרעגט.

— ווייס איך? — האָט ער א מאך געטאָן, פאַרדרייענדיק דאָס פּאָנעם און פאַרציִענדיק דעם אקסל — די קאשע; אויך די אייגענע מײַסע; כ'לעבן, ווי זאָגט מען עס? דער איניען דערפון, דאָס הייסט, די גאנצע זאך דערפון איז דאָך נאָר, אז דער אויבערשטער העלפט א ייִדן, די קאשע: ס'איז דאָך ניט מער ווי א־א־א־ ייִד! פאַרשטייסטו מיך, יאָסקע?! אָט דאָס איז דאָך דער גאנצער איניען דערפון! נימצע, אז די גאנצע זאך דערפון איז טאקע נאָך אמאָל דאָס אייגענע, דאָס הייסט, אז מע וויל קלערן אביסל טיפער אין איניען ארײַן, קען מען, דאָס הייסט, פּאָשעט פאַרשטיין פון זיך זעלבסט, אז די גאנצע זאך איז ניט מער ווי טאקע ווײַטער דאָס אייגענע; איַ וואָ־אָ־ס נישט־מער? — גאָרניט!...

— אָבער מײַן ייִנגל וועסטו מינאסטאם נעמען צו דיר אין כיידער? — פרעגט דער טאטע.

— דײַן ייִנגל? נאָכאמאָל! כ'פאַרשטיי ניט, בענעמאָנעס? ווי הייסט? די קאשע אויך די אייגענע מײַסע, הא? דער גאנצער איניען דערפון איז דאָך, כלעבן, ווי זאָגט מען? איך האָב מיך פײַנט צו נארן! די קאשע: וואָס טויגן דאָ אסאך דיבורים? דער עמעס דערפון, דאָס הייסט, די גאנצע זאך דערפון, איז דאָך אזוי: א מענטש, ווי זאָגט ער, איז דאָך פּאָרט ניט מער, ווי א־א־א־א־ מענטש, הא? אזוי, פּאָשעט גערעדט, אָן כאָכמעס! וואָס זאָל מען זיך דאָ, א שטייגער, נארן? מיילע — מאלע, וואָס א זאך מאכט זיך? כ'לעבן, אהין — אהער, מינאסטאם איז זיך עס, ווי זאָגט יענער א־א־א־א־באשערטע זאך! נו, און מיילע! לאָז זײַן אזוי, כ'לעבן! איך וועל מיט דיר, ווי זאָגט מען עס־ס־ס־ס... הא? מיילע, נישט, נישט! און ווײַטער — צוריק די אייגענע מײַסע. ביזט זיך עפּעס, כ'לעבן, איך זאָג עס אנטקעגען דעם־ם־ם... נו! יאָ, נו, פאַרשטייסטו שוין?... אָט דאָס איז דאָס! איַ דאָס! איַ וואָ־אָ־אָ־ס? נישט מער — גאָרנישט!...

און טאקע אזוי ריידנדיק איז געבליבן, אז מאָרגן זאָל איך קומען אין כיידער ארײַן.

מע מוז גיין צו אוורעמל כּיריק אין כיידער ארײַן און עס העלפט ניט, כאָטש שרײַ כײַ־וועקײַעם!

קומענדיק אין כיידער ארײַן, האָב איך דעם רעבן ניט געטראָפן, ער איז נאָך געווען אין באָד, צי אין קלויז, און מיר האָבן אף אים געוואַרט ביז 12 אזייגער. אזוי איז געווען אלע טאָג, און דאָך האָבן מיר זיך, אלע ייִנגעלעך, געפלײַסט צו קומען טאמיד גאנץ פרי אין כיידער, ווײַל נאָר די דרײַ־פיר שאָ זײַנען געווען אונדזער גאנ־

צע נעכאָמע פארן גאנצן טאָג! לײדיק זײַנען מיר קײנמאָל ניט געװען: די רעבעצן האָט שױן טאָמיד אופגעזוכט אן ארבעט פאר איטלעכן ייִנגל; דער פלעגט איר ארױס־טראָגן די פּאָמוניצע, דער פלעגט איר דערלאנגען דאָס ברױט אף דער לאָפּעטע, דער פלעגט פארקנעטן לײם צום פּריפּעטשיק, און דער פלעגט גײן קלײַבן אײַז־ליכטלעך פון דעם רעבנס מײדל װעגן... אף מיר איז קימאט טאָמיד דער גורל געפאלן צו שארן דאָס אש פון דער הרובע, און זומערצײַט — אָפּלעשן די האָלעװעשקעס פונעם אױװן אין דער פּאָמוניצע; און טאקע דעריבער בין איך נאָך הײַנט אזױ קלאָר און ציכטיק, אז עס איז מאמעש אין מײַן צורע ניט ארײַנצוקוקן...

פונקט 12 איז דער רעבע געקומען פון דעם דאװנען מיט א פּאָר פארפלאמטע בעקעלעך — מינאסטאם פון גרויט היסלאװעס באם „עכאָד"... און עפּשער גאָר פון א קאפּ בראנפן... די רעבעצן האָט נאָר װאָס ארױסגענומען רעטשענע פּלעצלעך מיט מאָן פון אױװן, און דער רעבע האָט איר א װוּנק געטאָן, זי זאָל אונדז פארקױפן צו צװײ גראָשן א פּלעצעלע, מיר זאָלן, אפּאָנעם, האָבן װאָס צו טאָן, ביז ער װעט אָפּ־עסן און זיך אױסשלאָפן... דאָס מײדעלע האָט געכאפּט דעם קױטיקן האנטעך, װאָס די זיבעטע בלאָטע איז אף אים געלעגן, און האָט אים געגרײט צום טיש, און ער האָט זיך געזעצט עסן אָנבײַסן אלײן, אָן דעם הױזגעזינד, װי בא אַלע כסידים פירט זיך...

א טעװע האָט ער געהאט צו עסן פונעם זוד. עס בריט דאָך אָבער? פלעגט ער טאקע אינעמעס פארקריכן מיט זײַן דרײַגאָרנדיקער ליפּ ביז העכער א האלב הענטל.. די מינעס, טנועס און האװײַעס, װאָס ער האָט געמאכט באם עסן און באם בענטשן, פלעגן אף אונדז װארפן אזױנע שרעקן, עפּעס גאָר װי א בײזער מעשוגענער הונט זאָל אף אונדז אָנפאלן... נאָכן בענטשן האָט ער זיך געלײגט שלאָפן מיטן פּאָנעם צו דער װאנט און מיט די פארגעלטע טערקיש־לײַװנטענע־טאכטוינים אין שטוב ארױס... ארום צװײ אזײגער האָט ער זיך אופגעכאפּט מיט אן אָפּגעקװעטשטן שטערן, װי א געפּיאָטנעװעטער, און פון דער דרײַגאָרנדיקער ליפּ האָט אים געסלינעט איבערן צאפּן־בערדל, נאָר װי אײנער קומט פון א װעג פון א ברענענדיקן פראָסט... ער האָט זיך טיף אױסגעכראקעט, אױסגעשנײַצט, אָפּגעװישט זיך מיטן קױטיקן ברײטן ארבל פון העמד, געטאָן א טרונק װאסער, זײַענדיק טאקע אפן זעלבן ארבל... גענומען דאָס פּעפּעראָװע ציבעכל אין דער האנט און זיך אנידערגעזעצט אױבנאָן. באלד האָט מען געעפנט די געמאָרעס, אופגעמישט די בלאט, און כאָטש זי איז געװען אױסגעפּאטש־קעט פון כײלעװ און פארגעלטע טאבעק־פלעקן, דאָך, אז מ׳נעמט זיך ארױס די אױגן, קען מען װי עס איז אָנטאפּן... ער האָט א קלאפּ געטאָן מיטן ציבעכל אין טיש ארײן און האָט אָנגעהױבן: „נו, קינדער, זאָגט!"... „האָיאָ רױכעװ אל גאבײ בעהײמאָ", צװישן די ייִנגעלעך איז געװאָרן א געשרײ, גאָר װי צװישן גענדז, װאָס מ׳טראָגט אף דער קאָראָמיטלע צום שױכעט! — דער רעבע האָט אָנגעהױבן קלאפּן מיטן ציבעכל: „שאט! א רועך אין אײַערע מאמעס ארײַן! — נאָך אמאָל: „האָיאָ רױכעװ אל גאבײ בהײמאָ" — אז רװון האָט געריטן אף א בעהײמע (עפּעס האָט זיך אונדז פאָרגעשטעלט אזױ װילד און מעשונע: נא דיר גאָר אף קי רײַטן...! דאָס װאָרט „בעהײמע" װײסן

מיר נאָר אַף דער קו...) וועראָאָ עס האמציאָ״—און האָט דערזען א מעציע!״ — איין ייִנגל האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט ניגון, האָט זיך געהערט, ווי ער האָט אויסגעלאָזט: „און וויל דרייען די רעציע״, און א צווייט ייִנגל האָט אים פאַריכט: „דו גויעץ, און וויל גיין אין דער פּאָליציע״... איך האָב מיר נאָר וואָס געוואָלט אָנרופן: „און האָט געלאָזט א ראציע״—נאָר דער רעבע האָט שוין געעפנט די פיר קנייטשן און האָט צעשפּאַרט די נאָזלעכער, און האָט אונדז אַלעמען מעכאבעד געווען מיט א ציבעכל איבער די אַקסלען: „א מעציע!״—„אוי, אוי, אוי! רעבעניו, א מעציע, א מעציע!״

און אזוי האָבן מיר אָפּגעקאַניוטשעט א גאַנצע וואָך, ביז פרייַטיק פאַרנאַכט...

שאבעס נאָכן שלאָפן האָט דער טאטע מיר געהייסן ברענגען די געמאָרע, ער זאָל מיך פאַרהערן. איך בין געגאַנגען אין כיידער נאָך דער געמאָרע, און באַם אוועקגיין האָט זיך דער רעבע מעיאַשעוו געווען, ער גייט אויך מיט מיר צום טאַטן. אָנגעזאָגט האָט ער מיר אזוי: „אז דו וועסט עפּעס ניט וויסן בעשאַס דעם פאַרהערן, זאָלסטו א קוק טאָן אַף מיר, ווי אזוי איך וועל מאַכן מיטן מויל צי מיטן פינגער, און דו זאָלסט באַלד בא מיר אַליין ארויסכאַפּן די ווערטער, גלייַך ווי דו האָסט אַליין געטראָפן...״ מיר זייַנען געקומען אהיים. איך האָב זיך געזעצט לעבן טאַטן, דער רעבע האָט אופגעמישט די בלאַט און איך האָב אָנגעהויבן אַף א געלענקל: „היאָ רויכייוו אל גאביי בעהיימאָ—אז רוּוון האָט געריטן אַף א בעהיימע״... איך האָב נאָר אויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, טוט פּלוצלונג דער טאטע א כאַפּ: „זאָג נאָר, וואָס איז הייַנט?״—דעם שאבעס איז גראָד געווען בא כיַיע-ריקלען—מייַנס א געשוועסטער-קינד—א פּאָר-שפּיל, אזוי האָב איך אים באַלד געענטפערט, אזוי טשאַקענדיק: „הייַנט איז א פּאָר-שפּיל בא כיַיע-ריקלען!״ — „אָ, דיר אכציק שוואַרץ-יאָר — האָט דער טאטע א געשריי געטאָן—כיַיע-ריקלעס פּאָרשפּיל ליגט דיר אין קאָפּ, ניט די געמאָרע! הא?״ דאָ האָב איך שוין אויך אָנגעהויבן קוקן אַפן רעבן, זע איך, ווי ער קוועטשט זיך! „אז נעכטן איז געווען פרייַ... נו...?״ איך האָב די רעגע אונטערגעכאַפּט: — „פרייַטיק״—„נו,—קוועטשט זיך דער רעבע,—איז דאָך הייַנט ש...״—איך האָב ווידער ארויסגעכאַפּט בא אים פון מויל: „שאבעס״. איך האָב זיך גאָר געשמאָלצן, וואָס איך טרעף אזוי געשווינד;.. „נו?—זאָגט דער טאטע—און שאבעס מעג מען רייַטן?״—„יאָ!״—האָב איך אויסגעשריִען מאָלע סימכע,—„איך האָב הייַנט אַליין געזען דעם רעבנס ייִנגל פאָרן רייַטנדיק אַף א צאַפּ!״... דער רעבע איז שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן און האָט מיר קלוימערשט אַ קניפּ געטאָן אין בעקל, אז ער האָט מיר שיר א שטיק פליש אָפּגעריסן.—„נו, נו, זאָגט ער, מייַן ייִנגל וועל איך שוין מעקייַעם-פּסאַק זייַן. נאָר זאָלסט וויסן, אז אז שאבעס טאָ...״—איך האָב מיך באַלד אָנגעשטויסן און האב אויסגעשריִען מיט א געמאָרע-ניגן: „טאָר מען ניט רייַטן״!—„אז מע טאָר ניט, זאָגט דער טאטע, איז ווי קומט רוּוון רייַטן אום שאבעס?״—אַף אזא קלאָץ-קאַשע האָב איך זיך שוין קלאַל ניט געריכט און האָב שוין אויסגעגלאָצט די אויגן אַפן רעבן, זע איך, ווי ער היקעט: „דעהייַנע, אז רוּוון האָט געריטן אין דער.. וואָ...״ איך האָב א כאַפּ געטאָן: „אין דער וואָסקאָבוינע אַרייַן!״... דער טאטע איז געוואָרן זייער אינקאַעס און דער רעבע האָט מיר מיט א גיפּטיק-זיסן שמייכל א זאָג געטאָן: „ביסט זיך א וויל

ייִנגל... הער זיך צו, וואָס דו רעדסט, נאָך אַמאָל: דעהײַנע, „אַז רווון איז גע..."— איך האָב בעיין אויפן ניט געקענט פֿאַלן, וואָס ער מיינט, און נאָך אַ פּאָר מינוט שווײַגן אין איינע אַנגסטן, איז מיר אַליין אַרײַנגעפֿאַלן דער עמעסדיקער טערעך אַף דעם טאַטנס קאַשע און איך האָב אויסגעשריען מאָלע סימכע: „דעהײַנע, אַז רווון איז געווען אַ גוי..."—„אוי, אַ רועך אין דײַן טרייף פּאַרצעף אַרײַן"—האָט דער טאַטע אַ געשריי געטאָן און האָט מיר אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש, אַז איך האָב שיר אַליין אַלע ציין געקליבן, און דער רעבע האָט ווי ערנסט אַ זאָג געטאָן: „אַפּאָנעם, יאָסקע, אַז דו ביזט טאַקע גערעכט: כײַע־ריקלעס פּאָרשפּיל ליגט אים אין קאָפּ. ווײַטער איז ער ניט קיין באָך... לאָז שוין זײַן אַף אַן אַנדערש מאָל..." דערבײַ האָט ער צוגעמאַכט די געמאָרע, און דער טאַטע האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אונטערן טיש.

באַ דער „אַרבעט".

* * *

> די רעליגיע איז די פֿאַלשע וועלט־קענטעניש, און דער מענטש מוז זיך מיט איר צעכעשבענען, ביז ער וועט זיך דערהויבן צו דער וועלט־קענטעניש, דער עמעסער (מ א ר ק ס).

י. ד י נ ע נ ז אָ ן.
(1856 – 1919)

יאָסעלע.

רעב בערל נעמאָן איז אַ מעלאַמעד, אַ מוצלעך אין שטאָט.

באַ אים אין כיידער לערנען, זינט ער איז פֿון אַ נעמאָן אין דער טאַקסע אַ מעלאַמעד געוואָרן, לויטער באַלעבאַטישע קינדער.

— רעב בערלֿ, — ריידן מיט קינע אלֿע אנדערע מעלֿאמדים, — איז א מוצלֿעך, ניט מער ווי א מוצלֿעך; כאָטש ער לֿערנט זיך ניט איבער מיט זייַנע טאלֿמידים, הייסט ער א באלֿפֿויעלֿ, און כאָטש ער שלֿאָגט, ווי אלֿע, און שמייַסט אויך, ווי דער שטייגער איז, הייסט ער א גוטער, א דייַטן, ווי מיט ציטערדיקע קינדער אומצוגייִן. און די האצלֿאָכע שפּילֿט אים: עס איז א קאָוועד א קינד צו רעב בערלֿען אין כיידער אוועקצוגעבן.

און רעב בערלֿ פֿארשטייט טאקע, ווי זייַנע טאלֿמידים צו שלֿאָגן, און ווייס נאָכמער, ווי מיט זייערע טאטע־מאמעס צו קנעלֿן...

לֿייבעלֿע, רעב שלֿוימע באלֿ־טאקסעס בעניאָכיד, מעג דעם גאנצן כיידער קאפּויער איבערקערן, מאכט זיך רעב בערלֿ ניט זעענדיק און בייזערט זיך אפּילֿע צו הויך ניט אָן אף אים.

ער ווייס, ווי ציטעריק, ווי טייַער לֿייבעלֿע איז בא זייַן מאמען, שיינדלֿען, און ווי גרויס איר נאכעס איז, אז ער, רעב בערלֿ, קומט מיט איר מאן אמאָלֿ שאבעס פֿון שולֿ אף בראָכע צו איר, און ער דערציילֿט איר, וואָס פאר א קלֿוג, שטילֿ קינד איר לֿייבעלֿע איז, אָנאנאָרע, בא אים אין כיידער... און ער כידעשט זיך נאָר, וואָס האָט מען אים לֿעכאטכילֿע אזוי גרויס די איימע געמאכט, אז לֿייבעלֿע איז א שטיפער, א קאפּריזנער און עס וועט אים שווער זייַן אויסצוקומען מיט אים אָן א קלֿאפּ.

— איך ווייס ניט, — זאָגט רעב בערלֿ, זיך ווונדערנדיק, — בא מיר איז ער שטילֿ, ווי א טייַבעלֿע, פֿאָלֿגט, לֿערנט און ווילֿ לֿערנען, אָנאנאָרע. און זאָלֿ לֿייבעלֿע זאָגן, צי שלֿאָג איך אים, צי בייזער איך זיך אפּילֿע אף אים? און בעעמעס פֿארשטיי איך גאָר ניט, צו וואָס שלֿאָגט מען א קלֿיין קינד אין כיידער? שלֿאָגן איז קיין סייכלֿ ניט! נאָר סייכלֿ דארף מען האָבן, און אין מעלֿאמדעס, זאָג איך אייַך, ליגט א סייכלֿ גאָדלֿ...

אפּילֿע איצע שניטקרעמערס מאזיק, וואָס האָט דעם נאָמען מוישעלֿע מאזיק נאָך אינדערהיים באקומען, און וואָס אפּילֿע אין כיידער איז אים קיין מייַסע ניט צו קלֿיין, און אָט־אָט דאכט זיך, האָט ער שוין דעם רעבן פֿון געדולד ארויסגעבראכט, און רעב בערלֿ הויבט אוף דעם קאנטשיק צו באווייזן אזא שייגאעץ, ווי פאר א רעבן דערעכערעך צו האָבן, פֿאלֿט דער קאנטשיק זעלֿטן אף מוישעלֿען, און טרעפֿט שטענדיק אומגערן יאָסעלֿען...

יאָסעלֿע, א שטילֿ אויסגעמאָגערט קינד, כאפּט דעם קלֿאפּ אמאָלֿ גאָר גלֿייַכגילֿטיק, ווי ער וואָלֿט צו דעם שוין געוווינט געווען, און אמאָלֿ גיט ער אויך א געשריי און פֿארצאפּלֿט זיך.

— נארעלֿע, — מאכט דער רעבע צו אים אין אזא פֿאלֿ, — וואָס ווייַנסטו? ניט דיך האָב איך דאָס געמיינט; אָט דעם שייגאעץ האָב איך געוואָלֿט טרעפֿן, צו אים האָב איך א טייַנע! און דו מאזיק! — ווענדעט ער זיך צו מוישעלֿען, — מיינסט, אז איך האָב דיר הייַנטיקן מאָלֿ ניט געטראָפֿן, ביסטו שוין פּאָטער? זאָג אים, יאָסעלֿע, אז דער איקער איז ניט דער שמיץ, נאָר די קאוואָנע, פֿארשטייסט?...

כאַטש יאָסעלע פאַרשטייט עס ניט, נאָר געגוג כאַטש א גוט וואָרט פונעם רעבן — און ער באַרויִקט זיך.

אמאָל, כאַטש זעלטן, טרעפט אויך, אז רעב בערל ווערט אנגעצונדן אף אלע יינגלעך אין כיידער. שטיפנדיק האָט ווער פון זיי א שויב אויסגעבראָכן. רעב בערל ווייס, דאָס איז זיין העזעק... „צוואַנציק קאָפּיקעס, ניט געגעסן ניט געטרונקען,— שרייט די רעבעצן,— א ריס אין הארצן!" זי ווייס אויך, אז די מאמע פונעם שולדיקן יינגל וועט נאָך אינקאַעס ווערן, אז מע וועט קומען מאָנען פאר א שויב, אן אויסגעבראָכענער אין כיידער. אָדער עס טרעפט נאָך ערגער: מוישעלע מאזיק האָט אין טאָפּ דאָס גאנצע זאלץ אריינגעשאָטן, בייס די רעבעצן האָט זיך אף א רעגע פון דעם טאָפּ אָפּגעקערט. זי פארזוכט, שפייט אויס און שרייט:

— אזעלכע מעשומאָדים! ווו איז געהערט געוואָרן — אָנשיטן אין טאָפּ זאלץ, קעדיי דער רעבע זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן?! נא, פארזוך,— דערלאַנגט זי דעם רעבן די לעפל,— ווּעסטו נאכעס האָבן פון דיינע ליבהארציקע טאַלמידים!

דער רעבע נעמט די לעפל צום מויל, שפייט באלד אויס און גיט א געשריי: „ביז איינעם אלעמען שמייסן, ווער דאָס זאָל ניט זיין, אז בלוט וועט שפריצן!"

— יאָסעלע! — גיט ער א רוף דאָס אָרעמע קינד, וואָס זיצט אין אנדערן כיידער און וויגט צו דעם רעבנס קינד.— גיי נאָר אפן הויף, לעבן מיסט־בערגל וואַלגערן זיך, דאכט מיר, א פּאָר אלטע בעזעמס. קלייב אויס עטלעכע גוטע ריטלעך, טראָג אריין, ווּעסטו זען, ווי זיי וועלן שפּרינגען אויסן הויט.

יאָסעלען זאָגט דאָס הערצל, אז נאָך פריער פאר אלעמען וועט ער די ריטער פארזוכן; נאָר ניט גיין, ניט פאָלגן האָט ער מוירע. ער ווייס פון פּראַקטיקע, אז פאר זיך לאָזן בעטן כאפּט ער א פּאָר שמיץ מיטן קאנטשיק ביז די שמיץ פון די ריטער; און ער גייט און טראָגט אריין.

דער רעבע נעמט צו די ריטער, פּאַכט מיט זיי אין לופטן, אן איימע צו וואַרפן אף זיינע טאַלמידים.

— נו, וואָס וואַרסטו? — פרעגט ער יאָסעלען, וועלכער האָט מוירע אוועקצוגיין וויגן דאָס קינד, ווי ביז אהער.— גיכער, שפּילע אפ די הויזלעך, וועל איך טאקע דיך דעם ערשטן אָפּשמייסן און דערנאָך זיי אלעמען, ביז איינעם!

— רעבע, ניט איך האָב עס געטאָן, איך האָב נאָר כסייעלען געוויגט, פּרווּוט זיך יאָסעלע אָפּבעטן. פרעגט די רעבעצן. איך בין אפילע אין כיידער ניט ארויס!

— אלציינס! — ענטפערט דער רעבע און מאכט זיך קוראזש — איך פרעג ניט, ווער האָט עס יאָ געטאָן, ווער ניט... אז איך שמייס אלע יינגלעך אין כיידער, ביסטו אויך ניט בעסער פאר אן אנדערן. גיכער, לאָז זיך ניט בעטן, ווּעסטו בעסער מאכן!

יאָסעלע ווייס, עס וועט שוין קיין וויינען ניט העלפן. ער פארלייגט די הענטלעך פונהינטן און הויבט אָן לויז צו מאכן די הויזלעך.

די הויזלעך, פאַרלאַטעטע, פאַרטשעפּעט אָן קנעפּלעך, נאָר צוגעבונדן דאָ און דאָרטן,

זיי זאָלן אים פון לײַבעלע ניט אראָפּפּאלן, לאָזן זיך אזוי גיך ניט לויז מאכן, און דער רעבע רופט אויס:

— ווער עס וועט העלפן די הויזלעך אים אראָפּלאָזן, וועט באקומען מיט פינף שמיץ ווייניקער!

א פּאָר יינגלעך ווארפן זיך העלפן אָפּבינדן פארשיידענע קנעפּלעך, יאָסעלע בלײַבט שטיין האלבנאקעט.

— לייג זיך!—קאָמאנדעוועט דער רעבע.

יאָסעלע לייגט זיך און טרערן גיסן זיך אפן בענקל. דער רעבע פארײַסט דאָס העמדל העכער, דאָס גאנצע לײַבעלע זעט זיך ארויס צעפּינטלט און צעביסן... אפן רוקן ליגן נאָך די סימאָנים פון נעכטיקן קאנטשיק אין בלויע אָנגעלאָפּענע פּאסן.

— האָט דיך די מאמע אָדער דער טאטע געשמיסן היינט, צי נעכטן? — פרעגט פּלוצלונג דער רעבע.

— די מאמע האָט מיך ניט געשמיסן, רעבע, דער טאטע אויך ניט, — ענטפערט יאָסעלע.

— ליגנער, אָט זיינען נאָך די סימאָנים, מיט א שטריק צעפּאסעוועט דײַן לייב!— ווײַזט רעב בערל מיטן האנט אף די אנגעלאָפּענע פּאסן.

— אוי, רעבע, דאָ טוט מיר ווי נאָך פון נעכטן, פון אײַער קאנטשיק! — וויינט יאָסעלע.

— א ליגן, א בילבל!—שרייט רעב בערל,—ווען שלאָג איך? סיידן אלפּי־טאָעס, אומגערן!

— אומגערן, ווי איך בין א ייִד, אומגערן?—פארענטפערט זיך דאָס אָרעמע קינד, נאָר עס העלפט ניט.

— פון אומגערן ווערן קיין סימאָנים ניט,—דערקלערט דער רעבע,—דו ווילסט נאָר א בילבל מאכן! פאר בילבולים אָבער וועל איך שמײַסן. געדענקט, קינדער, ווער עס מאכט א בילבל אף מיר, אז איך שלאָג, ווערט געשמיסן!

— ווער עס וועט דעם „בילבל־מאכער“ צוהאלטן פאר די פיס, וועט היינט פּאָטער זיין פון שמײַסן! — רופט דער רעבע ווידער אויס — אלע ייִנגלעך כאפּן זיך פאר דער מיצווע.

— איינס, צוויי, דרײַ!—ציילט דער רעבע די שמיץ — אזוי שמײַסט מען ייִנגלעך, וואָס ברעכן אויס א שויב שטיפנדיק! פיר, פינף, זעקס—וואָס שיטן זאלץ אריין אין רעבנס ווארמעס!.. זיבן, אכט, נײַן! און נאָך שטארקער שמײַס איך פאר בילבולים, פאר ליגנס, אז איך שלאָג, אז איך מאך סימאָנים אפן לײַב. געדענקט עס, קינדער, פאר א בילבל נעם איך די הויט אראָפּ!

יאָסעלע שרייט, צאפּלט זיך, בײַסט דאָס בענקל פאר ווייטיק, ביז דער רעבע לאָזט אים אָפּ, און טראָגט אים צו די רוט א קוש טאָן.

די ליפּעלעך פארברענט, אין די ווינקלען זעט זיך פארבאקן בלוט, דאָס גאנצע

פֿענעמל נאס אויסגעשמירט פֿון טרערן, ער ציט גיך די הויזלעך ארויף, וויינט שוין ניט, נאָר דאָס הערצל הויבט זיך און כליפּעט.

— וויש אָפּ דאָס פּאָנעם און קום לערנען! — הייסט דער רעבע.

יאָסעלע ווישט דאָס פּאָנעם מיטן ארבל, דעם רעבן געפֿעלט עס ניט און שיקט אים אין קיך, זיך גוט אָפּוואשן. נאָר איידער יאָסעלע וואשט זיך, כאפּט ער דאָס קווערטל מיט וואסער און טרינקט מיט דורשט, דאָס הערצל ברענט און די צונג איז פֿארטריקנט פֿון שרייַען.

— זאָג! — הייסט דער רעבע, און יאָסעלע זאָגט דעם כומעש מיט אלע טייַטש־ווערטער, געדענקט אלע אויסריידן, ווען־ניט־ווען רייַסט זיך נאָך ארויס א כליפּ, א שלוקערץ. רעב בערל הערט זיך אייַן און באַרויִקט דאָס קינד אינגאנצן.

— אָט אזוי, גאָר אנדערע דיבורים! — מאכט רעב בערל, גלייך ווי פֿריִער וואָלט ניט אזוי געוועז. — זעט איר, איצט זאָגט ער דעם כומעש א מעכייַע צו הערן, נאָר שמייַסן מוז מען אויך אמאָל! פֿארשטייט איר, שקאָצים? — שרייט ער צו די איבעריקע קינ־דער — מע מוז שמייַסן. ערשטנס: מע זאָל ניט ווילד ווערן, גאָר שויבן ברעכן, גאָר זאלץ אָנשיטן און איבערפֿירן א מיטיק, דער רעבע זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן! מיינט ניט, עס וועט אייַך נאָכאמאָל געשענקט ווערן! די הויט וועל איך אָראָפּשינדן! און איצט גייט עסן וואָרמעס.

— וואָס גייסטו ניט? — פֿרעגט דער רעבע יאָסעלען גאָר שוין גוט.

— הייַנט קאָכט די מאמע קיין וואָרמעס ניט, — ענטפֿערט יאָסעלע און פֿון הערצל רייַסט זיך ארויס א זיפֿץ, ווי א פֿארשפּעטיקטער ווידערקלאנג פֿון די פֿריִערדיקע גע־שרייען זיינע.

— גאנץ גוט! — וועסט צוהאלטן דאָס קינד, ביז איך וועל קומען! — זאגט די רע־בעצן, דערלאנגט יאָסעלען דאָס קינד און אליין לויפֿט זי ארויס עפּעס כאפּן אין קרעמל פֿאר איר מאן וואָס צו עסן.

מ. ראָזענפֿעלד.

דער כיידער.

(א מייַסעלע פֿון די קינדער־יאָרן).

אין אן ענגן, דומפּן כיידער,
ווו עס קווועלט זיך דער מעלאמעד
אין א טרויעריקן מייַמעד
און ער מאטערט זיך קעסיידער;

ווו עס שפּרייט זיך די געמאָרע,
און דער צעבער שוימט מיט גדולע,
גאנץ געוויס צוליב א סגולע,
און עס שמעקט אזש, קיינאנאָרע...

ווו די ציג צעקײַט דעם סידער
און די רעבעצן די בראָכעס,
ווו דאָס קנעלן ברענגט קאַדאָכעס
און דער האָן איז קידער־ווידער;

אין דערדאָזיקער קאַנורע,
מיט דער אומעטיקער צורע—
איבעריק ניט נוציק,
שוואַרץ, פאַרפוילט און שמוציק,
האָט געהונקען
און געוווּנקען
יענער בענקל פון באַרוף,
ווו די קינדער פלעגן ליגן—
צום מעלאַמעדס פאַרגעניגן—
מיט די „קעזיקלעך" אַרוף.

אָ, ער איז געווען א קײַסן,
דער מעלאַמעד, קיין קאַטאָוועס!
א כערליאַק, א שטיק בענמאָוועס,
און האָט נאָר געליבט צו שמײַסן,
אָבער שמײַסן מיטן טראָפּ.
ער פלעגט שמײַסן און זיך וויגן
מיט א מאַוועך־סעדרע־ניגן—
און די קינדער פלעגן צאַפּלען,
אַז די רעבעצן פלעגט מאַפּלען
פון די קוילעס און די שרעק,
און דער רעבע פלעגט אַוועק—
אָפּגעפּאַטערט
און פאַרמאַטערט,
און פלעגט פאַלן ווי א סנאָפּ...

איינמאָל, ווי ער זיצט און קנעלט,
האָט זיך פלוצלונג אים פאַרוועלט
אָפּצושמײַסן יענעם ייִנגל
מיט דעם פײַערדיקן ציינגל,—
יענעם שטיפער פאַר א שפּיצל
און ער רוקט שוין אָן דעם מיצל,
און זיך געבנדיק א קווענקל,
שלעפּט ער שוין אַרויס דעם בענקל.

הייסט דעם ייִנגל שטיל זיך לייגן
און דעם „קעזיקל" פאַרבויגן,
און מעגאַלע זײַן דעם מאָקעם
ווו מעלאַמדעס האָט אַסאָקים...

יאָ, דער רעבע האָט באַפוילן,
פאָלגט דער ייִנגל די האַסראָע,
מיילע, ווײַזט ער אים גאַנץ פוילן...
קוק זיך, טראַכט ער, האָב האַנאָע...

אויב דאָס קוויקט דיר אין אַניִעס
וועל איך דאָס דיר שטענדיק ווײַזן...
נאַ, און קוק, און שעפּ דיר כיִעס.
עמעס, עס איז טאַקע מיִעס,
דאָך ניט זוך מיר דאָרט קיין גרײַזן...

נאָר דער כיידער וויל שוין וויסן,
אויב דער קונדעס וועט זיך לאָזן,
כאָטש דער רעבע איז פאַרביסן
און דער קאַנטשיק אָנגעבלאָזן.
אָך, ער איז דאָך זייער „קייסער"!
און מיט הערצלעך, האָמן־קלעפּלעך,
שושקען זיי זיך שטיל בעסייסער
און זיי וועטן זיך אין קנעפּלעך.

ס׳קרייט דער האָן, די ציג קײַט „נויעך",
קינדער כאַזערן מישנײַעס,
דער מעלאַמעד מאַכט האַווײַעס
און ער נעמט זיך אָן מיט קויעך.
דאָך דער רעבעצנס שטאַרע בליקן
קוקן, ווי עס לייגט זיך מאָטקע,
אופגעקאַשערט די קאַפּאָטקע,
און זי קען שוין מער ניט שטריקן...

לאָזט אין זאָק דאָס לעצטע אויגל,
אונטערן האַרצן פילט זי וואַרפט זיך..
און א שטילער ווייטיק שאַרפט זיך,
יאָ, זי קען דעם טײַערן פויגל...

דאָך רעב יאנקל מאָלע כיימע,
ווי א האָמען, קאָכט און ראשט דאָ
מיטן טאָן פון „מײַפעך־פאשטע",
און עס נעמט אזש אָן אן איימע...
„ליג, דו שייגעץ, ווייס זשע איצטער,
ווי מען לערנט בא א רעבן...
איצט וועל איך דיר טאקע געבן",
זאָגט דער גאזלען א פארשוויצטער,

„איצט וועסטו דאָס טאקע האָבן!"
דאָך מיט איינמאָל פליט דאָס בענקל,
אז צעציטערט ווערט רעב יאנקל,
און עס גיט א שפרונג דער קונדעס
ווי א טוק צעשאָסענע שפונדעס:
„שווײַגט, ר' יאנקל, הערט אוף גרעפצן!
„האָבן", נעבעך, דארף די רעבעצן...
לויפט געשווינד און רופט די באָבן".

י. בערקאָוויטש.

(געב. 1885).

ש מ י ץ.

גדאליע דער דארדעקע־מעלאמעד איז א נידעריקער אלטער ייִד, א געוועזענער מעלאמעד, א געדיכט־באוואָקסענער, מיט א פּאָר גראָבע פעטע ליפּן און מיט א פּאָר קליינע שמאלציקע פארגאָסענע אויגן. זינט דאָס ערשטע ווײַב איז אים אָפּגעשטאָרבן און זינט דאָס צווייטע ווײַב האָט אים באגאנוועט און אנטלאָפן—לעבט ער פאר זיך, בי֫עכידעס, אין זײַן אייגן אלט שטיבל, און באקומט יעדן כוידעש אכט קארבן פון זײַן זון, וואָס וווינט ערגעץ אין דער גובערניע... אמאָל האָט גדאליע מעלאמעד געשעמט פאר איינעם פון די בעסטע מעלאמדים, פאר א מוירעדיקן „באל־פּויעל", וואָס, אז ער נעמט אריין צו זיך אין די הענט א ייִנגל, מאכט ער פון אים א לײַט. דער כיידער איז בא אים שטענדיק געווען פול, ווי א פולער שטײַג מיט אויפעס, עס האָט דאָרטן שטענדיק געטומלט און געראשט, און אין דעם אויסגעמיִשטן טומל פלעגט זייער אָפּט זיך אָפּטיילן און זיך לאָזן הערן א קינדערש ביטער יאָמערלעך געשריי. דאָס איז גדאליע געזעסן ערגעץ אין א ווינקל און געשמאק געארבעט איבער א נאקעטע יונג־פריש־צאפלדיק לײַב. דער קליינער ווארעמער קאָרבן פלעגט זיך ווארפן בא אים צווישן די קני, ציטערן פאַר פארצווייפלונג, באָברען זיך און אָנמאכט. דאָס אָבער פלעגט גדאליען נאָך זיסער מאכן זײַן הייליקע און נוצלעכע ארבעט און פלעגט אים צוגעבן נאָך מער פײַער און מער געשמאק. אין אזא הייסער מינוט האָבן אים געציטערט הענט און פיס, די געדיכטע באָרד זײַנע האָט זיך אלץ געריסן אראָפּ, צו דעם אופגעדעקט לײַב, די גלעזלעך פון זײַנע ברילן פלעגן באצויגן ווערן מיט א דין גרוי הײַטל... עפּעט אזוינס, וואָס מע מעג עס זיכער אָנרופן „ארטיסטישער עקסטאז", פלעגט זיך בעשאס מײַסע אויסגיסן אף זײַן געדיכט באוואָקסן פּאָנעם און אף זײַנע גראָבע פעטע ליפּן. די קני האָבן שטײַף אײַנגעדריקט דאָס אומגליקלעכע צאפּלדיקע קערפּערל, די אופגערעגטע פינגער האָבן שטום און לײַדנשאפטלעך געזוכט דאָס ווא־רעמע צארטע פּורפּורנע קינדערשע לײַב...

און איינמאָל זומער האָט גדאליע באַקומען א בריוו פון זײַן זון מאָטל, ווו ער האָט אים געבעטן אראָפּפאָרן צו אים אין דער גובערניע פאַרברענגען די זומערדיקע צײַט... „אגעוו, — האָט אים מאָטל געשריבן — וועט מײַן זונדל האָבן די מעגלעכ־קײַט אָנקוקן זײַן זיידן״.

מיט זײַן זון מאָטל האָט גדאליע אסאך כעשבוינעס, און ניט איינמאָל האָט ער אים הינטער די אויגן אָנגערופן „לײַדאַק״. נאָר פונדעסטוועגן איז ער איצט געגאַנגען אין באָד, באַנײַט זיך דאָרטן מיט א ווײַס געוואַשן העמד מיט א ברייטן יאָנ־טעוודיקן אָפּגעלייגטן קאָלנער, אונטערגעשניטן די וואָנצעס צוליב שיינקײַט וועגן ביז אין די וואָרצלען אַרײַן, אָנגעטאָן די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, אופגעהאַנגען א שלעסל אַף דער טיר פונעם שטיבל און זיך געלאָזט גיין מיטן פּעקל צו דער אײַזנבאַן. —

— — — — — — — — — — —

מאָטל איז געקומען צו לויפן א פּאַרסאָפּעטער, א שײַנענדיקער, און געכאַפּט זיך קושן מיטן טאַטן, געזוכט בא אים דאַפּקע די גראָבע פעטע ליפּן. גדאליע האָט זיך אַרויס־געמאַכט פון זײַנע הענט א ניטצופרידענער און גענומען זיך קלאָגן, אז ער איז אַלט און קראַנק און עלנט און פאַרוואָרפן, און א צוגאָב צו דעם האָט אים נאָך גאָט גע־שטראָפט, וואָס ער האָט קיין קינדער ניט, אָבער גאָר ניט, לאַכלוטן ניט... דער זון איז געבליבן ווי מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען, ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טאַטן א צעמישטער, אַן אונטערטעניקער, עפּעס געשמייכלט פאַרשעמט, עפּעס גע־קליבן זיך ריידן און אַלץ געטאַפּט זיך בא די קעשענעס, אומגעקוקט זיך אַף די ווענט, טאָמער וועט אים גאָט צושיקן עפּעס אזוינס, מיט וואָס מען זאָל קאָנען גליק־לעך מאַכן דעם אומצופרידענעם טאַטן. ער איז אונטערגעשפּרונגען צו דעם שפּײַז־אַלמער, אַרויסגענומען פונדאָרטן א פלעשל בראַנפן און א פרעג געטאָן:

— מיר וועלן עפּשער נעמען צו ביסלעך? — און געקוקט דערבײַ אַפן טאַטן מיט א קוק פון א גוטהערציק געטרײַ לעמעלע.

— מיילע... — האָט גדאליע געענטפערט שוין אביסל ווייכער. פון דערדאָזיקער ווייכקײַט האָט דער זון מיטאַמאָל באַקומען מוט און א כאַפּ געטאָן זיך אינמיטן דערינען:

— אײַ, טאַטע! דו האָסט דאָך נאָך גאָרניט געזען מישען.

— ווער איז זי אזוינס די מישע? — האָט גדאליע געפרעגט שוין גאָר אינגאַנצן ווייכהאַרציק, אויסגעשטרעקט דערבײַ די האַנט צום פלעשל.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? — מישא, מײַן זון... איך מיין, מאָשקע.

— אזוי? נו־נו, מעכעטייסע. איך האָב געמיינט, דאָס איז אזא נעקייווע מישע! מאָטל שמייכלט א גליקלעכער און פליט אַפן באַלקאָן און שרײַט:

— מישא! מישענקע! גיכער, גיכער, דער זיידע איז געקומען.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך אין טיר געוויזן א ייִנגעלע פון א יאָר 5 מיט נאַ־קעטע קני מיט צעפּלאַמטע בעקלעך, מיט א פּאָר גרויסע, ליכטיקע, בלויע אויגן; אָנ־געטאָן איז עס געווען אינגאַנצן אין רויטס. דער זיידע האָט בא זײַן אַרײַנגיין גע־האַלטן באַם צווייטן קעלישעק. ער האָט א פרעג געטאָן א ביסל הייזעריק:

— אָט דאָס איז דער מישע דײַנער? א רעכטער יונגאטש... קום נאָר אָקאָרשט אהער, דו! שרעק זיך ניט. איך בין ניט קיין כײַע...

דאָס ייִנגעלע האָט אָנגעשטעלט א פּאָר ליכטיקע גרויסע אויגן און באקוקט מיט װוּנדער דעם פרעמדן אלטן ייִדן, וואָס האָט זיך געזעצט באם טיש איבער א טאץ מיט פלעשלעך און קעלישקעס.

— גיי צעקוש זיך מיט דעם זיידן. אָט דאָס איז דאָך דער זיידע!—האָט אים זײַן טאטע דערקלערט.

מישע איז צוגעגאנגען א שעמעדיקער צו דעם זיידן און איז געבליבן שטיין פאר אים, געוואַרט אפּאָנעם, יענער זאָל צו אים אָנבויגן דעם קאָפּ. דער זיידע האָט אים אָנגענומען באם אויער.

— טאטע, לאָז אים, ער זאָל דיך א קוש טאָן.—האָט זיך אָנגערופן מאָטל, וועלכער איז געשטאַנען אין איין װאָרטעניש.

— ווייס איך, איך האלט ניט פון דעם... זאָג מיר בעסער, שייגעץ,—האָט דער זיידע זיך א קער געטאָן צום אייניקל, אלץ געהאלטן אים באם אויער.—לערנען קאָנסטו עפּעס? הא? רייד װערטער!

מישע, א פארשעמטער, א באליידיקטער, האָט זיך פלוצים צעוויינט.

— דו נאר, וואָס וויינסטו? איך בין דען א כײַע?... ער וואקסט בא דיר אפּאָנעם גאָר א ווילדער—האָט גדאליע באמערקט דעם זון און גענומען זיך צו דעם פלעשל.

— אז מע איז שטענדיק פארנומען.—האָט מאָטל זיך פארענטפערט און טאקע באלד זיך גענומען קלײַבן אוועקגיין...

מאָטל האָט אוועקגעזעצט זײַן ייִנגל אקעגן זײַן טאטן און אָנגעזאָגט אים, אז איצט וועט ער שוין מער ניט שפּילן זיך אינדרויסן—איצט האָט ער א זיידן, מיט וועמען צו שפּילן זיך. דערבײַ האָט מאָטל געוואָרפן צום טאטן א פרעגנדיקן שמייכלע, א שמייכעלע פון א גוטהערציק געטרײַ לעמעלע.

אז דער זון איז אוועקגעגאנגען, האָט זיך גדאליע ערשט גענומען ווי עס באדארף צו זײַן צום פלעשל. איצט האָט שוין די וועלט בא אים אויסגעזען גאָר ניט אזוי שלעכט. אז ער איז אופגעשטאַנען פון פרישטיק, האָט ער געפילט, אז ער איז פול און העכסט גליקלעך; אז דאָס לעבן איז א זיסער ביסן. אלץ, וואָס ארום, האָט געלויכטן און געפרייט זיך...

— אן אוישער גאָדל... — האָט ער גערעדט צו זיך אליין פון זײַן זון און געשמייכלט דערבײַ גאנץ פרײַנטלעך.

ער איז צוגעגאנגען צום אייניקל מיט שווערע טריט, זיך אוועקגעשטעלט און געקוקט אף אים א ווײַלע מיט טריבע, צעשמאָלצענע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּילט דאָס שיקערע שמייכעלע, דערנאָך האָט ער אים א הויב געטאָן צו זיך, א שמאָצקע געטאָן מיט זײַנע פעטע גראָבע ליפּן דאָס יונגע פרישע בעקל און אראָפּגעלאָזט אים צוריק, ווי מע לאָזט אראָפּ א שווערע מאסע.

— א שיינער באָכער... דו האָסט אָנאנאָרע לײַב, כ'לעבן... מישע... מאָשע... מאשע... א נאָמען פון א נעקייווע, הע־הע...—האָט ער געבאלאמאָטשעט מיט די ליפּן־

ער האָט זיך צעלייגט אף דער ווייכער סאָפקע, א צעשמאָלצענער פון גליק. דערבײַ האָט ער עפּעס אלץ כיטרע אונטערגעוווּנקען דעם אייניקל מיט האלב־צוגויפגעקלעפּטע אויגן. מישע האָט אויך געשמייכלט, נאָר ער איז נאָך געווען אביסל פארוווּנדערט און ניט־אנטשלאָסן בא זיך. צום סאָף האָט ער זיך ניט אײַנגעהאלטן און א פרעג געטאָן ערנסט:

— באווײַזן מײַן פערדל?...

— פערדל? הע־הע... האָט גדאליע אָנגעקוואָלן פון דעמדאָזיקן לעכערלעכן וואָרט „פערדל"...

מישע איז אוועקגעגאנגען אין א צווייטן צימער און באלד איז ער ארויסגעפאָרן פונדאָרטן, רייטנדיק אף א הילצערנעם פערד, געטריבן עס מיט די פיסלעך, גע־שלעפּט עס מיט די הענטלעך און אונטערגעפּײַפט, ווי מע פּײַפט צו אן עמעסן פערד: „וויאָ! וויאָ!"—און בעשאס מײַסע האָבן זײַנע גרויסע בלויע אויגן געלויכטן און געקוקט שוין גאָר צוגעלאָזט אפן זיידן.

— אָט אזוי, אָט אזוי!—האָט דער זיידע געבאלאמאָטשעט מיט די ליפּן.—איילע טוילדעס נויעך, פון בראנפן קריגט מען קויעך... הע־הע...

און קוקנדיק אזוי מיט האלב־צוגויפגעקלעפּטע אויגן אפן אייניקל און אף זײַנע נאקעטע ראָזעווע קני און אף דעם אויסשניט פון די פולע קײַלעכדיקע זײַטלעך, בא־קומט גדאליע א טײַווע, עס גיט אים מיטאמאָל א בליץ א געדאנק: „ארײַנקאטע־ווען אים"... אזא שייגעץ איז ווערט שמיץ!

עס איז א פּלאן, און א ווילער פּלאן, נאָר דערווײַל קלעפּן זיך די אויגן און עס דרייט זיך דער לאָמפּ אף דער סטעלע און עס צעגיסט זיך א זיסע מידקײַט אין אלע גלידער. דאָס לעבן איז א זיסער ביסן. הע־הע...

אז גדאליע האָט זיך אופגעכאפּט און איז נאָך געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, איז שוין זײַן פּלאן אים געשטאנען פארן דימיען, אין צימער איז געווען ליכטיק און שטיל. דורך די עטוואָס אופגעעפנטע ברעמען האָט ער געזען, ווי דאָס אייניקל זיצט אקעגן אף א בענקעלע און באטראכט אים, ווי ער שלאָפט. דאָס קײַלעכיקע פולע פּנעמל איז עפּעס פארוווּנדערט, די ליכטיקע בלויע נאַיווע אויגן קוקן ברייט און נײַגעריק. גדאליע האָט דערפילט, ווי עס ציטערן אים די הענט און ווי אונטערן הארצן הויבן אָן קאפּען ווארעמע טראָפּנס. ער האָט זיך אופגעהויבן און אוועקגעזעצט אף דער סאָפקע.

— קום אָקאָרשט אהער!—האָט ער צוגערופן צו זיך דאָס אייניקל.

מישע איז צוגעגאנגען. גדאליע האָט אים גענומען פאר די בעקלעך.

— זאָג מיר אָקאָרשט, זונעלע, וואָס איך בין דיר, הא?

— א זיידע!—האָט מישע געענטפערט און ארויפגעלאָזן פארשעמט די אויגן אף דעם זיידנס שיך, און אף זײַנע בעקלעך האָט זיך צעשפּילט א פרישע, צארטע פארב.

— געטראָפן!—זאָגט גדאליע און נעמט ארײַן דאָס אייניקל צו זיך צווישן די קני.—איצט, מאָשקעלע, אויב יאָ אזוי, טאָ זאָג מיר, עפּשער ווייסטו, וואָס טוט א זיידע?

— וואָס?—פרעגט מישע צוגעלאָזט און הויבט אוף פון דעם זיידנס שיך זייַנע גרויסע ליכטיקע אויגן.

— א זיידע—דערקלערט גדאליע פאוואָלי און ציט צו דאָס איינִיקל שטייַף צו זיך, צו די קני—שמייַסט... א זיידע נעמט אראָפ דעם פאס, צעשפילעט דעם איינִיקל דאָס שפענצערל, פאוייַסט אים דאָס העמדל ארופצוצו און שמייַסט, שמייַסט... מע טאָר ניט זייַן קיין שייגעץ!—ווערט ער מיטאמאָל שטרענג און טוט א געשריי אפן איינִיקל.

מישע פארשטייט ניט, וואָס מיינט דער זיידע, און קוקט אף אים מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן. דער זיידע דריקט אים שטייַפער צו די קני און טאפט אים דאָס לייַב מיט ציטעריקע פינגער. מישע צעוויינט זיך.

— ע, שוין וויינסטו? דו ווערסט נאָך צייַט האָבן בא מיר צו וויינען!.. און גדאליע נעמט זיך צעשפילען מיט איין האנט דעם קינדס הויזלעך, בעשאס די צווייטע האנט האלט שטארק דאָס צארטע צאפלדיקע קערפערל.

— מע טאָר ניט זייַן קיין שייגעץ, מע טאָר ניט...—שעפטשעט ער אין איין ציטערניש און בויגט אָן די געדיכטע באָרד צו יענעם אָרט אין די הויזלעך, וווּ אלפי-יוישער דארפן זיך געפינען קנעפלעך.

— דער רועך וויס זיי מיט זייערע הייַנטיקע שפענצערס!—צישעט ער ארויס אופגערעגט פון צווישן די ציין, זוכט באם קינד אין די הויזלעך מיט ציטערדיקע פינגער, און בעשאס מייַסע ווארפט זיך דאָס קינד בא אים אין די הענט און שרייַט פארצווייפלט.

א ווייַלע האָט גדאליען עפעס א צופ געטאָן באם הארצן, האלטנדיק אין די הענט דאָס אומשולדיקע יונגע קערפערל מיט די קליינע הענטלעך און פיסלעך. נאָר אין דערזעלבער ווייַלע האָט אים א שייַן געטאָן פאר די אויגן א ווייַס לעבעדיק יונג לייַב. ער האָט געשווינד אראָפגעכאפט פון זיך זייַן פאס, אויסגעגלעט בעריעש אף די קני דאָס צאפלנדיקע קאָרבנדל און גענומען ארבעטן...

— אהא! מען זאָגט דיר הונדערט מאָל: „מע טאָר ניט זייַן קיין שייגעץ"— און דו ביסט דאפקע א שייגעץ—... דעם זיידן אצולאָכעס... אהא!..

עס האָט אים פארכאפט באם אָטעם. די קני האָבן אים געפייַערט פונעם ווארעמען קינדערשן קערפערל. דאָס קינד האָט זיך געוואָרפן, געשריִען מיט די לעצטע קויכעס. גדאליע האָט זיך פארטיפט אין זייַן שטיקל ארבעט מיט האנאָע, מיט געשמאק.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— טאטע, וואָס איז דאָס?

אין טיר איז געשטאנען מאָטל מיט פלעשלעך אין די הענט א בלייכער פאר דערשטוינונג: גדאליע איז געוואָרן צעמישט און האָט אראָפגעלאָזט דאָס שרייַענדיקע קינד פון די קני. ער האָט גענומען שטאמלען:

— עס איז גאָרניט... א קלייניקייַט... איך האָב נאָר געוואָלט... דאָס הייסט... גאָרנישט... עס איז כאָלילע קיין סאקאָנע ניט... עס וועט זיך פארהיילן...

ער האָט זיך געהאלטן פאר זיינע אייגענע אראָפּגערוקטע הויזן און איז געשטאנען פאר דעם זון א רויטער, א באגאָסענער מיט שווייס, ווי אן אויסגעווייקטער בורעק.

— געהערט א געשיכטע? כ׳לעבן... מע טאָר זיך גאָר הײַנט צו זיי ניט צורירן! ס׳איז בא זיי הייליק! דאָס ערשטע מאָל, אז מע שמײַסט...

יאראָסלאוו האשעק.

אף דער לעקציע פון רעליגיע.

די קינדער פונעם דאָרף קאָרופּעווע האָבן פון דער געשיכטע פון אלטן טעסטאמענט געוווּסט בלויז איין זאך: אז דער ליבער גאָט האָט אין זײַן גרויסן כעסעד באשאפן דעם ראָר און נאָכן ראָר—דעם לערער פון רעליגיע, דעם קאפּעלאן 1) גאָראטשעקן. דידאַזיקע ביידע זאכן האָבן איינס דאָס אנדערע דערגענצט. דערנאָך האָט גאָט אויסגעלערנט די מענטשן צו מאכן פונעם ראָר ראָרשטעקלעך, און דעם הער גאָראטשעקן האָט ער אויסגעלערנט אָנצווּוענדן זיי מיט דער גאנצער קונציקײַט אף די הינטער־כאלאָקים פון די שילער.

געוויינטלעך פלעגט זיך דאָס אָנהויבן אזוי:

ארײַנקומענדיק אין קלאס, גיט דער קאפּעלאן גאָראטשעק מיט באדויערן א קוק אף די אָנגעצויגענע פּענעמער פון זײַנע שילער און זאָגט:

— וואנישקע, דו נארישע באשעפעניש, מיר דוכט, אז דו ווייסט ניט די זיבן הויפּט־זינד פון סאָף אף צוריק?

מיט דער הילף פון פארדרייטע פראגעס סטארעט זיך דער קאפּעלאן גאָראטשעק צו מאכן פון זײַנע שילער עמעסע עקוויליבריסטן, זיי דארפן, לעמאָשל, זאָגן די צען געבאָטן פון סאָף אף צוריק.

— לודוויג, דו ליידיקגייער, זאָג, אָבער פלינק—וועלכער געבאָט איז פון סאָף דער דריטער פארן „דו זאָלסט ניט גאנווענען״?

דאָס איז געווען די עמעסע געטלעכע מאטעמאטיק, וועלכע פלעגט זיך ענדיקן מיט שמיץ אלס א טרויעריקער רעליגיעזער רעזולטאט פונעם שטודירן די געטלעכע וויסנשאפטן.

און שטענדיק, ווער דאָס זאָל ניט זײַן: וואניטשעק אָדער בוכאר, לודוויג אָדער עמעצער אנדערש—יעדער פון זיי פלעגט זיך פארומערט אופהויבן פון באנק און גיין צו דער קאטעדרע. זיי פלעגן גיין, אָפּגענארטע אין זייער צוטרוי צו דער אומענדלעכער געטלעכער גוטסקײַט און נאָך מער איבערצײַגטע אין דעם, אז די געטלעכע באגריפן זײַנען אײַנגעשלאָסן ניט אינעם קאטעכיזיס, נאָר אין יענעם טייל הויזן, אף וועלכן זיי זיצן. דאָס איז געווען אזוי פּאָשעט און ניט אָפּצולייקענען:

1) קאפּעלאן—א גײַסטלעכע פּערזאָן בא די קאטאָליקן.

אופהויבן די הינטעו־כאַלאָקים און שטעלן זיי אונטער די שמיץ פונעם פרישן ראָר־שטעקל פון דעם קאַפּעלאַן, וואָס איז געניט אין דער זאַך.

די עקזעקוציע פלעגט ער געוויינטלעך אויספירן מיט אַן אָנגענעמען שמייכל, פלעגט ליגן אײַנעם נאָכן אַנדערן איבערן קני און זאָגן:

— דאַנקט גאָט, וואָס גראָד איך שמײַס אײַך.

איינמאָל האָט וועפּריק דערציילט, אַז ס׳האָט אים געראַטן אָנשמירן דאָס ראָר־שטעקל מיט קנאָבל, מ׳זאָגט, אַז דעמלט וועט ניט נאָר ניט וויי־טאָן, נאָר דאָס שטעקל וועט זיך נאָך גיך צעברעכן. דידאָזיקע ידיעה האָט אָנגעמאַכט אַ סענסאַציע, אַלעמען האָט באַלעבט די האָפענונג, אַז ס׳וועט זיך זיי אײַנגעבן ווי עס איז צו פאַרגרינגערן זייערע יעסורים, און אַסאַך פון זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק אײַנגעגלויבט אינעם קנאָבל, אַז באַם אָנרײַבן מיט דעם דאָס ראָרשטעקל האָבן זיי געוויינט.

„לײדער אָבער!—דידאָזיקע געשיכטע מיטן קנאָבל איז געווען בלויז אַ פאַרצווייפלטע, מיט גאָרנישט ניט באַרעכטיקטע האָפענונג פון דער קאַרופּעווער שול; דאָס איז אַ טרויעריקער קאַפּיטל וועגן אומדערגרייכבאַרע פאַרלאַנגען. דאָס האָט זיי דער קאַפּעלאַן גוט דערקלערט אַף די הויזן און אין אַ ספּעציעלער לעקציע, געווידמעט דעם קנאָבל. ער האָט דערוויזן, אַז זיי האָבן געוואָלט גיין מיט נאַרערײַ, זיי האָבן געוואָלט אָפּנאַרן גאָט, אָבער ניין—גאָט נאַרט מען ניט אָפּ, ער שטראָפט יושרדיק. ער האָט זיי דערקלערט, וואָסערע געפערלעכע פאָלגן עס קאָנען פאַר זיי האָבן אַזעלכע נאַרערײַען. דאָס איז געווען די ערשטע שטופּע פון מאָראַלישן זינקען און פון אונטערגאַנג. ער האָט זיך געקאָנט ווערטן אַף זײַן כיילעק אוילעם־האבע, אַז דעמדאָזיקן קנאָבל האָבן זיי געגאַנוועט, און פאַרן גאַנווענען וועט ער זיי איבעראַנײַס שמײַסן.

— ס׳איז אָן סאָפעק,—האָט ער געזאָגט,—אַז איר אַלע, כוץ וואַנושקען און זדענקען (זיי פלעגט מען ניט שלאָגן—זדענעקעס פאָטער איז געווען אַ מיטגליד פונעם שולראַט, און וואַנושקע—דער זון פונעם פאַרוואַלטער), וועט הענגען אַף דער תליה.

אַזוי זײַנען טרויעריק געגאַנגען די טעג, און ס׳איז ניט געווען קיין שום מיטל פּאָטער צו ווערן פון די שמיץ. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די קאָרופּעווער קינדער וועלן גאָרנישט ניט קאָנען צוטראַכטן אַף צו ראַטעווען זיך און אַז דאָס אַלץ וועט זיך אייביק אַזוי ציִען. אָבער דער הינקעדיקער מעלגופע האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער לייזונג פון דערדאָזיקער רעליגיעזער פראַגע נײַע מעטאָדן.

לעבן טײַכל האָט ער דערקלערט אַלע יאַטן די באַדײַטונג פון פּאַפּיר. דאָ ניט לאַנג האָט ער אינדערהיים דורכגעמאַכט אַזאַ פּרוּוו. ער האָט אָנגעשטאָפּט די הויזן מיט פּאַפּיר און אַראָפּגעשטופּט פון פּאָליצע אַ טעפּל מיט מילך. דערפאַר האָט מען אים טייקעף אָפּגעשמיסן מיט אַ פּאַס, און ער האָט דעם ווייטיק געפילט אַסאַך שוואַכער ווידער אַלעמאָל. פון יענעם מאָמענט אָן האָבן זיי אַלע גענומען טײַער האַלטן דאָס פּאַפּיר און פלעגן עס אומעטום אופקלײַבן ברעקלעכווײַז. מיסטעריקע, דעם סויכערס זון, איז געווען דער, וואָס פלעגט צושטעלן דעמדאָזיקן רעטונג־מיטל. אָבער איינמאָל האָט דער קאַפּעלאַן באַמערקט, אַז אַף די פאַרטרויערטע פּענעמער

פון די שילערס שפיגלען זיך די שמיך מיטן ראָר־שטעקל שוין ניט אזוי אָפּ, ווי פריער.

ער האָט א צײַט געטראכט וועגן דעם, און איז געקומען צום באשלוס, אז זייער הויט איז אפּאָנעם אזוי פארהארטעוועט, אז אף צום שטודירן רעליגיע דארף מען זיך באוואָרענען מיט א נײַעם סאָלידערן שטעקל, מאכמעס דער ליבער גאָט לאָזט דאָך וואקסן ראָרן פון אלערליי מאָסן. ער האָט אויסגעשטעלט אלע שילער אין א ריי און יעדן צענטן באשטימט אף צו שמײַסן. און ער האָט זיי געזאָגט, אז ער זעט, ווי צו־געוווינט זיי זײַנען שוין צו דעם דינעם ראָר־שטעקל.—נא דיר, מיסטערקע, געלט,—האָט ער געזאָגט,—און בעט דעם טאטן, ער זאָל מיר אויסקלײַבן א גרעבערן שטעקל.—דאָ האָט דער קאפעלאן באמערקט, ווי די פענעמער פון זײַנע קאָרבאָנעס האָבן אופגעציטערט און ער האָט זיך געריבן די הענט פון פארגעניגן; דערבײַ האָט ער אומבאטירלעך פארקוועטשט די ליפּן און דערפילט, אז דאָס דערווארטן אזא עקזעקוציע פארשאפט אים דעם גרעסטן פארגעניגן.

מיסטערקעס פאָטער האָט טאקע אינדערעמעסן אויסגעקליבן אזא שטעקל, וואָס האָט מיט זײַן גרעב נייטראליזירט דעם שיכט פּאפּיר.

אף אזא אופן האָט דאָס לעבן שארף אוועקגעשטעלט פאר די קינדער א פראָבלעם: פארפולקאָמען די דערפינדונג. און מעלגופע האָט איינמאָל לעבן טײַכל בלויז איין וואָרט ארויסגעזאָגט: „קלעקפּאפּיר“. אפמאָרגן נאָך דער עקזעקוציע האָט דער קאפעלאן געזיפצעט:—גאָט מײַנער, וואָס איז דאָס בא זיי פאר א הארטע פעל! און האָט געבעטן מיסטערקען, ער זאָל קויפן נאָך א גרעבערן שטעקן. מיסטערקע האָט געקויפט דעם סאמע גרעבסטן שטעקן, וועלכער איז נאָר געווען צו קריגן אין דאָרף, און אונטער די קלעפּ פון דעמדאָזיקן שטעקן האָט די קלעקפּאפּיר געפּלאצט און זיך געריסן.

— איצטער וועט אונדז שוין קיין זאך ניט העלפן,—האָט מעלגופע געזיפצט לעבן טײַכל.

אף דער צווייטער לעקציע פון רעליגיע האָבן די שילער טרויעריק געקוקט איינער אפן צווייטן, מאכמעס זיי האָבן געוווסט, אז דער קאמף איז אן אומזיסטיקער. בלויז איין וועפריק האָט זיך אונטערגעשמייכלט.

דערנאָך האָבן זיך, ווי געוויינלעך, פופצן יאטן איניינעם מיט וועפריקן צעשטעלט פאר דער קאטעדרע. ביזוואנען ס'איז דערגאנגען צו וועפריקן, האָט דער קאפעלאן אָפּגעשמיסן עלף יאטן. דערבײַ האָבן זיי אלע געשריען אף פארשיידענע קולעס. בלויז איין וועפריק האָט געשמייכלט. ווען דער קאפעלאן האָט אים אריבערגעבויגן איבערן קני און דער גראָבער שטעקן האָט מיט שווונג א זעץ געטאָן אף זײַן הינטערכיילעק, האָט זיך דערהערט א הילכיקער קלאפּ (ענלעך אף א שאָס אָדער אף א זעץ אין א מעשענעם טאץ). דער פארלאָרענער קאפעלאן האָט אָפּגעלאָזן דעם שמייכלענדיקן וועפריקן און א געשריי געטאָן:

— די הויזן טו אויס!

וועפריק האָט אופגעהערט צו שמייכלען, אראָפּגעלאָזן די הויזן ארויסגענומען און דערלאַנגט דעם קאַפּעלאַן א מעטאַל ברעטל, וואָס ער האָט נעכטן גענומען אין קאָסטיאָל. דער קאַפּעלאַן האָט מיט פאַרוואונדערונג איבערגעלייענט אף דעם:

„שענקט אף באַפּוצן גאָטס טעמפּל".



א געטלעכער דערציִער.

מ. טווען

אמעריקאַנער הומאָריסט (1910—1835)

א מײַסע מיט א צעלאָזענעם יינגל[1]

אמאָל איז געווען א צעלאָזענער יינגל. זיין נאמען איז געווען דזשים. כאָטש אויב איר וועט זיך צוקוקן, וועט איר זען, אז אין סאַנדיי־סקול־בוך הייסט א צעלאָזענער יינגל קימאַט אלעמאָל דזשיימס, איז דאָס אָבער פּאָרט עמעס, אז דעם יינגל האָט

---

[1]) די פאָלגנדיקע קורצע דערקלערונג איז נויטיק פאַר אייניקע לעזער, ווייניקסטן, כדי „די מײַסע מיט דעם צעלאָזענעם יינגל" זאָל זיין לײַכטער צו פאַרשטיין. אין דער צייט, ווען דער וועלטבארימטער

מען גערופן דזשים און ניט דזשיימס. ער האָט ניט געהאט קיין קראנקע מאמע, וואָס זאָל זײַן פרום און גוט און זאָל האָבן א ברוסט־פעלער, און וואָס וואָלט געוואָלט זיך לייגן אין קייווער פּאָטער צו ווערן פון איר קרענק, ווען ניט איר שטארקע ליבע צו איר ייִנגל און שרעק, טאָמער וועט די וועלט צו אים זײַן שלעכט, ווען זי וועט ניט זײַן אים צו באשיצן. דאָסראָוו צעלאָזונע ייִנגלעך אין די סאָנדיי־סקול־ביכלעך רופט מען דזשיימס און זיי האָבן קראנקע מאמעס, וואָס זאָגן מיט זיי גאָטעס געבעט אין פאַרשלעפערן זיי מיט אומעטיקע ניגונימלעך, און גיבן זיי דאן פּאמעלעך א קוש, און בוקן זיך לעם זייערע בעטלעך און וויינען. מיט דעם כעוורעמאן איז אָבער אלץ געווען אנדערש. מע האָט אים גערופן דזשים און זײַן מוטער האָט ניט געהאט קיין ברוסטפעלער, ניט קיין אנדער קראנקײַט. אדראבע, זי איז נאָך געווען אביסל צו דיק; און פרום איז זי אויך ניט געווען. נאָך מער: זי האָט וועגן דזשימען גאנץ ווייניק זיך גענומען דאָס לעבן. זי האָט געזאָגט, אז ווען ער וואָלט געבראָכן דעם גניק, וואָלט אויך א קנאפּער שאָדן געווען. פארשלעפערן פלעגט זי אים מיט שמיץ און קיין קוש אַף גענעגעניש, באם בעט, האָט זי אים קיינמאָל ניט געגעבן, ניין. ווען זי פלעגט שוין מיט אים פארטיק ווערן און ער פלעגט האלטן באם אײַנשלאָפן, פלעגט זי אים איבערלאָזן א פּאָר פּעטש—אָן אָטיעזדנע—און אוועקגיין פון אים.

אמאָל האָט דזשים צוגעגאנוועט דעם שליסעלע פון אלקערל, האָט זיך מעכאבעד געווען מיט ווארעניעס און האָט אָגעלייגט אין פלאש דזשעגעכץ,—די מאמע זאָל זיך ניט כאפּן, אז עס פעלט. אָבער קיין שרעקלעכער געפיל איז פלוצלינג אַף אים ניט געפאלן און עס האָט זיך אים ניט געדוכט, אז עפּעס שושקעט אים אין אויער: „איז דאָס גוט אזוי אָפּצונארן א מאמען? איז דאָס ניט א שרעקלעכע אווירע אזוי צו טאָן? ווייסטו, אז ייִנגעלעך, וואָס גאנוועגען בא זייערע גוטע מאמעס ווארעניעס, שמײַסט מען אַף יענער וועלט מיט אייזערנע ריטער?״ ניין! אזוי איז מיט אלע צעלאָזונע ייִנגלעך אין די סאָנדיי־סקול־ביכלעך: מיט דזשימען איז אָבער געווען גאנץ אנדערש. דזשים האָט געגעסן די ווארעניעס און האָט זיך פּאסמאקעוועט, און האָט געזאָגט, אז עס איז א מעכײַע, און האָט נאָך צוגעלאכט און באמערקט, אז „ווען די אלטע וועט זיך כאפּן צו די ווארעניעס, וועט זי קוויטשען״, און אז די אלטע האָט זיך טאקע געכאפּט, האָט דזשים זיך געשוואָרן, אז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, און זי האָט אים געשונדן די הויט און געקוויטשעט האָט ער. טשיקאווע זאכן

אמעריקאנישער הומאָריסט שטעלט דאָ פאָר א לעבנטרײַע בילד, לאכט ער דאָ פאר איינוועגס אָפּ פון די „סאנדיי־סקול־רידערס״—פון די לייען־ביכלעך, וואָס ווערן געברויכט אין די פרומע אמעריקאנישע זונטיק־שולן פאר קינדער. די מײַסעלעך אין אָט די ביכעלעך זײַנען געשריבן געוואָרן די קינדער צו מוסערן, און זיי שטעלן שטענדיק פאָר, ווי דעם „צאדיק״ באַלוינט גאָט און ווי דעם „ראָשע״ באשטראָפט ער אַף שריט און טריט. יעדער „סאנדיי־סקול־רידער״ אנטהאלט מײַסעלעך וועגן גוטע קינדער און וועגן שלעכטע, צעלאָזונע. דער גוטער ייִנגל האָט אין אלץ האצלאָכע און ווערט שפּעטער א גרויסער גוויר—זײַן באַלע־באָס נעמט אים צו פאר א שותף; אזוי גייט דאָסראָוו די מײַסע. דער שלעכטער ייִנגל האָט צאָרעס אַפן סוף. דער יויצערטויוו זאָגט אים אלע ווײַלע מוסער אין אויער. ער הערט אים אָבער ניט און איז ווײַטער צולאָזן און האָט ווײַטער מאפּאָלעס נאָך מאפּאָלעס און סאָפּקאָלסאָף ענדיקט ער דעם לעבן אַפן תליה, אָדער אין געפענגעניש.

האָט מיט דעם ייִנגל פאסירט, און אלץ איז געווען עפּעס גאָר אנדערש, ווי מיט די שלעכטע דזשיימס פון די סאָנדיי־סקול־ביכער.

אמאָל איז ער ארופגעקראָכן אפן פארמער עקאָרנס א בוים גאנווענען עפּל, און דער צווײַג האָט זיך ניט אָפּגעבראָכן, און ער איז ניט אראָפּגעפאלן, און האָט זיך ניט אויסגעבראָכן קיין האנט, און דעם פארמערס גרויסער הונט האָט אים ניט צעריסן, און ער איז ניט אפּגעלעגן עטלעכע וואָכן קראַנק. כאס־וועכאלילע! ער האָט אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט עפּל, און האָט אראָפּגעקלעטערט געזונט און פריש, און, ווען דער הונט איז צוגעקומען נאָענט צו אים צו צעבײַסן, האָט ער אים פונאזייט דערלאנגט מיט א ציגל, און דער הונט האָט סקאַוויעט, אף וואָס די וועלט שטייט, און דזשים איז זיך אוועק אזוי, ווי ניט אים מיינט מען עס.

אמאָל האָט דזשים אין סקול געגאַנוועט זײַן לערערס פען־מעסערל, און ווען ער האָט זיך דערשראָקן, אז מע וועט דאָס מעסערל בא אים דערזען, וועט מען אים שמײַסן, האָט ער די גנייווע ארײַנגעלייגט צו אן אנדער ייִנגל אין היטל. דער אנדער ייִנגל—דזשאָרדזש האָט ער געהייסן—איז געווען איינער פון די גוטע ייִנגלעך פון די סאָנדיי־סקול־ביכלעך. ער האָט קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט, געפאָלגט די מאמען, גוט אויסגעלערנט די לעסאָנס,[1] און איז געווען פראָסט פארליבט אין זיין סאָנדיי־סקול־רידער. און ווען דאָס מעסערל איז ארויסגעפאלן פון דזשאָרדזשס היטל, און דזשארדזש האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז רויט געוואָרן, אזוי ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק, אליין ניט וויסנדיק ווי אזוי, און דער לערער האָט מיט פארדרוס דזשאָרדזשן באשולדיקט אין דער גנייווע און האָט שוין זיך פארמאָסטן מיטן שטעקן אף זײַנע ציטערנדיקע פלייצעס,—האָט זיך פלוצלינג דער גרײַזער ריכטער פון שטעטל ניט באוויזן און ער האָט ניט אויסגערופן: „באשטראָפט ניט דיזן ייִנגל! ער איז ניט שולדיק.—אָט איז דער שולדיקער! איך בין פארבײַגעגאנגען פארביי די פענצטער פון סקול אין דער רו־שאָ און האָב געזען ווי דאָס מעסערל איז געגאַנוועט געוואָרן", און דזשימען האָט מען ניט געשמיסן, און דזשאָרדזשן האָט דער געאַכטער אלטער ריכטער ניט גענומען פארן האנט און אים ניט געלויבט מיט קיין דראָשע, און די איבעריקע קינדער האָבן פון דער דראָשע זיך ניט צעוויינט. ניין! אזוי פאסירט אין די סאָנדיי־סקול־ביכלעך. אזוי האָט אָבער ניט געפאסירט מיט דזשימען און מיט דזשאָרדזשן. דזשאָרזדשן האָט מען טאַקע גוט אָנגעבראָכן די ביינער און דזשים האָט געקוואָלן, קוקנדיק אף דעם, וואָרעם דזשים, דארפט איר וויסן, האָט גוטע, פרומע און שטילע ייִנגלעך זייער פײַנט געהאט. ער פלעגט אזעלכע ייִנגלעך רופן „ספּאָדניצעס" און פלעגט זאָגן, אז ספּאָדניצעס האָט ער ליב ווי געפייגערטע קעץ,—אזוי גראָב פלעגט ער דאָס ריידן, דער שלעכטער, צעלאָזענער ייִנגל.

די אויסערגעוויינטלעכע זאך, וואָס האָט מיט דזשימען געטראָפן, האָט געפאסירט איינמאָל, ווען ער האָט זיך געשפּילט אומזונטיק אין א שיפל, און איז ניט דערטרונקען געוואָרן, און נאָכאמאָל, ווען ער האָט געפאנגען פיש, אויך אומזונטיק,

1) לעקציעס.

האָט קיין דונער אים ניט דערשלאָגן. איך זאָג אייַך, איר קענט זוכן און זיפּן אין יעדן סאָנדיי־סקול־בוך פון הייַנט ביז דער נאָענטסטער ווייַנאַכט און איר וועט בעשומויפן אזעלכעס ניט געפינען. אָ ניין! איר וועט אין די ביכלעך זען, אז יעדער צע־לאָזענער ייִנגל, וואָס שיפט זיך אומזונטיק, ווערט דערטרונקען, און אלע צעלאָזענע ייִנגלעך, וואָס כאפן פיש אומזונטיק, ווערן ניט אנדערש ווי דערהארגעט פון א דונער. שיפלעך מיט צעלאָזענע ייִנגלעך אינעווייניק קערן זיך איבער, און ווען אזעלכע שלעכטע ייִנגלעך כאפן פיש אין דעם הייליקן טאָג, טרעפט שטענדיק א רעגן מיט שרעקלעכע דונערן. ווי אזוי דזשים איז פון דעם אלעם ניצל געוואָרן, איז פאר מיר א וואונדער. ער איז מיסטאמע געווען א פארקישעפטער — אנדערש קען איך עס ניט פארשטיין...

קיין זאך האָט אים ניט געשאדט און ניט געקענט שאדן — אזוי האָט דאָס אויס־געוויזן. אמאָל האָט ער אין א זאָאָלאָגישן גאָרטן געגעבן א העלפאנד א שטיקל קייַ־טאבעק פאר א שטיקל לעקעך, און דער העלפאנד האָט מיט זיין גרויסן שנאָבל אים דעם קאָפּ ניט אראָפּגעזעצט. אן אנדערש מאָל האָט דזשים אין שאפע געזוכט צו־קערקעס און האָט דערבייַ דורך א טאָעס קיין סאם ניט אראָפּגעשלונגען. ער האָט געגאנוועט זיין פאָטערס ביקס און איז געגאנגען אף געיעג אומזונטיק, און האָט זיך קיין פינגער ניט אָפּגעשאָסן. ער האָט זייַן שוועסטערל געגעבן א געזונטן זעץ אין קאָפּ, און זי איז ניט אָפּגעלעגן א גאנץ זומער קראנק און איז ניט געשטאָרבן, מיט זיסע ווערטער מוחל זייַענדיק דזשימען, און דזשימס הארץ האָט ניט געקלעמט לאנג נאָך דעם. ניין, בא דער שוועסטערל איז דער קלאפּ גאָר באלד איבערגע־גאנגען.

ענדלעך, איז דזשים אנטלאָפן פונדערהיים און איז געוואָרן א מאטראָס, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער זיך ניט געפילט עלנט ווי א שטיין, אָ ניין! ער איז געקומען שיקער ווי א לאָטרע, און די ערשטע סיבע, וואָס אים האָט געפּאסירט, איז געווען דאָס, וואָס מע האָט אים אוועקגעשלעפּט אין פּאָליציי און מע האָט אים פארשפּארט אף איבער א נאכט.

און ער איז אויסגעוואקסן, און האָט כאסענע געהאט, און האָט אויסגעהאָדעוועט א גרויס געזינד, און האָט זיי אלעמען אין איין נאכט צעקוואטשעט די קעפּ מיט א האק, און איז רייַך געוואָרן פון אלערליי שווינדלערייַען און גענייוועס, און איצט איז ער, דער פארפלוכטער שורקע אין זיין געבורט־שטעטל און יעדערער רעספּעק־טירט אים, און יעדן יאָר ווערט ער אויסגעוויילט אלס מיטגליד פון דער געזעצ־געבערישער פּאלאטע פון זיין שטאָט.

איר זעט, אלזאָ, אז אין די סאָנדיי־סקול־ביכלעך איז קיינמאָל ניט געווען קיין צעלאָזענער דזשיימס, וואָס זאָל האָבן אזא מאזל, ווי דער זינדיקער פארקישעפטער דזשים.

דזשאָ־קאָרי.

מאָדערנער ענגלישער פּראָלעטארישער שרײַבער.

פרידן אף דער ערד.

— מאמעלע, עמעס, אז דער ווײַנאכטיקער זיידעלע לאָזט זיך אראָפּ דורכן קוימען?—האָט געפרעגט דאָס פּיצל דזשיני.

דערבײַ האָט זיך פאריסן דאָס קעפּל און געקוקט אין דעם שווארצן כאָלעל, וואָס האָט געבלאנקט איבערן אויוון.

— אָ, דאָס זײַנען דאָך נאָר פּוסטע מײַסעלעך! ניט עמעס, מאמעלע?—האָט געזאָגט דזשיימי.

— און אונדז האָט די לערערקע געזאָגט, אז דער ווײַנאכטיקער זיידעלע נידערט אראָפּ פון דער לעוואָנע און דערנאָך גליטשט ער זיך אראָפּ אף א שליטן, איבערן דאך דורכן קוימען. איז עס ניט אזוי, מאמעלע?

— נו, נאָך עפּעס! ווי אזוי זשע קען ער זיך אראָפּלאָזן אף א שליטן, אז אפּן דאך איז דאָך גאָר קיין שניי ניטאָ?—האָט זיך געהאלטן בא זייניקעס דזשיימי.

— און די לערערקע זאָגט, אז אויב ערעוו־ווײַנאכט זאָל מען אופהענגען איבערן אויוון א זאָק, וועט דער ווײַנאכטיקער זיידעלע אָנפילן זי מיט שפּילצײַג, צוקערקעס, עפּל, אפּעלסינען און נאָך אנדערע מאטאָנעס.

— און איך אָט וויים, ווער איז דער ווײַנאכטיקער זיידע!—האָט באמערקט דזשיימי, צוגעבנדיק זײַן פּאָנעם א כיטרע שמייכעלע.

— ווער?—האָט האסטיק געפרעגט דזשיני.

— נו יע, אזוי גיך זאָג איך דיר! נאָר אויב דער זיידע וועט מיר ארײַנלייגן אין זאָק א פּעקל ביסקוויטן, שלײַדער איך עס אין פײַער ארײַן. איך וויל א גרויסן לאָקאָמאָטיוו.

— און איך וויל א גרויסע ליאלקע אין מײַן זאָק ארײַן!—האָט געמעלדעט דזשיני.

— ווי אזוי זשע ווילסטו עס, אז ער זאָל אזא גרויסע ליאלקע ארײַנזעצן דיר אין אזא קליין זעקעלע?—האָט באמערקט דזשיימי.

דזשיניס אונטערשטע ליפּל האָט זיך וויינענדיק אראָפּגעלאָזט.

— מאמעלע, ניט שוין זשע וועל איך ניט באקומען קיין ליאלקע נאָר דערפאר, וואָס בא מיר איז אזא קליין זעקעלע?

די אומגליקלעכע מוטער איז געזעסן און געהערט, און יעדעס קינדערש וואָרט האָט איר געשניטן באם הארצן.

גאָר ניט לאנג פאר דעם האָט זיך פּיט אומגעקערט אהיים פון קאנטאָר און געבראכט מיט זיך סאכאקל 10 שילינג. זײַן קארטל האָט באוויזן, אז אינדערעמעסן האָט ער גאָר קיין גראָשן ניט באדארפט באקומען, און נאָך הונדערט אזעלכע קוילנגרעבער זײַנען געווען אין דערזעלביקער לאגע. האָט מען אויסגעקליבן א דעפּוטאציע, וואָס האָט באזוכט דעם פאַרוואלטער, און יענער האָט אײַנגעשטימט ניט אָפּרעכענען

קיין דירע־געלט צוליב די ווײַנאכט־יאָנטויווים. אף אזא אויפן האָט פּיט געבראכט אהיים יענע סומע נאָר, וואָס ער האָט געדארפט באצאָלן דער קוילן־קאמפּאניע פאר זײַן שטיבל.

— שטייט אוף, גוטע קריסטן! באגריסט דעם ווילן פרימאָרגן!

שאבעס. אינגאנצן א פּוסטע שאפקעלע און פּאָרויס—א לאנגע, הונגעריקע וואָך, און צום סאָף וואָך—א צווייענדיקע אָפּרעכענונג פון געהאלט אף כעשבן פון די דירע־געלט. און דאָ זיצן די קינדער,—דאָס טײַערסטע, וואָס אף דער וועלט איז פאראן,— און זייערע פארלאנגען וועלן אומראכמאָנעסדיק צעשמעטערט ווערן. צי איז שוין נאָכדעם וונדערלעך, וואָס יעדעס קינדערש וואָרט האָט גלײַך מיט א מעסער געשטאָכן דער מאמען אין הארצן?

און נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס פּיט האָט זיך געהאלטן אזוי פונדערווײַטנס און גראָב.

— ווי זשע וועט זײַן מיט מאטאָנעס פאר די קינדער, פּיט? — האָט געפרעגט די פרוי.

— צו אלע טײַוולאָנים אי דיך, אי די קינדער, אי די ווײַנאכט אין צוגאָב!—האָט א געשריי געטאָן פּיט און, א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, איז ער ארויסגעלאָפן פון שטוב.

ס'איז געווען שאבעס אינאָוונט, נאָר אין קעשענע בא פּיטן איז קיין גראָשן ניט געווען.

— פרידן אף דער ערד! פרידן אף דער ערד!

די אומגלקלעכע מאמע, דעם קוילנגרעבערס פרוי, האָט אינדערעמעסן ניט געוווּסט אפילע ווי עס דארף צו זײַן, וואָס איז אזוינס ווײַנאכט. כאָטש דאָס איז ניט ערגער געווען. זי האָט אזוי אויך גענוג צאָרעס פארמאָגט,—איז שוין איבעריק געווען צו פארמערן אירע ראיוינעס מיטן געדאנק וועגן דער קריסטלעכער צוויִעס.

פרידן אף דער ערד! אין די רײַכע הײַזער זײַנען די קינדער לוסטיק, פריילעך און שטיפן האסטיק, עס הערט זיך מוזיק, עס טרילערט א געלעכטער, די מירמלנע זאלן זײַנען פארוואנדלט אין צויבערנדיקע סעדער.

און אין די אָרעמע כאלופּעס ליגן האלבנאקעטע און אָרעמע קינדער, זעען גליקלעכע כאלוימעס' קעדיי אופצוואכן און אומקערן זיך צו דער האָפענונגלאָזיקער ווירקלעכקײַט.

פרידן אף דער ערד, עפשער אָנרופן עס מילכאָמע?

— ניט שוין זשע וועל איך ניט באקומען קיין גרויסע ליאלקע נאָר דערפאר, וואָס בא מיר איז אזא קליין זעקעלע?—האָט ווידער איבערגעכאזערט דזשיני.

— באם ווײַנאכטיקן זיידעלע וועלן שוין, פילײַכט, קיין ליאלקעס ניט סטײַען, ביז ער וועט זיך דערקלײַבן אהערצו—האָט געענטפערט די מוטער.

— און אויב איך וועל אים שטארק בעטן, וועט ער, מעגלעך, איבערלאָזן איינע פאר מיר, מאמעלע?

— כ'גלויב ניט, ער זאָל דיך דערהערן, אויפעלע מײַנס.

— וואָס זשע וועט ער אונדז, אף אזא אופן, ברענגען, מאמעלע?

— כ׳גלויב ניט, ער זאָל די מאטאָנעס קאָנען ברענגען דאָסמאָל... סײַדן — א קליין טיכעלע.

— אויב איך וועל ווידער באקומען ביסקוויטן, וועל איך זיי אין פײַער ארײַנווארפן, — האָט זיך בא זײַניקעס געהאלטן דזשיימי.

— און איך וועל טאָן דאָסזעלביקע, אויב איך וועל באקומען א טיכעלע, — האָט אין טאָן געענטפערט דזשיני.

די מאמע האָט זיי בארויִקט, צוזאָגנדיק זיי, אז זייערע פארלאנגען וועלן, מעגלעך, אויסגעפילט ווערן. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן און באלד טאקע אײַנגעשלאָפן. נאָר פריער האָבן זיי אופגעהאנגען זייערע זאָקן איבערן אויוון, קעדיי צו זען אין כאָלעם גרויסע ליאלקעס און לאָקאָמאָטיוון.

די מוטער איז לאנג געזעסן און האָט זיך דערמאָנט בילדלעך פון אירע אייגענע קינדער־יאָרן... זי האָט ווידער און ווידער אויסגעכעשבנט, וואָס זאָל זי אופטאָן פאר די עטלעכע שילינג, וואָס האָבן באדארפט איר קלעקן אף א גאנצער וואָך.

ברויט, ברויט, ברויט! מאָרגן איז א יאָנטעוו, די קינדער וועלן אופוואכן און וועלן דערזען, אז זייער שיינער כאָלעם האָט זיך צעשלאָגן אָן דעם גרויזאמען וואָר. ברויט, ברויט, ברויט! ברויט אף א גאנצער וואָך...

— נו, מיר וועלן ווי ניט איז דורכקומען איין וואָך, — האָט זי אפן קאָל ארויסגערעדט, און, ארופווארפנדיק אפן קאָפּ א טיכל, איז זי ארויס אפן גאס, דריקנדיק אין האנט 2 שילינג, — קימאט אלץ, וואָס האָט אָפּגעגרענעצט די געזינד פון הונגער.

אין מאגאזין פאר שפילצײַג האָט דעם קוילנגרעבערס פרוי אויסגעגעבן 2 שילינג אף א ליאלקע און לאָקאָמאָטיוו. גראָבע שפילצײַג, ניט מער ווי א פאראָדיע אף דעם, וועגן וואָס די קינדער האָבן געטרוימט, נאָר דאָך — א לאָקאָמאָטיוו און א ליאלקע.

מיט די מאטאָנעס אין די הענט האָט זי גיך זיך אומגעקערט אהיים. אין הארצן האָט זיך ארײַנגעגאנוועט א ציטער באם געדאנק, אז פּיט וועט, מעגלעך, זידלען זי. פּיט האָט זייער זעלטן געווענדט זײַן אופמערקזאמקײַט אף די קינדער, סײַדן דעמלט, בייס ער איז געוועזן אונטערן גלעזל.

„ברויט, ברויט, ברויט!“ — האָט זיך געשטעמפּלט בא דער פרוי אין מארך, און אלץ שטארקער מיט יעדן טראָט, וואָס האָט זי דערנעענטער צו דער היים. זי איז געגאנגען פארבײַ א העל־באלויכטענער קירכע, פונוואנען עס האָט זיך געטראָגן א געזאנג און קלאנגען פון אָרגל.

פּיט איז געוועזן אינדערהיים, איז, קלאָר, אין קירכע ניט געגאנגען, און איז געזעסן באם אויוון. נישט אנדערש ווי בייזע רוכעס האָבן זיך געפרייט אין אים. ער האָט ארויסגעריסן פון דער פרויס הענט די ליאלקע און צעפיצלט זי, דערנאָך א וואָרף געטאָן אָן פּאָדלאָגע דעם פאראָוואָז און פארשטויסן אים מיט דער פוס אונטערן בעט...

פרידן אף דער ערד! פרידן אף דער ערד!

אין א יעשיווע.

כ׳בין אריַינגעקומען אין יעשיווע און צעטומלט געוואָרן: א הונדערט באָכערים און ייִנגלעך האָבן ארומגערינגלט לאנגע טישן. טייל זיַינען געזעסן, טייל געשטאנען און טייל זיַינען געשטאנען אף איין פוס, האָבן זיך געהאלטן אין איין שאָקלען, און אלע האָבן געשריען הויך אפן קאָל אָן אופהער. אזא טומל און אזעלכע פארשיידענע קוילעס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט. דערפאר בין איך שטיין געבליבן און געקוקט ארום, ווי א צעמישטער. בא א טיש נעבן דער טיר איז געשטאנען א באָכערל פון א יאָר זעכצן און געשריִען אף א קאָל ווי א ייִדענע, וואָס קלאָגט נאָך איר איינציקן זון, וואָס איז געשטאָרבן.

— אוי, אָמאר ראָווּאָ, אוי, אָ־אָ־אָמאר ראָ־אָ־וואָ!

בין איך צו אים צוגעגאנגען און אים אריַינגעקוקט אין פּאָנעם אריַין מיט גרויס ראכמאָנעס. נאָר ער, אז ער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך הויך צעלאכט און געזאָגט צו זיַין כאווער:

— זע, דאָס איז א ניַיער!

— א ניַיער! א ניַיער!—האָבן זיך די איבעריקע געשושקעט.

— דער מאשגיעך גייט!—האָט פּלוצלונג אויסגערופן איינער און אלע זיינען שטארק דערשראָקן געוואָרן און זיך נאָך מער צעליארעמט, זינגנדיק און קלאָגנדיק ביטער מיט פארשיידענע קוילעס...

— לאָבוּסעס! טעג־פרעסער! איר האלט אין איין באטשקען און האָט ניט אין זינען די גמאָרע, יונגאטשעס!

אזוי האָט געשריען אן אלטער מאן, א הויכער און געזונטער, די לאנגע באָרד און פּייעס זיַינען אים געווען וויַיס ווי שניי, נאָר זיַין פּאָנעם איז געווען רויט ווי בלוט, און פון זיַינע אויגן האָבן געשפּריצט פונקען פיַיער. א ציטערניש האָט אָנגע־כאפּט אלע באָכערים און אויך איך בין דערציטערט געוואָרן, וואָרעם ער האָט אויס־געזען זייער מוירעדיק, דערצו נאָך האָט ער געהאלטן א פאסיק אין האנט.

— וואָס טוסטו דאָ, באָכער?—האָט ער א געשריי געטאָן, מיך דערזעענדיק. א וויַילע האָב איך אים ניט געקענט ענטפערן פון שרעק.——

— איך וויל אָנקומען אין יעשיווע—האָב איך אים געענטפערט מיט א שטיל קאָל.

— וואָס זאָגסטו?

— איך וויל אהער אָנקומען לערנען.

— איך פארשטיי ניט וואָס דו רעדסט—האָט ער מיר געענטפערט און איז זיך אוועקגעגאנגען, מיט וואָס אלע באָכערים האָבן זיך דערפרייט.

— ער איז א טויבער, ער הערט ניט קיין איין וואָרט, וואָס מע רעדט צו אים,—האָט געזאָגט צו מיר איין באָכערל,—אָבער אויב דו ווילסט אָנקומען צו אונדז, קום זשע מיט מיר און איך וועל דיך צופירן צום ראָשעשיווע.

* * *

א זייער וווּנדערלעך בילד האָט דערזען דער מענטש, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער ווײַבערשער שול אין יעשיווע: דאָס הויז האָט אויסגעזען ווי א בירזשע פֿון סאָכרים: די באָכערים, וואָס האָבן געהאַט ברויט, אָדער געלט, האָבן געהאַנדלט, און די, וואָס האָבן ניט געהאַט ניט קיין ברויט און ניט קיין געלט, האָבן זיך פֿאַרנומען מיט גנייווע. און די, וואָס האָבן זיך ניט פֿאַרנומען ניט מיט מיסכער און ניט מיט גנייווע, זײַנען געזעסן און געשמועסט און זיך דערציילט וווּנדערלעכע מײַסעס פֿון רויבער און ריזן, מעכאַשפֿים און שיידים, פֿון לייצים, וואָס באַווײַזן זיך באַנאַכט אויף דער וועלט און פֿאַרפֿירן מענטשן; פֿון מייסים, וואָס פֿאַרלאָזן זייערע קוואָרים און גייען אַרויס צו היילן קראַנקע דורך פֿעלד־גראָזן, אָדער פֿײַניקן זינדיקע, און נאָך אַזעלכע קלוגע זאַכן, פֿון וועלכע דאָס האַרץ ווערט דערפֿרייט.

אַזאַ בילד האָב איך אויך געזען; פֿאַרשיידענע קיילעס האָב איך געהערט. איינער שרײַט:

— ווער וויל ברויט?

און א צווייטער ענטפֿערט אים:

— ווער האָט ברויט?

— אָט האָסטו ברויט.

— אָנדערהאַלבן קאָפּיקעס וועסטו נעמען?

— ניין, נאָר צוויי קאָפּיקעס.

— מײַן ברויט האָט מען צוגעגאַנוועט! ווער האָט געגאַנוועט מײַן ברויט?

— איך האָב זייער גוט ברויט, קויף עס.

— כ׳האָב ניט קיין געלט.

— גיב א מאַשקן.

— מײַנע פֿרישטשעס קאָן איך דיר געבן.

— אָט האָסטו צוויי קאָפּיקעס און דאָס ברויט איז מײַן.

— איך האָב פֿריער געקויפֿט.

— איך האָב שוין באַצאָלט.

— דו האָסט געגאַנוועט מײַן ברויט.

— א ליגן. ס׳איז מײַן אייגן ברויט.

— שעקער, גאַזלען, רויבער.

— זאָל דיך נעמען דער טײַוול הונט!

— וואַרט א ווײַלע, וועל איך דיר ווײַזן מײַנע ציין, צי איך בין א הונט.

אַזעלכע געשפּרעכן און געשרייען האָבן זיך געטראָגן איבער דער ווײַבערשער שול און אויך קלעפּ און פּעטש האָבן ניט געפֿעלט. אַזוי האָט געדויערט, ביז מע האָט אין שול אָפּגעדאַווענט מינכע־מײַרעוו. דערנאָך זײַנען זיי צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין דער מאַנצבֿלשער שול און זיך געזעצט בײַ די טישן און בײַ יעדער טיש האָט

מען אָנגעצונדן נאָר איין ליכט. צום ערשטן האָט אויסגעבראָכן בא זיי א קריג אי־בערן ליכט. איינער האָט אויסגעשטרעקט די האנט און צוגערוקט די ליכט צו זיך, דער צווייטער האָט עס בא אים ארויסגעריסן און האָט עס אוועקגעשטעלט נעבן זײַן געמאָרע, ביז ס'איז געבליבן מע זאָל דעם טיש אויסמעסטן פון אלע זײַטן. האָט איינער ארויסגענומען דעם גארטל און מיט אים האָט מען אויסגעמאָסטן דעם טיש און די ליכט אוועקגעשטעלט אינמיטן. און אלע האָבן זיך צעזונגען באם לערנען.

— זאָל דעם מאשגיעך דער טײַוול נעמען, פארוואָס ער גיט אונדז ניט גענוג ליכט צו באלויכטן...

— דער רוּעך זאָל אים נעמען.

— מאקעס אים אין זײַן בויך ארײַן.

אזוי האָבן די באָכערים געזונגען, נאָר ביסלעכווײַז איז שטילער געוואָרן און זיי האָבן פּאָשעט גענומען ריידן צווישן זיך.

— זאָג מיר נאָר צוויעלער, צי איז נאָך ניט געקומען די צײַט, אז דער טויט זאָל פון אונדז צונעמען דעם מאשגיעך?

— איך בעט גאָט, ער זאָל אים קראנק לייגן און ער זאָל ניט קענען קומען אין יעשיווע, אָבער כאָלילע צו בעטן אף זײַן טויט: וואָרעם, אז ער וועט שטארבן, וועט קומען אן אנדערער אף זײַן אָרט און עפּשער נאָך אן ערגערער...

ער האָט ניט באוויזן צו ענדיקן, וואָרעם דער מאשגיעך איז געשטאנען הינטער זיי און זיך צוגעקוקט ווי זיי זיצן און שמועסן. און זעענדיק, אז דער איזעווער רעדט הויך,— און ער איז געוועזן טויב און נישט געהערט, וואָס ער רעדט,— האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אף אים, האָט אים אָנגעכאפּט בא די אויערן און זיי גענומען רײַסן און שאָקלען מיט אלע קויכעס, שרײַענדיק:

— מעכאבאָלים! רוכעס! איך וועל אײַך ווײַזן!— דעם צווייטן האָט ער געגעבן א זעץ און דעם דריטן א פּאטש...

דערווײַל איז איין באָכער אונטערגעלאָפן און אים ארײַנגעשריען אין אויער ארײַן:

— רעב יִיצכאָק! רעב יִיצכאָק! די ליכט!

דער מאשגיעך, דערהערנדיק, אז מע גאנוועט ליכט, האָט זיך גלײַך אויסגעקערט און געלאָפן צו זיך אין קעמערל ארײַן. נאָר דאָרט האָט ער קיינעם ניט געטראָפן, האָט ער זיך אנידערגעזעצט און געמורמלט:

— אויסוואורפן! שיידים! די הויט וועל איך פון זיי שינדן! גאנאָווים!..

איך בין אוועקגעגאנגען עסן וועטשערע, און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געטראָפן ס'מערסט פון די באָכערים שלאָפן שוין און דאָס מערסט ליכט זײַנען שוין אויסגעלאָשן און נאָר עטלעכע זיצן נאָך און שמועסן צווישן זיך. כ'האָב אָפּגעזוכט מײַן כאָוועד און אים געפונען אין דער ווײַבערשער שול ליגן אפן טיש, נאָר ער איז נאָך וואך געוועזן:

— פארוואָס געפינסטו דיר אויך ניט קיין אָרט צו שלאָפן?— האָט ער מיך געפרעגט.

— איך וועל זיך לייגן נעבן דיר.

— דאָס קאָנסטו ניט. וואָרעם דאָ האָט יעדער זײַן אָרט און דאָ אין דער ווײַ־

בערשער שול זיינען שוין אלע ערטער פארנומען, גיי און זוך דיר אן אָרט אין דער מאנצבלשער שול. אויב דו וועסט געפינען א טיש—איז גוט, אויב נישט, וועסטו זיך ליגן אף א באנק.

כ'האָב אזוי געטאָן, כ'בין ארײַן אין דער מאנצבלשער שול און זיך אוועקגעלייגט אף א גרויסן טיש, אָבער באלד איז צוגעקומען א באָכער, האָט מיך אָנגעהויבן טרייסלען און געזאָגט:

— רוק זיך אראָפּ! ס'איז מײַן אָרט, אויך אלע איבעריקע טישן זײַנען שוין פארנומען און דו זוך זיך אן אנדער אָרט.

אָן כיישעק בין איך אראָפּגעקראָכן פון טיש און זיך געלייגט אף א באנק. אָבער שלאָפן האָב איך ניט געקענט, וואָרעם קליינע און גרויסע כײַעלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין די שפאלטן פון באנק, האָבן פארלאָזט זייערע נעסטן און זײַנען ארויסגעגאנגען בײַסן מײַן לײַב. איך האָב מיר אָבער ניט געקענט העלפן.

* * *

איך האָב זיך אופגעכאפּט צוליב א געשריי, וואָס איך האָב דערהערט. כ'האָב געעפנט די אויגן און דערזען, בער, דער ערשטער מאשגיעך, שלאָגט איינעם א באָכער און צוויי שטייען פארשעמטע און וויינען.

— ארויס פונדאנען! — האָט דער מאשגיעך געליארעמט — ארויס לאָבוסעס! ארויס מאמזיירים!

כ'האָב דערזען דעם באָכער, מיט וועמען איך האָב געלערנט אָדער גערעדט נעכטן, ער איז געשטאנען פונדערווײַטנס, בין איך צו אים צוגעגאנגען און אים געפרעגט, וואָס דאָ טוט זיך? און ער האָט מיר דערציילט: די צוויי באָכערים זײַנען אוף געווען א מישמער און האָבן אָפּגעטאָן מיעסע זאכן. צום ערשטן האָבן זיי געמאכט פּאָנפערס, די באָכערים, וואָס זײַנען געשלאָפן, דערנאָך האָבן זיי אופגעדעקט אלעמענס ערוועס. דער דריטער ווידער איז צו זיי צוגעשטאנען זיי צו העלפן און דערנאָך האָבן זיי אונטערגעגאָסן אסאך וואסער אונטער רוון דעם גיוועגער, קעדיי אים בעכארפּע צו שטעלן... און דער רוון איז פון מאשגיעכס מישפּאָכע. דעריבער איז ער אזוי אופגעבראכט און טרײַבט זיי ארויס פונדאנען...

י. ל. פּערעץ.

רעב יאָסל.

א

א שעם אף דער וועלט האָט רעב יאָסל געהאט,
אלס גאָר באריימטער מעלאמעד;
גרעסער פון פאָטער רעב בערל קימאט,
נאָך עפשער גרעסער זײַן מײַמעד.

עס פליִען פעטש בא רעב בערלען, ווי האָגל,
א מויעל־נאָגל—א שערל!—
ליידער, שוין ניגנעז געוואָרן דער נאָגל
ליידער, ער לעבט ניט, רעב בערל!

עס לעבן נאָך מאנכע פון זייַנע טאלמידים,
עס שפּראָצט נאָך אדײַעם זייַן נאָמען;
עס לעבן דאָך מאנכע־מיסנאַגדים צי כסידים,
זיי בענטשן אדייַעם זייַן נאָמען.

אין אייגענעם וועג איז ר׳ יאָסל געגאנגען,
ער ציכטיקט די גרעסטע קונדייסים;
ר׳ בערל—א שערל, ר׳ יאָסל איז צוואנגען,
און שרעקט נאָך מיט רוכעס, מיט מייסים.

עס האָבן די קינדער ס׳גענעם געפילט,
סמאָלע ברענט בא זיי אין מויכל,
דאָס יונגע בלוט אין די אָדערן קילט,
מ׳זעט אף די ליפּן קיין שמייכל!

קוים האָט ער פון אונטער די ברעמען געבלינצלט,
עס ווערן די אויגלעך פארלאָשן!
עס ווערן די הייַטלעך, ווי פארמעט גערינצלט—
ער האָט מיט קאבאָלע געדראָשן!

דאָס איז פאר עלטערן טאקע דערקוויקנד,
מ׳האָט אים געלויבט און געהויכט:
נעשאָמעלעך האָט ער געדרויכערט, געטריקנט,
און גופים, ווי לייַוונט געבלייכט!

ס׳האָבן די קינדער עכט ייִדישע פארבן!...
כיינעוודיק: הויט נאָר און ביינער...
ס׳טרעפט אפילע טייל קינדערלעך שטארבן,
נאָר ד י נ ע ן, כאָלילע, וועט קיינער!

א לאך איז א כעט, און א שמייכל איז גיפט,
פאר אלעם דעם ברענט מען און בראָט,
און לייצים און רוכעס באוווינען די לופט,
די בריקלעך פון הינטער דער שטאָט!

ווּ נאָר אַ מאַפּוילעס, אַ קרעטשמע, אַ מיל,
פוּל אַלץ טײַװוּלאָנים און מייסים...
און יעדע נאַכט איז פוּל מייסים אין שוּל,
דאַוונען אין קיטלען, טאַלײסים!

ס׳געגעם באַשרײַבט ער גאָר לײַכט, ווי אַ פעדער:
ס׳דאַכט זיך גאָר טײַכן און פעלדער!
ת׳ מאות פּרסא [1], נאָר גערטנער און סעדער,
און סאַמע אַנטיפּקע די וועלדער.

נישט מיטן אויג צו דערזען די לאָנקעס,
פּאַשען בעהיימעס זיך טאָג אַזוי נאַכט,
און איבער זיי פליִען דאָרט אָסעס און באָנקעס—
אַ ראָשע דערזעט עס און לאַכט!

באַלד ווערט אים פינצטער און כווישעך פאַר די אויגן,
אַ שרעקעניש ליגט אפן פּאָנעם!
ס׳זײַנען קיין פייגל, נאָר רוכעס געפלויגן,
ס׳פּאַשען זיך סאַמע טײַװוּלאָנים!...

יאַמען און טײַכן—נאָר שוועבל אַף בעדער...
הייס ווערט דעם ראָשע און קאַלט—
דערנער און פּאָקשיווע וואַקסן אין סעדער,
ס׳איז קיין אַנטיפּקע דער וואַלד!...

פון שוואַרץ פײַער גאָר וואַקסן דאָרט ריטער!
די לאָנקעס—געמויזעכץ צום זינקען...
עס ציט ווי אַ סמאָלע, ס׳איז זומפּיק און שיטער,
זיי ווערן אין נעפּל דערטרונקען!—

באַלד שלעפּט אַן אָסע, אַ באָנק באַ די האָר,
ער שלעפּט, און ס׳קנאַקן די גלידער,
און שטעלט זיי צוריק אין געמויזעכץ אַנידער
און זינקען שוין ווײַטער אַ יאָר!

און פּאַליעס, און רעדער, און טליִעס צום הענגען,
און קעסלען מיט סמאָלע צום בריִען,
און קאַלך־אויוונס צום בראָטן, צום זענגען,
און צוואַנגען—די נעגל צו ציִען.

---

1) טאָוו מייעט פּאַרסע—פיר הונדערט מײַל.

און פײַער, און פלאמען, און אויטאָ־דע־פעען,
און אַלץ, וואָס א ייִד האָט אין גאָלעס געזען
און אָפּגעלייגט אינעם גענעם־ארכיוו,
דאָס אלצדינג פארטיילט ער, די שרעקלעכע זאכן
פאר מוקצע, פאר ריידן, פאר שטיפן, פאר לאכן,
און לויט דעם שטרענגסטן טאריף!

ב

אינגאנצן א שטוב מיט אן אלקער די וועלט,
ווו ס'האָט געלעבט און געליטן מײַן העלד!
(א ייִדישער גיבער, וואָס האָט איר געטראכט!)
אין שטוב ווינט גאווריל מיט ציפּע זוגאָסוי,
א ייִד גאָר א פּראָסטער, אופארנאָסאָסוי—
א שוסטער באטאָג און א וועכטער באנאכט!

קרום איז דאָס הײַזל, פארזונקען, געבויגן,
דער דאך מיט א דיוואן פון מאָך איבערגעצויגן,
באוואקסן—אן אלטע מאציייווע!...
די שויבן פאר עלטער פארגרינט און פארגעלט;
דאָך האָט אינעם שטיבל קיין ליכט ניט געפעלט:—

ס'איז ציפּע, מ'פלעגט זי אלס מיידל
צורופן באם פאָטער—„דער קונדעס אין קליידל";
געשטיפט נאָר, קאטאָוועסלעך געטריבן...
דאָס הארץ איז א גאָלדנס, דאָס צינגל א קניפּיק;
הײַנט איז דאָסזעלבע, זי טראָגט גאָר א טשיפּיק,
דער קונדעס, דער שפּאס איז געבליבן!

דער קוימען־אויוון איז אָפּגעשיילט גאָל...
די קיילים: נאָר דראטוועס און פלעקער, אן אָל,
א שענקל, צוויי אָרעמע בעטן...
וואָס איז ער? א וועכטער, א שוסטער אינגאנצן,
נאָר אלץ הויבט אָן שײַנען און לײַכטן און גלאנצן,
אז ציפּע הויבט אלץ אָן צו גלעטן.

ווו הייליקע ספּאָרים ארום אף די ווענט,
ווי א קאגאניעץ אן אייביקער ברענט,
דאָרט איז ר' יאָסלס וועלט!
ווו ס'פליִען נאָר פליגן און שפּינען נאָר וועבן,

דאָרט פליט ר׳ יאָסל און שפינט אָפּ זײַן לעבן,
דאָרט לערנט ער קאַבאָלע און קנעלט!

ער האָט זיך באַדונגען אַף קעסט און קוואַטיר,
ליכט ברענגט אַביסל די שוויבענע טיר...
איך ווייס נישט: אַן אַלמען, אַ גאָרעש?
גאָר עלנט אַ שטיין, נאָר טאַנייסים, סיגופים,
אינויִם און שיימעס, האַשבאָעס, צײַרופין,
אַף אײביקע יאָרן אַ פּאָרעש...

ווינטער באַנאַכט, און קיין קריש אָפּגעבראָכן,
דאָס ליכט נישט אפילע מיט שפּילקעס געשטאָכן,
קיין האָר געצוויגן, ווי ס׳טרעפט אין כאַדאָרים;
פאַר „אונדזערס״ אַ טאַלמיד איז דאָס ניט קיין שטייגער,
אויסגעבערענט האָט עס, ס׳איז נײַן דער זייגער—
די קינדער פאַרמאַכן די ספאָרים.—

איין ייִנגל בלײַבט דאָך אין כיידער אַליין,
אַף אים האָט קיין האַרץ ניט געקלעמט,
אים וואַרט נישט קיין מוטער, ער האָט ניט קיין היים,
אַ יאָסעם, אַ קינד פון דער פרעמד.

ער איז באַ ר׳ יאָסלען אַף דירע און קעסט,
ער ליגט שוין אין בעטל פאַרקנוילט...
ער שלאָפט שוין און ציטערט אינגאַנצן; ווער ווייסט,
וואָס פאַר אַ כאָלעם אים גרוילט!

גאָט ווייסט, וואָס אים כאָלעמט! צי שמײַסן אים שיידים,
און פײַערדיק פּילט ער די רוט?
צי בײַסט אים דער הונט פון גענעם דער שוואַרצער,
און זויגט עפּשער לילים זײַן בלוט?

און עפּשער געוואָרפן אין גרוב צווישן שלאַנגען,
מ׳גיסט אים גאָר שוועבל אין מויל!..
ער שווימט אין זיין אייגענעם שוויס אינעם קאַלטן,
עס יאָגט אין די ביינדלעך אַ גרויל.

אין בעט קעגנאיבער שלאָפט נאָך נישט ר׳ יאָסל,
פאַרטראַכט און דער שטערן פאַרצויגן,
אין פינצטערן אַלקערל לײַכטן און גלאָצן,
ווי פאָספאָר די ווילדע צוויי אויגן׳..

און דורך א שפארע פון טיר שלאָגט אדורך,
און פאלט אף זײַן פּאָנעם א ליכטיקער שטראל,
ווי בלאס איז זײַן פּאָנעם, אף אים איז צעגאָסן
א מין אגמעסנעפּעש, א שרעקלעכער קוואל...

ס'הערן פון הינטערן ווענטל זיך שטימען
פון ליכטיקן צימער ארויס;
גאווריעל, דער וועכטער, געזעגנט זיך צינדערט
מיט ציפּען, זײַן ווײַב, ביז קאלויס...

ערשט נאָך א כאסענע—קושן זיך ביידע...
— „גאָט זאָל נאָר געבן בעסערע צײַטן,
קאָן איך אלס שוסטער אויך האָבן פּארנאָסע...
און לעבן, ווי ס'לעבט זיך בא לײַטן.

דערווײַל, גאָט צו דאנקען, האָבן מיר דאָך פּארנאָסע...
ציפּע, ס'איז שפּעט, לאָז מיך גיין..."
זי כאפּט אים די באק אָן און קושט אים נאָך שטארקער,
— „האָסט אף דער באק אלע ציין!"

ארויס גייט דער וועכטער, ר' יאָסל שליסט ד'אויגן,
און זיפצט אָפּ פון הארץ, פונעם טיפן...
ער עפנט זיי ווײַטער, זיי גלאָצן נאָך ווילדער,
הערט ער פון דרויסן דאָס רופן:

„היט אײַך פאר פײַער!" „פאר פײַער", „פאר פײַער"!
און ציטערט און שווידערט איינגאנצן...
שטיל איז אין שטוב שוין, דאָס ליכט איז פארלאָשן...
נאָר זײַנע אויגן—זיי גלאנצן!

פיבערהאפט גלאנצן די ווילדע, די אויגן,
ער ליגט אלץ פארטראָגן, פארטיפט;
מיטערנאכט זעצט ער זיך אוף, ווי דערשראָקן:
— „כײַימל", וועקט ער און רופט...

כײַימל כאפּט זיך מיט שרעק אוף פון כאָלעם,
אין ד'אויגן נאָך ציטערט א טרער.
„כײַימל—הייסט ער אים—לייג צו געשווינדער
צום ווענטל אן אויער און הער:

„צי שלאָפט שוין די אישע, צי שלאָפט זי שוין דאָרטן?
בויג צו די אויערן און האָרך!״
און כײַימל ענטפערט: „ס'איז פינצטער אין שטוב שוין,
מ'שלאָפט שוין, איך הער ניט קיין שאָרך!״

— „אָ, כײַימל, הער״,—מאכט ווײַטער ר' יאָסל:
„ערגער ווי שאטנעז, ווי טרייפעס,
אָ, טויזנט מאָל ערגער נאָך זײַנען די נאָשים,
די נאָשים—זיי זײַנען מעכאשייפעס!

„און שטארק איז דער קישעף, פונוויַיטנס דער קישעף,
ער ברעכט דורך מויערן און ווענט,
עס ליגט דער גענעם בא זיי אין די אויגן,
עס ווערן נעשאָמעס פארברענט!״

פינצטערע רוכעס און שיידים—צערינט!
צעיאָגט אײַך, טײַוולאָנים! גענעם—פארשווינד!
צערײַס זיך, דו שפינוועבס!—ווי שפיציקע פײַל
שטעכן די זוניקע, גאָלדענע שטראַלן.

עס איז גרויסער טאָג שוין! איך טרײַב קיין קאטאָוועס,
די פראָסטע זון מיין איך! ר' יאָסלס באלעבאָס,
דער שוסטער באטאָג און דער וועכטער באנאכט,
צעציט זיך און עפנט די אויגן—דערוואכט!—

— אָט וואסער צום וואשן, אָט פעפער און זאלץ,
אָט מעסער און לעפל און רעטעך מיט שמאלץ;
ס'דינען די פינגער אלס גאָפּלען גאָר פײַנע,
זיי מישן זיך גאָרנישט—א שיסל נאָר איינע...
געבראָקט איזם יויכל דרײַ נעכטיקע בייגל...
נאָר פלייש גאָר א פיצל, עס דאכט זיך פאר פייגל...

דער קאָפּ, דער קודלאטער, ער הויבט זיך אָן בויגן,
עס ווילט זיך דעם נאשער, ער בלאָזט אויף די ליפּן;
ציפּע פארשטייט אים און טראָגט אים אקעגן,
א קוש גאָר א הייסן דאָס מויל צו פארשטופּן!

נאָר זי דערמאָנט זיך, ווערט טרויריק און באנג,
ס'איז איר גאָר פון די געדאנקען ארויס:

„צי ווייסטו, גאווריִעל, דער יאָסעם איז קראנק,
דעריבער דאָך קנעלט היינט ר׳ יאָסל אין קלויז!

ר׳איז כאָרעוו, דער יאָסעם, גאָט היט און באשירעם!
וואָס קלערסטו, ער פייניקט די קינדער, די ווערעם.
צינד שלאָפט ער. נאָר פריִער, דו זאָלסט געווען הערן,
א גאָטס ראכמאָנעס!״—עס ווייזן זיך טרערן,

און טונקעלער ווערן די אויגן די בלויע,
די ברוסט אין איר ציטערט, דאָס פּאָנעם ווערט ווייס.
„ר׳ יאָסעלע—הערסט—איז א כייע נויראָע,
איך וואָלט אים צעריסן אף שטיקלעך פאר קאס!״——

ער ציט זי צו זיך, זעצט זי אף דער שויס.
„אזוי ריידן, ציפּעניו, רויפים גאָר, דראבעס!
מיין גאָר נישט, ציפּע, ס׳ראכמאָנעס איז גרויס,
זאָלסט הערן „אלשיך״ אין שולעכן שאבעס.

„אוי, דו זאָלסט הערן! נעשאָמע איז „אש״,
אש איז נעשאָמע, דאָס הייסט: א פייער!
און אז זי פלאקערט, פארברענט זי דאָס פלייש!
נאָר אז זי ברענט, אז זי פלאקערט, איז טייער!

„זען בעכוש קאָנסטו, ס׳וואקסט אינדערברייט,
עס וואקסט אינדערלענג נאָר א שוסטער א גראָבער,
א שניידער, א קאצעוו; דאָס רעוול, קוק אָבער,
אָן כיִעס, אָן לעבן און קוים, וואָס ער גייט!

„באטראכט די דאיאָנים! פאר דאָס זייער לוין
איז דאָרט, ווו דער גוף איז שוין גאָרנישט קיין גייע;
אין בעסדין־שעלמיילע, ווו, ציפּעניו קרוין,
קיין שניידער, קיין שוסטער האָט גאָרנישט קיין דייע!

„ווייל דאָרטן—אויס אזעס, דאָרט מאכט מען קיין קויסע,
קיין שניידעריש ווערטעלע גיִלט גאָרנישט דאָרט,
דאָרט זיצן אָוועס, צאדיקים גאָר גרויסע...
און גאָט אליין לערנט, מ׳הערט יעדעס וואָרט!

אלעווייַ וואָלט דיין מאן אזא פּאָנעם געהאט,
און זאָל גאָר די שווארציטשקע פינטעלעך לעזן!״
דאָ שפּרינגט אוף ציפּע: „און איך זאָג דיר גלאט,
אז איך וואָלט דאמלט דיין ווייב נישט געוועזן!

„איך בין א שנײַדערס א טאָכטער, מעגסט לאכן,
מײַן סייכל וועט אייביק שוין שנײַדעריש בלײַבן,
מ׳זאָל באָדײַ פעקל־פלייש דאָרט פון מיר מאכן,
הערסטו, גאווריעל: קאסטרוי זאָל מען טרײַבן,

„איך וויל קיין געווייקטן, קיין הערינג, קיין גוילעם,
איך קאָן נישט לײַדן, און מעג דיך פארדריסן,
ס׳שלאָגט מיר קאפויר, דערזע איך דעם אוילעם,
די וואָנצעס מיט טאבאק, דאָס הוסטן, דאָס ניסן...

„שרעק דיך נישט! גלײַך אויס דעם שטערן און שמייכל,
איך וועל דיך לערנען, דײַן ציפע האָט סייכל!
זיי פירן ארום בא דער נאָז!
פארוואָס קומט גאניידן, זאָלן זיי מיר זאָגן,
נאָר געלעניש־זאָכעניש, נאָר כוילע־מאָגן?
גאווריעלטשע, איך פרעג דיך, פארוואָס?—
ווײַל זיי פארדרייען דעם קאָפּ, די גאנאָווים!
הערסטו, גאווריעל, איך זאָג דיר דעריבער...
הער נישט די שויטים, הער נישט די קלאָווים!”—

דער קוימען איז ליידיק, ר׳ יאָסל קומט עסן,
זי האָט זײַן יויכל פאר צאָרעס פארגעסן,
און ציפע שמייכלט: „זײַט מויכל, איך בעט אײַך,
איך האָב מיך פארשפעטיקט, איך גיי אײַך ערשט קאָכן;
און וועט זײַן אלץ פארטיק, וועל איך אײַך שוין רופן,
צעהאק א פאָר שפענדלעך, געשווינדער, גאווריל!”

ר׳ יאָסל זיפצט אָפּ פונעם הארצן, פון טיפן,
און פאלט אנידער באם ברעט אף דער שטול...
דער וועכטער געזעגנט זיך צינדערט מיט איר,
ער הערט אים ארויסגיין, ס׳קלאפט צו די טיר.

„כאוואל אל דעאוודין!” רופט ער פארביטערט!
ער רײַסט זיך די פייעס, קנײַפּט זיך די באקן,
און הויבט אָן די פינגער צו ברעכן, צו קנאקן,
ער בענקט נאָכן רופן און שרעקט זיך און ציטערט!

דאָס קאָן איך אײַך זאָגן מיט ריינעם געוויסן:
ער האָט זיך געוואשן, און אָפּגעווישט ריין,
נאָר „סעו יעדייכעם”—דאָס קאָן איך נישט וויסן,
צי זאָגט ער בעעמעס, ר׳ יאָסל, צי ניין.

מיר דאכט זיך, שעפּטשעט גאָר: קליפּע און קליפּע,
און זאָגט פון דער בראָכע קיין וואָרט.
„נו, זעצט אײַך, ר׳ יאָסעלע! שמייכלט נאָך ציפּע,
זעצט אײַך, אָט דאָ אף מײַן אָרט!

„וואָס מיִעסט איר אײַך פאר מיר, פאר וועלכער דראָשע?
צי זע איך אײַך אויס אזוי מיִעס?
מײַן מאן גאווריל זאָגט אף מיר „נישקאָשע״,
און שמייכלט דערבײַ אזוי זיס...

„א צוקערקע,—זאָגט ער,—נאָר אײַך? ווער קאָן וויסן—
איר זײַט גאָר אן אנדערער ייִד!״
(עס וואַרפט אים דאָס פיבער, עס שטיקט יעדער ביסן,
ס׳ברענט אים אין הארצן, ס׳זידט).

„מיין מאן גאווריל... גוט איז ער זייער
און כ׳זאָל אזוי וויסן פון שלעכטס,
ווייס איך, וואָס פעלט אים... נאָר גראָב אומגעהויער—
(דאָ גיט זי פון הארצן א קרעכץ).

„ער קעמט זיך אפילע... אָן שפּיצן די באָרד...
און פּייעלעך, ווי איך האָב ליב,
נאָר גרעבלעך!... רעב יאָסל... ווען איר וואָלט געטאָרט...״.
(ס׳דרייט זיך ארום אים די שטוב).

„ווען איר אָן פּייעס, א בערדל אָן שפּיצן!..
אך, ייִדן, איר זײַט גאָר נאראָנים!
עס שלאָגט אײַך די טוירע אין די אויגן, ווי בליצן,
די כאָכמע, זי שײַנט אפן פּאָנעם.

„און ווײַבלעך די שענסטע... זיי וואָלטן געשטאָרבן!...
פאַרשטופּן זיי די אויגן אין דרערד...
און מאכן פון ליכטיקן פּאָנעם א כאָרבן,
מיט קאָלטענעס־פּייעס און בערד...״.

עס הויבט אָן ר׳ יאָסלען אין העלדזל צו סווישטשען,
און קאם וואָס ער אָטעמט, ער כראָפּעט—א גויסעס...
ער גויסעסט, ער כראָפּעט: „אָ ציפּעניו קרוין,
נו, נא דיר די פּייעס, אָ נעם זיי דיר שוין...

„איך בין זיי דיר מאקריוו!... איך וויל זיי נישט מער.
און נעם דיר די שפיצן, אָ, נעם אף נעמאָנעס,
און ציפּע פירט אויס דעם שפּאס אָן ראכמאָנעס,
זי שמייכלט און—האלט שוין די שער...

— — — — — — — — — — — —

פארשוווּנדן ר׳ יאָסל, מ׳ווייסט שוין קעסיידער
אין שטעטל איינגאנצן, ווי ס׳איז געשען:
„עליאָהו האנאָווי אין פויערשע קליידער
(ס׳האָט אים נישט איינער באנאכט נאָך געזען).
איז פארטאָג געקומען און האָט אים גערופן,
גאָר וויַיט פונעם יישעוו, וואָס האָט איר צו זאָרגן!...
אין א הייל זייַנען זיי ערגעץ פארבאָרגן,
זיי מאכן אין מידבער ציירופן...“.
דעם יאָסעם האָט מען דערווייַל אָפּגענומען,
אנדערע—ווארטן און האָפן,
מ׳איז זיכער אין שטעטל, ר׳ יאָסל וועט קומען,
ס׳האָט זיך אזוינס שוין געטראָפן!...

פאָלקליד.

אן—איך לויף אין בעסמעדרעש,
איך לייען אויס די סעדרעס,
איך שרייַב אויס קאמייעס,
און גרייַזל אויס די פּייעס!
פרוי—אין מארק דארף מען לויפן,
האָלץ דארף מען קויפן,
ברויט דארף איך באקן,
האָלץ דארף איך האקן,
די קינדער דארף איך ניאנטשען:
איינע—לייגן שלאָפן,
די אנדערע—ארויספירן,
די דריטע באשמירן—
דאָס איז נאָך ניט גאָר:
א קינד—אלע יאָר!

מ. ווינטשעווסקי.

איש טאם יוישייוו אויהאָלים.

וואָס קימערט ר׳ יאנקלען די שיינע נאטור,
די ווונדער פון מילי־מיליאסן פון וועלטן?
ער זיצט זיך באם סייפער, פארטאָן אין זייַן דרוש,
ר׳ יאקאָוו, דער מאן, וועלכער זיצט אין געצעלטן.

די בערג און דיביימער, די ליליע, די רויז,
זיי זײַנען פאר אים נאָר פאראן אין מעשאָלים;
וואָס וויס ער פון פייגעלעך, בלעטלעך, גראָז?
ר׳ יאקאָוו איש טאָם איז א יוישייוו אויהאָלים.

און כאָרעוו איז דער בעסאמיקדעש שוין לאנג,
ניטאָ מער קיין קטוירעס, ניטאָ קיין מיזבייעך;
וואָס טויגן די בסאָמים, דאָס בלימל, די נאָז,
אָן יענעם פארצײַטיקן רייעך־ניכייעך?

אים ארט ניט די הערלעכקײַט פון דער נאטור,
אליין פון דער שכינעס זיוו איז ער א נעענע.
א מציִע דער יאם, מיטן טײַך, מיטן שטראָם,
ער האָט בלויז אייניינציקע וועלט—דאָס איז י ע נ ע.

נאָר י ע נ ע וועלט איז אים אן עמעסע וועלט,
דאָס לעבן אין ד ע ר וועלט פארגייט ווי א כאָלעם.
וואָס טויג אים צו וואנדערן ווײַט פון געצעלט?
ר׳ יאקאָוו איש טאָם איז א יוישעוו אויהאָלים.

* * *

ראשע מאכט און מאכט און מ׳גייט פאָרט נאקעט און באָרוועס
(פ אָ ל ק ו ו אָ ר ט).

מ ו י ש ע   נ א ד י ר.

(געב. 1885)

ערלעכקײַט באצאָלט זיך.

אין דער שטאָט פּאָמפּידוסע האָט געווינט א גאָטפאָרכטיקער ייִד, האָט ער געהייסן ר׳ שיִע־העשל ציבוך און איז געווען, כאפּט אײַך אָן, אן אוישער גאָדל וועאָצום.

אז מע זאָל זיך פארלאָזן אף דעם, וואָס די אלטע פּאָמפּידוסער טוישווים זאָגן, מוז מען גלויבן, אז רעב שיִע־העשעלע איז אויך געווען דער גרויסער באל־מײַמין, דער עמעסער ייִד מיטן פולן מויל—ווי די מײַסע וועט, אימירצעשעם, באלד באווײַזן.

איינמאָל האָט ר׳ שיִע־העשעלע באדארפט צופאָרן אף א כאסענע פון אן אָרעמער. קאלע, וועלכע ער איז אויסן געווען מעהאנע צו זײַן מיט זײַן סייווער פּאָנעם יאָפעס

און טאקע מיט דער שיינער קאלע־מאטאָנע—היינע: א בסאָמים־קעסטעלע פון פיינעם פימסן־האָלץ און באשלאָגן מיט גאָלד.

פאָרן איז אויסגעקומען צו פאָרן דורך א געדיכטן, פינצטערן וואלד, אין וועלכן עס זיינען פון אייביק אָן שכיעך געווען אסאך גאזלאָנים.

אָבער שיע־העשעלע איז ניט דער מענטש זיך צו שרעקן. „אדוינוי לי מא איראָ? אז גאָט איז מיט מיר, וואָס דארף איך פורכט צו האָבן?"—אזוי האָט געטראכט ר' שיע־העשעלע, אָנגעטאָן די טייערע ראצימירענע בעקעשע, ארופגעזעצט אף דער בלאָ־סאמעטענער יארמלקע דעם שיינעם ספאָדעק און מ'לאָזט זיך אין וועג ארײַן אף גאָטס באראָט.

פאָרט מען א שאָ, צוויי—גאָרנישט. דערווײַל האָט גענומען צופאלן די נאכט, איז רעב שיע־העשעלע אראָפגעקראָכן פון דער בויד, זיך ארומגעגארטלט מיט דעם שווערן, זיידענעם גארטל און זיך געשטעלט מינכע דאווענען. ערשט ערגעץ פון א הייל גיבן א שפרונג ארויס דרײַ גאזלאָנים מיט גרויסע שטיוול און מיט שארפע מעסערס.

איינער פון די דרײַ גאזלאָנים האָט זיך געגעבן א נעם צו רעב שיע־העשעלען, אים א כאפ געטאָן פארן האלדז און אים באפוילן, ער זאָל אָפגעבן דאָס גאנצע גאָלד און זילבער.

— נו־אָ!—האָט רעב שיע־העשעלע א מאך געטאָן מיט דער האנט און ניט אופגעמאכט אפילע די אויגן, וואָרעם רעב שיע־העשעלע האָט גראָד געהאלטן באם „לאָך" פון „מוידים".

ערשט דערנאָכדעם, אז ער איז אויסגעגאנגען שמוינעסרע, האָט רעב שיע־העשעלע אליין אראָפגענומען פון זיך ס'גאָלדענע קייטל מיטן זייגערל און אנדערע מטאלטעלין שעיעש לאָהען אכרײַעס, און עס אָפגעגעבן צו די גאזלאָנים, וואָרעם רעב שיע־העשעלע האָט ניט געוואָלט ברענגען דערצו, אז יידישע מענטשן זאָלן פארלירן זייער כיילעק אוילעם־האבע צוליב שפיכעס־דאָמים, ראכמאָנע ליצלאָן.

— האָסט אונדז אלצדינג אוועקגעגעבן, וואָס דו האָסט בא זיך?—האָט דער הויפט־גאזלען געפרעגט בא רעב שיע־העשעלען, וואָרעם ער האָט געזען, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט א יידן, אף וועמעס וואָרט מע קאָן זיך פארלאָזן.

— יאָ!—האָט געזאָגט רעב שיע־העשעלע, מאכמעס פון גרויס פאכעד, אז די גאזלאָנים זאָלן כאָלילע ניט פארלירן זייער כיילעק אוילעם־האבע, איז בא אים דער זיקאָרן געשלאָגן געוואָרן.

— דו ביסט אן ערלעכער מאן!—האָט געזאָגט דער הויפט־גאזלען און אים דערלאנגט א זעץ צו דער ערד.

אז רעב שיע־העשעלע האָט געהאט צוריק אָנגעטאָן דעם ספאָדעק און אים געהאלטן אין ארופזעצן אף זײַן בלאָער, סאמעטענער יארמלקע, האָט ער זיך פלוצים אָן עפעס דערמאָנט, פון וואָס ער איז שטארק דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך א טאפ געטאָן בא דער בוזעם־קעשענע און—ריכטיק! ווי ס'הארץ האָט אים געזאָגט·

ער האָט פארגעסן אָפּצוגעבן די גאזלאָנים דאָס טײַערע בסאָמים־קעסטעלע, וואָס איז געווען געמאכט פון פּימסן־האָלץ און באשלאָגן מיט גאָלד.

— רעב עליע! — האָט שיִע־העשעלע זיך געווענדעט צו זײַן באלעגאָלע, — איר׳ט אזוי גוט זײַן אונטערוואַרטן דאָ מיט דער בויד, איך מוז נאָכלויפן די גאזלאָנים, איך האָב זיי פארגעסן אָפּגעבן ס׳פּושקעלע — האָב איך זיי פארגעסן! — און ער האָט גענומען לויפן טשוואַליאָם.

נאָך דרײַ טעג לויפן האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן צו דער געוויסער הייל.

די גאזלאָנים־יונגען זײַנען געזעסן אף דער ערד ארום א דרײַפּיסיק טישל און געזופּט ווײַן פון קויסעס, וואָס זײַנען געווען געמאכט פון מענטשלעכע שארבנס.

דערזען דעם פארסאָפּעטן און אָן אָטעמענדיקן שיִע־העשעלען, איז דער ווײַן געבליבן אין זייערע גאָרגלען.

אָבער רעב שיִע־העשעלע האָט זיי גלײַך בארויִקט:

— זײַט מיר מוכל, ליבע גאזלאָנים, — האָט ער געזאָגט מיט א פארטרערט קאָל, — זײַט מיר מוכל, וואָס איך האָב אײַך אָפּגענארט. גאָט איז מײַן איידעס, אז איך האָב פארגעסן. נאט אײַך ס׳פּושקעלע!

דערשטוינט און גערירט פון דעם מענטשנס ערלעכקייט, האָט איינער פון די גאזלאָנים געמאכט א פאָרשלאג, אז מע זאָל צו רעב שיִע־העשעלעס ספּאָדעק צובינדן א גלעקל און אים ארומפירן אף אלע יערידים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך הײַנט — אזוי דערציילט די מײַסע — נאָכדעם, ווי ער איז געשטאָרבן, קאָן מען זען דעם אלטן, גרײַז־גראָען רעב שיִע־העשעלען זיצן אין גאניידן מיט א גלעקל אפן ספּאָדעק, און די ייִנגערע, שקאָצעוואַטע גײַסטער, וואָס גייען פארבײַ, צופּן אים פאר דער נאָז, שיסן אים בעבעלעך אין די אויערן ארײַן, אָבער דער גוטער רעב שיִע־העשעלע שמייכלט און טראכט — אָט לאָזן די קינדער האנאָע האָבן!

ד. פּינסקי.

הײַנטיקע יונגעלײַט.

איך זאָג אײַך, וואָס אײַערע הײַנטיקע יונגעלײַט זײַנען... א גרויל! שקאָצים, שנעקעס, און שמועסן זיך אײַן, אז זיי וועלן ראטעווען די וועלט. זיי וועלן ראטעווען די וועלט! העהעהעהע... מע איז מער נישט — זייער אויסגעלאסן געוואָרן. אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס יאָך, איינגאנצן אויסגעטאָן זיך, נישטאָ אף זיי קיין מוירע נישט פאר גאָט און נישט פאר לײַטן, איז גלאט — העפקער א וועלט!...

אָט בין איך דאָך סאכאקל א דארדעקע־מעלאמעד, און זיי זײַנען דאָך די געשטודירטע, די אופגעשפּיצטע, דאָך פארשטײַי איך א זאך אין טויכן ארײַן טויזנט מאָל בעסער פאר זיי. אדעראבע, לאָמיר באקלערן: וואָס? וואָס? וואָס ווילן זיי? כמע!...

זיי ווילן ראטעווען די וועלט, קיין אָרעמעלייט זאָלן ניט זײַן. איז וואָס האָבן זיי אויסגעקלערט—„קיס עכאָד יִיהעיע לעקולאָנו״—מע זאָל אָפּנעמען בא אלע גווירים דאָס געלט און צעטיילן איבער דער גאנצער וועלט... סארא געוינים דאָס זײַנען! איר הערט נאָר דעם אײַנפאל. איך וועל קומען—איך כאפּ אײַך אָן, לעמאָשל, צו ראָטשילדן און זאָגן: „אדוינִי רעב ראָטשילד, מײַן האר, רעב ראָטשילד, איך וויל, איר זאָלט אונדז אוועקגעבן אײַער געלט״. איז וואָס, דעהײַנע, וועט ער מיר דערויף זאָגן? אז ער זאָל אפילע וועלן מיט מיר ריידן, וועט ער דאָך די ערשטע קאשע פרעגן: „סטײַטש, וואָס פאר א מעכוטן ביסטו דאָס מיט מײַן געלט? דו האָסט עפּעס בא מיר אסאך אײַנגעלייגט? האָסט מיר עפּעס אסאך געהאָלפן צונויפקלײַבן מײַן אשירעס?״ איז וואָס, אנערעך, קאָן איך אים דערויף ענטפערן? גאָרנישט מיט נאָרנישט. „גאָט האָט אזוי געוואָלט, ער זאָל זײַן ראָטשילד און איך זאָל זײַן גרוינעם־מענדל דער מעלאמעד און פארשווארצט ווערן נאָך מײַנע יאָרן און טעג. גיי פרעג בא גאָט קאשעס, פארוואָס האָט ער אזוי געוואָלט! נאָר דאָס איז דאָך די מײַסע, אז די כעוורע גלויבט גאָרנישט אין גאָט, בא זיי טוט זיך דאָך אלץ אזוי, אָן גאָט, טעווע־סמעווע, און איך ווייס וואָס—יִיסכאר פּי רעשאָים—פארשטאָפּט זאָל זיי ווערן זייערע מײַלער!—וואָס זיי קלערן דאָרטן אויס. און אז עס נישטאָ קיין גאָט, איז נישטאָ קיין „איימאָסע דעמאלכוסע״, האָט מען פאר דעם קייסער אויך קײַן מוירע נישט, איז דעמאָלט מעג דאָך טון יעדער, וואָס ער וויל, איז דעמלט „זשיד, פּאָדאוויַ גראָשי!״, „קיס עכאָד לעקולאָנו״ [1], א טיילעניש אף זיי! טפו!...

נאָר איך טײַנע דאָך שטענדיק מײַן טײַנע: דער מענטש, וואָס שטייט צו צו דער כעוורע, איז נישט ווערט מער, וואָס די ערד טראָגט אים, ער גייט גאָר גלײַך ארויס מיקלאל מענטש, פארלירט אלע זײַנע כושים, באקומט א שטיינערן הארץ, ווערט אָן די מידע פון ראכמאָנעס—און אויס!

אָט נעמט כאָטש כײַיִם אנצלס בעניאָכיד, מוישעלען. וואָס ווייסט איר פון דעם באָכערל? ער איז דאָך געווען מײַנער א טאלמיד. אזא זײַדן קינד, אזא „עוון־טאָוו״ האָב איך גאָר אף מײַן לעבן ניט געזען, און וואָס? זיצט ער איצט בעכאדרע־כאדאָרים, און א סוואָרע, אז ער וועט אוועק אין דעם ווײַטן וועג, אין קאפּעקאל, אין סיבּיר, אויב מע וועט אים נאָר אף פריִער נישט אראָפּדרייען דעם קאָפּ, אז א האָן וועט אפילע ניט קרייען. האָט זיך אומגליקלעך געמאכט, האָט אומגקיקלעך געמאכט זײַנע עלטערן, פארביטערט און פארקירצט זיי די יאָרן. און פרעגט ווער? וואָס? ווען? גאָרנישט! און ער האָט דאָך אפריער געוווסט, אז ער וועט האָבן א מיִעסן אָפּשניט און וועט מעקאצער זײַן די עלטערן די יאָרן. נאָר ווי מע שטייט צו צו דער כעוורע, איז אויס טאטע־מאמע, איז אויס ראכמאָנעס, איז אלץ אויס, אויס, אויס!..

נאָר קיינער, זאָג איך אײַך, פארדריִסט מיך נישט אזוי, ווי דער מיישל, איך זאָג אײַך, עס רײַסט מיר אף אים אויס א שטיק הארץ, נאָך א צײַט פאר זײַן טפיסע

---

1) קיס עכאָד לעקולאָנו—איין קאסע (קעשענע) זאָל בא אונדז אלעמען זײַן.

האָב איך אים געשריען: מוישל, מוישל, ביסט עפּעס, זע!—ער האָט געלאכט.—לאכסט, לאכסט,—זאָג איך אים,—ווערסט אָבער דערמאָנען מייַנע ווערטער, אלעוויַ זאָל איך ליגן זאָגן. ער האָט מיך ארומגענומען ארום רוקן... א שייגעץ, זאָג איך אייַך, א גאָלדן קינד. עס קלאָגט אין מיר מייַן הארץ אף אים, בענעמאָנעס. אָט אזוי האָט ער מיך ארומגענומען און פרעגט:—„וואָס פאר א בייז זעט איר אין מיר, רעבינקע?"—פארשטייט איר, ער פרעגט נאָך, וואָס פאר א בייז זע איך אין אים.—וואָס פאר א בייז זאָל איך אין דיר זען?—פרעג איך.—דארפסט דען גאנוועגען בייגל פון מארק? דארפסט עפּעס וואָס? נאָר גלאט גייסט נישט בעדערעך האיאָשער, גייסט נישט אין א גלייַכן וועג. טוסט נישט דאָס... טוסט ניט דאָס, מוישל! מיילע,—זאָג איך אים,—ביסט נישט פרום, גאָלסט דיך, דאוונסט נישט, ווייסט נישט פון שאבעס, ביסטו טאקע דערפאר א גרויסער שייגעץ, דאָס איז א באזונדער זאך,—זאָג איך אים. נאָר ביסט דאָך דער געשטודירטער און זאָגסט, אז דו ביסט קליגער פאר דער גאנצער וועלט און פאר אלע אונדזערע כאכאָמים, זיכרוינאָם ליווראָכע. איַ, נאָך דייַן פּעגירע אפילע ווערסטו דאָס אויך נישט זייַן! נאָר גאָרנישט... אָבער, פרעג איך דיך, וואָס דארפסטו די אנדערע קאליע מאכן? נעמסט ארום זיך ארום שקאָצים, פּאסקודניקעס, אָפּגעריסענע הינט, איך ווייס, שטיקלעך ארבעטערלעך און לערנסט זיי ווי אויווער זייַן אף א דין, ווי פּוירעץ געדער זייַן!.. גלאט. וואָס איז עס פאר א שטאט, פירן זיך מיט אזעלכע איך ווייס נישט וואָס. פּאסט עס דען פאר דיר? פּע, כאלאָשעס!

דאכט זיך, האָב איך גערעדט קלאָרע ווערטער, איז פאראן דאָ צו לאכן? און ער האָט געלאכט! איך האָב שוין אָנגעהויבן ווערן אינקאעס: — וואָס? וואָס לאכסטו?

— איר זייַט א וווילע יידל, רעבע!—זאָגט ער מיר.

איך דארף דאָ האָבן זייַן האסקאָמע, צי בין איך א ווויל יידל אָדער נישט א ווויל יידל.—דו פארשלאָג מיר נישט האקעס־באקעס,—זאָג איך אים,—רעד דוואָרים קעהאוו־יאָסאָם—ריינע קלאָרע דיבורים. וואָס? וואָס לאכסטו, וואָס?

— רעבע, זאָגט ער,—אייַך ווילט זיך וויסן מייַן טוירע?—זאָגט ער,

— אדעראבע,—זאָג איך אים,—איך וויל טאקע הערן. נאָר שרעק זיך נישט,—זאָג איך אים,—מיך ווערסטו נישט קאליע מאכן, פון וועג נישט אראָפּפירן, אזוי לאנג וואָס, ווי לאנג דייַנע טוירעס וועלן צו מיר נישט צושטיין.

— מייַן טוירע איז,—לאכט ער,—„האָב ליב דעם אנדערן ווי זיך אליין".

איר פארשטייט עפּעס? זיין טוירע איז עס!—שייגעץ! זאָג איך מיט כויזעק.—וועאָהאווטאָ לערייאכאָ קאָמויכאָ [1])—דאָך א בעפּיירעשער פּאָסעק! דייַן טוירע איז דאָס?

— זי איז יענעמס,—ענטפערט ער מיר,—ווער עס האלט פון איר און לערנט זי דעם אנדערן.

ענטפערן, נישקאָשע, האָט ער געקאָנט, דער קאָפּ האָט אים נישט אָפּגעדארט. נאָר פארשטייט איר א דערעך? זיצט מען דאָס מיט א כעוורע לייַדאקעס און מען

---

[1]) וויאָהאווטאָ לערייאכאָ קאָמויכאָ—האָב ליב דעם אנדערן ווי זיך אליין.

ל̄ערנט מיט זיי „וועאָהאווטאָ ל̄ערייאכאָ קאָמויכאָ״! קיין בעסערע טאלמידים האָט ער שוין נישט געפונען.

— ביסט דאָך גלאט א נאר, — זאָג איך אים, — אף דיר וואָלט איך עס נישט געגלויבט.

נאָר מיילע, וואָס זאָל איך דאָ אסאך מארעך זײַן — ער איז דאָך דער קליגער און איך בין דער נאר, האָט ער מיך ווידער אויסגעלאכט. איך רעד דאָך קרום!

און ער האָט געמיינט, אז איך בין דאָס דער „פעסי ייַמין ל̄עכאָל דאָוואָר״ [1] און גלויב אים שוין, אז ער ל̄ערנט מיט זײַנע ווײַסעכעווריעניקעס „וועאָהאווטאָ ל̄ערייאכאָ קאָמויכאָ״. ווי מיינט איר, ער וועט מיך טאקע באלד אײַנשמועסן, אז פאר „וועאָהאווטאָ ל̄ערייאכאָ קאָמויכאָ״ וועט מען עמעצן ארײַנזעצן און אין סיביר אוועקשיקן!

נאָר איך וועל מיך שטעל̄ן מיט אים קריגן? ער זאָגט מיר „וועאָהאווטאָ ל̄ערייאכאָ קאָמויכאָ״, זאָל זיין „וועאָהאווטאָ ל̄ערייאכאָ קאָמויכאָ״, און אינדערעמעטן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האָט אונטערגערעדט די ארבעטער פון סימקינס פאבריק, זיי זאָלן אופהערן צו ארבעטן און בעטן מער געלט און ווער ווייס, צו וואָס ער האָט זיי דאָרטן צוגערעדט. און דערפאר פוילט ער איצט אין אָסטראָג!...

אן אַנדער מאָל האָט ער אויסגעטראַכט א נײַע מאָדנע טוירע: „ארבעט, וועסטו עסן!״ איך האָב אים פאָשעט אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם. איך רעד שוין ניט פון דעם, אז גאָט האָט באַשאפן ד'עם מענטשן נישט צוליב דעם, ער זאָל ארבעטן און עסן, נאָר צוליב דער טוירע — וועגן גאָט איז דאָך נישטאָ מיט אים וואָס צו ריידן גאָט איז דאָך גאָר אף דער וועלט נישטאָ! — נאָר ווי ער שטעלט זיך עס פאָר, אז ר' וועלוול שמעלקעס און אפילע איך, גרוינעם־מענדל דער מעלאמעד, וועל מיך שטעלן ארבעטן צוזאמען מיט בונעם דעם שוסטער און דאָניע דעם שנײַדער. מע דארף דאָך זײַן מעשוגע קעעכאָד האמעשוגאָים, אז מע זאָל גאָר אויסטראכטן אזא מין פלאן. איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, איך האָב אפילע ניט געוואָלט מיט אים ריידן און קריגן וועגן דעם.

און נישט נאָר אין דעם אליין איז מוישל קאַליע געוואָרן, וואָס ער האָט אָנגע־הויבן צו ריידן „אל האשעם וועאל מעשיכיי״, פלוידערן וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן און אופרייצן ארבעטער קעגן זייערע ברויטגעבער, נאָר אין אלע פראָטים איז ער שוין נישט געוועזן קײַן מעהוס מענטש. ל̄עמאָשל, דער יונג איז שוין געשטאנען אין שידוכים. איך אליין האָב אים געוואָלט ריירן א שידעך. נישט, כאס־וועשאָלעם, „ל̄עהאנאָאָסי״, פון מײַן פארנאָסע וועגן. בעעמונאָסי [1]), אז איך בין ווײַט געוועזן פון דעם געדאנק. נאָר עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך האָב געפונען דעם עמעסן זיווּעג זײַנעם. איר קענט דאָך מיסטאָמע רעב אווראָם על̄קין דעם סארסערס טאָכטער? איז דאָס עפעס א קרומער שידעך? נאָך מיר נאָך, וואָלט עס געווען א גליק־ל̄עכסטער זיווּעג אין דער וועלט. איז וואָס לאָזט זיך אויס? לאָזט זיך אויס, אז ער האָט זיך שוין „איזניוכעט״ מיט — „שמא יִסראָעל״ צו שרײַען — מיט סענדער דעם

---

[1]) א נאר גלויבט אין אלץ.

[2]) בעעמונאָסי — אף מײַנע נעמאָנעס.

דויפעס טאָכטער—„שוימו שאָמאַיִם״ [1])!.. פארשטייט איר, ווי דער יונג איז טיף געפאלן? „מידעכי על דעכי״! [2]) און, אַז אָך און וויי, וואָס פאר אן אהאווע, וואָס פאר א ליבקע צווישן זיי איז געוועזן! ווען די כצופע האָט דערוווּסט, אז מע האָט אים צוגענומען, איז זי נאָר אביסל בלייך געוואָרן און קלוימערשט געכאפט זיך פארן הארצן—און ווייַטער גאָרנישט, ווי נישט איר זאך גאָר...

נאָר דאָס איז דאָך, וואָס איך טייַנע: דער מענטש, וואָס שטייט צו צו דער כעוורע, גייט ארויס מיקלאל מענטש. זיי פארלירן די מידע פון ראכמאָנעס, טוען זיך אויס פון אלץ און... און... און גאָרנישט! און זיי ווילן דאָס ראטעווען די וועלט! אך, א רועך אין זייערע טאטעס אריַין!.. עס איז גאָר אן אוויירע, אז מע רעדט וועגן זיי, טפו!...

* * *

אז גאָט זאָל וווינען אף דער ערד, וואָלטן אים די מענטשן די פענצטער אויסגעשלאָגן (פ אָ ל ק ו אָ ר ט)

---

1) שוימו שאָמאַיִם—שטוינט, הימלען!

2) מידעכי על דעכי—פון איין שטרויכלונג צו א צווייטער.

קעגן רעליגיע - פאר א נײַעם שטייגער

ד. עדלשטאט
(1866—1892)

צו די גאָטפּאָרכטיקע בירגער.

מיר קומען צו אײַך מיט דער פאָנע פון פרײַהײַט,
מיט דעם פאקל פון ריינעם פארשטאנד,
מיר ווײַזן אײַך אוף די אומשטערבלעכע וואַרהײַט
מיט דער וויסנשאפטס אײַזערנער האנט!

איר ווילט אונדז ניט הערן, איר קריצט מיט די ציינער,
פארדאמט אונדזער דענקען און טאָן;
איר שלעפט אונדז אין קערקער, איר ווארפט אף אונדז שטיינער
אין נאָמען פון געלטזאק און טראָן.

דאָך מיר מוזן ריידן און מיר וועלן ריידן,
אָ, דומע קנעכט פון גאָט מאמאָן!
מיט אונדז איז די וואַרהײַט, איר קענט אונדז ניט שײַדן
פון איר אומבאזיגבארער פאָן!

איצט זאָגן מיר אײַך: גענוג שוין צו גלויבן!
ווער פון אײַך ווייסט ניט ריכטיק דעם סאָד,
אז גראָד ווי אונטן, אזוי אויך דאָרט אויבן
גיט ניט קיין שפור פון ערגענד א גאָט.

און וואָלט נאָר געווען, אָ ייִדן, א בוירע,
א גרויסער, שטארקער, אלמעכטיקער גאָט —
וואָלט ער דערלאָזט דען, אז אים און זײַן טוירע
זאָל מען באדעקן מיט כארפּעס און שפּאָט?

וואָס מאכט מען הײַנט ניט פון ריבוינעשעלוילעם?
מע שימפט אים און שמוצט אים גאָר אָן א שיר,
און דאָך זיצט ער ווי א ליימענער גוילעם,
און גיט זיך צומאָל ניט אפילע קיין ריר!

און ווייסט איר פאַרוואָס? עס איז פּאָשעט ניטאָ,
ווער און וואָס זאָל זיך אָנהויבן רירן,
וואָרעם דער, בא וועמען גאָט איז נאָך דאָ,
דעם פעלן אימער אין קאָפּ די געהירן!

אָ, ניין! ווען ווירקלעך עס זאָל עקזיסטירן
א גאָט, וואָס נאָר ער דריקט אונדז און פּלאָגט,
וואָלט מען נויטיק געדאַרפט אים עקספּלאָדירן,
ווי דער זיידע באַקונין האָט געזאָגט.

* * *

פּוסט און גאָטלאָז, ברידער, איז דער הימל,
יעדער דענקער ווייס דערפון —
און מיר זאָגן: „וואַכט אויף פון אײַער דרימל,
דערבליקט די ליכטיקע זון!"

פאַרהאַסט ניט די וואַרהײַט, זי איז אײַער רעטער,
יאָרהונדערטער קעמפט זי פאַר אײַך;
אַזוי וועט די מענטשן מאַכן פאַר וואַרע געטער
און די ערד פאַר — א הימל־רײַך.

פאַרהאַסט ניט די וואַרהײַט און אירע פּראָפעטן,
דערקענט זיי אלס ברידער, אלס פרײַנט:
זיי קומען אײַך וועקן, זיי קומען אײַך רעטן
פון אײַערע בלוטיקע פײַנט.

זיי קומען דערינערן אײַך אָן די פליכטן
פון א יעדן פּראָלעטאַריאַט:
צו דענקען, צו קעמפן, צו העלפן פאַרניכטן
דעם געלטזאַק, די קירכע און שטאַט.

מיר קומען צו אײַך מיט דער פאָנע פון פרײַהײַט,
מיט דעם פאַקל פון ריינעם פאַרשטאַנד,
מיר ווײַזן אײַך אויף די אומשטערבלעכע וואַרהײַט
מיט דער וויסנשאַפטס אײַזערנער האַנט.

* * *

די מענטשהײַט פאַרמאָגט שוין לאַנג דעם טרוים וועגן סאָציאַליזם, דעם טרוים פון ערדישן גאַניידן; דער מענטש דאַרף זיך נאָר באַפרײַען פון הימלשן גאַניידן און אלע אַנדערע אידעאָלאָגישע אָפּנאַרענישן און זײַן ניצאָכן איבער דער אלטער וועלט איז געזיכערט (מ א ר ק ס).

דאָס ליד פֿון דער רויטער פֿאָן.

מיר קויפֿן קיין זײַדנס צו פּוצן דעם סײפֿער,
וואָס שטייט אויבנאָן אין פֿאַרהאַנגענעם אָרן.
דעם סײפֿער פֿאַרפּוצן שוין אונדזערע קויפֿער,
די קויפֿער פֿון אונדזערע בליִענדע יאָרן.

זיי מוזן אים פּוץ און פֿאַרגעטערונג שאַפֿן,
ווײַל דאָרט איז געבליבן די פֿרייד פֿון די קוינים:
דער שרעקלעכער דין, ווי צו האַנדלען מיט שקלאַפֿן,
דער פּסק, אַז עס מוזן זײַן אייביק עוויונים.

מיר קויפֿן קיין זײַדנס פֿאַר מענטשלעך נײַע.
וואָס אַרט אונדז קאַפּוירעס? וואָס אַרט אונדז פּאָרויכעס?
דערמיט זײַנען זיך די קליי־קוידעש מעכײַע,
די ברוים, וואָס האַנדלען מיט פֿינצטערע מויכעס.

מיר קויפֿן די זײַדנס צו מאַכן אַ פֿאָנע,
וואָס זאָל מיט הייליקער שטאָלצקייט פֿלאַטערן,
אויף אַלעמען גלײַך מיט דערזעלבער קאַוואָנע,
אויף מענטשן, וואָס דאַרפֿן זיך מערער ניט מאַטערן.

אין רויט, ליבע ברידער, זאָל ווערן געפֿאַרבן
די איידעלע שטאָף פֿון דעם הערלעכן דעגל,
דען רויט איז דאָס בלוט פֿון דעם עלנטן קאָרבן,
וואָס צאַפּלט אין סוינעס צערײַסנדע נעגל.

אָ, רויט איז דער קידעש־ווײַן, וועלכן עס טרינקען
אָט די, וואָס פֿאַרצערן אונדז לעבן און וויסן,
און רויט אונדזער זון, ווען זי האַלט אין פֿאַרזינקען
און רויט דער מאָמענט, ווען זי וועט אונדז באַגריסן.

* * *

דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט שטעלט זיך אויף דער זײַט פֿון סאָ־
ציאַליזם, וואָס ציט צו די וויסנשאַפֿט אין קאַמף קעגן רעליגיעזן
נעפּל און באַפֿרײַט דעם אַרבעטער פֿון גלויבן אין יענער וועלט
דערמיט, וואָס ער פֿאַראייניקט אים צום ווירקלעכן קאַמף פֿאַר
אַ בעסערן לעבן אויף דער ערד (לענין).

מ. סוועטלאָוו.
רוסישער סאָוועטישער שרײַבער.

רעבע.

אײַנגעבויגן זײַנען רעבעס פּלייצעס,
אלטער רעבע איז שוין מיד אזוי.
אלטן ציאָן, אין א טרערן־גאס פארפּלייצטן,
האָט ער אָפּגעגעבן טרוים נאָך טרוים.

איך געדענק:

איך פלעג דעם כומעש בלעטערן ביז טאָוול...
רעבע האָט מיר אײַנגעשטאָפּט פארשטאנד:
וועגן יידן אונטער קויסעל־מאאראָווי,
וועגן כורוועס אינעם מיזרעך־לאנד.

צווישן וויסטעניש און פּוסטקײַט אומגעהויערע
האָט דער אויבערשטער די וואנט פארהיט
און געהייסן אייביק אף איר טרויערן,
און געהייסן—פרום און וויל דארף זײַן א ייד.

ס'איז געוועזן אי אומעטיק, אי שרעקלעך—
דאָס איז אלץ געוועזן אמאָל, דאָס איז שוין אוועק.
איצטער: א פארפאנצערטער אין לעדערנעם אין רעקל
שטיי איך אף דער וואך פון נײַע טעג.

כיידער שטויביקן און אלטן רעבן
זע איך ניט מיט קינדערשן שוין אויג.
אופגעוואָקסענער פאר ברויזנדיקן לעבן,
איז מײַן בליק געווענדט צו מיזרעך איצטער אויך.

נאָר ניט צום בעסאמיקדעש,
ניט קעדיי צו גיסן טרערן
האָט מײַן אויג אף מיזרעך זיך פארקוקט.
נאָר דערפאר,
ווײַל פון מיזרעך וועט א שײַן טאָן מיר מיט רויטן שטערן
מײַן פארטיי, מײַן ליכטיקער קאָמיוג.

אלטע ערד מיט וואָלקנס איז פארהנען
און האָט אין רוים איר אויסגעשריי פארקלעמט.

דאָס איז ז'ערפאר, ווײַל ברידער־קוואָרים גרינע
האָבן אויסגעצויגן זיך בא וואנט פון קרעמל.

צוויי ווענט: אין מאָסקווע און אין פאלעסטינע —
צוויי: איינער רעבע, איינער איך,
זײַנע אויגן זײַנען מיט פארגליווערטקײַט פארוגען,
מײַנע—פרייידפולע פון סארפענדיקער ליכט.

איך פיל: א זיכערער מײַן וועג איז אף דער ערד דאָ
אונטער פאָנען אופגעפליגענע אין הויך,
אויב מע דארף, וועל איך דעם גרויען בעסאמעדרעש
אונטערצינדן ווי א הויפן שטרוי.

* * *

... דער מאָדערנער באוווסטזיניקער ארבעטער, וואָס איז דער־
צויגן אין דער גרויסער פאבריק־אינדוסטריע, וואָס איז אופגע־
קלערט דורכן שטאָטישן לעבן, ווארפט פון זיך מיט פאראכטונג
אָפּ די רעליגיעזע אָבערגלויבענישן, איבערלאָזנדיק דעם הימל אין
רעשוס פון די גאלאָכים און בורזשואזע צוואקעס, דעראָבערנ־
דיק זיך א בעסערן לעבן דאָ אף דער ערד (לענין).

ש. האלקין.
גײם דעמיאן בעדני (ד. בעדני—געב. 1883).

זײַנעט.

1

ארײַן און געזאָגט האָט זי אים: „סאלאמאט".
מירזא טוט א צי זיך און שמייכלט זיך זאט.
א ווײַב בא מירזא—א שיינהײַט, א בילד —
יונג נאָך און מילד.

א ווײַב בא מירזא און די דריטע בא אים —
אין געגנט מיט פראכט און מיט שטאלט איז בארימט.
פון פרויען בוכארער ניט געפינען איר וועט
שלאנקער און שענער פון דער, פון זײַנעט.

די ברידער—אוזבעקן מירזא האָט באצאָלט
פאר אויסקויף פאר איר מיט זילבער און גאָלד.
מאטאָנעס די ברידער מירזא האָט געשענקט —
און א שלאָס און א שווערער א דריטער שוין הענגט...

2

אונטער פֿאַרהאנג געדיכטן פֿון לֿאנגער טשאדרא,
אונטער שוויגערשן אויג אונטער שטרענגן
איז געגאנגען זײַנעט און געשלֿענגלֿט
„בא דער זײַט פֿון „קאָמיוג״—ניט אף לֿיפּן צו ברענגען״, —

ווו עס זשומען, ווי בינען באם האָניק אין שטאָק,
שווארצויגיקע קינדער מיט זיסן געזאנג,
בא א ביכלֿ באצירטן מיט לֿענינס א בילֿד,
נודער־בײַ־יעראלֿדי,
בײַ־לֿיאר־דאן,
יעקסאלֿיארא־בערדי.

אינדערהיים א צעקנייטשטער—אָן בעגעד, אָן שוך,
געווארט אף זײַנעט האָט איר מאן און איר האר.
און געזאָגט האָט זײַנעט מיט א זיפֿץ און מיט הארץ:
„פֿאר־פֿ־לֿוכטער!״

3

— אלֿמעכטיקער אלֿלֿא!
— אלֿמעכטיקער אלֿלֿא!
אפֿן מינארעט געזונגען האָט מולא
דעם הייליקן געזאנג פֿון טפֿילֿע קארגער.

געזאָגט האָט זײַנעט זיך: א סאָף—און גענוג!
דעם יאָך פֿונעם האלֿדז—און אוועק אין קאָמיוג —
א שאָטן א שטילֿער דורך געסלֿעך און מארקן...

. . . .

מיט שוים אף די לֿיפּן, מיט עקלֿ און האס
די שוויגער די בייזע אצינד האָט גערעדט:
— זײַנעט!

פֿונוואנען נאָר, זאָג מיר, דו קומסט איצטער אָן?
ווו ביסטו געגאנגען באגינען צו גאסט?
מײַן שטוב האָסט פֿארשוועכט מיט א זינד,
מיט א פֿלֿעק —
ווו האָסטו געלֿאָזן פֿון פּאָנעם די דעק?!

און געזאָגט האָט זײַנעט,
מיט ווירדע און וואָג:

— געווען בין איך דאָרטן,
ווו ליכט און ווו טאָג;
ווו לעבינס געבאָטן
מע אכטעט, מע היט;
ווו פרויען בוכארער
אן אייצע מע גיט,
ווי גיכער צו פרײַהײַט
די וועגן געפינען, —
אָט דאָרט און אהין
כ׳בין געגאנגען באגינען...

און אוועק איז א טאָג, און דער טעמפּער מירזא,
פאר פרויען פארשקלאפטע—דער שרעקלעכסטער גזאר,
געשריִען פאר צאר האָט, פאר ווייטיק און קאעס, —
אנטלאָפן די ווײַב איז, אנטלאָפן זײַנעט,
זײַנעט איז אנטלאָפן—אף אייביק אוועק,
זײַנעט איז פארלוירן—זײַנעט אף דער פרײַ איז..

4

א יאָר פון שווערער מי דורך נעכט און טעג,
ווי שענסטער טרוים, איז גיך אוועק,
פאר איר, זײַנעט,
אין פערגאנא,—

פאר איר, פאר גליקלעכסטער פון פרויען;
צו פרויען אָרעמע זי רעדט,
פרויען גלויבן איר—זײַנעט,
פרויען אָרעמע נאָר איר פארטרויען...

געווען זײַנעט איז אפן פראָנט,
געווען איר נאָמען איז באקאָנט:

די אויסשפירערן די בעסטע.
פון מויל צו מויל—איר ליבּ־געזאנג,
פון טראָט צו טראָט אין לויף און גאנג —
געווען זײַנעט אין שלאכט די בעסטע...

דער סוינע האָט איר טראָט געהיט,
זײַנעט אין שלאכט האָט זיך געציט —

געצילט דער סוינע האָט זי מיט א קויל באגריסן;
דער סוינע האָט דעם וועג געפּאָרשט, —
דער סוינע האָט נאָך בלוט געדאָרשט,
נאָך הייסן בלוט
פון איר — זיינעט,
שווארצויגיקער
און שלאנקער
קאָמיוגיסטן.

5

אין טיי־הויז, אין שטאָט פערגאנא,
זיצט דאָרט אין צאָרן מירזא,
זיצט דאָרט אין קאָך פון געבליטן;
מירזא ניט געקארגט האָט קיין געלט,
מירזא האָט שוין צווייען באשטעלט,
אוזבעקן צוויי שלעגער געניטע.

— „איצט גייט און פארניכטעט זיינעט".
אזוי האָט מירזא זיי גערעדט,
— „איצט גייט — און סע זאָל אייך באגליקן!"
געזאָגט האָבן ביידע אים פעסט:
„אָן צאָרן אָן דיינעס פארגעס —
מיר וועלן אָן איר ניט צוריק גיין!"

אוועק זיינען ביידע באנאכט,
די וועגן און שפורן באטראכט,
געזוכט און געפונען אף זיכער;
א כייע באפאלט און פארצוקט,
אוזבעקן האָבן אויך ניט געקוקט —
ארוף ווי א ווינט, ווי א וויכער.

א כייע באפאלט און צעטרעט —
אוזבעקן צעבייטן זיינעט —
צעברעכן איר רוקן און לענדן;
אין פינצטער זיי קערן זיך פלינק,
צעברעכן א האנט זיי געלינגט —
און נאָך ניט קיין סאָף און קיין ענדע.

סע ווייס אַן אוזבעק, ווי מע דאַרף
שלײַפן א מעסער ביז שאַרף;
שלײַפן — אין האַלדז עס פאַרשלאָגן;
אף וועגן זײַנעט דאָרטן ליגט,
אין הימלען א שטערן זיך וויגט
און סע וועט דאָרט באַלד אָנהויבן טאָגן...

6

כאַדאָשים פינף שוין דורך. זײַנעט אין פערגאַנאַ.
דאָס פּאָנעם אירס — א שטיק פאַרבאַקן בלוט;
אין קראַנקן-הויז שוין שטיל און אַלץ שוין רוט,
נאָר ניט די שטילקײַט דאָ עס שרעקט זי איצט באַנאַכט.

ניט קיין כאָלעם גרויזאַמער פון שלאָף זי וועקט,
און ניט קיין פּכאָדים נאַכטיקע אף וועגט זי זעט;
דער האַלדז צעבראָכן איז — בא איר, זײַנעט,
די לינקע האַנט בא איר — איז אָפּגעזעגט.

דאָס אויג אירע נאָך שווימט אַרום אין רויך אין נעפּל,
געהער אירער — פאַרטעמפּט, דער קאָפּ — צעשלאָגן,
און אַלע זי באַוווּנדערן און זאָגן:
„א נעס, א נעס, וואָס ביסט געבליבן לעבן".

זײַנעט אין מאָסקווע פאָרט — דאָס אָרט איז רײַך מיט וויסן,
אין מאָסקווע דאָרט זײַנעט וועט גיך געגעזן ווערן;
זײַנעט — זי רעדט, זײַנעט — זי זעט, זײַנעט — זי קאָן שוין הערן,
זײַנעט פון וועלט פון ליכטיקער שוין קאָן געניסן...

„קאָמוניוועריסיטעט פאַר מיִענדע פון מיזרעך" —
באַנאַכט צו כאָלעם קומט, באַטאָג אין וואָר זי זעט אים;
— איך האָב ביז איצט אין שלאַכט מײַן דאָרשט נאָך ניט געזעטיקט,
זײַנעט געשוואָרן האָט און האָט איר האַנט באַוויזן:

„איך שווער באַם קייווער דאָ פון נאָווי נײַעם,
מיט בלוט אין אָדערן איך שווער, מיט מינדסטן אָטעם,
אַז דײַנע שטאָלענע, אַז דײַנע לויטערע געבאָטן
צעטראָגן כ'וועל אין גאָרן לאַנד אין פרײַען.

פון דאָרף צו דאָרף צו פרויען אָרעמע, פארקנעכטע,
אין הויפן פינצטערע דיַין ליכט ביז דאן כ'וועל טראָגן, —
ביז ס'וועט אף אויסקריצן געגוג נאָך קראפט פארמאָגן
דיַין נאָמען טיַיערן, מיַין האנט מיַין רעכטע!".

* * *

קעמפן מיט די רעליגיעזע אָבערגלויבענישן פון דער פרוי קומט אויס זייער פאָרזיכטיק... נאָר א לאנגזאמע און געדולדיקע אופ־ווירקונג קאָן ברענגען פרוכטבארע רעזולטאטן. דער טיפסטער מאָקער פון אָבערגלויבענישן איז איר אָרעמקיַיט און פינצטער־ניש. אָט פארוואָס די לאגע פון דער פרוי איז ביז איצט געבליבן
אזא, אז מע האָט זי אָנגערופן קנעכטישע (לענין).

י. זעלדין.

(1900),

פישער־ליד.

טראָג אים אָפּ צוריק אהיים, דעם געטעלע [1]) דעם דארן,
דעם פליכעוואטן קארליקל, דעם הייליקן מיקאָלקען.
ער וועט מיך ניט באהיטן, ניט באשיצן פון געפארן;
דער יאם וועט אים ניט הערן מער, דער יאם וועט אים ניט פאָלגן.

טראָג אים אָפּ צוריק אהיים און זאָג דער אלטער מאמען:
ניטאָ אים ווו צו לייגן און ניטאָ אים ווו צו שטעלן.
און טאָמער וואָלט נאָך זיַין פאר אים א ווינקל א געראמער,
וועלן אים די ברידעו' פאר א ריַיזנדער ניט וועלן.

טראָג אים אָפּ צוריק אהיים און זאָג דעם אלטן טאטן:
מיקאָלקע איז קיין שטורמאן ניט, און איך בין ניט קיין יונגע;
און זאָל ער דאָרט ניט צאָרענען, וואָס איך האָב אים פאראטן,
וואָס איך האָב מיַין נעשאָמעלע דעם וואסער־שעד פארדונגען.

טראָג אים אָפּ צוריק אהיים, אין פישער־דאָרף אין גרויען,
און זאָג די אלטע פישער אָן, און זאָג, זיי זאָלן הערן,
אז ווער עס וועט זיַין פאנג־שיפל דעם געטעלע פארטרויען,
דער וועט זיך אהיים צוריק פון יאם שוין מער ניט קערן.

---

[1]) בא די אָפּגעשטאנענע יאם־ליַיט און פישער עקזיסטירט א מינעג מיטצונעמען אף זייערער פאנג־שיפלעך געטער־געשטאלטן פאר א סגולע קעגן שטורעם און אומגליק־צופאלן אפן יאם.

ה. מײַזל.

א פאַרקערטע וועלט.

דוואָשקע, די אַלטע זיבעציק־יאָריקע אַלמאָנע, האָט פּאָרזיכטיק צוגעמאַכט די טיר, אַרופגעקלעטערט אַף אַ שטול און אַרומגענומען מיט ציטערדיקע הענט דעם עלעקטרישן לעמפּל, וועלכער איז אינדערהויך איבערן טיש געהאַנגען.

— געלויבט און געבענטשט זאָלסטו זײַן,—האָט זי מיט טרערן אירע ליפּן באַוועגט,—דערפאַר, וואָס דו האָסט אונדז באַפעלן צינדן שאַבעס ליכט.

— ריבוינעשעלוילעם, אַזוי ווי עס לויכטן די שאַבעס־ליכט, אַזוי זאָל לויכטן און שײַנען די טוירע פון מײַנע קינדער.

— שוויגער, איר וועט נאָך אַראָפּפאַלן,—האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דער שנורס קאָל.

זי האָט גאָרניט באַמערקט, ווי זי איז אין צימער אַרײַן.

— גאָרניט, גאָרניט,—האָט די אַלטע אין פאַרלעגנהײַט געשטאַמלט,—איך האָב געוואָלט... פאַריכטן דעם לעמפּל.

אינדערעמעסן גערעדט, האָט זי גאָרניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר די קינדער. נאָר גיי נעם אין אַזאַ קאָשעו־ער אַפּיקאָרסישער שטוב און שטעל זיך אינמיטן דערינען ליכט בענטשן, דאַוונען. זי וויל ניט פאַרשעמען די קינדער, מעוויײַעש זײַן זיי פאַר זייערע כאַווײרים.

— צײַטן געוואָרן,—קרעכצט די אַלטע,—מע שעמט זיך גאָר מיט ייִדישקײַט.—דערמאָנט זי זיך: אַמאָל, אַז עס פלעגט אָנקומען דער ליבער שאַבעס, פלעגט זי אָנצינדן די גרויסע שאַבעס־ליכט, צוקלײַבן די שטוב, אָנטאָן די יאָנטעוודיקע מאַלבושים און גיין מיט איר אַלטן אין שול אַרײַן.

א שווער לעבן געהאַט. דער מאַן, ווי אַ שנײַדער, האָט קאַם אַף דער הויצאָע פאַרדינט. ס׳האָט ראַק געפעלט אַף האָלץ, אַף דירע־געלט און אַפילע אַף ברויט.

איצט איז אַסאַך בעסער. די קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן, וווינען אין אַ גרויסער, שיינער דירע, פאַרדינען קימאַט גענוג אַף הויצאָע, זײַנען געבילדעטע, געראָטענע מענטשן, נאָר איין צאָרע—אַפּיקאָרסים.

די ערשטע צײַט האָט זי זיך געפּרוווט מיט זיי אַמפּערן, טײַנען מיט זיי, דערווײַזן, אַז מע דאַרף היטן שטאַט, אויב ניט פאַר גאָט, זאָל כאָטש זײַן פאַר לײַטן, נאָר לעסאָף האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן.

ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זי שעמט זיך שוין מיט איר ייִדישקײַט, זי האָט מוירע צו דאַוונען, מוז עסן פון טרייפע טעלער... זאָל זי גאָט נאָר ניט שטראָפן. ער ווייס דאָך וויפל צאָרעס זי שטייט אויס, שוין באַלד צוויי יאָר, ווי אין איר מויל איז ניט אַרײַנגעקומען קיין שטיקל פלייש, זי קומט אויס מיט אַ קאַרטאָפל, מיט אַ שטיקל ברויט... די קינדער שטייען אַפילע צו איר צו, אַז זי זאָל זיך ניט מאַכן נאַריש און זאָל עסן מיט אַלעמען גלײַך.

— א וועלט,—זאָגן זיי—קען מען ניט איבערשטעלן.

— שוויגער, איר וועט עפשער היינט מיט ,מיר גיין אין טעאטער,—לייגט איר פאַר די שנור,—ס'שפּילט א יִדישע טרופּע.

דוואָשע איז שוין אפילע עטלעכע מאָל געווען אין טעאטער, נאָר היינט ווילט זיך איר ניט גיין...

זי קוקט אפן עלעקטרישן לעמפל, אף זיינע פייערדיקע פעדעם, פון וועלכע ס'פארשפּרייטן זיך ארום גאָלדענע שטראָמען ליכט און טראכט...

— ווער ווייס, עפשער טאָר מען נאָר אף עלעקטרע קיין ליכט ניט בענטשן?

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און ליכט איז געוואָרן טייער,—האָט דער ראָוו דערלויבט בענטשן אפן לאָמפּ, אָבער אז מע קען בענטשן אף עלעקטרע, דאָס ווייס זי ניט...

עפשער איז דאָס גאָר ניט קיין פייער. אין פארטייטשטן „במה מדליקין" איז עלעקטרע גאָר ניט דערמאָנט.

דער זון האָט איר אמאָל אפילע געזאָגט, אז ער שטערט איר ניט, זי קאָן זיך פירן בא זיך אין צימער, ווי זי וויל, נאָר זי ווייס, אז דאָס קאָסט אים געזונט, דער־זעט ער א סידער, א „קאָרבן־מינכע", ווערט ער א פארציטערטער, פונקט עס וואָלט געווען טרייפפּאָסל.

האָט זי אָנגעהויבן זיך פירן ווי אלע, זי דאוונט ניט, זי גייט ניט אין שול, ז היט שוין ניט קיין שאבעס, זאָל איר גאָט נאָר מויכל זיין.

וואָס האָט זי ניט געטאָן צוליב קינדער! זי געדענקט אמאָל, אז איר זון האָט אָנגעהויבן גיין צו די „ציצילִיסטן", איז זי געווען אין איין שרעק. שפּעטער, אז זי האָט זיך שוין צוגעווינט, איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז זי האָט געלאָזן בא זיך אין שטוב מאכן פארזאמלונגען און זי האָט אפילע ניט איין שליכעס אויסגעפילט פאר „זיי". אליין מיט אירע הענט „קלאמאציעס" געטראָגן.

איצטער באגעגנט זי אמאָל גאנץ אָפּט אמאָליקע באקאנטע—אלע גאנצע קאמיסארן.

אין טעאטער האָט זי אנומלטן אזא כעווורעמאן באגעגנט, האָט ער זי צו זיך אין לאָזשע ארייַנגענומען און דערציילט אירע מייסים־טויווים פאר זיינע כאוויירים.

— אָט די אלטינקע,—האָט ער געזאָגט,—האָט אויך א כיילעק אין דער רעוואָליוציע.

א שיינעם פּאָנעם וועט איר בערל האָבן, אז זי וועט אים אפן טיש אוועקשטעלן אירע גרויסע מעשענע לייכטער און וועט אָנשטאָט די פּאָרטרעטן פון זיינע „ציצי־ליסטישע" ראבאָנים אופהענגען דעם ווילנער גאָען.

זאָגן, אז איר געפעלט ניט די היינטיקע וועלט קאָן זי ניט. סארא ליכטיקייט אין שטוב, מעכייע נעפּאשעס. ווי איידל, ווי פיין זעט אויס די שנור. קיין בייז וואָרט הערט זי פון איר קיינמאָל ניט—ראק שוויגערל, שוויגערל און שוויגערל.

איז זי אמאָל קראנק געוואָרן, האָבן זיי ביידע ארום איר זיך געייסעקט, און די שנור נאָך מער פון זון, קיין נעכט האָט זי ניט געשלאָפן.

ניין, זי האָט ניט וואָס צו זינדיקן מיט איר שנור, אלעווי אף אלע יִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן.

— טאָכטערקע, — זאָגט דוואָשע, — לייען מיר עפּעס. ס׳איז איר עפּעס אומעטיק אפן הארצן.

די שנור האָט זיך אופגעהויבן און באלד געקומען מיט א ביכל. לאנגזאם, וואָרט בא וואָרט לייענט זי און א לייכטער שמייכל שפּילט אף אירע ליפּן.

ס׳איז עפּעס א לאכעדיקע מייסע, נאָר דוואָשען ווילט זיך היינט ניט לאכן. די ווערטער גיסן זיך צונויף צוזאמען און זי קאָן זיי בעשומויפן ניט צונויפבינדן.

די אויגן קלעפּן זיך און עס ווילט זיך אזוי אנטשלאָפן ווערן, אויסציען די מידע פיס, אויסגלייכן די שוואכע ביינער.

און דער שנורס קאָל קלינגט אלץ ווי א גלעקל.

— דזין, דזין, דזין.

— שוויגערל, איר שלאָפט?

— ניין, מיין קינד, לייען ווייטער, איך הער.

א י ז י כ א ר י״ק.

(געב. 1898)

*
*   *

שמעקט דער שאבעס שוין מיט גראָער וואָך,
און די וואָך ווערט רויקער פון שאבעס.
באוואָקסן שוין פון לאנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אלע פרומע וועגן פון רעב־אבעס.

נאָר אלטע זיידעס גייען נאָך אין שול,
אלטע זיידעס זיינען אלץ נאָך זיידעס.
ווערן קינדער דול, ווערן טאטעס דול,
ווילט זיך שוין ניט שילטן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, געבויגן און פארטיפט,
עס ליגט די שול ביז אלע ווענט פארזונקען.
קומט אָן, און ס׳יאָגט און ס׳טראָגט פון קאָלעקטיוו
א פולע פור מיט פייערדיקע יונגען.

מיט פעט־פארברענטע ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע און אָפּגעברענטע נאקנס:
— גוט־שאבעס! זיידעס, — ניט דערקענט?...
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדארפט, ליידאקעס!

און ס'פּליט די פור, די גאַס ווערט דול,
אַ הויב די בײַטש, אַ פּאַך, אַ פײַף, פאַרפלויגן.
גייען זיידעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

כ. גילדין.
(געב. 1895).

זיצן, זיצן זיבן ייִדן...

זיצן, זיצן זיבן ייִדן נעבן בעסאַמעדרעש,
אײַנגעהויקערט, אײַנגעבויגן, זיצן פוסט און פּאַס,
רעדן קלוימערשט, רעדן היציק וועגן לעצטער סעדרע,
און די אויגן לויפן וועלפיש, נישטערן אין גאַס.

זיצן, זיצן זיבן ייִדן נעבן אַלטן בנינים,
זיבן, זיבן הענט פאַרביטערט קראַצן זיך אין באָרד.
ניט געלונגען איז צו מינכע אופקלײַבן אַ מנין,
עפּשער, עפּשער וועט צו מײַרעוו עמעץ קומען פאָרט.

פונקט אַנטקעגן פּאָרט אַ פורל און אַ ייִד מיט לייצעס;
לויט די יאָרן, לויטן פּאָנעם, ניט פון כעוורע מאַרקס;
לויפט דער שאַמעס אים אַנטקעגן, פרייד צעוויגט די פּלייצע:
— „אײַ רעב ייִד, באַשערט אַ מיצווע, שטעלט נאָר אָפּ די אַקס.

זעט איר, זיבן ייִדן וואַרטן, זיבן גאָטס קאָזאַקן,
און די שול איז פוסט און עלנט, ס'כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק".
קוקט דאָס ייִדל, ווי באַם שאַמעס בלייכן זיך די באַקן,
און די פערד, ווי אומצופרידן, דרייען מיטן עק.

— „המ... אַ מײַרעוו, אויך אַן אַרבעט, טײַער יעדער רעגע,
אינעם קאָלעקטיוו די ווייצן פאַלן פון דעם זאַנג,
אויסער דעם, פאַרשטייט איר, שאַמעס, שפּעטלעך מיך באַגעגנט—
צו דער כעוורע אַפּיקאָרסים איך געהער ניט לאַנג".

זיצן, זיצן זיבן ייִדן,—נאַכט אין בלויע שטראָמען,
צאַרט און ליכטיק די לעוואָנע זילבערט דאַך נאָך דאַך;
באַם בעסמעדרעש זיבן ייִדן, ווי פאַרדאַרטע שוואָמען
צוגעטוליעט, אײַנגעשלאָפן איז די לעצטע וואַך.

כ. גילדין.

לויט בודיאָני-מארש א „קעסער".

איז א כאזן אף ראָשכוידעש אינעם שטעטעלע געקומען,
איז געקומען מיט דער באן,
מיט דער באן.
פלינקע אויגן פון א גאנעוו, מיט א פענעמל א פרומען—
א געניטער דאָנזשואן,
דאָנזשואן.

איז דער שאמעש אומגעלאָפן צו קוסטארן, איבער קלייטן,
מיט א פיקסל אינעם בליק,
אינעם בליק:
„דרייַצן זינגער, דרייַצן שטימען, ווי די פלייטן, ווי די פלייטן
און א כאזן—אן אנטיק,
אן אנטיק".

איז געוואָרן א געטומל, ווארפן ארבעט די קוסטארן
און מע קלייַבט זיך אין פאריין,
אין פאריין.
גרויע בערד און יונגע יאטן, ברוינע נעז, ווי פוילע בארן,
און פארזשאווערט געלע ציין,
געלע ציין.

א געפלוידער, א געלעכטער, און א שנעפסעלע בישטיקע
אינעם גלאסטיק איז אראָפּ,
איז אראָפּ,
פלוצלונג עפנט זיך דאָס טירל, און עס פליט אריַין יעשיקע
מיט צעשויבערט ווילדן קאָפּ,
ווילדן קאָפּ:

— „הא! א כאזן, מאָרגן מאגעד, ווידער אלטע זאבאָבאָנעס,
און א פלעק אף רויטער פאָן,
רויטער פאָן.
ביזן האלדז אין בלוט געגאנגען קעגן גאָלדענע פאָגאָנעס,
און אצינד איז אויס פאסאָן,
אויס פאסאָן.

ס'איז אַ פּאָרטל פון די גענפלײַט, סאַם פון אַלטע, שוואַרצע פלעשער,
זיסער סאַם מיט פולער קוואָרט,
פולער קוואָרט.
אַ „ראָשכוידעש” און אַ „ק ע ס ע ר” עפּשער וועט עס ווירקן בעסער.
ווי דעם כאַוועך לעגינס וואָרט!
לעגינס וואָרט.

סע מיר גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז אין שטעטל יאָלדן וואַקסן,
נאָך אַזויפיל מי און בלוט,
מי און בלוט,
צען יאָר געהאַקט אין שאַרבן, צען יאָר געהערט פון מאַרקסן,
קומט אַ כאַזן — און קאַפּוט,
און קאַפּוט”.

„וואָס מיר כאַזן, ווען מיר כאַזן! — שרײַט דער שאַמעס — מאָדנע מענטשן,
ווער ט'געפלאַפּלט, ווער ט'געהערט,
ווער ט'געהערט.
איזן איז ער אַ פּראָפעסער, ניט ראָשכוידעש וועט ער בענטשן,
גאָר אַזוי זיך אַ קאָנצערט,
אַ קאָנצערט.

לויט בודיאָני־מאַרש — אַ „קעסער”, מיט שאַלשעלעסן געדרייטע,
פאַרן האַרצן אַ דערקוויק,
אַ דערקוויק.
דרײַצן זינגער, דרײַצן שטימען ווי די פלייטן, ווי די פלייטן,
און אַ — קכי, קכי, אַן אַנטיק,
אַן אַנטיק”.

א. סעראַבער.

„טשאַסטושקעס”.

קומט צום ווײַב צו לויפן נאַכמען,
ווי אַן אָפּגעסאַמטע מויז:
אוי, אַ גאָנל־מאָגל מאַך מיר;
כ'האָב זיך הײַנט פאַרקילט אין קלויז.

כ'האָב געקאָנט אַ ייִד אַן אַלטן,
האָט ער שטאַרק געגלויבט אין גאָט;
דעם שעל־ראָש ער האָט צעשפּאַלטן,
און צעשפּאָלטן דעם שעל־יאַד.

לאכט ניט, לאכט ניט פון דעם אַלטן,
ער איז ניט געווען קיין יאָלד!
אין די טפילין ט'ער באהאלטן—
זיבעציק מאטבייעס געלד!...

האָט דער ראָוו א צאפ מיט הערנער;
האָט די רעבעצן א ציג,—
עסן זיי דעם קאבצנס קערנער,
און זיין דאך ארומגעפליקט.

האָט דער קאבצן צוויי־דריי אויפעס,
האָט דער ראָוו א ציג און צאָפ;
לייגט די הון אן איי—אנטלויפט עס,
צו דער רעבעצן אין טאָפ!

ס'איז דאָך, רעבע, מיינע אויפעס;
איר פארמאָגט דאָך גאָר א צאָפ!—
ווי זשע איז געשען דער מויפעס,
מיינס אן איי אין אייער טאָפ!

— זאָלסטו, קאבצן, טאקע ויסן,
אז דער ראָוו איז הייליק זייער;
גאָט באווייזט אים גרויסע ניסים,
אז זיין ציג זאָל לייגן אייער!...

ס'איז פאראנען נאָך נאראָנים,
וואָס זיי גלויבן נאָך אין ראָוו;
און מע שיקט אים נאָך מאטאָנעס:
לאטקעס, ווייַן, א פערטל אָף...

אוי, ווען ניט נאראָנימס לאטקעס,
אוי, ווען ניט דעם שויטעס ברויט!—
וואָלט דער ראָוו געגאן אָן גאטקעס,
און וואָלט אויך געוווסט פון נויט!..

ווער מיר ראָוו און וואָס מיר רעבע!
קיינער גלויבט מער ניט אין גאָט!
אונדזער גלויבן, אונדזער לעבן—
די פאבריק און דער זאוואָד!

וואָס מיר ראָוו און ווער מיר שויכעט!
ניט פון הימל קומט דאָס גליק!
ס'האָט דעם הימל לאנג פארויכערט—
דער זאוואָד און די פאבריק!

ע. קאַהאַן
(יונגער שרייבער 1909).

פארלאָפן דעם וועג.

I

עס קומען צום ראָוו, רעב פייסעך פון שטעטל כאלעמייקע, ווייבער און פרעגן בא אים אזעלכע שיילעס:

— צי קען איך גיין אפן ערשטן מאנס קייווער, אויב דער פערטער מאן איז ניט צופרידן דערמיט?

— צי מעג מען אָנשטאָט האָנעק—ראָשעשאָנע באנאכט שטעלן צום טיש פאווידלע, וואָס מע גיט אין קאָאָפעראטיוו אפן זעלביקן טאלאָן ווי האָניק?

קיין הארבערע שיילעס זיינען ניטאָ. שיילעס אף קאָשער־טריף זיינען ניטאָ. קימאט אלע נעמען טרייפע פלייש.

אנוסטן האָט ער געהערט מיטן שויכעט פון שטעטל. בא יענעם איז אויך די פּרנסה געשלאָגן. ער האָט אים געוויזן א פּאָר צײַטונגען מיט בריוו פון ראבאָנים און שאָכטים, וואס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון רעליגיע.

דער שויכעט האָט בא אים א פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגט איר אף דעם, רעב פייסעך?

נאָר רעב פייסעך איז יונגערהייט געווען א „פריַיער"—ער האָט געטראָגן דאן א הארטע מאנישקע און געלייענט „מיטטערײ־פּאריזש". און בא אים איז שוין אויך עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן דער געדאנק וועגן אָנשרײַבן א בריוו אין רעדאקציע, אז ער זאָגט זיך אָפּ פון שימל און וויל ערלעך פארדינען זײַן שטיקעלע ברויט.

האָט ער געענטפערט דעם שויכעט אײַנגעהאלטן:

— וואָס מיינט איר?... די ביטערע נויט...

ער האָט געהערט, רעב פייסעך, אז אין שטאָט פלעגט מען פריער פארצוקערן אָט די רויטע ראבאָנים. עמעס, איצטער צאצקעט מען זיך שוין ניט אזוי מיט זיי, אָבער אין ארטעל פון די שניפּסן־מאכער דאָ אין שטעטל וועט מען דאָך אים דאן געוויס צונעמען. „מע וועט עס דארפן טאָן נאָך יאָמים־נויראָים, וואָרעם יאָמים־נוי־ראָים קען זיך עפּעס מאכן — עס קומען אָרכים אף די יאָנטויוויים. אימירצעשעם, נאָך יאָנטעוו וועט מען דארפן א קלער טאָן וועגן דעם".

II

אין קעמערל איז פריער געווען א גרויסע דיסקוסיע—צי דארף מען דורכפירן אן אנטירעליגיעזע קאמפּאניע צו די יאָמים־נויראָים־טעג. קעגן וועמען קעמפן? קעגן אײוורבאָטעלן רעב פייסעך?

פון רײַקאָם איז אָבער אָנגעקומען א פּאפּירל, אז מע דארף דורכפירן אזא קאמ־פּאניע. אין דעם פּאפּירל האָט זיך גערעדט, אז די רעליגיע האָט נאָך אין געוויסע שיכטן וואָרצלען און מע דארף זי אויסקאָרעשעווען.

מע האָט באשטימט אײַנצואָרדענען אן אנטירעליגיעזע דיסקוסיע. מען האָט אויך באשטימט אלס אן אָפּאָנענט ארויסשטעלן דעם היגן כאלעמייקער ראָוו. מע וואָלט אויך ארויסגערופן דעם גאלעך, נאָר דער גאלעך איז געשטאָרבן, און דער דיאַקאָן איז טעאָרעטיש ניט אונטערגעשמידט.

דער ראָוו האָט באקומען די אײַנלאדונג דורך פּאָסט און איז געבליבן אין גרויס פארלעגנהײַט. זאָל ער איצט ארויסטרעטן פאר רעליגיע, וועט ער ניט קענען נאָך די יאָנטויווים אוועקשיקן זײַן בריוו. אײַ, וועלן זיי זאָגן, די קאָמסאָמאָלצעס: „פּעטערל, דו האָסט נאָר־וואָס אונטערגעהאלטן גאָטס קאנדידאטור און איצט ביסטו שוין גע־וואָרן אן אפּיקוירעס...". און זאָל ער איצט ארויסטרעטן קעגן דער רעליגיע, איז א שאָד די יאָמים־נויראָים: פון קיַרע, פון די האקאָפעס, פון די פּסיכעס מאכט עפּעס...

רעב פייסעך האָט בעפּיירעש ניט געוווסט וואָס צו טאָן. יעדער טאָג איז ער געקומען צו אן אנדער באשלוס. אין טאָך פלעגט ער אײַנכאזערן א דראָשע פאר

גאָט, אין וועלכער ער פֿלעגט צוליב וועלטלעכקייט ברעגגען רייַעס פֿון ראמבאם און אפֿילע פֿון ספּינאָזען. אין אַן אנדער טאָג פֿלעגט ער אייַנכאזערן אַן אנטירעליגיעזע רעדע, ווו ער פֿלעגט ווידער ברעגגען רייַעס פֿון ספּינאָזען.

פֿון דעם איז ער צערודערט געוואָרן און אַף אַ פּאָר טעג אין בעט צוגעלייגט זיך.

דאַן איז אים אייַנגעפֿאַלן דער פּאָשעטער געדאנק, וואָס אלע דיפּלאָמאטן ווייסן שוין וועגן אים פֿון לאַנג: סימולירן אַ קרענק.

ער וועט זיך דערוויַילע אויסרוען אַ פּאָר טעג.

II

די דיסקוסיע האָט מען געמאכט אַ טאָג פֿאַר ערעוו־יאָנטעוו. און אַפֿילע די רעבעצן איז אוועק צו דער דיסקוסיע. וואָרעם אַסאַך גרייטן זיך צום יאָנטעוו איז בא דער רעבעצן ניטאָ מיט וואָס.

נאָר דער ראָוו אַליין ליגט זיך אין בעט און פּרוווט אופשטעלן דעם בריוו אי רעדאקציע, וואָס ער וועט אוועקשיקן.

ער געפֿינט אויס אַ פּעדער, פּרוווט אויס, צי שרייַבט זי, שרייַבט אָן אַף אַ שטיקל פּאַפּיר דאָס וואָרט „אמאָלעק” און מעקט עס נאָכדעם אָפּ.

שרייַבט ער:

„איך האָב זיך איבערצייַגט, אַז רעליגיע איז... (ער האָט דאָ איבערגעלאָזן אַן אָרט פֿאַר אַ וואָרט, ווייַל ער האָט פֿארגעסן ווי עס הייסט ס׳געווירץ, צו וואָס מע פֿארגלייַכט שטענדיק רעליגיע) פֿאַרן פֿאָלק... איך זאָג זיך אָפּ פֿון רעליגיע און פֿון אַלטן שימל און איך וויל דעם ארבעטנדיקן פֿאָלק...”

ווייַטער האָט ער שוין ניט פֿארגעדענקט דעם נוסעך, ווי דאָס שרייַבט זיך ווייַטער. באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט דאָס וואָרט „אָפּיום...

ער איז שטיל אראָפּגעקראָכן פֿון בעט. לעבן טיר איז געהאנגען אַ פּאָסט־קעסטל. ער האָט ארייַנגעוואָרפֿן דעם בריוו.

דערנאָך האָט ער זיך רויִק געלייגט שלאָפֿן.

אופגעוועקט האָבן אים דער רעבעצנס געשרייען:

— ס׳איז דאָך אַ כילעל־האשעם, מע דארף דאָך קריִע רייַסן, מע דארף מיט אַש פֿארשיטן די אויגן!

וואָס איז?—האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן רעב פּייסעך פֿון שלאָף.

— דער שויכעט, דער שויכעט האָט גערעדט בא זיי אַפֿן מיטינג. ער האָט געלעסטערט גאָט! קריִע דארף מען רייַסן.

דער ראָוו האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזן צוריק אין בעט:

— ער איז מיר פֿארלאָפֿן דעם וועג,—האָט דער ראָוו אַ טראַכט געטאָן.—איצטער וועט מען זאָגן, אַז איך האָב נאָכגעטאָן אָטאָ דעם שויכעט, דעם ניוויק... ער איז מיר פֿארלאָפֿן דעם וועג.

א האַרץ אַף וועסלעס.

I

הילצערנע טשוועקלעך, אז מע פּרעגלט זיי א ביסל צו, קלאַפּן זיי זיך בעסער אריַין. אז מע פּרעגלט עס צו מיט א לידל, ארבעט זיך בעסער. כעוורע שוסטער קלאַפּט צו די צוגעפּרעגלטע טשוועקלעך אין זויל אריַין; אנדערע רײַבן מיט גרויס קאוואָנע די וואַקס פון אבצאַס און מע זינגט זיך—ווער הויך אַף א קאָל און ווער עס האמזשעט אונטער דאָס לידל, וואָס מיישקע קאפּילאָוו האָט אָפּגעדרוקט אין וואַנט-צײַטונג פון קאָלעקטיוו: זי איז געווידמעט דעם פרויען-טאָג. זי איז אינגאַנצן וועגן וויַיבער:

„ביטאָ קיין שוואכע און קיין גלאַוונע,
וויַיבער—פּונקט, ווי מענער.
וויַיבער זיַינען ראַוונאָפּראַוונע,
נאָר אַף א נאָמער קלענער...
אונדזער לאָזונג—אלע וויַיבער
זאָלן אין פּראָדוקציע זיַין.
אלע שוסטער האָבן וויַיבער
ווער עס האָט ניט,—כאַפּט אריַין!".

די לעצטע ווערטער פון דער „אגיטקע" האָבן זיך טיף פארקליבן צו הענעך פּאָטשורען אין די אויערן. הענעך פּאָטשורע איז א שוסטער, ווי אלע, נאָר קיין וויַיב האָט ער ניט. און קלערן קלערט ער, אז א וויַיב באַדאַרף מען טאַקע האָבן. א פּאָר שיך קאָסט צוועלף רובל,—וואָס איז ווערט איין שוך?—א הילצערן טשוועקל ניט ווערט.

האָט לעצטנס טאַקע פּאָטשורע גענומען אויסקוקן פאר זיך א מיידל.

דער מיַיסטער האָט עס דער ערשטער באמערקט, האָט ער אים געגעבן אן אייצע:

— א וויַיב,—זאָגט ער,—דאַרף מען בא איצטיקע יאָרן נעמען א פּולערע, אַף א פּאָר נאָמערן גרעסער, עס זאָל קלעקן בא איר אַף אָפּקומען. וואָרעם, אז מע נעמט לעכאַטכילע אן ענגן שוך, קוועטשט ער.

פּאָטשורע האָט לאנג ניט געקליבן—סטאַשקע צוקלײַבערן איז א גאַנץ קיַילעכדיק מיידל.

האָט ער איר דערקלערט זיַין ליבע גאַנץ פּאָשעט:

— סטאַשקע, דו האָסט א ליובאָווניק?

— יאָ—האָט זיך אויסגעפּיַינט סטאַשקע.

— א ליובאָווניק האָסטו, קאַדאָכעס האָסטו. לאָמיר זיך בעסער דורכגיין, סטאַשקעלע אין „זאַגס".

און אזוי וויַיטער, און אזוי וויַיטער...

II

איידער סטאשקע איז געוואָרן פּאָטשורעס ווײַב, פֿלעגט ער זיך אַמאָל צוכאַפּן צו איר נאָך דער אַרבעט און אַ קיצל טאָן איר אין זײַט. זי פֿלעגט זיך אויך צעהירזשען:

— המ!... איך לאַך פֿון דעם!

איצטער, גייט ער נאָר צו איר צו, נעמט זי יענטשען. וואָס וויל זי סטאשקע? זי וויל צוגיין צו איר מאַמען.

— איז ווער לאָזט זי ניט?

סטאשקע האָט זיך שוין פֿון לאַנג גענומען קלאָגן. זי זאָגט, אַז זי קען ניט גיין צו איר מאַמען, זי קען זיך ניט ווײַזן פֿאַר אירע אויגן.

איר מאַמע איז געווען אַ זאָגערקע, אַ „וויל־געלערנטע" ייִדענע. איז ניט געווען פֿון וואָס צו לעבן, האָט זי אָפּגעגעבן סטאשקען אויף אַרבעט. נאָר איצטער, אַז סטאשקע האָט זיך „פֿאַרשריבן" און ניט כאַסענע געהאַט, האָט זי איבערגעגעבן דורך אַ צווייטער ייִדענע:

— זאָגט איר, אַז איר טאָכשיט איז ניט קײַן קיסלאָמאָליעק, מעג ער מיט איר כאַסלי־ערע האָבן. און ביז דאַן וויל איך אירע אויגענעס ניט אָנזען. ווי זאָגט מײַן ברודער דער ראָוו?

סטאשקע איז געווען צוגעבונדן צו איר מאַמען מיט אַ קעלבענער ליבע, ווי אַ קאַלב, וואָס האָט טאַקע פֿון אַלץ קעלבערנע היספּײַלעס, נאָר מוז פּילן די מאַמען היגטער זיך.

עס זאָל זײַן אָבער אַ כאַסענע, האָט זי בעשומויפֿן ניט געקאָנט אויספֿירן ווײַל בײַ פּאָטשורען פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט ווערן מיטאַמאָל אַן אַקשן, און ווי נאָר אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער בעשומויפֿן ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

אַזוי איז געווען מיט כאַסענע: ניט געוואָלט שטעלן קיין כופּע — מע וועט דאָך לאַכן פֿון אים...דער שוסטער־קאָלעקטיוו... די וואַנט־צײַטונג...

ער איז אָבער געווען ווי אַ זויל—לעכאַטכילע איז ער האַרט, דערנאָך איז ער אָבער געווען שטענדיק אָנגעווייקט און געלעגן בײַ סטאשקען אין די הענט.

פּאָטשורעס פֿאָטער, פֿײַטל פֿענכער, איז געווען אַ ייִד אַ גאַזלען. ער פֿלעגט שלאָגן אַף וואָס די וועלט שטייט (האָט זיך טאַקע הענעך געוווּנדערט, אַף וואָס פֿאַר אַ טייל מע האָט גענומען און אוועקגעשטעלט אַ וועלט).

הענעך האָט שטענדיק באַדאַרפֿט אויספֿילן זײַנע כאַפּעלן און קאַפּריזן. אַזוי איז ער אויסגעוואָקסן אָן אָן אייגענעם ווילן. און, ניט האָבנדיק קיין ווילן, האָבן צוויי וועסלעס געקירעוועט זײַן וואַסערדיק האַרץ: איינע — דער טאַטע מיט סטאשקען; די אַנדערע — דער שוסטער־קאָלעקטיוו מיט דער וואַנט־צײַטונג. אַן אַנדערשמאָל פֿלעגט ער מעקאַנע זײַן זײַנע כאַווײרים־שוסטער—קאָמיוגיסטן: בײַ זיי איז אַ מאָ־ מאָר אין האַרצן, וואָס אַרבעט גלײַכמעסיק, און רודערט; בײַ אים איז אָבער צוויי וועסלעס, און אַף איינער פֿון זיי—דער טאַטע מיט סטאשקען, די טראָגעדיקע סטאשקע אין די הויכע כאַדאָשים, וואָס האָט גענומען איצטער אורלויב און לאָזט

ניט זײַן װעסלעדיק האַרץ שװימען מיטן שטראָם. זי האָט איצט פאַרפירט מיט אים א שמועס:

— אז זי װעט האָבן א ייִנגל, װעט זי אים געװיס מאָל זײַן. דאָס װעט זי שוין געװיס ניט דורכלאָזן.

אז פּאָטשורע האָט געפּרוּװט זאָגן, אז ער װעט ניט דערלאָזן מאכן א בריס, האָט סטאשקע געענטפערט אנטשלאָסן:

— װעל איך ,אײַנגאנצן ניט האָבן!...

פּאָטשורע האָט זיך פאַרקלערט: „גוט איז צו האָבן א ייִנגל. אָבער אזא פאַרדרייעניש װעט זײַן. נײַן, שוין בעסער א מיידל. בעסער זאָל אראָפּ פון דער מאָס — מיט א גאָמער קלענער און עס װערט א מיידל".

דעם אָװנט, װען סטאשקע האָט באדאַרפט האָבן, האָט פּאָטשורע ניט געקאָנט אײַנזיצן אינדערהיים. ער איז געזעסן אין קלוב, געשפּילט אין דאָמינאָ און געקלערט: „װאָס פאַר א פּאטשורקעלע װעט עס זײַן — א ייִנגל צי א מיידל? װאָלט ער זיך פריער אָף דעם פאַרטראכט, װאָלט ער גאָרניט דערלאָזן דערצו, װאָלט ער גאָר די באשטעלונג ניט געמאכט. אָבער איצטער איז פאַרפאַלן".

און, קומענדיק אהיים, האָט ער האסטיק געעפנט די טיר און האסטיק געפרעגט:

— א ייִנגל צי א מיידל?

— א ייִנגל, — האָט מען אים אָפּגעבאָמבעט. געהאט א ליאַלקע א ייִנגעלע. א ייִנגעלע מיט צװיי בעקעלעך.

סטאשקע האָט זיך אָנגעלייגט אף איר װעסלע און סטאשקעס װעסלע האָט פאַרקערעװעט פּאָטשורעס האַרץ. ער האָט נאָכגעגעבן, װײַל ער האָט ניט געקאָנט קעגנשטעלן זיך. דורכגעװייקט האָט זיך דאָס לעדער פון זײַן האַרצן.

האָבן זיי געמאכט א באראַטונג און באשטימט:

— מאָרגן, דינסטיק, מאכן א הוליאנקע פאַרן קאָלעקטיװ און דערנאָך, בעסאָד, א בריס.

III

בא פּאָטשורען איז הײַנט פריילעך. װײַל א כעװרע שוסטער קען זײַן פריילעך, װײַל א נעשאָמע איז דאָ איינע, א פּילפּיסיקע נעשאָמע, אף הילצערנע טשװעקלעך געקלאַפּט. און זי איז צאַפּלדיק, באװעגלעך, זי איז מיט װאקס באשמירט.

כעװרע שוסטער שרײַט, זינגט:

— איין בוטל ביר, צװיי בוטל ביר, דרײַ בוטל-ביר — פריילעך, לעבעדיק טרינקען מיר ביר...

פאַרדײַגעט איז נאָר פּאָטשורע אליין. עס פּיקט אים אין מויעך. אים שטייט נאָך פאָר א פאַרדרייעניש — א בריס.

און באַנדורע — א קלעזמער און קאָרעװ — שפּילט װײַטער און הייסט פריילעך זײַן, „װײַלע, זאָגט ער, אין אונדזערע צײַטן האָט מען ניט קיין יאַטלעך אלע צװיי װאָכן, דאָס װעט עפּשער זײַן, װען די פּראָדוקציע װעט זיך הויבן".

* * *

סטאשקע האָט געהאט א מאמען און די מאמע האָט געהאט א ברודער, טאקע דערזעלבער, וואָס סטאשקעס מאמע דערמאָנט אים זייער אָפּט: „ווי זאָגט מײַן ברודער דער ראָוו".

און צו אָט דעם פעטער איז סטאשקע געקומען איינצולאדן אים אפן ברים. זי האָט אים שטילערהייט דערציילט וועגן איר געווינען און פארבעטן אים צו זיך אפן ברים.

— און אף דער כאסענע האָט איר מיך גערופן?

און סטאשע האָט אים נעבעך געגומען דערציילן די מײַסע פון אָנהייב, אז אזוי און אזוי, אז קיין כאסענע איז ניט געווען, אז דער מאן, זאָל געזונט זײַן, האָט זיך פאראקשנט, כאָטש קיין קאָמיוגיסט איז ער ניט.

דער ראָוו האָט זיך פאנאנדערגעשמייכלט מיט א דרײַענדיקן זעלבסטצופרידענעם שמייכעלע,—א דרײַענדיקער, ווײַל ערשטנס, האָט זיך זײַן מויל אויסגעשאלשעלעשט אין א דריי און, צווייטנס, האָבן אויסער אים אין די אויגן געשמייכלט נאָך צוויי מענטשעלעך:

— מאָנעפשעך, איז קיין כאסענע ניט געווען, אף וואָס דארף מען א ברים? וויל ער אָבער א ברים—דארף מען שטעלן א כופּע אויך.

סטאשקע האָט געהערט אין געשוויגן. א נײַע פארדרייעניש. זי האָט נאָר געזאָגט אז פּאָטשורע וועט ניט וועלן פאָלגן.

דער ראָוו האָט אָנגעשאָטן טאבעק אין נאָז און האָט אָנגעצויגן צווישן די וואָנצן א שנירל פון אן אלטן שמייכל.

— דאָס פארלאָזט זיך שוין אף מיר! איך וועל שוין זען, אז דער מויעל זאָל ניט מאל זײַן, איידער מע וועט ניט שטעלן כופּע.

נאָך א פויזע האָט ער געזאָגט צו סטאשקען:

— איך וועל קומען צו אײַך, פארוואָס זאָל איך ניט קומען? און דערצו וועט איר דאָך מיך געוויס ניט קריוודען.

ער האָט זיך צעשמייכלט און ארײַנגעלאָזט די הענט אין די קעשענעס אזוי, אז זיי האָבן זיך אויך צעשמייכלט. סטאשקע האָט אָפּקערנדיק דעם קאָפּ אים ארײַנגעשטעקט א מאטבייע אין האנט.

* * *

שפּעט איז אף מאָרגן געשלאָפן סאשקע פון קולטקאָם, און אופכאפּן זיך האָט ער, געמוזט, ווײַל די זונענשטראַלן האָבן געשטאָכן פּונקט ווי כאזערהאָר. אופכאפּנדיק זיך האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט אף דער הוליאנקע בא פּאָטשורען זײַן רעדע ניט געהאלטן. פון גרויס סימכע פארגעסן. יאָ, פון סימכע פארגעסן אלץ.

יאָ, וואָס האָט מען נאָך פארגעסן?... מאטאָנעס האָט מען פארגעסן צוטראָגן, מאטאָנעס דעם קליינעם פּאָטשורקעלע! האיטאָכן, ניט צוטראָגן מאטאָנעס בא אזא פאל?

אין װאַרשטאַט האָט זיך סאַשקע צונױפֿגערעדט מיט די שוסטער און מע איז געקומען צו אַן אױספֿיר, אַז מאַטאָנעס איז ניט קײן „דרינגענדיקע באַשטעלונג”, און מע פֿאַרשפּעטיקט עס קײנמאָל ניט.

אַ מאַטאָנע האָט מען צוגעקלערט אַ גוטע און אַ שײנע. (און ניט קײַן טײַערע) מע װעט אים צוטראָגן, דעם קלײנעם פּאַטשורקעלע, אַ ביכעלע, אַז ער איז אַ מיטגליד פֿון קוסטאַרן־פֿאַרײן.

באַ שוסטער װערן קײן אײַזערנע טשװעקלעך קײנמאָל ניט פֿאַרלאָרן. מיטן מאַגנעט קלײַבט מען זײ שטענדיק צונױף. אַנטקעגן װאָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגן דעם, װאָס אַ דראָשע װערט ניט פֿאַרפֿאַלן. סאַשקע װעט נאָך זײַן דראָשע האַלטן.

* * *

און אַז דער ראָװ מיטן מױעל זײַנען געקומען, איז געװען שױן אַ מיניען.

פּאַטשורע האָט גלײַך צוגעטראָגן דאָס קינד צום מױעל.

— רעבע, שנײַדט!

נאָר דער ראָװ האָט זיך ניט געײַלט.

— „מאַזלטאָװ אײַך. איר זײַט געבענטשט געװאָרן מיט אַ בענזאָכער, זאָל געזונט זײַן! אירט אַזױ גוט זײַן װײַזן מיר די קסובע...

— װאָסער קסובע, רעבע? דאָ איז ניט קײן כאַסענע, מע דאַרף שנײַדן, מאַכן אַ בריס...

— נײן—שמײכלט אָבער דער ראָװ—דאָס האָט אַ שײַכעס צום איניען.

— װאָס פֿאַר אַ שײַכעס, רעבע? דאָס האָט אַ שײַכעס, װי אַ דעטסקער ראַנט צו אַ דאַמסקן שוך, װי הילצערנע אַבצאַסן צו לאַפּטיעס... װי...

פּאַטשורע װאָלט נאָך אַסאַך אָנגערעדט, װאָרעם אונדזער פֿאָלק שוסטער איז װי אַ שוך: נעמט ער דורכנעצן, נעצט ער.

דער ראָװ האָט אָבער אַ שטאַרקן נאָס געטאָן. אַ גאַנצער זײַל טאַבעק איז אַרױסגעפֿלױגן פֿון זײַן נאָז, און זײַן רױעך איז אױש דערלאָפֿן צו פּאַטשורעס נאָז. איז פּאַטשורע עפּעס מעװולװל געװאָרן.

דער ראָװ האָט זיך דורכגעשושקעט מיטן מױעל און איז געקומען צו אַן אױספֿיר...

— פֿאַר דער כאַסענע, קאָן מען קײן בריס ניט מאַכן, מע דאַרף שטעלן כופּע.

פּאַטשורע איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרשטײנערטן פּאָנעם. אַ הילצערן טשװעקל פֿאַרקלאַפּט מען מיט צװײ קלעפּ. אַפֿריער אַ קלענערן און דערנאָך אַ גרעסערן. מיט אים האָט אױך אַזױ געטראָפֿן: צװײ קלעפּ. נאָר דער צװײטער, דער איצטיקער, האָט געטראָפֿן אין האַרצן. דאָרטן האָט געהאַמערט.

ער איז פֿאַרפֿאָרן אינמיטן יאַם מיט זײַנע װעסלעס און איצט װײס ער ניט װי צו קערן זיך.

אַ װינט איז פֿאַרלאָפֿן אין האַרצן. און דער װינט האָט אים פֿאַרשמיסן. געשען איז עס מיטאַמאָל. װי אַ גװאַלדריס, האָט ער גװאַלדריסיק אױסגעשריען:

— רעבע, צעשטעלט די פֿלאָקנס, נאָר אַפּגיך.

דער קלעזמער באַנדורע איז אויך דאָ מיט זײַנעם א יאטל. ער שיקט אים אין שול נאָך דער כופּע. מע בוּענגט זי, מע שטופּט אונטער פּאַטשורען אונטער דער כופּע און דער ראָוו זאָגט אונטער:

— האריי...את...

פּאַטשורע שטופּט אונטער דער כופּע סטאַשקען דעם זילבערנעם האָלברובל און ער ברומט אונטער:

— פארליר עס נאָר נים.

— פאַראן אן אָנגעבראָכענע טעלער? ברעכט! קלאַפּט! עס הערט זיך א טעלער־געשריי. צעקלאַפּט די טעלער... נאָר וואָס קלאַפּט עס ווײַטער?

. . . .

דאָס האָט די טיר אָנגעקלאַפּט. סאַשקע מיט דער דעלעגאַציע איז דאָ. דאָס ביכעלע אין האַנט, און די רעדע אפן שפּיץ צונג. פּאַטשורע איז ווי מיט טאַלקע באַשאָטן געוואָרן. שטיל. פּויזע.

דער ראָוו מיטן מויעל זעען אויס ווי קעלבער פאַר דער שכיטע, און עס דוכט זיך אויס, אז דער מויעל כאַלעשט אַרײַנשפּאַרן זײַנע אויגן אין מעסער־שיידל. די געסט זעען אויך נאַריש אויס, ווי די לעוואָנע אין א לעוואָנע־נאַכט, און באַנדורע לאַכט!

סטאַשקע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אפן פּופּיקל פון קליינעם פּאַטשורקעלע, און מער ווי אים האָט זי קיינעם נים געזען. און פּאַטשורע!... ער האָט אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזן די אויגן, און ווי טשוועקעס האָט ער אַרײַנגעקלאַפּט זיי אין דיל א גרויסן ווינט, האָט געבראַכט מיט זיך סאַשקע, א גרויסער שטורעם־ווינט איז איצט בא פּאַטשורען אין האַרצן, און ער האָט אינגאַנצן צעבראָכן די וועסלעס.

דער ערשטער האָט געעפנט זײַן מויל סאַשקע. ער האָט באַוויזן זײַן שפּיץ צונג, נאָר פון אים איז נים אַראָפּגעפאַלן די צוגעגרייטע רעדע! לעכאַטכילע איז די צונג געבליבן שטעקן אין אָפענעם מויל א צונויפגעדרייטע און האָט אויסגעזען ווי א רויטער פראַגע־צייכן. דערנאָך האָט זיך די צונג אויסגעצויגן ווי א רויטער אויסרוף־צייכן. און גאָר אן אנדער רעדע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זײַן צונג. ער האָט אף קיינעם נים געקוקט און גערעדט אָפּגעהאַקט. גערעדט וועגן באַלעבעסלדיקײַט, וועגן אַלטן שטייגער און וועגן דעם, אז ס'ווײַזט זיך אַרויס, אז פּאַטשורע איז א „שעדלעכער עלעמענט“, און קעגן דעם מוז מען קעמפן...

פּאַטשורע האָט זיך דערווײַל אַביסל אויסגעטשוכעט, ער האָט דערפילט זײַן אָנמעכטיקײַט אין גרויסן שטורעם־ווינט און די נויטיקײַט, אז ער מוז זיך אָן עפּעס אָנכאַפּן.

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשריען נים מיט זײַן קאָל:

— זי איז שולדיק! סטאַשקע!—דאָס האָט זי געמאַכט! זי! זי!

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשריען נאָך פאַרביטערטער:

— דאָס איז זי שולדיק! סטאַשקע! איך וויל מיט איר נים לעבן! אוועקוואַרפן וועל איך זי! איך קאָן מיט איר נים לעבן!

נאָר סאשקע האָט ניט געהערט. ער האָט געטײַנעט, אז פּאָטשורע איז שולדיק, אז די קאפּול לייגט זיך אַרײַן אין שוך און ניט דער שוך אין קאפּול. סטאשקע איז א קאפּול אן אומבאוווסטזיניקער עלעמענט.

פּאָטשורע האָט אקשאָנעסדיק געכאז־־ט:

— זי איז שולדיק! זי! זי!

ניטאָ קיין וועסלעס בא פּאָטשורען אין הארצן. א הארץ אָן וועסלעס. קלאפּט זיך עס אָן די ברעגן. קאָן מען דען וויסן ווו עס קאָן זיך אָנשפּארן!

פּאָטשורע איז האסטיק צוגעלאָפן צום ראָוו:

— רעבע, הערט זיך אײַן, ר'עבע, שרײַבט אָן אפּגיך א געט.

— דער ראָוו האָט זיך געקווענקלט:

לאָזט אפּריער מעסאדער־קדושן זײַן.

— דערנאָך,—שרײַט פּאָטשורע,—שרײַבט אפּריער א געט!

פּ. מארקיש.

*
* *

פון קלויסטערס טײַכל פירט מען אײַז,
באם קלויסטערס פּארקן האנדלט מען מיט יאָדעון,
דעם קלויסטערס גאָרטן־היי גאלאָכים פּאָדערן
און דאווענען אין קלויסטער גייען מײַז,
צעפרוירענע און הונגעריק צום טויט...

באם קלויסטערס אײַנגאנג אפן טרעפּל
זיצט א ראבע קאץ:
די פיס די אונטערשטע מיט ווײדל קײַלעכיק פארדרייט,
מיט פּעדערשטע—זי וואשט דאָס קעפּל...
באטראכט דעם אָפּגעראמטן פּלאץ
און הערט זיך אײַן,
צי עמיצער אין קלויסטער איז ארײַן...

* * *

און אף א בארג,
גלײַך ווי אף כייזעק אויסגעשטעלט
אינמיטן וועלט,
מיט שניי באוואָרפן
שטייט ער, ווי אף א יאריד אן אָנגעקומענער,

און קוקט מיט ברילן גאָלדענע זיך אפֿן מארק,
און ווארט אף שליטנס הילצערנע פונדאָרטן...

און שטיל, און כוטעריק ארום.
פארווייט, פארקערט און שטום...
א שטיקל אײַז פון ציילעם פאלט אראָפּ,
צעזעצט דעם קאָפּ,
א מויז גיט דאָרט א קראַץ
דעם קליר,
און מיט די נעגל רײַסט בא אים א קאַץ
די טיר...

א נ ע ל י ן

געב. 1900 יאָר.

באבעלעך און „אינטערנאציאָנאל".

אף קני א באבעלע אַן אלטע
וויגט און וויגט אַן אייניקל א ניט־געמאלטן...
בא ווארעם ברוסט פון ציגעלע
מיט ראָזשינקעס און מאנדלען
ער זויגט און זויגט א שלאָף...

פארטשעפעט זיך שוין קלײנינקער מיט הימלען
מיט אויגעלעך—צוויי פויסטעלעך ארוף.
זי קוקט, די באבעלע, אין אויגעלעך,
קוקט מיט אויגן שווארצע
אף קויל פארברענטע פרייד...

און זעט גאָרניט, און הערט גאָרניט,
ווי ציגעלע פון ראָזשינקעס און מאנדלען
פארבלאָנדזשעט ווו... פארגייט,
און באבעלע „אינטערנאציאָנאל" אף רוסיש
זינגט ייִדעשדיק פארטרויערט שטילערהייט.

דער נאָמען באבעלעס איז סאָרע—
נאָך די אימעס...
און אייניקלס, ווער ווייסט, וואָס הייסט דאָס?!
„קים".

נאָר צוגעווינט שוין באבעלע צו אים
צום נאָמען „קים“...

און קומען באבעלעך, און באבקעלעך פארגייען
מיט איינעקלעך מיט „קימען“ ניט געמאלט,
הארעבעלעך פון פריזבעלעך פון אלטס
מען בענטשט און ליולעט טאָכטערס פרייד.

און נישט וויסנדיק אליין און שטילערהייט,
ראָזשינקעס און מאנדלען מע פארזייט,
און אף די וויעלעך פון פויסטלעכן שטראל
מיט א פארטרויערט, א פארייִדישט ניגן
און אף רוסיש־מורמלען — „אינטערנאציאָנאל“.

כ. גילדין.

אפן נײַעם שטייגער.

אויבנאָן זײַנען געזעסן די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו „רויטער מאָזאָל“, דאָס קאָמיוגישע קעמערל און דער קאָלעס טאטע. בא די זײַטיקע טישן — די איבעריקע פויערים מיט זייערע ווײַבער.

די הענט פארוואָרפן איינס די צווייטע אף די פּלייצעס, זײַנען ייִדישע מיידלעך אומגעגאנגען מיט אויסגעפוצטע „שקאָצים“ פון די נאָענטסטע דערפער, געאמפּערט זיך, געשמועסט, געזונגען און מיט צערייצטער ליידנשאפט געלאכט.

אינמיטן באראק, די הענט צעשפּרייט, איז נודל געשטאנען א בעגילופענער. צום טאקט פון ניגן האָט ער זיך געוויגט אף די קרומע פיס, ווי אף צעבויגענע רעסאָרן; צום טאקט פון ניגן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און הייזעריק מיטגעזונגען.

דעם אוילעם האָט זיך שוין לאנג געוואָלט דורכשווענקען די גאָרגלען, נאָר מע איז נאָך אלץ געזעסן און געפּלאפּלט, געפּלאפּלט און געווארט, ביז כאָסען־קאלע וועלן לייזערן פאָרט אײַנבעטן, ער זאָל קומען אף דער סימכע.

און לייזער, א געהויקערטער איז גאָר געזעסן איבער א כאָמעט, געשטאָכן אין אים מיט א גרויסער שווײַקע, אין מויל געהאלטן א רימענדל און פאריכט דעם כאָמעט.

נעבן אים איז כאצקל געשטאנען און געטאָרעט אים פארן אקסל:

— טאטע, לייג מיר ניט קיין שטיינער אפן הארצן, קום, בעט איך דיך. הערסט, א לעצטן מאָל בעט איך דיך, קום!

— אז איך בין דיר מויכל, רוף מיך נישט טאטע, און טו מיר ניט אָן קיין ביז־ יוינעס. איך וועל ניט גיין! און אויס מיט אן עק!

פון קאַעס האָט כאַצקל אַ שלײַדער געטאָן מיטן פוס אַ טאַבורעטקע און געלאָזט זיך פון שטוב.

— געדענק־זשע, זאָלסט קײן כאַראָטע ניט האָבן! קום, מאַרינע.

די קאַלע איז אָבער געבליבן שטײן נעבן טיר, אַלץ געקוקט אויף לײזערן מיט גרויסע פאַרװײנטע אויגן און נאָר שטיל געפּליסטערט:

— טאַטאָ, טאַטאָ!

װי נאָר זי פלעגט אויסרײדן דאָס װאָרט „טאַטאָ", פלעגט זיך לײזער אומרויִק אַ רוק טאָן אויפן בענקל און מיטן צעװײטיקטן בליק עפּעס אָנהויבן זוכן אין שטוב, גלײַך דאָס װאָרט שטעכט אים, און מיט אַ מאָדנעם קלעמענדיקן װײטעק קײַקלט זיך עס אַראָפּ צום האַרצן:

— װאָס װילן זײ פון מײַנע אַלטע יאָרן? װאָס! — האָט ער בײז אַ פרעג געטאָן בײַ דער קאַלע — טשי יאַ קאָמוניסט, טשי יאַ כרעשטשאָני מעשומעד?

מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט איז זי, מאַרינע, װי אַ פאַרגאַפטע צוגעגאַנגען צו לײזערן און אים אָנגעהויבן גלעטן:

— טאַטאָ, כאָדים, יאַוש טעפּער טװאָיאַ דאָטשקאַ.

פון אונטער אירע גלעטנדיקע הענט האָט זיך לײזער אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ צעװײטיקט פּנים, גלײַך איר שטים, אירע גלעטנדיקע הענט האָבן װי מיט צװאַנגען פאַרװאָרגן זײַן גאָרגל, צונויפגעקלעמט זײַן האַרץ, און אויב ער רײַסט זיך ניט אַרויס, װעט ער כאַלעשן אָט דאָ בײַ איר אונטער די הענט.

— ני, ניע פידו!

פון הינטער דער טיר איז צו אים דערשװומען איר כליפּענדיק געװײן, אַ געהײן פון אַ באַלײדיקט האַרץ. און דאָס געװײן, דאָס קאָל, אירע שײנע גרויסע אויגן — האָבן פּלוצים צערודערט זײַן זיכּאָרן און דערמאָנט, אַז זי, די טאָכטער זײַנע, סאָרקע האָט אויך געהאַט פּונקט אַזױנע קאַרע אויגן מיט בלויע װײַסלעך און פּונקט מיט אַזאַ גלעטנדיקער שטימע פלעגט זי אויך אַרויסרײדן דאָס װאָרט „טאַטע".

אַ װויל קינד געװען, גאָר אַ װויל קינד, האָט זי אָבער דאָס גוטע יאָר אַװעקגעטראָגן אין דער רויטער אַרמײ און ערגעץ איז זי אומגעקומען. די טאָכטער איז געשטאָרבן אויפן פראָנט, די אַלטע מיט די איבעריקע איז אומגעקומען פון באַנדיטן, און געבליבן איז ער אויף דער עלטער נאָר מיט אים, מיט כאַצקלען. געכאָװעט, אַ קאַדעש, איז נאַ דיר גאָר אַ כאַסענע.

אַ געהויקערטער איז ער אַ לאַנגע צײַט געשטאַנען נעבן פענצטער, געקוקט, װי די קאַלע שפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זײַן אַלט פּנים איז אַזוי צעקנײטשט געװאָרן, גלײַך עס װילט זיך אים װײנען, נאָר ער קען ניט.

ערשט שפּעטער, אַז אין דער בלויער לעװאָנעדיקער שטילקײַט איז צו אים דער שװומען אַ פרײלעך געזאַנג, איז ער אַ מידער, אַ צעבראָכענער פּאָרט אַװעק אויף דער סימכע און באַם באַראַק באַגעגנט זיך מיטן דעלעגאַט און מיט לײבאָװיטשן:

— א, רעב לײזער, מאזלטאָוו!

— אײַ א מאזל — האָט ער טרויעריק אפּגעזיפצט — אף אלע מײַנע סאָנים אזא מאזל. דערזעען די דרײַ געסט, איז נודל ארופגעשפּרונגען אף א בענקל און א דער־רעזשיר געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט:

— לעקאָוועד די שיינע פײַנע געסט א וויוועד פון זײַן ליבן נאָמען!

גאָר אנשטאָט א וויוועד האָט מיישקע א ריפּע געטאָן דעם „אינטערנאציאָנאל“, און דער גאנצער אוילעם איז אופּגעשטאנען פון די ערטער:

— אהער, אהער, צו כאָסן־קאלע.

פון פרייד איז די קאלע צוגעפאלן צו דער מיידל און אָנגעהויבן זי קושן אָן אן אופהער. אופגעקלונגען האָבן גלעזער, קעלעשקעס און א הילכיקער „לעכײַים“.

— וואָס הייסט „לעכײַעש“ — האָט באַם דעלעגאט א פרעג געטאָן דער קאלעס טאטע, מיקאָלא טשומאטשענקאָ. — אהא, פארשטאנען, „לע־כא־יען“, מעכוטן, לעכאיען!

לײזער האָט קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גענומען דאָס גלעזל פארן פּיסל און אזוי מיטן גלעזל אין דער האנט געבליבן זיצן: „הא, א שיינער מעכוטן! דער־לעבט. אָבער ווען די אלטע קומט ניט אום, וואָלט דאָך כאצקל געגאנגען אין אנ־דערע וועגן“.

אנטקעגן אים זײַנען דאָרט געזעסן מענטשן, געווונטשן אים נאכעס, הילכיק גע־רעדט, געלאכט, געזונגען, און לײזער זעט ניט קיינעם אויסער דער קאלע, און זען זעט ער זי ניט מיטן אויג, נאָר מיטן צעווייטיקטן הארצן: „פונקט אזוינע אויגן ווי בא סאָרקען“...

וואָס זאָגט איר רעב לײזער?

עפּעס האָט ער זיך ווי אופגעכאפּט פון שלאָף און מיט צעטומלטע אויגן אָנגע־הויבן פינטלען צום דעלעגאט:

— הא, וואָס, איך זאָג דען עפּעס? ניין, גלאט אזוי, מיד, א טאָג א יאָר און די סימכע וועט מיסטאָם פארציען זיך ביז שפּעט.

— נו, איז וואָס? — מאָרגן איז דאָך שאבעס, וועט מען שפּעטער שלאָפן.

איבער די קנייטשן פון זײַן צעפײַניקט פּאָנעם איז צעשוומען א שמייכעלע א ביטערס און א שטעכיקס:

— שאבעס, זאָגט איר? בא אונדז, דאנקען גאָט, איז שאבעס דעמלט, ווען ס׳גייט א רעגן. און אז מע קאָן ניט ארבעטן אין סטעפּ, דעמלט איז בא אונדז שאבעס.

זײַנע אלטע אויסגעוועבטע אויגן זײַנען געוואָרן פײַכט און טרויעריק צעפינקלט, גלײַך עס גליט אין זיי א שטומער ווײ פארן פארהאָרעוועטן שאבעס, פארן זונס באסענע און פאר זײַן גאנץ פינצטער לעבן.

— שא, שטיל! א וואָרט באקומט א פאָרשטייער פון דאָרף, דער כאווער מיקאָלא טשומאטשענקאָ.

— לעכאיען, ליבע מענטשן, און זאָגן וויל איך, אז מיר האָבן דערלעבט א צײַט, װאָס האָט זיך ניט געכאָלעמט אפילע אונדזערע זיידעס — לעמאָשל „אוזעץ“.

— אָזעט, אָזעט, — האבן אים עטלעכע שטימען פאריכט, — אָזעט.

— נו, יאָ, טאקע אזעץ, א קלוגע זאך דער אָזעץ, נעמט א יידן און מאכט אים פאר א פויער, און זאָגן מוז איך אײַך, טאקע פאר א גוטן פויער. צי, לעמאָשל, הײַנטיקע כאסענע?—ניט קיין גאלעך, ניט קיין ראַוו, און דאפקע פריילעך. פרעג איך אײַך, לעמאָשל, שלוימע־האמעלעך, געווען א כאָכעם? האַ! ניטאָ וואָס צו ריידן, געווען א גרויסער קאָפּ און צו אזא סימכע ניט דערלעבט, און פארוואָס ניט דער־לעבט?—ניט דערלעבט, כאוויירים, ווײַל ער איז געווען א בורזשוי, און מיר האָרע־פאשניקעס, מיר האָבן דערלעבט. איז לעכאיען, מעכוטן, לעכאיען, אלע ברידערלעכע כאוויירים, צוזאמען מיט כאָסן־קאלע!

זײַנע ווערטער זײַנען פארהילכט געוואָרן אין פריילעכן געלעכטער, אין געקלאנג פון גלעזער און אין דעם מאָטיוו פון א שער.

דער אוילעם איז ארויסגעקראָכן פון די טישן, רעכט א ריי, לינקס א ריי און אינמיטן—נודל מיט דער „מאמאשע”:

— מיישקע, דערלאנג נאָר א שער פון זײַן ליבן נאָמען—און נודל האָט אָנגע־הויבן זינגען די נײַע שער.

— איך בין דער פראָלעטאריער פון דער נײַער וועלט...

שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האָבן שרעקלעך אוועקגעשמאָרעט, געפלאָנטערט די רייען, געפלאָנטערט די פיס און לעסאָף צעדרייט די שער.

ניט פאר זיי איז דער באשיידענער טאנץ. פון דער געזונטער שווערער מי, פון דער זוניקער לופט אָנגעגאָסן האָבן זיך די גלידער זייערע מיט פרישע קויכעס, און גארן גארן זיי א טאנץ, עס זאָל ברענגען אונטער די פיס.

— בייגעלעך!—האָט נודל א קאָמאנדעווע געטאָן—בייגעלעך!

א מונטערער, א פריילעכער ניגן איז צעשווומען איבערן באראק, צעצויגן א גרויסע ראָד, ארײַנגעשלעפט דעם דעלעגאט, כאָסן־קאלע און לייזערן.

אינמיטן ראָד—די הענט געפלאָכטן אף די אקסלען—לייבאָוויטש מיט דער קאלעס טאטן. ביידע טראָגן זיי זיך באטרונקענע, קלאפן צו מיר די פיס און דרייען מעשו־נעדיקע קרענדעלעס. פענעמער געוואָרן זײַנען רויטע, שטימען אָנגעקוואָלענע מיט קלינגענדיקע פרייד און דער העפקערדיקער קאראהאָד ווערט לענגער, ברייטער, פיס באַרירן קוים די ערד, צענדליקער אויגן—ניט זיי פינקלען, נאָר זיי בליצן, און דער הענגענדיקער לאָמפּ ער פינטלט, פינטלט, גלײַך ער איז אזוי איבערראשט פון דער טאנצנדיקער פרייד, אז ער קאָן גאָר ניט כאפן דעם היציקן אָטעם.

* * *

פארניכטנדיק גאָט און אנדערע אידעאָלאָגישע געשפענסטער אין די אייגענע קעפּ, וועלן מענטשן סטארען זיך צו פארניכטן דיווירקלעכקייט, וואָס באשאפט דידאָזיקע געשפענסטער. (מ א ר ק ס).

איזי כאריק.

קײַלעכדיקע וואָכן.

(אויסצוגן).

מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך־דאָנערשטיק און פרײַטיק,—
אַלע טעג פאַרברידערטע און אַלע טעג באפרײַטע.

קײַלעכדיקע מונטער־טעג, ווי בריגאַדירן גייען,
אין בויונג־בוי, אין יאָנטעוו־בוי—א ליכטיקער קאָנווייער.

מיר וועלן באַלד ארויסגיין אין מיטן פון א מאָנטיק,
פרייען זיך מיט אַלעמען אין שטענדיקײַט פון יאָנטעוו,

מיר וועלן זיך ארומקוקן: קיין שאבעס און קיין זונטיק—
אַלע טעג פולבלוטיקע און האָפערדיק־געזונטע.

עס וועלן טעג פאַרמאָגן דאָ אַף שענסטער פון פלאַנעטן—
מעכטיקײַט פון מוסקולן און הערצער פון פּאָעטן.

Una salus victis nullum sperare salutem.
(Vergilis-Aeneis).

די איינציקע רעטונג פאַר באזיגטע—ניט האָפן אַף
קײַן רעטונג.
(ווערגילי "ענעידע").

פרײַטיקצונאַכט: לעכו־נעראַנענאָ.

אר־ווא!—פון דער ערד ביז די הויכן,
אָ־ווא!—פון די הויכן ביז—דאָ.
עס נידערט די געטלעכע שאָ,
ווערט אַלץ מיט שאבעס פאַרצייכנט.

דאָרט, הינטער הימלשן פאַס,
קלײַבן זיך פייגעלעך־טפילעס.
און ס׳גרייט זיך א צנוע, א שטילע
די מאַלקע פון שאבעס צוגאַסט.

פּאַמעלעך. פּאַמעלעך. פּאַמעלעך.
אַף טרעפּלעך פון פאַרמעט זי נידערט,
און סטײַעס מאַלאָכימלעך העלע
זינגען פאַרצוקערטע לידער.

ס'טריפן די הימלען מיט זיטקייט,
מיט איידלקייט, מיט סיראָדוי
און ס'באהאלט זיינע קרעמערשע שליסלעך
דער יִדישער גאָט—אדוינוי.

שליסט מען שוין אונטן די קראָמען,
מע טוט אָן די שלעסער פארבענקט.
געלויבט איז דיין הייליקער נאָמען,
וואָס דו האָסט אונדז שאבעס געשענקט.

שאבעס, אָ, ווארעמער בוימל,
וואָס פליסט אין א רויִקן טייך.
דו טויוולסט די יִדן אינאיינעם—
ברידער: סיי אָרעם, סיי רייך...

דער בלייענער גרויל פון יאָרידן
צעגייט אין דעם הייליקן אייל...
אָי, גוט, וואָס דו האָסט אונדז פאר יִדן
אָט־דאָ אף דער וועלט אויסדערוויילט...

דו גיסט אונדז א וואָך אף געטומל,
שאבעס—אף געטלעכער רו.
מיר זיינען איין הייליקע אומע
און אונדזער פארזאָרגער ביסטו

גנייוועס, געוויין און פארדראָסן
ווערן מיט שאלווע פארוועבט...
רויִקער.
שאבעס־
שאבאָסן
שפרייט זיך אף יִדישע קעפּ...

אטאָ־בעכארטאָנו—מיר די אויסדערווילטע—
שטענדיק—אין די שולן, רוכניעסדיקער ווילטיק.

אז ווו איז נאָך א פאָלק אזא א הייליקע פארזענ,
גאָטעניו, „אל קנא, אל רחום ואל חנון".

שיק אונדז צו כעיונע אזויפיל און אזויפיל—
זונטיק וועלן גויִם שיקערן און זויפן.

קענען זיי נאָר טרינקען, שלאָגן זיך און הוליען
האַלעל־האַלעלויע, האַלעל־האַלעלויע.

זיי זײַנען כאַמוירים, אַזעלכע און אַזוינע
און מיר זײַנען, לעהאַוודל, שוואַכינקע און קליינע.

ווײַל—
אַז אַ ייִד גייט אין בעסמעדרעש אַרײַן,
אין בעסמעדרעש אַרײַן,
אין בעסמעדרעש אַרײַן,
פֿאַרדעקסטו אונדז מיט דײַן הייליקער שײַן,
מיט דײַן הייליקער שײַן,
מיט דײַן הייליקער שײַן.

היי, היי, היי,
אַ ייִד איז ניט קיין גוי,—
הייליק איז ער,
האַנדלען מוז ער,
ווײַל ער איז אַ ייִד,
הייליק איז ער,
האַנדלען מוז ער,
ווײַל
ער
איז
אַ ייִד!

פֿרײַטיקצונאַכט: Avo Maria

אַן אָוונט אַ שטרענגער—אַין שטיקער בעהאָלע.
אַן אָוונט אַ שטרענגער—ווי סאַוואָנאַראָלע.
צעשראָקענע, שוואַרצע מאַלאָכימלעך פֿליִען
און ס'דאַכט זיך—מע זינגט איצטער:
— אַווע מאַריִאַ,
— אָ, אַווע מאַריִאַ.

צווישן דעם מירמל פֿון די קאָלאָנאַדעס
אַ הויכער, אַ מילדער דאָ שטייט טאָרקוועמאַדאָ, —
— אָ, יעזוס געקרייצטער,
יעזוס גערעכטער,

פאר יעטווידער בלוטיקן טראָפּן פאר דײַנעם
מיר וועלן אין גוטסקײַט און שטענדיקער טײַנע
זיי אלע פארברענען,
זיי אלע צעשעכטן!

אז ווער נאָר עס קען ניט דיין נאָמען דערזעען,
אז ווער נאָר עס קען ניט דײַן הייליקײַט ליבן,
זאָל ער מיט הייליקער טפילע אף ליפּן
ווערן דערלייזט אף אויטאָדאָפעען.
אָ, יעזוס געקרייצטער.
יעזוס גערעכטער!

דער דיספוט איז פאַרענדיקט.

האָראוו: שאבעס—איז העכסטע נעשאָמע־יעסוירע,
זײַדענער פלאטער פון ווײַסע מאלאָכים.
און זונטיק—ער יושעט, ווי ס'יושען כאזיירים,
געפרעסן, געזויפן און אָנגעמאלאָכעט,
אָי, אונדזער שאבעס,
אָי, אונדזער שאבעס.

האגאלעד: זונטיק איז גאָלדענער טריף פון איקאָנעס.
ווארעמער ווײַרעך פון פאניקאדילעס.
פריער—אין קלויסטער, דערנאָך—דער הארמאָניק
דורך טענץ און דורך פרייד און ביז בענקשאפטן שטילע,
אָי, אונדזער, זונטיק.
אָי, אונדזער זונטיק.

— שאבעס—א ווײַסער מיט פעדעמלעך בלויע.
— זונטיק—א בונטער מיט רויטע קוטאסן.
— זונטיק?—ס'איז גאָרנישט. כאמוירים און גוייִם.
— שאבעס?—ס'איז גאָרנישט. פארכאטע און בלאסע.

אײַער שאבעס,
אײַער שאבעס—
שטויב, אש,
שיידים, מייסים, מעכאשייפעס—
א שאבאש,
א שאבאש!
— היי, היי, היי,

א ייד איז ניט קיין גוי,
שיקער איז ער
טרינקען מיז ער — — —
— טפוי!
— טפוי!

מעלאווע מאלקע בא כעסקל גאָמבינער.

וווקסיק און ברייט איז די שטוב בא רעב כעסקל פון גאָמבין.
וווקסיק געבויט און פארלייגט אף א פעסטן פונדאמענט.
די טירן—פאַרהויבן, די שויבן—געשייַערט, די מעבל—אין סאמעט,
שפאנט ער ארום, אָט דער כעסקל, מיט זעטיקער רו אפן גאָמבע.

פון מייַרעוו געקומען. איצט מאכט ער פאוואָליע האוודאָלע.
— וועיִטען לעכאָ מיטאל חאשאָמייַים מישמאניי האָאָרעץ — — —
די שפייַכלערס באלאָדן מיט פלאקסן, מיט ווייצן, מיט קאָרן
און ס'כראָמשקען דעם גאָלדענעם האָבער די פערד אין סטאדאָלע.

עס ווארטן די בהיימעס אף מעלקן אין ווארעמע שטאלן
און טרייסלען געראָטן מיט פולע און ווארעמע אייַטער.
ציִען זיך וועגן פון שטעטלעך, פון דערפעלעך ווייַטע,
שטראָמען אהערצו און בלייַבן צעטראָטן דאָ אלע...

אים ברענגען די דערפער די ערישטלינגען־טוועס צופירן.
נאָך רוילעכע קערנער, אין פייַן און אין הונגער געדראָשן.
און שטעטעלעך שיקן ס'לעצטן, פארבלוטיקטן גראָשן,
זינגט ער פאוואָליע:—אל־טיראָ—אל־טיראָ—אל־טיראָ!

די פליטן צעלאָזן,—שווימען זיי איצטער קיין דאנציק
און דאָרפ־שע יונגען אף טייַכן באזינגען־באוויינען די דאָליע.
אָט, שפאנט ער. אָט, גייט ער. אָט, זיצט ער, פאוואָליע. פאוואָליע.
און ס'דאכט: דער ריבוינעשעלוילעם אפילע געהערט אים איינגאנצן...

אייַ, גוט איז. אייַ, ווויל איז. איצט נעמט ער אביסעלע מאשקע —
— לעכייַים, לעכייַים, און—לעבן זאָל ווערן נאָך לייַכטער.
קומען אלמאָנעס און ברענגען געשייַערטע מעשענע לייַכטער.
— נאט, רעב יעכעזקל, ניטאָ שוין קיין בעסערער מאשקן.

ברענגען די שוסטער מאשקאָנעס און בעטן אנטלייַען אף רימען.
קומען די שנייַדער און ברענגען די קעפלעך פון זינגער־מאשינעס.

— אײַ, גאָטעניו־זיסער, איך גיב דײַנע אָרעמע ייִדן גאַרדינען,
מיר זײַנען מיט מיצוועס פארפולט, ווי מיט יאָדועס פארפולט איז דער רימוין...

אײַ, גוט איז, אײַ, וויל איז. איצט נעמט ער א צווייטן לעכײַים.
— הערסט, רעב יעכעזקל, מיר וועלן דערלעבן, דערהארן!
אָט טרינקט ער. אָט זיצט ער, אָט שפּאנט ער. א ווארע! א ווארע!
און ס'שטראָמט אין די גלידער א שיקערער, פריילעכער פײַער.

— היי, ייִדן, היי, גויִם, קאבצאָנים־דאלפאָנים־עוויונים!
גאט אײַך און טרינקט פאר מײַן קאָוועד א שטארקן לעכײַים:
וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איך וואָלט אײַך ניט וועלן אנטלײַען?—
איר וואָלט ווי די קלאָווים צעפּייגערט, איר אלע אזעלכע־אזוינע!

— — —

ליגן אף טישן—טאלייסים, כאליאוועס און גאָלדענע צלאָמים,
בערדיקע פּעלצן, סורדוטן און שטיקער פון טומע.

האָט רעב כעסקל באפוילן דער רעבע זאָל קומען,—
איז דער רעבע געקומען פרום ווי אן „אָמיין".

איז געקומען דער גאבע, דער כאזן, דער שאמעש:
— רעב כעסקל גוט־וואָך אײַך, רעב כעסקל־יעכעזקל!
האָט מען צעזעצט זיך בא טישן געוועקסטע
נאָך אמאָל פראוועץ דעם אוינעג־שעל־שאבעס.

האָבן זיי צעזעצט זיך אלע בא די טישן
און האָבן זיך גענומען פאר די פליישן און די פישן,
— אײַ, טשירי־בים־באָם,
— אײַ, טשירי־באָם!

האָבן זיי געטרונקען פון דער הייליקער פליאשקע,
— לעבן זאָל, אײַ, לעבן זאָל, אײַ, לעבן זאָל די מאשקע.
— אײַ, טשירי־בים־באָם
— אײַ, טשירי־באָם

האָט דער רעבע פארצויגן א הייליקן ניגן—
ניגן־ניגן, ניגן־ניגן, ניגן־ניגן:

— א לויב—צו געצעלטן פון „שם",
א לויב צו די קינדער פון „שם",

מיר נאָר, אָי, מיר נאָר אליין
קענען די טוירע פארשטיין
און שווימען אין געטלעכן טהאָם.

איי, טשירי־באָם,
איי, טשירי־באָם!

א כארפע—צו קינדער פון „חם“,
א שאנדע צו קינדער פון „חם“—
זיי לעבן פארטעמפט און פארגרעבט,
שטענדיק אין גאשמיעס געלעבט,
זיי אלע, די קינדער פון סדאָם,
איי, טשירי־באָם,
איי, טשירי־באָם.
באָם,
באָם!
קלינ־ג־לין־ג־א־אלעך!
גלויבט־לויבט־א־אלע.

גלעקער־קלינגען
גלעקער־קלאָגן.
גלאָק,
גלאָק!
מאָרגן—כאָגע,
מאָרגן—כאָגע
כאג־
כאָג!

אייער שאבעס, אייער שאבעס,—
שטויב! אש־ש־ש!
שיידים־מייסים־מעכאשייפעס—
א שאבאש
א שא־בא־ש־ש.

אלע! אלע! אלע!
גלויבט אין גאָט און גלויבט אין גאלעך.
גאָט!
און דער גלאָק דער וואָגיק־העכסטער
ברומט און וויגט זיך! ברומט און קרעכצעט — —
— באָך!
— Бог!

און דער מיטעלער, דער דינער,
פּעט פארכליאָבעט זיך אין סינע:
— זשיד—און זשיד—און־כאלאמיד־ד־ד!
— זשיד—און־זשיד—און כאלאמיד־ד־ד!

און דער יונגיקער, דער דינסטער,
רייצט זיך פריילעך אינדערפינצטער
— דין,
— דין,
— דין,
— דין,
... סוויאטאָהאָ דוכא! און—אמין־ד־ן— — —

ש. האלקין.
(1899)

דער טאָג פון שלאָגלער.

ניט קיין רייד קיין שיינע, ניט קיין פוסטער פּולווער,
ניט קיין רעגנבויגנס אין די וואָלקנס ערגעץ,—
אין א דאָרף א שפּייכלער ביז די קראָקוועס פול ווערט
און אין שטאָט די שטאָקן מעסטן זיך מיט בערג־שפּיץ.

וויפל מאָל געוואָלט כ׳האָב פאָרשטעלן דאָס בילד זיך:
ווי מיט יאָרן שפּעטער אויסזען וועט דאָס לאנד דאָ,—
זע איך אלץ דאָסזעלבע: צעמענט און געהילצן
און פון רישטאָוואניעס—אופרופן באקאנטע:

— איר, וואָס שטייט נאָך אונטן,—איבער טרעפּ צו אונדז ציט!
מיר אף די געפלעכטן שטייגן וועלן העכער,—
ביז דער שענסטער שטערן, וואָס אין בלוי זיך רונצלט,
שטעלן וועט צו דינסט זין באם אופשטעלן די דעכער.

נאָר זעט, איך האָב פארעדט זיך—שטערן... רישטאָוואניעס...
כ׳קאָן אלץ ניט פארמיידן אָט די ווערטער בונטע
אף פראָסטער שפּראך. דאָס הייסט דאָך איינפאך האָרעוואניע,
סאָצגעוועט און ארבעט אָן שאבעס און אָן זונטיק.

שלאָגלערס אין די צעכן, שלאָגלערס בא א טראקטער
און זאוואָדן שלאָגלערס ציען זיך צו העלפן

די, וואָס שטייען נאָענט בא אזא מין פלאקער
און האלטן פאר די אויגן א לעמפעלע א צוועלפער.

ראטווירטן, גיגאנטן, יעכידים און קאָלווירטן
איבער גאָר דעם לאנד מיט אָנשטרענג זיך פארוועטן;
קומט דער טאָג פון שלאָגלער—דער בעסטער פון געבירטן
מיטן שענסטן בײַטראג אף ווײַטער און אף שפעטער.

קומט צו גיין געלאָדן מיט וואָגיקע סאכאקלען,—
און די אויגן גליִען און דער שפאן איז מעכטיק:
אין דער האנט דער לינקער א וויכערדיקער פאקל
און א רויטער טאָוול מיט ציפער—אין דער רעכטער.

איזי כאריק.

די גאָלדענע לעווײַע.

ארבעטערקעס, ארבעטער, קוסטארקעס און קוסטארן
גייען נאָך א פרייליכער און גאָלדענער לעווײַע.
אפאָנעם, אז דער בארמענען איז קיינעם שוין ניט טײַער,
ווײַל קיינער טוט ניט יאָמערן און קיינעם טוט ניט ארן.

ווו זײַנען זיי, די זאָגערקעס? און ווו—די שווארצע מיטע?
אומגעלומפערט ראנגלט זיך א פריילעכער אָרקעסטער,
רויִק — ברידער־ארבעטער, רויִק — ברידער־שוועסטער,
לאָמיר נאָר ניט אופוועקן דעם בארמענען אין שליטן.

ווער איז דאָס דער בארמענען? ווער איז דאָס דער פייגער?
ווער איז דאָס געשטאָרבן דאָ? ווער? און וואָס? און ווער?
לאָמיר איצטער אָפזאָגן: — באָרוך דאַיאַן עמעס —
געשטאָרבן שוין דער זונטיקדיקער, שאבעסדיקער שטייגער.

שפאנען פערד פארוויקלטע אין ליכטיקע טאלייסים,
גײַוועדיק און יאָנטעוודיק — אין פאָרכט פון די פאָפאָנעס.
מאכנעס־מענגעס מונטערע: קאָלאָנע־נאָך־קאָלאָנע
און שליטנס שווער־באלאָדענע מיט ברוך און — שיידים־ווייסן.

הליאקעס ברוינע־בײַכיקע, פוזאטע סאמאָווארן,
אוירינגלעך און פינגערלעך (פון די „טאבאאס־קדושן”),

העגגלײַכטער, פֿאַרגאָסענע מיט כײַלעוו פֿון יערושע,
מיט טאַנע־באַרע, ברעטער־טאַרע, מאַרי־ראַז־מאַ־באַרי!

גלעקער געלע וואָגיקע מיט אָפּגעהאַקטע צונגען,
ווי פֿרײַדן שווער פֿאַרבלוטיקטע נאָר־וואָס פֿון דער שחיטה.
און ס׳ליגן דאָ פֿאַרטוליעטע אין שאַבעסדיקן ציטער —
בעכערלעך־כאַזײַרימלעך נאָך ווײַסינקע און יונגע.

פֿון שליטנס טראָגט מיט ווײַרעך־רויך, מיט היימישקייט פֿון אויוון,
מיט אָפּגעניצטן לידעלע פֿון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“...
און ס׳דאַכט — עס ליגט אין שליטן דאָ מיט ליפּן־צוקערקאַנדלען
א וואָלענע, קורצטויכטיקע סאָרעניו באַס־טויווים.

מע וועט דאָ אַלץ אַוועקפֿירן אין שטרענגן קרעמאַטאָרי,
ווו ס׳וואַרטן ניטדערבויטע נאָך און גלאַנציקע מאַשינעס.
דאָרטן וועט דער באַרמענען זײַן טיקן זיך געפֿינען
אין האַרטן רייד פֿון טראַקטערן און רעווען פֿון מאָטאָרן.

רעדער־רייד,
רעדער־פֿרייד,
רעדער ריידן האַרטערהייט,

דרײַ און דרײַסיק טראַקטערן פֿאָרן אפֿן טראַקט,
דרײַ און דרײַסיק טראַקטערן רײַסן אויף דעם טראַקט,

רײַסן, רײַסן
פֿלאַכטעסווײַז
און —
גיבערדיק־געשמאַק!

* * *

די געזעלשאַפֿט איז געצווונגען צו שאַפֿן א פֿאַרקריפּלטע וועלט־אָנשויונג (רעליגיע), ווײַל זי אַליין שטעלט מיט זיך פֿאָר א פֿאַרקריפּלטע וועלט.

סאָציאַליזם איז דער נאַטירלעכער פֿײַנט פֿון רעליגיע. נאָר באַם סאָציאַליזם וועלן די באַציִונגען פֿון מענטשן צו דער נאַטור און צווישן זיך זעלבסט ווערן ראַציאָנעל, אײַנגעאָרדנט און פֿולקאָם קלאָר, ניט איבערלאָזנדיק קיין קלענסטע שפּאַרונקע אָדער ווינקעלע פֿאַר אָבערגלויבן. דאָס אָנקומען פֿון סאָציאַליזם איז אַזוי אַרום דאָס אָפּגיין פֿון רעליגיע. (מ א ר ק ס).

דערקלערונג פון אייניקע ווערטער, וואָס זײַנען ניט דערקלערט אין טעקסט.

זײַט

7 — עטיאפּ — שווארצהויטיקער מענטש.

3 — פּאלאדין — א ריטער; קאפּוציגער, פראנציסקאנער — מאָנאכן; סענע־ברעג — דאָס מיינט מען פּאריזש.

12 — בורן — דער נאָמען פון די צאָפן־אפריקאנער שוואָטים, וואָס זײַנען ארויסגעקומען דורך א געמיש פון אראבער מיט די דאָרטיקע שוואָטים; לעאָסיד־לאָווע — אין דער צוקונפט; קאטעכיזיס — די הויפּט־פּונקטן פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

פּאראדיז — גאניידן.

39 — האשגאָכע־פּראָטיס — די באהויפּטונג פון דער רעליגיע וועגן דעם, אז דער גאָט זאָרגט זיך און לייגט אכט אף יעדן וועזן.

44 — מאלכוסע דעארע — קעמאלכוסע דעראָקיע — די ערדישע קעניגרײַך איז ווי די הימלישע קעניגרײַך; קאטקאָוו — רעאקציאָנערער פּריצישער פּובליציסט פון XIX י. ה.; סאר שעליאָון — דער מאלעך, וואָס באשיצט דעם רוסישן קייסער...

47 — ניגעלניקעס — בעריאקעס; יאָון — גריכנלאנד; אסטארטע — געטן פון ליבע בא די פּאַרצײַטיקע פיניקיער.

45 — רויע וועיינע־נירע — אזא, וואָס אליין זעט ער, און אים קען קיינער ניט זען.

47 — מאמאָן — דער גאָט פון רײַכקײַט, געלט בא די פּאַרצײַטיקע סיריער און יידן.

48 — האבזיכטיק — גיריקײַט, זשעדנעקײַט נאָך רײַכקײַט.

52 — „לי האקעסעף, לי האזאָהאָוו" — מיר דאָס זילבער, מיר דאָס גאָלד; איוורים מין האכײַ — דאָס מיינט מען רײַסן שטיקער פון א לעבעדיקן וועזן.

81 — אוילעס אוזוואָכיס — אזוינע קאָרבאָנעס; מאָנראָע־דאָקטרין — די טעאָריע פונעם אמעריקאנער פּרעזידענט מאָנראָע וועגן דעם, אז די איראָפּעיִשע מעלוכעס טאָרן זיך ניט ארײַנמישן אין די איניאָנים פון די אמעריקאנישע מעלוכעס („אמעריקע — פאר אמעריקאנער!"); פּאָשעט געמיינט — דער איינציקער באלעבאָס דארפן זײַן דאָרט די פאראייניקטע שטאטן; מיקאדאָ — דער יאפּאָנישער קייסער.

116 — מאסע־אומאטנס — געשעפטן.

121 — גוורעס־האבירע — גאָטס גוורע.

123 — אצועס — אומעטיקײַט; כעדווע — פריידי; גילוי־עליאָהו — די אנטפּלעקונג פון „עליאָהו־האנאָווי", וועלכער פירט אלץ דורך... קפיצעס־האדערעך — די לעגענדע וועגן דעם, אז דורך „גאָטס א מויפעס" קען פארן צאדיק פארקירצט ווערן דער לענגסטער וועג.

15 — אוילעם־האטויהו — די „וועלט פון כאאָס", וואָס די רעליגיע שטעלט פאָר אלס אָרט, ווו סע בלאָנקען ארום די „זינדיקע נעשאָמעס".

158—ניפטאָרים ווענוילאָדים—געשטאָרבענע און נײַגעבוירענע; לאנאָכרי סאשיך—דע ניט־יידן מעגסטו געבן געלט אף פראָצענט; העטער־איסקע—א שווינדל־פאָרמול, וואָס דער לויבט „אלפי־דין" אויך בא יידן נעמען פראָצענט פאר א האלוואָע; לעהאוודל ביין האַ־כײַים וועהאמייסים—א שפּרוך, וואָס פרומאקעס געברויכן באם דערמאָנען א טויטן מיט דעם ציל, דאָס זאָל ניט שאָדן די לעבעדיקע.

174—פארנעס־כוידעש—דער רעדלפירער פון קאָהאָל.

181—טײַנעס־כאָלעם—א טאָנעס, וואָס די פרומע פראוועןן, בייס זיי כאָלעמט זיך א „בייזער" אָדער „זינדיקער" כאָלעם.

182—מאָרע־דעאסרע—אן אָנגעזעענער לאמדן, ראָוו.

213—קאָנקלאוו—פארזאמלונג פון קארדינאָלן (העכסטע גײַסטלעכע פון דער קאטוילישער קירכע) צו קלײַבן א פויפּסט; טיארע—דעם פויפּטס קרוין.

240—איל, שאדײַ, בוירע—סינאָנימען פונעם יידישן גאָט.

241—קנעסעס—געמיינדע.

242—עצבא־עלאָהים—גאָטס פינגער (מע מיינט—גאָטס שטיקל ארבעט).

25—סאָקראט—אלטגריכישער פילאָסאָף פון V י. ה. פאר אונדזער צײַט־ציילונג; באשולדיקט אין לעסטערן די געטער, פארמישפּעט געוואָרן צום טויט דורך אויסטרינקען א בעכער מיט גיפט; יאן הוס—טשעכישער רעליגיעזער רעפאָרמאטאָר (XV י. ה.), פאר ארויסטרעטן קעגן די זיטן פון דער קאטוילישער קירכע און דעם פויפּסט מאכט פארברענט געוואָרן אפן שײַטער.

26—סאנבענעטאָ—דער „הייליקער זאק": אזא מין טאכריכים מיט געמעלן פון טײַוולאָנים, אין וואָס מע פלעגט אײַנהילן די פארורטיילטע דורך דער אינקוויזיציע צום פארברענען.

280—מולעך—א גאָט בא פארצײַטיקע פיניקיער, (פיניקיע האָט זיך געפונען אין אזיע אפן ברעג־פאס פונעם מיטל־לענדישן יאם); געווען אויך פארהייליקט בא די קארטאגענער, וואָס האָבן אליין גע־שטאמט פון פיניקיע און פארבליבן מיט איר אף ווײַטער אין שטענדיקע פארבינדונגען.

29—ראָשי־האָיידאָ—די עלטסטע פון דער געמיינדע; מעצער־אישעזוינע—אין דעם פאל—די כוצפּעדיקע אײַנגעשפּארטקײַט פון אן אויסגעלאסענער פרוי.

309—מאלעך־הוימע—לויט דער רעליגיעזער זאבאבאָנע איז עס דער מאלעך, וואָס באגעגנט דעם מעס גלײַך נאָך זײַן טויט.

310—פורעך געדער זײַן—צעברעכן דעם צאם, אין דעם פאל—ברעכן די רעליגיעזע טראדיציע.

311—קעמעך־כויץ—מעל, ארײַנגעפירטע פון אנדערשוו, פון אן אנדער אָרט.

318—ביגבאָס—דער גרעסטער באלעבאָס.

321—האשבאָעס—דאָס פארשווערן די „ביטגוטע", זיי זאָלן ניט האָבן קײַן שליטע; שיימעס־האַ־טומע—די „אומרײנע גײַסטער", די „ביטגוטע".

333—מעגאלע זײַן דעם מאָקעם—אנטפּלעקן, אָפּדעקן דאָס אָרט.

354—מאפולעס—אן אלטע כורווע.

355—אויטאָדאפע—פּראָצעדור פון עפנטלעכן פארברענען די, וואָס זײַנען פארמישפּעט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע.

35—סיגופים, ציירופים—אָפּקומעניש, לײַטערונגען, פּײַניקונגען איבערן אייגענעם קערפּער.

363—מעהאנע זײַן מיט זײַן סייווער־פּאָנים־יאָפעס—פארשאפן יענעם פארגעניגן דורך בײַזײַן אף דער סימכע (פון אזא פײַנער פערזענלעכקײַט).

371—עקספלאָדירן—שטירצן, אופרײַסן.

אינהאלט

פאָרוואָרט 3

1. געטער—זייער אופקום און וועזן.

זייט

קטענאָפאָן—געטער—(יידיש—די מעכאַברים) 7

לוקרעציוס קאר—וועגן דער נאטור פון זאכן (יידיש—כיים קאהאן) 8

ה. אועלס—גאָט־דינאמאָ 10

ה. היינע—דער דיספוט—(ד. פינסקיס איבערזעצונג, אויסגעבעסערט לויטן אָריגינאל דורך די מעכאַברים) 17

וו. קאָראָלענקאָ—אן אטאָבעכארטאָנו־לעקציע 24

ג. ד'אנונציאָ—געצנדינער (יידיש—ד. מארשאק) 26

זייט

מ. ווינטשעווסקי—גאָט בימקום סייכל 36

פ. האָלבאך—גאָטס האשגאָכע (יידיש—ד. מארשאק) 37

י. ל. פערעץ—האשגאָכע פּראָטים 39

״ —מאלכוסאָ־דעראָ 40

״ —געטער־געשמאק —

מ. ראָזנפעלד—אָפּגעשמיסענע געטער 41

מ. נאדיר—גאָט פון יצכאָק 43

2. רעליגיע—א געווער פון קלאסן־הערשאפט און אונטערדריקונג.

ט. לאפארג—די טפילע פון א קאפּיטאליסט 45

מ. ווינטשעווסקי—גאָט מאמאָן 47

״ —פון גאָמס מאמאָן צען געבאָטן 48

י. י. לינעצקי—וואָס ווער עס בעט צום נייעם יאָר 50

י. ל. פערעץ—ער און איך 52

״ —גאָטס כעסעד —

סינקלער ליויס—אונטער פיר אויגן (יידיש—ד. מארשאק) 53

מ. ראָזנפעלד—גאָט פארלאָזט ניט 57

ד. פינסקי—ערעוו יאָמקיפּער 58

א. קושניראָוו—ראָוו און גובערנאַטער 65

ע. וווינטש—ארויסגעגעבן 73

ב. אָרשאנסקי—ראָוו און זשוואלגיבע 76

י. ל. פערעץ—א טפילע. 80

מ. ראָזענפעלד—דער פּאציפיסטישער פלאָט 81

א. ערנבורג—ג.ב.ד. 82

ע. מיזאם—מילכאָמע־ליד (יידיש—כ. קאהאן) 87

א. באַרביוס—אין פייער 88

י. באָוושאָווער—צום גלויביקן. 91

3. קלייקוידעש, גאָטס סטראַפּטשעס—זייער ראָלע און מייסים.

מ. ראָזנפעלד—ראבאָנים, קאָשער, א גאָטזאך 93

מ. ווינטשעווסקי—גאָטס סטראַפּטשעס —

״ ״ —גאָטס דינערלעך 94

י. י. לינעצקי—אין רעבנס הויף 95

י. פערל—א קאפּיטל פון בוך „מעגאלע־טמירין“ (יידיש—די מעכאַברים) 102

פאָלקליד 105

זײַט

אי. ערנבורג — די הייליקע העכט (יִדיש — די מעכאַברים) 106
פאָלקליד 110
ד. סטאַנאָװ — דער קאָם שרײַבט אַ ביט־גוטן (פון באַשרײַבונג „א רײַזע איבער אלטײַ" (יִדיש — ד. מארשאק) 111
י. אַקסנפעלד — די געבארטע װעלט (פראַג־מענטן) 116
פאָלקליד 118
י. ל. גאָרדאָן — שװערע צײַטן. 121
מ. ראָזנפעלד — די געהאָלפענע צװיי 124
װ. דובאָװסקי — כאַרזשי הוסיינס מוטעס (יִדיש — ד. מאַרשאַק) 126
א. ב. גאָטלאָבער — די גרױסע קינין אָדער דאָס ביסעלע מינץ 137
ש. דעקאָסטער — דער גאָט פון הייליקן רע־מאַקל (יִדיש — די מעכאַברים) 138
סינקלער ליויס — די הייליקע ביזנעס 144
גוסעװ־אָרענבורגסקי — אף די קני — (יִדיש — ד. מאַרשאַק) 150
אָ. מירבאָ — די דראָשע 153
י. ל. פערעץ — די נאַכט־װעכטער 156
י. ל. פערעץ — אױלעם־האַטוּיהו. 157
דזש. באָקאַטשאָ — װי מע װערט אַ קאָרעש (איבערגעזעצט דורך די מעכאַברים) 161
דזש. באָקאַטשיאָ — מארטעלינאָס פסאק — (איבערגעזעצט דורך די מעכאַברים) 170
א. מ. דיק — די אָרכים פון דוראַטשעשאָק 174
ש. עטינגער — קופּלעטן פונעם ליד „אַסוסע" 189
כ. קאַץ — שלוימע דער װײַנער 190
ש. עטינגער — װיטעלע 192
י א. האַשעק — דער פעלד־קוראַט אָטאָ קאַץ 197
קלאַבונד — מע קלײַבט אַ פױפּסט (יִדיש — די מעכאַברים) 210
ש. עטינגער — די פרומע בערן. 214
ראָדא־ראָדא — טערקישע קאַטאָװעסן (יִדיש — די מעכאַברים) 219
י א. האַשעק — װי יון־סען איז געװאָרן אַ קריסט (יִדיש — די מעכאַברים) 224
מ. װינטשעװסקי — רעליגיע, טיטון און בולבע 228
א. טשעכאָװ — אַ דערציילונג אָן אַ נאָמען (יִדיש — די מעכאַברים) 229
פ. מאַרקיש — דער פּעטשײַעװער גאַלעך 322

4. בלוט און פּײַן, װי אַ מיטל פאַר הערשאַפט פון רעליגיע.

ש. רובין — אָ, אייפער פון עמונע־ברעון (יִדיש — כײַים קאַהאַן) 238
ק. גוצקאָװ — אוריעל אַקאָסטאַ. 240
װ. פּריטשע — רזשאָרדאַנאָ ברונאָ (יִדיש — די מעכאַברים) 252
פּריטשע — גאַלילײ. 257
ש. דע־קאָסטער — אפן אינקװיזיציע־שײַטער (יִדיש — די מעכאַברים) 263
װ. הוגאָ — דעם װולקאַנס ענטפער (יִדיש — די מעכאַברים. 264
די באַרמהאַרציקײַט פונעם יִדישן גאָט (אױס־צוגן פון ביבל) 266
סינקלער ליויס — מיט אָדאָם האַרישענען קעגן דאַרװינען (יִדיש — ד. מאַרשאַק) 268
ד. האָפּשטיין — רוים און ירושאָלאַים 274

5. רעליגיעזער קאַניבאַליזם, װילדקײַטן און מינהאָגים.

ד. טאַן — אַ קאָרבן באַם אוראַלטן (פון װערק: דעם „דראַקאָנס קאָרבאָנעס", (יִדיש — ד. מאַר־שאַק) 276
. פלאָבער — קאָרבאָנעס צום גאָט מױלעך 280
. סטאַנאָװ — פערד־קאָרבן 285
ש. דעקאָסטער — מעכאַשייפע־פּראָצעס 288
. סמאָלענסקין — די זינדיקע 291
. אַקסנפעלד — פאַר גיט פאַסטן 295
. י. לינעצקי — מיקװע. 301
מ. ראָזענפעלד — די ערשטע טװילע. 302
י. ל. גאָרדאָן — די יִדישע פרױ (יִדיש — ש. האַלקין) 303
פאָלקליד 306
לױט שאַצקעסן — אַ פּיסעך־אידיליע (אופּ־געשטעלט — די מעכאַברים). 307
העלינקעס — אַ יאָנטעװ 318
מ. נאַדיר — גאָט־ביזנעס —

6. רעליגיעזע דערציִונג און דערציִער.

זײַט

א. ב. גאָטלאָבער—פון וויגעלע אָן . . . 320

י. י. לינעצקי—אין כיידער . . . 322

י. דינעזאָן—יאָסעלע 328

מ. ראָזענפעלד—דער כיידער. . . . 332

י. ד. בערקאָוויטש—שמיץ 334

י א. האשעק—אף דער לעקציע פון רעליגיע (ייִדיש—ד. מארשאק) 339

מ. טווען—א מײַסע מיט א צעלאָזענעם ייִנגל 342

דזשאָ קאָרי—פרידן אף דער ערד (ייִדיש—די מעכאַברים) 346

פ. סמאָלענסקין—אין א יעשיווע . . 349

י. ל. פּערעץ—רעב יאָסל 352

פאָלקליד 362

מ. וויִנטשעווסקי—איש טאם יוישעוו אוי־האָלים . . . . —

מ. נאדיר—ערלעכקײַט באצאָלט זיך . . 363

ד. פינסקי—הײַנטיקע יונגעלײַט . . . 365

7. קעגן רעליגיע—פאר נײַעם שטייגער.

ד. עדלשטאט—צו די גאָטפאָרכטיקע ביר־גער 370

מ. ראָזנפעלד—דאָס ליד פון דער ווײטער פאָן 372

מ. סוועטלאָוו—רעבע 373

ש. האלקין (לויט ד. בעדני)—זײַנעט . 374

. זעלדין—א פישער־ליד 379

מײַזל—א פארקערטע וועלט . . . 380

מ. כאריק—שמעקט דער שאבעס שוין . 382

כ. גילדין—זיצן, זיצן זיבן ייִדן . . 383

„ —לויט בודיאָני־מארש א „קעסער". 384

א. סערעבער—„טשאסטושקעס" . . . 385

ע. קאהאן—פארלאָפן דעם וועג . . . 386

„ —א הארץ אף וועסלעס . . 389

פ. מארקיש—פון קלויסטער־טײַכל . . 395

כ. לעווין — באבעלעך און „אינטערנאציאָ־נאל" 396

כ. גילדין—אפן נײַעם שטייגער . . . 397

אי. כאריק—קײַלעכדיקע וואָכן . . . 401

ש. האלקין—דער טאָג פון שלאָגלער . 408

א י. כאריק—די גאָלדענע לעווײַע . . 409

דערקלערונג פון אייניקע ווערטער, וואָס זײַנען ניט דערקלערט אין טעקסט 411

באמערקונג:

די אָפּטיילונגען—7, 5, 4, 2, 1—זײַנען צונויפגעשטעלט און באארבעט געוואָרן דורך ק. בעזנאָסיק און י. רובין.

די אָפּטיילונגען—6, 3—דורך ק. בעזנאָסיק, מ. עריק, י. רובין.

די איבערזעצונגען פון ד. מארשאק, כ. קאהאן און פון די מעכאַברים זײַנען געמאכט ספּעציעל פאר דעם בוך.